STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07516

GEVEHLTE VERK

Emile Zola

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל זאָלאַ.

געוועהלטע ווערק

צווייטער באנד.

היברו פאָבלישינג קאָמפּאני

52-5 עלדרידזש סטריט, ניו יאָרק.

אינהאַלט-פערצייכניס:

1. לעבען און טויט.

2. די בלוטיגע חתונה.

3. נאנטאס.

4. פרויען-ליעבע.

5. א גלח'ס זינד.

לעבען און טויט.

לעבען און טויט.

1.

איך בין געשטאָרבען.

איהר לאַכט? איהר גלויבט מיר דאס ניט? פרעגט דעם דאָקטאָר וואס האט מיך אונטערזוכט און ער וועט עס אייך זאגען, אז אזוי איז עס. א דאָקטאָר ווייס; דיא דאָקטוירים ווייסען איבערהויפּט אַלעס, און דיעזער דאָקטאָר וואס האט מיך אונטערזוכט, ווייס פּאָזיטיוו, אז איך בין טויט. ער האט אויך אונטערגע־שריעבען דעם טויטענשיין, און איך בין טויט וויא א־ע טויטע.

אַלזאָ, טויט איז טויט, און עס איז איבריג צו פלוידערן איבער זאכען וואס זיינען שוין פערפאַלען.

מענשען וואס לעבען, אינטערעסירען זיך צו וויסען דיא בעדייטונג פון לעבען, און מענשען וואס זיינען טויט, אינטערעסירען זיך צו וויסען דיא בעדייטונג פון טויט.

איך געדענק, דאס ווען איך האב נאך געלעבט, אָדער וועייגסטענס דא־מאלס, ווען דיא וועלט האט מיך נאך ניט ערקלערט אלס טויט, האב איך אמאל געלעזען פאָלגענדע ערקלערונג פון א פילאָזאָף איבער דעם טויט. ער האט אזוי געזאגט:

„דער טויט איז א שלאָף ווען מען חלום׳ט, ניט מעהר.“

מיט מיר, זעהט איהר, איז עס אָבער ניט דער פאַל. אויסער דעם וואס איך חלום ווען איך שלאָף, זעה איך נאך גרויסע ווירקליכקייטען ווען איך בין וואך. ווארום דאס איז, האב איך אויך אמאל געלעזען וואס א רעליגיעזער מאַן האט געזאגט:

„דער זינדיגער מענש, ווען ער שטאַרבט, ערוואכט ער נאכהער און קומט וויעדער ארויס אונטער דיא לעבעדיגע, וואו ער עסט, טרינקט, געניעסט און לעבט מיט, גלייך מיט איטליכע. ער וואנדערט אזוי ארום אויף עולם התהו דיא געוויסע

ציים צו וועלכער ער איז פעראורטהיילט געוואָרען צו ליידען פאר זיינע זינד אה ערשט נאכהער ווערט ער אויפגענומען אין גיהנום אָדער אין גן־עדן לויט זיינע פערדיענסטע.״

זעהט איהר, גענען דעם פראָטעסטיר איך שוין מיט מיין גאנצער זעעלענ־קראַפט. איך אנערקען מיך אין קיין אנדערע זינד, אויסער, דאס וואס איך האב געהאט גרויסע צרות, כל־זמן איך בין אנערקענט געוואָרען אלס לעבעדיגער. אז אויב צו האבען פערגניגען איז א זינד, דאן האב איך זעהר ווענינ פערגניגען גענאָסען.

דערמיט ענדיגט זיך אַלעס וואס איך האב געהאט אין מיין הארץ, און יעטצט וועל איך דערצעהלען וויא אַזוי איך קום צו זיין אויף׳ן עולם התוהו.

אין א שבת, 6 אוהר פריה, בין איך, נאך א קראַנקהייט פון דרייא טעג, געשטאָרבען.

מיין נשמה איז מיר אויסגעגאנגען, גראדע דאמאלס, ווען מיין פרוי האט עפעס געזוכט אין א קופערט. ווען זיא האט זיך אומגעווענדעט, האט זיא מיך ער־בליקט ליענענדיג אויסגעשטרעקט, מיט אָפענע אויגען און אָהן איין אטהעם. זיא האט זיך אפילו באלד דערשראָקען, אָבער זיא איז צוגעקומען נעהנטער מיך בעסער צו בעטראַכטען אום צו זעהען וואס עס האט מיט מיר פאסירט.

עס שיינט, אז זיא האט זיך ניט גערינכט איך זאָל אזוי מיר־ניט־דיר־ניט נעבען א שטארב אָב.

זיא האט אָנגענומען מיין האנד, און דאַן האט זיא זיך צוגעבויגען איבער מיר. זיא האט זיך דאַן פלוצלינג שטארק דערשראָקען און א שטראָם טרערען האט אָנגעפאנגען צו לויפען פון איהרע אויגען, וועהרענד זיא האט וועהמיטהיג געשריען:

„מיין גאָט! מיין גאָט! ער איז טויט!״

איך האב געגלויבט אין יענעם אויגענבליק, אז איך בין ניט געוועזן ווענינער דערשראָקען וויא מיין ארמע פרוי. ווען א דונער קראַכט אויס איבער איין איינזאמען וואנדערער אין א שעהנעם און קלארען טאָג, קען ער ניט דערשראָקענער זיין וויא איך בין דאמאלס געוועזן.

טויט! טויט? איך בין טויט? אונמעגליך! עס קען ניט זיין — ניין! ניין!

מער איז טויט? איך? וויא איז דאס מעגליך איך זאל זיין טויט. ווען איך

ליעג אויף מיין בעט אין הער אלעס ; האב איך נים דייטליך געהערט דאס געוויין פון מיין געליעבטער פרוי מארגעריט!

איך האב איהר געוואלט זאגען:

„בערוהיג דיך, מארגעריט, איך בין נים טוים, דוא מאכסט דיך נאר אומזיסטע יסורים. איך בין בלויז אביסעל שטייף געווארען אין קערפער און איך קען מיך נים בעוועגען. מיר שיינט, אז איך אטהעם אויך נים — אבער טוים? וואס פאלט דיר איין?"

יא, אזוי האב איך געוואלט זאגען, נאר עס איז אמאל זעהר וויים פון וועלען ביז טהון, און איך האב מיין ווילען נים געקענט דורכפיהרען.

עס האט מיר אויסגעזעהען, אז מיין פרוי האט געטאפט מיין הארץ, אום זיך צו איבערציינגען אויב דאס קלאפט; און זיא האט צוגעלייגט איהר אויער צו מיינע ליפען, אום צו וויסען אויב איך אטהעם נאך — אבער טראָטץ מיין פערצווייפעלטע און שרעקליכע אויפרעגונג, האב איך נים געקענט מאכען דיא מינדעסטע בעוועגונג.

איך האב פראבירט וועניגסטענס מיט דיא ליפען אביסעל צו ריהרען, אבער אויך דאס איז געוועזן אונמעגליך. איך האב געוואלט פינטלען מיט דיא אויגען — אונמעגליך!

איך האב אפילו געקענט אלעס הערען זעהר דייטליך, נאר דיא שטימען האבען מיר אויסגעזעהען צו קומען פון גאנץ וויים.

נאר מיט דעם לינקען אויג האב איך נאך געקענט עפעס זעהען, דאס רעכטע איז געוועזן אזוי אבגעשטארבען גלייך מיט מיינע איברינע גליעדער.

מיין ווילענס קראפט, איז מיר געוועזן אין גאנצען געלעהמט, קיין אדער האט זיך געוואלט בעוועגען. דאס האט מיך גראדע דאמאלס עראינערט אן א געשיכטע וויא סאלדאטען האבען אמאל רעוואלטירט געגען זייער קאמאנדאנט. ווען דער לעטצטער האט אויסגעדונערט א בעפעהל, האט זיך קיין איינציגער פון זייא גערירט. ווען איך האב בעפוליען מיינע גליעדער מיך צו פאלגען עפעס, זיינען זייא געבליעבען אלע אין א רעבעלישען צושטאנד און מיך נים געוואלט פאלגען.

וואס עס אנבעלאנגט אבער מיין כח־הזכרון און מיינע געדאנקען, איז אלעס פערבליעבען וויא פריהער. נאך מעהר, איך קען זאגען, אז מיינע געדאנקען האבען זיך נאך אביסעל פערפיינערט, און וואס איך האב נים געקענט בעמערקען מיט — ...אויך. האב איך בעגריפען דורך מיינע געדאנקען.

איך האב ניט בעדאַרפט אומווענדען מיין קאָפּ אום צו זעהען וואס עס געהט פאַר הינטער מיר, זאָנדערן איך האב דאס אַלעס געשפּירט מיט מיינע נע־דאַנקען.

איך האב געזעהען, אָדער בעסער געזאָגט, איך האב געוואוסט, אז אין יענעם אויגענבליק, איז קיינער ניטאָ אין צימער אויסער מיין פרוי.

אַלעס איז אפילו ערשיענען וויא אין א וואָלקען, אָבער עס איז מיר געווען דייטליך גענוג צו זעהען מיין מאַרגעריט זיטצענדיג אין מיין בעט נעבען מיינע פיס און וויינענדיג. איך האב געהערט וויא זיא האט נאָר ניט אויפגעהערט צו ווידער־האָלען דיא ווערטער:

„דוא ליעבער גאָט, ער איז טויט, ער איז טויט!"

איז דען דאס געווען דער טויט?

הייסט דאס טויט, ווען דער קערפּער פיהלט זיך געלעהמט און דער גייסט איז נאָך אימער אזוי שטאַרק וויא געווען?

„יא," האב איך מיר געטראַכט, „עס איז, נאָך אַלעמען, מעגליך, אז דאס איז ווירקליך דער טויט, און איך בין געשטאָרבען. אָבער וואס האט נאָך צו טהון מיין נשמה אין דעם טויטען קערפּער?"

דאס איז מיר געווען שווער צו ערקלערען.

נאָך אַלס קינד האב איך געליטען פון נערווען־שוואַכקייט. און ווען איך בין נאָך געווען קליין, האב איך צוויא מאל געליטען פון א פיעבער, וואס האט מיך געבראַכט אויף'ן טויטען בעט. שפּעטער האב איך מיך שוין אזוי צוגעוואָהנט צו דיעזע קראַנקהייטען און אנפעללע, אז איך האב מיך אימער אליין קורירט. ווען איך בין איינגעפאַלען אויף מיין לעטצטער קראַנקהייט, האב איך אויסדריקליך אָנגעזאָגט מאַרגעריט'ן זיא זאָל קיין דאָקטאָר ניט רופען.

איך האב בלויז בעדאַרפט אביסעל רוהע נאָך דער אנשטרענגונג פון דער רייזע נאָך פּאַריז. אָבער, טראָטץ דעם אַלעמען, האב איך מיך עפּעס פאַר מיר אליין שטאַרק געשראָקען.

ביז דאמאלס האבען מיר געלעבט אין גרויסער ארמוטה, און ווען מיר האבען פערלאָזען דאס קליינע שטעטעל צו פאָהרען נאָך פּאַריז, זיינען מיר ביידע געווען פול מיט זיסע האָפנונג, אז ענדליך האט גענומען א סוף פון דיא צרות, ווייל איך האב געקריעגען זעהר א גוטען פּאָסטען.

נאָר, מיך האט שטאַרק פעראינטערעסירט דערוויילע וואס מיט מיר איז. זאָל דאס זיין דער טויט? איך האב מיר אימער פאָרגעשטעלט, אז דער טויט מוז

זיין א לאנגע נאכט און זעהר א טיעפעס שטילשווייגען; אזוי שטיל וויא דער קבר זעלבסט איז.

זייענדיג א קליין קינד, האב איך שטארק מורא געהאט פאר'ן טויט.

איך בין אימער געווען א שוואכער און יעדער האט מיך גערעכענט פאר קראנק; איך האב מיר דערפאר איינגעבילדעט אז איך וועל קיין סך ניט לעבען, און אין א שעהנעם טאג, ווען אלעס וועט זיין מונטער און פרעהליך, וועט מען מיך אריין לאָזען אין א פינסטערן קבר און א בארג ערד וועט מיך צודעקען.

דיעזער געדאנק האט מיך אָנגעפילט מיט אזא שרעק, אז עס איז מיר אונמעגליך געווען זיך דערצו צו געוועהנען. ווען איך בין שוין גרעסער געוואָרען, האב איך נאך אימער געהאט דיעזע אידעע, אז דער טויט איז ניט ווייט פון מיר, און ער קען מיך איבערראשען גאנץ אונערווארטעט.

מאנכע מאל האט זיך מיר געדאכט, אז דיא אידעע פון טויט, קימערט מיר ניט פיעל. וואס שטעהט מיר דאָ אָנצו־ווערען? שטארבען מוז מען דאך סאי־וויא־סאי, פריהער אָדער שפעטער, וואס איז דאָ דער חילוק?

צייטענווייז האב איך מיר זאָגאר געטראכט, אז דער טויט איז גאר ניט אזוי שלעכט, וועיל אין קבר איז אלעס רוהיג, מען איז ניט אונצופריעדען, מען שלאָפט א לאנגען און אונ־אונטערבראָכענעם שלאָף אָהן חלומות.

אָבער דאס לעבען האט א געוואלטיגע מאכט איבער דעם מענשען, און ער ווילט זיך ניט שטארבען. דער געדאנק, אז איך וויל לעבען, טראָגט דעם וואס דער טויט שטעהט הינטער מיינע פלייצעס, האט אין מיר ארויס גערופען פערשיעדענע אונאנגענעהמע פאנטאזיען.

עס פלעגט זיך מיר אויסדאכטען, אז א קאלטע און אייזערנע האנד דריקט צו מיין קאָפּ און שטופט מיך אריין מיט געוואלט אין א קבר, און אזוי קעמפפענדיג דאגעגען, האב איך ערוואכט פון דיא חלומות וואס האבען געשטערט מיין שלאָף.

דאס האט געשטערט אלע מיינע פילאָזאָפיען, אז דער טויט איז גאר ניט אזוי שלעכט, און איך בין אָפט מאל געווען שטארק בעטריעבט, ווארום איך מוז אזוי יונג שטארבען.

מעהרערע מאל פלעג איך ערוואכען אין מיטען דער נאכט, גלייך וויא א קאלטער הויך אויף מיין שטערן וואָלט מיך אויפגעוועקט, און ברעכענדיג מיט דיא הענד, האב איך געמורמעלט וויינענדיג:

„מיין גאָט, מיין גאָט, איך מוז שטארבען!“

א שרעקליכעס געפיהל פלעגט צוזאמענדריקען מיין ברוסט, און מיר האט זיך געקענט דאכטען, אז איך זעה דעם טויט אין דער פארמע פון א גרויסען מענש־ליכען סקעלעט, האלב ארום געהיעלט מיט א ווייסעם ליילעך, און האלטענדיג א גרויסע און שווארצע קאסע אין זיינע ביינערדינע הענד, האט ער זיך צו מיר דער־נעהנטערט.

ווען איך האב נאך אזא שוידערהאפטער ערוואכונג ווידער איינגעשלאפען, זיינען געקומען נייע פינסטערע חלומות און מיך געפייניגט אהן אויפהער. אין שלאף האט זיך מיר געדאכט, אז איך וועל שוין קיינמאל ניט ערוואכען, און אזוי וועל איך בלייבען טויט אויף אימער און אויף אייביג.

איך ווייס ניט אויב עס פאסירט אזוי מיט אנדערע מענשען; מיך האט דיא שרעק פאר׳ן טויט, אזוי געמארטערט, אז איך האב פערלוירען יעדען געשמאק אין לעבען. אם בעסטען, ווען איך האב שוין געהאט עפעס פערגניגען און הנאה געהאט אביסעל פון דעם לעבען, איז פלוצלינג ערשיענען דער טויט, אדער דיא אידעע פון דעם טויט, און אלעס געשטערט.

איך ערינערע מיך אן דיא שטונדען פון פערגניגען וואס איך האב דורכ־געלעבט מיט מארגעריט׳ן. באלד נאך דער חתונה, בייא דער נאכט, ווען זיא האט גערוהט אין מיינער אומארמונג, ווען איך האב געדענקט אן איהר און מיר אויפגע־בויעט פלענער פיר דער צוקונפט, איז באלד געקומען דער געדאנק, אז מיר מוזען זיך ביידע שיידען, און דאס האט צערשטערט אלע מיינע האפנונגען.

יא, שיידען, מיר האבען זיך געמוזט שיידען, און פיעללייכט וועט דאס גע־שעהען מארגען, איבער־מארגען, און אויך נעכסטע שטונדע.

דאן האט מיך בעפאלען א שרעקליכע מוטהלאזינקייט און איך האב מיך געפרעגט:

„וואס פאר א צוועק האט דאס איבערהויפט וואס מיר לעבען יעטצט צוזא־מען און האבען פערגניגען? שטעהט שוין דען ניט דער קבר אפען און ווינקט מיר צו, אז דארט איז מיין פלאטץ?“

דיא אידעע, ווער עס קען שטארבען פריהער, איך אדער מיין פרוי, איז באלד געקומען צו א בעשלוס. געוויס וועל איך פריהער שטארבען, האב איך מיר גע־טראכט. היינט, ווען איך וועל פריהער שטארבען, וועט מיין מארגעריט, מיין שעהנע, ליעבליכע, יונגע און געזונדע פרוי, צוריק בלייבען, און...

[illegible] האב איך ניט געוואגט צו דענקען

אונטערדעסען, האב איך וויא ווייט מעגליך מיינע טרערען און מיין טרויער אימער געזוכט צו בעהאלטען, נאָר עס איז מיר ניט אַלע מאל געלונגען, און מענשען פלעגען זיך וואונדערן, וויא אַזוי, בייא דעם בעסטען אונטערהאַלט, האב איך פּלוצלינג פערלוירען מיין מוטה און געבליעבען זיטצען ניעדערגעשלאגען פון טרויער.

דאס ערגסטע איז בייא א מענשען, וועלכער זעהט דעם טויט אָדער ער שרעקט זיך פאר'ן טויט, וואס ער שעהמט זיך מיטצוטהיילען איין אַנדערן איבער זיינע אידעען. וויא דיא זאך איז, וואָלט מיך יעמאַנד געטרייסט, ערמוטהיגט אָדער פיעללייכט גאר אויסגעלאַכט מיינע פאַנטאַזיען. אָבער איך האב געשוויעגען און בע־האַלטען דעם שמערץ טיעף אין מיין ברוסט.

וואס קען נאך זיין נעהנטער וויא א געליעבטע פרוי! אָבער זאָגאר פאר איהר וואָגט מען ניט צו ענטדעקען אַזעלכע געדאַנקען. דער טויט איז עפּעס וויא איין אונאַנשטענדיגער אויסדרוק, וועלכען מען דאַרף אויסמיידען

מיין פרוי אַלזאַ, מיין מאַרגעריט, האט מיט מיר ניט געטהיילט דאס געהיימ־ניס פון מיינע געדאַנקען.

דאס אַלעס האב איך מיך ערינערט, ווערענד מיין ליעבע מאַרגעריט האט ביטער געקלאַגט און געוויינט.

דערווייל האט עס מיך אויך אַביסעל געפרייט וואס איך האב איהר מיינע געדאַנקען פריהער ניט מיטגעטהיילט, דען, נאך אַלעמען, וואָלט איך איהר אומזיסטיגע שמערצען פערארזאַכט, און דער טויט איז גאר ניט אַזוי שלעכט.

ווען דער טויט איז ניט מעהר וויא א לעהמונג אין קערפּער, דאַן בין איך געוועזען זעהר דום און נאַריש מיך דערפאַר צו שרעקען.

דער טויט! איז דאס דער טויט? נאַרישע מענשען, ווען איהר שרעקט זיך דערפאַר, דאַן זייט איהר דום. אויב דאס איז ווירקליך דער טויט, דאַן דאַרפען פיעלע מענשען האבען גרויסע אורזאַכע נאך איהם צו בייגקען.

מיין כח־הזכרון איז געוועזען זעהר שטאַרק אין דיעזע מאָמענטען. מיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, מיין פאָלשטענדיגעס לעבען, איז מיר געשטאַנען פאר דיא אויגען. דאס איז געוועזען א זעלטענעס און זאָנדערבאַרעס בילד וואס האט זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט, און מאַנכע פונקטען אין דיעזען בילד פון מיין פערגאַנגענהייט, האבען מיר פערארזאַכט שפּאַס.

דאס שטעטעל נעראַנד איז מיר ערשיענען פאר מיין פאַנטאַזיע. איך האב איבערהויפּט מיך ערינערט אן דער פּיריאַק שטראַסע. דאָרט ביים ענדע פון דער

גאס, וואו מען האט זיך געווענדעט רעכטס או מט איז אריין אין וועלדיל, וועלכעס האט זיך אויסגעברייטעט איבער א פערזיגען פלאטץ.

ווען איך בין נאך געווען א זיבען־יעהריגער אינגעל, האב איך מיט מיין פאטער, דאמאלס דארט בעזוכט דאס האלב־איינגעפאלענע הייזעל פון מארגעריט'ס עלטערן וואו איך האב געגעסען קובען.

מארגעריט'ס עלטערן זיינען געווען ארעמע זאלץ־זיעדער, וועלכע האבען אויף דיעזער ארט שווער און ביטער געארבייט זיך צו פערדיענען דאס שטיקעל ברויט. פון דיעזען קליינעם פערדיענסט זאגאר, האבען זייא אבגעשפארט אזוי פיעל, אום אבצובאקען א טארט און מיט דעם טראקטירען דיא געסט וואס זיינען אמאל אהין געקומען אויף בעזוך.

ווען מיר פלעגען אהין קומען, איז עס אימער געווען איין אנגענעהמער בעזוך, רען מארגעריט'ס פאטער און מיינער, זיינען געווען יוגענד־פריינדע.

און דיעזע בעזוכע האב איך דאן געדענקט, און מיר פארגעשטעלט וויא איך מיט מארגאריט, האבען זיך געשפיעלט, און וויא קינדער האבען מיר זיך גערייצט, געקריעגט און זיך אמאל אויך געשלאגען. אונטערדעסען האבען מיר זיך אויף באלד איבערגעבעטען, און ארוים אין וועלדיל וואו מיר האבען צוזאמען געקליעבען בלומען, געמאכט א קראנץ און איך האב איהם ארויף געזעטצט אויף מארגעריט'ס שעהנעם האפ מיר פלעגען אויך אוועק געהען צום טייכעל, זיך אוועק זעטצען אויף דעם זאמדינען ברעג און האלטען אונזערע נאקעטע פיסלעך אין וואסער.

אויף דיעזער ארט זיינען מיר אויפגעוואקסען אלס קינדער צוזאמען און מיר האבען זיך אנגעפאנגען זעהר ליעב צו האבען אלס צווייא טהייערע קאמעראדען.

אזוי זיינען פאראיבער עטליכע יאהר, ביז מארגעריט איז געווארען זעהר א שעהנעס און היבשעס פריילין, און אויסער מיין קאמעראדען־ליעבע צו איהר, האט זיך אויך אנגעפאנגען צו ערוועקען אין מיין ברוסט איין אנדערע ליעבע — איך האב זיא געריעבט אלס פרויענצימער.

זייט זיא איז עלטער געווארען, האב איך אויפגעהערט זיא צו קושען, וויא רער פאר איז פריהער געווען, אבער זייט דעם טאג וואס איך האב דערשפירט צו איהר דאס נייע געפיהל, האב איך אלץ געזוכט א געלעגענהייט וויא אבצופרעסען מיינע ליפען אויף איהר ראזינע באק.

איך האב ניט געהאט דעם מוטה דערצו, אבער איינמאל האב איך געפאסט ריזם ענטשלוס און איהר געגעבען א קוש. זיא האט מיר דערלאנגט א פאטש

גלייך וויא א שוועסטער וואָלט געהאנדעלט געגען דעם ברודער. דאן האט זיא מיך געפרעגט:

„וואס איז דאס?“

אלס ענטפער האב איך זיא ארום געכאפט און אָבגעפרעסט א צווייטען קוש אויף איהר באַק.

זיא האט זיך לאנגזאם בעפרייעט פון מיר און מיך אָנגעקוקט ערשטוינט. דאן האט זיך בעוויזען א רויטע פארב אויף איהר גאנצעם געזיכט, און זיא איז ענטלאָפען.

צו יענער צייט בין איך געווען אָנגעשטעלט אלס שרייבער אין דעם קליינעם געריכט־הויז פון מיין שטעטעל, און איך האב געקריגען א געהאלט, פון וועלכען א פאאר פאָלק, פון ארמען שטאנד, קענען לעבען.

דארויף געשטיטצט, בין איך געקומען צו מארגעריט׳ס עלטערן און זייא געזאגט, אז איך וויל הייראטהען זייער טאָכטער.

פון א פינאנציעלען שטאנדפונקט אויס, זיינען זייא געווען גאנץ צופריעדען מיט מיר. זייא אליין זיינען געווען שרעקליך ארעם און זייא האבען קיינע אויסזיכטען געקענט האבען, צו פערהייראטען מארגעריט׳ן מיט יעמאנדען וואס שטעהט העכער וויא א טאגע־לעהנער. איך וויעדער, אלס בעאמטער מיט א פעסטען געהאלט, בין געשטאנען פיעל העכער אלס א טאגע־לעהנער, און דאן האבען זייא מיך און מיין משפחה גוט געקענט, און פון אלע זייטען איז דאס, אין זייערע אויגען, געווען פאר מארגעריט׳ן, דער בעסטער שידוך.

זייא האבען זאָפאָרט איינגעשטימט און מיר געהייסען, אז איך אליין זאָל פרעגען מארגעריט׳ן וואס זיא זאגט.

דאס האב איך נים געוואָלט. איך האב אפילו געוואוסט, אז זיא וועט פאָזיטיוו דערצו איינשטימען, ווייל זיא האט געגען מיר נים געהאט וואס אויס־צוזעטצען, אָבער דאָך, אזא פראגע איהר שטעלען, האט מיר געפעהלט דער מוטה.

מיין שווינגער־מוטער האט מיר פערשפראָכען איבערצורעדען פריהער מיט מארגעריט׳ן און דאן מיר זאגען ענטפער.

נאך אין דעמזעלבען אבענד האב איך ערפאהרען, אז מארגעריט האט געזאגט איהר מוטער, דאס זיא האט מיך אימער בעטראכט אלס א ברודער, און דיא אידעע, אז זיא זאָל ווערען מיין פרוי, איז איהר נים גאנץ אנגענעהם.

ריא ווייטערע ארבייט, צו געוועהנען מארגעריט'ן צו דער אידעע, אז איך וועל זיין איהר מאן, איז שוין געווען מיינע. מארגעריט האט זיך אָבער שווער צוגעוועהנט דערצו, און ביז צו דער חתונה, האט זיא מיך אויסגעמיעדען אזוי פיעל וויא נאָר מעגליך.

ניין, מארגעריט האט פון מיר גאר ניט ערוואַרטעט; זיא האט ניט געזוכט קיין פרעזענטען, קיין קאָסטבארע קליידער און קיין לוקסוס. זיא האט געוואוסט, אז איך האב ניט קיין געלד, און זיא האט אויך גאר ניט געפאָדערט. זיא איז מיר אָבער אונטערדעסען זעהר דאנקבאר געווען, ווען איך האב איהר געבראכט א גאָרדענעם בראָש מיט א פאאר גאָלדענע אוירינגלעך, אלס פרעזענט. דאס איז געווען פון דיא 70 פראנקס וואס איך האב ערשפארט.

דאַן האט געפאָלגט דיא הייראטה, און מארגעריט האט מיך אָנגעפאנגען צו ליעבען, וויא נאָר א מאַן קען ערווארטען פון זיין יונגער פרוי.

אָבער מיין פריהעריגער חשבון, אז פון מיין געהאַלט וועט גענוג זיין צו פיהרען א הויז מיט מארגעריט'ן, איז געווען א פאלשער. איך האב געמוזט זעהען דעם מאנגעל און דיא נויט, אָבער מארגעריט האט זיך קיינמאל ניט בעקלאגט און קיין זאַך געפאָדערט.

איך בין איבערציינט, דאס ווען איך וואָלט נאך ווייניגער פערדיענט, וואָלטען מיר אויך געקענט דורכקומען. מארגעריט האט שוין פערשטאנען וויא צו שפארען און קארגען, אבי עס זאָל זיין גענוג.

מען קען זיך אלזאָ פאָרשטעלען מיין גרויסע פרייד, ווען איך האב אין א טאָג ערהאַלטען א בריעף פון מיינעם א שול־קאמעראד אויס פאריז, דאס ער האט פאר מיר א פאָסטען מיט א גאנץ פיינעם געהאַלט, און איך זאָל אזוי שנעל וויא מעגליך קומען נאך פאריז.

ווען איך האב דעם בריעף איבערגעלעזען, בין איך אויפגעשפרונגען פאר פערגניעגען, און איך האב אויסגעשריען פון פולען הערצען גלייך וויא א קינד וואס קריעגט צום ערשטע מאל א ליעבלינגס־שפיעלצייג נאך וועלכען ער האט שוין לאנג געביינקט.

מארגעריט האט מיך אנפאנגס אָנגעקוקט ערשטוינט, דען זיא איז גאר ניט געוואוינט געווען מיך צו זעהען אזוי פרעהליך. זיא האט געוואוסט, אז א שמייכעל אויף מיינע ליפען איז געווען א זעלטענהייט. דאן האט זיא מיך געפרעגט:

„וואס איז מיט דיר, מיין ליעבער? וואס האט דיך אויף איינמאל אזוי פרעהליך געמאכט?“

„וועה, לייען וועלבסט, מארגעריט,“ האב איך געענטפערט. „אלע אונזערע האפנונגען זיינען אין ערפיללונג געקומען. דוא וועסט שוין פון היינט אן און וויטער דיך מעהר ניט דארפען פלאגען דא אין דיעזען שטעטעל.“

מארגעריט האט גענומען דעם בריעף און איהם אנגעפאנגען צו לעזען. אין איהרע אויגען האבען זיך בעוויעזען פריידען־טרערען.

„נאך פאריז?“ האט זיא געפרעגט איבערראשט.

„יא, מיין ליעבע, נאך פאריז!“ האב איך געענטפערט. „און ווען איך וועל דארט זיטצען אין מיין אמט און דיך איבערלאזען אליין אויף פיעלע שטונדען, דאן וועסטו דיך שוין מעהר ניט דארפען אזוי לאנגווייליגען וויא דא. פאריז! ווייסטו וואס פאריז איז? עס איז דיא קרוין און דיא קעניגין פון אלע שטעט אין דער וועלט! לעבען און מונטערקייט פיללט דארט אויס יעדען ווינקעלע.“

עס האט נאך געמוזט דויערן א פאאר וואכען, ביז איך האב מיך ערשטענס געקענט ענטזאגען פון מיין פאסטען, און דאן האבען מיר אביסעל צוגעהונגערט און אבגעשפארט געגוג אום צו האבען אויף דער רייזע.

אבער דיעזע צייט איז פאראיבער אין זיסער האפנונג און טרייסט, און מיר האבען ביידע געקוקט אין דער צוקונפט, ווען אלעס וועט זיין שעהן, אנגענעהם און ליעבליך.

„א קלייניגקייט! לעבען אהן זארג מיט געגוג דרייא הונדערט פראנקס א מאנאט געהאלט!

מיר האבען שוין זאגאר אויסגערעכענט, אז מיר וועלען קענען שפארען ניט וועניגער פון 150 פראנקס א מאנאט, און מיט דעם איבריגען וועלען מיר קענען לעבען וויא גאט אין פראנקרייך.

אין א שעהנעם פריהמארגען האבען מיר זיך ענדליך אויפגעזעטצט אויף דער באהן, און שוין געפאהרען נאך פאריז.

אויף דער רייזע, איז מארגעריט געווען אויסער זיך פאר גליק. יעדער טרויעריגער געדאנק איז פון איהר פערשוואונדען, און אויף איהר שעהנעם געזיכט האט זיך אבגעשפיעגעלט בלויז מונטערקייט און גליק. זיא איז געווארען איינגער מיט 5 יאהר — אזוי חעניגסטענס האט עס מיר אויסגעזעהן — און איהר מעדכען־פרעהליכקייט האט נאך אמאל אין איהר אויפגעלעבט.

אך, וויא דאנקבאר איך בין דאמאלס געווען צו דעם ליעבען גאט וואס ער האט זיך ענדליך ערבארמט, און איך אליין האב אויף א קורצער צייט פערגעסען אן דעם טויט.

ביי נאכט, האב איך געהייסען מיין מארגעריט'ן, זיא זאָל לעגען איהר שעהנעם קאָפּ אויף מיין שויס, ווייל דיא ביינק זיינען געווען צו הארט, און אזוי האט זיא איינגעשלאָפען וויא א ליעבעס קינד, זיך צודריקענדיג אלץ נעהנטער און פעסטער צו מיר.

איהר געזיכט איז געווען האלב געווענדעט צו מיר, און אז זיא איז גליקליך געווען זאָגאר אין שלאָף, האב איך געקענט לעזען אין דעם שמייכעל וואס האט זיך דאמאלס אָבגעשפיעגעלט אויף איהרע ליפּען.

אזוי זיינען מיר אָנגעקומען נאך פּאריז, און באלד אויפגעזוכט א קווארטיר אין א מיטעלמעסיגען האָטעל. אָבער נאך איידער איך האב צייט געהאט אויפצוזוכען מיין פריינד און זיך נאכפראגען איבער מיין אמט, בין איך פּלוצלינג קראנק געוואָרען.

דיא קראנקהייט איז בעשטאנען אין איין אָנפאל פון נערוועז־שוואכקייט, פון וועלכען איך האב שוין אזוי פיעלע מאל געליטען. נאָר דיעזעס מאל איז דיא קראַנקהייט און שוואכקייט געקומען שנעלער און שטירמישער וויא געוועהנליך. נאך א פּאאר טעג צייט, בין איך געשטאָרבען אין דעמזעלבען מעבלירטען צימער וואס איך האב געדונגען, און מיין פרוי איז געזעסען נעבען מיר און געוויינט.

דער העלער שיין, וועלכען איך האב געשפּירט, וויא איך האב שוין דער־צעהלט, אין מיין לינקען אויג, האט זיך אָנגעפאנגען לאנגזאם אויסצולעשען, אָבער טראָטץ דעם, האב איך געשפּירט אלעס וואס עס געהט פאָר אין צימער, און עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה יעדע קלייניגקייט גאנץ דייטליך מיט מיינע אויגען.

לינקס פון מיר איז געשטאנען א קאָמאָדע, רעכטס איין אויוען און געגענ־איבער מיר, אויף דער וואנד, איז געהאָנגען איין אלט־מאָדישער זייגער, וועלכער האט דאמאלס אָנגעצייגט, זעקס מינוטען נאך 10 אוהר.

דאס פענסטער איז געשטאנען צו דער דאָפין שטראסע. גאנץ פּאריז, מעג מען זאגען, איז אונטען פארביידגעגאנגען, און אלעס איז געווען אזוי האסטיג און מיט אזא ליארם, אז דיא שויבען האבען געציטערט.

מיר האבען אפילו געהאט אין פּאריז א קרוב, אָבער אזוי וויא מיר האבען זיך געאיילט מיט אונזער אָברייזע, האבען מיר פריהער ניט געשריעבען איבער אונזער אבזיכט, און דערפאר האט אונז אויך קיינער ניט ערוואַרטעט.

וועהרענד איך בין קראנק געלעגען, האט מיין פרוי אָנגעווענדעט אלע מעג־ליכקייטען, מיך אויפצומונטערן מיט איהרען א זיסען שמייכעל און מיט א פּאאר

צערטליכע ווערטער, אָבער איך האב גאנץ גוט געקענט מערקען וויא שטארק אונ־רוהיג זיא איז געוועזען איבער מיין צושטאנד.

כמעט יעדען אויגענבליק איז זיא צוגעלאָפען צום פענסטער, ארויס געקוקט אויף דער גאס, און איז דאַן צוריק געקומען בלאס, ערשראָקען און פערצווייפעלט איבער דיעזען שטירמישען פאריז, וועלכעס האט פיר איהר געווים אויסגעזעהען וויא דיא העללע, נאכדעם זיא איז געוואוינט געווען צו א רוהיגען לעבען פון א קליין שטעטעל.

„וואס קען פון איהר ווערען, ווען איך זאָל ניט ווידער ערוואכען?" האב איך מיך געפרעגט. „וואס קען דיעזע אונשולדיגע זעעלע טהון אין אזא צושטאנד אָהן א בעשיטצער און אָהן הילפע?"

מארגעריט האט אָנגעכאפט מיין האנד, וועלכע איז אריעבער געהאנגען איבער דעם בעט־ראנד, און זיא בעדעקט מיט ברענענדע קושען פון איהרע פערטריקענטע ליפען. דאַן האט זיא געיאמערט:

„אָליוויער! אָליוויער, מיין ליעבער מאן! ענטפער מיר, ענטפער מיר! אָה גאָט, אָה גאָט! ער איז טויט, ער איז טויט!"

איז דאס ווירקליך דער טויט? אזוי שטארבט מען? דאַן איז דער טויט ניט דיא פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון מיין „איך", וויא איך האב מיר אמאל פאָרגעשטעלט. דיא אידעע, אז פון מיין „איך", קען אמאָל ווערען א גאר־ניט, האט מיך נאך פון מיין קינדהייט אן, שטארק געשראָקען.

איבריגענס, האב איך מיר קיינמאל ניט געקענט פאָרשטעלען, אז איך, וואס דענק, טראכט און קלער, זאָל אזוי פּלוצלינג, מיר־ניט־דיר־ניט, אויפהערען צו זיין, און עס זאָל נאָר צוריק בלייבען איין עראינערונג פון מיר אויף א קורצער צייט, און דאַן — גאר ניט! ניין, איך האב עס מיר גאר ניט געקענט פאָרשטעלען וויא דאס קען געשעהען.

איך געדענק, דאס צור צייט ווען איך פלעג לעזען אין דיא צייטונגען עפּעס איבער א ווייטען דאטום אין דעם נעכסטען יאהרהונדערט, האב איך אונוויללענדיג אויפגעציטערט. איך האב געוואוסט, אז אין יענעם טאָג, וועל איך מעהר ניט לעבען, און אויסער דעם וואס איך האב גלאט געציטערט פאר דעם נעכסטען יאהר־הונדערט, וואו מיין טויט איז געלעגען פערבאָרגען, האב איך אויך אָנגעהויבען דאס צו האסען.

שטארבען? וויא הייסט דאס איך זאָל שטארבען? שטארב איך, אָליוויער שטארבען? און ווען דאס איז אמת, דאַן צום טייפעל דיא גאנצע וועלט!

איבערהויפט, האב איך מיר נים געקענט פאָרשטעלען, וועלכע אינטערעסע איך קען האבען אין א צייט, ווען איך וועל מעהר ניט לעבען.

צייטענווייז האב איך אזוי געטראכט:

„וואס ווערט דערפון אז מען שטארבט? וואס האב איך ז'ען פון דעם לעבען? לאָמיר נאָר זעהען וואס איז נעבטען געווען: נעבטען בין איך אויפגע־שטאנען אין דער פריה, געטרונקען קאפעע, געגעסען א שטיקעל טאָרט, דאן גע־טרונקען א שנאַפס; געגאנגען צו דער ארבייט, אהיים געקומען, געגעסען, ווי־עד'ער געארבייט; געהאט ערגערנים, און זיך געזאָרגט פיר מאָרגען. אויב דאס איז לעבען און ווען איך שטארב הערט דאס אויף, דאן האב איך נים פיעל צו פאַר־לירען."

דיא פילאָזאָפיע, דאכט זיך, איז געווען א גאנץ גוטע, אָבער שטארבען האט זיך דאָך נים געוואָלט, און ווען איך האב מיך דערמאָהנט אן דעם טויט, בין איך נים זיכער געווען אויסצולעבען איין מינוט רוהיג.

ניין, ניין! איך האב נים געוואָלט שטארבען!

אָבער יעטצט? יא, אויב איך בין טויט, דאן בין איך אויך געטרייסט. כל־זמן איך האב געלעבט, האב איך נים נאָר איינמאל אויסגעדריקט מיין וואונש, דאס ווען דער טויט וועט איבער מיר אויסשפרייטען זיינע שווארצע פליגעל, דאן זאָל איך ווענינסטענס קענען טרויִמען פון דעם לעבען.

נאָר איך האב מיר אום קיינעם פרייז נים געקענט איינרעדען, אז אין מיין יעטצטיגען צושטאנד, בין איך טויט. איך האב קיין אויגענבליק געצווייפעלט, אז פריהער אָדער שפעטער וועל איך געווים ערוואכען; דאן וועל איך מיך אָנבייגען איבער מארגעריט'ן, זיא אומארמען און אָבטריקענען איהרע טרערען. אין דערזעלבער צייט, וועל איך מיר נאָך ערלויבען צוויא טעג פרייהייט אום זיך אביסעל מעהר צו ערהאָלען, און דאן וועל איך ערשט געהען אויף מיין נייעם פאָסטען.

אך! וויא מיר וועלען זיך דאן ערשט פרייען, און מיר וועלען זיך געווים צווייא מאל אויף אזוי פיעל ליעב האבען וויא פריהער!

יעדענפאלס, האב איך מיר געטראכט, דארף איך נים פערצווייפלען און איך דארף זיך נים שטארק איילען, וויל איך בין נאָך זעהר שוואך און איך מוז ליגען ביז מיינע נערוועו וועלען זיך בערוהיגען. מארגעריט, האב איך געדענקט, איז בלויז א נאָר, וואס זיא מאכט זיך אזעלכע יסורים פון גאר נים.

אך, ווען איך וואָלט נאָר געקענט דאמאלס אביסעל אויפהייבען דעם קאָפּ און צו איהר שמייכלען!

עס איז מיר אויך איינגעפאלען דיא אידעע, אז אזוי שנעל וויא זיא וועט נאך אמאל אויסרופען: „ער איז טויט!“ זאל איך לאנגזאם אויסשטרעקען מיינע ארעם, זיא ארום נעהמען און מורמלען אין איהר אויער:

„ניין, ניין, מיין פיעל געליעבטע מארגעריט! אליווער איז ניט טויט, ער לעבט און וועט לעבען אום דיך צו ליעבען און פערגעטערן פיעל מעהר וויא פריהער.“

דאס אלעס האב איך געוואלט, אבער ניט געקענט.

2.

וועהרענד מארגעריט האט נאך געהאלטען אין וויינען, האט זיך געעפענט דיא טהיר און א שטימע האט אויסגערופען:

„וואס איז געשעהען, מיין ליעבע! האט ער שוין ווידער געהאט איין אנפאל פון דער קראנקהייט?“

איך האב באלד דערקענט אין דער שטימע, דיא אלטע פרוי נאבען, וועלכע האט געוואהנט מיט אונז אויף איין שטאק.

זייט מיר זיינען אנגעקומען אין דיעזען האטעל, איז זיא געוועזען זעהר פריינדליך צו אונז; וועניגסטענס אזוי האבען מיר אנגענומען איהר פלוידערייא מיט וועלכען זיא האט אונז עטליכע מאל אין טאג מכבד געוועזען.

זיא האט געהאט וועניג סודות און עס האט איהר ניט געקימערט אויב דיא בעקאנטשאפט מיט יעמאנדען איז לאנג אדער קורץ. און אהנע פיעל צייט צו פערלירען, האט זיא אונז דערצעהלט איהר גאנצע לעבענסגעשיכטע.

איהר לעבענסגעשיכטע, איז געוועזען גראדע אזוי איינפאך וויא דיא אונזעריגע:

זיא איז געוועזען איין ארבייטערין אין א גלאזפאבריק און דארט, אלס מעדכען, האט זיא בעקאנטשאפט געשלאסען מיט איינעם פון דיא ארבייטער, וועלכער איז נאכהער געווארען איהר מאן.

דיא ארבייט אין א גלאזפאבריק, איז גראדע ניט זעהר קיין שווערע, דערפאר אבער, רואינירט זיא שנעל דיא געזונדהייט. זייא זיינען געוועזען בלויז עטליכע יאהר פערהייראטעט, ווען מאניע נאבען איז קראנק געווארען. דיא קראנקהייט איז איהם געקומען, וויא דיא דאקטוירים האבען געזאגט און ער אליין האט געוואוסט, פון דער שרעקליכער היטץ און גיפטיגען דונסט אין דער גלאזניסטערייא.

„קיין זעהר שטארקער מענש איז ער קיינמאל נים געוועזן,“ האט מאדאם גאבען ווייטער געשילדערט, „און איך האב איהם אָפט צוגערעדט, ער זאָל זיך אויפזוכען איין אנדערע בעשעפטיגונג, וועלכע ער וואָלט פיעללייכט געקענט טרעפען אין דער זעלבער פאבריק; אָבער ער האט דערפון נים געוואָלט הערען. ער איז געווען צוגעוואָהנט צו דער גיסערייא אבטהיילונג, און ער האט גאר נים געוואוסט וויא אזוי ער קען זיך בייא עפעס אנדערש בעשעפטיגען. איבערהויפט האט דער גוטער און עדעלער מענש דאס אלעס געטהאָן צוליעב מיר און אונזער קינד, דען, נאך אלעמען, איז קיין ארביים אזוי גוט בעצאָהלט געוואָרען אין דיעזער פאבריק, וויא אין דער גיסערייא.“

מאָנסיע גאבען איז אלזאָ געשטאָרבען און צוריק געלאָזען איין אלמנה מיט א קינד, א מיידעלע, פאר וועלכער מאדאם גאבען איז שוין געצוואונגען געווען אליין צו זאָרגען.

דיא ארמע אלמנה האט געהאט גרויסע צרות, ביז זיא האט זיך איינגעריכ־טעט אום זיא זאָל קענען פערדיענען אזוי פיעל, אום ווענינגסטענס זיך צו בעזאָרגען מיט דיא נעטהיגסטע לעבענס־מיטלען. לעטצטען ווינטער, האט איין אונפריינדליכער הויז־איינענטהימער, בייא איהר זאָגאר אוועק גענומען דיא פאאר ארעמע שטיקלעך מעבעל פון הויז, דערפאר וואס זיא האט נים געהאט צו בעצאָהלען דאס דירה־געלד. זיים יענער צייט האט זיא לאָזשירט מיט איהר 10 יעהריגע טאָכטער, אדעלע, אין דעם האָטעל. ביידע צוזאמען האבען זיך בעשעפטיגט מיט צושניידען גלאז־שייבלעך, און נאך שווערער מיה, האבען זייא פערדיענט אונגעפעהר 40 סו (סענט) א טאָג.

„ליעבער גאָט!“ האט זיא אויסגעשריען זעהענדיג מיין פרוי זיטצען נעבען מיר אין געוויין. „איז עס שוין צו ענדע?“

איך האב מיר געמערקט, אָדער געשפירט, אז זיא איז צוגעקומען נעהנטער. זיא האט מיך פריהער בעטראכט, דאן אויף מיר געליינט דיא הענד און גע־מורמעלט:

„מיין ארמע, ליעבע פריינדין — מיין ארמע ליעבע פרוי!“

מארגעריט איז געווען אויסער זיך פאר שמערץ און האט גאר נים געקענט אויפהערען צו כליפען, גראדע וויא א קינד.

מאדאם גאבען האט איהר געהאָלפען זיך אויפהייבען און זיא דאן געזעטצט אויף א גרויסען לעהנשטוהל נעבען אויוועז און האט פראָבירט זיא צו טרייסטען.

„מיין ארמעס, ליעבעס קינד,“ האב איך זיא נעהערט זאגען. „איהר דארפט זיך ניט אזוי אָבלאָזען צום שמערץ. איהר מוזט זיך שטארקען. דאס יאמערן און וויינען העלפט גאר ניט, און דאס וועט אייך ניט פיהרען צו קיין גוטעס.“

„אך גאָט!“ האט מארגעריט אויסגערופען מיט א הערצרייסענדע שטימע. „ליעבע פרוי, בין איך ניט בעדויערנסווערטה? איך בין אונגליקליכער וויא אלע פרויען אין דער וועלט!“

„זאגט עס ניט, זאגט עס ניט, מיין ליעבעס קינד! קענט איהר דען האבען א בעגריעף וויפיעלע טויזענדער פרויען, גראדע אין דיעזען אויגענבליק, עס געהט נאך פיעל ערגער און עס איז זייא מעהר צום בעדויערן?“

„וויא קען דאס מעגליך זיין,“ האט מארגעריט אויסגעשריען זיך ברעכענדיג דיא הענד.

„יא, יא, מיין קינד, עס איז ניט נאָר מעגליך, זאָנדערן עס איז אויך א טהאטזאכע. ווען איך בין געוועזן אין אייער צושטאנד און איך האב פערלוירען מיין מאַן דורך דעם טויט וויא איהר, האט מען מיך בעדארפט פיעל מעהר בעדויערן. יא, איהר האט בלויז אייער מאַן פערלוירען. דאס איז נאַטירליך גענוג טרויעריג; אָבער שטעלט זיך נאָר פאָר דעם פאַל וואס איהר וואָלט געטהאָן, ווען איהר זאָלט יעטצט האבען א ליעבעס קינד נעבען אייך, אָדער פיעללייכט גאר מעהרערע, און זייא זאָלען שטעהען ארום אייער קלייד און פערלאנגען ברויט, וואָלט דאס ניט געוועןן נאך ערגער?“

מארגעריט האט בעטראכט איהר נאכבארין איינינע אויגענבליק אין שטיל־שוויינען, און דאן האט זיא געמורמעלט:

„עס וואָלט געוועזן זעהר טרויעריג — ווירקליך, וואס וואָלט איך געקענט טהון מיט קינדער? איך קען דאָך מיר אליין קיין עצה ניט געבען. מיין גאָט, מיין גאָט, וואס זאָל פון מיר יעטצט ווערען?“

„נאָר רוהיג, מיין קינד,“ האט דיא גוטע אַלטע פרוי געענטפערט. „פאַרלויפיג האט געדולד, און גאָט וועט העלפען. א מענש דארף ניט פערצווייפלען. איך האב געהאַט א קינד און האב נאך מעהר ניט געוואוסט וואס עס קען ווערען. מען דארף נאָר ניט פערלירען דעם מוטה. ווייסט איהר וואס, נעהמט עפעס אין מויל אריין; אייך מוז חלש'ן דאס הארץ.“

„מיין גאָט, וויא קען איך גאר יעטצט דענקען אן עסען? ניין, מאדאם גאבען, פאר דער גאַנצער וועלט וועל איך יעטצט, אין דיעזען טרויער, קיין זאך געניסען.“

„אָה ניין, דאס דארפט איהר ניט זאגען. פון וואנען וועט איהר דען נעהמען קרעפטען דאס אלעס איבערצושטעהען? פערגעסט ניט, עס דארף נאך דויערן שעהנע עטליכע שטונדען. ניין, ניין, איהר מוזט עפּעס געניעסען, איך געה אייך עפּעס ברענגען."

„איך בעט אייך, ליעבע פרוי, בעמיהט זיך ניט, ברענגט קיין זאך, ווייל איך וועל גאר ניט געניעסען. וועו איך זאָל אפילו וועלען, איז עס מיר אונמעגליך, ווייל איך וועל קיין ביסען קענען ארונטער שלינגען."

„מיין ליעבעס קינד," האט מאדאם גאבען ווייטער געזאגט, „איהר וועט זיך נאך אליין קראנק מאכען. עס איז ווירקליך א שמערץ צו זעהען א מאן טויט פאר דיא אויגען פון זיין געליעבטער פרוי, אָבער איהר דארפט ניט אזוי פערצווייפלען. גלויבט מיר, ווען מיין מאן איז געשטאָרבען, בין איך אויך געווען אויסער מיר און האב קיין ביסען געגעסען. אָבער וואס האט דאס מיר געהאָלפען? אין געגענ־טהייל, עס האט מיר נאך ערגער געמאכט. אלזא, אום גאָטעס ווילען, זייט ניט אזוי פערצווייפעלט."

לאנגזאם האט מארגעריט זיך אָנגעפאנגען צו בערוהיגען, נאר פון צייט צו צייט, האט זיא נאך אויסגעבראָכען אין א ביטערעס געוויין. אונטערדעסען האט מאדאם גאבען אָנגעהויבען צו ווערען א גאנצע בעל־הבית'טע אין צימער.

„איהר דארפט זיך ווייטער אום גאר ניט קימערן," האט זיא געזאגט צו מיין פרוי, „דערע", מיינענדיג איהר טאָכטער אדעלע, „איז גראדע יעטצט אוועק גער־נאגנגען אָבטראגען ארבייט; איין שכן מוז העלפען דעם צווייטען. אייערע קופערטס זיינען נאך ניט אין גאנצען אויסגעפּאקט, אָבער האט איהר עפּעס א טוך אין דער קאמאָדע?"

איך האב געהערט וויא זיא האט געעפענט דיא קאמאָדע. זיא האט פון דאָרט ארויס גענומען א סערוועט און אויסגעשפּרייט אויף'ן טיש. דאן האט זיא אָנגע־צונדען א שוועבעלע. עס איז מיר איינגעפאלען דיא אידעע, אז זיא וויל אָנצינדען א ליכט, וויא דיא מאָדע איז בייא א טויטען.

מיינע געדאנקען האבען נאכגעפאָלגט אלע איהרע בעוועגונגען אין צימער, און איך האב געוואוסט אלעס וואס זיא האט געטהאָן. אָבוואָהל איך האב דעם קאָפּ מיט מיינע טויטע אויגען ניט געקענט אומווענדען, האב איך דעננאך געזעהען מיט מיינע געדאנקען נאך פיעל דייטליכער וויא איך בין אימשטאנדע געווען צו טהאָן מיט מיינע אויגען.

„דער ארמער הערר," האט מאדאם גאבען געזאגט שמייכעלנדיג, „עס איז א גליק, מיין ליעבע, וואס איך האב געהערט אייער שטימע."

פלוצלינג איז געגצליך פערשוואונדען דער שוואכער ליכטשטראהל פון מיין לינקען אויג, דען מאדאם גאבען האט מיר צוגעמאכט ביידע אויגען. איך האב אבסאלוט ניט געשפירט דיא בעריהרונג פון איהרע פינגער. נאכדעם וויא איך האב בעגריפען וואס עס איז געשעהען, האב איך געשפירט א קאלטען שוידער איבער מיין לייב.

דאן האט זיך געעפענט דיא טהיר און דערע, דאס קליינע מיידעלע, איז אריין געקומען.

„מאמא, מאמא!" האט זיא אויסגעשריען, „איך האב מאקי געוואוסט, אז דוא ביסט דא. זעהסטו, אט האב איך געבראכט 3 פראנקס מיט 4 סו. איך האב היינט נאכמיטאג אוועק געטראגען 20 דוצענד שייבלעך..."

„ששש, שא, זייא רוהיג!" האט מאדאם גאבען געזאגט, און אזוי וויא דאס קינד האט ניט געוואלט אויפהערען צו רעדען, האט זיא איהר געצייגט אויף'ן בעט. דערע איז דערבייא געבליעבען שטיל, און איך האב געהערט, וויא זיא האט זיך צוריק געצויגען צו דער טהיר.

„וואס טהוט מאנסיע, שלאפט ער?" האט זיא געפרעגט.

„יא, יא, ער שלאפט," האט מאדאם גאבען געענטפערט, „געה ארויס זיך שפיעלען."

אבער דיא קליינע האט ניט געוואלט געהען. זיא האט מיך אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען און אויף איהר געזיכט האט זיך אבגעשפיעגעלט שרעק. זיא האט אנגעהויבען צו בעגרייפען.

דאס אלעס האב איך געפיהלט.

פלוצלינג האט זיא זיך געטוזט שטארק דערשרעקען, דען זיא איז שנעל ארויס געלאפען פון דעם צימער, דערבייא נאך אומוארפענדיג א ביינקעל, און זיא האט געשריען:

„אָה, ער איז טויט, ער איז טויט! געשטארבען!"

אויף איינינע אויגענבליקען איז געוועזען זעהר שטיל אין צימער. מארגעריט איז געזעסען אויף דעם שטוהל וויא אהנמעכטיג און ניט מעהר געוויינט. מאדאם גאבען איז אומגעלאפען איבער דעם צימער און האט געמורמעלט:

„דיא היינטיגע קינדער וויסען שוין אלסדינג. איך האב זיא דאך ערצויגען זעהר פארציכטיג, און נאט אליין וויים דעם אמת וויא איך האב אלעס געהיט פאר

איהר. ווען זיא נעהמט עפּעס איינקויפען אָדער זיא טראגט אָב דיא ארבייט, רעכען איך אויס יעדע סעקונדע, כדי זיא זאָל זיך ניט סענען בעגעגענען מיט קיין שלעכטער געזעלשאפט. אָבער טראַכטעט דעם אלעמען, ווייס זיא אלעס; מיט איין בליק האט זיא געזעהען וואס דאָ איז געשעהען. איך האב איהר נאך קיינמאל קיין טויטען ניט געוויזען, אויסער איהר אָנקעל פראנס, און דאמאלס איז זיא נאך קיין יאָהר ניט אלט געווען. יא, יא, עס זיינען שוין נאר נישטאָ קיין קינדער, זייא זיינען מזיקים..."

זיא האט זיך זעלבסט אונטערבראָכען אום אנצופאנגען א נייע פלוידעריי.

„מיין ליעבעס קינד," האט זיא געזאגט צו מארגעריט'ן, „מיר מוזען נאך דורכגעהען דיא שמערצהאפטע צערעמאָניען. מען מוז אנזייגען אויף דער פּאָליצייא, און דאן אויך זאָרגען פיר דער בעשטאטונג. איך זעה, אז איהר קענט גאר יעטצט דאריעבער ניט דענקען, און איך וויל אייך אליין דאָ ניט לאָזען. אָבער ווען איהר ווילט, וועל איך נאכזעהען אויב מאָנסיע סימאָנאָ איז דאָ."

מארגעריט האט גאר ניט געענטפערט. מיר האט עס אויסגעזעהען, גלייך וויא איך הער דאס אלעס פון גאנץ וויט. מאנכע מאל האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה עפּעס וויא א פלאַם ארום שוועבענדיג איבער דעם צימער. דאן האט עס מיר אויסגעוויזען, אז איך און דער פלאם זיינען איינס, און אויף מיין בעט ליעגט א קערפּער, א חומר, וועלכער איז פרעמד פון מיר.

דאן האט זיך מיר געדאכט, אז מיין וואונש איז, מארגעריט זאָל ניט אָננעהמען קיין טובות פון דעם הערען סימאָנאָ. איך האב איהם געזעהען א דרייא אָדער פיער מאל וועהרענד מיין קורצער קראנקהייט. ער האט געוואָהנט אין דעם צווייטען צימער, נעבען אונזערן, און האט זיך געוויזען זעהר פריינדליך.

מאדאם נאבען האט אונז פריהער דערצעהלט, אז סימאָנאָ פערווילט נאָר אויף זיין דורכרייזע אין פּאריז, און דאן פאָהרט ער אוועק אויף דער פּראָווינץ אום איינצונעהמען א ירושה וואס איז איהם איבערגעבליעבען פון זיינעם איין אָנקעל.

ער איז געווען א הויך־געוואקסענער, שעהנער שטארק־געבויעטער און יונגער מענש. איך האב געשפּירט צו איהם עפּעס א מין שנאה און פעראכטונג. אנפאנגס האב איך ניט געוואוסט ווארום דאס איז, אָבער שפּעטער האב איך מיר ערקלערט דיא אורזאכע, אז עס איז דערפאר, ווייל ער האט זיך בענומען נעגען מיין פרוי אזוי קאַוואַליער־מעסיג.

מיט איין אבענד פריהער, איז ער געווען אין אונזער צימער, און עס האט מיך זעהר געשמערצט ווען איך האב איהם געזעהען זיטצענדיג נעבען מארגעריט'ן.

זיא האט אויסגעזעהען אזוי שעהן, אזוי אנציהענד נעבען איהם, אז איך האב באלד פערלאכטעט איהר שעהנהייט. ער ווידער, האב איך מיר געמערקט, האט געקוקט צו איהר מיט א טיעפען און לאנגען בליק, וואו עס איז געלעגען צערט־ליכקייט און ליעבע, און זיא האט צו איהם געשמייכעלט און איהם געדאנקט פאר דעם בעזוך וואס ער האט איהר אבגעשטאטעט.

מאדאם גאבען איז ארויס פון צימער, זיא האט אבער באלד צוריק געקעהרט און געזאגט:

„דא איז מאנסיע סימאנא.“

פארזיכטיג און לאנגזאם האט ער געעפענט די טהיר, און ווען מארגעריט האט איהם דערזעהען, האט זיא ווידער אויסגעבראכען אין א העפטיגעס געוויין. דער אנבליק פון דיזען מענשען, דער איינציגער מענער־פריינד וואס זיא האט גע־קענט אין פאריז, האט ווידער ערוועקט איהר שמערץ.

ער האט ניט פראבירט זיא צו טרייסטען.

זעהען האב איך ניט געקענט, אבער אין דער טיעפער דונקעלהייט וואס האט מיך ארום געריננעלט, האב איך מיר פארגעשטעלט זיין געשטאלט אזוי פאלקאמען, גלייך וויא איך וואלט איהם גאנץ דייטליך געזעהען מיט מיינע אויגען.

איך האב מיר איהם פארגעשטעלט וויא ער שטעהט נעבען מיין פרוי און ווארפט אויף איהר זיינע בליקען פון מיטלייד דאן האב איך געדענקט וויא ריהרענד שעהן מארגעריט מוז אויסזעהען מיט איהרע ליכטיגע בלאנדע האאר, מיט איהר בלייכעס און פערוויינטעס געזיכט, און איהרע ווייסע און גליהענדע שעהנע הענד.

„אך, מאדאם,“ האב איך דאן געהערט סימאנא'ס שטימע. „עס טהוט מיר זעהר לייד: הערצליך לייד. איך בין בערייט אלעס צו טהון וואס איהר ווענט מיר הייסען, בעפעהלט מאדאם, און איך וועל פאלגען.“

מארגעריט האט עפעס געמורמעלט אלס איין ענטפער, אבער זיא האט אליין ניט געוואוסט וואס זיא זאגט. איהר אויפרעגונג איז געווען צו גרויס. דאן האב איך געהערט וויא מאדאם גאבען האט אוועק גענומען סימאנא'ן אויף א זייט וואו זיא האט מיט איהם עפעס איינגעטענה'עט. ווען ער האט געוואלט אוועק געהען, האט מאדאם גאבען צו איהם געזאגט:

„דאס אלעס, מיין תערטהעער הערר, מח בעזאָרגט ווערען. אָבער עס דאַרף קאָסטען פיעל געלד, און איך בין איבערצייגט, אז דיא ארמע פרוי האט קיין סו אין הויז."

„יא, דער פאלל איז זעהר טרויעריג," האט ער בעמערקט.

„יעדענפאלס, דענק איך," האט מאדאם נאבען אנגעווענדעט, דאַרף מען זיא פרעגען, דאמיט מען זאָל וויסען וואו מען האלט אין דער וועלט."

„ניין, ניין, ליעבע מאדאם נאבען," האט ער געזאגט, „איהר זאָלט עס ניט טהאָן, ווייל דאס ווענט דיא ארמע אומזיסט מארטערן און ערגערן, און ווען זיא האט ניט קיין געלד, ווארום זאָלען מיר איהר ניט ערשפארען דעם שמערץ?"

„אָבער ליעבער הערר," האט מאדאם נאבען ווייטער געזאגט ערשטוינט. „וואס פאר איין אנדערן אויסוועג האט איהר? וואוהין מען זאָל זיך אין אזא פאלל ווענדען, מח מען האבען געלד. פערגעסט ניט, מען מח זיך ווענדען צו דער פאָליציי, און דאס קאָסט געוויס געלד. און ביי דער בעשטאטונג, דאַרף מען האבען געלד; פרעגט מיך, קיינער טהוט ניט אומזיסט. יעדער וויל בעצאָהלט. איך האב שוין געהאט דיא בימערע ערפאהרונג."

„אָבער זייט נאָר שטיל, מיין ליעבע פרוי," האט זיא סימאָנאָ אונטערבראָכען. „איך ווייס גאנץ גוט, אז דאס אלעס קאָסט געלד. עס איז זעהר נאריש וואס מען בעהויפטעט, אז דער טויט קאָסט נאר ניט. עס איז אמת, דער טויטער קען שוין מעהר גאר ניט בעצאָהלען, אָבער דערפאר זיינען דיא לעבעדיגע צוריק געבליעבלענע פערפליכטעט צו זאָרגען. נאָר קימערט זיך יעטצט ניט דארום. איך וועל געהען צו דער פאָליציי און דאָרט איינשאפען אלעס וואס עס איז נעטהיג פיר דער בעשטאטונג. אָבער, פאר אלעמען, בעט איך אייך, איהר זאָלט ניט בעאונרוהיגען דיא ארמע דאמע; איך ווינש ניט זיא זאָל זיך אומזיסט אויפרעגען."

נאך דיעזע ווערטער האב איך געהערט וויא ער האט פערלאָזען דאס צימער און לאנגזאם געשלאָסען דיא טהיר הינטער זיך.

ווען אלעס איז ווידער שטיל געבליעבען, האב איך מיר געשטעלט דיא פראגע, וויא לאנג מיין אָהנמאכט קען נאך דויערן.

זעהט איהר, איך האב מיר אום קיינעם פרייז נאך ניט געקענט אין גאנצען איינרעדען, אז איך בין ווירקליך טויט.

ביי מיר איז עס געוועזען באלד וויא גאנץ זיכער, אז איך לעב נאך, ווייל איך האב געהערט אלעס וואס עס איז פאָרגעקומען ארום מיר

איך האָב מיר אָנגעפאַנגען צו שאַפען א קליינעס בילד פון מיין צושטאַנד. יעדענפאַלס, האָב איך מיר געטראַכט, האַנדעלט עס זיך דאָ מיט מיר, ווענען מיין אַהנמאַכט אין אַלע גליעדער, א היהנער־פּלעט, פון וועלכען איך האָב שוין זעהר פיעלע מאָל געהערט דערצעהלען.

נאָך אַלס קינד, ווערהענד איך האָב צום ערשטען מאָל אָנגעפאַנגען צו דענקען איבער דיא שרעקען פון דעם טויט, האָב איך געהאַט איינינע אַזעלכע אַנפעלע, ווען איך בין געלעגען עטליכע שטונדען דורכאַנאַנד אין אַזא היהנער־פּלעט. וואס דאס איז געווען, קען איך גענוי ניט וויסען; אָבער יעדענפאַלס איז עס געווען אַיין עפעס, וואס האָט מיך געמאַכט וויא טויט, און יעדער ארום מיר, האָט מיך גערעכענט פאַר טויט.

אָבער, האָב איך ווייטער געטראַכט, דאָס האַרץ וועט ווידער אַמאָל אָנ־פאַנגען צו קלאַפּען, דאָס בלוט וועט נאָך אַמאָל לויפען אין מיינע אָדערן, איך וועל ערוואַכען און טרייסטען מיין ליעבע און זיסע מאַרגעריט.

דיעזע געדאַנקען האָבען מיך ערמוטהיגט איך זאָל האָבען געדולד צו וואַרטען.

אונטערדעסען איז פאַראיבער איין שטונדע נאָך דער צווייטער. מאַדאַם גאַבען האָט אריין געבראַכט איהר מיטאַג, אָבער מאַרגעריט האָט צוריק געוויעזען דיא איינלאַדונג מיטצועסען.

דאַן איז געקומען דער נאָכמיטאַג.

דורך דאָס אָפענע פענסטער האָט איינגעדרונגען דער ליאַרם פון דער שטראַסע.

אין א לייכטען מעש־קלאַנג, האָב איך דערקענט, אַז מען האָט אָנגעצונדען א צווייטעס ליכט אין דעם לייכטער פון דעם טיש.

ענדליך האָט סימאָנאָ צוריק געקעהרט.

„אַלזאָ, וויא שטעהט עס?“ האָט מאַדאַם גאַבען געפרעגט.

„אַלעס איז אין אָרדנונג,“ האָט ער געענטפערט. „דאָס בעגרעבעניס וועט שטאַטפינדען מאָרגען פאָרמיטאַג. אָבער יעטצט זאָלט איהר מעהר ניט רעדען דאַ־ריעבער מיט דער אָרמער פרוי.“

נאָר מאַדאַם גאַבען האָט זיך ניט געקענט צוריק האַלטען און געזאָגט:

„דער טויטען־דאָקטאָר איז נאָך דאָ ניט געווען, און איידער ער שטעלט אויס דעם טויטען־שיין, לאָזט זיך נאָר ניט מאַכֶן.“

סימאָנאָ האט זיך געזעטצט נעבען מארגעריט'ן. איך האב געהערט וויא ער האט צו איהר געשפּראָכען שטילערהייט און איהר געזאגט ווערטער צום ערמוטהיגען. וויא האט דערבייא ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו וויינען און האט נאָר געקענט ענטפערן פון צווישען איהר כליפען.

סימאָנאָ האט ווייטער געטרייסט מארגעריט'ן, אָבער ער האט גערעדט אזוי שטיל, אז איך האב איהם ניט געקענט הערען. איך האב אָבער בעמערקט, אז עס איז איהם געלונגען מארגעריט'ן צו בערוהיגען.

עס איז געוואָרען בעשטימט, אז אויף'ן צווייטען טאָג, אום האלב 11 אוהר פאָרמיטאג, זאָל דיא בעגרעבענעס שטאטפינדען. דאס הייסט: איך זעלבסט זאָל אין דיעזער שטונדע בעגראבען ווערן. איך וויים ניט, לעזער, וויא דיר שמעקט אזא שילדערונג אָבער מיר, מענסטו גלויבען, האט עס גאר ניט געשמעקט.

ווירקליך, עס איז מעהר וויא אונאנגענעהם, זיך צו שפּירען לעבעדיג און הערענדיג, אז מען נעהמט אזוי אריין ליינען אין דער ערד. אלס איך האב דאריעבער נאכגעדענקט, האב איך געשפּירט, אז מיין האַרץ ווערט מיר קאַלט.

איך האב מיר אזוי געטראכט: איך בין ניט טויט; איך וויים, אז איך ליעג בלויז אין א היהנער־פּלעט, אָבער איך קען ניט מאכען דיא מינדעסטע בעוועגונג, דאמיט איך זאָל לאָזען מערקען, אז עס ווערט בעגאנגען א שרעקליכער אירטהום, אז מען וויל מיר בעגראָבען לעבעדיגערהייט. וויא א מיהלראָד, אזוי האבען זיך געדרעהט דיא געדאנקען אין מיין קאָפּ.

אָבער ער, דער „טויטען־דאָקטאָר," וויא מאדאם נאבען האט איהם אָנגערופען, איז נאך אימער ניט ערשיענען.

דער געדאנק אן דיעזען ארצט, האט מיך אביסעל בערוהיגט. דיעזער מענש, איין אויסגעשטודירטער ארצט, א מאן פון וויסענשאפט, וועט געוויס באלד איינזעהן, אז איך בין נאָר אָהנמעכטיג, אז איך ליעג אין היהנער־פּלעט, און ער וועט געוויס אלעס מעגליכע זאָפאָרט אָנווענדען אום דיא טהעטיגקייט אין מיין קערפּער צוריק צו ברענגען.

איך האב איהם ערווארטעט מיט א פיעבערהאפטער אונגעדולד.

אונטערדעסען איז זיך דער טאָג ווייטער געגאנגען. מאדאם נאבען, אום קיינע צייט צו פערלירען, האט אריין געבראכט איהרע גלאָז־שייבלעך. זיא האט געבעטען מארגעריט'ן אום ערלויבניס, און אריין געבראכט דעדע'ן, איהר קינד, וויל זיא האט ניט געוואָלט לאָזען צו לאנג דאס טיידעלע אליין.

„קום נאָר אריין,“ האט זיא געזאגט צום קינד וועהרענד זיא האט זיא אריין געפיהרט, „און מאך ניט אזא זויער פנים. אָבער מערק דיר גוט, דוא זאָלסט ניט וואגען צו קוקען אויף א זייט, זאָנסט ווייסטו וואס דוא קענסט כאפּען איבער דיא באַקען.“

זיא האט אלזאָ פערבאָטען דעם קינד צו מיר צו קוקען. זיא האט דאס ניט אויסגעפונען פיר פּאסענד פיר דערע'ן.

דערע ווידער — דאס האב איך שוין געפיהלט, האט פון צייט צו צייט פערגנב'עט א בליק צו מיין בעט, און ווען מאדאם נאבען האט עפּעס בעמערקט, האט זיא אויסגעשריען:

„ווילסטו ארבייטען, אָדער איך זאָל דיך ארויס וואַרפען וויא מען וואַרפט ארויס א קאַטץ?“

ביידע, מוטער און טאָכטער, זיינען געזעסען ביים טיש. איך האב גאַנץ דייטליך געקענט הערען דאס קריטצען פון דעם שנייד־מעסער. זייא האבען געמוזט דאַמאלס זיין בעשעפטיגט בייא זעהר א פיינע ארבייט, וואס האט ערפאָרדערט גרויסע פּאָרזיכטיגקייט, דען עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז זייא זיינען מיט יעדען שייבעל פערטיג געוואָרען. איך ווידער, האב געצעהלט שייבעל נאך שייבעל, אום דאַמיט מיין לאַנגווייליגע צייט צו פערטרייבען.

דאס קריטצען פון דעם גלאַז־שנייד־מעסער, איז געווען דער איינציגער גערויש וואס האט זיך געהערט אין צימער. מאַרגעריט איז וואהרשיינליך איינגעשלאָפען פון גרויסער מיעדקייט.

סימאָנאַ איז צווייא מאל אויפגעשטאַנען.

בייא דיעזער סצענע, איז מיר דורכגעלאָפען דיא שרעקליכע אידעע, אז ער וועט זיך בענוטצען מיט דער געלעגענהייט פון איהר שלאָף, אום זיינע ליפּען צו צו־דריקען אויף איהרע.

איך האב אפילו דעם יונגענמאַן ניט גוט געקענט, אָבער איך האב געשפּירט אין מיין טיעפער זעעלע, אז ער ליעבט מיין פרוי. א געלעכטער פון דער קליינער דערע האט אונטערבראָכען מיין אונרוהע.

„וואס איז מיט דיר? ווארום לאַכסטו, דומע גאַנז?“ האט דיא מוטער גע־פרעגט. „באלד וואַרף איך דיך ארויס. נו, וואס איז מיט דיר געשעהען? ווארום האסטו געלאַכט?“

דאס קינד האט עפּעס געשטאַמעלט, און בעהויפּטעט, אז זיא האט ניט גע־לאַכט, נאָר געהוסט.

איך ווערדער האב מיר פארגעשטעלט, אז זיא האט געזעהען וויא סימאָנאָ האט זיך אָנגעבויגען איבער מיין פרוי, איהר געגעבען א קוש, און דאס איז איהר פאָרגעקומען אזוי שפּאסהאפט, אז זיא האט געלאכט דערפון.

איך האב געהערט וויא מען האט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, און דאן האט יעמאנד אָנגעקלאפּט אן דער טהיר.

„אָך, דער דאָקטאָר", האט מאדאם נאבען געזאגט.

ריכטיג, עס איז געווען דער ארצט.

ער איז אריין געקומען און זיך אפילו נים ענטשולדיגט ווארום ער איז גע־קומען אזוי שפּעט.

וויא דיא זאך איז, האב איך פערשטאנען, אז א „טויטען־דאָקטאָר" אין פאריז, האט שוין ביז דאמאלס געמוזט בעשטייגען פיעלע טרעפּען.

אזוי וויא דער לאָמפּ האט זעהר שוואך בעלייכטעט דאס צימער, האט ער געפרעגט:

„ליעגט דאָ דער טויטער?"

„יא, הערר דאָקטאָר," האט סימאָנאָ געענטפערט.

מארגעריט האט זיך אויפגעהויבען ציטערענדיג. מאדאם נאבען האט שנעל ארויס געשטופּט דעדע'ן אין קאָרידאָר, וויל, נאך איהר מיינונג, האט א קינד נים בעדארפט בייוואָהנען אזא געשיכטע. דאן האט זיא זיך בעמיהט מיין פרוי צו צופיהרען צום פענסטער, אום זיא זאָל נים זעהען וויא דער דאָקטאָר בעטראכט מיך.

דער ארצט איז צו מיר שנעל צוגעגאנגען. ער האט אויסגעזעהען זעהר אונגע־דולדיג און האט זיך שטארק געאיילט. אויב ער האט געפיהלט מיין דופּק אָדער מיר בעריהרט מיין הארץ, קען איך נים זאגען, וויל איך האב דאס נים געשפּירט, אָבער איך האב פערשטאנען, אז ער האט זיך איבער מיר צוגעבויגען און מיך גאנץ גלייכגילטיג בעטראכטעט.

„זאָל איך צו לייכטען מיט דעם לאָמפּ?" האט סימאָנאָ געפרעגט דעם ארצט.

„נים נעטהיג," האט דער דאָקטאָר געענטפערט גאנץ רוהיג.

„וואס? נים נעטהיג? ריעזער מאן דער וויסענשאפט, האט געהאלטען מיין לעבען אין זיינע הענד, און ערקלערט, אז עס איז נים נעטהיג ער זאָל מיך שקראט נט אונטערזוכען צו זעהען אויב איך בין טויט?

איבערינגנס בין איך דאך גאר ניט געווען טויט, און איך וואלט עס איהם געקענט זאגען אין געזיכט; אויסשרייען פאר דער גאנצער וועלט, אז איך לעב.

אָבער געה שרייא, אז דוא קענסט!

„ווען איז ער געשטאָרבען?" האט ער געפרעגט.

„אום זעקס אוהר היינט פריה," האט סימאָנאָ געענטפערט.

א שוידערהאפטער געפיהל פון צאָרן האט מיך ערגריפען.

סטייטש, וויא הייסט דאס? איך, וועלכער לעבט, הערט און בעגרייפט אלעס, זאָל גאר ניט קענען רעדען?

דיעזע מארטערניס און זעעלען־שמערץ, האט מיך ווירקליך שיער געטויטעט אויף'ן פּלאַטץ. צו לעבען און ניט צו קענען ריהרען מיט א גליעד — איז דאס ניט שוידערהאפט?

„יא, יא," האט דער דאָקטאָר געזאגט. „דיעזעס ווארעמע און נאסע וועטער, טראגט דיא גאנצע שולד. עס איז דיא געפעהרליכסטע צייט אין יאָהר."

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועק, און מיט איהם איז אויך מיין לעבען פערשוואונדען.

איך האב געוואָלט שרייען, וויינען, יאמערן, אָבער איך האב קיין טאָן געקענט ארויס ברענגען.

דיעזער שופט, דער דאָקטאָר, וועלכער האט זיך געמאכט צור טעגליכער געוואָהנהייט, ארום צו געהען פון בעט צו בעט, וויא א מאשין, אום צו בעטראכטען דיא טויטע, האט שוין פערגעסען אן זיינע פליכטען, און ער האט זיך בעקימערט אום מיר וויא אום דעם פאריאָהריגען שנעע.

זאָל איך עס מיר גלויבען, אז ער האט ניט געקענט אונטערשיידען פון טויט ביז לעבעדיג? ניין, דאס איז מיר אונמעגליך געווען. אָבער, לאָמיר שוין זאגען, אז מיין צושטאנד איז געווען גענוג ריכטיג אום ער זאָל איהם קענען נארען, אָבער ווארום האט ער מיך ניט בעסער בעטראכט? איז דאס דער ציעל פון וויסענשאפט זיך ניט צו בעקימערן אום זיין מיטמענשען?

און ער איז אוועק, און מיך איבערגעלאָזען פאר טויט!

„גוטע נאכט, דאָקטאָר, גוטע נאכט", האט איהם סימאָנאָ נאכגערופען.

דאן איז וויעדער אלעס שטיל געוואָרען. דער ארצט האט זיך פערנייגט פאר מארגעריט'ן, און איז אוועק. איך האב געהערט זיינע טריט ארונטער געהענדיג פון דיא טרעפּען.

דערמיט האט זיך אלעס געענדיגט. פון מיין פאנטאזיע, פון מיין האפנונג אויף דעם מאן פון וויסענשאפט, האט זיך אויסגעלאזען א זייפען־בלאז. איך בין געווען פערלוירען. מיט דיזען מענשען איז פערשוואונדען דער לעצטער שטראהל טרייסט.

איך האב גאנץ גוט פערשטאנען, דאס ווען איך וועל ניט ערוואכען ביז מארגען פארמיטאג, דאן וועט מען מיך בעגראבען לעבעדיגערהייט.

דיזער געדאנק איז געווען שוידערהאפט. איך האב איינגעזעהען, אז נאר א וואונדער קען מיך רעטען, און נעה זוך הייגטיגע צייטען נסים?

מיינע געפיהלע זיינען ניט צום שילדערן; וייא קען מען נאר פיהלען, אבער ניט אויפשרייבען. מען מוז זאוואס זעלבסט דורכמאכען, אום צו בעגרייפען וואס דאס איז.

דאס לעטצטע גערויש וואס איך האב נאך געהערט, איז געווען דאס קריטצען פון דעם שנייד־מעסער אויף'ן גלאז, וואו מאדאם גאבען און איהר טאכטער האבען געארבייט.

דער אבענד איז געגאנגען פארווערטס, און ניעמאנד האט גערעדט א ווארט. דאן האט מיך דאס קריטצען אויף'ן גלאז, אנגעפאנגען שטארק צו ערגערן. אבער דיזער צושטאנד האט ניט פיעל געדויערט, דען איך האב מיך צוגעוועהנט דערצו, און ניט האבענדיג איבער אנדערע קיין בעסערע זאך צו דענקען, האב איך ווידער פערפאלגט דיא ארבייט מיט מיינע געדאנקען, און עס האט זיך מיר אין איין צייט געדאכט, אז איך זיטץ ביים טיש און זעה אלעס צו מיט דיא אויגען.

ענדליך האט דאס קריטצען אויפגעהערט.

„הער אויס, דערע,“ האט מאדאם גאבען געזאגט. „פיר הייגט זאל זיין גענוג. איך קען נאך קוים ריהרען מיט מיינע פינגער, און דוא, מיין ארמעס קינד, ווילסט שוין אויך רוהען.“

„יא, יא, מאמא,“ האט דערע געענטפערט, „מיר טהון אויך וועה דיא פינגער, און איך בין זעהר הונגריג.“

„דאס גלויב איך דיר, דען איך, עלטער וויא דוא, שפיר איך שוין אויך וויא דאס הארץ טהוט מיר וועה. מיר וועלען אלזא צורעכט מאכען אונזער אבענד־ברויט. מיר האבען עס שוין עהרליך ביידע פערדיענט.“

אויף א פאאר סעקונדען איז שטיל געווארען. דאן האט מאדאם גאבען זיך געווענדעט צו מיין פרוי מיט דיזע ווערטער:

„וייסט איהר וואס, מאדאם, מיר וועלען אלע עסען צוזאמען.“

„אָה ניין, נוטע פריינדין,“ האט מארגערים געענטפערט. „בעמיהט זיך נים אום מיר. גלויבט מיר, אז איך קען קיין ביסען ברויט ארונטער שלינגען.“

„דערפון רעד איך גאר נים, מיין ליעבע. ווען איהר ווילט גאר נים עסען, דאן איז עס אייער זאך, און איך וויל אייך נים צווינגען. זאָל מיך גאָט אָבהיטען אייך צו צווינגען! אָבער ווען אייך ווערען זיך חלילה אויסלאָזען דיא כוחות און איהר וועט צוזאמען פאלען, דאן בין איך נים שולדיג. אָבער איך זעה...“

„איך בעט אייך, איך בעט אייך, בעמיהט זיך נים“, האט מיין פרוי אונטער־בראָכען איהר פלוידערייא. „איך בין אייך שוין סאַ־וויא־סאַי זעהר דאנקבאר פאר אייערע בעמיהונגען.“

„רעדט נאַר נים פון קיין דאנקבארקיים. אונטער שכנים מוז מען זיך איינער דעם אנדערן העלפען. אָבער איהר דארפט יעטצט מיט אונז מיטגעהען אין אונזער צימער. נים צוליעב דעם עסען, ווייל איך וועל אייך שוין דאריעבער מעהר קיין וואָרט זאגען. אָבער עס איז גלאט נים גוט ווען איהר וועט דאָ אליין פערבלייבען מיט דעם טויטען.“

„וויא? וואס ווילט איהר? איך זאָל פערלאָזען מיין ארמען אָליוויער?“ האט מארגערים געפרעגט ערשראָקען.

„איך זאג אייך אָבער, מיין ליעבע פרוי, אז עס פאסט נים אליין צו פער־בלייבען מיט א טויטען; עס פיהרט זיך נים אזוי אין דער וועלט. וויא זאגט איהר, מאַנסיע סימאָנאָ?“ זיא האט דיעזע ווערטער געזאגט צו סימאָנאָ׳ן, ווען ער איז נאַר וואס אריין אין צימער.

„פון וואס רעדט איהר דאָ, מיין ליעבע פרוי? ווילט איהר אזוי גוט זיין און מיר מיטטהיילען אום וואס דאָ האנדעלט זיך? איך וועל דאן קענען וויסען וואס פאר איין אורטהייל צו געבען.“

מאדאם גאבען האט איהם ערקלערט אלעס וואס עס איז פארגעגאנגען צווישען איהר און מארגערים, און מאַנסיע סימאָנאָ האט געמוזט צוגעבען, אז זיא האט רעכט, ווענינסטענס אין דיעזער בעציהונג, אז מארגערים דארף עפּעס עסען.

„יא, יא,“ האט ער געזאגט, „מאדאם גאבען האט רעכט. איהר מוזט עפּעס געניעסען, גנעדיגע פרוי. דער לעבעדיגער קערפּער מוז האבען נאהרונג, גראדע וויא א מאשין, ווען מען וויל זיא זאָל ארבייטען, מוז זיא האבען האָלץ אָדער קוילען.“

„אָבער איך פערזיכער אייך, מיין ליעבער הערר סימאָנאָ, אז איך שפיר ניט רעם מינדעסטען אפעטיט איך פיהל, אז דער קלענסטער ביסען וועט מיך ווערגען. עס איז מיר אונמעגליך עפּעס צו עסען.“

אויף דיעזער ארט האט מארגעריט זיא ניט געלאָזען איבעררעדען; אָבער זיא האט איהם גערופען „מיין ליעבער הערר סימאָנאָ!“

נאָט אין הימעל, וויא מיך האט דאס געפּייניגט און געשמערצט!

אך, ווען איך וואָלט דאמאלס געקענט עפּעס טהון, וואָלט איך צום ערשטען ארויס געוואָרפען סימאָנאָ'ן פון דעם צימער.

אָבער, נאך אלעמען, האב איך מיר געטראכט, וואס האט מיך דאָ צו פער־דריסען? בין איך דען ניט טויט? האט מיך דען ניט דער דאָקטאָר, דער מאַן דער וויסענשאפט, ערקלערט פאַר טויט? און אום א טויטען, מעג מען רעדען אלעס וואס מען וויל. און איך דארף מיך גאנץ ווענינ בעקימערן ווען איך הער מיין פרוי רופען א פרעמדען, אָבער שעהנעם יונגענמאַן, „מיין ליעבער.“

דאמאלס איז מיר איינגעפאלען דיא אידעע, אז עס איז ווירקליך מענליך, דאס איך בין טויט, אָבער נאך'ן טויט, הערט מען ניט אויף צו בעגרייפען אלעס וואס עס געהט פאָר.

„ווען דאס איז דער פאַל.“ האב איך מיך געווענדעט מיט מיינע געדאנקען צו גאָט, „דאן ביסטו, בארמהערצינער פאטער, זעהר אונבארמהערציג. עס איז דאך שוין גענוג עולה פון דיר, וואס דוא נעהמסט און שאפסט מענשען און מאכסט דיר פון זייא א שפיעלכעל. דוא גיבסט זייא לעבען, חשק צום לעבען, פערשטאנד, איבערלעגונג און געפיהל, צו פערשטעהען דיא פאַרציע צרות וואס דוא טהיילסט יעדען צו. אָבער, וויא עס שיינט, ביסטו נאך דערמיט אליין ניט צופריעדען. ניין, דוא זעטצט ערשט פאָרט דיין טראגי־קאָמעדיע אויף נאך'ן טויט און נעהמסט ניט אוועק רעם פערשטאנד פון דעם געשטאָרבענעם, כדי ער זאָל קענען בעגרייפען אלעס וואס עס געהט פאָר ארום איהם, און ער זאָל ערשט האבען פרישע צרות. גרויסער גאָט! דוא ביסט טאקי גרויס, מעכטיג, שטארק, קלוג און מיט נאך אנדערע מעלות, אָבער אין דיין בארמהערצינקייט, צווייפעל איך זעהר.“

אך, וויא איך האב דאס דאמאלס געוואָלט וועניגסטענס אביסעל קריטצען מיט דיא צייהן; אָבער נאך'ן טויט קריטצט זיך שוין ניט מיט קיין צייהן. איך האב מיר פאָרגעשטעלט וויא מיינע צייהן — און איך האב נאך דאמאלס געהאט גאנץ געזונדע צייהן — וועלען באלד ארויס פאלען, ווערים וועלען קריכען דורך מיין

זערפער און מיינע ביינער ועלען פוילען. איך וועל עס אפילו נים שפירען, אָבער עס וועט מיר זיין גאנץ אונאנגענעהם, דאס צו פערשטעהען.

מאָנסיע סימאָנאָ, האב איך בעגריפען, איז יעדעס מאל געוואָרען אלץ העפ־ליכער צו מיין פרוי, און אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע זיא אויפצומונטערן. איך האב מיך גוט ערזינערט, דאס אין דיא פאאר טעג פון מיין קראנקהייט, האב איך בע־מערקט וויא זיינע בליקען האבען אלץ געוואנדערט צום געזיכט פון מיין פרוי.

איך האב פערשטאנען, אז דאס איז נאריש, צו זיין אייפערזיכטיג. וויא קומט עס צו א טויטען אייפערזוכט? נאָר וואס קען מען זיך העלפען, ווען עס מארטערט דאָך?

ריעזע געדאנקען האבען מיר געזאגט, אז איך בין נים טוים; אז עס איז אונ־מעגליך איך זאָל זיין טוים, זאָנסט וואָלט איך אזעלכע געפיהלע נים בע־זעסען.

איך האב געהערט וויא ער האט נאך אמאל געבעטען מארגעריט'ן, זיא זאָל עפּעס געניעסען. אלס זיא האט עס איהם ענטזאגט, האט ער געזאגט:

„אָבער, מיין ליעבע מאדאם, א גלעזעל גוטען און קרעפטיגען וויין, דארפט איהר נים צוריק ווייזען. דער וויין האט אין זיך דיא טבע צוריק צו געבען דיא פער־שוואונדענע קרעפטען. איך געה שוין אום אריין צו ברענגען אביסעל וויין.“

„איך, איך פערזיכער אייך...“

„ענטשולדיגט מיר, גנעדיגע פרוי, איהר דארפט מיר דאס נים ענטזאגען. ניין, ניין, עס איז דורכאויס נויטווענדיג איהר זאָלט געניעסען וועניגסטענס אביסעל וויין.“

ער איז אוועק און איז מיט א פאאר מינוטען שפעטער צוריק געקומען טראגענדיג א פלאש מיט א גלעזעל, וועלכעס ער האט אָנגעפילט מיט בלוט־רויטען וויין.

ער האט דאס דערלאַנגט מארגעריט'ן אויף זעהר איין ענטשולדיגער ארט, און אויב זיא האט יא געוואָלט אָדער ניט, האט זיא געמוזט טרינקען. זיא האט נאך ראן פראָבירט זאָגאר ארויף צו ברענגען א דאנקבארען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, אָבער דאס איז איהר שוין נים געלונגען.

נאכדעם וויא זיא האט געטרונקען נאך איין גלעזעל, האט סימאָנאָ גענומען דאס גלעזעל מיט דער פלאש און זייא אוועק געשטעלט אויף'ן טיש.

מאדאם נאבען האט יעמצט ווידערהאָלט צום צווייטען מאל איהר

אויפפאָרדערונג, אז מארגעריט זאָל פערלאָזען אתזער צימער און אריין געהען צו איהר, וואו זיא זאָל צוברענגען דיא נאכט.

„ניין, ניין, דאס קען איך ניט.“ האט מארגעריט געענטפערט מיט דערזעלבער ענטשלאָסענהייט וויא פריהער. „איך בעט אייך, פּלאגט מיך ניט; לאזט מיך דאָ געבען מיין ארמען אָליוויער! אך גאָט! וויא וועניג דאס וועט נאך דויערן וואס איך וועל בלייבען נעבען איהם!“

מאָנסיע סימאָנאָ האט וואהרשיינליך איינגעזעהען, אז עס וועט זיין אומזיסט איהר נאך אמאל צו זאגען זיא זאָל פערלאָזען דאס צימער, און ער האט דאן איינ־געשטימט מיט איהר, אז זיא האט רעכט. מאדאם גאבען זעהענדיג, אז זיא קען נאר ניט פועל'ן, האט זיא פערלאָזען דאס צימער צוזאמען מיט איהר טאָכטער.

מארגעריט איז אלזאָ צוריק געבליעבען, און זיך אריין זעטצענדיג אין א לעהנ־שטוהל, האט זיא זיך האלב געליינט אויף דער זייט פון דעם שטוהל. איהר געזיכט איז געוועזען בלאס, איהרע אויגען רויט, און אויף איהרע ברעמען האבען געהאנגען דיא טרערען, וועלכע האבען געפינקעלט אין שיין פון לאָמפּ, וויא בריליאנטען.

נעגענאיבער איהר, נעבען טיש, האט זיך אוועק געזעטצט סימאָנאָ און ניט ארונטער גענומען דיא אויגען פון איהר געזיכט.

3.

דעם שרעקליכען קאמפּף אין מיין זעעלע וועהרענד דער נאכט און וועהרענד דעם אנדערן מאָרגען, בין איך ניט אימשטאנדע צו בעשרייבען. איך האב מיך גע־פונען וויא אין א פינסטערן חלום, ווען נאָר איינציגע מאָמענטען קענען אונטער־שיידעט ווערען פון א גרויסער און פירכטערליכער פערווירדונג.

דיא שרעקליכסטע מאָרטער איז געווען, וואס איך האב אלץ געדענקט וועגען דעם מאָמענט ווען איך וועל מוזען ערוואכען פון מיין אָהנמאכט.

יעטצט, ווען איך בין רוהיג, און קען מעהר איבערלעגען וויא דאמאלס, בע־טראכט איך מיר יענע נאכט אלס זעהר איין אינטערעסאנטע לעהרע פיר דער מענשליכער זעעלע.

איך צווייפעל ניט, אז דער לעזער האט שוין געוויס בעמערקט, דאס איך האב מארגעריט'ן זעהר שטארק געליעבט, און דיא אייפערזוכט, צו אנפאנג, האט מיך זעהר געפייניגט. עס איז מיר אינטערעסאנט דאָ צו רעדען איבער דער ליעבע אין אלגעמיין, וועלכע מען בעהויפּטעט, אז זיא איז אימער פיר דער געליעבטע פערזאָן

און ניט פיר זיך זעלבסט, דאס הייסט, ווען איך האב געליעבט מארגעריטען, האב איך אן מיר בעדארפט אין גאנצען פערגעסען.

אזוי איינגענטליך בעהויפטען מאנכע דענקער. טהעארעטיש, קען דאס שוין אמת זיין, אָבער וויא עס קומט צו דער פּראקטיק, איז עס גאנץ אנדערש.

דיא פּראקטיק איז דיא נאקעטע וואהרהייט, און געגען איהר פאלען אלע פילאָזאָפישע טהעאָריען.

דער לעזער ערראינערט זיך געוויס, אז איך האב איהם דערצעהלט, דאס איך האב ניט בעדארפט זעהען מיט מיינע טויטע אויגען, זאנדערן מיין גייסט, מיין נשמה, איז געווען אזוי געפּיהלפאָל, אז איך האב געקענט בעגרייפען יעדע קלייניגקייט וואס איז פאָרגעגאנגען אין צימער.

יעטצט הערט אויס א פאל:

איך האב מיר אלץ פאָרגעשטעלט, אז מיין ערוואכונג מוז פריהער אָדער שפּעטער קומען. דען, ווירקליך, וויא איז דאס מעגליך, מען זאָל מיך, אַליווייער, נעהמען, אזוי מיר־ניט־דיר־ניט און אריין לייגען א לעבעדיגער אין דער ערד? יא, עס איז גאנץ נאטירליך, ווען מען וואָלט דאס דערצעהלט איבער איין אנדערן, וואָלט עס מיך גאר ניט געוואונדערט. איבער איין אנדערן איז אלעס מעגליך, נאָר ניט איבער מיר.

דאן, האב איך מיר געטראכט, וואס וואָלט איך געטהון, ווען מיט מיר זאָל פּאסירען דערזעלבער פאל וויא מיט דעם „אנדערן?" דאס הייסט, מען זאָל מיך אויך בעגראָבען לעבעדיגערהייט?

מיך? מיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט? צום טייפעל מיט דער גאנצער וועלט! אלעס זאָל צו גרונד געהען, אלעס זאָל פערניכטעט ווערען, אבי ניט איך— איך אַליווייער זאָל און מוז לעבען!

דאס דערמאָהנט מיך יעטצט אן דער געשיכטע פון א צערטליכע מוטער, וועלכע האט געקוילעט איהר קינד אין א הונגער־צייט, אום צו זעטען איהר הונגער. יא, דיא ליעבע צו אנדערע איז ווירקליך זעהר גרויס, נאָר, דיא ליעבע צו זיך אליין, איז נאך גרעסער. ווען דיא אידעע פון טויט האט מיך צונעדריקט אין איהר אייזערנער אומארמונג, האב איך געהאט דיא גאנצע וועלט אין דער ערד און איך אליין האב געוואָלט לעבען!

גראדע דאמאלס, בייא דעם שטראָם פון דיעזע געדאנקען, האט פּאסירט עפּעס אינטערעסאנטעס. איך האב געהערט דאס לייכטע שנאָרכען פון מיין פרוי.

זיא איז געווען מיעד און דערצו האט זיא נאך אויסגעטרונקען צוויא גלעזלעך שטארקען ווין. עס איז אלזא קיין וואונדער וואס זיא איז איינגעשלאפען זיטצענדיג אויף'ן שטוהל.

סימאנא האט זיך לאנגזאם און פארזיכטיג אויפגעהויבען און איז צו איהר צוגעגאנגען. ער האט א היבשע צייט געבליקט אין איהר שעהנעס געזיכט, דאן האט ער זיך צוגעבויגען און אבגעפרעסט א קוש אויף איהר האלב־נאקעטען ארעם.

זיא האט ניט ערוואכט.

אויב סימאנא האט געמיינט, אז זיא שלאפט זעהר געשמאק, אדער זיא מאכט זיך ניט הערענדיג, קען איך ניט זאגען, נאר, וויא דיא זאך איז, האט ער געפאסט מעהר מוטה, און דאן צוגעבויגען זיין מויל צו איהר באק און גע־קושט.

זיא האט נאך אימער ניט ערוואכט.

דאס זעהענדיג, האט ער זיך צוגעבויגען צו איהר מויל און דארט ארויף גע־פרעסט זיינע ליפען.

זיא האט זיך דערבייא געריהרט פון דעם פלאטץ און ער האט זיא געכאפט אין זיינע ארעם.

יעטצט האט זיא ערוואכט.

איך קען ניט גענוי בעשרייבען וואס דאמאלס האט פאסירט, אבער איך מערק מיר, אז זיא האט געעפענט דיא אויגען, און אין איהר בליק איז געלעגען א פארוואורף. ער האט זיך פערטהיידיגט מיט דיעזע ווערטער:

„ענטשולדיגט מיר, איהר זייט שיער ארונטער געפאלען און איך האב אייך דערכאפט.

זיא האט מעהר גאר ניט געזאגט.

עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט געוואוסט, דאס ער האט זיא געקושט, נאר זיא האט ניט פראטעסטירט.

און איך? וואס איז מיט מיר געווען? ניין! איך האב שוין מעהר ניט געשפירט דעם שמאך פון אייפערזוכט וויא פריהער.

„צום טייפעל!“ האב איך מיר געטראכט, „מיט מארגעריט'ן און מיט דער גאנצער וועלט! ארום מיר שוועבט דער טויט און דאס איז מיר וויכטיגער פון איהר ליעבע!“

דאס הייסט, דאס לעבען, מיין לעבען, איז מיר וויכטיגער געווען וויא אלעס אין דער וועלט. ווען איך וועל לעבען, וועל איך שוין געפינען ליעבע, אבער ווען איך זאל בעגראבען ווערען לעבעדיגערהייט, קימערט מיך מעהר ניט אום מארגעריט'ן און אום טויזענדער וויא זיא איז.

דיא סצענע מיט דעם ארצט, איז מיר ווידער ערשיענען פאר מיינע אויגען, און איך האב איהם געפלוכט אין מיינע געדאנקען.

דאן האב איך מיך אנגעהויבען צו פרעגען, וואס עס איז מיט גאט'ס השגחה אויף דער וועלט. גאט, דאכט זיך, איז משגיח אפילו אויף א ווערימיל, שוין ניט רעדענדיג פון א מענשען וויא איך.

איך, אליוויער, בין מיר פארגעקומען גראדע אזוי וויכטיג און חשוב בייא דער השגחה, וויא דיא גאנצע וועלט. עס איז אונמעגליך, עס איז אונבעגרייפליך, גאט זאל מיך גלאט אבלאזען, אהן א פאר־וואס, מען זאל מיך בעגראבען לע־בעדיגערהייט.

דיא האפנונג האט צוריק געקעהרט, און איך האב ערווארטעט דעם מא־מענט, ווען איך וועל בעפעהלען מיין האנד זיך אויפצוהייבען, און זיא וועט מיך פאלגען.

בלויז א האנד, א פינגער אויפהייבען, האב איך מיר געטראכט, איז שוין גענוג. איך האב מיר פארגעשטעלט, ווען איך זאל קענען בעוועגען בלויז מיט מיין מינדסטען פינגער, וואלט איך מיך שוין אויך גערעטעט. איך וואלט דאן געקענט בעוועגען מיט דעם פינגער, קריטצען, און צוציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיעזע ארום מיר, און אזוי וועל איך פערהינדערן דאס שרעקליכע אונגליק.

איך האב מיר געטראכט, אז איך וועל געווים פערצייהען מארגעריט'ן דערפאר וואס סימאנא האט געקושט איהר האנד. באק און ליפען.

איבריגענס, וואס איז זיא שולדיג? דאן איז גאר ניט אזוי געפעהרליך ווען מען כאפט א קוש פון א יונגענמאן, כל־זמן עס געהט ניט ווייטער.

אבער אומזיסט האב איך געווארט אויף דעם מאמענט דער ערוואכונג פון סעקונדע צו סעקונדע. דיא אהנמעכטיגקייט איז ניט אונטערבראכען געווארען, און איך בין געלעגען שטייף, טויט אבער דאך לעבעדיג, גראדע וויא פריהער.

מיינע געדאנקען האבען זיך געגצליך אבגעווענדעט פון דעם וואס איז פאר־געגאנגען אין צימער. מארגעריט און סימאנא האבען מיך מעהר ניט בעקימערט. איך האב בלויז געוואוסט, אז מארגעריט איז ווידער איינגעשלאפען און סימאנא

איז געזעסען נעבען איהר. האלטענדיג איהר האנד אין זיינער. דאן האט זיך מיר פארגעשטעלט, וויא ער האט אויפגעהויבען איהר קאפ און איהם געלייגט אויף זיין ברוסט.

אבער וואס האט מיך דאס אלעס אינטערעסירט? ער האט מיט איהר גע־מעגט טהון וואס ער האט געוואלט, האט מיך מעהר ניט געקענט אינטערעסירען. די גאנצע וועלט האט געמעגט אונטערגעהען, או נאר דער געדאנק אז מיין „איך" האט געלעבט.

דאן האב איך בעשלאסען צו ווארטען אויף דעם מאמענט פון מיין ערוואַ־כונג. מיר איז עס פארגעקומען, גלייך וויא איך וואלט געזעסען הינטער א בוים און אויפגעפאסט א געוויסער געגענשטאנד זאל פארביינעהען, ווען איך וועל איהם מוזען זאפארט פאקען און קיין אויגענבליק פערלירען. איך האב געווארט אויף דעם מאמענט דער ערוואכונג, דאס זא שנעל וויא איך וועל איהם שפירען, זאל איך זאפארט געבען א צייכען פון לעבען, אבער דיעזער מאמענט איז ניט גע־קומען.

פון צייט צו צייט, האב איך אויך אין שמערץ און אנגסט געשפירט וויא מיינע געדאנקען פערלאזען מיך. די מארטער איז געווען אונערטרעגליך, און איך האב טייטענווייז בעגריפען, אז איך שפיר שוין גאר ניט

דאס האט מיך געפרייט. איך האב מיר געטראכט, אז דאס איז וואהר־שיינליך דער טויט, וועלכער בילדעט די גלייכגילטיגקייט.

אבער דאס האט ניט פיעל געדויערט, דען די פריהערינע געפיהלע האבען ווידער צוריק געקעהרט און מיט זייא אויך דער זעלעגישמערץ.

אין א צושטאנד, האט די מארטער ווידער געשטיעגען ביז צום העכסטען פונקט, און מיינע געפיהלע האבען זיך אנגעהויבען צו פערלירען.

איך האב געהאפט, אז דאס איז דער טויט. יא, איך האב מיך אזוי שטארק ליעב געהאט, אז איך האב געוואלט דער טויט זאל מיך בעפרייען פון מיינע שמערצען. אבער דער טויט, אדער די אייבינע גלייכגילטינקייט, איז ניט גע־קומען.

דאס בעוואוסטזיין און די גלייכגילטיגקייט האבען זיך אין מיר געוועקסעלט. די אהנמעכטינקייט איז געבליעבען דיעזעלבע.

ארום מיר, אין צימער, האט געהערשט א טויטע שטילקייט

גאנץ פריה, האב איך ווידער דייטליך דערקענט די פערזאנען וואס זיינען געווען פריהער ארום מיר. א רוישען בייא די פענסטער, האט מיך ערוואכט

פון מיין בעטייבונג. עס איז געווען מאדאם גאבען, וועלכע האט געעפענט דאס פענסטער.

עס איז געווען אונגעפעהר אום 7 אוהר, דען איך האב שוין געהערט דיא געשרייען און דיא שטימען פון דיא סוחרים אויף דער גאס. איך האב גאנץ דייטליך געהערט דיא קוויטשענדיגע שטימע פון א אינגעל אויף דער גאס, וועלכער האט געשריען, אז ער האט צו פערקויפען פרישע ביינעל, און דיא שטימע פון איין עלטערן מאן, אנצייגענדיג, אז ער האט צו פערקויפען פרישע ריבען.

אנפאנגס האט מיך עטוואס בערוהיגט דער ליארם פון דעם ערוואכענדען פאריז. עס איז מיר פארגעקומען אונמעגליך מיך צו שפירען טויט אין מיטען פון אזא גרויסער און לעבעדיגער שטאדט.

דאן איז מיר איינגעפאלען א אידעע, וועלכע האט מיך כמעט אין גאנצען בער־רוהיגט. איך האב אמאל געהערט פון א פאלל, וועלכער איז געווען גאנץ עהנליך צו מיינעם. א מאן איז געבליעבען ליעגען אין א האספיטאל גאנץ אהנמעכטיג, און אלע ערצטע האבען געצווייפעלט, אויב ער וועט ערוואכען. ער איז אזוי אבגעלעגען גאנצע 25 שטונדען, און ענדליך האט ער ערוואכט.

איך האב אויסגערעכענט, אז איך בין שוין אבגעלעגען 25 שטונדען אין אהנמאכט, און מאכענדיג דעם חשבון, האב איך בעשלאסען, אז איך קען נאך העכסטענס אזוי בלייבען, ביז 11 אוהר, דאס הייסט, ביז דיא 28־טע שטונדע וועט ערפילט ווערען.

דאס איז שוין בייא מיר געווען פעסט בעשלאסען, אז איך האב נאך אזוי אב־צוליעגען 3 שטונדען, און דאן קעהרט צוריק דאס לעבען. איך האב אלזא אנגע־פאנגען מיך אביסעל צו צערשטרייען אום דיא צייט זאל קענען שנעלער פאראיבער און איך זאל מעהר ניט אזוי פערצווייפלען.

איך האב מיר פארגעשטעלט, אז דערע געפינט זיך אין קארידאר, דען, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט, האב איך געהערט איהר שטימע איינדרינגען אין צימער. סימאנא איז וואהרשיינליך דארט ניט געווען; קיין צייכען האט זיך געצייגט פון זיין אנוועזענהייט. נאר דיא קליידער פון מאדאם גאבען האבען זיך געהערט רוישענדיג איבער דעם פוס־באדען.

ענדליך האב איך אויך געהערט שטימען.

„ליעבעס קינד,“ האט מאדאם גאבען געזאגט, „עס איז א גרויסעס אונרעכט פון אייער זייט, וואס איהר ווילט דאס ניט נעהמען; עס איז ווארעם און עס וועט אייך גוט טהון.“

פון נאך א פאאר ווערטער און פון א געראיש ביים אויוען, האב איך פער־
שטאנען, אז זיא האט דארט געקאכט קאפעע.

„איך וויל אייך נאר זאגען," האט דיא אלטע פרוי פארטגעזעטצט, „אז עס
טהוט מיר וועה מיין הארץ צוליעב אייך. אין מיינע יאהרען, שאדעט עס שוין ניט,
ווען איך זאל זיטצען און וואכען א גאנצע נאכט. אבער איהר, א יונגע פערזאן...
נעהמט כלעבען אביסעל קאפעע, איהר וועט זיך דערקוויקען."

און אזוי האט זיא איינגערעדט מארגעריט'ן זיא זאל בייא איהר נעהמען א
שאל קאפעע.

„שמעקט ער ניט אויסגעצייכענט? דער קאפעע איז ווארעם און ער וועט
אייך שטארקען. איהר בענעטהיגט היינט אלע אייערע קרעפטען. און, ווען איהר
זייט א פערשטענדיגעס פרויענצימער, דאן זאלט איהר זיך פאלגען און יעטצט
אריין געהען אין מיין צימער, וואו איהר זאלט איבערוואַרטען."

„ניין, איך בלייב דא," האט מארגעריט געענטפערט מיט א פעסטען
ענטשלוס.

טראָטץ דעם אלעמען וואס איך האב בייגעוואָהנט אין דער לעטצטער נאכט,
האט מיך איהר שטימע זעהר געריהרט. זיא איז געוועזען אין גאנצען פערענדערט פון
דעם שמערץ.

יא, מארגעריט האט מיך געליעבט, זעהר געליעבט, זאנסט איז עס גאר אונ־
מעגליך געוועזען זיא זאל זיין אזוי געערגערט.

איך האב זיא געשפירט גאנץ נאהענט צו מיר, און דאס איז געוועזען מיין
לעטצטע טרייסט. איך האב געפיהלט, אז איהרע פערוויינטע אויגען זיינען צו
מיר געווענדעט.

אזוי איז פאראיבער איין מינוט נאך דער צווייטער, ביז איך האב דערהערט
אין דרויסען עפעס איין אונגעוועהנליכען געראיש. אנפאנגס האב איך מיר ניט גע־
קענט ערקלערען וואס דאס בעדייטעט.

עס האט מיר אויסגעזעהען, גלייך וויא מען וואלט עפעס א שטיק מעבעל
ארויף געשלעפט אויף דיא טרעפען, און דאבייא האט מען דערמיט עטליכע מאל
אָנגעקלאפט אן דיא ווענט.

ענדליך האב איך אלעס בעגריפען. מארגעריט האט אויסגעבראָכען אין א
נייעם געוויין. מען האט געבראכט מיין טרונע.

„עפעס קומען זייא צו פריה," האט מאדאם גאבען בעמערקט. „שטעלט דאס
דא אונטער דעם בעט."

וויא שפעט האט עס דאמאלס געקענט זיין? איך האב גערעכענט, אז עס איז אונגעפעהר 9 אוהר. אלזאָ, דיא טרונע מיך אריין צו ליינען, איז שוין געבראכט געוואָרען. מיר האט זיך גערואכט, אז איך זעה דיא טרונע גאנץ דייטליך, וויא זיא איז אָבגעהובעלט גאנץ גלאט פון ווייסע ברעטער.

„מיין גאָט!" האב איך מיר געטראכט, „וואס קען דערפון ווערען? ווען מען מיך ווירקליך אריין לייגען אין דיעזען קאסטען וואס איך האב געשפירט אזוי נאהענט צו מיר? ווען מען מיך ווירקליך אוועק טראגען? ווען מען מיך טאקי בעגראָבען לעבעדיגערהייט?"

אונזער לעבען איז א מערקווירדיגעס געהיימניס. עס ליעגט אין אונזער נאטור זיך צו מאכען בעקוועם אונטער דיא אומשטענדען. איך געדענק, דאס לעזענדיג איבער מענשען, וועלכע מען האט זייא געפיהרט צו דער היגריכטונג, זיינען זייא געוועזען גאנץ גלייכגילטיג; נאך מעהר, מאנכע האבען זיך נאך ערלויבט צו מאכען א שפאס. איך האב עס ניט געקענט פערשטעהען וויא דאס קען מעגליך זיין. נאך מיינער אנזיכט, האט דער מענש, וואס האט געזעהען דעם טויט פאר זיינע אויגען, בעדארפט צוזאמען שטירצען און ניט אויפהערען צו בעקלאגען זיין טרויעריגעס שיקזאל. נאר שפירענדיג מיין אייגענע לאגע, איז מיר דאס אלעס ערקלערט געוואָרען.

דיא האָפנונג ווידער צו ערוואכען, זאָגאר בייא דעם לעצטען אויגענבליק, האט מיך ניט פערלאָזען. נאָר איך האב שוין אָנגעהויבען צו רעכענען אויף דעם ערנסטען פאל, דאס הייסט, אז איך זאָל ניט ערוואכען און מען זאָל מיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט.

„נו, מילא, פערפאלען," האב איך מיר געטראכט, „ווען עס קען אנדערש ניט זיין, ווערט מוזען אזוי געשעהען."

אָבער איך האב מיך אונטערדעסען געפיהלט אביסעל גליקליך.

קענט איהר זיך א בעגריף מאכען איבער דעם גליק פון אזעלכען וואס שפירט, אז מען ווערט איהם באלד אריין לייגען א לעבעדיגען אין דער ערד? איך וועל דאס אייך ערקלערען:

מארגענרים'ן האב איך געליעבט, וויא איך האב נאך אין מיין לעבען קיין מענשען אזוי געליעבט. איך האב פערשטאנען, אז זאָ שנעל וויא דיא ערד ווערט מיך צודעקען, נעהמט א סוף פון דיעזער ליעבע. אייפערזיכטיג זיין, האב איך בעדריפען, איז זעהר דום פון מיין זייט. דען זאָלאנג איך וועל ליעגען אין דער ערד,

דארף עס מיך ניט קימערן וועמען מארגעריט וועט אוועק געבען איהר ליעבע. אָבער כל־זמן איך האב מיך נאך געשפּירט אונטער דיא לעבעדיגע, האב איך געפיהלט א געוויסען פריידיגען שטאָלץ וויסענדיג, אז מיין שעהנע מארגעריט האט מיך געליעבט פון איהר גאנצען הערצען, און אין נאמען פון דיעזער ליעבע, האט זיא בעשלאָסען ניט ארונטער צו נעהמען פון מיר איהרע אויגען, ביז מען וועט מיך פון דאָרט אוועק טראגען.

זיא איז אפילו געווען זעהר שוואך און פערמאטערט, אָבער דאָך האט זיא געוואָלט זיין דיעיעניגע וואס זאָל מיר ערציינען דעם לעטצטען ליעבעס־דיענסט אויף דער ערד. מיט דער הילפע פון מאדאם גאבען, האט זיא מיך אָנגעפאנגען איבערצוקליידען.

איך האב מיך געשפּירט פון איהר אומארמט, בייא יעדען קליידונגס־שטיק וואס זיא האט מיר אָנגעצויגען. מאנכע מאל איז זיא געבליעבען שטעהען אין מיטען פון איהר ארבייט, און האט פאר אויפרעגונג וויטער נאר ניט געקענט טהון. דאן האט זיא מיך אומארמט און זיא האט בענעטצט מיין געזיכט מיט איהרע טרערען.

אך, וויא איך וואָלט זיא אויך דאמאלס געוואָלט אומארמען, און אויסרופען: „מארגעריט! איך לעב, איך בין ניט געשטאָרבען!"

אָבער דאס איז נאָר געווען א ווילען אָהן כוחות, און איך האב מיך ניט גע־קענט ריהרען. איך האב מיך געמוזט לאָזען פון איהר בעהאנדלען, גלייך וויא איך וואָלט געווען א שטיק האָלץ.

„אך, מיין ליעבעס קינד!" האט מאדאם גאבען געזאגט, „איהר דארפט דאס ניט טהון; עס איז גאנץ אונניטצליך פאר דעם טויטען."

מארגעריט, האלב דערשטיקט פון טרערען, האט געענטפערט:

„לאָזט נאָר מיך; ער זאָל זיין אָנגעצויגען אין זיינע בעסטע קליידער; אזוי וויל איך ער זאָל ליעגען אין דער טרונע."

איך האב פערשטאנען, אז זיא האט מיך אזוי אָנגעטהאָן, וויא אין דעם טאָג פון אונזער חתונה. איך האב נאך געהאט דיא קליידער, וועלכע איך האב בעאב־זיכטיגט צו בענוטצען אויף מיינע בעזוכען אין פאריז.

איך געדענק, וויא איך האב מיר געמאכט דעם פּלאן, אז אין דיעזע קליידער וועל איך ערשיינען אויף מיין אמט, און דאן אויך בייא א געלעגענהייט אין א יום־טוב. מארגעריט האט דיעזע קליידער ארויס גענומען פון אונזער קופערט און זיא מיר מיטגעגעבען אין קבר.

עס האט געדויערט א היבשע צייט, איידער זיא האט געקענט פערטיג ווערען מיט דיזער טרויעריגער ארבייט. איך האב פערשטאנען, אז זיא האט זעהר אפט געמוזט אונטערברעכען דיא ארבייט, אום זיך אויסצרוויינען.

פיר איהר, איז עס געווען פיעללייכט דער גרעסטער שמערץ וואס זיא האט נאך ביז דאמאלס געהאט אויסצושטעהען אין לעבען, וועהרענד פיר מיר איז דאס געווען א פרייד, אדער דיא לעטצטע גרעסטע פרייד אין לעבען, וואס זיא האט מיך בעריהרט און געהאלטען מיט איהרע קליינע און צארטע פינגער.

זיא האט אויסגעזעהען צו זיין פערווירט און האט פיעלע זאכען ניט געקענט ברענגען אין ארדנונג, אבער זיא האט אלעס געוואלט טהון אליין.

„אום גאטעס ווילען," האט מאדאם נאבען צו איהר געזאגט, „לאזט מיך דאך איך זאל אייך העלפען. עס איז אונמעגליך איהר אליין זאלט קענען פערטיג ווערען."

„ניין, ניין," האט מארגעריט געענטפערט וויינענדיג, „לאזט מיך נאר, איך וועל שוין אלעס ברענגען אין ארדנונג. ניעמאנד זאל יעטצט בעריהרען מיין ארמען אליוויער, אויסער זיין אונגליקליכע און פערלאזענע מארגעריט."

אך, אויך דיזע גוטע, זיסע און שעהנע ווערטער פון איהר ליעבע צו מיר, זיינען ניט אימשטאנדע געווען מיין קערפער צו זעטצען אין בעוועגונג.

דאמאלס איז מיר צום ערשטען מאל איינגעפאלען דיא אידעע, אז אלעס איז פערפאלען, און עס גיבט מעהר קיין האפנונג איך זאל ערוואכען. דיא אידעע דערפון איז געווען, וויל איך האב איינגעזעהען, אז דער שרעקליכסטער זעעלענשמערץ און ניט דיא העכסטע ליעבעס פרייד, זיינען אימשטאנדע געווען אויף מיר צו ווירקען.

„יא, יא," האב איך מיר געטראכט, „עס איז פערלארען, פערפאלען — איך מוז בעגראבען ווערען לעבעדיגערהייט!"

ענדליך איז מארגעריט פערטיג געווארען מיט מיין אנקליידונג. איך האב גע־שפירט וויא זיא האט מיך צערטליך צוריק געלייגט אין בעט; מיך נאך אמאל געקושט, און דאן, וויינענדיג, איז זיא צוריק געפאלען אין א לעהנשטוהל, שטארק פערמאטערט פון דער אנשטרענגונג.

פלוצלינג האב איך געהערט סימאנא'ס שטימע. עס שיינט, אז ער איז נאר וואס דאמאלס אריין געקומען.

„זייא זיינען שוין דא אונטען," האב איך איהם געהערט זאגען. גאנץ

שטיל

„גוט, זייא קומען גראדע צו דער ריכטינער צייט," האט מאדאם גאבען גע ענטפערט אויף אזוי שטיל. דאס איז געווען וואהרשיינליך, דאמיט מארגעריט זאָל ניט הערען וואס עס געהט פאָר.

„מיר זיינען נאָר וואס פערטיג געוואָרען מיט דער אָנקליידונג," האט מאדאם גאבען פאָרטגעזעטצט. „זאגט דאָרט דיא לייטע, אז זייא זאָלען ארויף קומען, דען וואס שנעלער דיא טרויעריגע געשיכטע ווערט זיין פאָראיבער, אלץ בעסער איז פאר אונז אלע."

„איך האב נאָר מורא פאר דער פערצווייפלונג פון דער ארמער מארגעריט," האט סימאָנאָ געזאגט. „זיא ווערט אונז, גלויב איך, זעהר פיעל שטערען בייא דעם לעטצטען מאָמענט."

מאדאם גאבען האט אויסגעזעהען נאכצודענקען דאריבער.

„הערט מיך אויס, מאָנסיע סימאָנאָ," האט זיא דאן צו איהם געזאגט. „מיין מיינונג איז, אז מארגעריט דארף דאָ ניט זיין. איהר האט רעכט, זיא ווערט אונז זעהר פיעל שטערען בייא דעם לעטצטען מאָמענט, זיא קען דאָ ניט בלייבען. דיא בעסטע זאך איז אלזאָ, איהר זאָלט זיא אריין פיהרען אין מיין צימער. אזוי שנעל וויא זיא ווערט דאָ ניט זיין, ווערט אלעס שנעל פערטיג ווערען."

„וואס רעדט איהר, מאדאם," האט סימאָנאָ אָנגעווענדעט, גלויבט איהר, אז דיא ארמע פרוי ווערט וועלען פערלאָזען דאס צימער און מיט מיר געהען?"

„זיא מוז!" האט מאדאם גאבען געענטפערט ענטשלאָסען. „און ווען זיא וויל ניט געהען מיט'ן גוטען ווילען, דאן נעהמט זיא ארויס פון דאנען מיט געוואלט. עס מוז דאך נעהמען א סוף, און איהר מוזט עס טהון איידער דיא לייטע קומען ארויף."

דיעזע ווערטער האבען מיך וויעדער בעאונרוהיגט.

איך האב דאן געהערט א קליינעם קאמפף, וועלכער איז ענטשטאנדען צווישען סימאָנאָ און מיין פרוי. סימאָנאָ איז צו איהר צוגעגאנגען און זיא געבעטען, זיא זאָל פערלאָזען דאס צימער.

„איך בעט אייך," האט ער געזאגט, „קומט מיט מיר אריין אין צווייטען צימער. איהר מוזט בעקעמפפען דיעזען שמערץ."

„ניין, ניין," האט מארגעריט געענטפערט, „איך וויל בלייבען, איך מוז דאָ בלייבען ביז צום לעטצטען אויגענבליק. ווען מען נעהמט איהם אוועק, דאן בלייב איך עלענד וויא א שטיין — איך קען ניט, ניין, איך קען איהם ניט פערלאָזען"

מאראם גאבען, וועלכע איז געשטאנען נעבען מיין בעט, האט אונטערדעסע איינגעראמט סימאנא'ן אין אויער פאלגענדע ווערטער:

„וואס שטעהט איהר? נעהמט זיא אן בייא דער טאליע און טראגט זיא ארויס!"

ווען סימאנא ווירקליך וואגען צו נעהמען מארגעריט'ן בייא דער טאליע און זיא ארויס טראגען? האב איך מיך געפרעגט.

דאס פריהעריגע געפיהל פון ביטערער אייפערזוכט און פערדראס, האט צוריק געקעהרט

איך האב דאן געהערט מארגעריט'ן אויסשרייען.

אין דעם ווילדעסטען צארן האב איך מיך געוואלט אווארף טהון אויף סימאנא'ן און איהם צודריקען מיט מיינע פינגער זיין האלז. אבער איך האב שוין א סך מאל געוואלט, און פון מיין וועלען איז גאר ניט געווארען, איך בין געליעבען ליגענן וויא א שטיק לעהם.

דער שטרייט האט געדויערט עטליכע מינוטען, איך האב געהערט וויא עס זיינען אומגעפאלען א פאאר בייניקלעך. מארגעריט האט זיך געבעטען:

„האט מיטלייד, מענש! האט מיטלייד מיט מיר; לאזט מיך אב, איך וויל ניט געהען!"

איך האב מיר פארגעשטעלט וויא ער האט זיא געהאלטען אומארמט בייא איהר טאליע, און אזוי וויא זיא האט דאמאלס ניט געטראגען קיין קארסעט, האב איך לייכט געקענט בעגרייפען וויא זיינע הענד זיינען געלעגען אויף איהר היבשען און ווייכען בוזים. ער האט זיא דאן וואהרשיינליך אויפגעהויבען גאנץ צערטליך מיט זיינע מעכטיגע הענד, און, געגען איהר ווילען, האט ער זיא ארויס געטראגען.

איך האב געהערט איהר ווייגענדע שטימע אלץ שטילער ווערען, ביז אלעס איז ווידער רוהיג געווארען.

פיר מיר איז דאס געווען א שוידערהאפטער מאמענט. מיר האט זיך גע־דאכט, אז ענטוועדער מיין געהירן אדער מיין הערץ מוז דאמאלס אונבעדינגט פלאצען. אבער קיין זאך האט געפלאצט און איך האב אויך ניט ער־וואכט.

„דער שופט! דער ניעמאנד!" האב איך מיר געטראכט, „האט פון מיר אוועק גענומען מיין לעטצטע טרייסט!"

דאס געפיהל פון הערצן, האט זיך דאמאלס בייא מיר אזוי פערפיינערט, אז איך האב דורך דיעזען אינסטרומענט געגלויבט זאגאר אלעס צו זעהען.

איך האב מיר פאָרגעשטעלט, וויא ער, סימאָנאָ, דער גרויסער און קרעפטיגער מאַן, האט אויפגעהויבען מיין פרוי און זיא צוגעדריקט צו זיין קערפער. זיא, מאָר־גערים, פערמאַטערט פון וויינען, האט דאן אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, און אָהנע מעהר צו קעמפּפען, האט זיא זיך געלאָזען טראָגען וואוהין ער האט געוואָלט.

„ווער ווייס?“ האב איך מיר געפרעגט, „פיעללייכט איז זיא אָהנמעכטיג געוואָרען? עס איז אויך קיין וואונדער ווען דאס זאָל זיין דער פאַל, ווייל זיא איז זעהר שוואך. און וואס וועט ער דאן טהון? קיין צווייפעל, ער האט זיא אריין געבראכט אין מאדאם גאַבען׳ס צימער, דאָרט איז יעטצט קיינער ניטאָ, און ער האט זיא אוועק געלייגט אויף דעם בעט. דאן האט ער זיך צוגעבויגען און גע־קושט איהרע ליפּען, איהר האלז און איהר ווייסע ברוסט. ווער קען איהם דען שטערען?“

ריעזע אידעע האט מיך ווידער פערווירדט, און עס האט געדויערט א קורצע צייט. ביז איך האב ווידער געהערט מאדאם גאבען׳ס שטימע:

„ענדליך, ענדליך, זיא איז שוין נישטאָ. יעטצט מוז מען עס שנעל מאַכען, זאָלאַנג דיא לופט איז נאך ריין.“

זיא האט וואהרשיינליך געמיינט דערמיט צו זאגען, אז זאָלאַנג מיין פרוי איז נישטאָ, וועט מען מיך קענען שנעל ארויס טראנספּאָרטירען.

איך האב געהערט וויא זיא איז שנעל צוגעגאנגען צו דער טהיר און זיא גע־עפענט.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און איך האב געהערט גראדע פרעמדע שטימען ארום מיר.

„נאָר שנעל, מיינע הערען, נאָר שנעל,“ האט מאדאם גאבען געזאגט. דיא ארמע פרוי קען יעדען אויגענבליק אריין קומען און דאן וועלען מיר האבען א טרערען־סצענע מיט ווילדע געשרייען. מען האט זיא קוים ארויס געשלעפּט.

זיא האט געהאלטען אין איין רעדען מיט דיא מענער, וועלכע האבען אויך פּעם געמורמעלט אונגעדולדיג.

„זעהט איהר,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „איך בין גאר ניט פערוואנדט מיט דער פאמיליע. איך בין בלויז א שכנ׳טע מיך קימערט גאר ניט דיא גאנצע געשיכטע. און דענקט נאר ניט, אז עס איז געוועזן אזוי לייכט; איך בין ניט גע־שלאָפען דיא גאנצע לעטצטע וואך. און יעטצט בייא נאכט, איז עס זעהר קאלט. יא, איך בין אימער דום, נאריש, ווייל איך בין א צו גוטע.“

דיא מענער האבען זיך וואהרשיינליך אבגעווענדעט און מעהר ניט געוואָלט הערען איהר פלוידערייא.

איך האב געהערט וויא מען האט אוועק געשטעלט דיא טרונע אין מיטען צימער, און איך האב מיר פארגעשטעלט וואס עס מוז דאן געשעהען.

„ווען איך זאָל יעטצט ניט ערוואכען," האב איך מיר געטראכט, „דאַן איז אלעס פערלוירען!"

מיינע געדאנקען האבען געשטירמט און געוויטהעט; עס האט זיך מיר גע־דרעהט אין מיין קאָפּ דיא שוידערהאפטעסטע אידעען, און אנשטאט מעהר קרעפטען צו פיהלען, האב איך גאר געשפירט נאך א גרעסערע שוואכקייט אין מיינע גליעדער.

אלעס איז מיר נמאס געוואָרען, און עס האט זיך מיר געדאכט, אז דיא בעסטע זאך איז, אויף קיין זאך מעהר צו האָפען.

„דער סטאָלאר האט ניט געקארגט קיין האָלץ," האב איך געהערט א דיקע הייזעריגע שטימע בעמערקען. „ער האט געמאכט דיא טרונע צו לאנג."

„עס איז גאנץ גוט אזוי," האט איין אנדערער געענטפערט גאנץ מונטער, „דאָ וועט זיך דער טויטער קענען ליעגען גאנץ בעקוועם. עס שיינט, אז ער איז ניט געוועזען קיין עושר כל־זמן ער האט געלעבט, און עס איז א נחת צו וויסען, אז ווע־ניגסטענס נאך'ן טויט קען מען זיך אויסרוהען."

מען האט מיך דאן אויפגעהויבען און אריין געלייגט אין דער טרונע.

„ער איז גאר ניט שווער," האט איינער געזאגט.

„ער האט וואהרשיינליך ניט נאר איינמאל געהונגערט," האט דער צווייטער בעמערקט.

„און דערפאר וועט אונז לייכט זיין איהם ארונטער צו טראגען פון אזוי פיעלע טרעפ," האט דער דריטער זיך אריין געמישט.

איך האב דאן געהערט מאדאם גיבאן'ס שטימע אויסרופען:

„ווארט נאר, דוא שלאג פון גאָט, איבעראל שטעקסטו אריין דיא נאָז! איך וועל דיר שוין ווייזען וויא מען קוקט אריין דורך שפאלטען אהין וואו מען טאָר ניט."

עס שיינט, אז דערדע האט דאן געעפענט דיא טהיר און אריין געשטעקט דעם קאָפּ. זיא האט דורכאויס געוואָלט זעהען וואס דיא מענער טהון מיט מיר.

איך האב אויך געהערט צווייא פּעטש אויסקלינגען. דאן האב איך געהערט

א קינדער־געווין, און די מוטער איז ווידער אריין געקומען אין צימער פלוידער־רענדיג מיט די מענער איבער איהר טאכטער.

„זיא איז ערשט 10 יאהר אלט. זיא איז זאנסט א גוטעס קינד, אבער זיא וויל אלעס וויסען. איך שלאג זיא ניט זעהר אפט, אבער דאך מוז זיא אמאל עפּעס אויסכאפּען, כדי זיא זאל וויסען, אז מען מוז פאלגען א מוטער.“

„אך גאט,“ האט איינער פון די מענער געזאגט, „אזוי זיינען אלע קינדער; זייא זיינען מערקווירדיג נייגיעריג צו זעהען א טויטען.“

איך בין מיר געלעגען אין דער טרונע גאנץ בעקוועם, און ווען מיין לינקע האנד וואלט ניט געווען אביסעל צופיעל צונעדריקט צו א זייט פון דער טרוגע, וואלט איך געקענט מיינען, אז איך ליעג נאך אין בעט.

„ווארט נאך אביסעל,“ האט מאדאם גאבען פלוצלינג אויסגעשריען. „איך האב גאר פערגעסען; איך האב פערשפּראכען זיין פרוי איהם צו געבען א קישען אונטער דעם קאפּ.“

אבער די לייטע האבען ניט געוואלט ווארטען און זיך זעהר געאיילט. מאַ־דאם גאבען האט זיך אבער ניט געוואלט זעהען געשטערט אין איהר פּלאן און זייא געצוואונגען מיר אונטערצולייגען דאס קישען. איינער פון די מענער, זייענדיג אויפ־גערעגט איבער דיעזער שטערונג, האט דאן, מיט א גראבער בענעהמונג געגעבען א ווארף מיט מיין קאפּ און אריין געדריקט דאס קישען.

א צווייטער מאן האט געזוכט זיין האמער, און איהם ניט געפינענדיג אזוי גיך, האט ער געפלוכט זעהר מיאוס.

דאס איז אפילו, האב איך מיר געטראכט, זעהר אונהעפליך אין דער גענענ־ווארט פון א טויטען, אבער מען מוז דיעזע לייטע ענטשולדיגען, ווייל זייא זיינען אימער זעהר ערביטערט.

ענדליך האט זיך דיעזער מאן דערמאהנט, אז ער האט געלאזען דעם האמער אונטען און איז שנעל ארונטער געלאפען איהם ארויף ברענגען.

דערווייל האבען די אנדערע אנגעפאנגען ארויף צו לייגען און צו פאסען דיא דעק פון דער טרונע.

איך האב דערבייא געשפּירט א פראסטיגע קעלט דורך מיין גאנצען קערפּער. עס האט ניט פיעל געדויערט און דער מאן וואס האט ארויף געבראכט דעם האמער, האט אנגעפאנגען אריין צו קלאפּען די נעגעל.

„פערלוירען! פערלוירען!“ האב איך מיר געטראכט.

דיר איז געװאָרען װעהר שלעכט צו מוטה, און איך האב געפלוכט דיא גאנצע װעלט.

מען האט דאן שנעל אריין געקלאפּט אלע נעגעל ארום, און יעדער האמער־שלאג, האט מיר אויסגעזעהען װיא דער װידער־קול פון קבר.

„אדיע װעלט !" האב איך מיר געטראכט, „זייא מיר פערפלוכט מיט אלע דיינע מענשען און מיט דיין גאנצער װיסענשאפט. איהר טויגט אלע אויף איין כפרה. אָט נעהמט מען א לעבעדיגען מענשען און מען לייגט איהם אריין אין דער ערד, אָהן דער מינדעסטער אורזאכע"

װען איך װאָלט געקענט, װאָלט איך דאמאלס ביטער געשמייכעלט אויף מיין נארישען פלוך.

„װעמען פלוך איך ?" האב איך מיך געפרעגט, „און װאס ניטצט דער גאנצער פלוך. א גרויסער אידישער קעניג האט אמאל געזאגט, אז עס איז בעסער א לעבעדיגער הונד אלס א טויטער לייב. איך בין ניט מעהר װיא א טויטער דארפס־שרייבערל, און דיא לעבעדיגע הינט — דיא מענשען — קימערן זיך שוין אום מיר װיא אום דעם פאריאָהריגען שנעע."

פערמאכט, פערקלאפּט און פערזיגעלט ! אזוי בין איך יעטצט געלעגען. דיא שטימען ארום מיר האבען געקלונגען שװאך און דומפּף, און איך האב זייא נאך קוים געהערט.

װען מען האט מיך אויפגעהויבען מיט דער טרונע, האב איך ניט געװאוסט, אָבער דאס לעטצטע װאָרט װאס איך האב נאך געהערט פון דיעזען צימער, איז געװען, װען מאדאם גאבען האט געשפּראָכען מיט איהר קװיטשענדיגען קול :

„זייט נאָר פאָרזיכטיג ; לאנגזאם װיא איהר געהט ארונטער דיא טרעפּען. גיבט אכטונג אויף דער פארענטשע בייא דיא טרעפּען פון דעם צװייטען שטאָק, דאָרט איז אַלעס זעהר שװאך, איהר קענט נאך פאלען מיט דער טרונע."

דאן האב איך אָנגעהויבען צו שפּירען, אז מען טראָגט מיך, און מיר האט זיך דאמאלס געדאכט, גלייך װיא איך װאָלט געשװאומען אויף דיא װיטהענדע כװאליעס פון דעם שטירמישען ים.

אָבער פון דיעזען מאָמענט אָן, האב איך מיך שוין ניט געקענט אזוי פעסט האלטען אן מיינע געדאנקען װיא פריהער. איך עראינער מיך בלויז, אז עס איז מיר געקומען דיא נארישע אידעע, איך זאָל אויפּפּאסען, װען מעגליך, װאוהין מען טראגט מיך, דאמיט איך זאָל װעניגסטענס װיסען װאו מען בעגראָבט מיך.

צו וועלכען צוועק איך האב דאס געוואָלט וויסען, קען איך אליין ניט ער־
קלערען.

אין פאריז איז מיר קיין שטראַסע געווען בעקאַנט. איך האב אויך ניט גע־
וואוסט, וואו די גרויסע בית־עלמין'ם געפינען זיך, פון וועלכע איך האב אמאל
געהערט נאך זייענדיג אין מיין שטעטעל. אָבער טראָטץ דעם אַלעמען, האב איך
געזאַמעלט אלע מיינע גייסטיגע קרעפטע אום אויפצופאסען, אויב מען טראָגט מיך
רעכטס אָדער לינקס.

איך האב געהערט ווען מען האט מיך מיט דער טרונע אריין געררוקט אין
טויטען־וואָגען. דאַן האב איך געשפירט וויא די פערד מיט די רעדער זיינען גע־
לאָפען איבער דעם גלאַטען אספאלט.

ארום־און־ארום האבען די וועגען געמאכט פלאַטץ, און דער דומפּפער גע־
רויש פון די מענשען אויף דער גאַס, האבען געגרייכט ביז אין מיין טרונע. דאַן
האב איך פערשטאַנען, אַז מיר זיינען געבליעבען שטעהען פאר א קירכע, דען איך
האב געקענט דאַמאלס הערען וויא די גלאָקען האבען געקלונגען.

אין דערזעלבער צייט האב איך ווידער געשפירט וויא מען שלעפּט מיך
ארויס מיט דער טרונע.

מען האט מיך וואהרשיינליך נאך אמאל געטראגען, דען דאס פריהעריגע
געפיהל פון שווימען, איז ווידער ערשיענען. דאַן איז אלעס שטיל געוואָרען ארום
מיר, און איך האב געקענט הערען וויא דער ווינט האט בעוואויגען די בלעטער
פון ביימער.

איך האב פערשטאַנען, אַז מען האט מיך אריין געבראַכט אין הויף פון דעם
בית־עלמין, וואו דער שטילער טויט שטרעקט אויס זיינע קאַלטע אָרעם און נעהמט
אויף יעדען גלייך.

איך האב געהערט שריטע הינטער מיר און אָרום מיר. דאַן האב איך דער־
קענט סימאָנאָ'ס שטימע.

„דאָך, דאָך," האב איך מיר געטראַכט, „א שטיקעל אנשטענדיגער מענש.
ער האט עס געפונען פאר נעטהיג מיך צו בעגלייטען צו מיין לעטצטער רוה."

אָבער נאכהער איז אין מיר ערשיענען די אידעע, אַז ער טהוט עס ניט
צוליעב מיר.

„צוליעב מיר?" האב איך מיך געפרעגט. „געוויס ניט! וואס קימערט איהם
א־ין אונבעקאַנטער טויטער? ניין, ער טהוט עס צוליעב איהר, צוליעב מארגערים'ן,

ווייל זיא האט זיך אום מיר זעהר געערגערט. יעטצט וועט ער זעהען וויא מען לייגט מיך אריין אין דער ערד, או ער וועט דאן צוריק קעהרען אין האָטעל, דאָרט וואו מיין מאַרגעריט געפינט זיך, און זיא וועט איהם שוין בעלוינען דאפיר מיט איהר שעהנהייט, מיט איהר קערפער."

אַלעס איז מיר שוין געוועזן גלייכגילטיג, אָבוואָהל עס איז מיר שווער געוועזן צו גלויבען אויף מאַרגעריט'ן, וועלכע האט געצייגט אזוי פיעלווירקליכען טרויער נאך מיר.

דאַן האב איך געהערט זינגען, און צום שלוס האט א גייסטליכער געמורמעלט א לאַטיינישען שפּרוך.

אַלעס איז וויעדער שטיל געוואָרען, ביז איך האב דערפיהלט, אז מען פאַנגט אָן אַרונטער צו לאָזען דיא טרונע מיט מיר. דער שלוס איז געוועזן א קורצער פאַל פון מיר מיט דער טרונע אין קבר.

אַלעס פאַראיבער!

דאַן האט עס אָנגעהויבען שרעקליך צו קראַכען ארום מיר; איבער מיין קאָפּ, ברוסט, בויך און פיס. איך האב אויך געשפירט, וויא שטיקלעך שטיין און ערד, זיינען געפלויגען דורך דיא שפּאַלטען אין דער טרונע.

דאַן בין איך געבליעבען ליעגען אָהנמעכטיג.

איידער איך האב פערלוירען דיא בעזינונג, האב איך געשפירט א טומלען, און איך האב גערעכענט, אז דער טויט קומט.

אין דער גאַנצער צייט וואס איך האב געלעבט, האב איך ניט געשפירט אזא פערגניגען וויא אין יענעם מאָמענט. דער טויט! דער טויט! אַך, וויא איך האב נאך איהם דאמאָלס געביינקט!

4.

וויא לאַנג איך בין אזוי געלעגען, אָהנמעכטיג, דאס איז מיר אונמעגליך צו בעשטימען. עס האט פיעללייכט געדויערט 10 שטונדען אָדער 30 שטונדען; איך ווייס ניט.

עס איז דיא צייט ווען מען רוהט אין גרויסען גאָר־ניט, אין ניט־זיין, אין ניט־עקזיסטירען, און איין אייבינקייט קען מען רעכענען פאַר א סעקונדע, אָדער א סעקונדע פאַר איין אייבינקייט. וואס איז דער אונטערשיעד? איך בין שוין געוועזן טויט, און וויא לאַנג מיין אונבעוואוסטזיין האט געדויערט, קען ניט בעקימערן קיין פרעמדע און אויך ניט מיך.

לאנגזאם, לאנגזאם, האט דאַן מיין בעזינונג אַנגעפאַנגען צוריק צו קעהרען. איך בין נאָך אימער געלעגען אַזוי געלעהמט און שטייף וויא פריהער, אָבער איך האב אָנגעהויבען צו חלומ'ן.

עס איז געווען א מערקווירדיגער חלום.

מיר האט זיך געדאכט, אז איך בין נאָך אין מיין שטעטעל גערוֹאנד, און מיין פרוי ווארט אויף מיר אין דער היים. דאַן, וויא דער שטייגער איז אין א חלום, האט זיך מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין זעהר ווייט פון מיין פרוי, נאָר ווייל איך וויל זעהר זיא זעהען אַזוי שנעל וויא מעגליך, האב איך מיך אויפגעזעטצט אויף דער באהן און בין אהיים געפאָהרען.

וויא דער צוג איז אריין אין דעם טונעל פאַר מיין שטעטעל, האט זיך פלוצלינג דערהערט א קראַך, וואס האט אויסגעזעהען גלייך וויא דער הימעל וואָלט ארויף געפאלען אויף דער ערד.

דיא אורזאכע פון דעם פירכטערליכען קראַך, האט זיך מיר באלד ערקלערט אין חלום: דער טונעל האט צוזאמענגעשטירצט, און בעגראָבען אלעס אונטער זיך אונזער צוג איז צוזאמענגעדריקט געוואָרען פון א גרויסען בארג שטיינער.

דאַן האט אָנגעפאַנגען א לאַנגער און שרעקליכער טויטעס־קאמפף. קיין האָפנונג אויף הילפע, האט מען נים געקענט זעהען. מיר האבען אויסגערעכענט, אז עס דאַרף דויערן וועניגסטענס א מאָנאט, אום דיא מענשען אויבען, זאָלען דורכ־ברעכען דעם טונעל, און גרייכען ביז צו אונז.

מיר האבען פערשטאַנען, אז מיר זיינען געפאַנגען אין אזא געפענגנים, פון וואַנען מיר קענען זיך נים בעפרייען, און דער טויט מוז פריהער אָדער שפּעטער אונז עמפפאַנגען.

איך געדענק יעטצט, אז נאָך זייענדיג אונטער דיא לעבעדיגע, האט זיך מיין פאַנטאזיע זעהר אָפט בעשעפטיגט מיט אזא מין בילד; איך פלעג עס מיר דאַ־מאָלס פאַרשטעלען, אז אונגעפעהר זאָוואס דאַרף פאסירען, ווען דער טונעל זאָל צוזאמען שטירצען.

יעטצט, אין מיין פינסטערן חלום פון דעם קבר, האב איך פאַר מיר געזעהען אָדער געשפירט, מענער, פרויען, קינדער און אַלטע לייט, איבער הונדערט פער־זאָנען, און אלע האבען מיר געמוזט מהיילען איין שיקזאל.

אין צוג איז געווען אפילו אביסעל שפּייז, אָבער דאס האט זיך באלד אויס־געלאָזען, און איידער מיר האבען גערייכט דיא שטופע, ווען איינער זאָל אויפפרעסען

יעם צווייטען, האבען מיר זיך פאַרלויפיג אַנגעפּאַנגען צו רייסען וויא פערהונגערטע הינט, איבער דיא לעטצטע פּאאר ביסענס ברויט וואס זיינען נאך צוריק געבליעבען.

איך האב פאר מיר געזעהען איין אַלטען מאַן מיט א גרויסער באָרד, וועלכען מען האט מערדעריש אוועק געשליידערט אויף א זייט און באַרבלענדיג פון זיין האַלז, איז ער געפּאלען צו דער ערד אין א שטערבענדען צושטאנד; א מוטער, וועלכע האט געקעמפפט מיט דעם מוטה פון א לייבין צו פערטהיידיגען א פּאאר שטיקלעך ברויט פאר איהרע דרייא קליינע קינדער, איז אומגעפאלען צערטרעטען פון דער ווילדער מאסע.

אין איין וואגאָן איז געלעגען א יונגער מאַן מיט זיין יונגער פרוי, ניט לאַנג פערהייראטעט.ביידע האבען זיך געהאלטען פעסט אומארמט, און זייא האבען זיך שוין מעהר ניט געריהרט פון דער שטעלע. זייא האבען ערווארטעט אזוי צו שטארבען און זיך מעהר ניט שיידען.

דיא אַנדערע וואַגאָנען זיינען געוועזען לעדיג; דיא פּאסאזשירע זיינען ארויס, און וויא הונגריגע וועלף, זיינען זייא ארום געגאנגען זוכען עפּעס צו רויבען.

אלע קלאסען האבען זיך אויסגעמישט. וואהרע גלייכהייט האט געהערשט. איך האב געזעהען א רייכען מאַן, זעהר א הויכער בעאמטער, אומארמענדיג א פּראָסטען ארבייטער, וויינענדיג אויף זיין האַלז, און איהם רופענדיג „מיין ברודער." דאס האט מיך אביסעל דערפרייט, און איך האב מיך געטראכט, אז דער טויט וועלבסט האט אויך זיין גוטע זייט, דען אויף דער שוועל פון קבר ווענינגסטענס, קען הערשען וואהרע ברידערליכקייט. דאס אינטערעסאנטסטע איז אָבער געווען, וואס נאָר דיא רייכע, וואָהלהאבענדע און גוט־אַנגעפרעסענע, האבען זיך אזוי שטארק געשראָקען פאר דעם הונגער־טויט. דיא פּאאר פּראָסטע ארבייטער, זיינען געוועזען, פערהעלטניסמעסיג, גאַנץ רוהיג. איך האב מיר דאמאלס געטראכט, אַז דאס איז דערפאַר, ווייל דער אָרימאַן געוועהנט זיך צו צום טויט כל־זמן ער לעבט, דורך דיא צרות וואס ער מוז ליידען, וועהרענד דער רייכער און וואָהלהאבענדער, ווייס נאָר פון לעבען און פערגניגען, און דער טויט איז בייא איהם א נייע און אונגעוועהנליך שרעקליכע זאך.

וויא דאס אונגליק איז נאָר געשעהען, זיינען אלע לאָמפּען אויסגעלאָשען געוואָרען און דאס פייער פון דעם לאָקאָמאָטיוו איז אויסגעגאנגען. מען האט ערשט שפּעטער אָנגעצונדען א פּאאר ליכט, און דיא שוואַכע שטראאלען האבען געוואָרפען פון זיך א נייסטערהאפטען שיין איבער דער שרעקליכער חורבה. אויף מאנכע

פלעמצער איז עס אבער נעווען אזוי פינסטער, אז מען האט נעמוזט טאפען דעם יוענ אום מען זאל נית פאלען.

קיין זאך האט נעקענט אויסזעהען שרעקליכער וויא דיעזער צוג אונטער דער ערד, וויא אזוי פיעלע מענשען זיינען בעגראבען געווארען לעבעדינערהייט, און גע־קוקט דעם טויט אין געזיכט, איהם ערווארטענדיג יעדען אויגענבליק.

דער שוידערהאפטער חלום, איז געווען א מערקווירדיגע דייטליכע פאנטאזיע. איך האב איינגעזעהן אלע איינצעלהייטען פון דעם בילד. שרעקליכע געשרייען האבען דורכגעשניטען דיא דיקע פינסטערניש.

פלוצלינג האבען מיר דערשפירט א שוידערהאפטע קעלט און דאן א גרויסען מאנגעל אין לופט, ביז צום ערשטיקען.

וויט איך לעב איז מיר נאך נית אזוי קאלט געווען, און עס האט זיך מיר גע־דאכט, אז א מאנטעל פון אייז ליעגט אויף מיינע שולטערן. אין מיין געהירן האט עס געוויטהעט און געפיעבערט, און מיין הערץ האט אויסגעזעהען צו בלייבען שטיל. דאן האב איך געפיהלט אזא מאסע צודריקענדיג מיין ברוסט, אז עס האט מיר אויסגעזעהען, גלייך וויא א גאנצער בארג האט זיך אויף מיר אנגעלייגט. דיא לאסט איז יעדעס מאל געווארען שווערער און דריקענדער, און איך האב פאר מיר געזעהן א טויט פון צערשמעטערט ווערען און דערשטיקען.

אויף איינמאל האט אבער אויסגעקלונגען א פריידענגעשרייא.

זייט א היבשער צייט האבען מיר געהערט עפעס א גערויש פון זעהר ווייט, און מיר האבען דערפון בעגרייפט, אז מען ארבייט פיר אונזער בעפרייאונג, און הילפע איז נאהענט.

אבער דער פריידענגעשרייא, האט זיך ארויס געוויעזען, איז נית געקומען פון דרויסען, זאנדערן איינער פון אונז, האט אין טונעל ענטדעקט א קליינע שאכטע אדער עפנונג, און מיר האבען אלע אנגעהויבען אהין צו לויפען

דיא נאכריכט האט זיך דערוויל פערברייטעט, אז עס גיבט דארט איין אויס־וועג צור פרייהייט.

ניעמאנד קען זיך פארשטעלען דיא פרייד וואס מיר האבען געהאט ווען מיר זיינען אהין צוגעקומען, און ערבליקט איבער אונזערע קעפ א בלויען פלעק.

א בלויער פלעק! דער בלויער הימעל!

מיר האבען זיך געשטעלט אויף דיא שפיטץ פינגער, אום, וויא עס שיינט, מיר זאלען קענען נעהנטער און בעסער קוקען צום הימעל.

יא, דער הימעל! דאס איז געווען דער הימעל, וועלכען מיר האבען געזעהען דורך א גאנץ שמאָלער עפנונג אין דעם שווארצען טונעל.

„גערעטעט! גערעטעט!" האט יעדער אויסגעשריען אין אונבעשרייבליכער פרייד. דאן האבען מיר אויסגעשטרעקט דיא הענד צום בלויען הימעל, און מיר האבען אָ געפאנגען פירכטערליך צו שרייען.

דורך דעם גרויסען געשרייא, האב איך ערוואכט.

„וואו בין איך?" איז געווען מיין ערשטע פראגע.

„אין טונעל," האב איך מיר זעלבסט געענטפערט, לויט דעם טיעפען איינדרוק וואס דער חלום האט אויף מיר געמאכט.

איך האב אונטערדעסען געשפירט, אז איך ליעג אויסגעשטרעקט, און פון אלע זייטען רינגלען מיך ארום וועגט, גאנץ ענג איבער מיר. איך האב פראָבירט אויפצושטעהען, אָבער איך האב מיר געגעבען א שטארקען קלאפּ אין קאָפּ.

„וואס זאָל דאס זיין?" האב איך מיך געפרעגט. „וואו איז דער בלויער הימעל־פלעק?"

אלעס איז געווען פערשוואונדען, בלויז טיעפע פינסטערניש האט בענעגענט מיינע אויגען. איך האב שטארק געליטען פון מאנגעל אין לופט, און עס האט מיר געקלאפּט א צאָהן אן א צאָהן פון קעלט.

אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, און דיא קלארהייט איבער מיין צושטאנד האט צוריק געקעהרט. איך האב מיך עראינערט אן אלעס וואס עס איז געשעהען.

מיינע האאר האבען זיך בוכשטעבליך געשטעלט קאפּויר, ווען דיא וואהרהייט פון מיין לאגע, האט דורכגענומען מיין קערפּער, וויא א בליטץ, פון קאָפּ ביז דיא פיס.

איך בין געלעגען אין קבר! בעגראָבען לעבעדיגערהייט! און איך האב ערוואכט פון דעם היהנער־פלעט!

„דער היהנער־פלעט! דיא לעהמונג!" האב איך מיר געטראכט, וועלכע האבען מיך אזוי פיעלע שטונדען געמאכט פארווירקליך טויט!"

איך האב ערוואכט; עס איז מעהר קיין צווייפעל געווע דאריבער, ווייל איך האב געשפירט, אז איך קען מיך בעוועגען. יא, איך האב געפיהלט מיט מיינע הענד דיא טרונע אין וועלכע איך בין געלעגען איך האב אויך געקענט בעוועגען מיט מיינע הענד און טאפּען ארום מיר דיא האָלצערנע ווענט פון דער טרונע.

אום מיך בעסער צו איבערצייגען, אז איך האב ווירקליך ערוואכט, האב איך געעפענט מיינע ליפען און אויסגעשפראָכען דעם נאמען „מארגעריט“.

מיין שטימע האט געקלונגען דומפף און פערשטיקט. איך האב מיר דער־שראָקען פאר מיר זעלבסט.

אָה גאָט, דאס איז אלזא דיא וואהרהייט!

יא, איך לעב, וויל איך קען מיך בעוועגען, רעדען און ריהרען.

אָבער ניעמאנד הערט מיך, ניעמאנד פערנעהמט מיין שטימע, איך בין בע־גראָבען, א בארג ערד ליעגט אויף מיר!

איך האב געמאכט א לעטצטע פערצווייפעלטע אנשטרענגונג צו בלייבען רוהיג און נאכדענקען איבער מיין צושטאנד.

„גיבט עס אירגענד א מיטעל לויז צו ווערען פון דאנען?“ האב איך מיך געפרעגט.

איך האב מיך ערַאינערט אן דעם חלום, און מיינע געדאנקען האבען זיך פערמישט. באלד האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין אין טונעל, אָבער דיא ווירק־ליכקייט איז שנעל ערשיענען, און מיר דערצעהלט, אז איך בין לעבעדיג בע־גראָבען.

איך האב געהאלטען דיא אויגען אָפען און געבליקט אין דער פינסטערניש, פיעלייכט וועל איך עפּעס דערזעהען. אָבער מעהר וויא טיעפע דונקעלהייט האב איך ניט געמערקט. קיין ליכט, קיין שטראהל, און קיין שיין.

דיא וואהרהייט פון מיין צושטאנד, האט זיך אלץ מעהר און מעהר אויפגע־קלערט. איך האב איינגעזעהען, אז איך מוז אנשטרענגען אלע מיינע גייסטיגע און קערפערליכע קרעפטען, ווען איך וויל מיך רעטען.

דיא גרעסטע געפאהר האב איך געמערקט, איז אין דעם לופט־מאנגעל, וועלכע האט מיך געהאלטען אין שטיקען.

זאָלאנג איך בין געלעגען אין היהנער־פלעט, האב איך, וויא עס שיינט, גע־קענט עקזיסטירען אָהן לופט, אָבער יעטצט, וויא מיין הארץ האט ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו קלאפען און מיינע לונגען צו אטהמען, מוז איך פּאָזיטיוו דערשטיקט ווערען, ווען איך וועל קיין לופט ניט האבען.

דערבייא האב איך פירכטערליך געליטען פון דער קעלט, וועלכע האט אויסגעזעהען צו לעהמען מיין קערפּער, אָדער, וויא מענשען שפּירען איידער זייא ווערען פערפרוירען. איך האב עס אמאל געהערט דערצעהלען, אז מענשען, איידער

זייא האבען געזונקען אין שנעע און פערפרוירען געווארען, האבען זייא געפיהלט א מיעדקייט און איין אונגעהייערע פוילקייט אין גאנצען קערפער. מיט מיר איז אויך געווען דאסזעלבע.

וועהרענד איך האב מיר אלץ איינגערעדט צו בלייבען רוהיג און געדולדיג נאכדענקען איבער דעם נעבסטען שריט, האב איך אויך געמוזט איינזעהען, אז איך בין נאהענט צו־פערלירען מיין פערשטאנד.

איך בין געווען וואך, איך האב מיך געקענט ריהרען און בעוועגען, און דאך בין איך געווען טויט און בעגראבען.

דאס געפיהל פון לעבען, פון עקזיסטירען, פון געניעסען גליק מיט דער וואס איך האב געליעבט, און דיא פערצווייפעלטע לאגע, האט מיך שרעקליך גע־מארטערט.

„מארגעריט !" האב איך וויעדער געמורמעלט, און איך האב מיך נאך אמאל דערשראקען פאר מיין אייגענער שטימע.

אבער דער געדאנק אן מארגעריט, אן מיין געליעבטע פרוי, אז עס איז מעגליך איך זאל זיא נאך אמאל האבען און וויעדער בעזיטצען, האט מיר געגעבען אביסעל מעהר מוטה אום צו זוכען א מיטעל מיך צו בעפרייען.

דאמאלס איז מיר איינגעפאלען א אידעע, וועלכער איך האב צו פערדאנקען מיין רעטונג, זאנסט, בין איך זיכער, אז איך וואלט מיין קאמפף אויפגעגעבען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. איך האב געוואוסט גאנץ גוט, אז אזא אָרימאן וויא איך בין, האט מען ניט בעערדיגט אין א רעגע מעסינגען קבר.

פערשטעהט איהר, אָרימע לייט, איז עס ניט ערלויבט פאר בעקוועמליכקייט אפילו נאך׳ן טויט, ווען איך וואלט געווען איין עושר, וואלט מען פאר מיר אויסגע־גראבען א גרויסען און טיעפען קבר, מיך אריין געלייגט וויא עס בעדארף צו זיין און פערשאטען. אבער אזוי וויא עס איז פיין געלד ניט געווען און מען האט זיך געמוזט פערלאזען אויף סימאנא׳ס יושר, האב איך פאזיטיוו געוואוסט, אז מען האט מיך געוויס אויך אזוי בעגראבען, וויא מען טהוט מיט פיעלע אנדערע אָרימע לייט.

איך מוז דא ערקלערען וואס איך מיין : איך געדענק, דאס נאך זייענדיג אין מיין שטעטעל, האט מען דערצעהלט, אז אויף א בית־עלמין פיר קבצנים אין פאריז, געפינען זיך קברים־רייהען, דאס הייסט, א גרוב וואוהין מען לאזט נאר ארונטער דיא טרונעס און מען פערשיט זייא מיט אביסעל ערד, כדי צו פערשפארען פיעלע ארבייט. איך האב מיר אויך ערינערט, אז מען האט מיר דערצעהלט, דאס דער

צופוסענס פון אזעלכע קברים, קומט וויא געוועהנליך אויס כמעט גאנץ אונבעדעקט. ווייל דער קבר ווערט געגראָבען פון פריהער אין דער זייט פון א בערגעל.

„אך," האָב איך מיר געטראַכט, „ווען דאס זאָל זיין דער פאַל, דאַן איז מיין רעטונג נאָהענט!"

יא, מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז אזוי איז עס, אָבער דיא וויכטיגע פראגע איז יעטצט ענטשטאנדען:

„וויא אזוי ווערט מען לויז פון דער טרונע? וויא קען מען אויסברעכען דעם דעק פון דיעזען קאסטען?"

דיא אידעע, אויב איך וועל האבען גענוג קראפט דאפיר, איז מיר גאר ניט איינגעפאלען.

בייא מיר איז עס פאָרגעקומען זעלבסטפערשטענדליך, אז אין מיין פערצווייפלונג, וועל איך געוויס בעזיטצען דיא גרעסטע ריעזען־קראפט.

איך האב ווידער אָנגעפאנגען צו טאפּען ארום מיר אין דער טרונע, אום בעסער בעקאנט צו ווערען מיט מיין לאגע. דיא טרונע איז געוועזען זעהר גרויס, זא דאס איך האב געקענט גאנץ לייכט בעוועגען מיט מיינע הענד.

אין דעם דעק אליין, האב איך קיין שפּאלט ענטדעקט. לינקס און רעכטס זיינען דיא ברעטער פון אינווענינג, געוועזען אפילו זעהר שלעכט בעהאָקט אָדער בעהובעלט, אָבער דאָך זעהר שטארק און פעסט.

איך האב צוזאמען געלייגט מיינע הענד אויף מיין ברוסט, כדי איך זאָל זייא נאכדעם קענען ארויף ברענגען איבער מיין קאָפּ. איך האב דאָרט ענטדעקט א ברעט, וואס האט זיך נאכגעגעבען צום דריק פון מיינע הענד. איך האב געארבייט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג, און עס איז מיר געלונגען ארויס צו שטופען א שטיק ברעט.

ענדליך האב איך אויך געגרייכט מיט דער האנד אין דער לויזער ערד, און טאפּענדיג ווייטער, האב איך ענטדעקט, אז דער פלאטץ איז ניט פרייא.

איך בין נאך אמאל געוועזען פערצווייפעלט, און איך האב פּראָבירט אויפצוברעכען דיא דעק. מיט דער גאנצער קראפט פון מיינע הענד האב איך אָנגעפאנגען צו שטופען און דריקען דיא ברעטער. איך האב געשפּירט וויא גרויסע טראָפּענס שווייס קומען ארויס אויף מיין געזיכט. אָבער איך האב אונטערדעסען פאָרווערטס געארבייט.

דריקענדיג און שטופענדיג ווייטער, האב איך איינגעזעהען, אז מיין מיה איז

אומזיסט, דאס איך קען דיא דעק ניט ריהרען פון פלאַטץ; זיא איז געווען צו פעסט צוגענעגעלט.

דאן האב איך געשפירט א נאַסקייט אויף מיינע הענד, און איך האב געטראַכט, אז דאס איז שוויס. אום זיך בעסער צו איבערצייגען וואס דיעזע נאַסקייט איז, האב איך צוגעפיהרט דיא האַנד צו מיין מויל און לעקענדיג, האב איך אויסגעפונען, אז עס איז געזאַלצען און קלעפּעדיג.

„בלוט!" האט איך געמורמעלט צו מיר אליין.

מיין ערביטערונג האט געוואקסען און מיין צאָרן האט געשטיגען. איך האב אָנגעפאַנגען צו שרייען, יאמערן און קלאָגען, און קלאַפּען מיט דיא הענד אין דיא האַרטע ברעטער.

דיעזער אויסברוך האט געדויערט בלויז א פּאאר מינוטען, און איך בין דאן געבליעבען ליעגען ענטקרעפטעט און מאַכטלאָז; איך האב מיך מעהר ניט געקענט ריהרען פון דעם פּלאַטץ.

איך האב אויסגעבראָכען אין א שטילעס געוויין, און, וויא יעדער פיינלינג, האב איך בעדויערט און געפלוכט מיין שיקזאל.

עס האט ניט פיעל געדויערט און איך האב מיך אָנגעהויבען צו שעהמען פאר זיך זעלבסט. איך האב באַלד אויפגעהערט צו וויינען און שרייען, און בעשלאָסען רוהיג צו קעמפּפען פאָרווערטס, ביז איך וועל ענטוועדער זיעגען אָדער פאַלען.

„דאס איז דיא פליכט פון יעדען מענשען," האב איך מיר געטראַכט, „צו קעמפּפען מיט זיין שיקזאל אַזוי לאַנג, ביז דיא ענטשיידונג קומט אַהין אָדער אַהער. נאָר א שוואַכלינג וויינט, נאָר א דומקאָפּ קלאָגט און טהוט גאר ניט. א מענש מיט פערשטאַנד זאָל קעמפּפען געגען דעם ביטערסטען שיקזאל אַזוי לאַנג, ביז ער געפינט ענטוועדער ערלייכטערונג אין זיין צושטאַנד, אָדער ער ברעכט צוזאַמען אונטער דער לאַסט פון זיין ביטערן מזל."

דאַכט זיך זעהר א גוטער ענטשלוס, אָבער ער האט ניט פיעל געדויערט, און איך האב באַלד געהאַנדעלט געגען מיין טהעאָריע. שטופּענדיג און דרענגענדיג עטליכע מינוטען דורכאַנאַנד אָהנע ערפאָלג, בין איך וויעדער ערבימערט געוואָרען, און איך האב אָנגעפאַנגען צו קראַטצען מיט דיא נעגעל, און דאן אויך געביסען מיינע הענד מיט דיא צייהן.

איך האב בייא מיר אויסגעזעהן וויא א געפאַנגענער וואָלף.

אונטערדעסען איז דיא געפּרעסטע לופט געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אונערטרעגליך, און איך האב געזעהן, אז מיין וואַהרע ענדע איז ניט וויט.

דער הונגער, דיא קעלט און דיא פערצווייפלונג האבען מיך גענצליך ענט קרעפטעט, און איך בין געבליעבען ליעגען טראכטיענדיג:

„וואס טויג מיר קעמפפען אהנע נוטצען? איך וועל בעסער בלייבען אזוי רוהיג ליעגען און ערווארטען מיין טויט.“

עס איז וויעדער געוועזען געפלוידערט. א מענש וואס וויל לעבען און ער פיהלט נאך אין זיך עפעס לעבען, קען נים בלייבען רוהיג אום צו ערווארטען דעם טויט.

נאכדעם וויא איך בין אבגעלעגען א דרייא אדער פיער מינוטען האלב אהנמעכטיג, האב איך מיך דערמאהנט, אז נאך איין זייט פון מיין טרונע איז געבליעבע אונפראבירט. דאס איז דער טהייל בייא מיינע פיס.

„ווירקליך,“ האב איך מיר געטראכט. „מען מוז נאך זעהען דא פראבירע. פיעללייכט איז ווירקליך דער פלאטץ דארט לעדיג און איך בין נאהענט צו מיין בעפרייאונג?“

דאס האט אין מיר ארויס גערופען נייעם מוטה און פרישע קרעפטען. איך האב אויסגעשטרעקט מיינע פיס, מיט דער אבזיכט צו גרייכען דעם ניעדריגען טהייל, אבער דיא טרונע איז געוועזען צו לאנג, און איך האב נים געפיהלט דיא ברעטער מיט מיינע פיס.

איך האב מיך אנגעפאנגען ארונטער צו רוקען, ביז איך האב גערייכט דיא ברעטער. איך האב דאן איינגעזעהען, אז אויף דיעזער ארט, וועט מיר אויך זיין לייכטער ארויס צו שטופען דיא ברעטער, ווייל ערשטענס האב איך מעהר קראפט אין דיא פיס וויא אין דיא הענד, און צווייטענס האב איך אויף וואס זיך אנצושפארען.

איך האב געשטופט און געדריקט מיט אלע מיינע קרעפטען, ביז איך האב אנגעפאנגען צו שפירען, אז דיא ברעטער פאנגען זיך אן נאכצוגעבען. נאך איין נוטע אנשטרענגונג, נאך איין נוטען דריק, און דער דעקעל איז געוועזען ארויס געדריקט.

דערצו האב איך אויך געשפירט, אז דאס שטיק ברעט, איז ארויס זעהר לייכט, אדער לייכטער וויא איך האב מיר פארגעשטעלט.

אום קיין צייט צו פערלירען, האב איך באלד מיך ארונטער גערוקט מעהר. מיט מיינע פיס האב איך געשפירט לויזע ערד. איך האב וויטער געדרונגען ביז איך האב פלוצלינג דערפיהלט א שטראם פרישע לופט אריין בלאזענדיג. דאן האב איך געפיהלט מיינע פיס זיך בעוועגענדיג אין דער פרייהייט

„געראטען! געראטען!“ האב איך אויסגעשריען.

עס האט ניט פיעל געדויערט און איך בין מיט די פיס פאראויס, ארויס געקראכען פון דער טרונע און געבליעבען ליעגען אויף דער ערד.

ארום מיר איז געווען אלעס דונקעל, אבער אויפהויבענדיג מיינע אויגען, האב איך בעמערקט דעם טיעף־בלויען און אויסגעשטערנטען הימעל.

די פרייהייט! די פרייע לופט! דאס לעבען! די וועלט!

איך האב געעפענט מיין מויל און איינגעצויגען אזוי פיעל פרישע לופט, וויא נאר מעגליך. א ווילדע פרייד האט דורכגעשוועבט איבער אלע מיינע גליעדער, און איך האב געשפירט, אונווילענדיג, א געפיהל פון לאכען, בייא וועלכען די טרערען זיינען מיר געקומען אין די אויגען.

מיט די אויגען ארויף צום בלויען הימעל, בין איך געלעגען א היבשע צייט און ניט געוואוסט גענוי וואס עס טהוט זיך מיט מיר. דאן האב איך געבליקט ארום מיר, און דערזעהענדיג איינינע ווייסע מארמאר־מצבות, האב איך מיך דער מאהנט, אז איך געפין מיך אויף דעם בית־עלמין.

די פערגאנגענהייט האט וויא א שאטען דורכגעשוועבט דורך מיין פאנטאזיע, און אין מיינע אויערן האבען גערוישט די בוימער, געפאטשט פון א לייכטען ווינט

איך האב מיך אנגעפאנגען אויפצוזעטצען און דאן מיך אויפגעהויבען. בייס שוואכען שיין פון די שטערען, האב איך בעמערקט, אז איך טראג מיין שווארצע חתונה־אנצוג, און איך האב געזעהען וויא ער איז פערשמירט און אויף א פאאר פלעטצער צעריסען.

דאס האט מיך זעהר געערגערט. איך האב אבגעטרייסעלט דעם שטויב פון מיר, און פראבירט זיך גוט אויסצוקוקען פון אלע זייטען, אום צו בעמערקען עפעס א וועג וויא אזוי ארויס צו קומען.

אין דערזעלבער צייט האב איך געשפירט וויא דער שרעקליכער הונגער איז פעעשוואונדען, און איך זאמעל מיט יעדער מינוט מעהר קרעפטען, דאטיט וואס איך אטהעם איין די פרישע לופט

„אבער וואוהין געהט מען?“ האב איך מיך געפרעגט.

„צו מארגעריט'ן!“ האב איך מיר זעלבסט געענטפערט, און א געפיהל פון גליק האט מיך בעהערשט. עס האט אבער ניט פיעל געדויערט, און דיעזעס גליקליכע געפיהל איז פערשוואונדען, ווען איך האב מיך דערמאהנט, וואס עס איז פארגעקומען צווישען מארגעריט'ן און סימאנא.

דיא אייפערזוכט האט מיר פערקלעמט מיין הארץ.

אָהנע צו וויסען וואוהין, האב איך אָנגעפאנגען לאנגזאם צו געהן פאָרוועדטס. איך בין געוועזען אין א מין טהאָל, וועלכער איז געוועזען בעוואַקסען מיט בוימער פון ביידע זייטען. איך בין אַלזאָ געגאנגען אין דיעזער ריכטונג, ביז איך בין צוגעקומען אויף איין פלאטץ, וואו איך האב בעמערקט א באנק שטעהענדיג הינטער א בוים.

איך האב מיך דערנעהנטערט און געזעטצט, מיט דער אבזיכט נאכ־צודענקען.

איך בין אזוי געזעסען היבשע עטליכע מינוטען, און עס איז מיר אייננעפאלען דיא אידעע אויסצורעכענען וויא לאנג איך האב געקענט אזוי ליעגען אין היהנער־פלעט. אָבער עס איז מיר אונמעגליך געוועזען צו בעשטימען.

פלוצלינג האב איך אויפגעציטערט. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזען, וואס איך האב געהערט וויא טריט און מענשליכע שטימען.

וויא נאריש און דום מיר זיינען! פאר וועמען האב איך געקענט מורא האבען? פאר טויטע אָדער פאר לעבעדיגע? דיא טויטע, האב איך געוואוסט, אז זייא קענען שוין ניט ארויס קריכען פון זייערע קברים, נאכדעם וויא עס האט מיך, א לעבעדיגער, געקאָסט אזוי פיעל מיה אום מיין ציעל צו ערדייכען. און פאר לעבעדיגע, ווארום האב איך בעדארפט מורא האבען? אז זייא וועלען מיך בעגנב'ענען אָדער בע־טריגען? איך האב דאָך קיין סו געהאט אין מיינע טאשען?

אָבער, וויא דיא זאך איז, זיינען מיר מענשען ענטוועדער אזוי געבוירען אָדער אזוי געוואָהנט, זיך צו שרעקען מייסטענטהיילס פאר נאר נים.

עס האט אָבער נים פיעל געדויערט, און איך האב מיך בערוהיגט. דיא שטימען זיינען געקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער, און אנשטאט דער שרעק, האט זיך אין מיר ערוועקט א נייגיעריגקייט צו ערפאהרען ווער דיא לייטע קענען זיין, וואס בעזוכען אזוי שפעט בייא נאכט א בית־עלמין.

זיך מערקענדיג, אז זייא קומען אין מיין ריכטונג, האב איך מיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון דער באנק און צוגעגאנגען ביז נעבען א צווייטען בוים, וואו איך האב מיך אוועק געזעטצט אויף'ן גראָז.

אין עטליכע סעקונדען ארום, האב איך אונטערשיידעט אין דער דונקעלהייט א מאַן מיט א פרוי, וועלכע האבען זיך געזעטצט אויף דערזעלבער באנק וואו איך בין געזעסען. דאַן זיינען פאַראיבער נאך איינינע סעקונדען, און אנשטאט ווערטער, האב איך געהערט א קושרייא.

ענדליך האט זיך געהערט א פרויען־שטימע:

„עס איז איין אויסגעצייכענטער פלאטץ.“

„געווים,“ האט ער געענטפערט.

„אהער קען אונז שוין דער דומקאפף, מיין מאן, ניט פערפאלגען.“

„ער וואלט געשטארבען פאר שרעק, הא, הא, הא!“ האט ער געזאגט לאכענדיג.

„עס איז א הערדליכע נאכט,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „אלעס איז אזוי שעהן און קיהל, ווירקליך בעסער וויא אין האטעל.“

„און מען פערשפארט אויך צו צוציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון דער נייגיעריגער מאסע. דאס גרינע גראז איז גראדע אזא ווייכעס בעט פיר א פער־ליעבטעס פאאר, וויא דיא פוך־קישען.“

דאן איז ווידער שטיל געווארען.

„אזוי בלייבט עס,“ האט נאך אמאל אנגעפאנגען דיא פרויענשטימע. „יעדען אבענד, אום 11 אוהר, וועלען מיר זיך בעגעגענען ביים איינגאנג אין קירכענהויף, און דאן זאל יעדער פון אונז פערשווינדען צווישען דיא בוימער, און זיך נאכהער בעגעגענען נעבען גרויסען שטיין.“

„יא, מיין טהייערע,“ האט ער געענטפער. „אבער, געליעבטע, וואס קען זיין דער תכלית?“

„וואס זאל זיין? דאס שיקזאל איז געגען אונז זעהר גרויזאם: דוא האסט א פרוי און איך האב א מאן; מיר קענען זיךביידע ניט שיידען פון זייא, און מיר מוזען אזוי פארטזעטצען אונזער אונגליקליכע ליעבע, ביז דאס שיקזאל וועט עפענען פאר אונז א וועג און אונז צייגען אונזער גליק.“

דאן האט דיא פרוי געווייגט און דער מאן האט זיא געטרייסט.

דאס געשפרעך האט זיך פערוואנדעלט אין א שטומער אומארמונג, א ברענענדע קושערייא און... זייא זיינען ביידע ארונטער פון דער באנק און זיך געלייגט אויף'ן גראז.

איך האב געלאכט צו מיר אליין פון דיעזער סצענע, און זיך פארגעשטעלט דאס לעבען און דעם טויט. וויא זייא געהען דא ארעם־אין־ארעם געשלאפען.

פון איין זייט זיינען געלעגען פערזשענדער מענשען און געשלאפען אין שוים פון דער ערד, וואו נויט, מאנגעל, זארג, פרייד, פערגניגען און ליעבע, עקזיסטירען ניט מעהר. דיעזע מענשען זיינען געווען אומארמט פון דעם קאלטען טויט, וועלכער פער־וואנדעלט אלעס אין גאר־ניט, אין ניט־זיין. פון דער אנדערער זייט ווידער, האט

דיך אָבגעשפּיגעלט דאס לעבען, דאס ווירקליכע לעבען מיט אלע דיינע ליידער־ שאַפטען.

דאס לעבען! וואס איז דאס לעבען? אָט דאס, האב איך מיר געטראכט, איז דאס לעבען: יענע צוויא מענשען, דער מאַן און דיא פרוי, וועלכע געניעסען געשטאָהלענע ליעבע, וועלכע פערגעסען אין דיעזען מאָמענט דיא גאנצע וועלט און לעבען נאָר פיר זיך אליין — יענע מענשען לעבען! דאס איז לעבען!

„לעבען!" האב איך געמורמעלט צו מיר אליין, „וואס איז ווירקליך לעבען? בעשטעהט דאס נאָר אין עסען, טרינקען און געניעסען דיא געשלעכטליכע ליעבע? אָדער האט עס נאָך איין אנדערע בעדייטונג אין זיך?"

זיטצענדיג אונטער דעם בוים, אויף'ן ווייכען גראָז, און בליקענדיג אין דער דונקעלהייט צו דעם מאַן מיט דער פרוי, וויא זייא געניעסען זייער פערגניעגען, האב איך מיך שטארק פערטראכט איבער דער פראגע פון לעבען.

איך האב מיך אליין געפרעגט, ווארום מיר טהוט באַנג נאָך דעם לעבען, אָדער ווארום, זיך געפינענדיג בעגראָבען לעבעדיגערהייט, האב איך אזוי שטארק געוואָלט לעבען.

„מילא, דאס לעבען איז פערשיעדען אונטער דיא מענשען, גראָדע וויא דיא מענשען זעלבסט זיינע פערשיעדע," האב איך מיך געטראכט. „אָבער יעטצט איז ניט דיא פראַגע איבער אַנדערע, זאָנדערן איבער מיר אליין. עס איז א טהאַטזאַכע, אז איך וויל ניט זיין טויט און איך ווינש צו לעבען. איך ווינש צו פיהרען, ווען ניט קיין בעסערעס, ווענינסטענס אזא לעבען וויא איך האב ביז יעטצט געפיהרט. גוט אלזאָ: וואס פאר א לעבען האב איך דען ביז יעטצט געפיהרט? וואס האט ענט־ האלטען מיין לעבען, נאָך וועלכען איך בין אזוי נייגיעריג דאס פאָרטצוזעטצען?"

מיין פערגאַנגענהייט איז מיר ווידער ערשיענען פאר מיינע אויגען, און איך האב אָנגעהויבען צו זוכען דאס פערגניעגען וואס איך האב גענאָסען. אָבער איך האב ניט ענטדעקט קיין פיעל פערגניעגע, און דאגעגען, האב איך אויסגעפונען א גרויסען ים צרות. מיין פערגניעגען, אייגענטליך, איז געווען דאס איינציגע, פון נאָך מיין הייראטה מיט מארגעריט'ן, ווען איך האב זיא געליעבט, וויא איך האב שוין א פאאר מאָל דערמאָהנט, ניט פון איהרעטוועגען, זאָנדערן פון מיינעטוועגען. דיעזעס פערגניעגען — אום מיך זעלבסט ניט צו נארען — איז בעשטאַנען אין דעם, וואס איך האב זיא אומארמט, צוגעדריקט צו מיין ברוסט און גענאָסען דיא פרוכט פון ליעבע

און ווייטער וואס נאך? נאר נים, איז געווען דער ענטפער.

איך האב מיך עראינערט אן דעם שלום פון דיעזער ליעבע. יא, מארגעריט האט מיך אויך ליעב געהאט, נאר וועהרענד איך בין נאך געלעגען פאר איהרע אויגען — טויט, וויא זיא האט געגלויבט — האט זיא זיך שוין, פיעל אדער וועניג, איבערגעגעבען צו א פרעמדען מאן.

„דאס בעווייזט אלזא,“ האב איך מיר געטראכט, „אז מארגעריט האט מיך געליעבט, גראדע וויא איך האב זיא געליעבט. זיא האט מיך געליעבט אום איהר פערגניעגען, און זא שנעל וויא איך האב שוין מעהר נים געקענט פערשאפען פון איהרעטוועגען פערגניעגען, האט זיא שוין געגעבען איין אנדערען דיא געלעגענהיים איהר צו פערשאפען דאסזעלבע פערגניעגען.

„פע! איין אבשייליכע וועלט!“ האב איך צו מיר געמורמעלט.

אבער אבשייליך אהין, אבשייליך אהער; דאס איז דאס לעבען, און נאך דיעזען לעבען בייגק איך און וועל עס ווייטער געניעסען מיט אלע זיינע קומפערייען, שמוטץ, אבשייליכקייט און זאגענאנטעס פערגניעגען, וואס שלעפט מיט א גאנצען שטראם מיט ביטערע צרות.

ווארום דאס איז אזוי? ווארום עס ווילט זיך דאך לעבען? האב איך פערשטאנען, אז אזוי וויא דיא גרעסטע פילאזאפען האבען עס נים געקענט פערענטפערן, וועל איך געוויס אויך נים קענען, און איך האב מיך צופריעדען געשטעלט מיט מיין אונוויסענהיים.

אלזא, נאר לעבען? קיין אונטערשיעד וויא עס איז, און וויא אזוי מען גע־ניעסט עס.

דיעזע אידעע האט מיך געמאכט גאנץ גלייכגילטיג און מיך אויף אזוי תיעל בערוהיגט, דאס זאגאר א טהייל פון מיין אלטען וויטץ און הומאר האבען צוריס געקעהרט, און איך האב מיך עראינערט, דאס מיט איינינע יאהר צוריק, האב איך אויך אין א גארטען, בייגעוואהנט איין עהנליכע געשיכטע, בייא נאכט, צווישען א מאן און א פרוי, אהנע זייא זאלען מיך זעהען, און דאמאלס האב איך געגעבען א הוסט, און זייא האבען זיך שטארק דערשראקען.

דיא מענשליכע נאטור איז א מערקווירדיגע, און טראטץ וואס איך האב ביז דאמאלס דורכגעמאכט, האב איך ווידער געוואלט געבען א הוסט, נאר מיין טרויעריגע לאגע איז מיר געווען צו שמערצהאפט. און דער חשק צו אזא שפאסען וויטץ, איז פון מיר פערשוואונדען.

איך האב געהערט וויא זייא האבען ווידער אמאל אָנגעפאַנגען צו רעדען, און איך, מיך אויפהויבענדיג לאַנגזאַם, האב איך אָנגעפאַנגען אוועק צו געהען מיט איין אַנדערן וועג, אָהנע זייא צו שטערען.

דער בית־עלמין איז געווען זעהר גרויס, און עס האט מיר גענומען איבער א האלבע שטונדע, ביז איך האב געגרייכט דעם פּאַרקען וואס האט ארויס געפיהרט אויף דער גאַס.

דאָרט איז געשטאַנען א באַנק, און זייענדיג זעהר שוואַך, האב איך מיך גע־מוזט זעטצען.

זיטצענדיג הינטער דעם שאַטען פון א בוים, האב איך מיך אָנגעשפּארט אויף דער פּאַרענטשע פון דער באַנק, און מיך אויסגערוהט.

אזוי וויא איך האב אָנגעפאַנגען צו דענקען איבער מיין צוקונפט, האב איך בעמערקט פון ווייטען אָנקומענדיג צווייא מענער, וועלכע האבען זיך אומגעקוקט איינינע מאל און געזוכט א פּלאַטץ וויא צו פערשווינדען פון דעם עלעקטרישע־ליכט וואס האט דאָרט אריין געשיינט. זייא האבען זיך ענדליך געזעטצט א באַנק ניט ווייט פון מיר און אָנגעפאַנגען א געשפּרעך.

„מיר איז עס געגאַנגען אויסגעצייכענט פון נאכמיטאג אָן,“ האט איינער געזאגט.

„דיא פּאָליצייא האט דיך ניט געטשעפּעט?“ האט דער אנדערער גע־פרעגט.

„ניין, דיא דומקעפּ האבען מיך ניט דערקענט. איך האב קונסטפּאָל צוגע־הינקט אויף מיין פוס, און דיא לינקע האנד האב איך פעסט געהאלטען אין בוזים הינטער דעם ראָק. דיא דאַמען וואס זיינען געגאַנגען אין טהעאטער פּאַרנאַכט, זיינען געווען זעהר גוטהערציג, און איך האב פון זייא געמאַכט גענויע 9 פראַנקס, און דיא דאַמען וואס זיינען פריהער ארויס פון דעם מאַסקען־באַלל, האבען מיר גע־געבען ניט ווייניגער פון 2 סו.“

„און וויפיעל האסטו געמאַכט צוזאַמען?“

„עפּעס איבער 21 פראַנקס.“

„דאס איז ניט שלעכט, נאָר איך האב געמאַכט גרעסערע געשעפטען.“

„ווירקליך?“

„איך האב בייא איין אויסלענדער ארויס גענומען א טאַשענבוך מיט 74 פראַנקס, און בייא א בויער, וואס האט זיך שטאַרק פערטראַכט אויף'ן אייפעל טהורם, האב איך ארויס גענומען 90 פראַנקס.“

„איסנעצייכענט! ווירקליך אויסגעצייכענט!" האט דער ערשטער אויסגע־רופען פול מיט בעגייסטערונג.

„אָבער צווייא געהיים־פּאָליציסטען האבען מיך פערפאָלגט א היבשע שטרעקע, און איך בין קוים לויז געוואָרען פון זייא. מעהר האט מיר ניט געפעהלט, נאָר ארע־טירט צו ווערען היינט אויף דער נאכט, וועהרענד מאָרגען מוז איך חתונה האבען מיט לואיזע'ן."

זייער געשפרעך איז דאן פאָרטגעזעטצט געוואָרען שטילער. און איך האב אָנ־געהויבען צו שפּירען דעם שרעקליכען הונגער צוריק קעהרען. עס איז מיר אונמעגליך געווען ווייטער צו זיטצען אויף איין פּלאַטץ, ווייל איך האב געשפּירט איינפאך וויא דער בויך ווערט מיר צוזאמען געצווינגען צו דעם רוקען.

מיך אויפהויבענדיג, האב איך פערשאַרזאַכט א לייכטען גערויש, וועלכער האט צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא צווייא מענער אויף דער צווייטער באנק.

אין נעכסטען אויגענבליק זיינען זייא ביידע געווען אויף דיא פיס און זיך אָנגעפאנגען ארום צו קוקען פערדעכטיג. איינער האט מיך ערבליקט און איז שנעל צו מיר צוגעלאָפען ארויס ציהענדיג א רעוואָלווער מיט דיא ווערטער:

„דיין געלד אָדער דיין לעבען!"

איך האב ביטער געשמייכעלט, און מיין מיענע האט זיך וואהרשיינליך געזעהן אין שיין פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ.

„וואס לאכסטו?" האט ער געפרעגט. „ארויס מיט דיין געלד!"

איך האב נאך אימער געשוויעגען, און דער שמייכעל אויף מיין געזיכט איז לייכטער געוואָרען.

ווען עס וואָלט ניט געווען אזוי טרויעריג אין מיין געמיטה, וואָלט איך מיך ראמאָנס הערצליך צו לאכט.

דער אנדערער איז אויך צוגעגאנגען, און ביידע האבען בעטראכט מיין הילוך.

„ווער זייט איהר?" האט דער ערשטער געפרעגט ארונטער לאָזענדיג זיין רעוואָלווער.

„איך בין א הונגריגער," האב איך ענדליך געענטפערט, „און, לויט וויא איך האב געהערט, האט איהר געלד. עס וואָלט געווען א גרויסער יושר איהר זאָלט מיר עפּעס העלפען."

„בראוואָ! דאס איז שעהן!“ האט אלץ דער ערשטער אויסגעשפּראָכען „דיין געזיכט, פרעמדער, ציינט, אז דיינע ליפּען זאגען דיא וואהרהייט דוא זעהסט אויס, גלייך וויא דוא וואָלסט נאָר וואס ארויס געקראָכען פון א קבר, און ביסט ווירקליך זעהר הונגריג.“

אָהנע ווייטער צו רעדען, האט ער ארויס גענומען א 2 פראנק־שטיק (40 סענט) און מיר איבערגעריכט.

„געה אונגליקליכער,“ האט ער דאבייא געזאגט, „און קויף דיר עפּעס עסען.“

זייא האבען מיר דאןביידע געוואונשען גוטע נאכט און זיך אָבגעווענדעט פון מיר.

מיט דיא 2 פראנק אין מיינע הענד, האב איך אָנגעפאנגען ארויס צו געהען פון דעם פּארקען, ביז איך בין ערשיענען אויף דער גאַס אין איין עק שטראַסע, האב איך בעמערקט א וויינשענק, וואוהין איך בין אריין, און מיר געהייסען, פאר אלעמען, געבען א גלאָז רויטען וויין, וועלכע איך האב אויסגעטרונקען און מיך באלד געפיהלט געשטארקט. דאן האב איך פערלאַנגט עפּעס עסען, און מען האט מיר געגעבען ברויט מיט הארטען קעז. איך האב דאס ניט געקייעט, זאָנדערן ארונטער געשלונגען.

איך האב געגעבען דעם 2 פראַנק־שטיק און מען האט מיר ארויס געגעבען אנדערטהאלבען פראנק. פרעגענדיג וואו איך קען טרעפען א האָטעל צום שלאָפען, האט מען מיר אָנגעציינט אזא פּלאַטץ אין דער צווייטער שטראַסע. איך האב גע־שפּירט, אז איך מוז האבען רוה, און בין ווידער ארויס אויף דער גאַס.

וויא לאַנג עס האט געדויערט מיין געהען, קען איך ניט וויסען, נאָר אזוי פיעל געדענק איך, דאס איך האב אָנגעפאנגען צו שפּירען א גרויסען קאָפּ־שמערץ מיט א שווינדלען פאר דיא אויגען, דאן איז אלעס פינסטער געוואָרען ארום מיר, און מעהר קען איך מיך אין גאר ניט ערינערן.

ווען איך האב ערוואכט, בין איך געלעגען אין א צימער, וואו עס איז געווען גאַנץ זויבער, און דורך א פענסטער האבען אריין געשיינט ווארעמע זונען־שטראהלען.

איך האב מיך געוואונדערט וואו איך בין, און איך האב מיך פּראָבירט אויפ־צוהויבען. אָבוואָהל איך האב געקענט ריהרען מיט מיינע גליעדער, האב איך אָבער דאָך קיין כח ניט געהאט ארונטער צו געהען פון דעם בעט, און איך בין צוריק געפאלען אויף מיין קישען ענטקרעפטעט

איך בין אזוי געלעגען אונגעפעהר א האלבע שטונדע, און דיא רוהע ארום מיר, האט מיר אָנגעצייגט, אז איך געפין מיך ניט אין מיטען פון דער רוישענדער שטאָדט פאריז.

דאן האט זיך געעפענט דיא טהיר און איין אלטער מאן, פון א יאָהר 70, איז ערשיענען. ער איז געווען ניעדריג געוואקסען און גאנץ ברייט געבויעט.

„אך,“ האט ער געזאגט שמייכלענדיג מיט פערגניגען, „ענדליך ער־וואכט!“

דער אלטער איז צוגעקומען נעהנטער, זיך געזעטצט אויף מיין בעט און גע־נומען מיין האנד אין זיינער, וואו ער האט אזוי פעסט צוגעדריקט מיין דופק, אז איך האב געוואָלט אויפשרייען פאר שמערץ.

„איהר דריקט מיך צו שטארק, אלטער,“ האב איך געזאגט.

„דוא ביסט שוין ארויס פון געפאהר — קיין געפאהר מעהר!“ האט ער געזאגט זיך ניט בעקימערענדיג אום מיינע ווערטער. ער האט אָבער אונטערדעסען אָבגעלאָזט מיין האנד, און אין קורצע ווערטער האט ער מיר דערצעהלט אזא געשיכטע:

ער אליין איז איין אלטער ארצט, וועלכער איז זעהר רייך און האט אויפגעגעבען דיא פראקטיקע אויף דער עלטער. מיט א פאאר וואָכען צוריק, איז ער פארבייגע־גאנגען אין א פארטאָג דיא שטראסע און מיך געזעהען ליעגענדיג אויף דער ערד אָהנמעכטיג.

אנפאנגס האט ער געמיינט, אז איך בין טויט, און ער האט זיך צוגעבויגען און מיך עקזאמינירט. ער האט זיך אָבער איבערצייגט, אז עס גיבט אויך אין מיר א צייכען פון לעבען. מיין קראנקהייט האט איהם שטארק פעראינטערעסירט, און צורופענדיג א דראָשקע, האט ער מיך געהייסען צו פיהרען צו זיך אהיים, אום ער זאָל זיך אביסעל בעשעפטיגען מיט זיין ליעבלינגס־פראָפעסיאָן, מעדיצין.“

מיין קראנקהייט האט איהם פון טאָג צו טאָג אלץ מעהר אינטערעסירט, און ער האט פערבראכט שטונדענלאנג נעבען מיין בעט אום מיך צו שטודירען. ענדליך האט זיי[illegible]ט געזיעגט, און ער האט מיך צום לעבען געבראכט.

„נאך א פאאר טעג,“ האט ער געשלאָסען זיין ערקלערונג, „און דוא וועסט זיין ערהאָלט. דוא וועסט דאן קענען געהען וואוהין דוא ווילסט. בלייב נאָר רוהיג, און איך וועל דיר אריין שיקען א גוטע און קרעפטיגע זופ מיט א גלאָז מילך. יא, דוא דארפסט נור טרינקען א סך מילך, וויל מילך איז דאס בעסטע און לייכטעסטע

נאהרונגס־מיטעל. דאס איז וואס דיא נאטור שאפט אליין צום נעהרען, און ניעמאנד קען מאכען א בעסערע נאהרונגס־אמבינאציאן, וויא דיא קלוגע נאטור."

אהנע מיך אויסצופרעגען ווער איך בין, וואס איך בין און פון וואנען איך קום, איז ער ארויס פון מיין צימער.

איך האב ווירקליך געקריעגען דיא זופ מיט דער מילך, און נאכדעם וויא איך האב מיך געשפירט אביסעל געזעטעט, בין איך איינגעשלאפען. שפעט אין דער נאכט, האב איך ווידער ערוואכט, און מיין קערפער איז געווען איינגעטונקט אין שוויים.

איך בין געלעגען אויף מיין בעט א היבשע צייט און נאכגעדענקט איבער מיין צושטאנד. אזוי איז פערשוואונדען דיא צייט, ביז עס איז טאג געווארען, און דער אלטער ארצט איז ווידער ערשיענען, מיך בעטראכט, און נאך אמאל אנגעצייגט, אז איך וועל קריעגען א גאנצע פלאש מילך.

מיך זעלבסט, מיין פערזאן, מיין זעלע, האט איהם ניט אינטערעסירט. ער האט בלויז געוואלט צו־רייצען שטעלען דיא לוסט פון זיין פראפעסיאן געזונד צו מאכען מיין קערפער, און דאן מעג איך אפילו געהען צום טייפעל.

דאס אלעס האב איך גוט פערשטאנען, און אנשטאט אין איהם צו געפינען א פריינד, פאר וועמען איך זאל פערטרויען דאס געהיימניס פון מיין לעבען, האב איך בעשלאסען בעסער צו שוויגען.

איך האב מיך שוין געקענט אויפהויבען פון בעט, און אויף'ן דריטען טאג, האט מיר דער אלטער דאקטאר געגעבען איין אלטען אנצוג און 5 פראנק געלד, און מיר ערקלערט, אז איך קען שוין געהען.

איך בין ארויס אויף דער גאס זייענדיג זעהר שוואך, און איך האב מיך געמוזט אבשטעלען יעדע עטליכע שריט אום צו רוהען. איך האב איינגעזעהען, אז עס איז מיר אונמעגליך ווייטער צו געהען, און איך האב בעשלאסען נאך איבערצונעכטיגען א נאכט אין א האטעל, ביז דיא ארבייט פון מיין לעבען וועט מוזען אנפאנגען. איך האב ערבליקט א האטעל, וואוהין איך בין אריין, בעצאהלט א פראנק פאר א צימער איבער נאכט, און אויסטריקענדיג א גלאז וויין מיט א שטיקעל געטריקענטען זעמעל, בין איך געגאנגען צו בעט.

„אזוי בלייבט עס," האב איך מיר געטראכט זיך לעגענדיג אין בעט. „מארגען וועל איך געהען אויפזוכען מיין פרוי, מיין מארגעריט. זאל זיא נאך אימער זיין אין דעמזעלבען האטעל? דאס איז שווער צו גלויבען. אבער, וויא דיא זאך איז, מוז איך

דיא דאָרט זוכען. עס וועט זיין דער איינציגער וועג אום צו ענטדעקען א שפור.״

דאַן איז מיר איינגעפאַלען דיא אידעע, אז זיא איז שוין פיעללייכט גאר מיט סימאָנאַ׳ן.

„אונמעגליך! אונמעגליך!״ האָב איך אויסגערופען. „זיא האט געציינט א וואהרע ליעבע צו מיר, און ווען זיא זאָל זיך אפילו יא ענטשליעסען מיט איהם צו לעבען, דאַן קען עס אזוי שנעל ניט געשעהען. איהר טרויער־צייט נאָך מיר, איז נאָך ניט פאַראיבער, און כל־זמן איך וועל זיא נאָך טרעפען מיט סימאָנאַ׳ן אונ־פעראייניגט, דאַן וועט זיא מיך געוויס עמפפאַנגען און מיט מיר ווייטער לעבען.״

דאס האט מיך געטרייסט, און איך בין איינגעשלאָפען. ווען איך האָב ער־וואכט, איז שוין געווען טאָג. איך האָב מיך אָנגעפאַנגען אָנצוציהען, און מיך גע־שפירט אביסעל קרעפטינער.

איך האָב דערהערט א רעש אין קאָרידאָר. א פרויענשטימע, האַלב שרייענדיג און האַלב וויינענדיג, האט געגרייכט מיינע אויערן.

איינינע מענער־שטימען האבען געשפראָכען און דאַן האָב איך געהערט צוויא פרויענשטימען, איינע, וועלכע האט יעמערליך געשריען וויא פון שמערץ, און דיא צווייטע, וועלכע האט וואהרשיינליך פעראורזאכט דיעזען שמערץ.

איך האָב געעפענט דיא טהיר פון מיין צימער, צו זעהען וואס דאָרט טהוט זיך. פאר אַלעמען האָב איך בעמערקט א גרויסע מענגע מענשען, און דאַן, וויא א מאַן מיט איין פוס נאקעט, וועלכער האט זיך ארויס געשטופט פון דער מענגע מענשען און איז ענטלאָפען ארונטער דיא טרעפען.

„ער ענטלויפט! ער ענטלויפט!״ האבען איינינע געשריען לאַכענדיג.

איך האָב דאַן ערפאַהרען וואס דאָרט האט פאַסירט: א פרוי פון איין ארבייטער האט נאָכשפּיאָנירט איהר מאַן ביז צום האָטעל, און אויך נאָכגעזוכט דאס צימער וואוהין ער איז אריין, און זיא האט איהם דאָרט געטראָפען מיט דער פרוי פון איהר שכן. אנשטאט זיך צו נעהמען צום מאַן, האט זיא אָנגעכאַפּט דיא האאר פון דער פרוי און זיא געשלאָגען מכת רצח.

במעט אַלע מענשען פון האָטעל זיינען זיך צוזאַמען געלאָפען און בייגעוואוהנט דאס בילד. יעדער איז געשטאַנען פון ווייטענס און זיך הערצליך אונטערהאַלטען, וועהרענד דיא צוויא פרויען האבען זיך געשלאָגען. דער מאַן איז דערווייל ארויס

פֿון צווישען דיא מענגע מענשען, און איבערלאָזענדיג איין שוך, איז ער אוועק אום זיך ניט צו בעגעגענען מיט זיין פֿרוי.

איך האב ניט געוואָלט ווארטען אין קאָרידאָר צו הערען וואס דער סוף וועט זיין, און איך האב אָנגעפאַנגען ארונטער צו געהען דיא טרעפּען.

„דאס איז א מערקווירדיגע וועלט," האב איך געמורמעלט צו מיר אליין, „און איך בין געוואָרען א מערקווירדיגער מענש. עפּעס קוק איך יעטצט מיט אנדערע אויגען אויף דער וועלט און איך אורטהייל פֿערשיעדען פֿון אמאל. לאָמיר נאָר זעהען וואס דאָ האט פּאסירט: א מאן, האבענדיג חשק צו איין אנדערע פֿרוי, זיין שכנה, און זיא, איהם ליעבענדיג, זיינען זייא אוועק אין א האָטעל אום צו גע־ניעסען זייער פֿערגניגען. דיא פֿרוי פֿון דעם מאן ערשיינט ווידער, און נעהמט שלאָגען דיא פֿרוי וואס ליעבט איהר מאן. ווארום? דיא מענשען האבען צו געבען דארויף צוויא ענטפֿערס. דער ערשטער איז, ווייל דיא פֿרעמדע פֿרוי האט גערויבט איהר ליעבע, און צווייטענס, ווייל דאדורך וואס איהר מאן זוכט פֿרעמדע פֿרויען, וועט ער פֿערנאכלעסיגען זיין אייגענע פֿרוי מיט דיא קינדער און זייא וועלען דא־דורך ליידען נויט און מאנגעל."

דאכט זיך אויבערפֿלעכליך, איז דאס א גאנץ גוטע ערקלערונג, נאָר מיר, א צוריק־געקעהרטען פֿון דעם עולם־האמת, האט מיר דאס אלעס ניט געשמעקט. איך האב געשפּירט, אז דאָ מוז עפּעס ליעגען א הונד בעגראָבען וואס פֿעראורזאכט דיא געשיכטע זאָל ניט זיין אזוי גלאט וויא זיא ערשיינט.

פֿאר אלעמען האב איך איבערגעקלערט און געקומען צום בעשלוס, אז א מאן מיט א פֿרוי, כל־זמן זייא שפּירען נאָר דיא אנציהונג פֿון ליעבע, האבען זייא א רעכט צו טהון מיט זייער ליעבע וואס זייא ווילען. עס מאכט קיין אונטערשיעד אויב דער מאן איז פֿערבונדען מיט איין אנדערע פֿרוי, אָדער דיא פֿרוי מיט איין אנדערן מאן. קעמפּפֿען געגען דער נאטור, געגען איהרע שטרעבונגען און קאפּריזען, איז לעבערליך און דום.

נאך מעהר, יעדער מאן און יעדע פֿרוי, שפּירען אין זיך, אז דאס איז ריכטיג און אלס א נאטור־פּראָצעס קען ער ניט בעשטריטען ווערען. אָבער טראָטץ דעם, ווען איהר וועט מיט דיא מענשען רעדען עפֿענטליך דאריבער, וועלען זייא זאגען, אז זייא זיינען ניט דאפֿיר. איך האב מיך עראינערט אן א געשפּרעך איבער פֿרייער ליעבע וואס איך האב אמאל געהערט צווישען צוויא הויכע בעאמטע

„טהעאָרעטיש איז עס וואהר,“ האט איינער געזאגט, „און נאטירליך איז עס ריכטיג. דאס אין פאל איך ליעב מיין פרוי וויא איך זאָל ליעבען מיין פריינד, מיין ברודער אָדער מיין שוועסטער, דאן דארף מיך גאר ניט פערדריסען, ווען זיא האט פערגניעגען פון דער געשלעכטליכער ליעבע מיט איין אנדערן מאן. דאס אלעס איז און זאָל זיין א וואהרהייט. נאָר וויא עס קומט אין דער פראַקטיקע, ווערען אלע טהעאָריען אויסגעבלאָזענע אייער. מיין פרוי ערלויבען זיא זאָל האבען אומגאנג מיט א פרעמדען מאן? ניעמאלס! איך וואָלט עס ניט געקענט!“

„אָבער ווארום ווילסטו האבען אומגאנג מיט פרעמדע פרויען?“ האט דער צווייטער בעאמטער געפרעגט.

„ווייל איך מעג — ווייל איך בין א מאַן, און מעג אלעס טהון!“

דאס אליין איז אָבער אויך געווען א טהעאָריע, דען דיא פראַקטיקע האט מיר נאָר וואס בעוויעזען אין האָטעל, אז יענע ארבייטער־פרוי, האט אויך ניט גע־וואָלט איהר מאַן זאָל צו טהון האבען מיט א פרעמדע פרוי. איהר פריוואט לעבען האב איך נאטירליך ניט געקענט, דאס הייסט, אויב זיא קען זאגען צו זיך אליין „איך מעג און דוא טאָרסט ניט.“

זוכענדיג איין ערקלערונג אויף דיעזען רעטעניש, בין איך געקומען צו דער איבערציינונג, אז דיא אורזאכע דערפון ליעגט אין דער הייראטה, דאס הייסט, אין דער פערשקלאפונג פון צווייא פערזאָנען. דיא הייראטה הייסט א פערשקלאפונג, און דיא פרוי רעכענט דעם מאן אלס איהר שקלאף, וועהרענד ער רעכענט זיא אלס זיין שקלאפין. דיא הייראטה אלזאָ, איז איין אוננאטירליכער פּראָצעס

אונטער הייראטה, נאטירליך, האב איך פערשטאנען דיא געצוואונגענע צוזאמען האלטונג צווישען מאַן און פרוי, טראָטץ דעם וואס ער אָדער זיא וואָלט געקענט גליקליכער זיין, זייא זאָלען ניט מעהר לעבען צוזאמען.

איך האב דערבייא אויך בעטראכט דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע וואס בינדען צו דיא פרוי צום מאַן, זיא זאָל זיין, זיין שקלאפין און ער איהר הערשער, אָדער אומגעקעהרט.

אזוי דענקענדיג, האב איך מיר דערמאָהנט אן מיין מארגנעריט׳..

איך זאג „דערמאָהנט“ אום בלויז צו בעצייכענען א שטראָם פון אנדערע געדאַנקען, וועהרענד, אין דער וואהרהייט געשפראָכען, איז זיא מיר נאר פון מיין זינן ניט ארויס

איך האב נאך אמאל אָנגעפאנגען גוט צו שטודירען מיין ליעבע צו איהר, און איך האב אין איין צייט געדענקט, אז מיין ליעבע צו איהר איז דיא ריינסטע, שענסטע

און בעסטע אין דער וועלט, אהן דער מינדעסטער פערזענליכער אינטערעסע. אבער איך האב מיך באלד ערינערט א מיינע געפיהלע, ווען איך האב געשפירט דעם טוים פאר מיר, וויא איך האב געשלאגען מיט דער גאנצער וועלט כפרות, צוזאמען מיט מארגעריט'ן, אבי איך זאל לעבע, איך זאל מיך רעטען.

„וואו איז אלזא געווען מיין ליעבע צו מארגעריט'ן?" האב איך מיך געפרעגט.

איך האב מיר געמוזט מודה זיין צום אונצעהליגסטען מאל, אז די ליעבע וואס איין מענש שפירט צום צווייטע איז ניט קיין ליעבע פיר דעם צווייטען, זאנדערן ליעבע פיר זיך זעלבסט. איך האב מארגעריט'ן נאר געליעבט דערפאר, ווייל זיא האט מיר געקענט פערשאפען איין אנגענעהמעס פערגניגען. אלזא, האב איך גע־ליעבט מיין פערגניגען און ניט מארגעריט'ן.

דאס איז געווען די אורזאכע, ווארום איך בין דאמאלס אזוי אייפערזיכטיג געווארען, ווען איך האב געזעהען, אז איין אנדערער קען מיר רויבען מיין פערגניגען. ווען איך וואלט טאקי געליעבט מארגעריט'ן אום איהרעטוועגע, דאן וואלט עס מיך גאר ניט בעדארפט פערדריסען, זאנדערן, מיך בעדארפט פרייען, ווייל זיא איז גליקליך.

אבער וויא די זאך איז, און וויא דער חשבון זאל נאך שטימען אין מיין פילאזאפישער בעטראכטונג, האב איך אימער געשפירט דעם ברענענדען וואונש אין מיין הארצען צו בעזיטצען מארגעריט'ן פאר מיר אליין, און קיינער זאל מיך ניט שטערען אין דעם.

די אידעע, אז סימאנא בעזיטצט זיא שוין פיעללייכט, און אז דיעזע ליעבע וואס געהערט מיר, ווערט איין אנדערן אוועק געגעבען, האט מיך שיער געטריעבען, צום וואהנזינן.

פלוצלינג האב איך מיך געפרעגט, וואוהין איך געה? און איך האב מיר געענטפערט: „איך געה אין דעם האטעל וואו איך האב לאזשירט."

איך האב מיך אויך דערמאהנט אן דעם פאסטען צוליעב וועלכען איך בין געקומען נאך פאריז, און איך האב געטראכט, אז דער פאסטען האט אויף מיר געוויס ניט געווארט, און איין אנדערער פערטרעטעט שוין געוויס דיעזעס אמט.

עס איז מיר אויך איינגעפאלען די אידעע, איך זאל אויפזוכען מיין פריינד אין פאריז, און פאר איהם עפענען מיין הארץ, איהם דערצעהלען וואס מיט מיר האט פאסירט און...

אָבער איך האב עס ניט געקענט טהון. פריהער האב איך בעשלאָסען צו זעהען וואס מיט מיין מאַרגעריט איז געוואָרען.

א טרייסט־געפיהל האט מיך בעהעררשט, ווען איך האב מיך דערמאָהנט וויא גרויס איהר ליעבע איז געוועזען צו מיר, און דאס זיא וואָלט פּאָזיטיוו בעדאַרפט אבוואַרטען א היבשע צייט, ביז זיא זאָל אָנפאַנגען צו דענקען וועגען א צווייטע הייראַטה.

דערזעהענדיג א פּאָסט־בעאַמטען, האב איך איהם געפרעגט וויא ווייט עס איז ביז צום האָטעל וואו איך האב לאָזשירט מיט מיין פרוי. ער האט מיר געזאָגט, אז איך האב אָהין צו פאָהרען עטוואס איבער א שטונדע.

דאַן בין איך צוגעגאַנגען צו א טרייבער מיט א דראָשקעלע, זיך מיט איהם אויסגעגלייכט פאר צוויא פראַנקס, און אין א שטונדע צייט, האט ער מיך אַרונטער געלאָזען אין דער בעקאַנטער שטראַסע וואו דער האָטעל איז געוועזען.

קומענדיג נעהנטער, האב איך באַלד דערזעהען דיא קליינע דעדע אַרונטער געהען מיט א בינטעל, וואהרשיינליך אום אָבצוטראָגען אַרבייט. איך האב מיך צו איהר דערנעהנטערט און איהר געקוקט אין געזיכט. זיא האט מיך אויך אָנגעקוקט, אָבער אָהנע מיך צו דערקענען, האט זיא זיך אָבגעווענדעט און איז אוועק איהר וועג.

„זיא דערקענט מיך ניט,“ האב איך מיר געטראַכט. „איך מוז געוויס זיין שטאַרק פערענדערט.“

דאַן האב איך מיך דערמאָהנט אן מיין באָרד וואס האט מיר אויסגעוואַקסען, און דאס האט מיר ערקלערט דיא אורזאַכע.

צענערענד בין איך געשטאַנען איינינע מינוטען און מיר איבערלעגט וואס איך האב צו טהון. ענדליך האב איך געפאַסט מוטה און אָנגעפאַנגען צו בעשטייגען דיא טרעפּען.

מיין הערץ האט מיר ווילד געקלאַפּט און איך האב מיר אליין ניט געקענט פאָרשטעלען וואס מיך ערוואַרטעט.

ענדליך האב איך געגרייכט דעם שטאָק וואו איך האב לאָזשירט און בין צו־געקומען צו דער טהיר וואו מיין צימער איז געוועזען. איך האב אָנגעקלאַפּט, דאַן פּראָבירט אליין עפענען, אָבער עס איז געוועזען פערשלאָסען.

פּלוצלינג האט זיך געעפענט דיא טהיר געגענאיבער, און מאַדאַם גאַבען איז ערשיענען.

„וועמען זוכט איהר?“ האט זיא מיך געפרעגט.

איך האב געשוויעגען.

„זוכט איהר יעמאנדען?" האט זיא נאך אמאל ווידערהאָלט.

איך האב בעמערקט, אז זיא דערקענט מיך אויך ניט.

עס איז מיר איינגעפאַלען א אידעע, איך זאָל שפּיעלען דאָ א ראָלע וואס זאָל מיר בעסער ערקלערען דעם צושטאנד, דאס הייסט, מיך ניט צו געבען ערקענען צו דער פרוי.

איך האב איהר ערקלערט, אז איך זוך מיך זעלבסט.

„אָה," האט זיא געענטפערט, „איהר מיינט דעם יונגען מאן מיט דער יונגע פרוי וואס האבען דאָ לאָזשירט מיט 4 וואָכען צוריק? איהר מוזט וואהרשיינליך זיין דער הערר וואס האט זייא אהער געבראכט?"

זיא האט מיך נערעבערט פאר מיין פריינד וואס האט מיך בעזאָרגט מיט א פּאָסטען. מיין פרוי האט איהר וואהרשיינליך דערצעהלט דיא אורזאכע פון אונזער קומען נאך פּאריז.

איך האב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אז דער בין איך.

„דער יונגערמאן איז דאך טויט," האט זיא געזאגט.

„דאס וויס איך," האב איך געמורמעלט.

„קומט אריין, וועל איך אייך אלעס דערצעהלען וואס איהר ווייסט ניט," האט מאדאם גאבען געזאגט עפּענענדיג דיא טהיר און מיך אריין געפיהרט אין איהר צימער.

„זיטצט, זיטצט," האט זיא ווייטער געזאגט מיר שטעלענדיג א שטוהל.

איך האב מיך געזעטצט.

„זיא, דיא יונגע פרוי מיין איך," האט זיא אָנגעפאנגען, „איז גלייך אויף'ן צווייטען טאָג אוועק געפאָהרען."

„אוועק געפאָהרען?"

„יא."

„וואוהין?"

„מאָנסיע סימאָנאָ, א יונגער מאן וואס האט דאָ לאָזשירט, און אויסגעצייכנט דאס געלד פיר דער בעגרעבעניס, האט זיא מיטגענומען אויף דאס לאנד."

איך האב ניט געקענט מעהר רעדען, און איך האב געשפּירט וויא עס שטיקט מיך.

„אה," האט מאדאם גאבען ווייטער געזאגט, „זיא איז א גליקליכע פרוי! מאָנסיע סימאָנאָ, וויא עס שיינט, האט זיך אין איהר פערליעבט זא שנעל וויא ער

האט זיא נאָר דאָ געזעהען. דער טויט פון איהר מאַן איז געווען א גליק פאר איהר סימאַנאַ איז יונג, שעהן, שטארק און רייך, און ער איז אין איהר פערליעבט איבער דיא אויערן. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא בעדויערט שוין, ווארום זיא האט זיך מיט איהם ניט בעגעגענט נאך איידער זיא האט איהר מאַן קענען געלערענט."

זיא האט ערווארטעט א בעמערקונג פון מיר, אָבער איך האב ניט געקענט רעדען.

נאכדעם וויא זיא האט נאך געפלוידערט וואס איך האב ניט אין גאנצען פערשטאַנען, האב איך זיא ענדליך געפרעגט, אויב זיא ווייס ניט וואו מארגעריט געפינט זיך יעטצט.

„געוויס ווייס איך," האט זיא געענטפערט און מיר געגעבען איין אדרעסע נאך דעם שטעטעל ד.

מיין פערווירונג האט דער פרוי עפּעס פערדעכטיג געמאַכט און זיא האט מיך אָנגעפאַנגען מעהר אויסצופרעגען, אָבער זיא האט קיין ענטפער פון מיר געקענט קריעגען. איך בין ארונטער געלאָפען דיא טרעפּען, גלייך וויא יעמאַנד וואָלט מיר נאכגעיאָגט.

ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס, בין איך געבליעבען שטעהען און גע־פּאַסט דעם בעשלוס זאָפאָרט אוועק צו פאָהרען נאך ד. אום צו זעהן מארגעריט'ן. אָבער אין מיין טאַשע איז מעהר ניט צוריק געבליעבען וויא עטליבע סו אויף צו עסען א מיטאג.

איך האב ארום געוואַנדערט איבער דיא גאַסען א פּאאר שטונדען, ביז דער הונגער האט מיך אריין געטריעבען אין א רעסטאָראַנט וואו איך האב מיר גע־שאַפט עסען.

בייא דעם טיש וואו איך האב גענומען פּלאַטץ, איז געגענאיבער מיר געזעסען איין עלטערער מאַן, מיט א רויטעס געזיכט און שטארק גלצענדע אויגען. ער האט שוין געהאט אָבגעגעסען, און אום צו עפענען מיט מיר א געשפּרעך, האט ער געמאַכט א בעמערקונג איבער דעם וועטער. איך האב איהם געענטפערט, אז מיר האבען שעהנעס וועטער.

דאַן האט ער מיך געפרעגט פון וואַנען איך קום און וואס מיין בעשעפטיגונג איז אין פּאַריז. דאַרויף האב איך איהם ניט געוואָלט ענטפערן און אויסגעמיעדען צו געבען איין ערקלערונג איבער מיר.

„אייער געזיכט געפעלט מיר,“ האט ער פלוצלינג געזאגט אין א פערטרויענדען טאָן. „איהר זעהט אויס ערביטערט מיט דער וועלט. איך לעז עס אין יעדער פון אייערע מיענעס. איך בענעטהיג אזא מאַן, און ווען איהר ווילט קען איך אייך אנגאזשירען אויף א פאָסטען וואס זאָל זיך אייך געגוג גוט בעצאָהלען.“

דיא אידעע, אז איך קען קריענען געלד, האט מיך בעגייסטערט, און איך האב בעמערקט:

„פאָרלויפיג בין איך זעהר הונגריג, נאָר ווען איך וועל פערטיג ווערען, וועלען מיר רעדען.“

„איך וועל ווארטען,“ האט ער געענטפערט זיך פעררויכענדיג א גוטען ציגאַר.

מיין עסען האט ניט פיעל געדויערט, און נאכדעם וויא איך האב בעצאָהלט, זיינען מיר ארויס פון דעם רעסטאָראַנט.

„קומט,“ האט ער געזאגט, „וועלען מיר געהען טרינקען א גלעזעל וויין, וואו מיר וועלען קענען רעדען אונגעשטערט.“

מיט א גאס ניעדריגער זיינען מיר אריין אין א וויין־קעלער, און זיך אוועק זעטצענדיג בייא א טישעל אין א ווינקעל, האבען מיר פריהער אויסגעטרונקען א פאאר גלעזלעך וויין, און דאן האט ער אָנגעפאַנגען:

„איך האב א יונגע פרוי, וועלכע איך האב געהייראטהעט וויא איין אלטער דומקאָפּ וואס וויל געניעסען יוגענדליכע ליעבע. זיא בעטריגט מיך אָבער; איך וויים עס, און איך וויל לויז ווערען פון איהר. נעכסטע וואָך פאָהר איך אוועק נאָך אלזשיר, וואו איך מוז מיך זאמען א פאאר מאָנאט צייט. וועהרענד דעם וויל איך יעמאנד זאָל אויף איהר אויפפאַסען און זאמלען בעוויזע. דאפיר בין איך בערייט צו צאָהלען ביז 400 פראנקס א מאָנאט. וועט איהר דאס קענען טהון?“

איך האב ניט געענטפערט און ער האט פאָרטגעזעטצט:

„צו דיא געהיים־פאָליציסטען, וואס מאכען אזא בעשעפטיגונג אלס פראָפעסיאָן, וויל איך מיך ניט ווענדען, ווייל זייא נעהמען אימער געלד פון ביידע צדדים. איך האָף, אז איהר וועט פאר מיר טהון דיא ארבייט וויא עס געהער צו זיין.“

איך האב וויעדער געשוויגען.

„אלזאָ, וואס זאגט איהר אויף דעם פאָרשלאג?“

אָהנע פיעל צו דענקען האב איך געענטפערט:

„איך דענק, אז איך וועל אייער פאָרשלאג אָנגעהמען, נאָר פאָרלויפיג זאגט

איך אייך דיא וואהרהייט, אז איך בענעטהיג עטוואס געלד און צווייטענס עטליכע טעג צייט פאר מיר אליין.״

דער עלטערער מאן האט מיט מיר דאן נאך געהאט א לענגערעס געשפרעך, און נאכדעם וויא ער האט מיר געגעבען זיין אדרעסע, האט ער מיר אויך געגעבען 25 פראנקס און נאך אין דעמזעלבען טאג האב איך אבגערייזט נאך ד.

ד. איז א קליין שטעטעל פון א פאאר טויזענד איינוואהנער, און איך האב באלד ערפאהרען וואו סימאנא געפינט זיך. ער האט געוואהנט אין דעם הויז פון זיין אנקעל, וועלכער איז אונלענגסט געשטארבען און איהם צוריק געלאזען דאס הויז בירושה.

נאכדעם וויא איך האב דארט איבערגעשלאפען א נאכט, האב איך אנגע־פאנגען צו מאכען נאכפראגען, און איך האב געהערט, אז סימאנא האט מיט זיך געבראכט א יונגע דאמע, וועלכע איז יעטצט דיא פערוואלטערין פון דעם הויז.

טויזענדער געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען ביי מיר אין קאפ, וויא אזוי און אויף וועלכער ארט, איך זאל געהען בעזוכען דאס הויז אום זיך צו בעגעגענען מיט מארגעריט׳ן.

ביי מיר איז ניט געווען דער מינדעסטער צווייפעל, אז מארגעריט איז דיא דאמע וואס סימאנא האט מיט זיך געבראכט.

אנפאנגס איז ביי מיר געבליעבען, איך זאל איהר אריין שיקען א בריעף און אנצייגען מיין געגענווארט, אבער, דורך איין אונבעקאנטער אורזאכע, האב איך דיעזען ענטשלוס געענדערט, און איך האב בעשלאסען דירעקט אריין צו געהען אין הויז, מיך פארשטעלען און פערלאנגען מיין פרוי צוריק.

אום ניט צו לאזען קיין צווייפעל איבער מיר, בין איך אריין צו א בארבער, מיך געלאזען אבשערען און אבראזירען, און אויפגעפאסט איך זאל אויסזעהען וויא אמאל, כדי מארגעריט זאל מיך דערקענען.

ווען איך האב מיך נאכהער אנגעקוקט אין שפיעגעל, האב איך מיך דער־קענט, אלס דעריעניגער איידער איך בין בעגראבען געווארען לעבעדיגערהייט.

אין דרויסען איז שוין געווען דונקעל, און מיט א קלאפּענדעס הערץ האב איך אנגעפאנגען צו געהען דארט וואו איך האב ערווארטעט צו טרעפען מיין געליעבטע מארגעריט.

דיא אידעע, פיעלייכט האט זיא שוין איהר ליעבע געטהיילט מיט סימאנא׳ן, האט מיך אפילו געשטאכען, אבער איך האב מיך געטראכט, אז מען דארף אויף

איהר געפינען א זכות, ווייל אתטער דיא אומשטענדען, האט זיא אנדערש ניט גע־קענט האנדלען.

איך האב איהר דערפאר אלעס פערצייהעט, און מיר געטראכט, אז איך האב קיין רעכט איהר צו מאכען פארווירפע דאפיר. דאן האב איך מיר פארגעשטעלט, וויא זיא וועט מיך נאך אמאל עמפפאנגען אין איהרע ארעם, וויא מיר וועלען וויעדער צוזאמען גליקליך לעבען, און וויא אזוי איך וועל אין דיא נעכסטע פאאר מאנאט, פערדיענען עטליכע הונדערט דאלאר דורך שפיאנירען און מיר וועלען וויעדער זיין א ליעבענסווירדיגעס פאאר פאלק.

ווען איך בין צוגעקומען צו דעם בעשטימטען הויז, בין איך ארויף א פאאר טרעפען און געטראפען דיא קארידאר־טהיר אפען. איך בין אריין און בעמערקט איינינע טהירען.

איך האב נאר וואס געוואלט אנקלאפען אין איין טהיר, ווען א בעקאנטע פרויענשטימע און דאן א מונטערעס געלעכטער האט געגרייכט מיינע אויערן.

עס איז געוועזן מארגעריט'ס שטימע.

אויף דיא שפיטץ פינגער געהענדיג, אום קיין אויפמערקזאמקייט צו צוציהען, בין איך צוגעגאנגען צו דער לעטצטער טהיר, פון וואנען איך האב געהערט דיא שטימע ארויס קומען.

איך האב בעמערקט דאס שליסעל־לאך און איך האב מיך צוגעבויגע, אום צו קענען בעסער הערען. דאן האב איך אויך צוגעלייגט מיין אויג און אריין געקוקט.

עס איז געשטאנען א טיש אין מיטען צימער, אויף וועלכען עס האט געברענט א לאמפ. רעכטס פון דעם טיש, איז געשטאנען א סאפא, וואו איך האב פריהער בעמערקט זיטצענדיג דיא הויכע פיגור פון סימאנא'ן.

אויף דער סאפא, אין דער לענג, איז געלעגען מארגעריט אויסגעשטרעקט, מיט איהר קאפ אויף סימאנא'ס שויס, און מיט איהר רעכטע האנד האט זיא גע־האלטען אומארמט זיין האלז, און צו איהם געבליקט מיט א ליעבליכער מיענע.

איהר געזיכט איז געוועזן פערפלאמט און וואונדער שעהן. זיא האט געלאכט אזוי זיס, אזוי ליעבליך און אזוי מונטער, וויא איך האב זיא נאך ביז דאמאלס ניט געזעהען. איהרע ווייסע צייהן וואס האבען זיך ארויס געוויעזען פון צווישען איהרע ליפען, האבען איהר געגעבען אזא וואונדערבארען חן, אז איך האב מיך גע־וואונדערט, ווארום איך האב דאס אלעס ביז דאמאלס ניט בעמערקט

„דוא שלעכטער און בייזער יונג,“ האב איך זיא געהערט זאגען, „מעהר וועל איך דיך ניט לאָזען אזוי פיעל געלד ספּענדען. איך דארף ניט קיין בריליאנטען, ניין, איך וויל ניט !“

„שא, שא, מארגעריט,“ האט ער געענטפערט קושענדיג איהר האנד, „איך וויל דוא זאָלסט ניט נאָר זיין דיא שענסטע אין ד., זאָנדערן אויך דיא רייכסטע גע־קליידעטע.“

„איך דארף גאָר ניט, מיין ליעבער ! דיין ליעבע איז פאר מיר גענוג...“

זיין לינקע האנד האט דערווייל פערבלאָנדזעט צווישען איהר שולטער און ער האט איהר געגעבען א קיצעל.

מארגעריט איז אימער געוועזען שטארק קיצעלדיג, און זיא האט ארויס גע־לאָזען א הויכען געלעכטער מיט זעהר א פרעהליכען נאכקלאנג.

איך האב ניט געקענט מעהר קוקען אויף דיעזען בילד, און אָבוועגדענדיג מיינע אויגען, מיט א ברוסט פול שמערץ, האב איך מיר געטראכט :

„און דאס איז דיא פרומע, ליעבענדע און צערטליכע מארגעריט ? דאס איז דיא אונשולדיגע געליעבטע פון מיין הערצען ? דאס איז דיא פרוי וואס האט גע־ליעבט איהר מאן מיט איהר גאנצער זעעלע, און עס איז נאך קיין מאָנאט פאר־איבער זייט...“

איך האב געשוידערט.

„וואס זאָל איך טהון ?“ איז געוועזען מיין ערשטע פראגע.

אז זיא איז שוין ניט מיין פרוי, דאס בין איך געוועזען איבערצייגט ; און אז זיא האט שוין מיט איהם געטהיילט איהר ליעבע, איז געוועזען א טהאַטזאכע.

„אָבער געזעטצליך איז זיא דאָך מיין פרוי,“ האב איך געטראכט. „געזעטצליך קען איך זיא צווינגען צוריק צו קעהרען צו מיר און מיט מיר וואָהנען.“

יא, געזעטצליך, איז עס אזוי, נאָר דיא פראגע איז, אויב דאס געזעטץ, אויפ־געשריעבען אויף פאפיר, פון מענשען וואס האבען קיין אהנונג געהאט פון מיר און מארגעריט'ס פערהעלטניסע, האבען געוואוסט וואס עס איז גוט פאר אונז ביידע ?

א הויכעס געשפּרעך אינוועניג, האט מיך ווידער אויפמערקזאם געמאכט. אזוי וויא איך בין געשטאנען אויף מיינע קניען, האב איך ווידער אמאל צוגעלייגט מיין אויג צום שליסעל־לאָך און געקוקט.

מארגעריט איז שוין געזעסען אויף זיין שויס און געקוקט מיט איהרע גרויסע און דורכדרינגענדע אויגען אין סימאָנא'ס געזיכט

„און דוא האסט איהם ווירקליך אזוי געליעבט ?‟ האט ער געפרעגט

„איך האב איהם געליעבט, אלס מיין דאמאליגער בעסטער פריינד,‟ האט זיא געענטפערט, „אבער דיא וואהרהייט איז, אז אלס מאן, איז ער מיר קיינמאל ניט געוועזען שטארק בעליעבט.‟

„אבער דוא האסט דאך מיט איהם געוואהנט ?‟

„יא, ווייל איך האב קיין אנדערע ברירה ניט געהאט.‟

„ווארום ?‟

„וואס האב איך געקענט אנדערש מאכען ? מיר האבען ביידע געהייראטעט אין ארמוטה, געלעבט אין דחקות און זיך געפיהרט אין עלענד...‟

דערבייא האבען זיך איהרע אויגען אנגעפיללט מיט טרערען.

„מיין ארמע מארגעריט‟, האט ער געמורמעלט זיא קושענדיג

„דער צופאלל האט אונז געבראכט נאך פאריז,‟ האט זיא פארטגעזעטצט. „מיין ארמער אליוויער האט אימער געשטרעבט עס זאל מיר גוט זיין, און ער האט אימער גערעכענט, אז דער פאסטען אין פאריז, וועט אלעס ענדערן צו גוטען. דאן איז ערשיענען דער אונבארמהערציגער טויט און...‟

טרערען האבען אנגעהויבען צו לויפען פון איהרע אויגען.

„און דיר טהוט באנג נאך איהם ?‟ האט סימאנא געפרעגט מיט א הייזעריגער שטימע.

„ענטשולדיג מיר, מיין פריינד,‟ האט זיא געענטפערט, „ער איז מיר געוועזען וויא א ברודער; מיר זיינען אלס קינדער צוזאמען אויפגעצויגען געווארען, און איך האב געמיינט, אז איך וועל מיך שוין גאר קיינמאל ניט וועלען טרייסטען. דאן ביסטו, מיין טהייערער, ערשיענען אין וועג פון מיין לעבען, און איך האב אנגעפאנגען צו שפירען גאנץ נייע געפיהלע...‟

„זאג מיר, מארגעריט,‟ האט ער געמורמעלט, „זייט ווען האסטו אנגעפאנגען מיט מיר צו סימפאטהיזירען ?‟

„זייט יענעם מאמענט וואס דוא האסט דיך געצייגט אזוי גוטהערציג צו מיין אונגליקליכען טויטען אליוויער.‟

„און יעטצט ?‟

„יעטצט ליעב איך דיך וויא מיין גאנצעס לעבען !‟ האט זיא אויסגעשריען, איהם אומארמענ לייַדענשאפטליך און אבגעפרעסט א קוש אויף זיינע ליפען.

אהנע צו וויסען וואס איך זאל טהון, האב איך מיך שנעל אויפגעהויבען פון דער ערד, געעפענט דיא טהיר, און בין אריין אין צימער.

איך בין געבליבען שטעהען ציטערענדיג פאר כעס, און לויט פון וויפיעל איך קען מיך ערָאינערן, איז פערשוואונדען יעדער טראָפּען בלוט פון מארגעריט'ס געזיכט.

דאן האט זיא ארויס געלאָזען א פערצווייפעלטען געשרייא און איז געבליעבען ליעגען האלב אָהנמעכטיג אין סימאָנאָ'ס אומארמונג.

סימאָנאָ האט מיך אָנגעקוקט א פּאאר אויגענבליקען אָהנע צו רעדען א וואָרט. דאן האב איך געהערט מארגעריט'ן מורמלען:

„שיטץ מיך, מיין ליעבער סימאָנאָ, שיטץ מיך."

ער האט זיא צערטליך געזעטצט אויף דער סאָפּא און זיך אויפגעהויבען. זיין הויכע פיגור איז געבליעבען שטעהען וויא א סטאטוע און מיט א געצוואונגענער רוהע האט ער געפרעגט:

„ווער זייט איהר, מיין העררע?"

אָבער איך האב ניט געקענט באלד ענטפערן, און ער האט ווידער־האָלט:

„וויא האט איהר געוואגט אהער אריין צו קומען? זאגט, ווער זייט איהר?"

„איך בין דער מאן פון דיעזער פרוי!" האב איך געענטפערט שטאמ־לענדיג.

„עס איז ליעגען!" האט ער אויסגעשריען. איהר זייט א בעטריגער! דער מאן פון דיעזער פרוי איז טויט! איך זעלבסט האב געזעהען וויא מען האט איהם בעערדיגט!"

„בענראָבען לעבעדיגערהייט," האב איך געענטפערט, „מען האט מיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט, און נאָר דורך א זעלטענעם צופאל האב איך מיך גע־רעטעט."

א טרויעריגע שטילקייט האט איינגעטרעטען, און מארגעריט, וועלכע האט זיך פעסט געהאלטען מיט איהרע הענד אן סימאָנאָ'ן, האט אָנגעפאנגען שטיל צו וויינען.

„מארגעריט," האב איך אָנגעפאנגען, „דערקענסטו מיך ניט?"

מיין שטימע האט געקלונגען גראָב און שפּאָטיש. דאס האט איהר געגעבען די מוטה מיך אָנצוקוקען בעסער. זיא האט אויסגעזעהען זיך צו שטארקען, און זיך אויפהויבענדיג אביסעל, האט זיא מיך אָנגעפאנגען צו בעטראכטען.

איהר געזיכט אין געוועזען געהיימניספאָל, און איך האב ניט געקענט דער־ראטהען וואס עס געהט פאָר אין איהר זעעלע. יעדענפאלס האב איך געשפירט, אז דער ענטשיידענדער מאָמענט דערנעהנטערט זיך. זיא איז אָבער אימער געבליעבען שטיל.

„מארגעריט", האב איך דאן געזאגט צערטליכער, „דערקענסטו ניט דיין מאן, וועלכען דוא האסט געשוואוירען ליעבע און טרייהייט?"

איהרע ליפען האבען זיך געעפענט, און ענדליך האט זיא אויסגעשריען:

„ניין! ניין! איך קען אייך ניט! איהר זייט מיר אונבעקאנט! עס איז ליגען, פאלש! אָליווער איז טויט, טויט, טויט! איך האב אויך דעם טויטענ־שיין!"

ביי מיר איז קיין צווייפעל געוועזען, אז ניט נאָר זיא, זאָנדערן אויך ער, האט מיך דערקענט. זיא ווייעדער, האט אין איינינע מינוטען צייט געפאסט דעם בעשלוס, אז עס איז בעסער, ווען איך בין טויט. פאר איהר וועניגסטענס, האב איך געמוזט זיין טויט, אום ניט צו שטערען איהר גליק און ליעבע.

דאס האט מיך שטארק פעררדראָסען, און איך האב געזאגט:

„דוא ווילסט אלזאָ ניט, איך זאָל זיין לעבעדיג? טויט בין איך פאר דיר בעסער? טראָטץ דעם וואס איך לעב, ווילסטו ניט אנערקענען דעם פאקט?"

„מיין העררר," האט דאן סימאָנאָ געזאגט, „איך ראטהע אייך איהר זאָלט וואס שנעלער אוועק געהען פון דאנען, און ניט איבערשרעקען דיעזע דאמע, וועלכע איז יעטצט מיין פרוי. ווען איהר ווילט דאס ניט טהון, דאן וועל איך אייך לאָזען ארעטירען אלס א פעררייקטען."

„ווער? דוא?" האב איך אויסגעשריען, „ניט גענוג וואס דוא האסט מיר מיין פרוי גערויבט, ווילסטו מיך נאך לאָזען ארעטירען אלס א פעררייקטען? דוא אבשייליכער לומפ!"

„מיין העררר!" האט סימאָנאָ אויסגעשריען און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט.

„דומהייטען! איך האב פאר דיר קיין מורא ניט!"

אין נעכסטען אויגענבליק איז ער געוועזען נעבען מיר, און זיינע צוויא שטארקע הענד האבען אזוי איינגעצויגען מיין האלז, אז איך האב געשפירט גלייך וויא ער צערברעכט מיר מיין האלזביין.

„סימאָנאָ!" האב איך געהערט מארגעריט'ן אויסשרייען, „אום גאָטעס ווילען, סימאָנאָ! לאָז איהם אב, איך בעט דיך, לאָז איהם אב!"

רער נריף אויף מיין האלז האט באַרד נאכגעלאָזען און סימאָנאָ איז צוריק נעטרעטען נעבען דער סאָפא, מיט מאַרגעריטען בייא זיין זייט.

ווי יעדער פיינלינג, האב איך אָנגעפאנגען צו וויינען, און מיך ווענדענדיג צו מיין פרוי, האב איך געזאגט:

„מאַרגעריט, איך האב עס מיר בייא דיר ניט פערדיענט."

„אָבער וואס ווילט איהר האבען פון מיר, מיין הערר?" האט זיא נעפרעגט.

„מאַרגעריט, איך בין דיין מאַן, וועלכער ליעבט און פערגעטערט דיך. דוא ביסט ניט שולדיג, ניין, אָבער וויא דיא זאך איז, בין איך ארויס פון דעם קבר וואו מען האט מיך לעבעדיג בעגראָבען. איך האב מיך גערעטעט און צוריק געקעהרט צו דיר, אום דיך צו פערלאנגען צוריק. קום, מיין פרוי, צו מיר, און..."

ווייטער האב איך ניט געקענט רעדען, ווייל דיא טרערען האבען מיך שיער דערשטיקט.

סימאָנאָ האט געווענדעט זיין בליק שטילשווייגענד צו מאַרגעריט'ן, און אויף איהר געקוקט א היבשע צייט. זיא האט מיך אָנגעקוקט א פאאר מאל, און וועהרענד דעם, האב איך געפיהלט א שטראהל פון האָפנונג אויפשיינען אין מיר. דאן האט זיא זיך געווענדעט צו איהם, און עס האט אויסגעזעהען, אז זיא מעסט אָב מיט איהרע אויגען, וועלכער מאַן עס איז פאסענד פיר איהר.

מיין הארץ האט מיר וועהמיטהיג געקלאפט, און דאן האט זיא געזאגט מיט א קלארער און דייטליכער שטימע:

„מיין הערר! עס איז מעגליך, אז דאס וואס איהר זאגט, איז וואהר. איך בעדויער עס פון מיין טיעפען הערצען, ווען דאס איז דער פאל. אָבער, ווען עס זאָל נאך טויזענד מאל וואהר זיין, קען יעטצט דאס שיקזאל ניט געענדערט ווערען. מיין מאַן איז פון מיר בערויבט געוואָרען דורך דעם טויט; א גאנצע וועלט האט דאס ביינעוואָהנט. צור צייט וואס איך האב איהם נעדענקט טויט, איז ערשיענען איין אנדערער מאַן, און מיט דעם רעכט פון יעדער פרייע פרוי, האב איך דיעזען מאַן נעליעבט און מיך צו איהם איבערגעבען. ווען אייער שילדערונג איז וואהר, דאן בעדויער איך אייך, אָבער מעהר קען איך אייך ניט העלפען. אויב דאס איז אמת, אז איהר ליעבט מיך, דאן פערלאָזט מיך און ערלויבט מיר גליקליך צו זיין, דען בייא יענעם מאַן, פאר וועלכען איהר ניבט זיך אויס, האב איך זעהר וועניג גליק נעגאָסען."

דאס האט צונעזיענעלט מיין שיקזאל. איך האב נעוואוסט, אז יעדער פראבע אנדערש צו מאכען, וועט איהר ענטשלוס ניט ענדערן, און איך האב אנגעפאנגען צו שפירען א מיטלייד צו איהר, וועלכעס צווינגט מיך זיא צו לאזען, זיא זאל גליקליך זיין מיט סימאנא'ן.

„איז דאס דיין לעטצטעס ווארט, מארגעריט?" האב איך נעפרעגט.

„יא, מיין העדר!" האט זיא געענטפערט, און יעדע שפור פון מורא איז פערשוואונדען פון איהר שטימע.

„דאן געה איך," האב איך געזאגט זיך אבווענדענדיג.

אין נעכסטען אויגענבליק, איז סימאנא געוועזן נעבען מיר. ער האט אויסגעזעהען זעהר גערירהט פון דער סצענע, און לעגענדיג זיין האנד אויף מיין שולטער, האט ער געזאגט:

„מיין הערר, פערצייהעט מיר!"

איך האב צוגעווענדעט מיין געזיכט צו זיינעם, אבער איך האב גאר ניט גע־ענטפערט.

„בלייבט נאך, מיין אונגליקליכער פריינד," האט ער וויטער געזאגט זייענדיג זעהר גערירהט.

ער האט מיך פעסט געהאלטען בייא מיין שולטער, און איך האב געמורמעלט אונהעפליך:

„לאזט מיך אב!"

„קענט איהר מיר ניט פערצייהען?" האט ער ווידער נעפרעגט.

„איך האב אייך ניט וואס צו פערצייהען," האב איך געענטפערט, און זיך אויסרייסענדיג פון איהם, האב איך געעפענט דיא טהיר און בין ארויס אין קאר־רידאר, דאן שנעל אויף דער גאס און בין פערשוואונדען געווארען אין דער דונקעל־הייט דער נאכט.

איך בין געלאפען גלייך וויא יעמאנד וואלט מיר נאכגעיאגט.

עס האט געדויערט א פאאר שטונדען, ביז איך בין געבליעבען שטעהען אום נאכצוזעהען וואו איך בין אין דער וועלט.

דער הימעל איז געוועזן שטארק פערוואלקענד, און אבוואהל עס איז געוועזן שטארק דונקעל, האב איך דאך געקענט אונטערשיידען, אז איך געפין מיך אויף א פעלד.

איך האב אנגעפאנגען נאכצוקלערען איבער דעם וואס עס איז געשעהען און

איך האב מיר צוגעגעבען, אז איך האב ריכטיג געהאנדעלט וואס איך האב פער־לאזען מארגעריט'ן.

דיעזע אידעע האט מיך בערוהיגט אין מיין געוויסען, און שוין מעהר ניט קענענדיג שטעהען אויף מיינע פיס, האב איך מיך געזעטצט.

עס האט ניט פיעל גערויערט, און עס האט אנגעפאנגען צו דונערן און צו בליטצען. בייא דער שיין פון דעם בליטץ האב איך בעמערקט, אז איך זיטץ נעבען א פעלזען, און איך האב אויך בעמערקט אין עפנונג וויא פון א העהל. אום מיך צו שיטצען פון דעם רעגען, בין איך אויפגעשטאנען, און בייא יעדען בליטץ־שיין, האב איך בעמערקט דעם וועג צו דער העהל, וואוהין איך בין ענדליך אריין.

איך האב געטראפען שטרוי, וואו איך האב מיך אוועק געלייגט, און טראטץ דעם שרעקליכען געוויטער וואס האט אנגעפאנגען, בין איך איינגעשלאפען.

ווען איך האב ערוואכט, האט שוין דיא זונן אריין געשיינט דורך דער עפנונג פון דער העהל.

דער פלאטץ האט מיך שטארק פעראינטערעסירט, און איך האב אנגע־פאנגען צו מאכען איין אונטערזוכונג וואס דארט איז.

איך האב געטראפען נאך א קליינע או שמאלע עפענונג, וואוהין איך בין אריין געקראכען. דארט האב איך אנגעצונדען א שוועבעלע מיט אביסעל שטרוי.

אין א ווינקעל האב איך ערבליקט א שטיין, וועלכער האט אויסגעזעהען וויא אבזיכטליך אוועק געלייגט פון א מענשליכער האנד. איך האב דעם שטיין אויפ־געהויבען און דארט ענטדעקט 4 לעדערנע בייטלען. עס האט מיר ניט פיעל גע־נומען, צו ענטדעקען, צו מיין גרויסעם ערשטוינען, אז דיא בייטלען זיינען פול מיט גאלד.

איך וועל דא ניט פיעל בעמיהען דעם לעזער, און איהם נאר דערצעהלען, אז איך האב דיעזעס גאלד, איבער 400 טויזענד פראנקס, געבראכט נאך פאריז, וואו איך האב שפעטער ערפאהרען, אז העקא דאנטאן, א בעריהמטער רויבער און איינענטהימער פון דיעזען פערמעגען, איז גילאטינירט געווארען פאר א מארד.

איך האב מיט דיעזען געלד אנגעפאנגען צו ספעקולירען אויף דער בערזע, און, צו דער געגענווערטיגער צייט, בין איך א רייכער מאן, און איך טהו דאס, וואס איך רעכען פאר גוט.

אָבער צייטענווייז, ווען איך בלייב מיט מיר אליין און פאנג אָן איבערצוקלערען וואס מיין לעבען איז און צו וועלכען צוועק איך לעב, איז מיר אונמעגליך אָנצונעהמען דיא אידעע, אַז איך לעב ווירקליך. מיר קומט עס פאָר, אַז איך געה ארום אויף'ן עולם־התוהו.

און, ווירקליך, וואו איז דעריעניגער וואס זאָל אונז קענען בעווייזען, אַז דאס לעבען וואס מיר פיהרען, איז א ווירקליכקייט?

דאס לעבען! דאס לעבען! עס איז א שוידערהאפטער און שרעקליכער חלום!

ע נ ד ע

די בלוטיגע חתונה.

דיא בלוטיגע חתונה.

1.

אין דער מיהל פון דעם אלטען מערליער איז געווען זעהר יום־טוב׳דיג אין דעם שעהנעם זומער־אבענד. אין הויף זיינען אוועק געשטעלט געוואָרען דרייא טישען, איינס נעבען אנאנדער, און אלע זיינען געווען פערשפריים מיט סלאָר־ווייסע טישטיכער פאר דיא געסט.

אללע איינוואָהנער פון דער געגענד ארום, האבען געוואוסט, אז אין דיעזען טאָג ווערט מערליער׳ס טאָכטער, פראַנסאַאז, פערלאָבט מיט דאָמיניק, א יונגער מאַן, וועלכער האט געטראָגען דעם נאמען פון א קומפּיגען לעדיג־געהער. אין דער־זעלבער צייט אָבער, האט מען אויך געוואוסט, אז דיא פרויען און מיידלעך פון 8 מייל ארום, קוקען אימער אויף דאָמיניק׳ן מיט גלענצענדע אויגען פון ליעבע אָדער בעוואונדערונג.

דאָמיניק איז געווען ווירקליך זעהר א שעהנער מענש, טראָטץ דיא חסרונות וואס מען האט איהם צוגעשריעבען.

דעם אלטען מערליער׳ס מיהל איז געווען ניט אזא הערליכע געביידע, אָבער זיא האט אויסגעזעהען גאַנץ שעהן און אנציהענד. זיא איז געשטאַנען גראָדע אין מיטעלפּונקט פון רעקרעז, נעבען דעם גרויסען וועג וואס צושיידט זיך.

דאס דאָרף האט געהאט בלויז איין שטראסע און צווייא רייהען הייזלעך זיינען געשטאַנען איינע געגען אנאַנדער. ארום און ארום דיעזע הייזער האבען זיך אויסגעברייטעט גרויסע פעלדער, וועלכע האבען אין פריהלינג אויסגעזעהען וויא גרינע דעקען, און פאר דעם הערבסט, ווען דיא תבואה איז פערטיג געוואָרען, האבען זייא פאָרגעשטעלט גאָלדענע לאַנקעס אָבגעטונקט אין דיא שטראַהלען פון דער זונן.

רעכטס האבען זיך אויסגעברייטעט לאַנגע רייהען בוימער, וועלכע האבען בע־דעקט דיא טהאָלען מיט א ווייבען און שטיקען שאטען.

אין גאנץ לאַטהרינגען, מטג מען זאָגען, איז נישטאַ נאָך אזא שעהנע, רוהיגע און פּאָעטישע געגענד. רעכטס און לינקס ליעגען גרויסע און טיעפע וועלדער מיט אור־אַלטע בוימער, וועלכע ציהען זיך אַזוי וויים, אז עס דאכט זיך אוים, דאס זייערע גרינע קרוינען בעריהרען זיך מיט דעם בלויען הימעל.

איבערהויפּט איז אָבער רעקרעז בעריהמט מיט דער קיהלענדער און אנגע־נעהמע לופט, אין דיא צוויא הייסע זומער־מאָנאטען, יולי און אגוסט. דער טייך מאָרעל פליעסט געהיימניספאָל און טרוימעריש פון דיא גאנץ וועלדער, און דאס וואסער ברענגט מיט זיך דיא גאנצע קיהלקייט פון דער שטילער און בעדעקטער נאַטור פון דיא גרינע וועלדער.

דאס אליין איז אָבער נאָך אויך ניט דיא אורזאכע פון דער גאנצער קיהל־קייט: וואו מען נעהט און וואו מען שטעהט, צווישען דיא בוימער און פעלדער, קען מען ערבליקען א קוואַל ארוים פליעסען פון דער ערד. דיא קוואלען זעהען אוים פון וויטען וויא שפּיעגעלעך, און ווען מען קומט צו נעהנטער, זעהט מען א קריסטאל־קלארעס וואסערל ארוים לויפענדיג פון דער ערד, און מען קען אויך זעהען דעם קליינעם זאמד־באָדען וואס דער קוואל האט פאַר זיך געמאכט. עס איז א פערגניגען זיך צו צובייגען און טרינקען פון אזא קוואל. דאכט זיך דיא זונן פון אויבען שליידערט ארונטער ברענענדע שטראהלען, אָבער זיא קען ניט דער־וואַרעמען דיא קוואלען. דאס וואסער פליעסט אימער פון דאַרט קיהל און ער־פרישענד, און דער וואנדערער, טרינקענדיג פון דאַרט, שפּירט זיך געשטארקט און אויפגעמונטערט.

פון דעם ערשטען בליק דאכט זיך, אז עפּעס איין אונטערערדישער טייך דרינגט זיך ארוים מיט אלע מעגליכקייטען, און האט זיך געמאכט דיזע אלע קאלטע קוואלען אלס איין אויסאטהמונג.

פון אלע זייטען זינגען דיא פייגעל, עס זשוושען דיא פליעגען און היישרעקען, און זיך אויסמישענדיג מיט דיא שטילע מורמלען פון דיא קוואלען, דאכט זיך, אז מען זיצט ערגיץ אין א בעצויבערענדען גאָרטען.

דאַרף מען דאָרט האבען רעגען? יא, מען בענעטהיגט איהם, אָבער ווען ער זאָל ניט קומען, וואָלט דיא אימער־פליעסענדע קוואלען געקענט גאנץ גוט נעהרען דיא פעלדער און העלפען דיא תבואה וואקסען.

דאס וואונדערבארסטע איז דער וואלד, וועלכער וועקסעלט זיינע קאָלירען עטליכע מאל אין זומער; אָט איז ער גרין, דונקעל־גרין, העל־גרין, קופּער־קאָליר, זילבער־קאָליר, גאָלד־קאָליר, און פריה־מאָרגען, ווען א נעבעל הויבט זיך אויף

פון דאָרטען, דאכט זיך, אז די נאטור האט אויפגעהויבען דעם פאָרהאנג פון א ביהנע און צייגט אונז די הערליכקייט פון לעבען, גענוס, שעהנהייט און רוה.

אָט דאָרט, אין יענער געגענד, איז געשטאנען דעם אלטען מעלניקער'ס מיהל. די געביידע איז געווען פון ברעטער, ליים און שטיינער, און האט אויסגעזעהען אזוי אלט ווי די וועלט. ווירקליך, אין דער אימער יונגער און בליהענדער נאטור, איז דאס א מערקווירדיגער און אנגענעהמער קאָנטראסט, ווען מען זעהט פאר זיך איין אלטע געביידע וואס טראגט אויף איהרע שולטער א טהייל פון דער אייביג־קייט.

דאס איז געווען א וואסער־מיהל, און האט ערזינערט אימער אן אלטערטהום. די געביידע איז געשטאנען ביינאהע א העלפט אין וואסער, און עס האט זיך אויס־געוויזען, אז זי באָדט זיך אין דעם טייך.

פון איין זייט איז געווען אויפגעבויעט ווי א צאָם איינצוהאלטען אביסעל דאס וואסער, עס זאָל שטייגען העכער און דאן אראנטער פאלען מיט מעהר קראפט אויף דער גרויסער מיהל־ראָד וואס האט זיך דאָרט געדרעהט און מיטגעדרעהט די שטיינער אין דער מיהל, וואו זיי האבען בעדאַרפט טהון זייער ארבייט.

די ראָד איז געווען אלט, אביסעל פערפוילט און לויפענדיג האט זי גע־סקריפעט, געקרעכצט און צייטענווייז ארויס געלאָזען א טאָן וואס האט אויסגעזעהן ווי דער הוסט פון איין אסטהמא־קראנקען.

ווען די איינוואָהנער האבען געראטהען מעליער'ן ער זאָל אריין שטעלען א נייע ראָד, פלעגט ער שאָקלען מיט'ן קאָפ און זאָגען, אז א יונגע ראָד וואָלט געווען צו פויל און ניט געטהאָן דיעזע ארבייט וואס די אלטע מאכט. אויף דיעזער ארט, האט ער אימער פערריכט די אלטע מיהל־ראָד מיט וואס עס איז איהם געקומען אין די הענד — ער האט צוגעשלאָגען ברעטלעך פון קאסטענס, אריין גע־קלאפט אלטע צוועקעס, צוגעשלאָגען פערזשאווערטע שטיקער אייזען און אריין גע־נאָסען צינק און בלייא.

די ראָד האט דערפאר אויסגעזעהען ווי אויסגעפוצט מיט פערשיעדענע פארבען און קאָלירען, און פון אלע זייטען האט זי אויך געטראָגען די גרינע פארב פון אָנגעוואקסענעם מאָך, ווי עס איז דער פאל מיט האָלץ וואס ליעגט פיעל אין וואסער.

ווען דאס וואסער איז געלאָפען אויף דער ראָד מיט זיין זילבערנעם שטראָם, האט זיך די ראָד אויך בעדעקט מיט ליכטיגע טראָפען, וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי גרויסע פערלען.

דיא מיהל איז געשטאנען איבער דעם מאָרעל אויף גרויסע און שטארקע פּטאָלבעס, או: דאס וואסער איז געלאָפען פון אונטען. ווען דיא ראַד האט זיך אַמאל אָבגעשטעלט און דער געוועהנליכער שוים איז פערשוואונדען, האט מען גע־קענט זעהען ארום שווימענדיג אין דעם קלאָרען וואסער, גרויסע פיש פון פער־שיעדענע מינים.

האלב צובראָכענע טרעפּען האבען ארונטער געפיהרט פון דער מיהל־טהיר צום וואסער, וואו עס איז אימער געשטאנען צוגעאנקערט א קליין שיפעל.

אין דיא ווענט פון דער מיהל, זיינען געווען מעהרערע פענסטער, אָבער דיא אונרעגעלמעסיגקייט פון דיא פענסטער, האבען בעוויזען, אז זייא זיינען ניט גע־מאכט געוואָרען פאר שיינקייט, זאָנדערן אוים נויטהווענדיג צו בעלייכטען דיא מיהל אינוועניג, און וואו עס האט בעסער געפּאסט א פענסטער, דאָרט האט מען עס געמאכט.

אונטערדעסען האט פון איין זייט מיהל, דאס הייסט, פון דעם באָדען, זיך גע־צויגען גרינע צווייגען מיט א סך בלעטער, וועלכע האבען בעדעקט היבשע טהיילען פון דער מיהל ארום־און־ארום.

יונגע דאמען, פון דיא שטעדט, וועלכע זיינען ארוים געקומען ציימענווייז אין יענער געגענד, און זייא האבען פערשטאנען דיא קונסט פון צייכנען, פלעגען זיך אָבשטעלען בייא מעליער'ס מיהל און דאס אָבצייכנען אויף פּאפּיר, דאמיט שפּעטער צו מאכען דערפון א בילד.

נעבען וועג, איז שוין געשטאנען א ציעמליך גוטע געביידע. עס איז געווען א שטיינער צאם וואס האט זיך געעפענט אין א ברייטען הויף און געפיהרט צו א פּאאר שפּאכלערס און שטאלען. אין מיטען איז געשטאנען א גרויסער אייבען־בוים, וועלכער האט בעדעקט א העלפט פון דעם הויף מיט זיין שאטען. גאנץ ניעדריג, דאס הייסט, צום עק פון הויף, איז געשטאנען א צוויא־שטאָקיגע הויז מיט פיער פענסטער אין איין רייהע אויף דעם ערשטען שטאָק, און אויבען, אויף'ן דאך, איז געווען ערריכטעט א טויבען־הויז.

דיעזע פּראַנט־וואַנט, האט דער אַלטער מערליער געלאָזען אָבקאלכען איין מאל אין 10 יאָהר. צור צייט וואס אונזער געשיכטע פאנגט אָן, איז דיעזע וואנט נאָר וואס אָבגעקאלכט געוואָרען און דיא ווייסקייט דערפון, האט בעלייכטעט כמעט דאס גאנצע דאָרף.

זייט צוואנציג יאָהר איז דער אַלטער מערליער שוין געווען דער בירגער־

מייסטער פון דעם דאָרף רעקרוטן. ער איז געמאַכט געוואָרן פאַר זיין פערמעגען וואָס עס איז איהם געלונגען צו ערשפּאָרען.

מען האָט איהם געשאַטצט, אז ער פערמאָגט אונגעפעהר אַכציג טויזענד פראַנקס, וואָס ער האָט ערשפּאָרט נאָך שווערער מיה און ארבייט. און אזא סומע, איז אין יענעם דאָרף ניט געווען קיין קלייניגקייט.

ווען ער האָט געהייראַטעט מיט פריילין ניאַרד, האָט ער בייא איהר גענומען דיא מיהל אלס נדן, נאָר ער אַליין, האָט מעהר ניט בעזעסען וויא זיינע צוויא שטאַרקע הענד צום ארבייטען. אָבער מאַדעלע'ן, דאָס הייסט, פריילין ניאַרד, האָט נאָכדעם קיין אורזאַכע ניט געהאַט חרטה צו האָבען אייף'ן שידוך, ווייל מערליער איז געווען א מאַן וואָס האָט פערשטאַנען זיין פאַך און געוואוסט וואָס דאָס הייסט האָרעווען און פערדיענען געלד.

ווען זיין פרוי איז געשטאָרבען, איז ער איבערגעבליעבען איין אַלמן מיט זיין איינציגער טאָכטער פראַנסאָאַז פאַר איהר צו זאָרגען.

עס איז קיין צווייפעל, אז פיעלע אַנדערע אויף זיין שטעלע וואָלטען בעהויפּ־טעט, אז דיא צייט איז געקומען צו רוהען און אָבלאָזען דיא מיהל זיא זאָל פער־וואַקסען ווערען מיט בלעטער און גראָז, נאָר מערליער האָט געוואוסט, אז ער איז ניט געבויירען געוואָרען אַרום צו געהען לעדיג, און גלאַט זיטצען און עסען וואָס ער האָט אָבגעשפּאָרט, וואָלט איהם שנעל נמאס געוואָרען. ער האָט געזעהען, אז כל־זמן מען לעבט, מוז מען ארבייטען, און דער וואָס ארבייט ניט, איז גלייך וויא טויט. ווענינגסטענס האָט ער אַזוי געאורטהיילט איבער זיך אַליין, און ער האָט דערפאַר ניט געקענט בייא זיך פּועל'ן, צו ווערען א לעדיג־געהער.

ער האָט אַלזאָ פאָרטגעזעטצט זיין ארבייט, און, וויא ער פלעגט זיך אויס־דריקען, האָט ער אימער בעהויפּטעט:

„איך ארבייט נאָר צום אונטערהאַלט."

דער אַלטער מערליער איז געווען א הויכער אַלטער מאַן, מיט א לאַנגעם און שטילעם געזיכט. מען האָט איהם כמעט קיינמאָל ניט געזעהען לאַכען, אָבער אין דער וואָהרהייט געשפּראָכען, איז ער געווען אין זיין גייסט, זעהר א מונטערער און פרעהליכער מענש.

ער איז ערוועהלט געוואָרען אלס בירגערמייסטער, ווייל ער איז געווען רייך, אָבער אויך דערפאַר, ווייל ער האָט געוואוסט וויא צו שפּיעלען דיא ראָלע פון זעהר איין עהרווירדיגען מאַן, ווען ער האָט פערהייראַטעט א פּאָאַר פּאָלק.

פראנסאאז מערליער איז אלט געווען אקוראט אכטצעהן יאהר. זיא איז גראדע ניט גערעכענט געווארען אלס איינע פון דיא גרויסע שעהנהייטען אין דארף; זיא איז געווען דאפיר אביסעל צו צארט.

ביז צו איהר 11־טעס יאהר, איז זיא געווען גאר א מיאוסקייט. ניעמאנד אין יענער געגענד, האט געקענט בעגרייפען, וויא אזוי מערליער מיט זיין פרוי, צוויא גאנץ געזונדע פערזאנען, זאלען האבען אזא קריינקליכעס און העסליכעס קינד. אבער ווען זיא איז אלט געווארען פופצעהן יאהר, אבוואהל נאך אימער זעהר צארט, האט זיא שוין געהאט דאס שענסטע געזיכט וואס א מעדכען פון איהרע יאהרען קען האבען.

זיא האט געהאט שווארצע האאר, שווארצע אויגען, און איהרע רויזען־באקען, האבען זיך דערפאר נאך בעסער ארויס געזעהען. איהר מויל, וואס האט כמעט אימער געטראגען א שמייכעל, איז געווען פיין אויסגעבילדעט מיט צוויא רויטע ליפען, און איבער איהרע גלענצענדע אויגען האט זיך אויסגעברייטעט א ברייטער שטערען.

אין אזא נאכבארשאפט, וואו דיא נאטור איז ניט קארג מיט איהרע ברכות, ווערט ערווארטעט, אז יעדער איינוואהנער זאל אפשפיעגלען מיט זיין קערפער דעם איבערפלוס פון געזונדע שפייזען, פרישע לופט און זארגענלאזיגקייט. עס איז אלזא קיין וואונדער ניט, אז פראנסאאז, וועלכע איז געווען א צארטע, האט טראָטץ איהר שעהנהייט, ניט געקענט דארט בעטראכטעט ווערען אלס דיא שענסטע. מען איז געוואהנט געווארען אין רעקרעז, צו זעהען דיקע הענד, דיקע באקען און ברייטע שולטערן. פראנסאאז האט עס ניט בעזעסען.

אונטערדעסען, איז נאך געווען א גרויסער אונטערשיעד פון איהר צארטקייט ביז צו דער צארטקייט פון א מאגערעס שטאדט־מעדכען. עס איז קיין צווייפעל, אז אין פאריז, וואלט מען זיא בעטראכט פאר גאנץ פעט.

אין אלגעמיינעם איז זיא געווען גליקליך און צופריעדען מיט איהר שיקזאל. איהר פאטער'ס אימער־וועהרענדעס שטילשווייגען, האט אויף איהר, נאך פון קינדהייט אן, געמאכט א גרויסען איינדרוק. יא, זיא האט אימער געלאכט, אבער דאס איז נאר געווען אין פרעמדער געזעלשאפט; ווען זיא איז געזעסען אליין, איז זיא געווען גראדע אזוי ערנסט און שטיל וויא איהר פאטער.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אלע בחורים פון דארף, האבען זיך צו איהר געשדכנט, און דער אמת איז, אז דאס איז ניט געווען אזוי צוליעב איהר

שעהנחיים וויא צוליעב איהר נעלד, ווייל יעדער האט נעוואוסט, אז דעם אלטע מערליער'ס פערמעגען, וועט געהערען צו איהר. אָבער פּרנסאָאָז האט זיך ניט נעקענט אזוי לייכט צו קלייבען א חתן.

ענדליך, ווען זיא האט זיך שוין בעשלאָסען צו הייראטהען מיט א יונגען מאַן האט איהר ענטשלוס ארויס נערופען א גרויסען סקאנדאל.

פון יענער זייט טייך מאָרעל האט נעלעבט א יונגערמאן מיט דעם נאמען דאָמיניק פענקער. ער איז איינענטליך ניט נעווען פון רעקרעז, זאנדערן נאר א פרעמדער.

מיט צעהן יאָהר צוריק, איז ער אהין נעקומען פון בעלגיען, אום איבערצונעהמען א ירושה. זיינער איין אָנקעל, האט נעהאט א שטיקעל באָדען און א הויז נעבען דעם גאני וואלד, און ווען דער אלטער איז געשטאָרבען, איז דאָמאניק ערשיענען און איבערנענומען דאס איינענטהום. לויט וויא ער האט דאמאלס בעהויפטעט, איז ער נאָר נעקומען אום צו פערקויפען דעם באָדען און דאן צוריק פאָהרען פון וואנען ער איז נעקומען. אָבער דיא הערליכע נענענד, האט איהם אזוי בעצויבערט, אז ער האט זיך מעהר ניט נעקענט פון דאָרט אָבּריסען.

מען פלעגט איהם זעהען בעארבייטען אביסעל דאס פעלד, צוזאמען נעהמען נרינצייג, אָבער אין אלגעמיינעם איז ער ניט נעווען קיין פלייסיגער ארבייטער. זיין צייט האט ער נאָר פערבראכט אין נעהען כאפּען פיש און אויף דער יאגד. ער האט אויך ניט נעוואָלט וויסען וואו עס איז יא ערלויבט צו נעהען אויף דער יאגד און וואו ניט; ער איז איבעראל נענאנגען, און אָבוואָהל דיא וואלד־וועכטער האבען איהם איינינע מאל נעוואָלט כאפּען, איז עס זייא קיינמאל ניט נעלונגען.

דאס פרייע לעבען, דיא פרייע בענענונג און דאס אימער איינאטהמען נאַטור'ס פערנניענען, איז פאר דעם געבוירענעם בויער, וועלכער איז נעוואָהנט פיעל צו ארבייטען, אונפערשטענדליך, און אויף דיעזער ארט, האט דאָמיניק נעקריענען א שלעכטען נאמען, און דיא בויערן האבען בעהויפּטעט, אז ער איז נאר קיין לייט ניט.

דיא וואהרהייט איז, אז ער איז אויך נעווען זעהר שטארק פויל, דען מען האט איהם פיעלע מאָל נעזעהען ליענען אין גראָז און טרוימען פון דעם הימעל'ס בלויקייט, אנשטאט צו ארבייטען וויא דיא צייט האט ערפאָרדערט.

דאס שטיבעל וואו ער האט נעוואָהנט, צווישען דיא ערשטע בלעטער פון דעם וואלד, האט ניט אויסגעזעהען וויא דיא וואהנונג פון איין עהרליכען מאן עס

האט בעסער געמאכט דעם איינדרוק פון עפעס א וואלד־רויבער, ווערכער זוכט די איינזאמקייט.

טראָטץ דעם אַלעמען, האבען איהם די מיידלעך אימער פערטהיידיגט און פאר איהם געהאלטען; דען דיעזער פוילענצער, וויא מען האט איהם גערופען, איז געווען א מערקווירדיגער שעהנער מענש; הויך און גראד וויא א פאלמען בוים, מיט זעהר א ווייסער הויט, און זיין קליינע באָרד מיט די האאר פון זיין קאָפ, האבען געגלענצט וויא גאָלד אין שיין פון דער זונן.

אין א שעהנעם פריה־מאָרגען, איז פראַנסאַאז ערשיענען פאר איהר פאטער, און נאכדעם וויא זיא איז עטליכע מאל רויט און בלאס געוואָרען, האט זיא איהם דערצעהלט, אז זיא ליעבט דאָמיניק׳ן, און זיא וועט ניעמאלס הייראטהען מיט איין אנדערן מאן.

מען קען זיך קוים א בעגריעף מאכען וואס פאר א שטערצהאפטען איינדרוק דאס האט געמאכט אויף מערליער׳ן.

ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו זיין טאָכטער, איהר צוגעוואָרפען א בליק פול מיט בעדייטונג, אָבער, וויא געוועהנליך, האט ער גאר ניט געזאָגט. וויא מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, האט ער אימער אויסגעזעהען שטיל און נאכ־דענקענד, אָבער דיעזעס מאָל, איז די אינערע מונטערקייט, וואס האט זיך אב־געשפיעגעלט אין זיינע גלענצענדע אויגען, פערשוואונדען געוואָרען.

פאטער און טאָכטער האבען א גאנצע וואָך ניט גערעדט איינער צו אנאנדער; פראַנסאַאז איז אויך געוואָרען זעהר ערנסט.

וואס עס האט איבערהויפט בעשעפטיגט דעם אלטען מערליער׳ס געדאנקען, איז געווען, אויסצוגעפינען, וויא אזוי דיעזער יונגער פוילענצער, האט געקענט בע־צויבערן זיין טאָכטער.

צור צייט וואס זיא האט איהם דערצעהלט פון איהר ליעבע צו דעם יונגען מענשען, האט זיא אויך ניט פערגעסען צו בעמערקען, אז זייא האבען נאך ביידע ניט געשפראָכען.

מערליער האט אָנגעפאנגען אויפצופאסען, און ער האט אויסגעפונען, אז דאָמיניק ליענט מעהרערע מאָל אין גראָז פון יענער זייט מאָרעל, און זעהט אויס צו דרעמלען. דער אלטער האט זיך ערקלערט, אז זיין טאָכטער האט זיך פערליעבט אין דאָמיניק׳ן, בלויז פון זעהען.

רערווייל איז פאראיבער נאך א וואָך. פראַנסאַאז איז יעדעס מאל ערנסטער

און שטילער געוואָרען. דער אַלטער מערליער האָט דאָס געזעהען, אָבער ער האָט נאָך אימער גאָר ניט געזאָגט.

דאַן, אין איין אַבענד, האָט ער מיט זיך געבראַכט דאָמיניק'ן צו זיך אַהיים, אָהנע צו רעדען אַ וואָרט. פראַנסאָאַז האָט גראַדע דאַמאַלס געגרייט צו טיש. זיא האָט ניט אויסגעזעהען ערשטוינט, און האָט בלויז אַרויף געשטעלט נאָך אַ טעלער אויף'ן טיש, און צוגעלייגט אַ גאָפּעל מיט אַ מעסער. אונטערדעסען האָבען מעהר דיא רויזען אויף איהרע באַקען ווידער אַמאָל אָנגעפאַנגען צו בליהען, און ווען זיא האָט זיך אומגעווענדעט, האָט דער שמייכעל ווידער בעצויבערט איהר שעהנעס מויל.

דיא געשיכטע איז אַזוי געווען: גאַנץ פריה איז מערליער אַוועק אויפזוכען דאָמיניק'ן, און ער האָט איהם געטראָפען אין זיין וואָהנונג. דאָרט האָבען ביידע מענער געשפּראָכען איבער דרייא שטונדען. ניעמאַנד האָט אַמאָל דערצעהלט וואָס זייא האָבען גערעדט, נאָר אַזוי פיעל איז בעקאַנט, דאָס ווען ביידע זיינען אַרויס פון דעם שטיבעל, האָט דער אַלטער מערליער שוין בעטראַכט דאָמיניק'ן וויא זיין אייגענער זוהן.

עס איז קיין צווייפעל, אַז דער אַלטער און קלוגער מאַן, האָט אויסגעפונען, אַז דאָמיניק, איז נאָך אַלעמען ניט קיין געפעהרליכער מענש, און אָבוואָהל ער איז אַביסעל פויל, איז ער דאָך אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן און ער פערדיענט זיין טאָכטער זאָל איהם הייראַטהען.

גאַנץ רעקרעז האָט דאַריעבער געשפּראָכען.

דיא פרויען, וועלכע האָבען ליעב געהאַט זיך אַוועק צו שטעלען פאַר דיא טהירען און בעשפּרעכען אַלעס וואָס עס געהט פאָר אין דער סביבה, זיינען ניט מיעד געוואָרען צו דערצעהלען, וויא אַזוי מערליער האָט זיך בענאַרישט אויף דער עלטער און ער גיבט אַוועק זיין טאָכטער, זיין איינציגעס קינד, צו אַזאַ טויגעניכטס וויא דאָמיניק.

מערליער ווידער, וועלבער האָט מעהרערע מאָל געהערט דיא קריטיקען איבער איהם, האָט אויסגעזעהען זיך ניט צו בעקימערן, אָדער ער האָט זיך ניט געוואָלט בעקימערן, ווייל ער האָט קיינעם ניט געענטפערט.

עס איז אויך מעגליך, אַז ער האָט זיך עראינערט אָן זיין אייגענער פערזאָן, וויא אַזוי ער אַליין האָט חתונה געהאַט. צו יענער צייט, לויט וויא ער האָט גער קענט געדענקען, האָט ער ניט געהאַט אַ סו אין קעשענע. ער האָט געהייראַטעט דיא שעהנע מאָדעלען און גענומען איהר פּיהל אַלס נדן; טראָטץ דעם אָבער,

איז ער נאכהער געוואָרען א גאנץ ניטצליכער מאַן פיר זיין פּרדי — יאָ, פיעל ניטצליכער וויא אנדערע, וואס האבען אליין געהאט געלד און מען האט זייא געלויבט און געריהמט אלס פעהיגע מענשען.

אונטערדעסען אָבער, האט דאָמיניק אליין פערשטאָפּט זייערע פיעלע מיילער דען הערענדיג, אז זיין איינציגער פעהלער בעשטעהט אין זיין פוילקייט, איז ער פּלוצלינג געוואָרען אונגעהייער פלייסיג, און יעדער איינער האט זיך געוואונדערט איבער זיין ארבייטזאמקייט.

און יאָ, דאָמיניק האט געקענט ארבייטען ווען ער האט געוואָלט און געהאט חשק דערצו.

עס האט פּאסירט גראָדע דאמאלס, ווען דעם מילנער'ס איינציגער וויענער איז אוועק; דאָמיניק האט דאַן אום קיינעם פרייז ניט געוואָלט צו לאָזען מען זאָל דינגען איין אנדערן. ער האט אליין געטראָגען דיא זעק אריין און ארויס פון דער מיהל; אויפגעלאָדען דיא זעק אויף דעם וואָגען און אוועק געפיהרט וואוהין מען האט געדאַרפט, און אויך שווער געקעמפּפט מיט דער אלטער ראָד, וועלכע פלעגט זיך וויא איינשפּאַרען, און פון דער העלער הויט ניט וועלען געהען. אלעס האט ער געטהאָן מיט אזא חשק און מיט אזא פלייסיגקייט, אז יעדער האט איהם אָנגעהויבען צו רעספּעקטירען.

דער אלטער מערליער פלעגט זיך שוין דאַן פערגינען אביסעל אונטער צו שמייכלען. ער האט אָנגעהויבען שטאָלץ צו ווערען אויף זיין קינפטיגען איידעם. און ער האט זיך גערעכענט פאַר א גליק, וואס איהם איז געלונגען צו געפינען אזא חתן פאַר זיין טאָכטער.

מערליער האט געקוקט מיט פערגניגען וויא דאָמיניק האט שווער געארבייט, און זיך געטראַכט, אז ליעבע האט א געוואלטיגע קראַפט איבער א מענשען, זאָגאר צו מאַכען פון א פוילענצער איין ארבייטזאמען.

אין מיטען פון דיעזער שווערער ארבייט, האט פראַנסאַאז פערגעטערט דאָמיניק'ן, און דאָמיניק האט אנגעבעטעט פראַנסאַאז'ן. זייא האבען כמעט קיין וואָרט געשפּראָכען אונטער זיך, נאָר ווען זייא האבען זיך בעגעגנט, האבען זייא געשמייכעלט איינער צום צווייטען מיט דער גרעסטער ליעבליכער צערטליכקייט.

ענדליך, אין מיטען פון מאָנאט יולי, זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען דיא דרייא פישען אין מיטען הויף אונטער דעם גרויסען בוים, און אלע פריינדע פון רעקרעש

זיינען איינגעלאדען געווארען צו קומען און פערברענגען דעם אבענד פון דער פער־לאבונג.

ווען דער הויף איז שוין געווען פולל און יעדער איינער האט געהאלטען א גלאז מיט משקה אין האנד, האט זיך דער אלטער מערליער אויפגעהויבען און געזאגט:

„עס מאכט מיר פערגניגען, מיינע פריינדע, אייך אנצוזאגען, אז מיין פראנסאאז ווערט חתונה האבען מיט יענעם יונגען חברה־מאן, פון היינט און א מאנאט צייט, גראדע אים סאנט לואים טאג.“

דאן האט יעדער בעריהרט דיא גלעזער און מען האט געטרונקען, שרייענדיג, „עס לעבע דאס יונגע פאארעל!“

דער אלטער מערליער, נאך אמאל אויפהויבענדיג זיין שטימע, האט ווייטער געזאגט:

„דאמיניק, אומארמע דיין כלה און גיב איהר א קוש, מיר אלע זאלען עס זעהען. יא, יא, אזוי איז דער מנהג און דוא מוזט עס טהון.“

ביידע, דאמיניק און פראנסאאז, זיינען שטארק רויט געווארען, און ווערענד יעדער האט געלאכט, האבען זיי זיך אומארמט און געקושט.

אך! וויא מונטער יעדער איז דאמאלס געווען!

א גאנצעס פעסעל וויין איז אויסגעטרונקען געווארען.

ווען יעדער פון דיא געלאדענע איז אוועק און נאר דיא נאהענטעסטע פריינדע זיינען געבליעבען, האט זיך חתן כלה אוועק געזעטצט אויף א באנק און זיי האבעןביידע געשפראכען.

דער הימעל האט זיך אויסגעשטערענט און דיא שטערען האבען ארויס גע־פינקעלט וויא פון א טיעף־בלויען פארהאנג.

דאמיניק און פראנסאאז זיינען דאן געזעסען איינער נעבען אנאנדער און גע־שוויגען; זייא האבען ניט געהאט פיעל וואס צו רעדען, דיא שפראכע איז אויס־געפיללט געווארען דורך זייערע טיעפע ליעבעס געפיהלע.

איין אלטער בויער האט דערצעהלט וועגען דעם קריעג וואס דער פראנצויזישער קייזער האט ארויס גערופען נעגען פרייסען. ער האט אויך דערצעהלט, אז כמעט אלע יונגע לייט פון דעם דארף, זיינען שוין אוועק אין מיליטער־דיענסט.

איין אנדערער בויער האט בעמערקט, אז מיט א טאג פריהער, זיינען פאר־ביינענאנגען גרייסע מחנות סאלדאטען פון דער אנדערער זייט וואלד. א דריטער

טאָן האָט בעמערקט, אַז זעהר פיעלע פון דיא יונגע לייט, וועלען געוויס ניט צוריק קעהרען.

„מיין צוקינפטינער איידעם, דאָמיניק," האָט דער אלטער טערליער בעמערקט, „איז איין אויסלענדער, א בעלגיער, און ער איז ניט געצוואונגען צו געהן אין קריעג. אָבער דאָך, ווען דיא פרייסען זאָלען אהער קומען, וועט ער דאָ זיין בערייט צו פערטהיידיגען זיין פרוי."

דיא בעהויפּטונג, אַז עס איז מעגליך דיא פרייסען זאָלען קומען ביז רעקרעז, האָט פאַר יעדען אויסגעזעהען אלס זעהר א גוטער שפּאַס. יעדער האָט זיך נאַטירליך פאָרגעשטעלט, מיט פּאַטריאָטישען [illegible], אַז דיא פרייסען וועלען קריעגען געבראָכענע ביינער, און דאס וועט געשעהען אזוי שנעל, אַז זייא וועלען אפילו קיין צייט ניט האבען צו דענקען איבער פראַנצויזישען באָדען.

„איך האב זייא שוין געזעהען, דיא נאַרישע פרייסען, אָה יא, עטליכע מאָל," האָט דער אלטער בויער בעמערקט.

עס איז שטיל געוואָרען. דאַן האָט מען נאָך אמאל אָנגעקלאַפּט מיט דיא גלעזער און געטרונקען.

פראַנסאָאַז און דאָמיניק האָבען גאר ניט געהערט. פאַר זייא איז קיין זאַך געווען אַזוי וויכטיג און אינטערעסאַנט וויא זייער ליעבע. אָהנע יעמאַנד זאָל זעהען, האָבען זייא אריעבער געלייגט דיא הענד פון דער אנדערער זייט באַנק, און זייא האָבען זיך אָנגענומען. דיעזע בעריהרונג איז געווען אזוי זיס, אַזוי הייליג און אזוי איבערנעבענד, אַז אַלעס ארום זייא האָט אויסגעזעהען טויט, און זייערע בליקען האָבען זיך פערלוירען אין דער טיעפער בלויקייט פון הימעל.

וואס פאַר א וואַרעמע און הערדליכע נאַכט דאס איז געווען!

אין דערזעלבער צייט, האָט אויך אָנגעהויבען אלץ רוהיגער און רוהיגער צו ווערען — דאס דאָרף איז לאַנגזאַם איינגעשלאָפען, גלייך וויא א קינד וואס האָט זיך געשפּיעלט א גאַנצען טאָג און איז איינגעשלאָפען פאַר מיעדקייט אויף זיין מוטער'ס אָרעם.

צייטענווייז האָט זיך געהערט דאס קרעהען פון א האָהן, וועלכער האָט, וויא עס שיינט, צו פריה ערוואַכט.

פון דיא גרויסע וועלדער, איז צייטענווייז געקומען א קיהלער און אנגענעהמער ווינטעלע, וועלכער האָט זיך צופּאַכט מיט א בלומען־גערוך איבער דיא דעכער.

דיא לאַנקעס, איינגעהיעלט אין דיא שוואַרצע שאַטענס, האבען אויסגעזעהען צו דרעמלען אין נאַטור'ס שויס, וועהרענד דיא וואַסערן, וואס זיינען געשלאָפען, האבען אויסגעזעהען צו מורמלען עפּעס א געהיימניספאָלען נאַכט־שפּרוך.

צייטענווייז, האט דיא מיהל־ראָד, וועלכע איז געשטאַנען רוהיג, פּלוצלינג ווי ערוואַכט און אָנגעפאַנגען צו ברומען, ווי א געטרייער הויז־הונד, וואס ברומט און האווקעט פון שלאָף.

אין אַלגעמיינעם, האט אָבער געהערשט א מאַיעסטעטישע רוהע און א געטליכער פריעדען איבער דער גאַנצער געגענד, וואו דיא נאַטור איז געוועזען אזוי רייך און שעהן.

2.

גראָדע מיט א מאָנאַט שפּעטער, אין סאַנט לואיס טאָג, איז דאס דאָרף רעקרעז געוועזען אין דער גרעסטער אונרוהע.

דיא פּרייסען, פון וועלכע מען האט געלאַכט און חוזק געמאַכט, האבען גע־שלאָגען דעם קייזער'ס סאָלדאַטען, און זייא האבען מאַרשירט שנעל פאָרווערטס, זיך דערנעהנטערענדיג נאָך רעקרעז.

נאָך מיט א וואָך פריהער, איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען, אז דיא פּרייסען קומען.

מען האט פריהער געזאגט, אז זייא זיינען אין לאָרמיער, דאַן אין נאָוועל, און פון דאָרט, נאַטירליך, ציהט זיך א גראָדע ליניע נאָך רעקרעז.

ווען מען האט דערפון ערפאַהרען, האבען דיא איינוואָהנער פון רעקרעז, ער־וואַרטעט יעדען פריהמאָרגען, צו זעהען אָנקומען דיא פּרייסען פון דיא גאַני וועלדער.

דיא פּרייסען זיינען אָבער נאָך אימער ניט געקומען, און דאס האט דיא איינוואָהנער פון רעקרעז נאָך מעהר בעאונרוהיגט, ווייל זייא האבען אימער געלעבט אין אונגעוויסהייט.

מיט א נאַכט פריהער, פאַרטאָג, איז פּלוצלינג געשלאָגען געוואָרען איין אַלאַרם. דיא איינוואָהנער האבען ערוואַכט אין גרויסער שרעק, און זייא האבען גע־הערט דעם גערויש פון מענשען אין דרויסען.

דיא פרויען זיינען געלאָפען אויף דיא קניע, געשריען, געוויינט און געבעטען, אָבער ווען מען האט דערזעהען, אז דיא סאָלדאַטען טראָגען רויטע הויזען, האט מען שוין געוואגט אביסעל צו עפענען דיא לאַדענס פון דיא פענסטער.

עס איז געווען איין אירטהום, אומזיסטיגע שרעק. אנשטאט דעם וואס מען האט געמיינט, אז עס זיינען עראשיענען פרייסען, איז עס נאר געווען איין אבטהיילונג פראנצויזישע סאָלדאטען.

דער קאפיטאן האט באלד פערלאנגט צו זעהען דעם בירגערמייסטער פון דעם דאָרף. מען האט איהם אוועק געפיהרט צו דער מיהל וואו ער האט געהאט איין אונטעררעדונג מיט דעם אלטען מערליער.

די זון איז אין יענעם טאָג אויפגעגאנגען שעהן און מונטער. עס איז געווען א צייכען, אז אום מיטאג־צייט וועט עס זיין הייס. איבער די וועלדער האט גע־פלאָטערט א גאָלדענעס ליכט פון די מאָרגען־שטראַהלען, און ווייט אוועק, האט זיך אויפגעהויבען וויא א שעהנער ווייסער רויך וואס האט אין זיך געהאלטען דעם נעבעל פון דער נאכט.

דאס ריינע און שעהנע דאָרף האט ערוואכט אין דער קיהלער לופט, און דאס לאנד, מיט אלע טייכען און קוועלען, האט אויסגעזעהען בעהאנגען מיט שנירלעך מוטער־פערל, פון די טהוי־טראָפען דער נאכט

אָבער, דיעזעס הערליכע נאטור־בילד און דיעזעס שעהנע וועטער, האט קיינעם ניט געמאכט לאכען און האט קיין פרעהליכקייט ארויס גערופען.

יעדער האט געזעהען דעם קאפיטאן פון די פראנצויזישע סאָלדאטען ארום געהענדיג נעבען דער מיהל; ער האט מיט אויפמערקזאמע אויגען געשטודירט יעדעס הויז פון דער נאכבארשאפט. דאן איז ער אריבער פון יענער זייט טייך מאָרעל, און דאָרט האט ער שוין ארויס גענומען א שפאקטיוו און זיך גוט בעטראכט די געגענד. דער אלטער מערליער, וועלכער איז געווען מיט איהם, האט אויס־געזעהען זיך צו געבען די גרעסטע מיה אום אלעס צו ערקלערען און בעשרייבען דאס לאנד פון דער נאכבארשאפט.

ווען דער קאפיטאן איז פערטיג געוואָרען מיט דיעזער אונטערזוכונגס־ארבייט, האט ער צוזאמען גערופען זיינע סאָלדאטען און א דריטעל פון זייא פערטהיילט אין קליינע גרופען; א טהייל האט ער געשטעלט הינטער וועגט, הינטער בוימער, און א טהייל אין לעבער פון דער ערד. די גרעסטע אבטהיילונג, האט ער אריין גע־בראכט אין הויף פון דער מיהל.

די איינוואָהנער האבען ניט געוואגט צו פרעגען דעם קאפיטאן וואס דאס בעדייטעט, אבער מען האט גאנץ גוט פערשטאנען, אז דאָרט וועט זיין א

אלס דער אלטער מערליער איז פערטיג געוואָרען מיט בעענטפערן פראגען דעם קאפיטאן, און איז ווידער ערשיענען אין דאָרף, האבען זיך ארום איהם גע־שטעלט מענער, פרויען און קינדער און געפרעגט וואס עס וועט פאסירען. ער האט בלויז געגעבען א לאנגען שאָקעל מיט זיין קאָפּ און געשוויגען.

„צו וועלכען צוועק פרעגען זייא, דיא נאראנים?“ האט ער זיך געטראכט. „זעהען זייא דען נים, אז א בלוטיגע מלחמה דערנעהנטערט זיך?“

פראנסאאז און דאָמיניק, זיינען געווען אין הויף פון דער וואָהנונג, און ווען מערליער איז אריין געקומען, האבען זייא איהם אָנגעקוקט שטילשווייגענדיג. ענדליך האט מערליער ארויס גענומען דיא לולקע פון זיין מויל און געזאגט גאנץ איינפאך:

„אך! מיין ארמע קינדער, מארגען וועט אייער חתונה נים קענען זיין!“

דאָמיניק'ס ליפען האבען זיך צוזאמענגעדריקט און זיין שטערן האט זיך פער־קנייטשט פון צאָרן. דאן האט ער זיך אומגעווענדעט און זיך אויפשטעלענדיג אויף דיא שפיטץ פינגער, האט ער געהאלטען זיינע אויגען געריכטעט צו דיא גאני וועלדער, פון וואנען מען האט ערווארטעט צו זעהען דיא פרייסען ערשיינען.

פראנסאאז, בלאס און זעהר ערנסט, האט זיך בעשעפטיגט מיט בעזאָרגען דיא סאָלדאטען מיט מאנכע קלייניגקייטען וואס זייא האבען נאך בענעטהיגט.

און אין עק פון הויף, האבען א טהייל סאָלדאטען זיך געקאָכט זייער מיטאג, און דיא איבריגע, פון ווייטען האבען געלאכט און געשפאסט.

אין דערזעלבער צייט האט דער קאפיטאן אויסגעזעהען זעהר צופריעדען מיט דעם צושטאנד. ער האט אליין אונטערזוכט אלע צימערן און דעם גרויסען קאָ־רידאָר פון דער מיהל, וועלבער איז געווען געגענאיבער דעם טייך. אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויעזען א צופריעדענער שמייכעל. דאן האט ער בעמערקט דעם אלטען מערליער נעבען ברונען. ער איז צוגעגאנגען און זיך דאָרט געזעטצט.

„מיין הערר,“ האט געזאגט דער קאפיטאן, „איהר האט דאָ א פאָלקאָמענע בעסטונג.“

„ווירקליך?“ האט מערליער געפרעגט.

„יא, אלעס איז אזוי פאסענד, אז בויען צו דיעזען צוועק, האט מען גאר נים געקענט בעסער.“

„דענקט איהר, אז דאָ וועט מאקי זיין דיא מלחמה?“ האט מערליער גע־פרעגט אביסעל נייגיעריג.

„געווים."

„וואָרום?"

„ווייל דער שונא מוז אָנקומען אקוראט פון דיעזער זייט."

„ער האט אָבער נאך אנדערע וועגען" האט מערליער אָנגעוועגדעט.

„יא, דאס ווייס איך, אָבער אום איינצודרינגען אין דאָרף, מוז ער ערשיינען גראדע געגענאיבער דיעזער מיהל."

„ווייסט איהר וויא שטארק דער פיינד איז?"

„ניין, דאס ווייס איך ניט גענוי."

„אָבער ווען דער שונא וועט זיין צאָהלרייך?"

„דאַן וועלען מיר איהם עמפפאנגען."

„אָבער איהר האט דאך וועניג סאָלדאטען?"

„דאס מאכט ניט."

„עס מאכט זעהר פיעל," האט מערליער בעמערקט נאכדענקענד.

„איהר האט רעכט, בירגערמייסטער, אָבער מען מוז זיך בעגנעהען מיט וויפיעל עס איז דאָ."

„וועט איהר קעמפפען געגען א גרויסער אויבערמאכט?"

„יא, אפילו געגען צעהן רעגימענטען."

„דאס איז דאך אבער איין אונגלייכער קאמפף?"

„יא, נאָר איך קען מיר ניט העלפען."

„וואָרום?"

„ווייל אזוי זיינען מיינע בעפעהלע."

„אייערע בעפעהלע?"

„דאס הייסט דיא בעפעהלע וואס איך האב ערהאלטען."

„צו קעמפפען?"

„יא, דאס הייסט, איך וועל דאָ מוזען דעם שונא צוריק האלטען ביז אבענד און איהם ניט לאָזען פאסירען."

„ערוואַרטעט איהר דיא פרייסען אלזאָ נאך היינט?"

„געוויס. לויט נאך מיין חשבון האבען זייא שוין דאָ בעדאַרפט זיין, און איך פערשטעה ניט וואָרום דיא בעטלער קומען נאך ניט."

דער מילנער האט אויסגעזעהען זעהר ערנסט און נאכדענקענד. אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך שוין פאָרגעשטעלט דיא מיהל ברעננענדיג וויא א ליכט; אָבער ער האט זיך ניט בעקלאגט. דען עס וואלט איהם גאר ניט געהאָלפען. ער

האט געוואוסט, אז ער איז א פראנצויז, זיין לאנד שטעהט אין קריעג און ער מוז מיטליידען.

דאן האט ער בעמערקט:

„איך וואלט געזאגט, קאפיטאן, איהר זאלט זעהען בעהאלטען דאס שיפעל וואס שטעהט דארטען. אין יענעם ווינקעל, זעהט איהר, וואלט דאס שיפעל גע־קענט שטעהען גאנץ אונבעמערקט. מען ווייס ניט וואס עס קען פאסירען און איהר וועט עס נאך פיעללייכט בענעטהיגען.“

דער קאפיטאן האט נאכגעדענקט און געענטפערט:

„איהר האט רעכט.“

ער האט דאן געגעבען א בעפעהל צו א פאאר סאלדאטען צו בעהאלטען דאס שיפעל וואו דער מילנער האט אנגעציינט.

דער קאפיטאן איז געווען א מאן פון א יאהר פערציג, הויך און גראד גע־וואקסען מיט זעהר א גוטמיטהיגעס געזיכט.

די צוויא יונגע מענשען, פראנסאאז און דאמיניק, האבען איבער איהם געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק. ער האט זיך אזוי פעראינטערעסירט אין זייא, דאס ער האט אויסגעזעהען צו פערגעסען אין דעם קומענדען קאמפף.

ער האט נאכגעקוקט פראנסאאז'ן מיט זיינע גלענצענדע אויגען, און זיין בליק האט געציינט, אז ער בעטראכטעט דאס מעדכען פאר א שעהנהייט. דאן האט ער זיך געווענדעט צו דאמיניק'ן און געפרעגט:

„און איהר, מיין יונגע, וואס טהוט איהר?“

„פארלויפיג גאר ניט,“ האט דאמיניק געענטפערט.

„איהר זייט אלזא ניט אין דער ארמעע?“

„ניין.“

„ווארום?“

„ווייל איך בין איין אויסלענדער.“

„איין אויסלענדער?“

„יא.“

„פון וואנען?“

„א בעלגיער.“

דער קאפיטאן האט ניט אויסגעזעהען גאנץ צופריעדען מיט דיעזער ער־קלערונג.

אונטערדעסען האט ער געוואתקען אויף פראנסאאזן און געשמייכעלט, וויא איינער רעדט:

„זיא איז יעדענפאלס איין אנגענעהמערע געזעלשאפט חיא א באטערע קאר־נאנען."

ווען דאמיניק האט געזעהען דעם קאפיטאן'ס מיענע, האט ער בע־מערקט:

„עס איז אמת, איך בין איין אויסלענדער, אבער איך קען אריין שיסען א קוגעל אין איין עפעל אויף א שטרעקע פון 500 מעטער... זעהט איהר דארט מיין ביקס?"

דער קאפיטאן האט זיך אומגעקוקט און געזעהן דאמיניק'ס ביקס שטעהענדיג אנגעשפארט בייא דער וואנט.

„מיט דיעזער ביקס קען איך דאס טהון," האט דאמיניק ווייטער געזאגט.

„דאס איז זעהר גוט," האט דער קאפיטאן געענטפערט גלייכגילטיג, „עס איז מעגליך, אז אייער ציעל־שיסען וועט אייך היינט צו נוטץ קומען."

פראנסאאז איז דאמאלס צוגעקומען ציטערענדיג אביסעל. אהנע זיך צו בע־מערן אום דיא מענער וואס זיינען געשטאנען ארום, האט זיא אויסגעשטרעקט איהרעביידע הענד, וועלכע דאמיניק האט גענומען אין זיינער, וויא אויסצודריקען דאס געפיהל, אז ער איז איהר בעשיטצער.

דער קאפיטאן האט ווידער געשמייכעלט, אבער ער האט מעהר גאר ניט געזאגט. ער איז געבליעבען זיטצען אויף זיין פלאטץ, מיט זיין שווערט צווישעןביידע קניען, און מיט זיינע אויגען האט ער געקוקט פערטראכט וויא אין א טרוים.

עס איז שוין געווען 2 אוהר, און עס האט אנגעפאנגען צו ווערען זעהר הייס.

איבעראל האט געהערשט א טויטע שטילקייט. אין הויף, אין שאטען פון דיא שפייכלערס, זיינען געזעסען דיא סאלדאטען און רוהיג געגעסען זייער מיטאג.

פון דעם דארף האט זיך קיין שארך געהערט. דיא איינוואהנער האבען זיך פערמאכט און פערשלאסען אין זייערע הייזער און ניעמאנד האט געוואגט ארויס צו קומען.

דאן האט איין הונד, וועלכען מען האט פערגעסען אין דרויסען, אנגעפאנגען צו בילען.

פון דעם ווארד אין לאנקעס אין דער נאכבארשאפט, איז נאר צייטענווייז געקומען א שטילער ווינטערע וואס האט אבגעקיהלט דיא ברענענדע היטץ.

א קורקו פוינער האט זיך געהערט פון גאנץ וויים. דאן האט זיך דיא שטילקייט אויסגעברייטעט אין יעדען ווינקעלע פון דער געגענד.

אזוי זיינען פאראיבער א צוואנציג מינוטען, ביז דיא שטילקייט איז פלוצלינג אונטערבראכען געווארען דורך דעם קראך פון א ביקס.

דער קאפיטאן איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאטץ אזוי שנעל, גלייך וויא איהם אליין וואלט דער שוס געטראפען. דיא סאלדאטען, וועלכע זיינען נאך נים אין גאנצען פערטיג געווען מיט זייער עסען, זיינען אויך אויפגעשפרונגען צוריק לאזענדיג דיא שפייזען.

אין איינינע סעקונדען צייט, איז יעדער איינער געווען אויף זיין בעשטימטען פלאטץ, פאלקאמען פערטיג צו דער מלחמה. דיא מיהל איז געווען בעזעטצט איבעראל.

דער קאפיטאן, וועלכער איז וועהרענד דעם ארויס אויף'ן וועג און געקוקט אויף זיין שפאקטיוו אין אלע זייטען, האט נאך ניעמאנדען ענטדעקט. רעכטס און לינקס, וואו דער וועג האט זיך אויסגעברייטעט, איז אלעס געווען שטיל, רוהיג און וויא אויסגעשטארבען.

עס האט דאן נים פיעל געדויערט, און א צווייטער קראך האט זיך געהערט מען האט אבער נאך אימער קיינעם נים געזעהען. אונטערדעסען האט דער קאפיטאן אנגעשטרענגט זיינע אויגען און דאן בעמערקט פון צווישען דיא בוימער וויים אין וואלד, אויפשטייגענדיג א דינעם און ווייסען רויך. ואנסט איז אלעס געווען גאנץ רוהיג.

„דיא קומפען האבען זיך בעהאלטען אין וואלד,“ האט דער קאפיטאן געמורמעלט. „זייא וואגען נים זיך צו צייגען אין דער פרייהייט ; עס שיינט, אז זייא ווייסען, דאס מיר זיינען דא.“

דאן האבען דיא ביקסען פון דיא פרייסען אנגעפאנגען צו שיסען עפטער, און דיא פראנצויזען האבען געענטפער. אבער ביידע פארטייען האבען זיך נים געזעהען ; דיא פרייסען זיינען געווען בעהאלטען צווישען דיא בוימער און דיא פראנצויזען אין דער מיהל

דיא קוגלען זיינען געקומען וויא א האגעל איבער דעם שלייף, אבער זייא האבען נאך קיינעם נים געטראפען

דיא פרייסען, פון צווישען געביש, האבען געשאָסען אונרעגעלמעסיג, און אלעס וואס מען האט געקענט זעהען פון ווייטען, איז געווען דער רויך פון זייערע ביקסען אויפשטייגענדיג אין דער ריינער לופט, און דאן וויא דער ווינט האט איהם פער־טריעבען.

דאס האט געדויערט אונגעפעהר א פאאר שטונדען. דער קאפּיטאן, וועלכער איז געווען צופריעדען מיט דעם צושטאנד, האט אויסגעזעהען גאנץ גלייכגילטיג און ער האט זיך געזונגען גאנץ שטיל עפּעס א ליעדעל.

פראנסאָאז און דאָמיניק, וועלכע זיינע געשטאנען אין הויף אונטער דעם שוטץ פון דער שטיינערנער וואנט, האבען זיך אויפגעשטעלט אויף דיא שפּיטץ פינגער, אום אריבער צו קוקען און זעהען וואס עס געהט פאָר.

זייא זיינען איבערהויפּט געווען שטארק פעראינטערעסירט אויפצופּאסען א קליינעם סאָלדאט, וועלכער איז געשטאנען ביים ברעג פון דעם טייך אונטער דעם שוטץ פון א צובראָכענעם אלטעם שיפעל. ער איז געלעגען אויף זיין בויך און אויפ־מערקזאם געזוכט א געלעגענהייט צו שיסען אין א ריכטיגען ציעל. ווען ער האט עפּעס ערבליקט, האט ער זיך בעסער אויפגעהויבען און אָבגעשאָסען זיין ביקס, דאן האט ער זיך צוריק געלייגט און נאך אמאל אָנגעלאָדען זיין געוועהר. זיינע בעוועגונגען זיינען געווען אזוי לייכט וויא פון א קאטץ, און ער האט געקענט זעהר פיעל פעראינטערעסירען א צושויער.

פלוצלינג האט ער זיך שנעל אויפגעהויבען, צוגעלייגט דיא ביקס צו זיין שולטער, און, וויא עס שיינט, האט ער געווים בעמערקט דעם קאָפּ פון א פרייס. אבער נאך איידער ער האט צייט געהאט אויסצושיסען, האט ער פלוצלינג ארויס־געלאָזען א פערצווייפערטען געשריי, און איז צוריק געפאלען זיך ארונטער קייקלענדיג אין טהאָל, וואו זיינע פיס האבען זיך קאָנוואולסיוו אויסגעצויגען, און ער איז געבליעבען ליעגען טויט וויא א געשלאכטעטע הוהן.

דער ארמער סאָלדאט האט געקריעגען א קוגעל גלייך אין דער ברוסט און זיין הארץ איז דורכגעבויערט געוואָרען. ער איז געווען דער ערשטער מאן, פון דיא פראנצויזען, וואס איז אין יענעם טאָג דאָרט דערהרג'עט געוואָרען.

פראנסאָאז, זעהענדיג דיעזעס בילד, האט זיא אויפגעציטערט, און אָנ־כאפּענדיג דאָמיניק'ן בייא דער האנד, האט זיא איהם נערוועז צוזאמענגע־דריקט.

„שטעהט ניט דאָרט,“ האט דער קאפּיטאן געזאגט. „דיא קוגלען גרייכען ביז אהער.“

וועארענד דעם, האט זיך געהערט וויא א שארפער שנים אין דעם גרויסען בוים פון מיטען הויף, און א צווייג איז נאכהער ארונטער געפאלען. א קונעל וואס האט אהין געגרייכט, האט דיא צווייג אבגעבראכען.

אבער דיא חת כלה, וויא פערשטיינערט, האבען זיך ניט גערירהרט פון דעם פלאטץ. עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא זייא זיינען בעצויבערט געווארען און ניט געוואוסט וואס זייא זאלען טהון.

פון נעבען וואלד, האט זיך געקענט זעהען א דייטשער סאלדאט ארויס שפרינגענדיג, דאן האט ער אויפגעהויבען זיינעביידע הענד, גלייך וויא ער האט עפעס געוואלט אנכאפען אין דער לופט, און אין נעכסטען אויגענבליק האט ער זיך אנגעהויבען צו שאקלען וויא א שיכור און איז אומגעפאלען טויט.

דאן האט מען מעהר קיין זאך געזעהען. ביידע טויטע מענער, האבען אויסגעזעהען, לויט וויא זייא זיינען געלעגען, אז זייא האבען איינגעשלאפען אונטער דיא ברענענדע שטראהלען פון דער זונן.

פלוצלינג האט אויך דאס שיסען אויפגעהערט. דיא שונאים האבען זיך וואהרשיינליך מעהר ניט געזעהען און זייא האבען ניט געוואלט אבפייערן זייערע ביקסען אומזיסט. א שטילקייט האט איינגעטרעטען און דאס מורמלען פון דיא וועללען אין טייך מארעל, האט זיך געהערט גאנץ דייטליך.

דער אלטער מערליער האט געבליקט צום קאפיטאן מיט ערשטוינונג, גלייך וויא ער וואלט וועלען פרעגען:

„איז דאס אלעס? איז דיא מלחמה שוין פאראיבער?"

אבער ער האט געשוויעגען און זיך געטראכט, אז מען דארף אבווארטען וואס ווייטער וועט זיין.

עס האט ניט פיעל געדויערט און א פאאר ביקסען האבען ווידער אויסגע־קראכט. מערליער האט געבליקט ארום זיך און דערזעהען זיין טאכטער מיט דא־מיניק'ן ביים פארקען.

„געהט אוועק פון דארטען!" האט ער געשריען, „פאסט אויף! אום נאטעס ווילען, געהט אוועק!"

ער איז נאך ניט פערטיג געווארען מיט זיינע ווערטער, ווען א גאנצער רעגען קוגלען איז אנגעקומען. עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויך דער גרויסער און אלטער אייכען־בוים, איז אין גאנצען צערשמעטערט געווארען. א גאנצער הויפען צווייגען מיט בלעטער איז ארונטער געפאלען און שטיקלעך בלעטלעך, וויא פעדערן, זיינען צוטראגען געווארען פון דעם ווינט אין אלע זייטען.

גליקליבערווייזע, האבן דאמאלס די פרייסען צו הויך געשאָסען.

דאָמיניק האט ערוואַכט נאך דיעזען שטורם, און אָנגעהמענדיג פראנסאָאַדן, האט ער זיא ביינאהע אוועק געטראָגען פון דאָרטען. דער אלטער מערליער איז זייא נאכגעגאַנגען שרייענדיג:

„וואס איז דאס מיט אייך? שטעהט ניט דאָ! געהט אריין אין א קליינעם קעלער, בלייבט דאָרט; דיא וועגט זיינען דאָרט שטארק גענוג, אז דיא פרייסישע קוגלען קענען זייא ניט לעברען."

אָבער זייא האבען איהם ניט געפאָלגט. אנשטאט איהם צו הערען, זיינען זייא אריין אין גרויסען קאָרידאָר, וואו צעהן סאָלדאטען האבען זיך געפונען.

דיא לאָדענס פון דיא פענסטער אין קאָרידאָר, זיינען געווען פערמאַכט, און דיא סאָלדאטען, מיט געלאָדענע ביקסען האבען ארויס געקוקט דורך דיא שפּאַרינעס און אָבגעוואַרט א געלעגענהייט צו שיסען ווען זאָלען דערזעהען דעם שונא.

דער קאַפּיטאַן אליין איז געבליעבען אין הויף. ער האט זיך אָנגעבויגען אונטער דער שטיינערנער וואַנט און ארויס קוקענדיג דורך א לאָך, האט ער אויפגעפּאַסט יעדען מעגליכען צופאל, און געגעבען דיא נעטהיגע בעפעהלע.

דיא סאָלדאטען, וועלכע זיינען אוועק געשטעלט געוואָרען אין דרויסען, האבען זיך יעדעס מאל לאנגזאם צוריק געצויגען. אויף דיעזער ארט, האבען זייא אָנגע-פאנגען איינציגווייז אריין צו קומען, וויל עס איז אונמעגליך געווען זייא זאָלען נאך האלטען זייער פּלאַטץ, גענען דער מאסע קוגלען וואס איז יעדעס מאל געקומען אלץ געדיכטער און געדיכטער.

דער קאַפּיטאַן האט געוואוסט, אז עס איז אונמעגליך פאר איהם ארויס צו טרעטען אויף א עפענטליכען שלאַכטפעלד און פיהרען דיא מלחמה. דיא דייטשען זיינען געווען מעהר וויא צעהן מאל אויף אזוי פיעל, ווי דעם צאָהל פון זיינע סאָלדאטען. ער האט נאָר געהאט בעפעהלע, צוריק צו האלטען דיא פרייסען ביז גענען אבענד, און, צו דיעזען צוועק, האט ער ניט געוואָלט אויסזעטצען זיינע סאָל-דאטען צו געפאהר. ער האט זייא אליין געהייסען זיך צוריק ציהען, זיך בעהאלטען אזוי גוט וויא מעגליך און נאָר אויפפּאַסען, אז דאָרט וואו דער שונא ערשיינט, זאָל ער צוריק געטרעיעבען ווערען.

דער קאַפּיטאַן האט אויך געוואָלט, דאס דיא פרייסען זאָלען ניט וויסען וויא קליין דיא פראנצויזישע מאכט איז, און דערפאר האט ער עס געפונען פאר ראטה-זאַם, זיינע סאָלדאטען ניט ארויס צו פיהרען אין אָפענעם קאַמפּף.

א שטונדע איז פאַראיבער.

דער סערזשענט איז צוגעקומען צום קאפיטאן און רעפארטירט:

„הערר קאפיטאן, מיר האבען נאך בלויז דרייא סא ראטען אין דרויסען בייא דעם לינקען פליגעל."

דער קאפיטאן האט ארויס גענומען זיין אוהר, און דאן האט ער געמורמעלט:

„ערמוטהינט זייא. מיר מוזען נאך האלטען דיעזען פלאטץ גאנצע פיער שטונדען, איהר הערט, דאס מוז געשעהען אונבעדינגט."

ער האט דאן געהייסען פערשליעסען דעם טויער פון הויף, און אלע פאר־בערייטונגען זיינען געמאכט געווארען צו לייסטען א הארטנעקיגען ווידער־שטאנד.

דער קאפיטאן האט גאנץ גוט געוואוסט, אז כל־זמן דיא פרייסען וועלען נאך זיין פון יענער זייט טייך, האט ער ניט וואס מורא צו האבען פון קיין שטארקען אנגריף. עס איז אלזא געווען דיא הויפטזאך, זייא ניט צו לאזען פאסירען דעם טייך.

מערליער האט אפילו מיטגעטהיילט דעם קאפיטאן, אז עס געפינט זיך א בריק איבער דעם טייך, מיט א מייל ווייטער, אבער, לויט דער בעשרייבונג, האט דער געניטער קאמאנדאנט געוואוסט, אז דיא דייטשען זיינען מיט דיעזען פאקט ניט בעקאנט, און וואס עס אנבעלאנגט, דיא פרייסען, זאלען גלאט וועלען אריבער שווימען דעם טייך, האט זיך ניט געגלויבט, ווייל דאס וואלט געווען א צו געוואגטע אונטערנעהמונג.

דאס איינציגע מיטעל איז פארלויפיג געווען, אויפצופאסען איבער דעם גראדען וועג וואס האט געפיהרט פון דעם וואלד צום טייך. דאס האבען דיא פראנצויזען אויך געטהאן, און יעדע אנשטרענגונג איז געמאכט געווארען, צו בעגעגענען אירגענד א גרופע דייטשען, מיט א רעגען קוגלען.

אונטערדעסען האט דיא שיסערייא ווידער אויפגעהערט. דיא מיהל האט אויסגעזעהען וויא טויט, קיין לעבעדיגע זעעלע האט זיך בעוויעזען.

אבער דיא פרייסען האבען זיך דאן אנגעפאנגען איינציגווייז מעהר ארויס צו ציינען פון צווישען דיא ביימער אין וואלד. זייא האבען אנגעהויבען ארויס צו שטעקען דיא קעפ און געוואגט ווייטער צו געהען אלס פריהער.

וועהרענד דיעזער סצענע, האבען איינינע סאלדאטען פון דיא מורין ארויס געשטעקט זייערע ביקסען און זיך פארבערייטעט צו עמפפאנגען מיט טויט און פער־דערבען דיא דייטשע סאלדאטען

„ניין, אויסווארטען!“ האט דער קאפיטאן קאָמאנדירט. „לאָזט זייא אביסעל מעהר ארויס קומען.“

אָבוואָהל דיא פרייסען האבען ביז יעטצט נים געוואוסט גענוי וואו דיא פראנצויזען ליעגען בעהאלטען, האבען זייא זיך אָבער געמערקט, אז דאס פייער דארף קומען פון דער מיהל, וויל זיא איז דיא נאָהנטעסטע געביידע צום וואלד, פון אלע אנדערע הייזער אין רעקרעז.

זייא האבען אלזאָ בעטראכט דיא מיהל מיט פערדאכט. זייא האבען געבליקט צו דיעזער אלטער געביידע פון אלע זייטען, אָבער דיא בלעטער וואס האבען כמעט בעדעקט אלע ווענט, האבען אלעס בעהאלטען אין א טרויעריגעס שטיל־שוויינען.

ענדליך זיינען ארויס געקומען א פופציג דייטשען אויף'ן פרייען פעלד און זייא האבען געוואָלט געהען ווייטער.

„יעטצט, קינדער,“ האט געזאָגט דער קאַפיטאן. „פאסט אויף און פערלירט קיין קוגעל אומזיסט. שיסט!“

א לאנג־געצויגענער קראך האט זיך געהערט, נאך וועלכען איינציגע שיסע האבען געפּאָלגט.

פראנסאָאז, ציטערענדיג אין איהר גאנצען קערפּער, האט צוגעלייגט ביידע הענד צו דיא אויערן, טראָטץ דעם וואס זיא האט פּראָבירט זיך צו האלטען קאלט־בלוטיג.

דאָמיניק, שטעהענדיג הינטער דיא סאָלדאטען, האט צוגעקוקט וואס עס איז פאָרגעגאנגען און קיין וואָרט געזאָגט.

ווען דער רויך פון דיא ביקסען איז אוועק, האט ער געזעהען 8 פּרייסישע סאָלדאטען ליעגענדיג אויסגעשטרעקט אויף'ן גראָז. דיא איבריגע זיינען וואהרשיינליך צוריק געלאָפען אין וואלד אום זיך צו שיטצען.

אָבער דיא רעכטע מלחמה האט ערשט דאמאלס אָנגעפאנגען. דיא דייטשען האבען שוין געוואוסט פון וואנען דער שונא שפּיים אויף זייא מיט פייער, און זייא האבען נים אויפגעהערט צו שיסען אויף דער מיהל.

א גאנצע שטונדע דורכאנאנד האט גערעגענט מיט קוגלען און דיא מיהל איז געלעכערט געוואָרען אויף פיעלע פּלעטצער.

דיא קוגלען האבען אָבער נאָר דורכגעדרונגען האָלץ, און ווען זייא האבען גע־טראָפען אין א שטיין, האט מען געסענט הערען וויא זייא האבען זיך צוזאמענגע־פּלעטשט און צוריק געפּאלען מיט א פּליוסק אין וואסער.

צייטענווייז, האט מען אויך נעקענט הערען א קראך, מיט א זעלטענעם טאָן, וועלכער האט אָנגעצייגט, אַז א קוגעל האט געטראָפען אן דעם אייזערנעם טהייל פון דער מיהל ראָד. ווען א קוגעל האט געטראָפען אן דיא הילצערנע טהיילען פון דער ראָד, האט מען ניט געהערט, ווייל דאס נאַסע האָלץ האט אונטערדריקט דעם קלאַפּ.

דיא פראַנצויזען פון דער מיהל, האבען געפאַלגט דעם קאַפּיטאַן און ניט געשפּענדעט לייכטזיניג זייערע קוגלען; זייא האבען נאָר געשאָסען דאמאלס, ווען זייא האבען געזעהען דעם שונא.

יעדעס מאָל האט דער קאַפּיטאַן אַלץ געקוקט אויף זיין אוהר.

„עס איז ערשט פיער א זייגער," האט ער געמורמעלט, און אויף זיין געזיכט האט זיך געצייגט א פינסטערער שאטען, „איך האב מורא, אַז מיר וועלען ניט קענען אויסהאַלטען."

בייא דיעזע ווערטער האט א קוגעל דורכגעבויערט א לאַדען און איז דאַן אריין אין דער סטעליע.

עס איז געווען א מערקווירדיגער שום, אָבער אין א מלחמה־צייט זעהט מען דאס זעהר אָפט.

דיא גאַנצע מיהל האט געציטערט פון דער שרעקליכער ביקסען־באַמבאַרדע. פּלוצלינג איז א גאַנצער לאַדען צערשמעטערט געוואָרען און איז אראָנטער געפאַלען.

דיא סאָלדאטען האבען דאַן שנעל פערשטעלט דאס פענסטער מיט א מאַטראַץ.

דער אַלטער מערליער האט זיך מעהרערע מאָל אויסגעזעצט דער געפאַהר און זיך געצייגט אויף דער עפענטליכקייט, אָבער דאס איז געווען, ווייל יעדער שום אין דער ראָד, האט איהם געגעבען א ריס אין הארצען, און ער האט געמוזט זעהען וויא וויים דער שאדען געהט.

ער האט זיך איבערצייגט, אַז היינט האט שוין גענומען א סוף פון זיין אַלטער מיהל־ראָד, מעהר וועט זיא ניט טויגען, און ניעמאַנד וועט זיא נאָך קענען פערריכטען.

דאָמיניק האט געבעטען פראַנסאָאַז'ן זיא זאָל אוועק געהען, אָבער זיא האט ערקלערט, אַז זיא בלייבט נעבען איהם. זיא האט זיך דאַן אוועק געזעצט הינטער א גרויסען קלאָטץ און אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע צו זיין רוהיג און זיך ניט בעקימערן אום דער מלחמה.

יא. פראנסאאז האט געוואָלט צײַנען פאר איהר חתן, אז זיא האט מוטה און שרעקט זיך ניט. דאָמיניק האט זיך אונטערדעסען געשטעלט פאר פראנסאאז׳ן, גלייך וויא ער וואָלט זיא וועלען שיצען מיט זיין אייגענעם קערפּער.

דאָמיניק האט געהאַלטען דיא ביקס אין זיינע הענד, אָבער ביז דאמאלס האט ער מעהר ניט וויא צוגעקוקט, אָבער ניט געשאָסען. ער האט אויפמערקזאם געבליקט צו דיא סאָלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען בייא דיא פענסטער, און בייא יעדען קראך פון זייערע ביקסען, האט דיא גאנצע געביידע געציטערט.

„פאסט אויף! פאסט אויף!“ האט דער קאפּיטאן פלוצלינג אויסגע־שריען.

דיא אורזאכע פון דיזען געשרייא איז געווען, וויל דער קאפּיטאן האט גראדע דאמאלס ערבליקט איין אונגעהייערע גרויסע מאסע דייטשע סאָלדאטען ארויס קומענדיג פון דעם וואַלד, און אין נעכסטען אויגענבליק איז אויך געעפענט געוואָרען א שרעקליכעס פייער פון דיא פּרייסישע ביקסען.

נאך א לאָדען איז צערשמעטערט געוואָרען און ארונטער געפאלען, צוריק לאָזענדיג איין אָפענעם פענסטער, וועלכעס האט געדיענט אלס א גוטען ציעל פיר דיא דייטשען.

צווייא פראנצויזען האבען צוזאמען געבראָכען און זיך אוועק געקייקעלט אויף דער ערד, געטראָפען פון דעם שונא׳ס קוגלען. איינער איז געבליעבען ליעגען בע־וועגונגסלאָז וויא א שטיק האָלץ; זיינע קאמעראדען האבען איהם באַלד אָבגע־שטויסען אויף א זייט, כדי ער זאָל ניט זיין אין זייער וועג. דער אנדערער האט זיך געוואָרפען וויא א ניט־דערקוילעטער אָקס, און געשריען און געבעטען זיינע קאמע־ראדען, זייא זאָלען מאכען א סוף פון איהם.

„מיין גאָט! מיין גאָט!“ האט ער געקלאָגט. „דער שמערץ איז אונגעהייער. שיסט מיר יעמאנד אריין א קוגעל אין קאָפּ און מאכט איין ענדע פון מיר. האט ערבארמען...“

אָבער קיינער האט איהם ניט געהערט.

דיא קוגלען זיינען געקומען שנעלער און געדיכטער. יעדער איינער האט געזוכט א פּלאַטץ וואו זיך צו שיטצען און א לאָך פון וואנען ארויס צו שיסען.

דאן איז א דריטער סאָלדאט פערוואונדעט געוואָרען.

דיעזער האט קיין וואָרט געזאגט און זיך ניט בעקלאָגט; ער האט נאָר נ·ידערגעזונקען צו דער ערד און זיך צוגעהאלטען מיט איין האנד אן טיש זיינע

אויגען האבען געבליקט אנפאנגס ווילד, פערלאָפען מיט בלוט, און דאן האבען די אויגען אָנגענומען א קאָליר פון גלאז און עס האט אויסגעזעהען, אז ער זעהט שוין מעהר ניט דאס ליכט.

געגענאיבער דיעזער סצענע פון טויט און פערדערבען, איז פראנסאָאז געזעסען. א שוידער איז געלאָפען איבער איהר לייב און דיא צייהן אין איהר מויל האבען גע־קלאפט וויא פון א פיעבער. זיא האט דאן מעכאניש אוועק גענומען דאס ביינקעל פון אונטער זיך און זיך ארונטער געלאָזען ניעדריגער, וואו זיא האט געשפירט, אז זיא איז בעסער געשיטצט.

אין דערזעלבער צייט, האבען א טהייל סאָלדאטען אויפגעזוכט אלע מאטראצען פון הויז, זייא אריין געבראכט און אָנגעפאנגען צו פערשטעקען דיא אָפענע פענסטער. דער קאָרידאָר האט אָנגעהויבען אָנגעפילט צו ווערען מיט צובראָכענע לאָדענס, שטיקער פענסטער, גלאז, צערשמעטערטע ביקסען און צערשטערטעס מעבעל.

„פינף אוהר,“ האט דער קאַפּיטאַן געמורמעלט, „מוטה, מיינע בראווע סאָל־דאטען! מוטה, קינדער! יעטצט איז דיא צייט איהר זאָלט צייגען וויא בראוו איהר זייט זעהט, זייא דערנעהנטערן זיך און וועלען פראָבירען אריעבער צו געהען דעם טייך. פאסט אויף!“

גראדע וויא דער קאַפּיטאַן האט געענדיגט זיינע ווערטער, האט פראנסאָאז ארויס געלאָזען א פערצווייפעלטען געשרייא. א קוגעל, וואס האט צוריק געשלאָגען פון א שטיין, האט געטראָפען איהר שטערן. אייניגע טראָפען בלוט זיינען ארויס. דאָמיניק איז צוגעלאָפען, בעטראכט דיא וואונד, און זיך איבערצייגט, אז עס איז ניט געפעהרליך.

אָהנע צו רעדען ווייטער א וואָרט, האט ער זיך פון איהר אָבגעווענדעט און איז צוגעגאנגען צו א פענסטער. ער האט ארויס געקוקט, דאן פאָרזיכטיג אויפגע־הויבען זיין ביקס, און געשאָסען.

דער סאָלדאט, וואס איז געשטאנען נעבען איהם, האט בעטראכט דעם שוס, און אויסגעשריען:

„בראווא!“

דאָמיניק'ס קוגעל האט געטראָפען איין אָפיציער פון דיא דייטשען, וועלכער איז זאָפאָרט טויט געפאלען.

עס איז געוועזען דאָמיניק'ס ערשטער שוס, אָבער פון יענעם מאָמענט אָן, האט ער ניט אויפגעהערט צו שיסען.

ער האט געלאדע און געשאָסען, און זיך זאָגאר ניט אומגעקוקט. עס האט אויסגעזעהען, אז ער ווייס גאר ניט וואס עס געהט פאָר ארום איהם.

דאס האט געדויערט א היבשע צייט וואס ער האט אזוי געארבייט אונ־אונטערבראָכע, און דאן, וויא זיך אן עפעס דערמאָהנענדיג, האט ער זיך אומגעקוקט צו זיין כלה, זעהענדיג, אז זיא זיטצט אויף דעמזעלבען פלאטץ וואו פריהער, האט ער ווייטער געשאָסען.

זיין ארט שיסען, איז געווען מערקווירדיג: ער האט בייא יעדען שוס אכטונג געגעבען דיא קוגעל זאָל ניט אומזיסט פערלוירען געהען. ער האט אויפמערקזאם געציעלט מיט יעדען שוס.

דיא דייטשען, האלב אונטער דעם שוטץ פון איינצעלנע בוימער, זיינען אלץ געקראָכען פאָרווערטס, און פראָבירט זיך צו דערנעהנטערן צום טייך, גראדע וואו דער קאפיטאן האט פריהער אויסגערעכענט.

אבער, זאָ שנעל וויא איינער האט געוואגט זיך צו צייגען, איז ער זאָפאָרט צוריק געפאלען, מיט א קוגעל גלייך אין קאָפּ, פון דאָמיניק׳ס ביקס.

דער קאפיטאן האט זיך געמערקט וואס עס האלט אָב דיא דייטשען צו געהן פאָרווערטס, און ער איז צוגעלאָנגען צו דאָמיניק׳ן, זיך געבען איהם אוועק געשטעלט און געקוקט אויף זיין מערקווירדיגעס ציעל־שיסען מיט ערשטוינונג.

„בראוואָ! בראוואָ!“ האט דער קאפיטאן אויסגעשריען בייא יעדען שוס וואס דאָמיניק האט אָבגעפייערט.

דער יונגערמאן האט זיך אָבער ניט פיעל בעקימערט אום לויב. און אנשטאט זיך אומצו־ווענדען, האט ער נאָר אויפגעפאסט וואוהין ער דארף זיין נעכסטע קוגעל אָבפייערן.

„בייא נאָמ!“ האט דער קאפיטאן אויסגעשריען מיט בעוואונדערונג, „נאך 10 אזעלכע מענער, און איך בין אימשטאנדע צוריק צו האלטען א גאנצע דייטשע ארמעע!“

דאָמיניק האט אָבער ניט געהערט דיעזע ווערטער.

איין קוגעל האט איהם לייכט פערוואונדעט אין שולטער, א צווייטע האט צעריסען זיין פלייש ביים ארעם, אָבער ער האט פאָרווערטס געשאָסען.

נאך צוויא פראנצויזישע סאָלדאטען זיינען געפאלען.

דיא מאטראצען, צעריסען אויף שטיקער פון דיא קוגלען, האבען שוין מעהר ניט געקענט שיטצען דיא פענסטער.

עס האט אויסגעזעהען, אז נאך איין רעגען־קוגלען, וועט צערשמעטערן דיא גאנצע מיהל.

דיא פראנצויזען זיינען געווען פערמאטערט, און עס איז ווייטער אונמעגליך געווען צו האלטען דיא פאזיציאן.

דער קאפיטאן האט אונטערדריסען יעדען ערמוטהיגונג.

„אך, מיינע בראווע יונגען,“ האט ער זיך געבעטען. „מוטה, מוטה, נאך איין האלבע שטונדע, ניט מעהר, און דאן... יא, יא, שיסט, שיסט, לאזט ניט דעם שונא זיך דערנעהנטערן... דארט, דארט, לינקס, אהין, אין דעם הויפען... גוט, בראווא! בלויז נאך א האלבע שטונדע!“

ער האט שוין געצעהלט דיא מינוטען.

יא, דער קאפיטאן האט פערשפראכען זיין גענעראל און זיין קאלאנעל, אז ער וועט צוריק האלטען דעם שונא ביז אבענד, און ער וועט זיך ניט צוריק ציהען אפילו אויף איין שריט ביז צו דיעזער צייט.

אבוואהל ער איז געווען אביסעל פערצווייפעלט, האט ער נאך אימער אין זיך געהאט דעם קאוואליר־גייסט, און געשמייכעלט גוטמיטהיג צו פראנסאאזן, זיא צו ערמונטערן און ערמוטהיגען.

דא, זעהענדיג, אז דיא מאכט פון זיינע סאלדאטען ווערט אלץ קלענער, האט ער אליין אויפגעהויבען א ביקס פון א געפאלענעם סאלדאט און אנגעפאנגען צו שיסען.

בלויז נאך פיער סאלדאטען זיינען געבליעבען אין קארידאר.

דיא פרייסען זיינען ענדליך ערשיענען אין א גרויסער צאהל פון יענער זייט טייך מארעל, און עס איז געווען גאנץ דייטליך, אז זייער נעכסטער שריט איז, צו פאסירען דאס וואסער.

איינינע מינוטען זיינען פאראיבער.

דער קאפיטאן איז געשטאנען אויף זיין פלאטץ און ניט געוואלט געבען דעם בעפעהל זיך צוריק צו ציהען.

פלוצלינג איז א סערזשענט צוגעלאפען און רעפארטירט:

„קאפיטאן! זייא האבען איינגעדרונגען אויף׳ן וועג, בייא דער רעכטער זייט, און דייער אבזיכט איז, אונז אנצוגרייפען אין רוקען!“

עס שיינט, אז דיא פרייסען האבען דאך געפונען דיא בריק מיט א מייל

דעם קאַפּיטאַן׳ס געזיכט האט זיך פערפינסטערט. דאַן האט ער ארויס גע־צױגען זײן אוהר און געזאַגט:

„בלויז נאך 5 מינוטען. נים מעהר. זייא וועלען דאַ נים זיין פריהער. אַלזאָ, קינדער, שיסט, שיסט צום לעטצטען מאל!“

ווען דער ווייזער אויף זיין זייגער האט אָנגעצייגט אקוראט זעקס אוהר, האט ער געהייסען אויפמאכען דיא הינטער־טהיר און קאָמאַנדירט דעם ריקצוג.

דיא סאָלדאטען האבען זאָפאָרט זיך אומגעוועדעט און נעפּאָלגט. זייא זיינען ארויס און ארונטער געשפּרונגען, אין א טהאל, פון וואַנען זייא האבען אַנגעפאַנגען פאַרזיכטיג זיך צו דערנעהנטערן צום סאָוואַל וואַלד.

איידער זייא זיינען אוועק, האט זיך דער קאַפּיטאַן אָבגעשטעלט נעבען אַלטען מערליער און געזאַגט:

„איך דאַנק אייך, בירגערמייסטער, פיר דער אויפנאַהמע. ענטשולדיגט פיר דער אונרוהע וואס איך האב אייך דאָ פעראורזאכט. דיא פרייסען וועלען באלד דאָ זיין. עס איז אונמעגליך געוועזען זייא נאך מעהר צוריק צו האַלטען. ווען זייא וועלען קומען, זעהט נאָר זייא זאָלען פערלירען אביסעל מעהר צייט אומזיסט. מיר קעהרען נאך צוריק.“

מערליער איז געוועזען בעטויבט. ער האט נאָר נים געקענט ענטפערן.

דאָמיניק איז נאך געבליעבען אין קאָרידאָר.

דיעזער יונגער מענש, איז געוועזען שרעקליך אויפגערעגט, און ער האט נים אויפגעהערט צו שיסען. עס האט אויסגעזעהען, אז ער פערשטעהט קיין איינציגע זאַך פון דעם וואס עס געהט פאָר, בלויז, דאס ער דארף שיסען אויף דיא פרייסען.

דיא סאָלדאטען זיינען אוועק, אָהנע ער זאָל האבען דיא מינדעסטע אהנונג, אז זייא זיינען שוין נישטאָ. ער האט געשפּירט, אז פון זיין שיסען, הייננט אָב פראַנקסאַז׳עס פערטהיידיגונג, און דאס האט ער נים אויפגעהערט צו טהון.

זיין יעדער שוס, האט געטויטעט א פרייסישען סאָלדאט.

פּלוצלינג האט זיך געהערט א גרויסער רעש. דיא פרייסען, פון רוקען, וויא דער סערזשענט האט געזאַגט, זיינען אריין אין הויף.

דאָמיניק האט נאך אָבגעפייערט צום לעטצטען מאל זיין ביקס, ווען דיא פרייסען האבען איהם געכאַפּט, וועהרענד זיין ביקס האט זיך געראויכערט און דער רעהר איז געוועזען הייס וויא פייער פון דעם שרעקליכען שיסען

פיער פרייסען האבען איהם פעסט געהאלטען. אנדערע האבען געשריען ארום איהם אין א שרעקליכער שטימע. איינער, איי אָפיציער, האט איהם געוואָלט אָב־האקען דעם קאָפּ מיט זיין שווערט.

פראַנסאָאַז האט זיך אריין געוואָרפען אין מיטען און אָנגעפאַנגען צו בעטען פאר איהם. דאַן איז צוגעקומען א העכערער אָפיציר און איהם גענומען אונטער זיין שוטץ.

נאכדעם וויא דער העכערער אָפיציער האט עפּעס גע׳שפּראָכען אין דייטש צו זיינע סאָלדאַטען, האט ער זיך געווענדעט צו דאָמיניק׳ן, און אין א גאַנץ דייטליכער פראַנצויזישער שפּראַכע, האט ער ערקלערט:

„אין צוויא שטונדען צייט, מיין יונגע, וועסטו ערשאָסען ווערען."

3.

דער דייטשער גענעראַל־שטאַב, האט געמאכט פאָלגענדע רעגעל:

„יערער פראַנצויז, וואס בעלאַנגט ניט צו דער רעגולערער ארמעע, און וועז מען כאַפּט איהם מיט וואפּע אין די הענד, זאָל ער ערשאָסען ווערען."

זאָגאַר די וואָלונטיר־קאָמפּאַניעס, זיינען ניט אַנגערקענט געוואָרען פון די דייטשען, אלס רעגעלמעסיגע קריעגער.

אויף דיעזער ארט, איז געצייגט געוואָרען א שרעקליכעס ביישפּיעל פיר די פראַנצויזישע בויערן, וועלכע האבען פערטהיידיגט זייערע הייזער און דערפער.

די דייטשען האבען זעהר מורא געהאט פאר איין אלגעמיינעם אויפשטאַנד אין לאַנד, און זייא האבען גערעכענט, אז זייא וועלען מיט אזעלכע פּראָקלאַמאַ־ציאָנען, פערהינ׳ערן דעם אויפשטאַנד.

דער העכערער אָפיציער איז געווען א הויכער און מאָגערער מענש פון א יאָהר פופציג. ער האט זיך פריהער בעטראכט דעם גאנצען פלאַטץ, און דאַן האט ער צוגערופען דאָמיניק׳ן און איהם גענומען אויף׳ן פערהער. אָבוואָהל ער האט געשפּראָכען זעהר גוט פראַנצויזיש, האט זיך אָבער דאָך נאכגעשלעפּט דער דייטשער אקצענט כמעט בייא יעדען וואָרט.

„איהר זייט א היזיגער?" האט דער אָפיציר געפרעגט.

„יא," האט דאָמיניק געענטפערט.

„א היזיגער געבוירען?"

„ניין."

„פון וואַנען דען?"

„פּח בעלגיען.“

„איהר זייט אלזאָ ניט קיין פראנצויזישער בירגער?“

„ניין.“

„איין אויסלענדער?“

„יא.“

„מיט וועלכען רעכט אלזאָ האט איהר אויפגעהויבען וואפען געגען דייטש־לאנד?“

דאָמיניק האט ניט געענטפערט.

„מיר דאכט,“ האט דער אָפיציער פאָרטגעזעטצט, „אז די גאנצע געשיכטע פון דעם קריעג האט אייך ניט וואס צו בעקימערן. ווייסט איהר ווארום מיר פיהרען קריעג?“

„ניין.“

„אזוי האב איך אויך גערעכענט,“ האט דער אָפיציער געזאגט ערביטערט, „און וויא קומט עס וואס איהר האט געשאָסען אויף מענשען, וועלכע האבען צו אייך גאר ניט?“

דאָמיניק איז ווידער געבליעבען שטיל.

צו דיזער צייט האט דער אָפיציער ערבליקט פראנסאָאַז'ן, וועלכע איז גע־שטאנען פון וויטענס בלאס און ציטערענד און אויסגעהערט די פראגען און ענטפערס. איהר לייבטע וואונדע, האט צוריק געלאָזען א רויטען פערטריקענטען פאַס אויף איהר ווייסען שטערן.

דער דייטש האט זיך אומגעקוקט אבוועקסלענד צו די יונגע מענשען, און ער האט אויסגעזעהען צו פערשטעהען אין וועלכער פערבינדונג זייא שטעהן צו אנאנדער. ער האט אביסעל נאכגעדענקט, און זיך ווידער ווענדענדיג צו דאָמיניק'ן, האט ער געפרעגט:

„איהר לייקענט אלזאָ ניט אָב, אז איהר האט געשאָסען?“

„ניין.“

„פיעל?“

„אזוי פיעל וויא איך בין גאר געווען אימשטאנדע,“ האט דאָמיניק געענט־פערט רוהיג.

דיעזע אויסזאגע איז געווען גאנץ איבריג, דען זיין גאנצעס געזיכט, קאָפּ, האלז און הענד, זיינען געווען שווארץ פון דעם פולווער וואס האט זיך אויסגעמישט

מיט זיין שוויס. אויף איינינע פ׳עטצער האבען זיך אויך געוויזען פ׳־אפענס בלוט פון די ׳ייכטע וואונדע. וואס ער האט ערהאלטען.

דער דייטשער אפיציער האט בעטראכט מיט האס און ערשטוינען דעם יונגען מאן, און דאן האט ער בעמערקט:

„זעהר גוט, מיר זיינען פערטיג. אין צוויא שטונדען צייט וועט איהר ער־שאסען ווערען.“

פראנסאאז, וויא מען האט בעדארפט ערווארטען, האט ניט אויסגעשריען און אויך ניט געוויינט. זיא האט בלויז פערבראכען מיט איהרע הענד און אויף איהר געזיכט האט זיך אויסגעדריקט שרעק און פערצווייפלונג.

דער אפיציער האט דאס בעמערקט

צוויא סאלדאטען האבע דאן אריין געפיהרט דאמיניקן אין נעבסטען צימער וואו מען האט איהם אבגעשפארט.

דאס יונגע מעדכען, שוי ניט מעהר קענענדיג שטעהען אויף איהרע פיס, האט זיך אוועק געזעצט אויף א שטוהל ציטערענדיג. זיא האט ניט געקענט וויינע, אבער זיא האט געשפירט, אז זיא ווערט שיער דערשטיקט

דער דייטשער אפיציער האט דיא גאנצע צייט ניט ארונטער גענומען זיינע אויגען פון איהר. ענדליך האט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט דיעזע ווערטער:

„דער יונגער מאן איז אייער ברודער?“

זיא האט געשאקעלט מיטן קאפ, ניין.

דער אפיציער האט זיך אויפגעהויבען און זיא בעטראכטעט שטיל־שווייגענד.

„איז ער א פראנצויז?“ האט ער נאך אמאל געפרעגט.

פראנסאאז האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף דיעזער פראגע, נאר ענדליך האט זיא געמורמעלט:

„יא.“

„א פראנצויז?“ האט דער אפיציער נאך אמאל געפרעגט.

בייא פראנסאאזן איז דאס געווע איין איבריגע פראגע. געוויס איז ער געווען א פראנצויז, בל־זמן ער איז ניט קיין דייטש, און, איבערהויפט, איז ער דאך איהר חתן.

אויף דער ווידערהאלטער פראגע פון דעם אפיציער האט זיא שוין ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

„ער האט דאך מיר געזאגט, אז ער איז א בעלגיער?“ האט דער אפיציער נאך אמאל געפרעגט.

„יא, פון בעלגיען,“ האט זיא געמורמעלט.

„לעבט ער שוין לאנג אין דיעזער געגענד?“

„יא, יא, לאנג,“ האט זיא שנעל געענטפערט. מיינענדיג, אז זיא וועט דאמיניקן טהון דערמיט א טובה.

„דאן מוז ער דאך קענען גוט דיא וועלדער אין דיעזער געגענד?“

פראנסאאז האט ניט ריכטיג פערשטאנען דיעזע פראגע, אבער זיא האט גע־ענטפערט:

„יא, יא, מיין הערר, ער קען גאנץ גוט דיא געגענד.“

וייטער האט דער אפיציער ניט געשפראכען. ער האט זיך אומגעווענדעט און געהייסען א פאאר סאלדאטען, זייא זאלען איהם פארפיהרען דעם בירגערמייסטער פון דארף.

פראנסאאז האט זיך אויך אויפגעהויבען, און ניט בעגרייפענדיג גענוג וואס דארט געהט פאר, האט זיא גערעכענט, אז אין דעם אפיציער׳ס פראגען, האט זיא בעמערקט הילפע פיר איהר חתן.

זיא איז שנעל ענטקעגען געלאפען איהר פאטער.

דער אלטער מערליער, נאכדעם וויא דיא שיסערייא האט אויפגעהערט, איז געווען זיין ערשטע עובדא, ארונטער צו לויפען צום וואסער און זעהען וויא עס שטעהט מיט זיין מיהל־ראד.

דער אלטער מאן האט פערגעטערט זיין טאכטער, זעהר געליעבט זיין קינפטיגען איידעם, דאמיניק, אבער דיא ראד, דיא אלטע מיהל־ראד, האט אויך געהאט א פלאטץ אין זיין אלטער פריינדשאפטליכער ברוסט.

„דאנקען גאט,“ האט ער געמורמעלט, „וואס מיינע קינדער זיינען ארויס לעבעדיגע פון דער וויסטער מלחמה, יעטצט איז דיא צייט נאכצוזעהען וואס פאר א שאדען מיין ארמע ראד האט ערליטען.“

זיך אנבויגענדיג איבער דער ראד, האט ער בעמערקט זעהר פיעלע וואונדען אויף איהר קערפער. פינף טרעפ׳ען פון דער ראד זיינען געווען צערשמעטערט, או דער מיטעלפונקט מיט דער אקס, זיינען געווען געלעכערט וויא א זיפ פון דיא קוגלען.

ער האט אריין געשטעקט זיין פינגער אין דיא לעכער און אבגעטאסטען וויא

טיעף זייא זיינען. דאן האט ער ענטוואָרפען פלענער אין זיין קאָפּ, וויא אזוי עו זאָל וויעדער אַלעס ברענגנען אין אָרדנונג.

ווען פראַנסאָאז האט איהם ערבליקט. האט זיא איהם געטראָפען דערבייא, וועהרענד ער האט שוין אָנגעפאנגען צו פערשטאָפּען דיא לעבער מיט שטיקלער האָלץ און גראָז.

„פאטער," האט זיא געמורמעלט, „מען וויל דיך זעהען."

מערליער האט זיך אומגעווענדעט.

דאס ארמע מערכען האט ענדליך אויסגעשפראָכען אין א געוויין און דער־צעהלט איהר פאטער וואס עס האט פּאַסירט.

מערליער האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

„וואס הייסט דאס שיסען? ניי, ניין, האב קיין מורא ניט; מען שיסט ניט אזוי מיר־ניט־דיר־ניט א מענשען. וואַרט, זייא ניט פערצווייפעלט."

אָהנע מעהר צו רעדען א וואָרט, איז ער אַוועק צוגעגאנגען און זיך געמעלדעט, אז ער איז דער בירגערמייסטער, און אויב דער דייטשער אָפיציער וויל איהם זעהען, איז ער דאָ.

דער אָפיציער האט דאס געהערט און איז איהם ענטקעגען געגאנגען.

„פאר אַלעמען," האט דער אָפיציער געזאָגט, „וויל איך מיינע סאָלדאטען זאָלען בעזאָרגט ווערען מיט עסען, און זאָפאָרט!"

מערליער האט רוהיג געענטפערט, אז דיא איינוואָהנער פון זיין דאָרף, זיינען ניט געוואָהנט מען זאָל זייא אָבשרעקען, און מיט געוואַלט וועט מען פון זייא גאר ניט ארויס קריעגען.

„איך וועל זעהען פערזאָרגען אייערע סאָלדאטען מיט עסען," האט ער דאן געזאָגט, „אָבער ניעמאנד זאָל זיך צו מיר מישען און קיינער זאָל מיך ניט צווינגען. איך וועל אַלעס אליין טהון."

דער אָפיציער האט זיך אנפאנגס געצייגט אויפגערעגט פון דעם אַלטען'ס קאַלטבלוטיגקייט, אָבער הערענדיג זיינע געשעפטסמעסיגע ווערטער, האט ער איינ־געשטימט צו מערליער'ס קאָנדיציאָנען. ער איז זאָגאר געוואָרען פריינדליכער צו איהם, און ווען מערליער האט זיך אָבגעווענדעט, האט ער איהם צוריק גע־רופען:

„וויא רופט איהר דאָרט יענע וועלדער, וועלכע ליעגען ענטקעגען אונז?"

„דיעזע זיינען דיא סאָוואל וועלדער."

דער מילנער האט איהם אויפמערקזאם בעטראכטעט

„און וויא גרויס זיינען זייא ? ביז וויא ווייט ציהען זייא זיך?“

„איך ווייס ניט,“ איז געווען דער ענטפער.

דאן איז ער אוועק געגאנגען.

מיט א שטונדע שפעטער, זיינען דיא שפייזען און אנדערע נעטהיגע זאכען וואס דער אָפיציער האט געפאָדערט, געוועזען אין הויף פון דער מיהל.

דיא נאכט איז געקומען. פראנסאָאז האט אויפגעפאסט יעדע בעוועגונג פון דיא סאָלדאטען, מיט א קלאפּענדעס הארץ.

זיא האט זיך ניט פיעל דערווייטערט פון דעם צימער וואו דאָמיניק איז געווען אבגעשלאָסען, און וואוהין זיא האט געווענדעט איהר קערפּער, האט עס אויסגעזעהן, אז איהרע אויגען רוהען נאָר אויף דעם ווינקעל וואו איהר חתן געפינט זיך.

אונגעפעהר אום 7 אוהר, האט זיא געהאט איבערצושטעהען מאָמענטען פון דיא גרעסטע קוועלענדע ערוואַרטונגען. דער אָפיציער איז אריין אין צימער צו דאָ־מיניק'ן, און ער האט דאָרט פערבראכט א פיערטעל שטונדע. זיא האט זיך צוגע־רוקט אזוי נאָהענט וויא נאָר מעגליך, און זיא האט געהערט רוישענדע שטימען פון זייא ביידע.

מיט א קורצער צייט שפעטער, איז דער אָפיציער ווידער ערשיענען אין הויף, און ארויס געגעבען א בעפעהל אין דייטש וואס זיא האט ניט פערשטאנען.

זיא האט אויפגעציטערט.

דיא ארמע האט זיך אָבער נאך מעהר דערשראָקען, ווען זיא האט דאן דערזעהען 12 סאָלדאטען מיט זייערע געוועהרען ערשיינען אין א ליניע, וואו זייא זיינען געבליעבען שטעהען צו ערוואַרטען ווייטערע בעפעהלע.

דאס מעדכען האט געציטערט פון קאָפּ ביז פוס און פאר איהרע אויגען האט געשוועבט א דונקלער וואָלקען. עס האט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז דער טויט דריקט צוזאמען איהר יונגע ברוסט.

ווען זיא האט זיך אביסעל געשטארקט, האט זיא געמורמעלט:

„אלעס איז פאָראיבער, יעדע האָפנונג איז פערלוירען, זיין הינריכטונג וועט באלד שטאטפינדען.“

דיא 12 סאָלדאטען זיינען געבליעבען וואַרטענדיג אונגעפעהר א 10 מינוטען.

וועהרענד דעם איז דער אָפיציער ווידער אריין געגאנגען צו דאָמיניק'ן און מיט איהם ווייטער געטענה'עט.

פראנסאַאַז האט דיזעס מאל דערהערט איהר חתן׳ס שטימע, וועלכער האט געשריען גאנץ הויך:

„ניעמאלס! ניעמאלס! איהר וועט דאס בייא מיר ניט פועל׳ן!“

ענדליך איז דער אָפיציער ווידער ערשיענען, און זיא האט איהם געהערט זאָגען:

„גוט, גוט, איך וויל מעהר פיעל ניט רעדען. איהר זייט א דומקאָפּ אַזוי צו פערלירען אייער לעבען. איך גיב אייך צייט ביז מאָרגען אלעס איבערצודענקען, און איך גלויב אויך, אז איהר פערשטעהט, דאס דאָ האנדעלט זיך ניט אום א שפּאַס.“

ער האט בייא דיזע ווערטער העפטיג צוגעמאכט דיא טהיר און איז גע־בליעבען שטעהען.

ווען ער האט ערבליקט דיא 12 סאָלדאטען, האט ער מיט א מאך פון זיין האנד, זייא געצייגט, אז זייא זאָלען זיך צוריק ציהען.

פראנסאַאַז איז געווען פערווירט און ניט געוואוסט וואס זיא זאָל טהון.

דער אלטער מערליער, וועלכער האט ניט אויפגעהערט צו רויכען זיין לולקע, האט זיך אייניגע מאל ארום געקוקט אין הויף, און ערבליקענדיג זיין טאָכטער, איז ער צוגעגאנגען מיט פעטערליכער צערטליכקייט, און זיא אָנגעהמענדיג בייא איהר ארעם, האט ער זיא אוועק געפיהרט אין איהר צימער.

„זייא רוהיג, מיין קינד,“ האט ער געזאָגט, „פּראָביר שלאָפען, זיך אויסרוהען. דוא מוזט האבען רוה. מאָרגען, ווען עס וועט טאָג ווערען, וועלען מיר זעהען וואס עס איז צו טהון.“

פראנסאַאַז האט געבליבען און גאר ניט געענטפערט. ווען מערליער איז אוועק און צוריק געלאָזען זיין טאָכטער, האט ער עס געפונען פיר ניטצליך, צו פער־שליסען דיא טהיר פון איהר צימער.

ווירקליך, אין א צייט ווען סאָלדאטען פון א זיגענדען שונא געפינען זיך, איז עס ניט איבריג ווען מען בעשיטצט בעסער א יונגעס און שעהנעס מעדכען.

איבערהויפּט האט מערליער געהאט א טבע צו זאָגען, אז פרויען טויגען צו קיין זאך, און אין זייער אונגעדולד עפּעס אויסצופיהרען, מאכען זייא נאך מעהר קאַליע. דאס פערשליסען אלזאָ פון איהר צימער, האט אויך געקענט הייסען, אז דער אלטער מערליער האט זיא געוואָלט אָבשאפען פון דעם וועג, און וואס עס איז דאָ צו טהון, זאָל געטהאָן ווערען אָהן איהר.

אָבער פראנסאַאַז איז ניט געגאנגען צו בעט. א היבשע צייט איז זיא

געשטאנען וויא פערשטיינערט אויף דיא פיס, און דאן האט זיא זיך אוועק געזעטצט אויף'ן בעט אום צו הערען וואס עס געהט פאר ארום איהם.

דיא דייטשע סאלדאטען, וועלכע האבען זיך אויסגעזעטצט אין הויף, האבען געזונגען און געלאכט. עס שיינט, אז זייא האבען געמוזט עסען און טרינקען ביז ארום 11 א זייגער, ווייל ביז דאמאלס האט דער גערויש ניט אויפגעהערט.

אין דער מיהל אליין, האבען זיך געהערט שווערע טריט ארום געהענדיג, און פראנסאאז האט זיך געמערקט, אז דאס מוז זיין דיא וואך, וועלכע ווערט אויף אפטס געוועקסעלט.

דאס ארמע מעדכען האט אנגעהויבען איבערצודענקען און איבערקלערען אלעס וואס עס האט אויף איהר געבראכט דאס אונגליק. וויא רוהיג, וויא געמיטהליך און וויא שעהן אלעס איז געווען בין דאמאלס, און פלוצלינג, אויף איינמאל, האט אויסגעבראכען א מלחמה, מיט בלוט, טויטע מענשען, שרעק און פערצווייפלונג, און וועט זיך נאך ענדיגען מיט...

וויטער האט זיא מורא געהאט צו דענקען.

פלוצלינג האט זיא געהערט א גערויש וואס האט צוגעצווינגען איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט. דער גערויש איז געקומען פון וויטען. זיא האט אנגעשטרענגט איהרע אויערן צו הערען, אבער זיא האט ניט געקענט בעגרייפען. דאן האט זיא צוגעלייגט איהרע אויערן צום פוס־באדען.

יא, זיא האט נאר פערגעסען אין איהר פערווירונג וואס עס איז פארגע־קומען. אונטער איהר, האט זיא זיך ערשט דערמאהנט, איז געווען דאס צימער וואו דאמיניק איז געלעגען פערשפארט.

לויט נאך דעם גערויש, האט זיא זיך געמערקט, אז ער האט וואהרשיינליך ארום געשפאצירט פון וואנט צו וואנט, ווייל זיא האט דאן געהערט דיא רעגעל־מעסיגע שריט פון פיס. דאן איז ווידער שטיל געווארען, און זיא האט זיך גע־מערקט, אז ער האט זיך געזעטצט.

ווען דיעזער גערויש פון פוס־טריט האט אויפגעהערט, איז אויך יעדער אנדערער גערויש שטיל געווארען. אלעס האט אויסגעזעהען פערזונקען אין דיא ארעמס פון שלאף, אזוי זארגענלאז, גלייך וויא קיינע טייכען מענשען־בלוט וואלטען אין יענעם טאג געפלאסען.

פראנסאאז האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון דעם פוס־באדען, און געהענדיג אויף איהרע שפיטץ־פינגער, איז זיא צוגעקומען צום פענסטער, וועלבעס זיא האט

נערוישלאָז נעפענס, און ארויס שמעקענדיג איהרע עלענבויגנס, האט זיא זיך דאָרט אנגעלעהנט.

אין דרויסען איז דיא נאכט געוועזן שטיל, רוהיג און געהיימניספאָל. א האלבע לבנה האט פון זיך געוואָרפען א שטראָם זילבערנע שטראהלען און געהאלטען אין זינקען הינטער דיא הויכע בוימער פון דעם סאָוואל וואלד. דיא גאנצע געגענד ארום, האט אויסגעזעהען בעלייכטעט וויא פון א גרויסען לאָמפּ, וועלכען יעמאנד ציהט לאנגזאם אוועק.

דיא גרויסע בוימער האבען פון זיך געוואָרפען לאנגע און דונקלע שאטענס, וועלכע האבען זיך אויסגעברייטעט איבער דיא גרינע לאָנקעס, און פראנסאָאַז'ן האט עס אויסגעזעהען, גלייך וויא נערוישלאָזע בעשעפענישען בעוועגען זיך אין דער דונקעלהייט, גראדע אזוי שטיל וויא דאס לבנה־ליכט.

ביי פראנסאָאַז'ן האט דיא הערליכע נאכט ניט ארויס גערופען דיא נע־וועהנליכע אונשולדיגע בעגייסטערונג. יעטצט איז ניט געוועזן דיא צייט דאפיר. זיא האט בעטראכט דיא געגענד, אזוי גוט בעקאנט פון איהר קינדהייט אָן, און דאן האט זיא אוך געזעהען דיא דייטשע סאָלדאטען וואס זיינען געשטאנען אויף דער וואַך.

פון דאָרט האבען איהרע אויגען געוואנדערט אויף דעם טייך וואס האט אויסגעזעהען וויא א גלאטער שפּיגעל, און אין איהרע אויערן האבען געקלונגען דאס מורמלען פון דיא וועללען.

נעבען טייך האט זיך בעוויזען איין סאָלדאט מיט א ביקס אין דער האנד. עס איז געוועזן א דייטש. ער איז וואהרשיינליך דאָרט געשטעלט געוואָרען אויפצופאסען אויף דעם וועג וואס פיהרט צו דער מיהל. ער איז געוועזן א הויכער און שטארק־געבויעטער מאן, וועלכער איז געבליעבען שטעהן בעוועגונגסלאָז און געבליקט מיט זיין טרוימערישעס געזיכט צום הימעל, גראדע וויא דיא פּאסטובער טהון.

א היבשע צייט האט פראנסאָאַז אזוי געקוקט און שטודירט דיא געגענד מיט גרויסער אויפמערקזאמקייט. דאן האט זיא אויסגעזעהען וויא צופריעדען מיט דעם צושטאנד און צוריק געקעהרט צו איהר בעט, וואו זיא האט זיך געזעטצט.

א שטונדע דורכאנאנד איז זיא געזעסען פערזונקען אין געדאנקען. דאן האט זיא זיך ווידער צוגעהערט; קיין זאך האט זיך גערי־הרט אָדער בעוואויגען, אלעס האט אויסגעזעהען וויא אויסגעשטאָרבען.

פראנסאָאַז האט זיך אויפגעהויבען פון דעם בעט, און נאך פאָרזיכטיגער וויא פריהער, איז זיא צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויס געקוקט

עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט נאך בעמערקט געפאהר, דען א שפיטץ פון דער האלבער לבנה האט נאך אימער ארויס געשטעקט פון איבער דעם סאָוואלוואלד.

זיא האט געגעבען א טיעפען אָבער אונטערדריקטען זיפץ און צוריק געקעהרט צום בעט אום נאך צו ווארטען.

דאן האט עס שנעל אָנגעהויבען פינסטער צו ווערען, און ווען דאס אונגעדולדיגע מעדכען האט נאך אמאל ארויס געקוקט, האט זיא נאך קוים געקענט זעהען דעם דייטשען סאָלדאט אויף דער וואך נעבען טייך. דיא גאנצע געגענד האט יעטצט אויסגעזעהען אזוי פינסטער און פערדונקעלט, גלייך וויא א ים טינט וואלט זיך איבער אלעמען אויסגעגאָסען.

זיא האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, און דאן האט זיא געפאסט דעם בעשלוס.

איין אייזערנע אלטע לייטער איז געהאנגען ביים פענסטער, וועלכע האט געפיהרט ארונטער צו דער מיהל און פון דארט צום טייך. נאר פראנסאאז האט אָבער דאמאלס דערפון געוואוסט, וויל בלעטער און בלומען האבען פערדעקט דיא וואנט, זאָ דאס קיין זאך האט זיך ארויס געזעהען.

דאס מעדכען האט בעשטיגען דאס פענסטער, און דאן, מיט דער לייכטהייט פון א קאטץ, האט זיא ארונטער געשפאנט און בעפעסטיגט איהרע פיס.

איהרע קליידער האבען שטארק געשטערט דעם קריכען אויף אזא שלעכטען פלאטץ, נאר עגטשלאָסענהיים איז אימער א געוואלטיגער קינסטלער און זיא האט זיך ניט געלאָזען הינדערן.

פלוצלינג האט זיך געהערט א פלויסק. א שטיין איז פון ערגיץ ארונטער געפאלען אין טייך. זיא איז געבליעבען שטעהען און געפיהלט א שוידער לויפענדיג איבער איהר גאנצעם לייב.

אָבער פראנסאאז האט זיך געמערקט, אז דאס בעשטענדיגע מורמלען פון דעם טייך, האט פערשלונגען דיעזען אונערווארטעטען פליוסק, און ניעמאנד האט דאס וואהרשיינליך געהערט אויסער איהר.

דאן האט זיא ווידער זיך פעסט אָנגענומען אָן דיא בלעטער און צווייגלעך, און מיט איהר מוטה, איז זיא ווייטער געקראָכען ארונטער שפירענדיג און טאפענדיג מיט איהרע פיס דיא טרעפלעך פון דער לייטער.

ווען זיא איז צוגעקומען צום פלאטץ וואו זיא האט געוואוסט, אז דאמניקס געפענגניס געפינט זיך, איז זיא געבליעבען שטעהען.

א נייע שווירינקייט האט זיך איהר געשטעלט אין וועג און זיא האט שיער פערלוירען איהר גאנצען מוטה. דאס פענסטער, וואס האט געפיהרט אין דאָמיניק׳ס צימער, איז געשטאַנען אויף א זייט דערוויַיטערט פון דער לייטער אויף אזוי פיעל, דאס עס איז כמעט אונמעגליך געווען אריין צו גרייכען. פּראַנסאָאז האט אויסגע־שטרעקט איהר האנד, אָבער אנשטאט צו גרייכען דאס פענסטער, האט זיא נאָר אָנגעטאַפּט דיא וואנט.

ווען זיא נאך אמאל מוזען צוריק קריכען אָהנע דורכצופיהרען איהר פּלאַן?

איהרע הענד האבען אָנגעהויבען מיעד צו ווערען, און דער קאָפּ האט זיך איהר געדרעהט.

פראַנסאָאז איז געבליעבען איינינע אויגענבליק אין טיעפעס נאכדענקען. אויפגעבען איהר פּלאַן האט זיא ניט געקענט. פּלוצלינג האט זיא אָנגעפאַנגען שנעל אָבצורייסען מ׳ט איהרע נעגעל דיא פערטריקענטע שטיקלעך ליים פון דער וואנט, און דאַן דאס געוואָרפען אין דאָמיניק׳ס שויבען.

ער האט ניט געהערט.

„פיעללייכט שלאָפט ער?“ האט זיא זיך געטראַכט.

זיא האט אָבגעבראָכען נאך עטליכע שטיקלעך ליים פון דער וואנט און זיך שטארק צוקראַצט איהרע פינגער.

זיא האט נאך אמאל געוואָרפען אין דיא שויבען און זיא האט געשפּירט, אז זיא פערלירט לאנגזאם איהרע קרעפטען.

פּלוצלינג האט יעמאנד פון אינוועניג געעפענט דאס פענסטער און גע־פרעגט:

„ווער איז דאָרט?“

עס איז געווען דאָמיניק׳ס שטימע.

„איך בין עס,“ האט פראַנסאָאז געענטפערט, „נעהם מיך אָן בייא דער האנד, זאָנסט פאַל איך ארונטער.“

„אך!“ האט דאָמיניק לייכט אויסגעשריען.

ער האט שנעל אויסגעשטרעקט זיין שטארקע האנד און געגרייכט איהר טאַליע. ער האט זיא פעסט אָנגענומען און צוגעבראַכט צום פענסטער. דאַן איז איהם שוין לייכטער געווען זיא אריין צו נעהמען.

פראַנסאָאז האט אנפאנגס ניט געקענט רעדען און זיא האט אזוי געוויינט,

אז דאָמיניק האָט געמיינט, דאָס איהר האַרץ ווערט צובראָכען. אָבער דאָ האָט אונטערדריקט איהר געוויין, דאָמיט מען זאָל נים הערען.

דאַן, זיך שטאַרק אָנשטרענגענדיג, האָט זיא ענדליך געפרעגט:

„דוא ביסט בעוואכט?"

דאָמיניק, נאָך אימער בערוישט זיא זעהענדיג אין אַזאַ צושטאַנד, האָט נעך ענטפערט דורך אַ צייכען מיט זיין האַנד אויף דער טהיר.

זייא האָבען ביידע געהערט דאָס שנאַרכען פון אַ מענשען פערזונקען אין טיעפסטען שלאָף, וועלכעס איז געקומען פון יענער זייט טהיר. דער סאָלדאַט, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך, איז, ווייא עס שיינט, פון גרויסער מיטדקייט, איינגעשלאָפען. ער האָט זיך אָבער געלייגט גלייך בייא דער פערשלאָסענער טהיר, דאָמיט ער זאָל זיכער זיין, אַז דער געפאַנגענער וועט נים אַרויס.

„דוא מוזט אוועק, ענטלויפען," האָט זיא שנעל געמורמעלט. „איך בין דיך געקומען בעטען דוא זאָלסט ענטלויפען, און איך זאָל דיר דאָ ווינשען אַדיע."

ער האָט אָבער אויסגעזעהען נים צו הערען וואָס זיא זאָגט איהם, און ער האָט אַלץ ווידערהאָלט מיט ערשטוינונג:

„וויא, דוא ביסט עס, דוא... מיין גאָט, וויא איך האָב מיך דערשראָקען! וועה איז מיר, דוא האָסט דאָך געקענט געהרג'עט ווערען!"

ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד, און מיט זיינע האַלב־פערברענטע ליפּען, האָט ער זיא געקושט.

„אָך, מיין טהייערע פראַנסאַאַז!" האָט ער ווייטער געזאָגט מיט אַ ציטערענדע שטימע, „וויא איך ליעב דיך! היינט איז דער סאַנט לואיז טאָג, אונזער חתונה־טאָג, אויף וועלכען מיר האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט. קיין זאַך אין דער וועלט, האָט אונז געקענט צושיידען, און זאָגאַר יעטצט, ווען דער טויט ווינקט פון ווייטען, זיינען מיר אויך אַליין און צוזאַמען... עס איז דער פריה־מאָרגען פון אונזער חתונה, ניין, נים וואָהר?"

„יאָ, יאָ," האָט זיא געמורמעלט, „עס איז דער פריה־מאָרגען פון אונזער חתונה..."

זיא האָט געוויינט און זיך געלאָזען פון איהם נאָך אַמאָל אומאַרמען, און זיא האָט איהם אויך געקושט.

פּלוצלינג אָבער האָט זיא זיך פון איהם בעפרייעט. דיא שרעקליכע ווירקליכקייט איז ערשיענען פאַר איהרע אויגען.

„דאָמיניק, מיין ליעבער!" האָט זיא געזאָגט.

„וואס ווילסטו, מיין ארמע פראנסאאז ?"

„דוא מוזט... אך..."

„וואס ווילסטו, פראנסאאז, אז איך זאל טהון פאר דיר?"

„דוא מוזט ענטלויפען!"

„ענטלויפען?"

„יא!"

„וואוהין? וויא אזוי?"

„ענטלויף, ענטלויף, און לאמיר ניט פערלירען קיין צייט."

אלס ער האט נאך אמאל אויסגעשטרעקט זיינע ארעם זיא ארום צו נעהמען אין דער פינסטער, האט זיא זיך צו איהם צוגעדריקט און געבעטען:

„אך! דאמיניק! איך בעט דיך, הער מיך אוים! ווען דוא זאלסט שטארבען, דאן מוז איך אויך שטארבען; אהן דיר קען איך ניט לעבען. אין א שטונדע צייט וועט זיין טאג. דוא מוזט, מיין ליעבער, דוא דארפסט דיך רעטען!"

דאן האט זיא אנגעפאנגען איהם שנעל צו ערקלערען איהר פלאן וואס זיא האט ענטווארפען.

„דיא אייזערנע לייטער," האט זיא געזאגט, „ציהט זיך פון דאנען ארונטער ביז צו דער מיהל־ראד. דוא ווייסט דאך, דארט שטעהט א שיפעל. וויא דוא וועסט נאר אהין אנקומען, קענסטו דיך אריין זעטצען און שנעל אוועק רודערן. ניעמאנד וועט דיך זעהען, ווייל עס איז יעטצט זעהר דונקעל. ווען דוא וועסט זיין פארזיכטיג, וועט דיך אויך קיינער ניט הערען אויף דיעזער ארט וועסטו צורודערן ביז צו דער אנדערער זייט טייך, און דאן ביסטו גערעטעט."

דאמיניק האט שטילשווייגענד אלעס אויסגעהערט, און דאן האט ער געפרעגט:

„אבער עס געפינען זיך דארט געוויס סאלדאטען אויף דער וואך?"

„יא, נאר איינער. ער שטעהט גראדע געגענאיבער פון דאנען, אונטער דעם ניעדריגען בוים."

„אבער ווען ער וועט מיך דערזעהען? וואס וועל איך טהון ווען ער וועט מאכען א רעש?"

פראנסאאז האט אויפגעשוידערט.

זיא האט אריין געליינט דיא האנד אין איהר בוזים, און פון דארט עפעס ארויס גענומען

„נעהם דאס,“ האט זיא געזאגט.

„וואס איז עס ?“ האט ער געפרעגט ניט בעגרייפענדיג.

„דאס איז א מעסער.“

„א מעסער ?“

„יא, דאָמיניק, דוא מוזט... מיין גאָט !“

דאָמיניק האט שוין פערשטאַנען. זיין כלה האט בלויז געפונען א מעסער אלס דיא איינציגע וואַפען פיר איהם, און עס איז אויך געווען א פּאַסענדע וואַפען, ווייל א מעסער, ארבייט שטיל און לאָזט זיך ניט הערען.

„און וואס וועט זיין פון דיין פאטער און פון דיר ?“ האט ער ווייטער גע־פרעגט.

„זאָרג ניט.“

„ניין, ניין, איך קען ניט ענטלויפען !“

„אך !“

„ווען איך וועל אוועק,“ האט ער פאָרטגעזעטצט, „דאן וועלען דיעזע סאָל־דאטען דיך פּיעללייכט הרג׳ענען... זייא זיינען געפעהרליכע ברואים, דוא קענסט זייא ניט. זייא האבען מיר אנגעטראָגען גנאָדע, מיר צו שענקען דאס לעבען, ווען איך זאָל זייא דורכפיהרען דעם סאָוואָל וואלד. זייא זיינען אין דער גרעסטער פער־צווייפלונג. עס שיינט, אז זייא האבען ערפאהרען, דאס אונזערע סאָלדאטען דער־נעהנטערן זיך, און דאס איז זייער איינציגער אויסוועג צום ענטלויפען, נאָר זייא ווייסען ניט וויא אזוי זייא וועלען קענען פון דאנען ארויס קריכען. זייא רעכענען, אז איך וועל אָננעהמען דעם פאָרשלאָג זייא צו העלפען. היינט, שטעל דיר פאָר, ווען זייא וועלען מיך מעהר ניט טרעפען, וועלען זייא, אין זייער וואוטה, זיך ניט צוריק שרעקען פון קיין זאך.“

פראַנסאָאַז האט מיט שפּאַנענדער אונגעדולד אַלעס אויסגעהערט, אָבער זיא האט איהם ניט געוואָלט בעענטפערן זיינע פראגען מיט ארגומענטען. זיא האט בלויז געזאָגט:

„אויב דוא ליעבסט מיך, דאן ענטלויף... צוליעב מיר, דאָמיניק, בעט איך דיך, רעטע דיין לעבען, בלייב דאָ מעהר קיין מינוט !“

ער האט געצעגערט.

„בלעבען,“ האט זיא געזאגט, „פאַר מיר האסטו דיך גאר ניט וואס צו זאָרגען. ניעמאנד וועט וויסען, אז איך האב דיר געהאָלפען ענטלויפען. קיין מענש ! וועסט זעהען, איך וועל מיר לאנגזאם צוריק ארויף קריכען אין מיין צימער, צומאַכען

דאס פענסטער, און ווען זייא וועלען מיך קומען זוכען, וועל איך מיך מאכען שלאָפענדיג.״

ער האט נאך אימער געצענערט.

דאס ציטערענדע מעדכען האט איהם דאן זעלבסט אומארמט, געהאלזט און געקושט, און אין איהר גרעסטער ליעבעס־אויפרעגונג האט זיא איהם געבעטען ער זאָל פאָלגען איהר ראטה.

זיא האט איהם בעזיעגט.

מעהר קיין פראַגען האט ער שוין ניט געשטעלט און געוואָלט אנפאנגען די ארבייט. פלוצלינג האט ער זיך אָבער אן עפּעס דערמאָהנט און געפרעגט:

„ווייסט דיין פאטער דערפון?״

נאך א קורצער פויזע, האט זיא געענטפערט:

„יא!״

„דאן מיין פיעלגעליעבטע פראנסאַאז, אום מיר צו געבען מעהר מוטה אין מיין געוואָגטע אונטערנעהמונג, בעט איך דיך, אז דו זאָלסט מיר שווערען, דאס דיין פאטער איז פאָלקאָמען איינפערשטאנען מיט דיין ראטה.״

„איך שווער דיר,״ האט דאס מעדכען געענטפערט ציטערענד, „אז מיין פאטער האט מיך אהער געשיקט.״

זיא, דאס אונשולדיגע און ריינע, וואס האט פון קיין פאלשקייט ניט געוואוסט, האט געזאָגט א ליגען. אָבער אין יענעם אויגענבליק, האט איהר געוויסען ניט פראָטעסטירט דאגעגען. זיא האט בלויז געהאט איין ציעל, איהם צו זעהען גע־רעטעט, און די אידעע, אז מיט זונענאויפגאנג וועט ער זיין טויט, האט שיער בע־רויבט איהר פערשטאנד.

דיעזעס אונשולדיגע און אונערפאהרענע דאָרפס־מיידעל, האט גאנץ גוט גע־קענט איהר חתן׳ס כאראקטער. זיא איז געווען איבערצייגט, אז דאָמיניק וועט אפילו 10 מאל שטארבען און ניט שפּיעלען די ראָלע פון א פעררעטהער געגען פראנקרייך.

זיא האט זיך אפילו פאָרגעשטעלט, דאס ווען ער וועט אועק, וועט דאס גאנצע אונגליק פאלען אויף איהר. אָבער דאס איז איהר געווען זיס און אנגענעהם, כל־זמן זיא האט געוואוסט, אז זיא וועט ליידען פיר איהם.

איהר ליעבעס־געפיהל האט געהאט דעם איינציגען וואונש, איהם צו זעהען גערעטעט, און אלעס אנדערע, האט זיא ניט בעקימערט.

„גוט אלזא, האט דאָמיניק ענדליך געזאגט, „איך וועל טוהן וויא דו ווילסט.“

דאַן האבען זייא מעהר ניט געשפּראָכען.

דאָמיניק איז צוגעגאַנגען און געעפענט דאס פענסטער. פּלוצלינג אָבער, האט א געוויש פערגליווערט דאס בלוט אין זיינע אָדערן. דיא טהיר האט זיך אַזוי גע־טרייסעלט, גראדע וויא יעמאנד וואָלט זיא געעפענט.

ביידע האבען אויסגעשטויסען איין אונטערדריקטען זיפץ.

אָבער עס איז גאר ניט געווען.

דער סאָלדאט, וואס איז געשלאָפען פון יענער זייט טהיר, האט זיך אומגע־קעהרט אויף דער אַנדערער זייט, און, אין זיין בעוועגונג, האט דיא טהיר זיך גע־טרייסעלט.

שטעהענדיג איינינע אויגענבליקען אין געשפּאַנטער ערוואַרטונג וואס ווייטער וועט זיין, האבען זייא זיך באלד אלעס ערקלערט, און זיך וויא ווייט מעגליך בער־רוהיגט.

א טרויעריגע און נייסטערהאפטע שטילקייט האט ווידער געהערשט.

דאָמיניק האט געוואָלט, אַז פראַנסאָאַז זאָל צו ערשט ארויף קריכען צו איהר צימער. זיא האט אנפאנגס ניט געוואָלט, אָבער ער האט אַנדערש ניט געוואָלט איינשטימען צו פערלאָזען דאס צימער.

זיא האט איינגעווילינט.

דאָמיניק האט גענומען פראַנסאָאַז'ן אויף זיינע הענד. איהר געוואונשען אדיע און זיא געקושט אויף איהרע ליפּען. דאַן האט ער איהר געהאָלפען אַנצוכאַפּען דיא לייטער. וועהרענד זיא איז נאך געשטאַנען אויף דער לייטער, איז ער אויך ארויף, אָבער ער האט קיין שריט געוואָלט מאכען ווייטער, ביז ער האט זיך איבערציינגט, אַז זיא איז שוין ניטאָ.

ווען פראַנסאָאַז איז ארויף געקראָכען, האט זיא געמורמעלט:

„צום ווידערזעהען! איך ליעב דיך!“

דאַן האט זיא זיך אוועק געשטעלט נעבען פענסטער און זיך ארויס געלעהנט אום נאכצופאָלגען דאָמיניק'ן מיט איהרע אויגען.

דיא נאכט איז נאך אימער געווען שטארק דונקעל. זיא האט געסוקט און געזוכט צו ענטדעקען וואו דער סאָלדאט נעבען טייך געפינט זיך יעטצט. אָבער זיא האט איהם ניט ענטדעקט. זיא האט זיך בלויז געמערקט דעם בוים וואו זיא האט איהם פריהער געזעהען.

זיא האט געהערט א שטילען גערויש וואס דאמיניק האט פעראורזאכט מיט זיין קערפער איבער דיא ביימער אויף דער וואנט. דאן איז פאראיבער א קורצע צייט, און זיא האט געהערט דיא מיהלראד אביסעל סקריפען א לייכטער פאטש אין וואסער, וויא פון א פיש, האט אבגעקלונגען אין דער טיעפער דונקעלהייט. און זיא האט זיך געמערקט, אז דאמיניק האט ענטדעקט דאס שיפעל.

נאכדעם האט זיא זיך דייטליך געמערקט א דונקלען געגענשטאנד שוועבענדיג איבער דאס וואסער פון דעם טייך. זיא האט פערשטאנען, אז דאס איז איהר חתן אין שיפעל.

פלוצלינג האט זיא שוידערהאפט אויפגעציטערט. אין יעדען אויגענבליק, האט זיך איהר געדאכט, אז דיא וואך האט איהם ענטדעקט און עס איז געגעבען געווארען איין אלארם.

דער לייכטעסטער גערויש, האט זיך איהר פארגעשטעלט אלס שנעלע און שווערע טריט פון דיא סאלדאטען, דאס געקלאפערייא פון געוועהר און דאס שטירמען פון ווילדע שטימען.

אונטערדעסען זיינען מעהרערע סעקונדען פאראיבער, און אלעס איז ווידער געלעגען איינגעהיעלט אין רוהיגען און דונקלען מאנטעל פון דער שווארצער נאכט.

פראנסאאז האט זיך געמערקט, אז דאמיניק האט גערייכט דעם ברעג, אבער זיא האט קיין זאך געזעהען. דיא שטילקייט איז געווען אזוי טיעף און אזוי ערנסט, אז דאס מערדען האט זיך זעהר געפריים דערמיט, וויל עס האט געגעבען איהר געליעבטע חתן דיא געלעגענהייט צו רעטען זיין לעבען.

אבער, וואס איז דארט? וואס איז געשעהען? יא, פראנסאאז איז געווען איבערצייגט, אז יעטצט איז ניט געווען איהר פאנטאזיע וואס האט זיא געגארט נייז, ווירקליכקייט, ריינע ווירקליכקייט.

א שטימע האט געשפראכען און פערקלונגען דיא שטילע דונקעלהייט.

דאן האט זיך עפעס געהערט וויא א קאמפף, א ראנגלען זיך. איין אונטער־דריקטער אבער שמערצהאפטער געשרייא האט צעררסען דיא איינזאמע שטילקייט. נאכדעם האט זיא געהערט א קלאפ, גלייך וויא א שווערער געגענשטאנד וואלט אומגעפאלען.

איהר הארץ איז געבליבען שטעהן און אלע איהרע געפיהלע זיינען ארויס אין דיא אויערן, אום צו קענען בעססער הערען וואס עס געהט פאר

עס איז ווידער שטיל געוואָרען. דאס לייכטע מורמען פון דעם טייך האט זיך געהערט אין זיין רעגעלמעסיגען טאקט און א נאכט־פויגעל האט פון גאנץ ווייט וועהמיטהיג געשריען.

זיא האט געשפירט גלייך וויא דער קאלטער טויט זעלבסט האט דורכגע־שטרייפט איהר קערפער. איהרע אויגען זיינען געבליעבען אָפען, אָבער מעהר וויא טיעפע דונקעלהייט האט זיא ניט ענטדעקט.

מיט א פאאר מינוטען שפעטער, האט פראנסאַז פערמאכט לאנגזאם דאס פענסטער, צוגעגאנגען צום בעט און זיך געזעטצט.

„דאס מעסער, דאס מעסער,“ האט זיא געמורמעלט, „דאס האט איהם גערעטעט ? אין וועמעס ברוסט האט עס איינגעדרונגען ?“

4.

ווען עס האט אָנגעהויבען צו טאָגען, האבען געוואלטיגע קולות פערהילכט די מיהל.

דער אלטער מערליער איז ערשיענען און געעפענט פראנסאַז'עס טהיר. דאס מעדכען איז ערשיענען אין הויף בלאס אָבער מערקווירדיג רוהיג.

איהר אויגען האבען געוואנדערט אין שטילער אונגעדולד ארום זיך אום עפּעס צו בעמערקען.

גלייך וויא א קאלטעס שטאָהל וואלט איהר אייגענע ברוסט דורכגעבויערט, אזוי בעוועגונגסלאָז איז זיא געבליעבען שטעהען, ווען זיא האט ערבליקט א דייטשען סאָלדאט, ליעגענדיג טויט אויף זיין מאנטעל נעבען דער וואנט.

ארום דעם קערפער זיינען געשטאנען מעהרערע סאָלדאטען טענה'ענדיג העפטיג מיט זייערע הענד, און מאנכע האבען וויטהענד געשריען.

איינעגע האבען געצייגט מיט זייערע פויסטען צום דאָרף, גלייך וויא זייא וואָלטען וועלען דאָרט שטילען זייער צאָרן.

אין דערזעלבער צייט, האט דער דייטשער קאָמאנדאנט געלאָזען רופען דעם אלטען מערליער, אלס דעם פעראנטוואָרטליכען בירגערמייסטער פון דאָרף.

„אלטער !“ האט געקלונגען וויטהענד דעם אָפיציער'ס שטימע.

מערליער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען.

„אלטער ! ! !“ האט די שטימע נאך שטארקער אויסגעדונערט.

מערליער האט אָנגעקוקט דעם אָפיציער און נאך אימער געשוויעגען.

„הער מיך אויס!“ האט דער דייטש אָנגעפאַנגען זיך בעמיהענדיג צו זיי־
רוהיג, אָבוואָהל דיא ווערטער האבען איהם געשטיקט אין האַלז, „אַט דאָ ליעגט
איינער פון מיינע לייט, טויט, דערשטאָכען, ערמאָרדעט! דוא פערשטעהסט, ער־
מאָרדעט! ער איז געפונען געוואָרען נעבען טייך... נעבען טייך, דוא פערשטעהסט?
דאס איז א שוידערהאַפטער מאָרד, און מיר מוזען ציינען א שרעקליכעסביישפּיעל
פיר אַנדערע, אום זייא זאָלען אויך וויסען וואס דאס הייסט ערמאָרדען א סאָלדאַט
נים אין גלייכען קריעגס־קאַמפף.“

מערליער האט נאך אַלץ ערוואַרטעט צו הערען וואס דאס האט מיט איהם
צו טהון.

„איך האב דיך אהער גערופען,“ האט דער אָפיציער פאָרטגעזעטצט, „וויי־
איך וויל, אַז דוא, אַלס דער בירגערמייסטער, זאָלסט מיר העלפען אויסגעפינען דעם
מערדער.“

„מיינעטוועגען,“ האט מערליער געענטפערט רוהיג, „וועל איך אייך העלפען
צו געפינען דעם מערדער, אָבער, וויא איהר מערקט זיך, איז דאס נים קיין לייכטע
זאך.“

דער אָפיציער האט זיך דאַן אָנגעבויגען, און אויפהויבענדיג א פּאָלע פון דעם
מאַנטעל אויף דער ערד, האט ער דערמיט אויפגעדעקט דאס וואַקס־געלבע געזיכט
פון דעם טויטען סאָלדאַט.

עס האט זיך בעוויזען א שרעקליכע וואונד. דער אונגליקליכער סאָלדאַט,
איז געטראָפען געוואָרען מיט א מעסער גלייך אין האַלז, און דאס מעסער איז נאך
געבליעבען שטעקען אין דער וואונד.

עס איז געוועזען א שוידערהאַפטער און העפטיגער שטאָך, און דאס האט ער־
קלערט, וואס יעמאַנד האט נים געהערט זאָגאַר א געשרייא פון דעם אונגליקליכען. עס
איז קיין צווייפעל, אַז דער טויט איז געוועזען איין אויגענבליקליכער, נאכדעם וויא דאס
מעסער איז אריין געשטאָכען געוואָרען.

און דאס מעסער? ניין, עס איז נים געוועזען קיין ספּעציעלע וואַפען צו דיעזען
צוועק. זאָנדערן, א גאַנץ געוועהנליכעס קיך־מעסער.

„זעה נאָר דאס מעסער, אַלטער,“ האט דער אָפיציער געזאָגט צו מערליער'ן,
בעטראַכט עס גוט, פיעללייכט וועט דאס אונז העלפען צו ענטדעקען א שפּור צום
מערדער.“

מערליער האט אויפגעציטערט. ער האט דערקענט דאס מעסער. ער האט

זיך אָבער באלד בערוהיגט, און געענטפערט, אָהנע א מוסקעל זאָל זיך בעוועגען אויף זיין געזיכט:

„דאס מעסער, איז א שלעכטע שפור. יעדער איינציגער פון דיזער געגענד, האט אזעלכע מעסערס. ווייס איך, פיעל־לייכט איז אייער סאָלדאט מיעד געוואָרען קעמפפענדיג און ער האט בעגאנגען זעלבסטמאָרד. ווייסט איהר דען ניט, אז אזעלכע זאכען פאסירען זעהר אָפט אין א מלחמה?"

„האלט דיין מויל!" האט דער אָפיציער אויסגעשריען אין שרעקליכען צאָרן, „שווייג דוא אלטער! איך ווייס ניט וואס מיך האלט יעצט צוריק אונטערצר־צינדען דיזעס דאָרף פון אלע פיער זייטען, און דאן וואָלט איהר שוין אלע געוואוסט וואס דאס הייסט מאָרדען א מענשען!"

זיין צאָרן האט גליקליכערווייזע פערהינדערט צו זעהן דעם שטארקען וועקסעל אויף דעם געזיכט פון פראנסאָאז׳ן, וועלכע האט בייגעוואָהנט דיא סצענע.

דאס מעדכען האט זיך אוועק געזעצט אויף׳ן שטיין נעבען ברעג. אָבוואָהל זיא האט געוואָלט אוועק קוקען, האט זיא אָבער דאָך ניט געקענט ארונטער נעהמען איהרע אויגען פון דעם טויטען קערפער, וועלכער איז געלעגען אויס־גע־שטרעקט, ביינאָהע נעבען איהרע פיס.

ער איז געוועזען א שטארקער און שעהנער יונגער מענש, וועלכער האט אויס־געזעהען שטארק עהנליך צו דאָמיניק׳ן, האבענדיג אזעלכע שעהנע בלאָנדע האאר וויא איהר חתן

דיא עהנליכקייט האט צוזאמענגעדריקט איהר הארץ.

זיא האט זיך פאָרגעשטעלט, אז דער טויטער האט פיעללייכט צוריק גע־לאָזען אין דער היים א געליעבטע, א פאטער, א מוטער אָדער שוועסטער, און וויא ויא וועלען וויינען נאך איהם, דאָרט ערגיץ וועיט, אין דייטשלאנד. זיא האט אויך גאנץ גוט דערקענט איהר מעסער אין דעם טויטען׳ס האלז.

„איך האב איהם געהרג׳עט, ערמאָרדעט!" האט זיא זיך געטראכט.

איהר געזיכט איז געוואָרען באלד אזוי געלב וויא דאס געזיכט פון דעם טויטען, און איהרע קניען האבען צוזאמען געקלאפט און געציטערט.

דער אָפיציר, אין זיין וואוטה, האט דערווייל נאָר גערעדט פון נעהמען ראכע אין דעם דאָרף רעקרעז, אויף דער שרעקליכסטער ארט. יועהרענד דעם זיינען שנעל צוגעקומען אייניגע סאָלדאטען.

זייא האבען נאָר וואס ענטדעקט, אז דאָמיניק איז ענטלאָפען, און דאס האט פעראורזאכט א גרויסען אויפרוהר.

אָבוואָהל פראַנסאָאַז האט ניט פערשטאַנען וואס זייא האבען געזאָגט, האט זיא זיך אָבער גאַנץ גוט געמערקט וואס פאר א בעריכט זייא האבען אָבגעגעבען דעם אָפיציער, ווייל זייא האבען געצייגט צום צימער וואו דאָמיניק איז געוועזען ארעטירט.

דער אָפיציער איז באלד אוועק אליין בעטראַכטען וואס דאָרט איז פאָרגעגאַנגען. ער האט בעמערקט דאס אָפענע פענסטער, ארונטער געקוקט אויף דער וואַנט און דאַן האט ער אַלעס פערשטאַנען.

ער האט צוריק געקעהרט שרעקליך אויפגערעגט און דערצעהלט מערליער'ן, אז דאָמיניק איז ענטלאָפען.

דער אַלטער מערליער האט אויסגעזעהען זעהר ניעדערגעשלאָגען פון דאָמיניק'ס ענטלויפען.

„דער אידיאָט!" האט ער אויסגעשריען. „ער האט אַלעס פערדאָרבען! איך האב גאר ניט געגלויבט, אז ער קען זיין אזא אידיאָט!"

דאס געהיימניס פון זיין קיך־מעסער אין דעם סאָלדאַט'ס האלז, האט זיך איהם באלד אויפגעקלערט. ער האט אַלעס בעגריפען.

„א פיינדלינג און א מערדער," האט ער גאַנץ שטיל געמורמעלט צו זיך אליין, קריצענדיג מיט דיא ציינער.

פראַנסאָאַז, וועלכע האט געהערט וואס איהר פאטער האט געזאגט, איז דערציטערט געוואָרען. זיא האט זעהר מורא געהאט, טאָמער וועט ער ענטדעקען, אז זיא האט אין דעם שולד.

אָבער מערליער, האט קיין פערדאכט געהאט איבער זיין טאָכטער. ער איז ארום געגאַנגען איבער'ן הויף, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און מורמלענדיג:

„יעטצט געפינען מיר זיך אין א שעהנער לאַגע."

דער אָפיציער האט זיך געווענדעט צו איהם און געשריען:

„ער איז דער שופט! דער שופט! ער האט עס געטהאָן! ער האט געוויס זיין געגרייכט דעם וואלד... אָבער מען מוז איהם געפינען, מען מוז איהם כאַפּען... אָדער, בייא גאָט! דאס גאַנצע דאָרף זאָל דאַפיר טהייער בעצאָהלען!"

דער אַלטער מילנער האט געשוויגען.

„קום!" האט דאַן דער אָפיציר געשריען, „קום מיט מיר און זוך מיר אויף דעם מערדער. דוא ווייסט וואו ער איז!"

דער אַלטער מערליער האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און געצייגט מיט זיינע אויגען צום וואלד. דאַן שאָקלענדיג מיט זיין קאָפּ, האט ער געזאָגט:

„ער איז דאָרט, אין וואַלד, גאַנץ ווייט, און איהר קענט ניט ערוואַרטען, דאס מען זאָל איהם קענען דאָרט געפינען."

„איך ווייס! איך ווייס!" האט דער אָפיציער געדונערט, „דאָרט געפינען זיך פלעטצער צום בעהאַלטען, און דוא מוזט גאַנץ גוט וויסען דערפון. דוא זאָלסט מיר ניט דערצעהלען, אז דוא ווייסט ניט. איך גיב דיר צעהן סאָלדאַטען — דוא הערסט? דוא וועסט זיין זייער פיהרער."

„זעהר גוט," האט מערליער געענטפערט צוריק געווינענדיג זיין אַלטע קאַלט־בלוטיגקייט, „אָבער עס וועט אונז נעהמען א וואָך צייט נאָר דיא וועגען צו פאַסירען."

דעם אַלטען'ס קאַלטבלוטיגקייט האט שטאַרק אויפגערעגט דעם אָפיציער. ער האט אָבער אויך איינגעזעהען, אז ער פערלאַנגט כמעט אונמעגליכעס.

דאַמאַלס האט ער ערשט דערזעהען פראַנסאָאַז'ן, זיטצענדיג בלאַס און ציטערענדיג אויף'ן שטיין. דאס יונגע מעדכען, איהר האַלטונג און שרעק, האט צו געצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע סעקונדען, און ער האט גאָר ניט געזאָגט. דאַן, זיך ווידער ווענדענדיג צום מילנער, האט ער געפרעגט:

„זאָג מיר נאָר, אַלטער, איז ניט דיעזער מאַן, דער מערדער פון מיין אַרמען סאָלדאַט, דער געליעבטער פון דיין טאָכטער?"

דעם אַלטען מערליער'ס געזיכט האט זיך פלוצלינג אָנגעצונדען וויא מיט א פייער. דאס איז געוועזן א שרעקליכע בעליידיגונג פיר זיין קינד, און ער איז געוועזן נאָהענט זיך צו וואַרפען אויף דעם אָפיציער און פראָבירען איהם דערוואָרגען.

אָבער מערליער האט זיך בעהערשט. ער האט בלויז צוגעוואָרפען א פער־אַכטענדען בליק דעם אָפיציער און גאָר ניט געענטפערט.

פראַנסאָאַז האט צוגעדעקט איהר געזיכט מיט דיא הענד.

„יאָ, יאָ, אַזוי איז עס," האט דער אָפיציער פאָרטגעזעטצט, „ער איז דיין טאָכטער'ס געליעבטער, און דאס ערקלערט, וואָרום דוא אָדער דיין טאָכטער האָבען איהם בעדאַרפט העלפען. דוא ביסט זיין מיטשולדיגער... הער אויס, אַלטער, צום לעטצטען מאָל זאָג איך דיר, וועסטו איהם איבערגעבען אין מיינע הענד, אָדער ניט?"

מערליער האט נאָך אימער געשוויגען. ער האט זיך אָבגעווענדעט און אַוועק געקוקט גאַנץ ווייט, גלייך וויא ער האט גאָר ניט געהערט וואס דער אָפיציער האט

צו איהם געשפּראָכען. דאס האט שוין אויפגערעגט דעם דייטש אויף דער העכסטער שטופע.

„אזוי אלטער," האט דער אָפיציער געברומט, „דוא ווילסט מיך גאר ניט הערען? ניין? גוט, גוט, דאן זאָלסטו עס פיהלען. ווייס, אז דוא וועסט, אנשטאט איהם דערשאָסען ווערען!"

אין נעכסטען אויגענבליק, האט ער געהייסען ארויס טרעטען 12 בעוואפענטע סאָלדאטען צו איין הינריכטונג.

דער אלטער מערליער איז געבליעבען גאנץ רוהיג.

ער האט אפילו ניט אויפגעצוויגען מיט דיא אקסלען; דיא גאנצע געשיכטע, וויא עס האט געשיינט, האט איהם בלויז אויסגעזעהען וויא אביסעל אונאנגענעהם.

עס איז אונטערדעסען קיין צווייפעל, אז ער האט ניט געגלויבט, דאס עס איז מעגליך, מען זאָל אזוי מיר־ניט־דיר־ניט דערשיסען א מענשען.

אָבער ווען דיא סאָלדאטען זיינען ערשיענען, האט ער זיך געמערקט, אז אלעס איז מעגליך. ער האט זיך שנעל אומגעווענדעט צום אָפיציער און אין א רוהיגע שטימע האט ער איהם געפרעגט:

„איהר מיינט דאס אלזאָ ערנסט, מיך צו דערשיסען?"

„יא, געוויס!" האט דער אָפיציער געשריען.

„אלזאָ גוט, ווען איהר מוזט אונבעדינגט האבען יעמאנדען וועמען צו שיסען, דאן בין איך בערייט."

גראדע דאמאלס איז פראנסאאז צוגעשפרונגען, און ארויס שטאמלענדיג האט זיא געבעטען:

„מיטלייד, מיין הערר, הרג'עט ניט מיין פאטער! איך ג'עס אייך, נעהמט מיך אנשטאט איהם... איך, איך, מיין נאָם! — ניט ער, — תּאָב געהאָלפען דאָמיניק'ן ער זאָל ענטלויפען. איך בין דיא איינציגע שולדיגע."

„שווייג שטיל, דוא נאריש מיידעל!" האט דער אלטער געשריען. „ווארום זאָגסטו א ליגען?... עס איז ניט וואהר, מיין הערר, עס איז ניט וואהר, איך האב זיא אליין אָבגעשלאָסען אויף דער גאנצער נאכט אין איהר צימער."

„ניין, ניין, איך זאָג ניט קיין ליגען," האט דאס מעדכען געענטפערט פּראָטעסטירענדיג, „איך בין ארונטער געקראָכען פון דעם פענסטער, עס איז וואהר! עס איז וואהר! איך בין דיא שולדיגע!"

עס איז געווען צום ערשטען מאל וואס מען האט געקענט לעזען אונרוהע און שרעק אויף דעם אלטען'ס געזיכט. ער איז בלאס געוואָרען וויא קאַלך און א שטאַרקען ציטער געמהאַן. ער האט געלעזען גאנץ דייטליך אין איהרע אויגען, אז זיא זאָגט קיין ליגען ניט, און איהרע ווערטער האבען איהם נאך מעהר וויא ערשטוינט.

„אך! דיעזע קינדער מיט זייערע הערצער," האט ער זיך געטראַכט, „וויא זייא האבען אלעס פערדאָרבען!"

אין זיינע אויגען האט עס אָנגעפאַנגען אויפצוגלאַנצען פון טרערען, אָבער נאך א העפטיגער אנשטרענגונג, האט ער זיך צוריק געהאַלטען און ניט געוויינט. דאַן איז ער פלוצלינג שטאַרק בעז געוואָרען.

„זיא איז משוגע!" האט ער געשריען, „זיא האט פערלוירען איהר פערשטאַנד! גלויבט איהר ניט, זיא טרוימט! עס איז אלעס לעכערליך און דום... עס איז אונמעגליך, עס איז ניט וואָהר וואס זיא פלוידערט."

פראַנסאָאז האט פראָבירט נאך אמאל צו פראָטעסטירען. עס איז ניט געוועזען ערפאָר, ווייל זיא האט עפּעס געדענקט אום זיך זעלבסט, זאָגדערן, זיא האט געזעהען איהר אלטען פאטער אין געפאהר, און איהם האט זיא געוואָלט רעטען.

זיא האט ניעדערגעקניעט און זיך געבראָכען דיא הענד.

דער אָפיציער האט געבליקט גאנץ קאַלטבלוטיג אויף דיעזער הערצרייסענדע־סצענע. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט און איהר געוויין האט איהם שטאַרק גערירט.

„אום גאָטעס ווילען!" האט ער אויסגעשריען, „איך נעהם אייער פאטער, ווייל איך האב ניט קיין אנדערן... זעהט און געפינט אויס וואו יענער איז און אייער פאטער זאָל בעפרייעט ווערען. געוויס, געוויס, ער וועט בעפרייעט ווערען זאָ שנעל וויא איהר וועט מיר יענעם איבערגעבען."

זיא האט אָנגעקוקט דעם אָפיציער אויף איין אויגענבליק מיט ווייט געעפענטע אויגען פון שרעק, הערענדיג זיין שוידערהאפטען פאָרשלאַג.

„עס איז שרעקליך, שרעקליך!" האט זיא געשריען, „וויא דענקט איהר דען איך יעטצט געפינען דאָמיניק'ן? זאָל איך געהען זוכען א נאָדעל אין א סטויג היי? איך ווייס ניט, ניין, איך ווייס ניט וואו ער איז. ער איז אוועק, גאנץ ווייט, און עס איז אונמעגליך איהם צו געפינען."

דער אָפיציער האט זיך אונטערדעסען בערוהיגט און געענטפערט:

„גום אלזא, איהר קענט וועהלען; ענטוועדער איהם אָדער אייער פאטער.“

„אך, מיין גאָט!“ האט זיא אויסגעשריען, „וואס הייסט איך זאָל וועהלען? וויא קען איך וועהלען? אך, גלויבט מיר, ווען איך זאָל אפילו וויסען וואו דאָמיניק געפינט זיך, קען איך אויך נים וועהלען... וועה איז מיר, איהר צערברעכט מיין הארץ... איך וויל ניכער שטארבען, איך, נעהמט מיך, וויל איך בין דיא שולדינע. יא, יא, עס איז בעסער איך זאָל שטארבען אלס איינער פון זייא. הרג'עט מיך, שיסט מיך, איך בעט אייך...“

דער אָפיציער איז ענדליך געוואָרען אונגעדולדיג פון דיעזער פערצווייפעלטער און טרערען סצענע.

„גענוג, גענוג! איך האב שוין גענוג!“ האט ער אויסגעשריען, „איך בין שוין געוועזען נאך צופיעל גוטמיטהיג. הערט מיך אויס, איך האב קיין אויגענבליק צייט, אָבער דעננאך, גיב איך אייך צווייא שטונדען צייט... איהר פערשטעהט? צווייא שטונדען! וועהרענד דעם, ווען אייער געליעבטער קעהרט נים צוריק, דאן שטארבט אייער פאטער אויף זיין פלאטץ. יעטצט לאָזט מיך געהען!“

ער האט זיך אָבגעווענדעט בייא דיעזע ווערטער, און אויף א בעפעהל, איז דער אלטער מערליער אָבגעשפארט געוואָרען אין דעמזעלבען צימער וואו דאָמיניק האט זיך פריהער געפונען.

דער אלטער, איידער ער איז אריין געפיהרט געוואָרען אין צימער, האט ער פערלאנגט אביסעל טאבאק. פראנסאאז, וויינענדיג און ציטערענדיג, האט איהם ארונטער געבראכט זיין טאבאק, און דאן האט זיך גענומען דער אלטער העפטיג רויכען.

זיין געזיכט האט ווידער אָנגענומען דיא רוהיגע מיענע וויא פריהער און עס האט אויסגעזעהען, אז עס האט גאר נים פאסירט.

ווען ער האט זיך אָבער געפונען אליין אין צימער, און דיא פיער ווענט ארום, האבען איהם אָבגעשלאָסען פון דיא איבריגע מענשען, האבען זיך בעוויעזען צווייא גרויסע טראָפענס טרערען אין זיינע אויגען, וועלכע האבען זיך דאן ארונטער גע־קייקעלט איבער זיינע באקען.

„מיין גאָט!“ האט ער געמורמעלט גאנץ שטיל, „מיין קינד! מיין ארמע פראנסאאז! וויא דוא ליידעסט יעטצט!“

פראנסאאז איז געבליעבען שטעהען אין מיטען הויף וויא פערשטיינערט. איינע סאָלדאטען, אויפגערעגט פון זייער קאמעראד'ס מאָרד, זיינען פארבייא

געגאנגען נעבען איהר, און געלאכט. אנדערע האבען זיא גערופען, און א טהייל האבען געזאגט גראבע וויטצען וואס זיא האט ניט פערשטאנען.

איהרע אויגען זיינען נאר געווען געריכטעט צו דער טהיר, וואו איהר אלטער פאטער איז אבגעשלאסען געווארען.

זיא איז געשטאנען א היבשע צייט און ניט געקענט גענוי בעגרייפען וואס עס געהט פאר ארום איהר. דאן האט זיא פלוצלינג אויפגעהויבען איהר האנד צום שטערן, גלייך וויא זיא האט געוואלט צו האלטען איהר קאפ ער זאל ניט פלאטצען.

דאבייא האט זיא זיך אבגעווענדעט.

דער אפיציער איז איהר גראדע אויסגעקומען ענטגעגען.

„געדענקט," האט ער ווידערהאלט, „געדענקט גאנץ גוט, אז איהר האט נאר צווייא שטונדען צייט. זעהט און פערלירט קיין אויגענבליק אומזיסט."

יא, „צווייא שטונדען צייט," דיעזע דרייא ווערטער האבען געוויטהעט אין איהר געהירן."

אהנע צו וויסען וואס זיא טהוט, איז זיא ארויס פון הויף און איז געגאנגען ווייטער און ווייטער.

וואוהין? וואוהין קען זיא געהען? וואס זאל זיא אנפאנגען צו טהון?

זיא האט אפילו ניט פראבירט צו ענטשיידען אין איהר קאפ דיעזע פראגע. זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זיא קען איבער קיין זאך בעשליסען.

דעננאך, וואלט זיא זעהר ווע:ען געפינען וואו דאמיניק איז געווען. זיא האט איהם וועניגסטענס געוואלט זעהען.

אך, מיט איהם, מיט דאמיניק'ן, וואלט זיא זיך דאך געקענט בעראטהען, און ער, מיט זיין געזונדען פערשטאנד, וואלט פיעללייכט געפונען א גוטען אויסוועג אדער א ראטה צום פערצוויפעלטען צושטאנד. זיא האט געשפירט, אז זיין שטיצענדע האנד פעהלט איהר.

אזוי דענקענדיג און ניט וויסענדיג וואס צו טהון, האט זיא ארונטער שפאצירט ביז צו דיא ברעגעס פון דעם טייך מארעל, און איז פלוצלינג געבליעבען שטעהען קוקענדיג אויף דיא שטיינער וואס זיינען דארט געלעגען.

דאן האט זיא געב:יקט ווייטער, און ענטדעקט פרישע שפורען אין גראז, וועלכע זיא האט דערקענט אלס דיעזע וואס דאמיניק האט געמאכט. יא, דארט איז עס געווען, ניט ווייט פון דעם בוים, וואו דער סאלדאט איז געשטאנען אויף דער וואך.

זיא איז אריעבער דעם טייך דורך דער בריק און האט זיך דערנעהנטערט צו דיא שפורען אין גראז. ניט וויט פון דאָרט, האט זיא בעמערקט בלוט. זיא האט אויפגעציטערט, אָבער זיא האט געוואוסט פאָזיטיוו, אז דאס בלוט איז פון דעם סאָלדאט וואס דאָמיניק האט דערהרג'עט.

אָהנע צו וויסען וואס זיא טהוט, איז זיא ארויף אויף'ן גראז, און אָנגע־פאנגען נאכפאָלגען דיא איינגעטרעטענע שפורען, וועלכע האט געפיהרט ביי דער זייט פון וואלד אוועק גאנץ וויט.

זיא איז געגאנגען אזוי וויט, ביז דיא שפורען זיינען פערווישט געוואָרען. דאָרט איז זיא געבליעבען שטעהען קוקענדיג געגענאיבער אין א צווייטעם פעלד און זיא האט ענטדעקט נייע שפורען. זיא איז אריעבער געגאנגען, אויך דיעזע נאכגעפאָלגט. דאס האט זיא געפיהרט ביז צום וואלד, וואו יעדע שפור האט אָבער אויפ־געהערט.

אונגעאכטעט דארויף, איז פראנסאאָז אריין צווישען דיא בוימער.

דיא טהאטזאכע, פון זיין אליין, איז פאר איהר געווען א טרייסט. זיא האט אביסעל פרייער אויפגעאטהעמט.

זיא איז געבליעבען שטעהען און אויסגעבראָכען אין א העפטיגעם געוויין. דאן, זיך דערמאָהנענדיג, אז עס איז נישטאָ קיין צייט צו וויינען, און זיא האט ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו געהען, אָבער אָהן א ציעל און אָהן א ריכטונג.

וויא לאַנג איז דאס געווען זייט זיא האט פערלאָזען דיא מיהל? פינף מינוטען? א האלבע שטונדע? ניין, דאס האט זיא ניט געקענט וויסען; זיא האט פערלוירען דעם חשבון פון צייט.

דאן האט זיא זיך פלוצלינג דערמאָהנט אן דיא פערשיעדענע געדיכטע געבישען און זיא האט זיך געטראכט, אז עס איז מעגליך, דאס דאָמיניק האט זיך ערגיץ וואו דאָרט בעהאלטען. יא, זיא האט זיך אויך עראינערט, אז לעטצטענס, איז זיא און דאָמיניק אהין געגאנגען שפאצירען און זייא האבען געגעסען יאגדעס צוזאמען.

זיא האט דערקענט דאסזעלבע געביש און אָנגעפאנגען דאָרט צו זוכען.

זיא האט אָבער געשטערט בלויז א פיינעלע, וועלכעס איז אוועק געפלויגען צוויטשערענדיג.

דאן איז איהר איינגעפאלען דער געדאנק, אז ער האט זיך פיעללייכט בע־האלטען אין דיא לעבער פון דיא פעלזען, וואו ער פלעג זיך אפט פערשטעקען אום

ארפצופאסען איבער ווילדע טהיערע אויף דער יאגד זיא האט בעזוכט דיעזע פלעטצער, אָבער ער איז אויך דאָרט נים געווען.

„וואס טוינ זוכען?“ האט זיא זיך געטראכט. „איך וועל איהם נים געפינען גראדע ווען איך וויל.“

אָבער דער וואונש איהם צו געפינען, איהם צו ענטדעקען, איז יעדעס מאל געוואָרען ווילדער און שטארקער.

פלוצלינג איז איהר איינגעפאלען, אז דאָמיניק האט געמוזט ארויף קריכען אויף א בוים און זיך דאָרט בעהאלטען.

פון דיעזען מאָמענט אָן, וואס אזא געדאנק איז אריין אין איהר קאָפּ, האבען איהרע אויגען געוואנדערט אין דער הויך צו דיא ביימער. אום צו צוציהען זיין אויפמערקזאמקייט, האט זיא בייא יעדע פופצעה, אָדער צוואנציג שריט אויסגערופען זיין נאמען.

דער קורקו פויגעל האט געענטפערט פון וויטען, אָבער נים דאָמיניק.

אנפאנגס האט זיא גערעכענט, אז דאָמיניק מאכט נאך דיא שטימע פון דעם קורקו פויגעל און ערווארטעט איהר צו זעהען, אָבער זיא האט באלד נאכדעם ערבליקט דעם פויגעל אליין פארבייא פליהען, און זיא האט געוואוסט, אז זיא האט געהאט איין אירטהום.

איינמאָל האט זיך איהר געדאכט, אז זיא האט איהם שויןווירקליך געזעהען, און בייא דיעזער אידעע, האט זיא זיך געוואָלט אומקעהרען און ענטלויפען.

ענטלויפען? ווארום?

דיא ארמע האט געשפירט, אז זיא קען איהם נים זעהען און דארף איהם נים זעהען.

וואס וועט זיא איהם זאָגען? וואס קען זיא איהם מיטטהיילען? זאָל זיא איהם צוריק רופען? יא, ער וועט געהען. אָבער וואס וועט זיין דער סוף? מען וועט דאך איהם פּאָזיטיוו ערשיסען?

אָה ניין! ניין! זיא וועט איהם גאר נים זאָגען פון דעם וואס עס איז פארגעגאנגען. זיא וועט בלויז אויסשרייען צו איהם, ער זאָל ענטלויפען, זיך רעטען און נים זיין מעהר אין דער גאנצער נאכבארשאפט.

דאן האט זיא זיך דערמאָהנט אָן איהר פאטער, וועלבער וואָרט אויף איהר, און דאס האט ארויס גערופען א שארפען שמערץ אין איהר ברוסט. בייא דיעזע געדאנקען, איז זיא צוגעפאלען צו א בוים און זיך צו וויינען. שרייענדיג:

„מיין גאָט! מיין גאָט! וואס טהו איך דאָ? וואס וויל איך? וועמען זוך איך?"

דער גערדאנק, אז זיא איז אהין געקומען אום פיעללייכט צוריק צו פיהרען איהר חתן צום טוים, האט שיער בערויבט איהר פערשטאנד. אָה, גלייך וויא זיא וואָלט ערבליקט דיא גרויסע געפאהר פון איהר ערשיינען, האט זיא אָנגעפאנגען צו לויפען און לויפען, אום צו געפינען דעם וועג ארויס פון וואלד.

דרייא מאל האט זיא איינגעשלאגען א פאלשען וועג, און, אין איהר פערווירונג האט זיא גערעכענט, אז זיא וועט שוין מעהר ניט געפינען דיא מיהל. אבער עס האט ניט פיעל געדויערט, און זיא האט זיך ערבליקט אויף'ן פעלד, גראדע געגענאיבער דעם דאָרף רעקרעז.

זאָ שנעל וויא זיא האט ערבליקט דאס דאָרף, איז זיא געבליעבען שטעהען.

זאָל זיא צוריק געהען אליין? דיעזע פראגע האט שרעקליך געמארטערט איהר זעעלע.

שטעהענדיג פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען, האט זיא פלוצלינג געהערט א שטימע אויסרופענדיג:

„פראנסאָאז! פראנסאָאז!"

וויא זיא האט זיך אומגעווענדעט, האט זיא ערבליקט דאָמיניק'ן ארויס שטעקענדיג זיין קאָפּ פון א טהאָל.

גערעכטער גאָט! האט זיא איהם געפונען? איז דאס פיעללייכט געוועזען א צייכען, אז גאָט ווינשט זיין טויט?

זיא איז שיער דערשטיקט געוואָרען מיט א געשרייא וואס האט זיך געוואָלט ארויס רייסען פון איהר ברוסט.

„האסטו מיך געזוכט, פראנסאָאז?" האט ער געפרעגט.

„יא," האט זיא געענטפערט, ניט וויסענדיג וואס צו זאָגען און שפירענדיג א שטארקען שווינדעל פאר דיא אויגען.

„אך! פראנסאָאז, אום גאָטעס ווילען, זאָג מיר, וואס געהט פאָר? וואס האט פאסירט?"

זיא האט ארונטער געקוקט צו דער ערד, און ארויס שטאמלענדיג האט זיא געענטפערט:

„פאסירט? גאר ניט! איך בין בלויז געוועזען נייגיעריג דיך צו קומען זעהען. דאס איז אלעס, ניט מעהר"

הערענדיג דיעזע ווערטער, האט ער זיך בערוהיגט, און איהר אנגעפאנגען צו ערקלערען, אז ער האט ווייטער ניט געקענט ענטלויפען, ווייל עס איז איהם אונ־מעגליך געוועז זיך פיעל צו דערווייטערן פון דעם פּלאטץ וואו זיא איז.

„דער אמת איז,“ האט ער ווייטער געזאגט, „איך ציטער פאר אייער זיכער־הייט, פיעל מעהר וויא פאר מיינער. דיעזע דייטשע שופטען, זיינען גראדע דיא פּאסענדע לומפען, וועלכע זיינען אימשטאנדע זיך נוקם צו זיין אן צארטע פרויען און אלטע לייט.“

פראנסאאז האט ארויס געלאזען א לייכטען זיפץ, וועלכען דער יונגער מאן האט ניט בעמערקט. דאן האבען זייא נאך געשפּראכען, און דאמיניק, זיך שפּירענדיג בערוהיגט, האט ער געזאגט לאכענדיג:

„דער טאג פון אונזער חתונה, וועט אלזא מוזען אבגעלעגט ווערען אויף נעכסטע וואך. שאדע, מיר האבען זיך אלע געריכט אויף היינט. אבער וואס קען מען מאכען?“

אבער פראנסאאז האט ניט פיעל געקענט בעהאלטען איהרע געפיהלע, און דאמיניק, זעהענדיג וויא איהר געזיכט פערדונקעלט זיך, האט ער אויך אנגעפאנגען צו ווערען ערנסט.

„אבער וואס פעהלט דיר?“ האט ער געפרעגט.

„גאר ניט,“ האט זיא געענטפערט ציטערענדיג.

„פראנסאאז, וואס האט פּאסירט?“

„פרעג מיך ניט.“

„ווארום זאל איך דיך ניט פרעגען? מיין גאט! האסטו דען נאך א בעסער פריינד וויא איך? וועמען קענסטו מעהר פערטרויען וויא מיר?“

זיא האט געשוויעגען.

„שווייג ניט, פראנסאאז, שווייג ניט! דערצעהל מיר אלעס! פערבארג קיין זאך, זעה...“

„שא, שא,“ האט זיא איהם אונטערבראכען, „איך שווער דיר, אז קיין אונ־געוועהנליכע זאך האט פּאסירט. איך בין גאר געקומען...“

ער האט זיא אומארמט, געקושט און איהר געזאגט, אז זיא האט געהאנדעלט זעהר אונפּארזיכטיג וואס זיא איז צו איהם געקומען, און זייער צוזאמענקונפט, איז אין אלגעמיינעם א געפעהרליכע.

ער האט זיא געבעטען זיא זאל צוריק קעהרען אהיים און ער ווידער וועט זיך צוריק בעהאלטען אין וואלד.

וועהרענד ער האט זיך געוואָלט אָבווענדען, האט זיא איהם אָנגעכאַפּט און צוריק געהאַלטען. זיא האט געציטערט.

„הער מיך אויס,“ האט זיא געזאגט שטאַמלענדיג, „דוא דאַרפסט ניט ענט־לויפען, ווירקליך ניט. קיינער זוכט דיך ניט. דוא קענסט גאַנץ רוהיג דאָ בלייבען. יא, יא, דוא קענסט דאָ בלייבען...“

איהרע אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען און איהר גאַנצער קערפּער האט געשווידערט.

דאָמיניק האט זיא פאָרזיכטיג שטודירט, און געזאָגט מיט א געריהרטער שטימע:

„פראַנסאָאז! מיין הערצענסגעליעבטע כלה! דוא בעהאַלטסט עפּעס פון מיר, דוא ווילסט מיר ניט דערצעהלען דיא וואהרע אורזאכע, וואס דיך האט אהער געפיהרט.“

זיא האט זיך דאַן נאך אמאל געשוואוירען, אז זיא האט פאר איהם קיין זאך בעהאַלטען.

„אָבער וואס ציטערסטו אזוי?“ האט ער נאך אמאל געפרעגט.

„גאר ניט, ווירקליך גאר ניט. איך וויל בלויז דוא זאָלסט זיין נאהענט...“

דאַן האט זיא אָנגעגעבען נאך אַנדערע אורזאכען, אָבער ער האט זיך ניט מעהר געקענט בערוהיגען.

זיא האט איהם אויסגעזעהען אזוי צומישט און פערווירט, אז ער אליין האט זיא מעהר ניט געוואָלט אָבלאָזען. אויסער דעם, האט ער געגלויבט, אז דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען מוזען אָנקומען, און מען האט אויך געזעהען מאַנכע פראַנצויזען אין דיא סאָוואל וועלדער. נאַטירליך, וואָלט עס מעהר ניט געווען אַנ־גענעהם, דאס פראַנסאָאז זאָל נאך אמאל דאַרפען דורכלעבען א מלחמה בייא דער מיהל.

„אך!“ האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען בעגייסטערט, „איך ווינש נאָר, אז דיא פראַנצויזישע טרופּען זאָלען קומען אזוי שנעל וויא מעגליך און זיך אָברעכענען מיט דיא דייטשע הינט.“

גראַדע דאַמאלס, האט דיא אוהר, פון דער קירכע אין רעקרעז אויסגעשלאָגען דיא עלפטע שטונדע. יעדער קלאַנג איז געקומען קלאָר און דייטליך.

פראַנסאָאז איז אויפגעשפּרונגען פאַרשרעק. עס איז שוין געווען צוועי־שטונדען זייט זיא איז אוועק.

„הער מיך אויס,“ האט זיא שנעל געזאגט. „ווען מיר זאָלען דיך בענעטהיגען דאן וועל איך ארויף געהען אין מיין צימער און פאָכען צו דיר מיט מיין האנד־טיכעל.“

אָהנע ווייטער צו רעדען א ווארט האט זיא זיך אָבגעווענדעט און איז ענט־לאָפען.

דאָמיניק האט זיך אוועק געלייגט אויפ'ן גראָז, און מיט נייגיעריגע אויגען האט ער געבליקט צו דער מיהל אום צו זעהען וואס דאָרט געהט פאָר.

וועהרענד פראנסאָאז האט געהאלטען ביים אריין געהען צוריק אין דאָרף, האט זיא בעמערקט א בעטלער, דעם א טען באָנטאָן, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט דעם גאנצען לאנד ארום. ער האט איהר דערצעהלט, דאס ער האט נאָר וואס געזעהען דעם מילנער, איהר פאטער, צווישען די פרייסען, און... מעהר האט ער ניט געשפּראָכען, און האט זיך איבערגעקרייציגט.

ווען פראנסאָאז איז ערשיענען אין הויף פון דער מיהל, איז איהר ענטקעגען געקומען דער אָפיציר.

„די צוויא שטונדען זיינען שוין פאַראיבער,“ האט ער געזאגט, און וואס האט איהר אויפגעטהאָן?“

דער אלטער מערליער איז געזעסען אויף דעם שטיין נעבען ברונען. ער האט נאָך אימער העפטיג גערויכערט זיין לולקע.

די ארמע פראנסאָאז, האט ווידער געוויינט, געבעטען און געפאלען אויף איהרע קניען פאר דעם אָפיציר.

זיא האט דאן געהאט נאָר איין געדאנק, צו געווינען צייט ביז די פראנצויזען וועלען צוריק קומען. זיא איז געווען פאָלקאָמען איבערצייגט, אז זייא מוזען קומען, און דאס האט איהר געגעבען גרויסע האָפנונג. וועהרענד זיא האט געקלאָגט און געוויינט, האט זיך איהר זאָגאר געדאכט, אז זיא הערט די רעגעלמעסיגע שריט פון די סאָלדאטען און דאס קלינגען פון געוועהר.

„אך! ווען זייא זאָלען נאָר קומען!“ האט זיא זיך געטראכט, „זייא וואָלטען אונז שוין אלע גערעטעט.“

דער אָפיציר האט אונטערדעסען ערקלערט, אז ער קען מעהר זיין ווארט ניט ענדערן.

„הערט מיך אויס, מיין הערר,“ האט זיא זיך געבעטען, „בלויז נאָך איין שטונדע — ניט מעהר וויא איין שטונדע, אך, איהר קענט מיר דאָך ווירקליך געבען איין שטונדע צייט.“

אבער דער אָפיציר האט זיך נעציינט הארטנעקיג. ער האט זאָגאר בעפוילען צוויא סאָלדאטען, זייא זאָלען דאס מעדכען אוועק פיהרען פון דאָרטען, דאמיט זיא זאָל ניט מוזען בייוואָהנען איהר פאטער'ס הינריכטונג.

דאן איז ענטשטאנדען א ווילדער און שוידערהאפטער קאמפף אין פראנסאָאַז'עס האַרץ.

„ניין ניין,“ האט זיך דיא אונגליקליכע נעטראכט. „איך קען ניט, מיין גאָט! איך קען ניט צוזעהען וויא מען מארטערט אזוי מיין גוטען אַרמען פאטער! פריהער וועל איך מיט דאָמיניק'ן צוזאמען שטארבען, און דאן זאָל געשעהען וואס עס וויל.“

וועהרענד זיא איז געלאָפען איבער דעם הויף אום ארויף צו געהען אין איהר צימער, איז דאָמיניק אליין ערשיענען אויפ'ן טויער.

דער אָפיציער און דיא סאָלדאטען האבען ארויס געלאָזען א טריומף־געשרייא.

דאָמיניק וויעדער, גלייך וויא קיין שונא וואָלט דאָרט געווען, איז ער רוהיג צוגעגאנגען צו פראנסאָאז'ן, ארויף געלייגט זיין האנד אויף איהר שולטער, און געזאָגט:

„עס איז געווען אונרעכט פון דיר, מיין טהייערע. ווארום האסטו מיך דאָרט אַליין געלאָזען? דוא האסט בעדאַרפט מיט מיר צוריק קומען. דער אלטער באָנטאַן האט מיר ערשט פון אלעס דערצעהלט. „איין עולה, בייא מיין עהרענוואָרט, איין עולה פון דיר.“

ה.

עס איז שוין געווען דרייא אוהר נאכמיטאג.

גרויסע און שווארצע וואָלקען האבען בעדעקט דעם הימעל, און אין אלגעמיינעם, האט עס אָנגעציינט, אז א דונער־שטורם דערנעהנטערט זיך.

דער שווארצער הימעל און דיא בלוט־רויטע בערג־שפיטצען פון דיא זונען־שטראַהלען, האט פערוואנדעלט דאס אימער פרעהליכע דאָרף רעקרעז, אין איין אומעטיגער געגענד, און יעדער סאָלדאט וואס האט דאָרט ארום שפאצירט, האט אויסגעזעהען וויא א שאטען פון טויט.

דער דייטשער אָפיציער איז געווען זעהר צופריעדען וואס ער האט וויעדער ארעטירט דאָמיניס'ן. ער האט אָבער נאך ניט אָנגעציינט זיין אבזיכט וואס ער האט בעשלאָסען צו פאָהרן מיט דעם אונגליקליכען

זיין טימאנ־צייט, איז דיא ארמע פראנסאַאז געזעזן איטער זיך פאר שמערצ־האַפטער אונגעוויססהייט איבער דעם שיקזאל פון איהר חתן.

אַבוואַהל איהר פאַטער האט זיא געוואַרענט צו בלייבען אין הויז, האט זיא אַבער מעהרערע מאל ארויס שפּאַצירט פון הויף און זיך געבראַכען דיא הענד אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. איהר איינציגע האַפנונג איז געווען, דיא פראנצוזישע סאַלדאטען זאָלען ערשיינען און רעטען דאָמיניק'ן. זיא האט געבליקט מיט איהרע פערגלאָצטע אויגען צום וואלד און אַלץ גערעכענט, אז אָט קומען זייא און מיט זייא ערשיינט אויך דיא הילפע.

אָבער דיא שטונדען זיינען פאַריבער, און ניעמאנד האט זיך בעוויזען. דיא נאַכט האט ווידער אויסגעברייטעט איהרע שווארצע פליגעלען איבער דער געגענד, און פראנסאַאז האט נאך מעהר געליטען דאדורך, וואס זיא האט געזעהען, אז איהר וואַרטען איז געווען אומזיסט.

„וועלען זייא קיינמאל ניט קומען?" האט זיא זיך געפרעגט, „ווארום ער־שיינען זייא ניט אונז צו רעטען? האבען זייא פערגעסען אין זייערע פליכטען? ביי אונז אין לאנד זאָלען מיר ניט קענען געניעסען קיין הילפע פון אונזערע אייגענע סאָלדאטען? דאס איז שרעקליך!"

אונטערדעסען האבען דיא פרייסען אָנגעפאַנגען צו מאַכען פאָרבערייטונגען אום אָבצומארשירען ווייטער.

מיט א פּאאר מינוטען פריהער, איז דער דייטשער אָפיציר ווידער אריין גע־גאַנגען צו דאָמיניק'ן און זיך דאָרט פערמאַכט ווי מיט א טאָג פריהער.

פראנסאַאז האט איינגעזעהען, אז דיא לעצטע שטונדע פון איהר חתן'ס שיקזאל, דערנעהנטערט זיך צו א שלוס. ניט וויסענדיג מעהר וואס צו טהון, איז זיא אומגעפאלען אויף איהרע קניען, אויפגעהויבען איהרע הענד צים הימעל, און גע־בעטען, אז גאָט אליין זאָל איהר העלפען. איהרע אויגען האבען געגאָסען מיט טרערען און איהר הארץ האט אויסגעזעהען צובראָכען צו ווערען פון שמערץ און פיין.

דער אַלטער מערליער, שטעהענדיג נעבען איהר, איז געבליבען שטום און מערקווירדיג רוהיג. ער האט פאַרגעשטעלט דעם וואהרען בויער, וועלכער וויל מעהר ניט קעמפּפען נעגען דעם אונפערמיידליכען בעשלוס פון דעם שיקזאל.

„אך, מיין גאָט, מיין גאָט!" האט דאס ארמע מעדכען געקלאָגט, „זייא וועלען איהם הרג'ענען, שיסען — אך, גרויסער בעשעפער, דארף דאס אזוי זיין? העלף מ"ר, גרויסער גאָט, שיטץ איהם פון מערדערישע הענד."

דער מילנער איז געווען זעהר געריהרט, און אָננעהמענדיג זיין טאָכטער מיט זיינע גרויסע הענד, האט ער זיא צוגעצויגען צו זיך און ארויף גענומען אויף זיינע קניען וויא מען טהוט מיט א קליינעס קינד.

„שווייג, שווייג, פראנסאָאז,“ האט ער געמורמעלט, „שווייג קינד, דוא קענסט גאר ניט העלפען. אזוי איז עס בעשטימט און ניעמאנד קען געהען געגען דעם שיקזאל. זעהסט דאָך, ער איז אליין צוריק געקומען צו זיין טויט, און קיין זאך וועט מעהר העלפען. לאָמיר זיך אונטערגעבען צו דער בעשטימונג פון שיקזאל און ער־ווארטען געדולדיג וואס עס מוז פאסירען.“

„אך פאטער!“ האט פראנסאָאז אויסגעשריען פערצווייפעלט, „ווארום מוז דאס זיין? ווארום? ער איז דאָך מיין געליעבטער חתן, מיין פערשפּראָכענער מאן, און ער איז אזוי גוט און עדעל? ניין, פאטער! גאָט דארף איהם רעטען און איהם צוריק געבען צו מיר!“

טרערען, און נאָך אמאָל טרערען האבען געפלאָסען פון איהרע אייגען אָהנע אויפהערען. דער אלטער מערליער האט אָבער מעהר גאר ניט געקענט זאגען, און זיך בייסענדיג זיינע ליפען, האט ער געשוויעגען.

גראדע דאמאלס האט זיך געעפענט דיא טהיר וואו דאָמיניק איז געווען פער־שפּארט, און דער אָפיציר איז ערשיענען. דאן זיינען נאכגעקומען צוויא סאָלדאטען וואס האבען געפיהרט דעם יונגען מאן.

דאָמיניק האט אויסגעזעהען אביסעל בלאס, אָבער זיין געזיכט האט געטראגען א מערקווירדיגע רוהיגקייט און ענטשלאָסענהייט.

„גוט, גוט,“ האט דער אָפיציער געמורמעלט, „איך בין ניט שולדיג ווען א מענש איז דום. איהר האט אליין אונטערגעשריעבען אייער טויטעס־אור־טהייל.“

„זאָל זיין אזוי,“ האט דאָמיניק רוהיג געענטפערט.

„אייער אייגענעס בלוט וועט פאלען אויף אייער קאָפּ,“ האט דער אָפיציער געענטפערט.

„ניין!“ האט דאָמיניק אויסגעשריען, „עס וועט פאלען אויף'ן קאָפּ פון דעמ־יעניגען וואס וויל מיך מאכען פאר א פעררעטהער.“

„דומהייטען, דאס הייסט ניט קיין פערראטה?“

„יא, דאס איז פערראטה!“

„מיינעטוועגען, רופט עס וויא איהר ווילט; איך ראטה אייך, איהר זאָלט ניט זיין קיין נאר.“

„געמאלס! ניעמאלס!" האט דאָמיניק אויסגעשריען. „מארטעט מיך מעהר ניט. איך בין בערייט צו שטארבען. האט קיין מורא ניט, איך ווייס וויא צו שטארבען אָהנע שרעק."

„געדענקט, מענש," האט דער אָפיציער אָנגעוועגדעט, „איהר זייט נאך יונג, און א יונגעס, שעהנעס און ליעבענדעס מעדכען ערווארטעט אייך. איהר הערץ וועט זיין געבראָכען, האט מיטלייד מיט איהר."

דאָמיניק האט א לייכטען ציטער געטהאָן און זיינע אויגען האבען אויפגע־גלאנצט. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, און ער האט זיך וויעדער בע־רוהיגט.

„דאס מעדכען," האט ער געענטפערט שטאָלץ, „וועט ניכער איבערלעבען מיין עהרענהאפטען טויט, אלס מיין שענדליכעס לעבען."

„געדענקט!"

„איך געדענק אלעס. מארטערט מיך נאר ניט, פיהרט דורך אייער פלאַן. מען שטארבט נאָר איינמאל."

„איך זאג אייך נאך אמאל," האט דער אָפיציער געדראָהט, „אז דאס וואס איך פערלאנג פון אייך, וואָלט איין אנדערער געווים געטהון."

„דאס קימערט מיך ניט."

„זעהט, איך בין בערייט אייך צו שענקען אייער לעבען."

„איך פערלאנג ניט קיין טובות."

„איהר קענט ניט זאָגען, אז איך בין הערצלאָז."

„א שעהנעם דאנק אייך."

„איך פערלאנג בלויז א קלייניגקייט, איהר זאָלט מיך ארויס פיהרען פון דאנען ביז נאך מאנטערדאָן דורך דעם וואלד. איהר ווייסט, עס איז דאָ א וועג וואס פיהרט אהין."

דאָמיניק האט ניט געענטפערט.

„אלזאָ," האט דער אָפיציער געזאגט אונגעדולדיג, „איהר בלייבט האַרט־נעקיג?"

„יא, הארטנעקיג!" האט דאָמיניק אויסגעשריען ווטהענד, „מאכט א סוף, זאָג איך אייך; איהר וועט קיין זאך פועלן; אלע אייערע רייד זיינען ארויס געוואָרפען."

דאס לעטצטע געשפרעך איז ביינעהאָהנט געהאָרען פון דעם אלטען מטליש מיט זיין מאכמער.

פראנסאאז, מיט א קאלך־בלאסעס געזיכט, האט צו איהם געטאכט צייכען פון ווייטען.

אין איהר פערצווייפלונג, האט דאס ארמע מערכען פערגעסען אן אלעמען, און זיא איז בערייט געווען איהם צו ערמוטהיגען צו אירגענד וועלכער טהאט, אבי ער זאל רעטען זיין לעבען.

ווען דער אלטער מערליער האט דאס געזעהען, האט ער אויסגעשריען:

„פראנסאאז! אום גאטעס ווילען, וואס איז מיט דיר?"

„אך פאטער!" האט זיך דאס מערכען געבעטען, רעטע איהם, לאמיר איהם רעטען!"

„וויא אזוי?"

„איך ווייס ניט."

„דאן האלט דיין מויל!"

„אבער ער וועט דאך שטארבען?"

„דאס קען איך ניט פערהינדערען."

„אבער ער קען זיך דאך רעטען?"

„יא, מיט פעררעטה געגען פראנקרייך! בעשטעהסטו דארויף, אז דיין תתן, דיין קינפטיגער מאן זאל העלפען דעם שונא פון אונזער לאנד."

פראנסאאז האט געציטערט און געשווידערט, אבער זיא איז געוואָרען שטיל און מעהר קיין ווארט געשפּראָכען.

„דאן האט ער רעכט!" האט דער אלטער מערליער אויסגעשריען, „ער איז א בראווער יונגע און איך בין שטאָלץ אויף איהם. קיין זאך קען איהם בעוועגען צו האנדלען וויא א פייגלינג. זאל ער שטארבען, און..."

אבוואָהל דער מילנער האט זיך געוואָלט מאכען מוטה, איז עס איהם ניט געלונגען, און ער האט געשפירט וויא די טרערען האבען איהם געשטיקט.

די סאָלדאטען פיר דער הינריכטונג זיינען שוין ערשיענען. אלעס איז געוואָרען שטיל און פול מיט געשפּאנטער ערוואַרטונג.

דער דייטשער אָפיציר איז געשטאנען און ערוואַרטעט דאס דאָמיניק'ס הארץ זאל ווייכער ווערען און ער זאל ברעכען זיין אייזערנעם ווילען. ער האט נאך אימער געהאָפט, אז דאָמיניק וועט ניט אָפּפערן זיין לעבען ווען ער קען זיך רעטען דורך א פליינקייט.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט.

[illegible] האט זיך געהערט דער קראך פון א דונער.

א נאַסע חיטץ האָט אָנגעפילט די לופט און יעדער איינער האָט שווער געשוויצט.

פּלוצלינג איז דיזע טרויעריגע שטילקייט אונטערבראָכען געוואָרען דורך א גרויסען געשריי:

„די פראַנצויזען! די פראַנצויזען!"

ריכטיג, די פראַנצויזישע טרופּען זיינען ערשינען.

אויף'ן וועג וואָס פיהרט פון דעם סאַוואל וואַלד האָט מען געקענט בעמערקען גאַנצע רייהען פון רויטע הויזען.

ענדליך, ענדליך, זיינען זיי דאָך געקומען!

אין דער מיהל איז ענטשטאַנדען א גרויסער אויפרוהר. די פּרייסישע סאָלדאַטען האָבען אָנגעפאַנגען צו לויפען הין און צוריק. שרייענדיג, ליאַרמענדיג און קלאַפּענדיג מיט זייער געוועהר.

אָבער די פראַנצויזען זיינען נאָך געווען זעהר ווייט, און דער דייטשער אָפיציר, האָט בעטראַכט די לאַגע, און געזעהען, אַז עס איז נאָך דאָ צייט.

די נאַכריכט, אַז די פראַנצויזישע סאָלדאַטען זיינען ערשיענען, האָט זיך גלייך פערברייטעט איבעראַל, און פראַנסאַאַז, הערענדיג דערפון, איז זיא אויפגעשפּרונגען פון איהר פּלאַטץ.

„די פראַנצויזען! די פראַנצויזען!" האָט זיא געשריען קלאַפּענדיג מיט איהרע הענד וויא א קליין קינד אין איין אונגעהייערער פרייד.

זיא איז געווען וויא משוגע פאַר פרייד. זיא האָט זיך אוועק געריסען פון נעבען איהר פאָטער, און אויפהויבענדיג איהרע הענד אין דער לופט, האָט זיא געלאַכט, געטאַנצט און געשריען.

„גערעטעט! גערעטעט!" האָט זיא געשריען אַזוי הויך וויא נאָר מעגליך.

דער דייטשער אָפיציר, וועלכער האָט דערווייל בעטראַכט דעם צושטאַנד און זיך פאַרברייטעט צו עמפּפאַנגען די פראַנצויזען, האָט, טראָטץ זיין אויפרעגונג, בעמערקט פראַנסאַאַז'ן וויא זיא פרעהט זיך און טריומפירט.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איין אויגענבליק און געקוקט צו איהרווילדער פרייד.

„וואָס איז געשעהען?" האָט ער געפרעגט.

קיינער האָט אָנפאַנגס ניט געהערט.

„וואָס האָט פּאַסירט?" האָט ער ווידערהאָלט.

„נערעטעט! נערעטעט!" האט זיא ווייטער געשריען אָהנע איהם גוט צו בעמערקען.

„ווער איז נערעטעט?"

„דיא לעטצטע פראגע האט צונעצווינגען איהר אויפמערקזאמקייט און זיא איז נעבליעבען שטעהען.

„ווער איז נערעטעט?" האט ער נאך אמאל נעפרענט אין איין אויפגע־רעגטען טאָן.

„מיין דאָמיניק, מיין חתן!" האט זיא נעענטפערט אביסעל רוהיגער.

„הם," האט ער נעברומט נעהענדיג ווייטער. „ער איז נערעטעט? אזוי? נערעטעט? ווארט, ווארט, מיין פריילין, פאָרלויפיג איז ער נאך אין מיינע הענד."

פון ווייטען האט אָבגעקלונגען דער קראך פון א ביקס.

„בעזעטצען דעם צוטריט!" האט דער דייטשער אָפיציר קאָמאנדירט.

דיא סאָלדאטען האבען זיך אויסגעשטעלט אין דער ליניע, און דיא אנדערע אָפיצירען, פון קלענערן גראד, האבען אָנגעפאנגען דורכצופיהרען דעם אויפ־טראג.

„שיסט ניט ביז זייא וועלען זיין גענוג נאָהענט," האט דער אָפיציר ווייטער בעפוילען. „פאסט אויף, דאס זייא זאָלען ניט ענטדעקען אונזער פאָזיציאָן, ביז זייא וועלען זיין אויף א פאסענדען פלאטץ מיר זאָלען קענען בעגרייפען זייער מאכט און אויך זייא געבען א טיכטיגען עמפפאנג."

דער דייטשער קאָמאנדאט, וועלכער האט פריהער געשפיעלט דיא ראָלע פון אנגרייפער געגען דערזועלבער מיהל, האט פון דיעזער ערפאהרונג, געלערענט זעהר פיעל. ער האט זיך יעטצט בעדיענט מיט דערזעלבער טאקטיק, וויא ער האט פערשטאנען, אז זיינע געגנער האבען בעדארפט פיהרען מיט א טאָג פריהער.

ער איז ארום געגאנגען איבעראל, אויסגעשטעלט סאָלדאטען אין קליינע גרופען אויף אזעלכע פלעטצער, וואו ער האט פערשטאנען, אז זייא קענען בעסער געשיטצט ווערען, און דאן האט ער געהייסען בעזאָרגען יעדען סאָלדאט מיט א גרויסער פאָרציע קוגלען.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און נאך א ביקס פון דיא פראנצויזען איז אָבגעפייערט געוואָרען. דאן איז דאס שיסען געקומען עפטער און עפטער.

„איינהאלטען, ניט שיסען," האט דער דייטש געוואָרענט. „זעהט, לייטנאנט," האט ער געזאגט צו איינעם פון דיא אָפיצירען, „אונזער פייער וואָלט געווען גוטצלאָז

און אויך א הילפע פיר דעם שונא. ערשטענס איז אזוי פינסטער, אז מיר קענען דעם שונא נים זעהען, און צווייטענס, ווען מיר זאָלען שיסען, וועט דער שונא זאָפאָרט ענטדעקען אונזער פּאָזיציאָן.

„גאַנץ ריכטיג,“ האָט דער לייטנאַנט בעמערקט.

„דאָן,“ האָט דער קאָמאַנדאַנט פאָרטגעזעטצט, „האָב איך אבסאָלוט קיין אהנונג פון דעם שונא'ס מאכט. ווער ווייס, פיעללייכט פיהרט ער גאר ארטילעריע? נעגען קאַנאָנען, וואָלט שוין נים לייכט געווען צו האלטען אונזער פּאָזיציאָן.“

דער לייטנאַנט האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„איך האָב דאָס אַלעס געוואוסט,“ האָט ווייטער געשפּראָכען דער קאָ־מאַנדאַנט, „און וויא איך האָב אייך געזאָגט, איז געווען דאָס איינציגע מיטעל, זיך צו רעטען דורך דעם סאָוואַל וואַלד. אָבער, קיין איינציגער פערפלוכטער פראַנצויז האָט אונז געוואָלט העלפען. דיעזער לומפּינער בעלגיער האָט בעשלאָסען צו שטאַרבען אנשטאָט אונז צו רעטען.“

„ער זאָל שטאַרבען,“ יא, ער זאָל שטאַרבען!“ האָט דער לייטנאַנט גע־שריען.

„האָט קיין מורא נים,“ האָט דער קאָמאַנדאַנט געענטפערט, „עס וועט איהם נים געשענקט ווערען. ער זאָל בעצאָהלען מיט זיין לעבען, נים דערפאר וואָס ער האָט אונז נים געוואָלט צייגען דעם וועג, זאָנדערן, ווייל ער האָט אונזער אונגליק־ליכען סאָלדאַט אויף דער וואַך ערמאָרדעט.“

וועהרענד דיא לעטצטע פּאָר ווערטער, האָט זיך געהערט א פירכטערליכער קראַך וויא פון א גרויסען דונער.

„זייא זיינען שוין דאָ!“ האָט פראַנסאָאַז אויסגעשריען אויפשפּרינגענדיג פאר פריידע און שרעק.

דער קאָמאַנדאַנט איז אויפמערקזאַם געוואָרען אויף'ן קראַך, אָבער ער האָט אויך געהערט פראַנסאָאַז'עס ווערטער.

„זייא זיינען דאָ,“ האָט ער ווידערהאָלט, „גוט, גוט, זאָלען זייא זיין, נאָר דיר וועלען זייא גאַנץ וועניג נוטצען ברענגען.

„פּאַסט אויף, לייטנאַנט,“ האָט ער געזאָגט, „און איך וועל דאָ פריהער זעהען דורכפיהרען א שטיקעל ארבייט.“

„גוט, גוט,“ האָט דער לייטנאַנט געענטפערט, „איך בעמערק שוין אַלעס.“

דער קאָמאַנדאַנט האָט זיך אומגעווענדעט.

דאָמיניק איז נאָך אימער געשטאַנען צווישען דיא צוויא סאָלדאַטען, און פראַנסאָאַז, מיט עטליכע שריט דערוויטערט, האט צו איהם געטאַכט צייכענס, אז הילפע איז שוין געקומען.

„פעלדפעבעל!“ האט דער קאָמאַנדאַנט אויסגעשריען. „שיקט מיר אַרויס שנעל צוועלף סאָלדאַטען. אָבער שנעל, דיא צייט איז צו קורץ.“

דאס איז געווען געשפּראָכען אין דייטש, און ניט דאָמיניק און ניט פראַנסאָאַז, האבען פערשטאַנען וואס ער האט געזאגט.

דיא סאָלדאַטען זיינען ערשיענען, אין דאס האט ערוואַכט פראַנסאָאַז'ן, וויא פון א טיעפען חלום.

„וואס בעדייטעט דאס?“ האט זיא געפרעגט.

„שנעל! שנעל!“ האט דער קאָמאַנדאַנט געשריען. „ער זאָל בעצאָהלען מיט זיין לעבען!“

דאָמיניק איז אויך געווען איבערראשט. עפּעס האט זיך איהם שוין ניט גער גלויבט, אז מען מיינט עס ערנסט איהם צו ערשיסען.

„פיהרט איהם צו נעבען דער וואנט פון שטאל!“ האט דער קאָמאַנדאַנט בעפוילען.

ווען דיא סאָלדאַטען האבען דיעזע ארבייט געטהאָן, איז פראַנסאָאַז צוגער לאָפען צום אָפיציר און איהם געפרעגט אי. א ציטערענדען טאָן:

„מיין הערר, וואס ווילט איהר טהון?“

„באלד, באלד, מיין פריילין, וועט איהר זעהען,“ האט ער געענטפערט כמעט גאנץ רוהיג.

„אָבער דאָך?“ האט זיא געשטאַמעלט.

„פערטיג!“ האט אויסגעקלונגען א שטימע אויף דייטש פון וויטען.

„וועה, וועה, מיין הערר!“ האט פראַנסאָאַז געקלאַגט. „האט מיטלייד, ערבארמען...“

„פייער!“ האט אויסגעקלונגען דעם אָפיציר'ס שטימע.

אין נעכסטען אויגענבליק האבען אויסגעקראַכט צוועלף ביקסען.

ווען פראַנסאָאַז האט ווידער געעפענט דיא אויגען צו זעהען וואס עס איז געשעהען, האט זיא ערבליקט, נעבען דעם שטאַל, ליעגענדיג איהר חתן אויף דער ערד און א טייך בלוט האט פון איהם געפלאָסען.

ער איז געווען טויט. און זיין געזיכט איז געבליעבען אונבעשרייבליך. דיא

פאָלדאַמען האבען נום נעציטערט; זייא האבען געשאָסען אין זיין ברוסט, און יעדע קוגעל האט אהין איינגעדרונגען.

פראַנסאַאַז האט ניט געוויינט; זיא איז געבליעבען שטעהען שטיל, און זיך בעוואוינען וויא א שיכור. איהרע אויגען זיינען געווען פערגלאָצט. איינינע מינוטען איז זיא אזוי געשטאַנען, דאַן איז זיא צוזאַמענגעזונקען און זיך אוועק געזעצט אויף דער ערד, מיט איינינע שריט וויימער פון איהר חתן׳ס צעריסענעם און פערבלוטיגטען קערפער.

דיא אונגליקליכע איז געזעסען א היבשע צייט און אזוי געקוקט צו דעם מאַן, וועלכער האט געזאָלט אין דעמזעלבען טאָג מיט איהר חתונה האבען. זיא האט צייטענווייז געמאַכט מיט דיא הענד, אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און גלאַט געוויזען אזעלכע תנועות, גראדע וויא זיא וואָלט געווען א נאַרישעם קינד.

„דאָמיניק! דאָמיניק!“ האט זיא געמורמעלט, „מיין ארמער גוטער, בראווער און געליעבטער חתן! מיר האבען שוין געהייראַטעט; ווירקליך געהייראַטעט. זעה וויא זייא האבען אָבגעפאַרבט דיין ברוסט רויט, פייער־רויט — אך! עס איז אונזער בלוטיגע חתונה! ניעמאַנד! ניעמאַנד מעהר קען דיך פון מיר אוועק נעהמען — אויף אייביג ביסטו מיינער, און בעלאַנגסט ניט צו קיינעם. וויא יעדער וועט מיך מקנא זיין מיט דיר! אך! געליעבטער...“

ווען זיא האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד וויימער, זיינען אַנגעקומען מעהרערע קוגלען איבער איהר קאָפּ. זיא האט זיך אומגעקוקט און געמורמעלט:

„הא, הא, זייא בעשיטען אונז מיט רייז, צו אונזער חתונה — צו אונזער בלוטיגע חתונה...“

איהרע ליפען האבען שטאַרק געציטערט און זיא האט ווידער אויסגעבראָכען אין א געוויין, וועלכעס האט זיא בערוהיגט אביסעל אום ווידער אַלעס איבערצוקלערען וואס עס האט ביז דאַמאלס פּאַסירט.

„איז דאס וואהר?“ האט זיא זיך געפרעגט, „איז דאס אַלעס וואהר? איז מיין דאָמיניק ווירקליך טויט? וויא אזוי איז דאס געשעהען? הא! יא, איך געדענק שוין, זייא האבען איהם ערמאָרדעט, און ער ער איז געפאַלען אָהן א קרעכץ.“

דאַן האט זיא זיך דערמאַהנט אן איהר פאטער. עס האט זיא געוואונדערט, ווארום ער איז ניט געבען איהר אום זיא צו טרייסטען. זיא האט געדענקט, אז נאכדעם וויא דאָמיניק האט צוריק געקעהרט, האט מען איהם בעפרייעט און ער איז ניט מעהר געווען אין יענעם אבגעזונדערטען צימער.

„וואו איז ער?" האט זיא געפרעגט, „וואו קען ער זיין?"

זיא האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, און אָהנע צו אכטען אויף דער וויטהענגדער מלחמה, איז זיא ארום געגאנגען זוכען דעם אלטען מילנער. זיא האט איהם ניט געטראָפען.

פלוצלינג האט זיא דערזעהען איין אָפיציער ארום לויפענדיג מיט זיין שווערט, ארויס געבענדיג שנעלע און שארפע בעפעהלע.

„ווייסט איהר ניט וואו מיין פאטער איז?" האט זיא איהם געפרעגט.

ער האט איהר צוגעוואָרפען א שנעלען בליק, אָבער אָהנע צו ענטפערן א וואָרט, האט ער געאייכט צו א צווייטער גרופע סאָלדאטען.

„ער וויל מיר ניט ענטפערן," האט זיא געמורמעלט וועהמיטהיג, און איז וויטער געגאנגען אָהנע צו וויסען וואוהין.

דער אלטער מערליער איז געווען ארעטירט. דער העכערער אָפיציר האט איהם געהייסען פעסטהאלטען, דאמיט שפעטער, בייא א נויט, זאָל ער קענען מודיע זיין דיא פראנצויזען, אז אין זיינע הענד געפינט זיך דער בירגערמייסטער, און ער וועט פיעללייכט קענען עפעס אויסווירקען פאר זיין בעפרייאונג.

פראנסאָאז האט דערפון ניט געוואוסט. אלס זיא האט איהר פאטער ניט געפונען, איז זיא צוריק געגאנגען אהין וואו דאָמיניק איז געלעגען און זיך דער־נעהנטערט אויף אזוי פיעל, אז זיא האט געקענט בעריהרען זיין קערפער מיט איהר פוס.

זיא האט זיך ווידער אוועק געשטעלט און געדענקט איבער זאכען וואס זיא האט אליין ניט געוואוסט. דאן האט זיא שנעל ניעדערגעקניעט און אויסשטרע־קענדיג איהרע ביידע הענד, האט זיא אומארמט דאָמיניק'ס קאָפּ און צוגעלייגט איהר געזיכט צו זיינעם.

זיא האט ארויף געדריקט איהרע ליפען אויף זיין מויל וואס איז געווען פעסט צוזאמען געצווינגען, און איהם געקושט.

„וואָרום? וואָרום?" האט זיא זיך געפרעגט. „וואָרום איז דיר געקומען דער טויט? ווען האסטו געשאדעט, וועמען האסטו שלעכטס געטהאָן, ווען מען וואָלט ניט געקומען מיט טויט אין אונזער מיטע? דוא ביסט געווען עדעל, עהרליך און שעהן וויא קיין מאן האט נאך בייא מיר אויסגעזעהען..."

זיא האט יעמערליך געוויינט, אָבער דער גערויש פון מלחמה, האט דערשטיקט איהר שטימע.

פלוצלינג האט זיא געשפירט, דאס איהר יונגפרויליכע ברוסט, איז נאַס געוואָרען. פּראַנסאַאַז האט געטראָגען א גאַנץ דינעם העמד, און זיך אָנלעהנענדיג איבער דעם טויטען קערפּער פון דאָמיניק'ן, האט זיא בעריהרט מיט איהר לינקער ברוסט זיין פערבלוטיגטען קערפּער.

אנפאנגס האט זיא ניט בעגריפען וואס דאס בעדייטעט, אָבער ווען זיא האט זיך אויפגעהויבען, האט זיא דערזעהען א רונדען רויטען פלעק אויף איהר ווייסעס העמד.

זיא האט אויפגעציטערט.

נאך טרערען זיינען געלאָפען פון איהרע אויגען, און א מערקווירדיגעס געפיהל פון שמערץ איז ארויף געקראָכען אויף איהר גאַנצען קערפּער. זיא איז צוגעפאַלען מיט איהר קאָפּ צום קערפּער און איינגעגראָבען איהרע ליפּען אין דיא נאַסע בלוט-פלעטצער. אָבער זיא איז דערמיט אליין ניט געווען צופריעדען, און אָנגעפאַנגען שנעל צו עפענען דיא קליידער פון דעם טויטען, און גלייך וויא זיא וואָלט וועלען לינדערן זיין שמערץ, האט זיא מיט איהרע ליפּען געקושט דיא וואונדען פון דיא קוגלען.

ווען זיא האט דערשפירט א געזאַלצענעם טעם אין מויל, האט זיא שרעקליך אויפגעשוידערט.

„אך!" האט זיא אויסגעשריען אויפשפרינגענדיג, „עס איז זיין בלוט! זיין בלוט! איך האב געטרונקען זיין בלוט! וועה איז מיר! מיין גאָט! דאָמיניק'ס בלוט! חא, חא, חא! עס איז דער וויין צו אונזער בלוטיגער חתונה..."

א שווינדלען פאר דיא אויגען האט פעראורזאכט וואס זיא האט זיך אָנגע-פאַנגען צו שאָקלען וויא א שיכור, און מיט א דומפּפען קלאַפּ, איז זיא אומגעפאַלען צו דער ערד.

זיא איז אזוי אָבגעלעגען א היבשע צייט, דאן האט זיא געעפענט דיא אויגען, און בליקענדיג זעהר ווילד, האט זיא גערעדט צו זיך אליין:

„יא, יא, מוטער, איך זעה דיך! דוא קומסט, דאס איז זעהר שעהן פון דיר. געוויס דארף א מוטער זיין אויף איהר קינד'ס האָכצייט. דוא האסט דאך ניט מעהר וויא איין טאָכטער... הא! נאך אימער אזוי בלאַס, מוטער! זעה, זעה, מיר זיינען ניט בלאַס... אלע געהען מיר אָנגעטהאָן אין רויטע קליידער — רויט פון בלוט; וואַרעמעס געזאַלצענעס בלוט... אך, נאך פיעל געזאַלצענער וויא טרערען... א שעהנע חתונה! א בלוטיגע חתונה! שוין אָבגעשאַרבט, רויט וויא דער פלאַם פון פייער און..."

עס איז געווען א חערדליכע און אינטערעסאנטע מלחמה. דער דייטשער אפיציער האט באלד איינגעזעהען, אז מען מוז בלייבען אויף'ן פלאץ. פון צוריק ציהען זיך, האט גאר קיין רעדע נים געקענט זיין. ער האט בעגריפען, אז דער שונא איז פיעל שטארקער, און ביים דעם ערשטען ריקצוג, וועט איהם דער מעכטינער שונא בעפאלען און גענצליך פערניכטען.

יא, מען האט געמוזט קעמפפען אויף'ן פלאץ, און קעמפפען ביז צום לעצטען אויגענבליק. אלע פארבערייטונגען זיינען געמאכט געווארען אום טהייער צו פערקויפען דאס לעבען.

מערקווירדינגעס שיקזאל, יעטצט האבען דיא דייטשען פערטהיידיגט דיזעלבע מיהל, וועלכע דיא פראנצויזען האבען מיט א טאג צוריק פערטהיידיגט. אבער דאס איז נאך נים אלעס, דיזעלבע פראנצויזען וואס האבען פריהער פערטהיידיגט דיא מיהל, זיינען אויך יעטצט געווען דיא אנגרייפער.

ביים מאנכע בעטהייליגטע אין קריעג, האט עס דאמאלס אויסגעזעהען, אז א מלחמה איז גראדע נים נאר פיר ערא̇בערונג, זאנדערן, דיא הויפטזאך איז, איינער דעם אנדערן צו טויטען.

און ווארום? וואס האבען דיזע בויערן־קינדער פון דייטשלאנד און פראנקרייך געקענט האבען איינער צו אנאנדער? זייא האבען געשפראכען פערשיעדענע שפראכען, געפיהרט פערשיעדענע לעבענס און קיינער האט זיך אמאל ערלויבט דעם צווייטען מסיג גבול צו זיין! און דאך, דאך האבען זייא זיך געהרג'עט, געשווימען אין בלוט און... אבער, דאס איז מלחמה! דערביי טאר מען נים פילאזאפירען. דיא גרויסע הערן וואס פעראנשטאלטען אזעלכע הריגות, ווייסען שוין וואהרשיינליך וואס זייא טהון.

און וויא זאלען זייא נים וויסען? דאכט זיך מיר, איינפאכע און פראסטע מענשען, ווען מיר פערא̇רזאכען א צווייטען אמאל שמערצען אהנע אורזאכע, דאמאלס טהוט עס אונז וועה. זאלאנג אלזא, וויא דיזע הערען קענען הייסען הרג'ענען, ברעכען, שטעכען און שיסען און פערפלייצען א וועלט מיט יתומים און אלמנות, און זייא טריומפירען נאך נאכדעם מיט זייערע העלדענטהאטען — דאן, נאטירליך מוז דערביי זיין א הויכעס אידעאל.

מיר, פראסטע מענשען, דארפען נאר וויסען, אז מען הייסט אונז מארדען, דארפען מיר פאלגען. מען דערצעהלט אונז, מיט הויכע און קלינגענדע פראזען, אז עס איז אין נאמען פון פאטערלאנד, עהרע, אכטונג און נאך אנדערע ווערטער. מען

מיר פערשטעהען אפילו נים גאנץ גוט, וויא אזוי מיר קענען אפילו אויף אזא ארט ווערען דיא מערדער פון אזעלכע מענשען וואס האבען אונז ניעמאלס בעז געטהאן. דאן זיינען מיר דאך דערפאר פראָסטע מענשען.

וואס פערשטעהען דען פראָסטע מענשען ?

אָבער זעהט, עס איז שוין אזא מיאוס'ע טבע פון פראָסטע מענשען, זיך צו מישען אין זאכען וואס איז זייא גאר נים נוגע. דערפאר זיינען מיר דאָ פערקראָכען קיין בויבעריק און גאר פערנעסען, אז מיר געפינען זיך אין מיטען פון א גרויסער מלחמה, וועלכע האט דיא אביזכט צו שאפען העלדען.

יא, דיא פראנצויזען, אין גרויסע מאסען, האבען אָנגעגריפען דעם אַלטען מערליער'ס מיהל פון איינע זייטען. זייער פייער איז געווען וויטהענד און שטירמיש, און דיא דייטשען, האבען רעגעלמעסיג אָבגעענטפערט דעם אנגריף.

דאָ און דאָרט איז אפילו געפאלען א מענש, שרייענדיג און צאפלענדיג זיך מיט דער נסיסה, אָבער אין אזא צייט קען מען זיך דאך נים אומקוקען אויף יעדע קליינינקיים.

דאס איז מלחמה, ווער עס פאלט איז געפאלען און ווער עס לעבט מוז קעמפפען ביז איינע פון דיא צוויא פארטייען בלייבט דער זיגער, דאמיט דאס זאָל אריין געשריעבען ווערען אין דיא ביכער פון דער וועלט-געשיכטע, צום רוהם פון דיא שטערבענדע דורות.

דיא ביקסען האבען געקראכט אונאויפהערליך, און דער גערויש איז געווען אזוי שטארק, אז מען האט קוים געקענט הערען דאס קאָמאנדאָ פון דיא אָפיציערען.

איין אָפיציערעל, א יונגערמאנטשיק, בלוט און מילך, מיט בלאָנדע האאר און נאך גאר אָהן וואָנצעס — ער האט נים לאנג בעענדיגט דיא מיליטערישע שולע, — האט געוויזען א גרויסע טהעטיגקייט און ערמוטהיגט זיינע סאָלדאטען בייא דער שטיינערנער וואנט, צו שיסען אויף דעם שונא וואס האט זיך יעדעס מאל מעהר דערנעהנטערט.

עס איז געטהיג געווען צו שיסען ריכטיג, דאס הייסט, ציעלען, און נים גלאט אזוי ארויף לייגען דיא ביקסען אויף דער וואנט איבער דיא קעפ, און פייערן. מען האט געמוזט זעהען וואוהין מען שיסט. צו דיעזען צוועק, נאטירליך, האט מען בעדארפט אביסעל ארויס שטעקען דיא קעפ אָר ציעלען ריכטיג. אזוי וויא עס וויל זיך קיין מענשען זיך אויפצוזעטצען צו א געפאהר פון טויט, האבען דיא פראָסטע סאָלדאטען נים געוואגט ארויס צו שטעקען זייערע קעפ.

אום זייא צו צייגען, אז מען האט ניט וואס מורא צו האבען פאר'ן טוים, האט ער אויפגעהויבען א ביקס פון א געפאלענעם סאלדאט, ארויף געקראכען אויף דער מויער, און פון דארט אליין געשאסען. דאס האט געווירקט וואס דיא סאלדאטען האבען נעפאלגט זיין ביישפיעל.

„בראוואָ! בראוואָ!“ האט ער אויסגעשריען בייא יעדען מאל וואס זיינע לייטע האבען אויסגעשאָסען עטליכע פראנצויזען.

אָבער פלוצלינג איז אָנגעקומען א קוגעל און איהם געטראָפען גלייך אין שטערען. ער האט אפילו קיין זיפץ נעגעבען, און האט זיך ארונטער געקייקעלט פון דער וואנט אויף דער ערד. ער איז געבליעבען ליעגען טויט.

דער אונטער־אָפיציער, וויא דיא רעגעל איז, האט באלד איבערגענומען זיין קאָמאנדאָ, און א סאלדאט, וועלענדיג אריבער נעהען פון איין פלאטץ צום צווייטען, האט ארויף געטרעטען אויף זיין יונגען און צארטען קערפער.

אָבער וואס מאכט עס אויס? עס איז דאָך מלחמה!

אונערוואַרטעט האט זיך געלאָזען הערען א פירכטערליכע עקספלאָזיאָן, און דאן האט מען געקענט זעהען א פייערדינען האגעל פון אלע זייטען. דער גרויסער אייכען־בוים, וועלכער איז געשטאנען אויף דעמזעלבען פלאטץ, פיעללייכט פופציגער יאָהרען, איז צערשמעטערט געוואָרען.

אך! דיא פראנצויזען האבען אויך געהאט קאנאָנען. דיא דייטשען האבען עס ביז דאמאלס ניט געוואוסט.

קאנאָנען? אָה יא, דיעזער אינסטרומענט איז זעהר א געפעהרליכער אין א מלחמה, איבערהויפט, ווען מען האט ניט קיין עהנליכע אינסטרומענטען זיך צו פערטהיידיגען.

דיא פראנצויזען, וויא עס שיינט, האבען געוואָלט דורכפיהרען ריכטיג א פלאן, און זייער אונטערנעהמונג איז אויך געלונגען. פריהער האבען זייא געשאָסען נאר מיט ביקסען, און וועהרענד דעם איז לאנגזאם צוגעבראכט געוואָרען א באטערעע קאנאָנען דורך דעם וואלד און אויפגעשטעלט אין דעם טהאל וואו דאמיניק האט זיך אין יענעם פריה־מארגען בעהאלטען.

דאס איז געווען א גוטע אידעע. דיא קאנאָנען און קאנאָניערען, זיינען דארט געווען גאנץ גוט געשיטצט נעגען דיא ביקסען־קוגלען פון דיא דייטשען, און ארויס שטעקענדיג נאר דיא מיילער פון דיא קאנאָנען, האבען זייא אָנגעפאנגען א מיכטיגע באָמבארדע איבער דעם דאָרף רעקרע.

אין אזא פאלל, ווערט, זעלבסטפערשטענדליך, געשאָדעט דעם שונא גלייך ווי דעם פריינד, אָבער ווער קען דאס אכטען דאַרויף? עס איז דאָך מלחמה! אין קריעג איז אַלעס שעהן און רעכט.

דער דייטשער קאָמאַנדאַנט האט ביז דאמאלס נאָך געהאט שוואכע האָפ־נונגען צוריק צו האַלטען די פראַנצויזען אַזוי לאַנג, ביז עס וועט פיעללייכט קומען הילפע. אָבער אַזוי שנעל ווי ער האט זיך געזעהען אָנגעגריפען פון אַרטילעריע, האט ער געוואוסט, אַז דער קאַמפף, קען שוין ניט פיעל דויערן.

אך! די אַרמע מיהל! איין קאַנאָנען־קוגעל, האט דורכגעשאָסען די אַלטע געביידע דורך־און־דורך. אַ צווייטע קוגעל, האט אַרונטער געריסען דעם גאַנצען דאַך.

ווען די באָמבאַרדע האט זיך געשטאַרקט, זיינען צוויי ווענט צוזאַמען גע־פאַלען מיט אַ גרויסען קראַך.

די זייט פון דער מיהל, נעבען דער מאָרעל, איז געווען שרעקליך בעשעדיגט. די גרינע בלעטער, די בלומען און די גאַנצע וואַנט, זיינען פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ חורבה.

די קוגלען פון די פראַנצויזען האבען געמאַכט טיק, טיק, טיק, אונאויפ־הערליך. די צערבראָכענע און צעריסענע שטיקער, זיינען אריין געפאלען אין טייך, און דער שטראָם האט אַלעס אַוועק געטראָגען.

דאַן איז אָנגעקומען אַ קאַנאָנען־קוגעל און געטראָפען די וואָהנונג פון דעם אַלטען מערליער. דיעזע קוגעל האט אַוועק געריסען אַ האַלבע וואַנט און אַ שטיק דאַך. עס איז געבליעבען אָפען אַ היבשער טהייל פון פראַנסאַאז'עס צימער. עס האט זיך געקענט זעהען דאס בעט פון דער אַרמער פראַנסאָאַז. אַלעס איז נאָך געווען בעדעקט מיט שנעע־ווייסע ליילעבער און די זיידענע פאָרהענגלעך האבען געפלאַטערט ווי די פאָהנען.

צוויי קאַנאָנען־קוגלען האבען אויף איינמאל געטראָפען די אַלטע מיהל־ראָד. עס האט זיך געהערט אַ גרויסער קראַך, און די צערשמעטערטע ראָד מיט דער איינגעבראָכענער אַקס, זיינען אריין געפאַלען אין וואַסער. אַ דריטער קוגעל האט געטראָפען די מיהל אין איהר פונדאַמענט, און די אַלטע געביידע איז גענצליך צערשמעטערט געוואָרען און איז אריין אין וואַסער.

אָבוואָהל עס איז געווען אַ דונקלע נאַכט, וואָלט דאָך איין אויפמערקזאַמער באָאָבאַכטער געקענט זעהן די בלאַסע געזיכטער פון די ערשטערדערטע [illegible]

סאָלדאַטען. זייא האבען געקעמפפט ווי וואהרע העלדען. און בלויזען איינער האט נאך געקענט האלטען א ביקס אין די הענד, האט ער געשאָסען.

„רעכטער פליגעל!" האט געדונערט דער דייטשער קאָמאַנדאַנט, „אַהער! קומט אַהער!"

א גרופע פון א דרייסיג סאָלדאַטען זיינען ערשיענען.

„שיסט גראד אין דיעזען קנויל פראנצויזען!" האט ער געשריען, „אָבער גראד און דאן נאך אמאל!"

דרייסיג ביקסען האבען א פאאר מאל אויסגעקראכט און א פירכטערליכער געשרייא פון פערצווייפעלטע מענשען־קינדער. אין די לעטצטע מינוטען פון זייער לעבען, האט פערהילכט די שווארצע נאכט.

אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, און א קאַנאָנען־קוגעל איז געקומען צו פליהען, געפאלען נעבען די דייטשען, עקספלאָדירט און צערשמעטערט געגויע 20 פון זייא. הענד, קעפ, פיס און שטיקער קערפערס זיינען געפלויגען אין דער לופט ווי שפענדלעך.

פון דער לעטצטער עקספּלאָזיאָן האט פראנסאַז ערוואכט. זיא האט אויפ־געהויבען איהר קאָפּ און זיך אומגעקוקט. קרעכצען און זיפצען האט זיך געהערט פון אַלע זייטען. זיא האט צוגעלייגט די האנד צו איהר שטערען און זיך געריבען העפטיג, גלייך ווי זיא האט זיך געוואָלט אן עפּעס דערמאָהנען.

„דאָמיניק! דאָמיניק!" האט זיא געמורמעלט זיך דערמאָהנענדיג, „מיין ארמער יונגע — מיין ליעבער דאָמיניק — מיר האבען דאָך חתונה געהאט, יא, עס איז געווען א בלוטיגע חתונה. גוט, גוט, מיין יונגע..."

זיא האט ניט געקענט ווייטער רעדען.

נאך איין עקספּלאָזיאָן פון א קוגעל האט זיא געבראכט צו איהר פאָלקאָ־מענער בעזינונג.

דיעזע עקספּלאָזיאָן האט פּאַסירט וועהרענד זיא האט צעריסען די שטיינערנע וואַנט פון דעם הויף און דאָרט געטויטעט מעהרערע דייטשע סאָלדאַטען. עס האבען זיך אויך אָנגעצונדען א פּאאר ברעטער, און דאס מעדכען האט געקענט זעהן, דאס פייערווערק דער צערשטערונג ארום זיך.

בליקענדיג אין אַלע זייטען מיט נייגיעריגע אויגען, האט זיא דערזעהן ליעגענדיג דעם דייטשען קאָמאנדאנט אויף דער ערד. איין פוס איז געווען אָבגעריסען פון זיין קערפּער און דאס בלוט האט געפלאָסען אין שטראָם

זיין געזיכט איז געווען בלאס און צוזאמען געצויגען אין א קאנוואולסיווען שמערץ, אָבער ער האט ניט געקרעכצט און זיך אויך ניט בעקלאָגט.

פראנסאָאז האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען נעהנטער. זיא האט געבליקט צו דעם קאָמאנדאנט, און זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט.

„אך, פרייליין!“ האט דער אָפיציער פלוצלינג געזאָגט. „איהר זייט דאָ?“

זיא האט ניט געענטפערט.

„איהר האט יעטצט א דאָפּעלע געלעגענהייט,“ האט ער פאָרטגעזעטצט גאנץ רוהיג, „איהר זאָלט זיך אי נוקם זיין, אי טהון א גוטע זאך. נעהמט מיין שווערט, וועלכעס ליעגט דאָרט אין ווינקעל, און האקט מיר אָב מיין קאָפּ. איהר וועט טויטען אייער חתן'ס הינריכטער און מיך בעפרייען פון שמערץ.“

„הא!“ האט פראנסאָאז אויסגעשריען ערשראָקען און גערירט.

„איהר ווילט ניט?“ האט ער געפרעגט.

„ניין!“ האט זיא אויסגעשריען.

„איך בעט אייך, אום גאָטעס ווילען, בעפרייעט מיך פון דעם שמערץ. אך, וויא איך ליידע.“

זיא האט ניט געענטפערט.

„דאן העלפט מיר,“ האט ער ווייטער געזאָגט, „זיך אביסעל אומצודרעהען אויף דער אנדערער זייט.“

פראנסאָאז האט אנפאנגס געצעגערט, נאָר זיא איז אונטערדעסען צוגעגאנגען און געהאָלפען איהר חתן'ס מערדער זיך אויפצוהויבען אביסעל.

אין נעכסטען אויגענבליק, האט ער ארויס געצויגען א רעוואָלווער פון דער זייט אויף וועלכער ער איז געלעגען. אָהנע פראנסאָאז זאָל ריכטיג בעגריפען וואס ער וויל טהון, האט דער אָפיציער שנעל צוגעלייגט דעם רעוואָלווער צו זיין רעכטער שלייף.

קראך! א קוגעל האט דורכגעבויערט זיין געהירן און ער איז אומגעפאלען טויט.

דיא ווילדע געשרייען פון דיא קעמפפענדע האבען פערהילכט אלעס ארום זיך. דיא דייטשע סאָלדאטען האבען שוין מעהר ניט געקעמפפט נאך רעגעל און אָרדנונג. עס שיינט, אז עס איז אויך ניעמאנד געווען וועր ער זאָל קאָמאנדירען, און יעדער סאָלדאט האט געשאָסען וואוהין ער האט געוואָלט און וויא אזוי ער האט געקענט.

די פראנצויזען האבען פערשטאנען, אז די הויפט געפאהר איז פאראיבער און די ערשטירמונג האט אנגעפאנגען.

די פראנצויזישע סאלדאטען האבען זיך דערנעהנטערט פון אלע זייטען, און די דייטשען, געפינענדיג שוטץ הינטער שטיינער און ברעטער, האבען איינינע מאל צוריק געשטויסען דעם פיינד.

אימער ווילדער און וויטהענדער איז געווארען דער קאמפף, ביז די דייטשען האבען אויפגעהערט צו שיסען, און זיינען ארויס פון זייערע בעהאלטענע פלעטצער.

א פירכטערליכע מלחמה מיט באיאנעטען האט אנגעפאנגען, און ברוסטען, בייכער און העלזער זיינען אויפגעריסען געווארען.

ווי א בעטרונקען פון מענשען־בלוט און בעזויפען מיט מארד־לוסט, האט זיך געווארפען איין מענש אויף'ן צווייטען און איהם דורכגעבויערט.

די שיסערייא האט אויפגעהערט, ווייל די געגנער האבען מורא געהאט, אז זייא וועלען זיך טרעפען איינער דעם צווייטען. באיאנעט, דאס שווערט און די לאנגע מעסערס אליין האבען געארבייט.

די קעמפפענדע האבען געשריען און געליארמט און דער וואלד האט צוריק געבראכט דאס ווידערקול.

א וואלקען האט זיך געשפאלטען, און די לבנה האט ארויס געשטעקט איהר געזיכט אום צו בעלייכטען די סצענע פון טויט און בלוט.

רויטעס און ווארעמעס בלוט האט געשפריטצט און געפלאסען פון אלע זייטען, און ניט נאר איין סאלדאט האט צערטרעטען און צערדריקט זיין קאמעראד'ס, שארבען וועהרענד דעם קאמפף.

דער פראנצויזישער קאמאנדאנט האט אין איין אויגענבליק איינגעזעהען, אז ער האט געמאכט א פאלשען רעכנונג, וואס ער האט געהייסען אזוי שנעל ערשטירמען. עס זיינען נאך געוועזען צו פיעלע דייטשע סאלדאטען פיר א האנד־צו־האנד קאמפף, און ער האט באלד קאמאנדירט א ריקצוג.

ער האט בעשלאסען פארטצוזעטצען די באמבארדע ביז ער וועט נאך מעהר אבשוואכען די געגנער.

אויף א בעפעהל, זיינען די פראנצויזען צוריק געצויגען געווארען, און עס האט איינגעטרעטען א זאגענאנטער וואפענשטילשטאנד צווישען די קעמפפענדע, אויף עטליכע מינוטען.

דיא דייטשען האבען דאס בעמערקט, און איין אָפיציער, וועלכער האט איבערגענומען דאס קאָמאַנדאָ, האט שנעל אָרגאַניזירט זיינע סאָלדאטען און עס איז געמאכט געוואָרען א נייע פּאַרבערייטונג פיר א הארטנעקיגען ווידער־שטאַנד.

„הערט אויס,“ האט דער דייטשער אָפיציער אדרעסירט זיינע סאָלדאטען, „דער איינציגער ריקצוג פיר אונז, האט געקענט זיין דער וואַלד. אהין קענען מיר זיך מעהר ניט רעטען, ווייל אַלעס איז בעזעטצט מיט שונאים. גנאדע דאַרפען מיר ניט און קענען ניט ערוואַרטען פון דיא פראַנצויזען, וועלכע זוכען נאָר אונזער בלוט. אונזער איינציגער אויסוועג איז אַלזאָ, צו קעמפּפען ביז צום לעטצטען אויגענבליק, און פאַלען וויא עס פּאַסט פיר סאָלדאטען. זייט איהר מיט מיר איינפער־שטאַנען?“

„מיר זיינען דאַפיר!“ האבען אַלע אויסגעשריען מיט איין שטימע. זאָגאר דיא פערוואונדעטע אויף דער ערד, האבען נאך אמאל אויפגעהויבען זייערע אוועק געוואָרפענע ביקסען, און ווער עס האט געקענט, האט זיך דערנעהנטערט צו א שטיין אום זיך צו שיטצען, און דיא מלחמה האט באַלד אָנגעפאַנגען אויף דאס נייא.

דיא פראַנצויזען, וועלכע האבען איינמאל פערזוכט דעם טעם פון פער־צווייפעלטען ווידערשטאַנד, האבען שוין מעהר ניט געוואגט זיך ארויס צו ציינען צו פיעל. און אויסער דער באַטערעע קאַנאָנען, וועלכע האבען שנעל געאַרבייט, האבען דיא ביקסען גאַנץ ווענינ געשאָסען.

פראַנסאָאַז, האט ווידער אמאל אויפגעזוכט דאָמיניק׳ס קערפּער און זיך אוועק געזעטצט נעבען איהם, קוקענדיג אויף זיין געזיכט, וואס איז געוואָרען אזוי געלב וויא וואקס.

דאס קראַכען פון דיא קאַנאָנען און דאס עקספּלאָדירען פון דיא באָמבעס במעט נעבען איהר, האט זיא זעהר ווענינ בעאונרוהיגט. דיא מורא פאַר׳ן טויט, איז גענצליך פון איהר פערשוואונדען געוואָרען.

וועהרענד דעם לעטצטען אנגריף, האט זיך דער אַלטער מערליער געזעהען אליין אין זיין צימער און קיין סאָלדאט איז מעהר געשטאַנען פאַר דער טהיר. ער האט פּראָבירט ארויס צו געהען, אָבער דיא טהיר איז געווען פעסט גע־שלאָסען.

רעכענענדיג וויא ער קען זיך בעפרייען, איז פּלוצלינג אָנגעקומען א באָמבע

און אוועק געריסען א גאנצע וואנד פון זיין צימער. ער איז שנעל אדויס אין הויף, גאנץ אונבעשעדיגט.

„פראנסאאז! פראנסאאז!" האט ער געשריען, אָבער עס איז אונמעגליך געווען זיין טאָכטער זאָל הערען זיין שטימע.

דער אַלטער מאן האט געשפירט דיא טרערען, קומענדיג אין זיינע אויגען, און טאפענדיג זיין וועג אין דער פינסטער, איז ער ווייטער געגאנגען.

בייא דער עקספּלאָזיאָן פון נאך א באָמבע, האט ער בעמערקט זיין טאָכטער זיטצענדיג אויף דער ערד נעבען א קערפּער. ער איז שנעל אהין צוגעלאָפען און אויסגעשריען:

„פראנסאאז! מיין קינד!"

דאס מעדכען האט זיך אומגעקוקט און דערקענט איהר פאטער. זיא האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד, און ווען ער האט זיך אָנגעבויגען, האט זיא איהם אומארמט.

„פאטער!" האט זיא געקלאָגט.

„מיין קינד! מיין קינד!"

נאך א פויזע, האט דער אַלטער געפרעגט:

„וואס טהוסטו דאָ, פראנסאאז? קום, לאָמיר אנטלויפען פון דאנען."

„ניין, ניין, פאטער, דאָ בלייב איך!"

„דאָ? ווארום?"

„דאָ, נעבען איהם."

„נעבען וועמען?"

„נעבען דאָמיניק'ן!"

„וואו איז דאָמיניק?"

פראנסאאז האט אָנגענומען איהר פאטער'ס האנד און זיא צוגעפיהרט איבער דאָמיניק'ס געזיכט.

„ער איז עס, פאטער," האט זיא געמורמעלט, „ער, מיין דאָמיניק, מיט וועלכען איך האב חתונה געהאט."

„וואס רעדסטו, קינד?"

„יא, יא, פאטער, מיר האבען ביידע געהייראטעט."

„ווען? ווי אזוי?"

„אַט דאָ נים לאנג."

„[illegible] אזוי?"

„רורך רער בלוטינער חתונה...“

דיא האט איהם דאן אין איינינע ווערטער, האלב אתפערשטענדליך, איבער געגעבען וואס עס האט פאסירט.

דער אלטער מערליער האט זיך אויף אניעדער געזעטצט און צוגעהאלטען זיין טאכטער׳ס האנד.

דאן האט ער זיך דערמאהנט, אז זייא קענען דארט נים בלייבען, און ער האט ווערער גערופען זיין טאכטער.

„ניין, ניין, פאטער, דא בלייב איך,“ האט זיא זיך געבעטען.

צו דערזעלבער צייט, האבען דיא פראנצויזען אנגעפאנגען זייער צווייטע ער־שטירמונג, און זייערע קוגלען זיינען נאך אמאל געפלויגען וויא האגעל.

פלוצלינג האט דער אלטער מערליער שנעל צוגעליינט דיא האנד צו זיין ברוסט, און אהנע צו געבען אפילו איין קרעכץ, איז ער אומגעפאלען טויט.

א קוגעל פון א פראנצויזישער ביקס, האט דורכגעבויערט זיין פראנצויזישע ברוסט.

פראנסאאז איז ארויף געפאלען אויף זיין קערפער, און אזוי געשריען, דאס זאגאר דיא ענטלאפענע דייטשע סאלדאטען, האבען זיך געמוזט אומקוקען צו איהר.

ריא דייטשען, זעהר ווענינ אין צאהל, זיינען ענטלאפען און דיא פראנצויזען האבען זייא נאכגעיאגט, ניעדערשיסענדיג ווטמען זייא האבען געטראפען. אלעס ארום, דיא צערשמעטערטע מיהל, דאס צערבראכענע הויז, דיא שטאלען שפייכלערס, זיינען געשטאנען אין פלאמען.

ווען דיא פראנצויזען זיינען אהין אנגעקומען, האט עס אויסגעזעהען, אז מען עמפפאנגט זייא מיט איין אילומינאציע.

דאס בלענדענדע ליכט האט געמאכט א זעלטזאמע ווירקונג אויף פראנסאאזין.

זיא איז אויפגעשפרונגען פון דער ערד און אנגעפאנגען צו טאנצען און גע־שריען:

„בראווא! בראווא!“

דערזעלבער קאפיטאן וואס האט מיט א טאג פריהער פערטהיידיגט דיא מיהל, איז געווען איינער פון דיא זיגער. ער איז ערשיענען צווישען דיא ברענענדע חורבות האלטענדיג זיין בלאנקעס שווערט אין האנד.

ארום איהם זיינען געלעגען הויפענס טויטע קערפערס און טייכלעך בלוט זיינען געלאפען ביז צו דיא ברענענדע העלצער.

אויף זיין גזויכט האט זיך געזעהען די שטאָלצע מיענע פון דעם זיגער. ווען ער האט ערבליקט פראנסאָזין טאנצענדיג, איז ער איהר ענטקעגען געלאָפען און אויסגעשריען:

„מיר האבען געזיעגט! געזיעגט!“

ער האט בעריהרט איהר נאקעטען שולטער, און ווען זיא האט זיך אומגע־ווענדעט און איהם ערבליקט, האט זיך ארויס געריסען א שרעקליכער געשרייא פון איהר מויל, און דאן איז זיא געפאלען אָהנמעכטיג צו זיינע פיס.

— — — — — — — — — —

די לבנה אין מעריב זייט איבער דעם סאָוואל וואלד, האט פון זיך גע־וואָרפען איהרע מילדע זילבערנע שטראהלען און בעלייכטעט די גאנצע געגענד ארום רעקרעז.

אלעס איז געוואָרען רוהיג און שטיל, און די מידע פראנצויזישע סאָל־דאטען, בעזויפען מיט דעם זיעג איבער די פרייסען, האבען זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און גענאנגען רוהען. שפּיאָנען האבען געבראכט די נאכריכט, דאס דער פיינד געפינט זיך ניט אין דער גאנצער געגענד ארום, און פון די דייטשע סאָלדאטען, וואס האבען געקעמפפט בייא דער מיהל, האבען זיך זעהר ווייניג גע־רעטעט. אלע איבריגע זיינען ניעדער געשאָסען געוואָרען פון די פראנצויזישע טרופען.

דער קאפּיטאן האט געהייסען זיינע סאָלדאטען רוהען און ערשט אויפ'ן אנדערן מאָרגען בעערדיגען זייערע טויטע קאמעראדען צוזאמען מיט די טויטע דייטשע סאָלדאטען.

די פערוואונדעטע פראנצויזען האט מען אריין געטראָגען אין די פער־שיעדענע הייזער פון די איינוואָהנער אין רעקרעז, און נאכדעם וויא די ערצטע האבען פערבונדען זייערע וואונדען, האט א טראָמפּעט אָנגעציינט, אז די צייט איז געקומען צו רוהען.

שטיל און רוהיג האט זיך די לבנה געשיינט, גראדע וויא זיא וואלט גע־

זיין וועקסלדיגע געפילען אין דיעזער געגענד, וואו א היילינע רוהע און צופריעדענהייט האט געהערשט אונטער די איינוואהנער זייט זעהר פיעלע יאהרען.

דיא טויטע קערפערס און דיא טייכען בלוט, זיינען געלעגען אין שיין פון איהר הערדליכעס ליכט, און דיא בוימער, זיך שאקלענדיג פון א לייכטעס ווינטע'ע, האבען נאר אויסגעזעהען זיך צו סוד'ען איינער מיט אנאנדער און דערצעהלענדיג וואס ער האט פאסירט אין יענעם שרעקליכען טאג.

פראנסאאז, אויף דעם בעפעהל פון דעם קאפיטאן, איז אויפגעהויבען גע־ווארען פון דער ערד און אריין געטראגען אין א צימערל וואס איז נאך איבער־געבליעבען פון דעם אלטען מערליער'ס אמאליגע שעהנע וואהנונג. מיט דער הילפע פון איין ארצט, האט זיא אויפגעוואכט. זיא האט פאר זיך ערבליקט דאס געזיכט פון דעם קאפיטאן און זיא האט איהם דערקענט.

„אך! קאפיטאן!" האט זיא געמורמעלט, „איהר ווייסט דאך וואהרשיינליך פון מיין בלוטיגער חתונה?"

אויף איהר געזיכט האט זיך געצייגט א מיענע פון טרויער און ער־ביטערונג.

דער קאפיטאן האט געבליקט אין איהרע ווילדע אויגען און שאקלענדיג מיט'ן קאפ, האט ער געשוויעגען.

„וויא געפעלט אייך דאס ציעל־שיסען פון מיין חתן?" האט זיא ווייטער געפרעגט.

„בלייבט רוהיג, פריילין," האט דער קאפיטאן ענדליך געזאגט מיטליידיג, „בערוהיגט זיך; יעטצט דארפט איהר זיך ניט אויפרעגען."

פראנסאאז האט אויסגעזעהען ניט צו בעגרייפען וואס ער זאגט, און זיא האט פארטגעזעטצט:

„אנפאנגס האט ער ניט געוואלט שיסען, אבער וויא א קוגעל פון דעם פיינד האט ארויס געריסען טרערען פון מיינע אויגען און בלוט פון מיין שטערען, האט ער שוין געשאסען. האט איהר געזעהען וויא ער האט זיך ניט בעקימערט

אום זיין לעבען ! ווי א בראוו ער האט געקעמפפט ! דאָן האט דער דייטשער קאָ־מאנדאנט איהם געוואָלט מאכען פאר א פעררעטהער. אָבער דאָמיניק האט עס ניט געקענט טהון, ווען עס האט זיך אפילו געהאנדעלט אום צו רעטען זיין לעבען. ניין, ניין, ער האט עס ניט געקענט..."

זיא האט זיך זעלבסט איבערבראָכען, און נאָך א פויזע, האט זיא ווייטער געשווידערט:

„ער איז דאָך געווען אזוי עדעל, און ער איז געקומען רעטען מיין אלטען פאטער מיט זיין יונגעס לעבען. אָבער ער האט גאר ניט אויפגעטהאָן. ערשט נאכדעם וויא 12 קוגלען האבען דורכגעבויערט זיין עדלע ברוסט, איז געקומען א קוגעל... א קוגעל פון אייך, פון דיא פראנצויזען, און זיך דורך געריסען דורך מיין פאטער'ס געהירן און איהם אויך געטויטעט. האט איהר געזעהען וואס פאר א רויטעס און יונגעס בלוט מיין אלטער פאטער האט נאָך געהאט ! הא, הא, הא !"

דיא אונגליקליכע האט זיך דערבייא ווילד צולאכט, און, נאָך איידער מען האט זיא געקענט פערהינדערן, איז זיא ארונטער געשפרונגען פון דעם בעטעל און אנגעפאנגען צו לויפען. דער קאפיטאן און דער דאָקטאָר האבען זיא צוריק גע־האלטען.

זיא האט פערלוירען איהר פערשטאנד," האט דער דאָקטאָר גע־מורמעלט.

דער קאפיטאן האט פראָבירט צו בערוהיגען דאס ארמע מעדכען. אָבער איהר פערשטאנד איז שוין געווען פערדונקעלט און זיא האט איהם ניט בע־גריפען.

„הא, הא, הא !" האט זיא ווידער געלאכט. „איך בין דאָך אזוי דום ! גיבט מיר אויך א ביקס און איך וועל מיך יעטצט נוקם זיין פאר מיין דאָמיניק, פאר מיין אלטען פאטער — אך ! יא, איך אליין האב געהאָלפען דעם דייטשען קאָ־מאנדאנט ער זאָל בעגעהען זעלבסטמאָרד..."

פראנסאָאז איז געוואָרען וויטהענד, און נאָך שווערער מיט אין קרים

געלונגען זיא פעסט צו האלטען. דאן האט זיא אויפגעהערט צו קעמפפען און איז געבליעבען ליעגען אהנמעכטיג מורמלענדיג:

„מיין דאָמיניק! מיין פאטער!"

איהרע ליפען האבען זיך געשלאָסען, איהר קערפער האט אויפגעציטערט און זיא איז געבליעבען ליעגען טויט.

זיא איז געשטאָרבען פון הערץ־שלאג," האט דאן דער דאָקטאָר ער־קלערט.

ענדע.

נאנטאס.

דער נעקויפטער מאַן.

1.

דאס צימער, וואו נאַנטאַס, אונזער העלד, האט געוואָהנט נאכדעם וויא ער איז נעקומען נאך פּאריז, איז געוועזען אויף'ן לעטצטען שטאָק פון א הויז אין דער ליללי גאַס. דאס איז געוועזען אין א האָטעל. נעבען דיעזען האָטעל, האט געוואָהנט דער באראָן דאַנוויער, וועלכער איז געווען א מיטגליעד פון דעם שטאַאטס־ראַטה.

דיעזעס הויז האט בעלאַנגט צום באראָן, און ער האט עס אויסגעבויעט אויף א פּלאַטץ, וואס איז פריהער געוועזען בעזעטצט מיט אלטע הייזער.

ווען נאַנטאַס האט זיך אָנגעלעהנט אויף'ן פענסטער פון זיין צימער אין האָטעל און ארויס געקוקט, האט ער געקענט זעהען דעם עק פון דעם האָטעל־גאָרטען וואו עס האבען געוואַקסען אייניגע שעהנע בוימער און פון זיך געוואָרפען א ברייטען שאַטען.

ווייטער, איבער דיעזע בוימער, האט מען געקענט זעהען א היבשען טהייל פון פּאריז, און מען האט זיך דערבייא געקענט מערקען דעם טייך סעין, דיא טילעריעס, דעם לואַווער, גרויסע רייהען האָזען און א גאַנצען ים מיט דעכער וואס האבען זיך אויסגעברייטעט ביז צום בית־עלמין פון פּער־לאַשעז.

דאס צימערל וואו נאַנטעס האט געוואָהנט, איז געוועזען א מין דאך־שטיבעל מיט נעבוינענע ווענט און א פענסטער אין דאך. נאַנטאַס האט דאס אויסמעבלירט גאַנץ איינפאַך; ער האט אהין אריין געשטעלט בלויז א בעט, א טיש און א ביינקעל.

ווען ער האט אנפאנגס געדונגען דאס צימערל, האט ער געהאט דיא אבזיכט דאס אויסצומעבלירען גאַנץ געוועהנליך, ווייל ער האט דאס בעטראכט בלויז אויף דערווייל, און עס איז בייא איהם ניט געוועזען קיין אונטערשיעד וואו ער וואָהנט, אָבּי דאָרט צו פערברענגען זיין לעערע צייט ביז ער וועט טרעפען זיין גליק.

עס האט איהם ניט נעקימערט דאס שמוציגע און פערשמירטע פאפיר אויף די ווענט, די פערדרויכערטע סטעליע און אויך ניט די טהאטזאכע, אז דארט איז אפילו ניט געווען וואו פייער צו מאכען.

ווען ער פלעגט זיך אריין לייגען אין בעט געגענאיבער דעם לאוואר און די טילעריעס, האט ער בייא זיך געטראכט, אז ער איז גלייך צו א גענעראל, וועלכער, זייענדיג אויף'ן וועג, שלאפט ער סאי וואו עס איז, ביז ער וועט פערטיגען דעם קריעג.

די געשיכטע פון נאנטאס'ן, איז א גאנץ קורצע. ער איז געווען דער זוהן פון א מויערער אין מארסייל, און ער האט שטודירט אין גימנאזיום. פאר א מויערער'ס א זוהן, איז אפילו שוין געווען אביסעל צו פיעל ער זאל ווערען א גימנאזיום סטודענט, נאר אין דעם האט זיך שוין זיין מוטער אינטערעסירט, וועלכע האט אימער בעהויפטעט, אז איהר זוהן מוז און זאל ווערען א געבילדעטער מאן און ניט קיין בעל-מלאכה.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די עלטערן, זייענדיג ארעם, האבען זיך שווער און ביטער געפלאגט אום צו קענען אויסהאלטען זייער זוהן אלס סטודענט. זייא האבען געשפארט פון די מיילער, אבי איהם צו זעהען דורכגעהן דאס גימנאזיום. אבער באלד נאכדעם איז נאנטאס'עס מוטער געשטארבען, און די חלומות פון ווייטער שטודירען האבען זיך אויסגעלאזען. ער איז געצוואונגען געווען צו אקצעפטירען א קליינעם פאסטען אין א געשעפט, וואו ער האט אנפאנגס זעהר ווייניג פערדיענט.

אזוי זיינען אבער פאראיבער גאנצע 12 יאהר און ער האט זיך דארט אבגעפלאגט ביז דאס לעבען איז איהם נמאס געווארען.

ער וואלט צוואנציג מאל פערלאזען דיעזען פאסטען, ענטלויפען וואוהין די אויגען וועלען איהם טראגען, אבער זיין אלטער און קראנקער פאטער האט איהם געהאלטען דארט צוגעבונדען וויא מיט קייטען. נאנטאס'עס פאטער איז נעמליך ארונטער געפאלען פון א געביידע וואו ער האט געארבייט, און ער האט זיך צו-בראכען עטליכע גליעדער. דאס האט אויפגעהאלטען דעם יונגען מאן אזוי לאנג אין מארסייל. ער איז געצוואונגען געווען צו בעזארגען דעם אלטען מיט אלעם מעגליכע און ער האט ניט געקענט געהען זוכען קיין בעסערעס.

אין איין אבענד, אהיים קומענדיג פון דער ארבייט, האט ער געטראפען דעם אלטען און קראנקען פאטער, ליעגענדיג טויט, און די לולקע, נאך ווארעם פון רויכען, איז געלעגען נעבען איהם.

מיט דרייא טעג שפּעטער, האט נאַנטאַס אַלעס פערקויפט פון הויז און איז אַוועק געפאָהרען נאָך פּאַריז מיט 200 פראַנקס אין זיין קעשענע, אום צו זוכען זיין גליק.

פּאַריז! דיעזעס איינע וואָרט איז געוועזען פול מיט דיא רייכסטע פאַנטאַזיען פיר דעם יונגען מאַן. ער האט גערישה'ענט זיין מוטער'ס האַרטנעקיגקייט אום צו שטייגען און ערדייכען אַ הויכע שטופע. ער איז געוועזען, אין אַלגעמיינעם, אַ מענש פון אַ שנעלען ענטשלוס מיט איין אייזערנעם ווילען. ווען ער איז נאָך געוועזען גאַנץ יונג, האט ער שוין געזאָגט איבער זיך אַליין, אַז ער איז אַ מאַכט.

מען האט איהם זעהר אָפט אויסגעלאַכט, אָבער דאַס האט איהם ניט ענט־מוטהיגט, און ער פלעגט ניט נאַר איינמאַל ווידערהאָלען:

„יאַ, יאַ, איך בין אַ מאַכט; איהר וועט זעהען, וואָרט, דיא צייט וועט קומען, ווען איך וועל בעווייזען מיין מאַכט.“

אפילו שפּעטער, ווען ער האט שוין געטראָגען דעם אַלטען שוואַרצען אַנצוג, צעררעסען אין אַ פּאַאַר ערטער, האט ער נאָך אימער געזאָגט דיעזעלבע ווערטער, און ווען זיינע בעקאַנטע האַבען דאַס געהערט, האַבען זייא אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און זיך געטראַכט: „ער איז אַ פערריקטער פאַנאַטיסט.“

אָבער נאַנטאַס איז געבליעבען בייא זיינעם, אַז ער מוז נאָך אַמאַל איבער־קעהרען דיא וועלט. ער האט זיך אַזוי לאַנג איינגעבילדעט, אַז ער איז אַ מאַכט, ביז ער האט אָנגעהויבען אַליין צו גלויבען, דאַס ער בעזיטצט דיא גרעסטע פעהיגקייטען. קיין זאַך האט פאַר איהם עקזיסטירט, אויסער דער פאַנטאַזיע פון זיין טאַלענט, און ער איז געוועזען איבערציינגט, אַז דער שטאַרקער און מעכטיגער מוז זיעגען, טראָץ אַלע הינדערניסע פון דעם שיקזאַל. ער האט בעהויפּטעט, אַז פאַר אַ פעהיגען מענשען, איז גאַנץ גענוג, ווען ער האט דעם ווילען און דיא קראַפט. דאַס איבריגע, וויא צו ערדייכען דעם ציעל, מוז קומען פון זיך אַליין.

אַמאַל, אין אַ זונטאַג, ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירען אין אַ גאָרטען נעבען מאַרסייל, האט ער זאָגאַר געשפּירט, אַז ער איז אַ זשעניע. עפּעס האט ער געפיהלט אַ מין קראַפט אין זיין זעעלע, וואָס האט איהם געדרונגען און געצוואונגען ער זאָל אַזוי דענקען איבער זיך. ער פלעגט אַהיים קומען צו זיין קראַנקען פאַטער עסען זיין טעלער קאַלטע קאַרטאָפעל, און זיך טראַכטען, אַז עס מוז נאָך קומען אַ צייט, ווען ער זאָל צוריק בליקען צו אַזאַ פערגאַנגענהייט מיט אַ שמייכעל פון בעוואונדערונג, זיך אַליין פרעגענדיג: „קוק וואָס עס איז אַמאַל געוועזען, און זעה וואָס עס איז יעטצט — וויא געפעלט עס דיר?“

ווען נאנטאס האט צום ערשטען מאל בעטרעטען דיא שטיינער פון דיא פאריזער גאסען, האט ער זיך פארגעשטעלט, אז יעטצט האט ער גאר ניט וואס צו טהון, בלויז אויסשטרעקען זיינע הענד און אקצעפטירען א וויכטיגען פאסטען, פון וואנען ער וועט שוין שטייגען העכער און העכער. ער האט אויך ניט געוואלט ווארטען און שוין אנגעפאנגען דעם קאמפף פיר זיין שפעטערדיגער גרויסקייט.

ער האט געהאט איינינע רעקאמענדאציאנס-בריעף נאך פאריז, און ער האט זייא זעלבסט אבגעליעפערט; דאן האט ער בעזוכט איינינע לייטע פון זיין שטאדט, האפענדיג דורך זייא צו בעשטייגען דיא ערשטע טרעפ צום גליק; אבער זיין פאנטאזיע האט געקריעגען זעהר א שווערען קלאפ. ער האט זיך באלד איבער־צייגט, אז דיא רעקאמענדאציאנען מיט דיא בעקאנטע, האבען אלע גאר ניט ווערטה און יעדער קוקט אויף איהם וויא אויף א נוטצלאזע בריאה. א מאנאט איז אזוי פאר־איבער, און קיינער האט זיך אויף איהם ניט געוואלט אומקוקען.

איינער האט געענטפערט, אז ניט דאמאלס איז דיא פאסענדע צייט; א צווייטער האט זיך ענטשולדיגט דערמיט, דאס ער איז אביסעל צו שפעט געקומען און א דריטער האט איהם געהייסען ווארטען. איינינע ווידער האבען גלאט פער־שפראכען און קיין ווארט געהאלטען.

אבער אזוי וויא 200 פראנקס זיינען ניט פיעל געלד, איבערהויפט פאר אזעלבען וואס זעהט אין זיך א קינפטיגען מאנארך, איז שנעל לעדיג געווארען זיין טאשע. ווען ער האט זיך ארום געקוקט וויא ער האלט מיט זיינע פינאנצען, האט ער דערזעהען, אז ער האט ניט מעהר וויא 20 פראנקס צוריק געבליעבען.

ער האט אויסגערעכענט, אז ער מוז נאך האבען געדולד א מאנאט, און פון דיעזע צוואנציג פראנקס מוז ער ביז אהין לעבען, עסען, טרינקען און ארום געהען פון פריה-מארגען ביז שפעט אין דער נאכט איבער פאריז.

אבער בעקלאגען זיך ניטצט ניט און ער האט אויך ניט געהאט פאר וועמען זיך צו קלאגען. ער האט אלזא געליטען און געשוויעגען. ער האט אימער געלעבט מיט דער פאנטאזיע פון דער צוקונפט.

אבענד, ווען ער פלעגט אהיים קומען, ערמיעדעט און מיט לעדיגע הענד, האט ער זיך ניט געשפירט ענטמוטהיגט, אבער א שטילער און נייגענדער צארן איז אין איהם ענטשטאנדען. ער האט בעטראכט דאס שיקזאל אלס בלינד און אונ־גערעכט.

„פטייטש, איך, נאנטאס," האט ער זיך געטראכט. „וועלכער בעזיטצט אזוי

פיעלע פעהינקייטען, זאָל דארפען אזוי לאנג ווארטען אום טיין טאַלענט אויס־צואיבען !"

אָבער, וויא עס שיינט, איז נאַנטאַס שוין ניט דער ערשטער און אויך ניט דער לעטצטער וואס בעקלאָגט זיך אזוי אויף'ן שיקזאַל. עס איז איין אלטע געשיכטע, אז דאס שיקזאל איז בלינד און פערקריכט אָפטמאל אהין וואו עס פאסט ניט.

אין א פארנאכט איז נאַנטאַס אהיים געקומען אָהנע ער זאָל האבען עפעס גענעסען. ער האט אויפגעגעסען זיין לעטצטעס שטיקעל ברויט נאך מיט איין אבענד פריהער. ער האט מעהר קיין געלד ניט געהאט, און ער האט אויך ניט געזעהען קיין איינציגען פריינד, בייא וועמען ער זאָל זיך קענען עפעס אויסבאָרגען.

אין דרויסען האט גערעגענט א גאַנצען טאָג און עס איז געוועןגוט קאלט. נאַנטאַס איז געווען דורכגעווייקט ביז צום לייב פון דעם רעגען. ער איז געווען אין בערסי, דאָן אין מאָנטמארטער, וואו מען האט איהם געזאָגט, אז ער קען געפינען בעשעפטיגונג. אָבער אין בערסי האט ער ערפאהרען, אז איין אנדערער האט שוין פערטרעטען דעם פלאַטץ, און אין מאָנטמארטער, וואו מען האט יא בעדארפט א מענשען, איז זיין האנדשריפט ניט געפעלען געוואָרען. צום שלים־מזל, האט נאַנטאַס געהאט זעהר א שלעכטע האנדשריפט, און ער האט זיך מעהרערע מאל געטראַכט, אז דאס איז א צייכען פון א זשעניע. אָבער זשעניע אהין, זשעניע אהער, אין מאָנט־מארטער האט מען געזוכט א שעהנע האנדשריפט און מען האט פון זיין זשעניע ניט געוואָלט וויסען

אנפאנגס האט ער אפילו געטראכט ניט אָנצונעהמען קיין געוועהנליכען פאָסטען, אָבער לעטצטענס איז ער שוין צופריעדען געווען אירגענד עטוואס צו אָק־צעפטירען, אבי פאָרלויפיג עפעס צו האבען ביז ער וועט ערר־ייכען זיין גליק. אָבער ער האט דאס אויך ניט געפונען.

פאָרלויפיג האט ער פערלאנגט ברויט, אָדער עפעס מיט וואס צו לעבען אין פאריז, און דאָן זאָל ער אנפאנגען צו בויען זיין הערליכע געביידע פון דער צר קונפט, ארויף לייגענדיג שטיין אויף שטיין.

יא, דאס האט ער פערלאנגט, פאָרלויפיג, נאָר עס איז דאָך ניט געווען. ער האט שפאַצירט לאנגזאם פון מאָנטמארטער צוריק נאך דער לילי גאס און זיין הארץ איז געווען שטארק פערביטערט.

עס האט שוין אויפגעהערט צו רעגנען, און דיא איילענדע מענשען אויף'ן טראָטואר האבען איהם געשטויסען און געשטופט פון אלע זייטען. דאָן איז ער

פלוצלינג געבליעבען שטעהען נעבען א וועקסעל־באנק געשעפט, און זיך בעטראכט א הויפען מיט גאָלד־שטיקלעך ליעגענדיג אין פענסטער.

„אך!“ האט ער זיך געטראכט, „בלויז 5 פראנקס וואלט מיר פיעללייכט יעטצט גענוג געווען, אום איך זאָל שפעטער קענען ווערען הערשער איבער אלע דיזע מענשען! מיט 5 פראנקס, וויא עס איז, קען מען דאָך שוין אָבלעבען א וואָך!“

אזוי דענקענדיג און טראכטענדיג, איז פלוצלינג פארביינגעפאָהרען א דראָשקע. דיא רעדער זיינען אריין אין רינשטאָק און געגעבען א שטארקען שפריטץ מיט בלאָטע און וואסער, וועלכע האבען געטראָפען נאַנטאַס'ן גלייך אין געזיכט.

ער האט אויפגעשוידערט פאר צאָרן, אָבער זיך בערוהיגענדיג אביסעל, האט ער ביטער געשמייכעלט און געמורמעלט:

„דאס שיקזאל האט מיר נאָך יעטצט אָנגעשפּיענען אין פנים.“

ער האט ארויס גענומען זיין טאשענטיכעל און זיך אָבגעווישט דאס געזיכט. דאן איז ער ווייטער געלאָפען שנעל, קריצענדיג מיט דיא צייהן. ער האט צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען און קוקענדיג אויף דער מענגע מענשען, איז איהם אָנגעקומען א כוסט, זיך צו ווארפען אויף זייא, שלאָגען ווען ער וועט טרעפען, און זיך נוקם זיין אן דעם בלינדען שיקזאל.

אָבער ער האט עס ניט געטהאָן, ווייל, נאָך אלעמען, איז ער ניט געווען אזוי דום, ניט צו פערשטעהען, אז דאס וועט איהם גאר ניט העלפען.

וועלענדיג אריבער געהען דיא גאַס, האט איהם א קאר שיער איבערגעפאָהרען אין עק פון דער ריסעליע שטראַסע.

ווען ער איז ענדליך צוגעקומען צום האָטעל, איז ער שנעל ארויף געלאָפען דיא טרעפּען, אריין אין זיין צימער, און וויא א פערוואונדעטע חיה, האט ער זיך א וואָרף געגעבען אויף'ן בעט און ווידער אמאל קריצענדיג מיט דיא צייהן, האט ער געפלוכט דיא גאנצע וועלט. ער האט דאן געבליקט אויף זיין בעשמוצטען ראָק און הויזען און צו דעם וואסער וואס איז אָנגערונען אויף'ן פוס־באָדען פון זיינע נאַסע קליידער.

„פערפלוכט! פערפלוכט!“ האט ער געברומט.

יא, דיזעס מאל, האט ער זיך געטראכט, האט שוין פון אלעמען גענומען איין ענדע, און אנשטאט דעם פריהערינגען מוטה, האט יעטצט איינגעטרעטען פערצווייפלונג.

נאַנטאַס האט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען זעלבסטמאָרד.

„דאס שיקזאל איז בלינד און אונבארמהערציג,“ האט ער זיך געטראכט, „און עס האט ניט ווערטה דיא מיה צו לעבען.“

אָבער שטאָלץ איז ער נאך אימער געווען, און ער האט זיך פאָרגעשטעלט, אז דערמיט וואס ער וועט בעגעהען זעלבסטמאָרד, וועט ער געבען גאנץ פאריז א פאטש אין פנים.

„צו זיין א מאכט,“ האט ער געמורמעלט, „אזא מאכט וויא איך בין, און עס זאָל זיך ניט געפינען איין לעבעדינער מענש אין אזא גרויסער שטאָדט, ער זאָל וויסען פון מיין צושטאנד און מיר אויסבאָרגען 5 פראנקס! דאס איז א געמיינע בעלײדיגונג, א ניעדערטרעכטיגקייט!“

ער האט געוויטהעט פאר צאָרן. דאן, בליקענדיג צו זיינע שטארקע הענד, האט ער זיך בערויערט.

ווירקליך, אזעלכע שטארקע און מעכטיגע הענד, בערייט אלעס צו טהון, און נאר ניט צו געפינען.

עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער וואָלט געקענט אויפהייבען א וועלט מיט זיין שפיטץ פינגער. און דאך, האט ער זיך געזעהען זיטצענדיג אליין, אין א קליין צימערל, מאכטלאָז און שוואך נעגען דעם אונבארמהערציגען שיקזאל.

ער האט ביי זיך אויסגעזעהען וויא א ווילדער לייב אין איין אייזערנער שטיינ.

אָבער ער האט זיך באלד בערוהיגט, ווייל ער האט איינגעזעהען, אז דער טויט אליין איז דער איינציגער אויסוועג, און זייענדיג טויט, האט ער געוואוסט הערט אויף בעס, פערדרוס און שטרעבונג.

ווען ער איז נאך געווען א קליין אינגעל, האט ער זיך ערינערט, האט ער געהערט א געשיכטע פון א בעריהמטען ערפינדער, וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט א מערקווירדיגע מאשין, און אין א טאָג, האט דער ערפינדער גענאָמען א האמער און צערשמעטערט דיא מאשין, בלויז דאפיר, ווייל דיא וועלט האט זיך געציינט צו גלייכגילטיג פיר זיין ארבייט.

„גוט, גוט,“ האט נאנטאס געמורמעלט, „איך בין גראדע וויא יענער ער־פינדער, אין מיר ליגט דיא קונסטפאָלע מאשינעריא, וואס דיא אידיאָטישע וועלט וויל ניט אנערקענען. דיא קונסטפאָלע מאשין אין מר. איז מיין געהירן, און איך וועל דאס יעטצט צערשטערען, דאָרט...“

ער האט זיך דערבייא אָנגעבויגען ביים פענסטער און ארויס געקוקט אין דרויסען. זיין בליק איז געפאלען אונטען צום טראָטואר, וואו דיא שטיינער זיינען

געוועזן הארט, און ער האט זיך פארגעשטעלט. ווען ער זאל זיך ארונטער ווארפען פון פענסטער, וועט ער אקוראט פאלען מיט זיין געהירן־מאשין אויף דיא שטיינער און ער וועט צערשמעטערט ווערען.

„גוט, גוט,“ האט ער ווייטער געברומט. „אזוי מוז עס זיין, ווען דיא לומפיגע מענשען ווייסען ניט וויא אנצוערקענען מיין ווערטה.“

דיא זון האט דאמאלס גראדע געהאלטען אין אונטערגעהען און ארויס גע־שיינט פון צווישען דיא וואלקען איבער דעם האטעל דאנוויער. דיא געלע בלעטלעך פון דיא בוימער זיינען בעלייכטעט געווארען פון דיא גאלדענע זונענשטראהלען, און נאנטאס האט זיך דאס אלעס פארגעשטעלט גלייך וויא דיא וועלט זאגט איהם „אדיע.“

ער האט בעשלאסען צו שטארבען און ער האט געוואלט האבען א לייכטען טויט. ער האט זיך אלץ מעהר ארויס געבויגען פון דעם פענסטער און איז שוין געווען דערבייא ער זאל זיך ארונטער ווארפען. אבער פלוצלינג, האט עס איהם אביסעל אויפגע־שוידערט, זיך דערמאהנענדיג וויא אונאנגענעהם אזא טויט מוז זיין.

„פע, אבשייליך,“ האט ער געמורמעלט, „צו בעגעהען אזוי זעלבסטמארד וויא, צום טייפעל, האט דאס ניט א מענש א רעוואלווער זיך אריין צו יאגען א קוגעל אין געהירן? עפעס זעהט דאס אויס אביסעל מעהר אנשטענדיג. וויא איז דאס ניטא אביסעל גיפט — צום טייפעל...“

בליקענדיג אזוי ארונטער, האט ער בעמערקט, אויף'ן טראטואר, פארביי־געהענדיג א יונגע דאמע מיט זעהר שעהנע האאר. ער האט דיא דאמע שוין עטליכע מאל געזעהען, און איהרע העררליכע פיגור מיט איהרע שטאלצע שריט, האבען צו־געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט.

ער איז ניט געווען ראמאנטיש געזאנען; ער איז שוין אויך פאראיבער יענע יאהרען, ווען דיא יונגע לייט טרוימען פון גרויסארטיגע־יונגע דאמען, וואס זאלען קומען און זייא גליקליך מאכען מיט זייער ליעבע. דעננאך, האט איהם דאס שעהנע געזיכט פון דיעזער דאמע, גראדע דאמאלס, אזוי פעראינטערעסירט, אז ער האט אויף איין אויגענבליק פערגעסען אן זיין זעלבסטמארד־אידעע.

וויא קען זיא הייסען? ווער איז זיא?

אונטערדעסען האט ער ווידער אמאל צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען און געקריצט מיט דיא צייהן, ווייל ער האט געשפירט א געוואלטיגען האס געגען אלע לייטע פון דעם האטעל, וועלכע ער האט בעטערקט לעבענדיג אין גרעסטען לוקסוס.

„אך ! " האט ער געברומט, „איך וואָלט מיך פערקויפט צו אירגענד יעמאנד, װעלכער וואָלט מיר געהאָלפען צו בעשטייגען דיא ערשטע טרעפ צו מיין גליק !"

ער האט פיעל נאכגעדענקט איבער דער אידעע פון פערקויפען זיך. ער האט זיך פאָרגעשטעלט, ווען עס זאָל זיין אירגענדוואו א פראַצענטניק, וואס זאָל באָרגען געלד אויף מאכט און ענערגיע, וואָלט ער זיך אליין פערמשכון'ט.

אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך פאָרגעשטעלט פערשיעדענע בילדער: ער האט געזעהען א פאָליטיקער וואס איז איהם געקומען אָבקויפען פאר זיינע א ווערקצייג; א באנקיער וואס וויל אויסניטצען זיין פערשטאנד און שארפזיניגקייט און נאך אנדערע.

יא, ער איז געווען בערייט אלעס צו טהון, אלעס צו אָפּפערן, עהרע, קראפט, מאכט און אויס דויער, אבי ער זאָל קענען ערגרייכען זיין ציעל.

פּלוצלינג איז איהם פאָרגעקומען דיא אידעע פון פערקויפען זיך צום טייפעל.

ער האט אפילו אין טייפעל ניט געגלויבט, אָבער דאָך, ווער ווייס, אזוי פיעלע מענשען בעהויפּטען, אז עס גיבט א טייפעל, פיעללייכט איז ער טאקי דאָ.

„דער טייפעל !" האט ער אויסגעשריען, „זאָל זיין דער טייפעל ! אָבער וואו איז ער ?"

דאן האט ער זיך דערמאָהנט, אז דאס אלעס איז א פוסטע נארישקייט, און דיעזע אלע, וואס ווארטען אויף טייבעלעך פון דעם הימעל אָדער פון דער העללע, ווארטען אזוי לאנג ביז זייא קראפּירען פאר הונגער.

ער האט מורא געהאט זיך זעלבסט צו בעשולדיגען אין פיינהייט, און ער האט ווידער אמאל אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען זעלבסטמאָרד.

„נו, וואס קען מען טהון ?" האט ער זיך געטראַכט, „ווען עס איז נישטאָ קיין אנדער מיטעל, איז ארונטער ווארפען זיך פון פענסטער, אויך גוט."

ער האט דאן בעשלאָסען צו ווארטען ביז עס וועט פינסטער ווערען, און דאן זאָל ער זיך ארונטער ווארפען.

מיט דיעזע געדאנקען און פּלענער, האט איהם דיא מיעדקייט בעזיעגט און ער איז צוריק געפאלען אין א שטוהל שרעקליך פערמאטערט. ער איז אזוי איינגעשלאָפען. זיין שלאָף האט ניט לאנג געדויערט, דען עס איז נאך ניט געווען שטארק

פינסטער, ווען ער האט דערהערט שטימען נעבען זיך. דיא האָטעל דיענערין, וועלכע האט אכטונג נעגעבען אויף זיין צימער, האט אריין געלאָזען א דאמע אין זיין צימער.

דיא דיענערין האט זיך ענטשולדיגט מיט דיעזע ווערטער:

„מיין הערר, איך האב מיר גענומען דיא פרייהייט אריין צו וויזען אהער...“

נאָר אזוי וויא זיא האט געזעהען, אז עס איז פינסטער אין צימערל, האט זיא זיך זעלבסט אונטערבראָכען און איז ארויס געלאָפען ברענגען א ליכט. עס האט אויסגעזעהען, אז זיא האט געקענט דיא פערזאָן, וועלכע זיא האט בעגלייטעט.

„בלייבט דאָ,“ האט זיא דאן געזאגט ווען זיא האט אריין געבראכט א ליכט, ניעמאנד וועט אייך שטערען.“

נאנטאס, וועלכער האט ערוואכט מיט א ציטער, האט געבליקט צו דער איינטרעטענדע דאמע, מיט ערשטוינונג. ער האט זיא נאך אין זיין לעבען ניט געזעהען. זיא האט דערוויל ארונטער גענומען דעם שלייער פון איהר פנים. זיא האט אויסגעזעהען פון א יאָהר פינף־און־פערציג, ניעדריג, זעהר פעט מיט א רונדעס און ווייסעס געזיכט, וואס האט אָנגעצייגט זעהר ווייניג זאָרגען אין איהר לעבען.

נאנטאס האט פראָבירט זיך צו דערמאָהנען טאָמער האט ער זיא ערגיץ געזעהען, אָבער ער האט זיך אום קיינעם פרייז ניט געקענט ערמאָנערן.

ער האט זיך ענדליך אויפגעהויבען און איהר אָנגעבאָטען דעם איינציגען שטוהל וואס ער האט געהאט צום זיטצען. זיא האט איהם שארף אָנגעקוקט און געענטפערט:

„מיין נאמען איז מאדמאָאזעל שין... איך בין געקומען, מיין הערר, אין זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.“

זיא איז שוין אפילו געוועזען אביסעל צו אלט פיר א פריילין, אָבער נאנטאס האט זיך ניט געוואונדערט דאריבער. אין פאריז איז ניט קיין נייעס צו הערען וויא אזעלכע פרויענצימער און נאך עלטערע רופען זיך מאדמאָאזעל.“

נאכדעם וויא זיא האט זיך געזעטצט, האט ער זיך אויך צוגעשפארט בייא דער זייט פון זיין בעט. מאדמאָאזעל שין'ס נאמען, האט איהם פארלויפיג נאך גאר ניט דערצעהלט און ער האט געוואַרט אויף א ווייטערע ערקלערונג. ער האט אויף בעשלאָסען צו זיין געדולדיג און אויסהערען וואס זיא האט איהם צו זאָגען.

זיא ווידער, האט אויסגעזעהען זיך ניט צו איילען; זיא האט געבליקט ארום אין קליינעם צימער און האט אביסעל נעצענערט, גלייך וויא עס וואלט איהר געווען צו שווער ארויס צו ברענגען וואס זיא האט איהם מיטצוטהיילען.

ענדליך האט זיא געשפראכען אין זעהר א צארטער און ווייבער שטימע און אויסציהענדיג כמעט יעדעס ווארט. זיא האט אויך זעהר אפט געשמייכעלט.

„מיין הערר,“ האט זיא אנגעפאנגען, „איך בין געקומען צו אייך אלס א פריינד... מען האט מיר מיטגעטהיילט איבער אייך, אז איהר זייט זעהר איין עהרענ־האפטער און אנשטענדיגער יונגערמאן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען און מיך ניט רעבענען פאר קיין שפיאן, ווען איך האב איבער אייך נאכגעפרעגט. דיא אורזאכע, ווארום איך האב איבער אייך נאכגעפרעגט, איז געווען, וויל איך האב אין אייך דיא גרעסטע אינטערעסע און איך בין פעסט ענטשלאסען אייך צו העלפען.“

נאנטאס האט צו איהר געבליקט מיט זיינע גרויסע און ערשטוינטע אויגען; ער האט געוואלט אויפציהען מיט דיא אקסלען, אבער ער האט עס ניט גע־טהאן.

„איך וויס,“ האט זיא פארטגעזעטצט, „וויא שווער און ביטער איהר האט זיך לעטצטענס געפלאגט. איך בין בעקאנט דערמיט, וויא מוטהיג איהר האט גע־קעמפפט אום צו קריעגען א פאסטען, און איך וויס אויך פון אייער געגענווערטי[illegible]ר פערצווייפעלטער לאגע, נאך אזוי פיעלע אנשטרענגונגען... ענטשולדיגט מיר נאך אמאל, מיין הערר, ווארום איך האב געוואגט אזוי איינצודרינגען אין אייער פריוואט לעבען. איך שווער אייך, אז בלויז מיין סימפאטהיע...“

אונגעאכטעט דארויף וואס נאנטאס איז געווארען נייגיעריגער און אונגע־דולדיגער מיט יעדען ווארט וואס זיא האט דערצעהלט, האט ער זיא דאך ניט אונ־טערבראכען. ער האט בלויז געטראכט, אז דאס אלעס וואס זיא וויס, האט זיא וואהרשיינליך ארויס געקריעגען פון דער האטעל־דיענערין.

וועהרענד איהר שפרעכען, האט ער בעמערקט, אז זיא וויל אלץ זיין העפליך און אנשטענדיג, און וואס זיא האט אין זינען פארצולעגען, וויל זיא עס זאגען אזוי שעהן וויא נאר מעגליך.

„מיין הערר,“ האט זיא וויטער געזאגט, „איהר זייט א יונגער מאן מיט א גלענצענדער צוקונפט פאר אייך. יא, יא, איך האב מיר ערלויבט אויך אויפצו־פאסען אויף אייער ענערגיע, און איך בין געווען ערשטוינט צו זעהען אייער שטאנד־האפטיגקייט און געדולד אין מיטען פון איין אונגליק נאך'ן צווייטען. מיט איינעם

ווארט, מיט אייער געדולד, ראכט זיך מיר, אז איהר וואלט געקענט זעהר ווייט געהן, זעהר פיעל ערגרייכען, ווען יעמאנד זאל אייך נאר אויסשטרעקען א העלפענדע האנד..."

זיא איז ווידער אמאל שטיל געבליעבען און געווארט צו הערען עפעס א ווארט פון איהם.

נאנטאס האט גערעכענט, אז זיא איז געקומען איהם אנצוביעטען א פאסטען.

„יא, יא, מאדאם," האט ער געזאגט, „איך בין בערייט אלעס צו אקצעפּ־טירען, ווירקליך אלעס, ווייל, לויט וויא איך הער, ווייסט איהר שוין פון מיין צו־שטאנד."

א צופריעדענער שמייכעלע האט זיך בעוויעזען אויף איהרע ליפּען, און זיך בענוטצענדיג מיט דער געלעגנהייט, האט זיא געפרעגט:

„וויא, צום ביישפּיעל, וואלט עס געווען, איך זאל אייך פארשלאגען איהר זאלט הייראטהען?"

נאנטאס האט געמיינט, אז מאדמאאזעל שין וויל זיך אליין זיין א שדכן'טע. ער האט זיא אבגעמאסטען מיט זיינע אויגען, און אבוואהל זיא האט אויף איהם ניט געמאכט קיין זעהר גוטען איינדרוק, האט ער זיך געטראכט, אז פאר נויט הייראטעט מען אויך אזא פעטע פּרוינצימער.

ער האט אבער אונטערדעסען בעמערקט:

„הייראטהען! מיין גאט, דאס איז א שעהנע געשיכטע? ענטשולדיגט מיר, מאדמאאזעל, ווער וועט דאס וועלען הייראטהען מיט אזא שלים־מזל וויא איך בין? דאס קען נאר זיין עפעס איין ארמעס מעדכען, און דאן איז עס נאך ערגער, ווייל איך וועל זיא ניט קענען ערנעהרען."

„אה ניין," האט זיא געענטפערט לאכענדיג, „גראדע אומגעקעהרט, א רייכעס מעדכען, זעהר רייך, און דערצו זעהר שעהן. זיא שטאמט פון זעהר א וויכטיגער פאמיליע, וועלכע וועלען אייך געבען אין דער האנד מיט אלעס מעגליכע אום איהר זאלט קענען ערגרייכען דיא העכסטע שטופע."

נאנטאס האט פריהער געלאכט, נאר יעטצט איז ער פּלוצלינג געווארען ערנסט.

„א שעהנעס מעדכען? רייך?" האט ער געמורמעלט.

זיא האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ „יא".

נאנטאס האט שוין פערשטאנען. ער האט בעגריפען, אז דא האנדעלט זיך וועגען איי, אפשר פון זיין זייט.

„און וואס ווערט פערלאנגט פון מיר?“ האט ער געפרעגט אין א ניעדריגען טאן.

זיא האט זיך אביסעל אויסגעהוסט און געענטפערט:

„דיעזעס מעדכען, פערשטעהט איהר, איז יעטצט שוואנגער, און דאס קינד דארף בעשטימט ווערען אלס איין עהרליכעס קינד.“

זיא האט דיא לעטצטע ווערטער שנעל ארונטער געשפראכען און דאן האט זיא געגעבען א זיפץ.

אנפאנגס איז נאנטאס'ן איינגעפאלען, ער זאל כאפען דיא פעטע שדכנ'טע און זיא ארויס ווארפען. ער האט זיך אבער בערוהיגט און בלויז געזאגט:

„אייער פארשלאג, מאדמאזעל, איז אונפערשעהמט, אונפערשעהמט, איהר הערט?“

„אך, אונפערשעהמט!“ האט זיא געענטפערט מיט איהר ווייבער שטימע, „איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מיין הערר, איך וויל ניט הערען אזא ווארט... דיא וואהרהייט איז, אז איהר וועט רעטען א פאמיליע פון דער גרעסטער פערצווייפלונג. איהר פאטער וויים קיין זאך; דיא שוואנגערשאפט, איז נאך ניט וויים פארטגע־שריטען. דאס איז מיין אידעע, מיין פארשלאג, אז דאס מעדכען זאל הייראטהען אזוי שנעל וויא מעגליך, און פארשטעלען איהר מאן, אלס דעם פאטער פון איהר קינד. דער פאטער פון דיעזען מעדכען, איז דיא עהרענהאפטיגקייט זעלבסט, און איך בין זיכער, דאס ווען ער זאל ערפאהרען פון דער וואהרהייט, וואלט עס איהם געטויטעט. מיין אידעע אלזא, איז דאס איינציגע מיטעל וואס איך האב פארגע־שלאגען, וועלכעס קען אלעס פעררריכטען... דאס טרויעריגסטע בייא דיעזער גע־שיכטע איז, וואס דער פערפיהרער, דער שופט וואס האט פעראונגליקט מיין ארמע ווירטהין, איז א פערהייראטעטער מאן. אך, מיין הערר, עס געבען מענער, וועלכע האבען ווירקליך קיין עהרענגעפיהל אין זיך...“

זיא וואלט אזוי אוועק געפלוידערט א היבשע צייט, ווען נאנטאס וואלט ניט אויפגעהערט זיך צו צוהערען צו איהרע ווערטער.

ער האט איבערגעדענקט דעם פארשלאג, און ער האט זיך יעדעס מאל מעהר בערוהיגט.

ווארום זאל ער ענטזאגען? האט ער זיך געפרעגט. האט ער דען ניט מיט שליכע מיטטעל פריהער זיך געוואלט פערקויפען? האט ער דען ניט געהאלטען

דאבייא זיך איבערצוגעבען זאָגאר צום טייפעל? וואס איז אלזאָ דער אונטערשיעד? א טייפעל אָדער א שוואנגערעס מעדכען? איבריגענס, איז א שוואנגערעס מעדכען נאָך גאר ניט אזוי שלעכט, איבערהויפּט ווען זיא איז רייך.

ער האט זיך אלעס איבערלעגט וואס מען פערלאַנגט פון איהם. ער דארף בלויז געבען זיין נאמען און דאפיר קריעגט ער א גוטען פּאָסטען. עס איז א קאָנטראקט וויא אין אלע אנדערע מסחרים: איינער גיבט א געוויסען געגענשטאנד און דאן קריעגט ער איין אנדערן אין אויסטויש.

זיין בליק איז געפאלען אויף זיינע הויזען, שמוטציג פון דיא פּאריזער בלאָטעס; דאן האט ער זיך דערמאָהנט וויא דאס שיקזאל האט איהם אָנגעשפּיענען אין פּנים מיט דעם שמוטץ פון דער שטראַסע, און ער האט אויך דערשפּירט וויא זיין הארץ קלאַפּט איהם.

דאס טרויעריגע בילד פון דיא פערגאנגענע צווייא מאָנאט אין פּאריז, זיין ערניעדריגונג און ליידען, אלעס איז אויפגעשטיעגען פאר זיין פאנטאזיע.

„ענדליך!" האט ער זיך געטראכט, „איז געקומען דיא צייט איך זאָל ארויף שטעלען מיין פוס אויף דער גאנצער מאַסע וואס האט מיך געשליידערט און געשטויסען אויף'ן טראָטואר, און מיך געטריעבען צו בעגעהען זעלבסטמאָרד!"

ער האט לייכט געקריצט מיט דיא צייהן, און דאן האט ער געענטפערט קורץ:

„מאַדאם, איך אקצעפּטיר!"

אונטערדעסען האט ער זיך אביסעל ערהאָלט פון זיין אויפרעגונג און ערזוכט מאדמאָאזעל שין, זיא זאָל איהם אָבשילדערן אלע איינצעלהייטען. דאן האט ער זיא געפרעגט וואס זיא פערלאַנגט פיר איהר ארבייט. אָבער זיא האט העפטיג פּראָטעסטירט און ערקלערט, אז זיא טהוט עס נאָר אויס גוט־הערציגקייט.

טראָטץ דעם אָבער, האט זיא געזאָגט, אז זיא וואָלט ניט געווען דאגעגען, צו אקצעפּטירען דיא סומע פון צוואנציג טויזענד פראַנקס פון דעם געלד וואס ער וועט קריעגען.

אזוי וויא ער האט דאמאלס ניט געהאַלטען דערבייא זיך צו דינגען און איינגעשטימט צו איהר פאָדערונג, האט זיא איהם דאן אלעס ערקלערט.

„הערט אויס," האט זיא ווידער אָנגעפאנגען, „איך בין געווען דיעניגע, וואס האט פון אייך פריהער גערעדט. ווען איך האב איהר דערצעהלט איבער אייך און אייך פאָרגעשלאָגען, איז זיא ניט געווען דאגעגען... ווירקליך, נאָך אלעמען, איז דאס א גרויסארטיגעס געשעפט, און איהר וועט זעהען וויא איהר וועט מיר דאנקען.

איך בין זיכער, אז איך האב געקענט געפינען א מאן מיט א הויכען טיטעל דאפיר, און איך קען איינעם, וואס וואָלט מיר געקושט דיא הענד פאר דאנקבארקייט; אָבער איך האב גערעכענט, אז אמבעסטען איז צו נעהמען א מאן פון איין אנדערע קלאַסע מענשען. דאס וועט זיין מעהר ראָמאַנטיש... דאן, וועל איך אייך זאָגען דיא וואהרהייט, אז זייט איך האב אייך געזעהען, בין איך צונטצוויגען געוואָרען צו אייך, וויא א מאגנעט. איהר זייט א שעהנער יונגער מאַן, און, איך צווייפעל ניט, אז איהר זייט אויך א פעהיגער מענש. בייא מיין וואָרט, איהר וועט אמאל ערגייכען זעהר וויים. איך ווייס וואס איך זאג, און ניט נאָר איינמאל האב איך געטראָפען. איהר מעגט זיכער זיין צו יעדער צייט מיט מיר, און וועָן. איהר וועט עפּעס בענעטהיגען, וועל איך אימער זיין בערייט אייך צו דיענען."

ביז דאמאלס האט מען נאך קיין נאָמען דערמאָהנט. אָבער נאַנטאַס האט שוין מעהר ניט געקענט בלייבען אזוי גלייכגילטיג וויא פריהער, און געזאָגט:

„ענטשולדיגט מיר, ביז יעטצט האב איך געשוויעגען און מיך ניט אינטע־רעסירט פיעל מיט דער סחורה וואס איך קויף אָדער וואס קויפט מיך. נאָר יעטצט, וועט איהר אזוי גוט זיין און מיר וועניגסטענס מיטטהיילען דיא נעמען פון..."

מאדמאָאזעל שין האט זיך שנעל אויפגעהויבען, און זיך פערנייגענדיג מיט דער מיענע פון איין אבגעריכטעטע דיענערין, האט זיא איהם אונטערבראָכען און געענטפערט:

„מיין נאָמען איז מאדמאָאזעל שין; איך בין דיא גאָווערנאַנטין אין דעם הויז פון באראָן דאַנוויער, זייט דער צייט וואס דיא באראָנין איז געשטאָרבען. איך בין געווען דיעיעניגע וואס האט אויפגעצויגען מאדמאָאזעל פלאַוויע, דעם באראָן'ס טאָכטער.. מאדמאָאזעל פלאַוויע, וויא איהר מערקט זיך דאָ, איז דיא פערזאָן אין וועלכער איהר בעדארפט האבען דיא הויפט אינטערעסע."

בייא דיעזע ווערטער איז זיא צוגעגאַנגען צום קליינעם טישעל און אוועק געלייגט א פערמאכטען קאָנווערט, וואו עס איז געלעגען א באנק־נאָטע פון 500 פראַנקס דאס איז געווען דער דארויף פון דעם מסחר. דאן האט זיא זיך צורעכט געמאכט דעם הוט אויף'ן קאָפּ, זיך טיעף פערנייגט, און ווינשענדיג א העפליכען „באָן סאָאר" (גוטע נאכט) איז זיא ארויס פון דעם צימער.

ווען נאַנטאַס איז ווידער אמאל געבליעבען אליין, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער. אין דרויסען איז געווען שטארק פינסטער. מען האט נאָר געקענט זעהען דיא גרויסע מאסע בוימער בעלייכטעט פון דיא שטראַסען־פאנארען.

האנדרענדיג מיט זיינע אויגען, האט ער ערבליקט איין אָפענעם פענסטער געגענ־
איבער דעם האָטעל.

„אלזאָ, זיא איז עס געוועזן, דאס הויכע און שעהנע מעדכען וואס האט אזוי
אָפט שפּאצירט אין פראָנט פון דעם האָטעל, און האט אפילו קיינמאל זיך ניט
געוואָלט אומקוקען צו איהם.

„וואס איז דער אונטערשיעד ?" האט ער געברומט, „זיא אָדער איין אנדערע ?
עס בלייבט זיך גלייך. דיא פרוי, ווער זיא זאָל זיין, שפּיעלט דאָ ניט קיין ראָלע, דיא
הויפּטזאך איז דער געשלאָסענער מסחר."

דאן האט נאנטאס געבליקט ווייטער, איבער פּאריז, וואס איז געלעגען איינ־
געוויקעלט אין קאָלירטען ליכט פון דיא שטראסען. ער האט זיך געמערקט דיא
גאסען, דיא מויערן, דיא פּאלאסטען און דיא גאנצע הערליכקייט וואס בילדעט
דיא פרעהליכסטע שטאָדט אין דער וועלט.

ער האט פערגעסען אן זיין פערגאנגענהייט, אפילו אן זיין הונגער. פאר איהם
האט נאָר געלעבט דיא געגענוואַרט, פון וואנען ער האט געזעהען אויפבליהען דיא
צוקונפט. ער האט געשפּירט א געוואלטיגע טהעטיגע מאכט אויפשטייגענדיג אין
זיינע גליעדער און אין זיין גאנצער זעעלע.

מיט דעם טאָן פון א הערשער, האט ער דאן אויסגעשריען:

„פּאריז! דוא ביסט מיינעס! יעדער מוז ליעגען צו מיינע פיס, אָדער דיא
ענערגיע וואס געהט פאָר אין מיר, איז משוגעת, פעררירקטהייט און וואהנזינן! איך
האב בעשטיעגען דיא ערשטע טרעפּ, און איך מוז ווייטער געהען, ביז איך וועל ער־
רייכען דעם הויכען שפּיץ."

2.

באראָן דאנווער איז געזעסען אין זיין שטודיר־צימער, האלטענדיג זיין האנד
ביים שטערען. דאס צימער איז געוועזן אויסגעשטאטעט מיט אלט־מאָדישע מעבעל
בעדעקט מיט לעדער.

זייט צווייא טעג איז דער באראָן געוועזן אויסער זיך פיר צאָרן און אויפרעג־
גונג, נאכדעם מאדמאזעל שין האט איהם דערצעהלט איבער דעם פאל מיט זיין
טאָכטער.

„מיין גאָט! מיין גאָט!" האט ער געקלאגט, „איז דאס מעגליך? איז דאס
מעגליך?"

אומזיסט האט זיך מאדמאַאזעל שין בעמיהט צו שטודירען דיא געשיכטע אין א מילדען טאָן און בעוויזען, אַז, נאך אלעמען, איז פלאוויע ניט אין גאַנצען שולדיג און אין אנדערע גרויסע הייזער, זיינען נאך גרעסערע געמיינהייטען בעגאַנגען געוואָרען.

דער אלטער האט זיך ניט געקענט טרייסטען מיט דיא געמיינהייטען פון אנדערע, און דיא טהאטזאכע, אַז זיין טאָכטער איז געפאלען, איז שוין געווען גאַנץ גענוג אום ניט צו וועלען וויסען פון אנדערע אורזאכען.

אונטערדעסען האט דער באראָן איינגעזעהען, אַז ער מוז זיך טרייסטען דער־מיט, וואס זיין טאָכטער׳ס פערפיהרער איז וועניגסטענס בערייט ווידער אלעס גוט צו מאכען דורך א הייראטה.

צור צייט וואס מיר ערבליקען איהם זיטצענדיג אין זיין שטודיר־צימער, האט ער ערווארטעט זיין טאָכטער׳ס פערפיהרער זאָל קומען מיט איהם צו האבען איין אונטעררעדונג. ווער ער איז און וואס ער איז, האט ער נאך ניט גענוי געוואוסט, אָבער דאס איז איהם געווען בעקאַנט, אַז דער פרעמדער קומט פון איהם אוועק צו נעהמען זיין טאָכטער, וועלכע ער האט געליעבט וויא זיין לעבען.

ער האט זיך העפטיג געריבען דעם שטערן אום וויא צו ערוואכען פון א שוידערהאפטען חלום. דאַן האט ער אָנגעקלונגען. דער דיענער איז ער־שיענען.

„זשאָזעף !" האט ער צו איהם געזאגט, „דאָ וועט באלד ערשיינען א יונגער מאַן. וויא ער וועט נאָר קומען, זאָלסטו איהם אריין וויזען אהער אין צימער. דוא הערסט ? דאַן, זאָלסטו וויסען, אַז וועהרענד דער יונגער מאַן וועט זיין מיט מיר צוזאמען, בין איך פאר קיינעם ניטאָ. ווער עס וועט פרעגען אויף מיר, מוזטו ענטפערן, אַז איך בין אוועק געגאַנגען. יעטצט געה."

דער דיענער איז ארויס, און דעם אלטען׳ס אויגען זיינען נאס געוואָרען מיט טרערען.

און, יא, מאדמאַאזעל שין האט איהם דאך עפעס דערצעהלט איבער זיין טאָכטער׳ס פערפיהרער. עס האט איהם געקלונגען אין דיא אויערן דיא ווערטער: „דער זוהן פון א מויערער," „איין ארמער," און, „נאך אלעמען, א מענש מיט זעלטענע פעהיגקייטען."

שוין ניט רעדענדיג פון קיין דייטען־זאכען, איז דאס זעלבט געווען דיא גרעסטע שאנדע פאר זיין פאמיליע.

מיט א טאָג פריהער, האט ער געשפּראָכען מיט זיין טאָכטער פלאוויע דאַ ריעבער. ער האט איהר געמאכט פאָרווירפע, און זיא, אין איין אויסגרוס פון צאָרן, האט זיא גענומען אויף זיך אליין דיא גאנצע שולד, און האט זאָגאר ניט צוגעלאָזען, ער זאָל אויסזידלען איהר גאָווערנאנטין.

זייט דיעזער שמערצהאפטער ערקלערונג, האט דער אלטער באראָן שוין מעהר ניט געזעהען זיין טאָכטער; זיא איז געזעסען אָבגעשלאָסען אין איהר צימער. דיא וואהרהייט איז, דאס פאטער און טאָכטער, האבען איינער דעם צווייטען מעהר ניט געוואָלט בעגעגענען אום זיך צו ערשפּארען דיא שמערצען פון נאך אמאל פערוויקלען א געשפּרעך דאריעבער.

זייט דיא לעטצטע עטליכע טעג, פון דער צייט וואס מאדמאָאזעל שין האט איהם צום ערשטען מאל אלעס דערצעהלט, זיינען זיינע גרויע האאר געוואָרען וייס וויא מילך.

ער האט שוין געמאכט דעם גאנצען פּלאן וואס עס זאָל געשעהען. עס איז געווען פערפאלען, און ער האט זיך בעדאַרפט צופריעדען שטעלען, וואס עס איז ניט נאך ערגער.

וועהרענד דער אלטער באראָן איז געזעסען אין דער גרעסטער אונגעדולד, איז ערשיענען דער דיענער און אָנגעציינט:

„מאָנסיע נאנטאס!“

דער באראָן האט זיך אויפגעהויבען. ער האט בלויז אומגעווענדעט זיין קאָפּ, און זיינע אויגען זיינען געפאלען מיט א שארפען בליק אויף דעם יונגען מאן וואס איז איהם ענטקעגען געגאנגען.

נאנטאס איז געווען קלוג גענוג, זיך ניט צו קויפען נייע קליידער, אָבוואָהל ער האט געהאט געלד. ער האט זיך בלויז איינגעשאפט א געטראָגענעם שווארצען אנצוג, וועלכער איז נאך געווען גאנץ ריין, אָבער דאָך ניט נייא.

דאס האט איהם פאָרגעשטעלט פאר איין ארמען אָבער ריינליכען סטודענט, מיט דעם שטעלל פון א וואוילען־יונג.

נאנטאס איז צוגעגאנגען ביז צום מיטען צימער און איז געבליעבען שטעהן וואַרטענדיג, מיט איין אונטערטהעניגער מיענע אויף זיין געזיכט.

„אזוי, אזוי,“ האט דער אלטער געזאגט ציטערענדיג פאר אויפרעגונג, „איהר זייט דאס דער חברה־מאן? שעהן פון אייך, מיין הערר, זעהר שעהן!“

ער האט ניט געקענט ווייטער רעדען פאר צאָרן. אָבער דער שטאָלצער באראָן האט זיך אונטערדעסען בעמיהעט ניט ארויס צו ווייזען זיין אויפרעגונג; ער

האט געוואָלט ערשיינען פאר זיין טאָכטער'ס פערפיהרער, אזוי גלייכגילטיג וויא נאָר מעגליך.

נאך איינינע אוינענבליקען שטילשווייגען, האט ער וייטער געזאנט.

„מיין הערר, איך זאָג איך, אז איהר האט געהאנדעלט זעהר ניט גוט, זעהר שלעכט!"

„אָבער..."

דער אלטער האט א מאך געגעבען מיט דער האנד און ניט געלאָזען נאנטאס'ן זיך פערטהיידיגען. ער האט דאן פאָרטגעזעצט אין א ציטערענדער שטימע:

„זעהר שלעכט געהאנדעלט... וואס טויגען אייך דיא רייד? איך וויל פון נאר ניט וויסען. איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר קיין זאך ערקלערען. זאָגאר דאן, ווען מיין טאָכטער וואָלט זיך אויף אייך ארויפגעוואָרפען, ווען מיין טאָכטער וואָלט אייך דערצו געפיהרט, איז עס נאך אימער דאסזעלבע פערברעכען... קיין עהרענמאן ווער דאס ניט טהון. נאר גנבים כאפען זיך אריין אין אנשטענדיגע פאמיליען אום צו קענען דורכפיהרען אזא רויב!"

נאנטאס האט ווידער אמאל איינגעבויגען זיין קאָפ און געשוויגען.

„אָט דאס הייסט גרינג פערדיענט א פעטען נדן!" האט דער אלטער גער ברומט, „יא, יא, אזוי שטעלט מען עס אויס א נעטץ אום אריין צו כאפען פאטער און טאָכטער..."

„ערלויבט מיר, מיין הערר," האט שוין נאנטאס געזאָגט איהם אונטערברעכ־ בענדיג, נאכדעם וויא ער האט מעהר ניט געקענט ערטראגען דיא זידלערייא.

אָבער דער באראָן האט ווידער געמאכט א העפטיגע בעוועגונג מיט זיינע הענד.

„וואס? איהר ווילט זיך פערטהיידיגען?" האט ער געשריען, „וואס זאָל איך אייך ערלויבען? וואס קען איך אייך ערלויבען צו זאָגען? איהר האט דאָ גאר ניט וואס צו רעדען. איך זאג אייך נאר וואס איך מוז אייך זאָגען, און איהר מוזט אלעס אויסהערען און שווייגען, ווייל איהר זייט דער שולדיגער. יא, איהר זייט דער שולדיגער, ניט קיין אנדערער, ווייל איין עהרענמאן מוז אימער וויסען וויא זיך צו בעהערשען און וויא אנדערע צו רעגולירען. איהר האט מיך געשענדעט און ער־ ניעדריגט. זעהט איהר דיעזעס הויז? זייט דיא לעטצטע דרייא הונדערט יאָהר האט אונזער פאמיליע געלעבט אָהן א פלעק. שפירט איהר ניט, אז אין דיעזען הויז גער־ פינט זיך נאך אונזער אלטע עהרע און רעספעקט? גוט, מיין הערר, איהר האט

דאס אַלעס געטרעטע מיט דיא פיס, און איהר האט מיר גענעבען דעם גרעסטען פּאטש אין פּנים. וויא אַזוי איך בין ניט געשטאָרבען פאר שאנדע, קען איך זעלבסט ניט בעגרייפען, איך ציטער פון קאָפּ ביז פוס, און איך בין עלטער געוואָרען מיט צעהן יאָהר זייט דיא לעצטע פּאאר טעג... איך בעט אייך, עס איז גענוג, איהר זאָלט קיין וואָרט רעדען, זאנדערן הערט מיך אויס."

נאַנטאס איז געוואָרען בלאַס.

ער האט זיך אפילו פריהער פאַרגעשטעלט, אז דאָ וועט זיין צו שפּיעלען א שווערע ראָלע, אָבער ער האט קיין בעגריף געהאט אויף וויא וויים דער אַלטער מאַן וועט איהם ריהרען.

ער וואָלט פיעללייכט שוין חרטה געהאט אויף דעם גאַנצען מסחר; אָבער עס איז געווען צו שפּעט, און זיין אייזערנער כאַראַקטער האט איהם געהייסען ווייטער קעמפּפען.

„איך האב אליין ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט," האט נאַנטאַס געזאָגט אַלס פערטהיידיגונג, „און מאַדמאַאזעל פלאוויע..."

בייא דיא ערמאַנערונג פון זיין טאָכטער'ס נאמען, איז דער באַראָן אויפגע־שפּרונגען וויא געביסען פון א שלאַנג. ער האט אויסגעשריען מיט א דאָנערענדער שטימע:

„גענוג! גענוג! איך האב אייך געזאָגט, אז איך וויל פון גאר ניט וויסען! אויב מיין טאָכטער האט אייך אויפגעזוכט, אָדער איהר זייט געקומען צו איהר, בלייבט מיר גלייך און עס אינטערעסירט מיך ניט. איך האב זיא ניט געפרעגט און איך פרעג אייך אויך ניט. האלט זיך ביידע מיט אייערע סודות, איך וויל דער־פון ניט וויסען. דיא בלאָטע איז צו שמוטציג אום איך זאָל אויך אהין אריין שטעקען מיין פוס."

דער באַראָן האט זיך צוריק געזעטצט ציטערענדיג פאר אויפרעגונג.

נאַנטאס האט געשוויעגען און געבליקט מיטלליידיג צו דעם בעלייִדיגטען פאטער.

עס איז ווידער פאַראיבער אייניגע מינוטען אין שטילשוויינען, ווען דער אַלטער האט נאָך אמאָל געפּאַסט מוטה און מיט א האלב־הייזעריגע שטימע אָבער אין א געשעפטמעסיגען טאָן, האט ער פאָרטגעזעטצט:

„ענטשולדיגט מיר, מיין הערר, איך האב מיר פערשפּראָכען צו זיין רוהיג. דיא וואָהרהייט איז, דאס ניט איהר זייט אין מיין מאכט, זאָנדערן איך בין אין אייער

מאכט. איהר זייט דאָ געקומען מיר צו מאכען א פאָרשלאג, צו וועלכעס איך בין גער צוואונגען איינצושטימען. אָט דאס איז דער וואהרער צושטאנד. אלעס אנדערע איז איבריג. אום צו ערשפּארען אויפרעגונג, לאָמיר שנעל פערטיג ווערען."

פון דיעזען מאָמענט אָן, האט דער באראָן אָנגעפאנגען צו רעדען וויא איין אדוואָקאט, וועלכער האט אויף זיך גענומען דיא אויפגאבע אָבצושליעסען עפּעס א שענדליכע טהאט, וועלכע איז איהם אונאנגענעהם, נאָר זיין געשעפט פאָרדערט עס.

ער האט אָנגעפאנגען אין א טאָן וואס האט אויסגעזעהען וויא פון א גאנץ פרעמדער פּערזאָן.

„מאדמאָאזעל פלאוויע דע דאנוויער," האט ער געזאָגט, „האט געירשה'ענט נאך איהר מוטער'ס טויט, דיא סומע פון צווייא הונדערט טויזענד פראנקס, וועלכעס דארף איהר אויסגעצאָהלט ווערען אין דעם טאָג פון איהר האָכצייט. דיעזעס געלד האט נאך צוגעקריעגען, זייט דאמאלס, א היבשען פּראָצענט. וואס עס אנבעלאנגט דיעזער ירושה, ליעגען בייא מיר אלע נעטהיגע פאפּירען, און איך, אלס איהר אפּיקון (בעשיטצער) בין בערייט אָבצוגעבען דעם געהעריגען חשבון. איהר וועט אזוי גוט זיין און זיך דאָ איינקוקען מיט מיר אין דיא פאפּירען."

ער האט געעפענט א פּאקעט פאפּירען און אָנגעפאנגען פאָרצולעזען חשבונות מיט ציפערן.

נאנטאס האט פּראָבירט איהם צו אונטערברעכען, אָבער עס האט ניט גער האָלפען.

„ניין, ניין, מיין העררע," האט דער באראָן געזאָגט, „עס געהט ניט אנדערש; געשעפט איז געשעפט, און איך מוז ערלעדיגען מיין פליכט. איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט מיך אויסהערען אויפמערקזאם."

דער באראָן האט אויסגעזעהען פאלקאָמען בערוהיגט און נאנטאס האט אין איהם דערקענט א פאָלקאָמענעם עדעלמאן, וועלכער האט איהם בעהאנדעלט מיט דעם גרעסטען רעספּעקט. בל־זמן ער האט מעהר ניט געשפּראָכען איבער זיין טאָכטער.

„ענדליך האב איך אייך מיטצוטהיילען," האט דער אלטער געזאָגט צום שלוס, „דאס איך האב היינט געלאָזען אויסארבייטען דיא נעטהיגע פאפּירען בייא איין אדוואָקאט, וויא איהר וועט קריעגען, פון מיין זייט, דיא סומע פון צווייא הונדערט טויזענד פראנקס. איך ווייס, אז איהר א..ין האט נאר ניט דיעזע צווייא

תנדערט טויזענד פראנקס, וועלען אייך אויסגעצאָהלט ווערען דורך מיין באנקיער, מיט א טאָג נאָך דער חתונה."

„אָבער, מיין הערר," האט נאַנטאַס געזאָגט פּראָטעסטירענדיג, „איך פערלאַנג פון אייך קיין געלד; איך וויל בלויז אייער טאָכטער..."

„איהר האט קיין רעכט זיך צו ענטזאָגען אָנצונעהמען דיעזעס געלד," האט איהם דער באראָן אונטערבראָכען, „דאן דארף מיין טאָכטער ניט הייראטהען מיט קיין מאַן וואס האט וועניגער געלד אלס זיא זעלבסט... איברינגענס, דארף דאריבער מעהר קיין רייד ניט זיין; איך גיב אייך בלויז דעם גדן וואס איך האב שוין לאנג פיר איהר בעשטימט. ווען איהר זאָלט רעכענען, אז איהר קענט פון מיר ארויס קריעגען מעהר, דאן פערזיכער איך אייך, אז דאס איז אונמעגליך, און דיא בעהויפּטונגען פון לייטע, אז איך בין אונגעהייער רייך, זיינען ניט וואהר."

דיא לעצטע ווערטער, פול מיט גיפט און ערביטערונג, האבען אוועק געטריבען פון נאַנטאַס'ן דיא שפּראַכע. ער האט שוין ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

נאַנטאַס האט זיך אָבגעווענדעט אויף א זייט צו פערבאָרגען זיין אויפרעגונג. דער באראָן האט דערווייל אָנגעקלונגען און דער דיענער איז ערשיענען.

„זשאָזעף," האט ער געזאָגט, „טהייל מיט מאדמאָאזעל פלאוויע, אז איך ווינש זיא זאָל גלייך אהער אריין קומען."

ער האט זיך אויפגעהויבען, און אָהנע ווייטער צו רעדען א וואָרט, האט ער אָנגעפאַנגען צו שפּאַצירען איבער דעם צימער הין און צוריק.

נאַנטאַס איז געשטאַנען אויף איין פּלאַטץ, און זיך ניט געקענט בעוועגען.

ער האט זיך געשפּירט ערניעדריגט און געמיין, ווען ער האט געפיהלט אויף זיא ווייט ער נארט דעם אלטען עהרענמאַן. אין זיין קאָפּ האבען געראַשט פערשיעדענע געדאַנקען.

וועהרענד דעם איז פלאוויע אריין געקומען

„מיין טאָכטער," האט דער באראָן געזאָגט זיך ווענדענדיג צו איהר, „דאָ איז דיעזער מאַן. דיא האָכצייט וועט שטאַטפינדען ווען דיא געזעטצליכע צייט וועט זיין פאַראיבער."

אָהנע ווייטער צו רעדען א וואָרט, האט ער זיך אומגעווענדעט און פערלאָזען דאס צימער, גלייך וויא פון זיין זייט, איז שוין אַלעס געענדיגט.

נאנטאס און פלאוויע זיינען געבליעבען אליין.

ווען דיא טהיר האט זיך צוגעמאכט הינטער דעם באראן, האט געהערשט אין צימער א טויטע שטילקייט.

נאנטאס האט ניט געוואגט אויפצוהויבען זיינע אויגען, נאר פלאוויע האט אויף איהם געקוקט, און ער האט געשפירט איהר בליק און ער האט זיך אויך אומ־געקוקט.

זייא האבען זיך צום ערשטען מאל בעגעגענט.

נאנטאס האט בעטראכט פלאוויע'ן, און ער האט קיין טעות ניט געהאט, ווען ער האט זיא גערעכענט פאר א גרויסער שעהנהייט. איהר געזיכט וואס איז דאמאלס געווען בלאס, האט אויסגעזעהען וויא דער פיינסטער מארמאר, און איהרע גרויסע בלויע אויגען, האבען ארויס געגלענצט פון אונטער צוויא שווארצע ברעמען.

עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט לעצטענס זעהר פיעל געוויינט, און דאס האט ארויס גערופען דיא שטארקע בלאסקייט אויף איהר געזיכט.

אבער וואס איז געלעגען אין איהר בליק?

יא, נאנטאס האט איהם פערשטאנען. אין איהר בליק איז געלעגען פיעל גלייכגילטיגקייט און ניט ווייניג פעראכטונג.

זיא האט איהם אבגעמאסטען מיט איהרע אויגען פון קאפ ביז פיס און אויף איהר געזיכט האט זיך קיין מיענע געוויזען.

זיא האט צו ערשט געשפראכען

„אלזא, מיין הערר,“ האט זיא געזאגט קאלט און ענטשלאסען, „דאס גע־שעפט איז אלזא געשלאסען?“

„יא, מאדאם,“ האט ער געענטפערט אויך גלייכגילטיג.

זיא האט איהם נאך אמאל גוט בעטראכט, גראדע וויא זיא וואלט וועלען אריין בליקען אין זיין טיעפער זעעלע אום אויסצוגעפינען זיין פערדארבענ־הייט.

„עס איז גוט,“ האט זיא דאן וויעדער געזאגט מיט א פעראכטענדען טאן, „איך האב מורא געהאט, אז עס וועט זיך קיינער ניט געפינען צו האנדלען אזא מציאה.“

נאנטאס האט געשפירט אין דעם טאן פון איהר שטימע, א גאנצע וועלט מיט פעראכטונג צו איהם.

ער האט פלוצלינג געפאסט א בעשלוס, און זיך געטראכט, אז ער וועט מיט איהר גאנץ אנדערש האנדלען וויא מיט איהר פאטער. דער באראן איז געווען גאנץ אונשולדיג און ער האט זיך געשפירט אלס פערברעכער אין זיין געגענווארט; זיא ווידער, איז אבער גראדע אזוי שולדיג געווען וויא ער אין דעם שווינדעל, און פאר איהר, האט ער געציטערט. דארף ער זיין פראנק און פרייא מיט זיין שפראכע.

„ענטשולדיגט מיר, מאדאם," האט ער געזאגט רוהיג און העפליך. „איך רעכען, אז איהר מאכט א גרויסען טעות דערמיט וואס איהר דענקט, אז איך שפיעל נאר דא דיא ראלע פון א פערברעכערישען פערטרעטער. מיין אבזיכט איז, דאס פון היינט אן און ווייטער, זאלען מיר שטעהען איינער צום אנדערן אויף א פוס פון גלייכהייט..."

„אה! ווירקליך," האט איהם פלאוויע אונטערבראכען, און אויף איהרע שעהנע ליפען האט זיך צום ערשטען מאל בעוויזען א שמייכעלע, אבער פול מיט פעראכטונג און שפאט.

„יא, יא, מאדאם," האט ער געענטפערט, „אויף א פוס פון גלייכהייט... איהר זוכט א נאמען צו פערבארגען א פעהלער, וועלכען איך וויל ניט בעאור־טהיילען, און איך גיב אייך אלזא דיעזען נאמען. איך ווידער, פון מיין זייט, זוך א קאפיטאל מיט א צוטרים אין דער העבערער געזעלשאפט, אום דורכצופיהרען מיינע פלענער אין דער וועלט; איהר גיבט מיר דיעזעס קאפיטאל. מיר זיינען אלזא, פון היינט אן און ווייטער, צווייא שותפים וואס האבען אריין געלייגט א גלייכעס קאַ־פיטאל. מיר דארפען זיך בלויז דאנקען איינער דעם צווייטען פאר דיא דיענסטען וואס מיר לייסטען זיך."

זיא האט אויפגעהערט צו שמייכלען; אויף איהר שטערען האבען זיך בע־וויזען א פאאר קנייטשען פון בעליידיגטען שטאלץ. זיא האט איהם ניט געוואלט אונטערברעכען, און ווען ער איז פערטיג געווארען, האט זיא געמאכט א פויזע. דאן האט זיא געפרעגט:

„מיין הערר! ווייסט איהר פון מיינע בעדינגונגען?"

„ניין, מאדאם," האט נאנטאס געענטפערט, וועלכער האט זיך בעמיהעט צו בלייבען גאנץ רוהיג.

„ניין, איהר ווייסט ניט?" האט זיא נאך אמאל געפרעגט.

„געווים ווייס איך ניט."

„דאן גלויב איך, אז איהר וועט פיעללייכט זיך אינטערעסירען דאס צו הערען."

„געוויס וועט דאס מיך אינטערעסירען."

„גוט."

„און איך וויל אויך הערען וואס איהר האט מיר מיטצוטהיילען, און איך פערזיכער אייך פאראויס, אז איהר האט שוין בייא מיר אלעס געפועלט."

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען און געזאגט אין א ריינער און דייטליכער שטימע, אהנע צו צענגערן און אהנע רויט צו ווערען:

„איהר זאלט וויסען, אז מירביידע בלייבען נאר מאן און פרוי אין נאמען, פיר דער וועלט, ניט מעהר. אונזער לעבען אבער, פיר אונז, בלייבט געשיעדען. איהר מוזט אויפגעבען אירגענד וועלכעס רעכט איבער מיר אלס מאן, און איך וועל דאסזעלבע טהון אלס פרוי. פערשטעהט איהר מיך?"

בייא יעדער פראזע וואס פלאוויע האט געשפראכען, האט אלץ נאנטאס גע־שאקעלט מיטן קאפ, יא, אז ער שטימט איין. עס איז אויך געווען זיין וואונש.

דאן האט ער אויך צוגעלייגט:

„הערט מיך אויס, מאדאם: ווען איך זאל אייך דארפען שמייכלען, וואלט איך אייך בעדארפט יעטצט זאגען, אז אייערע קאנדיציאנען ברענגען מיך צו דער גרעסטער פערצווייפלונג; אבער, איך גלויב, אז אונז אינטערעסירען מעהר ניט קיין קאמפלימענטען. מיך פרייט וואס איהר האט דעם מוטה צו בעגרייפען דיא צוקונפט און פערשטעהען אונזער לאגע. מיר פאנגען יעטצט אן א לעבען, וואס פיהרט אונז אויף א וועג, וואו מיר וועלען ניט געפינען קיין בלומען צום אב־פליקען... איך פערלאנג פון אייך בלויז איין זאך, מאדאם..."

„איהר פערלאנגט פון מיר?" האט זיא געפרעגט ערשטוינט.

„יא."

„דאן זאל איך הערען."

„איך וועל אייך בעטען, אז איהר זאלט זיך ניט צופיעל ערלויבען מיט דיעזער פרייהייט, כדי איך זאל ניט דארפען האבען קיין אורזאכע מיך אריין צו מישען."

„מיין הערר!" האט זיא אויסגעשריען ווטהענד. זיא האט דאס ניט געקענט ערטראגען, ווייל ער האט דאמיט בעריהרט איהר שטאלץ.

ער האט אָבער אָנגעבויגען זיין קאָפּ, זיך פערניינגט, און זיא געבעטען דא זאָל זיך ניט געפינען בעליידיגט.

„זעהט איהר, מאדאם," האט ער געזאָגט, איהר מוזט מיר ענטשולדיגען דעם אויסדרוק. אונזערע פערהעלטניסע צו אנאנדער, זיינען זעהר צארטע, דאס איז וואהר, אָבער דאָך, אום זיך בעסער איינצופערשטעהען, מוזען מיר זיך ערלויבען איינער דעם צווייטען צו זאגען אלעס וואס מיר שפירען און קיין זאך בעהאלטען."

ווייטער האט ער דאריבער ניט געוואָלט רעדען. איבער איהר פערגאנגענהייט, האט ער ניט בעאבזיכטיגט זיך אויסצופרעגען. מאדמאָאזעל שין האט איהם שוין אלעס אָבגעשילדערט. זיא האט איהם נעמליך דערצעהלט, דאס א געוויסער הערר דע פאָנדעטט, דער מאן פון איהרער א שולע־פריינדין, איז געווען דער פערפיהרער. דאס האט פאסירט מיט א מאָנאט איידער מאדמאָאזעל שין האט איהם געשטעלט דעם אנטראג. פלאָווע האט דאן גענעכטיגט בייא איהר פריינדין אין א לאנד־הויז, און אין א נאכט, האט זיא זיך פּלוצלינג געזעהען אין דיא ארעם פון דע פאָנדעטט, אָהנע געגען צו בעגרייפען וויא דאס האט פאסירט, און אָהנע זיא זאָל האבען דערצו איינגעשטימט. מאדמאָאזעל שין האט בעהויפּטעט, אין פלאָוויע'ס נאמען, אז דאס איז געווען גאנץ איינפאך א פערגוואלטיגונג.

נאנטאס האט זיך אן דעם אלעמען דערמאָהנט און ער האט אָנגעפאנגען צו ווערען פריינדליך. וויא יעדער מאן וואס קען און בעגרייפט זיין מאכט, אזוי האט ער אויך געוואָלט זיין גרויסמוטהיג.

„זעהט נאָר, מאדאם," האט ער געזאגט. „מיר קענען זיך איינער דעם אנדערן; אָבער, בייא מיין עהרענוואָרט. זאג איך אייך, אז עס וואָלט זיין אונרעכט מיר זאָלען זיך האסען פון דעם ערשטען מאל בעגעגענען. פיעללייכט, ווער ווייס, האט אונז נאר דאס שיקזאל צוזאמענגעפיהרט, אום מיר זאָלען זיך בעסער פערשטעהן... איך זעה גאנץ גוט, אז איהר האסט מיך; אָבער, מאדאם, גלויבט מיר, דאס איז נאָר דערפאר, ווייל איהר זייט ניט בעקאנט מיט מיין לעבענס־געשיכטע."

דאן האט ער אָנגעפאנגען אין א פיעבערהאפטען און ליידענשאפטליכען טאָן איהר אָבצושילדערן זיין גאנצע לעבענס־געשיכטע פון מארסייל, וויא אזוי דאס שיקזאל איז איהם אימער געשטאנען אין וועג און וויא אזוי ער האט אלץ געשטרעבט צו געהען פאָרווערטס. מיט דיא לעבהאפטעסטע פארבען האט ער פאר איהר אויך אָבגעמאלען דיא געשיכטע פון זיינע צוויא מאָנאט אין פאריז.

דאן האט ער איהר געצייגט זיין פעראכטונג צו דער געזעלשאפטליכער עטיקעטע, וואו דיא מענשען וויקען זיך אין שמוטץ און אין בלאָטע, און זוכען אימער דאס אלעס צו פערדעקען מיט א מאַסקע.

„און דאס פאָלק, דיא מאַסע!" האט ער אויסגעשריען, „דאס איז דאס אב־שייליכסטע געזינדעל אין דער וועלט! וועמען קימערט דיא מיינונג פון דער וועלט מיט מענשען? ווען איהר קענט ארויף לייגען אייער פוס אויף זייערע העלזער און זייא צודריקען, דאן זייט איהר דער הערר און הערשער. אָט דאס איז דיא הויפט־זאך: בעזיעגט זייא און אלע אייערע טהאטען זיינען שעהן מאכט און קראפט איבער דעם צווייטען, ענטשולדיגט דיא גרעסטע געמיינהייט."

דאן האט ער איהר פאָרגעשטעלט זיין צוקונפט וואס ער האט געמאָלען אין זיין רייכער פאַנטאַזיע.

„און יעטצט," האט ער ווייטער געזאגט, „האב איך מעהר קיין מורא פאר קיין הינדערניס; קיין זאך זאָל מיר יעטצט שטעהען אין וועג וואס זאָל שטערען מיין קראפט און מאכט! איך וועל זיין שטארק, מעכטיג און גליקליך אין מיינע ער־אָבערונגען."

זיא האט איהם אָנגעקוקט און געשוויעגען.

„מאדאם," האט ער נאך אמאל געזאגט אביסעל ענטהוזיאסטיש, „ווען איך האב קיין אירטהום ניט, דאן ווייס איך וואס עס געהט אין אייך פאָר יעטצט. אָבער איך פערזיכער אייך, אויף דעם וואָרט פון איין עהרענמאַן, וויא איהר וועט שפּעטער אויסגעפינען, אז איך בין ניט אזוי ניעדריג און ניט אזוי געמיין, מיך גלאט צו פער־קויפען פיר אייער געלד. עס איז וואהר, איך קען אָהן אייער געלד ניט לעבען, אָבער גלויבט מיר, אז איך נעהם נאָר אָן דיעזעס געלד אלס א מיטעל צו מיין ציעל. איך וויל שטייגען העכער וויא איך בין, און דאס געלד וועט נאָר זיין אין מיינע הענד וויא ביייא אירגענד איין אנדערן פעהיגען ספעקולאַנט. אך! ווען איהר זאָלט וויסען וואס אין מיר קאָכט און וויטהעט! ווען איהר זאָלט וויסען וויפיעלע שלאָפלאָזע נעכט איך האב פערבראכט דענקענדיג אימער איבער דערזעלבער אויפגאבע אין מיין לעבען — און, צו מיין בעדויערן, האבען זיך דיעזע געדאנקען ביז יעטצט, אימער אויסגעלאָזען אלס א פוסטער חלום אויף'ן צווייטען טאָג. יא, יא, מאדאם, ווען איהר זאָלט דאס אלעס וויסען, וואָלט איהר פיעללייכט שטאָלץ געווען דארויף זיך צו קענען אָנשפּארען אָן מיר. איך, פון מיין זייט ווידער, בין אייך בלויז דאנקבאר פון מיין טיעפסטען הערצען פיר דיא מיטלען, וואס איהר האט מיר געשאפט אום מיין ברענענדען וואונש צו ערפילען."

זיא איז געשטאנען גראד און צוגעהערט יעדעס װארט װאס ער האט געזאגט; קיין מוסקעל אויף איהר געזיכט האט זיך בעװאױגען.

נאכדעם װיעדער האט זיך אימער געשטעלט דיזעלבע פראגע װאס האט איהם בעשעפטיגט זייט דיא לעטצטע דרייא טעג — נעמליך, אויב זיא האט איהם געזעהען פון פענסטער און גלאט צוגעצויגען געװארען צו איהם, און דאן אליין געשיקט מאדמאזעל שין איהם צו שטעלען דעם אנטראג.

עס איז איהם איינגעפאלען, אז זיא האט איהם ערבליקט און ער האט אויף איהר געמאכט אזוי װייט איין איינדרוק, אז זיא האט זיך איינפאך אין איהם פערליעבט. דאן האט ער גערעכענט, דאס זיא װאלט זיך פיעללייכט אין איהם פערליעבט, װען ער װאלט צוריק געװיעזען מיט בעליידיגונג דעם אנטראג װאס מען האט איהם געשטעלט.

ער האט געבליקט אין איהר געהיימניספאלעס געזיכט און פראבירט אריין צו קוקען אין איהר זעעלע, אום אויסצוגעפינען װאס דארט געהט פאר. אבער ער האט קיין זאך געזעהען און קיין זאך ענטדעקט.

ער האט אויפגעהערט צו שפרעכען און זיא איז נאך אימער געשטאנען אונבעװעגליך, גלייך װיא זיא װאלט געװעזען א סטאטוע.

ער האט געשװיעגען.

פלאוױע, בעמערקענדיג, אז ער איז שוין צו ענדע, האט זיא אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהם, און גלייך װיא זיא האט איהם קיין זאך מיטגעטהיילט, האט זיא געזאגט:

„אלזא, מיין הערר, איך װעל אייך בעטען איהר זאלט ניט פערגעסען: איהר בלייבט בלױז מיין מאן פיר דער װעלט און מיט דעם נאמען. אונזער לעבען, אין דער װירקליכקייט, איז געטהיילט, איך בין פרייא צו טהון װאס איך װיל און איהר װאס איהר װילט. קיין פראטעסטען, קיינע אנװענדונגען און קיינע פארשלעגע. זייט איהר איינפערשטאנען?“

דער טאן פון איהר שפראכע, האט באלד פערטריעבען זיין העפליכקייט. ער האט געזעהן, אז ער האט צו טהון מיט א מערקװירדיגע בריאה, װעלכע פעראכטעט איהם אין דערזעלבער צייט. ער איז געװארען אביסעל אויפגערעגט און ערביטערט.

„גוט, גוט,“ האט ער געענטפערט, „איך בין איינפערשטאנען. אייער װאונש זאל ערפיללט װערען.“

זיא האט זיך דאן אביסעל אָבגעווענדעט פון איהם, אום אנצוצינדען, און דיעזער געשפרעך איז צו ענדע און זיין נעגענווארט איז ניט מעהר ערפאָרדערט.

ער האט פערשטאנען.

נאנטאס איז ארויס פון צימער זעהר אונצופריעדען מיט זיך זעלבסט.

„און איך האב איינגעשטימט?“ האט ער דאן געמורמעלט צו זיך אליין. „נו, נעווים, וואס דען האב איך געקענט טהון? ניין, עס איז ניט מיין שולד; זיא האט זיך נאר ניט בעקימערט אום אלעמען וואס איך האב איהר דערצעהלט; זיא איז אזוי הארט וויא קאלטער מארמאָר. יא, זיא איז וואונדער שעהן — אָבער וואס קימערט מיך איהר שעהנהייט? יעטצט איז ניט דיא צייט צו דענקען וועגען שעהנע פרויענצימער. איבריגענס, פיעללייכט איז עס גאר בעסער אזוי, ווייל זיא וואָלט מיר זאָגסט געקענט שטעהען אין וועג און שטערען מיינע פלענער. גוט, גוט, אזוי בלייבט עס: זיא איז פיר זיך און איך פיר מיר, קיינער פון אונז ביידע זאָל דעם אנדערען שטערען.“

2.

צעהן יאָהר זיינען פאָראיבער.

אין א פריה־מארגען איז נאנטאס געזעסען אין דעמזעלבען שטודיר־צימער, וואו בארָאָן דאנוויער האט איהם אזוי אונהעפליך עמפפאנגען מיט 10 יאָהר צוריק ביי זייער ערשטער צוזאמענקונפט.

יעטצט, אין דיעזעס שטודיר־צימער, געוועזען זיין אייגענטהום. דער בארָאָן האט זיך שוין איבערגעבעטען מיט זיין טאָכטער און מיט זיין איידעם, זייט א היבשע צייט. דער בארָאָן האט זייא אוועק געגעבען דעם האָטעל מיט דער גאנצער וואָהנונג, און פיר זיך אליין איבערגעלאָזען א קליין הייזעל בייא דעם אנדערן עק נארטען נעבען דער באַן שטראסע.

צעהן יאָהר! פיר נאנטאס'ן איז דאס געווען איין אונגעהייערע לאנגע צייט מיט איין אונ־אונטערבראָכענעם קאמפף. ער האט געזיעגט, גראדע וויא ער האט עס געהאט פערצייכענט אין דעם פראָגראם פון זיין פאנטאזיע. ער האט ערָאָבערט דיא פינאנציעלע וועלט, און מיליאָנען זיינען געלעגען צו זיינע פיס.

ער האט ערדייכט דעם העכסטען פינאנציעלען און אינדוסטריעלען ציעל.

נאנטאס איז געווען בעטהייליגט אין אלע גרויסע אייזענבאהן־אונטערנעה־מונגען און איז געווען דער ערשטער אין דיא גרונד־אייגענטהום ספעקולאציאָנען. ער

האט געשפּיעלט דיא ראָלע אלס קעניג פון אונטערנעהמער אין דיא ערשטע יאהרען פון דער ווידער־אויפבויאונג פון פראנקרייך'ס קייזערטהום, און זיין בליק אָדער זיין גליק, איז געווען אזוי שארף, אז ער האט איבעראל געטראָפען מיט זיינע ספּעקולאציאָנען, און ערשפּארט איין אונגעהייערעס פערמעגען.

אָבער זיין ציעל און שטרעבונג איז נאך אימער ניט געווען עררייכט. נאנטאס האט זיך דערמיט אליין ניט צופריעדען געשטעלט און ער האט אָנגעפאנגען זיך צו בע־טהייליגען אין פּאָליטיק. עס איז איהם אויך געלונגען ערוועהלט צו ווערען אלס דע־פּוטירטער פון דעם דעפּארטעמענט, וואו ער האט געהאט עטליכע גיטער.

זאָ שנעל וויא ער איז געוואָרען איינער פון דער געזעטץ־מאכענדער קערפּער־שאַפט, האט ער בעשלאָססען צו שטרעבען ווייטער ביז ער זאָל ווערען פינאנץ־מיניסטער.

נאנטאס האט בעזעססען א געוואלטיגען כח־הדיבור, און זיינע רעדען זיינען בעריהמט געוואָרען. דאן איז ער אויך געווען א טיכטיגער פינאנציער אין יעדער בע־ציהונג, און איז געווען בעקאנט מיט אלע פינאנץ־פראגען אין דער וועלט. דיעזע צוויא מעלות, פון רעדנער און פינאנציער, האבען איהם באלד פערשאפט א גרויסען נאמען און זיין בעריהמטהייט האט געשטיעגען.

וואס עס אנבעלאנגט דער רעגיערונג אלס קייזערטהום, האט ער זיך געוויעזען זעהר איבערגעבען און טרייא. וואס עס געהערט ווידער פינאנץ, האט ער געהאט מערקווירדיגע אנזיכטען און טהעאָריען, וועלכע ער האט בעקאנט געמאכט אין א רייהע פּאָרטרעגע. דיעזע טהעאָריען האבען געמאכט א רעש אין דער גאנצער וועלט, און, לויט וויא ער האט ערפאהרען, האבען זייא אויך שטארק פעראינטערעסירט קייזער נאפּאָלעאָן.

אין דיעזען מאָרגען, ווען אונזער נייע שילדערונג פאנגט אָן, איז נאנטאס געווען זעהר שטארק בעשעפטיגט. א גרויסע טהעטיגקייט האט געהערשט אין דער גאנצער געגענד, וואו צעהנדליגער סעקרעטערע זיינען געזעססען און געארבייט. עס איז געווען איין ארט מאשין, פון וועלכער נאנטאס איז געווען דער ערפינדער, און ער אליין האט געוואוסט וויא צו שטעלען דיא מאשין אין בעוועגונג. אָבער אָהן איהם האט דיא מאשין ניט געקענט געהען.

עס זיינען אויך געווען מאסען אנדערע אנגעשטעלטע; מאנכע האבען גע־בראכט בעריכטע, אנדערע האבען אוועק געשיקט בעריכטע; א טהייל האבען גע־דיענט אלס שפּיאָנען און אייניגע האבען מיטגעטהיילט איבער פּאָרטשריט אָדער

באַלל אין פינאַנץ. דיא טהירען זיינען געשטאַנען אין איין אימער־וועהרענדער בעוועגונג.

עס איז אויך געווען א בעשטענדיגער קלאַנג פון גאָלד אויף דיא טישען, און פערשיעדענע ווערטה־פּאַפּירען זיינען אריין און ארויס.

אין דיא ווארטע־צימערן, זיינען געשטאַנען גאַנצע מחנות מענשען: מעקלערס, געשעפטס־לייט, פינאַנץ־מענער, אדוואָקאַטען, פּאָליטיקער, מיט איינעם וואָרט, גאַנץ פּאַריז איז געלעגען צו דיא פיס פון דעם אַלמעכטיגען גאָלד־קעניג נאַנטאַס, און ער האט נאָר בעדאַרפט וועלען ארויף לייגען אויף זייער האלז זיין פוס, און קיינער וואָלט איהם דאַריעבער קיין דעה ניט געזאָגט. פאַרלויפיג האט ער עס נאָך ניט געטהאָן, ווייל דיעזע פּאָליטיק האט ער בענעטהיגט ערשט אויף שפּעטער.

וועהרענד דיעזע גרויסע מאַסע מענשען האבען געוואַרט צו האבען דיא זכיה אין זיך זעהען מיט דעם פינאַנץ־קעניג, איז נאַנטאַס געזעסען אין זיין הויפּט אָפּיס או געלעזען דיא קאָררעספּאָנדענציעס פון דיא פּראָווינצען און אויסלענדישע מעכטע.

נאַנטאַס האט געשמייכעלט צו זיך זעלבסט.

„ווען איך זאָל וועלען," האט ער זיך געטראַכט, „קען איך אויסשטרעקען מיינעביידע הענד און ארום נעהמען דיא גאַנצע וועלט. איך קען עס, ווייל איך האב געלד, און ווייל איך האב געלד, האב איך מאַכט. ענדליך, ענדליך איז מיין אמאָליגער חלום פערווירקליכט געוואָרען! קראַפט און מאַכט שטעהען צו מיין געפעהל; איך בין דער איינציגער מאַשיניסט וואס קען זעטצען אין בעוועגונג רעדער און קייזערטהימער."

פּלוצלינג האט זיך בעוויעזען אויף זיין געזיכט א פינסטערער בליק און פון זיין ברוסט האט זיך ארויס געריסען א זיפץ. זיין גאַנצער קערפּער האט אויפגעציטערט.

אויסשטרעקענדיג זיין האנד, האט ער אָנגעקלונגען און דער טהיר־וועכטער איז ערשיענען.

„זשערמען," האט ער געזאָגט אונגעדולדיג, „ווייסטו ניט אויב דיא מאַדאַם איז אהיים געקומען?"

„ניין, מיין הערר," איז געווען דער ענטפער.

נאַנטאַס האט נאָך אמאָל געזיפצט.

„קום אהער זשערמען," האט ער וויעדער געזאָגט, „געה און רוף אהער דיא מאַדאַם'ס קאַמער־מעדכען."

אָבער זשערמען איז נים נעגאַנגען.

„ענטשולדיגט מיר, מיין הערר,“ האט ער געמורמעלט, „דער פּרעזידענט פון דער דעפּוטירטען קאַמער איז דאָ און וויל אייך אונבעדינגט זעהען.“

נאַנטאַס האט אויסגעזעהען צו זיין שטאַרק געשטערט דאַריבער.

ער האט עפּעס געמורמעלט צו זיך אליין, און דאַן האט ער געענטפערט הויך:

„גוט אַלזאָ, לאָז איהם אריין אהער, אָבער דוּא, זשערמען, געה באַלד און טהו וואס איך האב דיר געהייסען.“

מיט א טאָג פריהער, האט נאַנטאַס אָבגעהאַלטען זעהר א וויכטיגע רעדע איבער איינער פון דיא אינטערעסאַנטעסטע טאָגעס־פראַגען. ער האט נעמליך בעהאַנדעלט דיא בודזשעט־פראַגע פון לאַנד און געצייגט א גאַנץ נייעם פּלאַן פיר דער פיהרונג פון פראַנקרייך׳ס פיהנאַנצען. דיא רעדע איז אָבגעדרוקט געוואָרען און איבערגעגעבע געוואָרען צום פינאַנץ־קאָמיטעט פון דער קאַמער, דאַמיט מען זאָל ענדערן אייניגע פּונקטען אין דיא פּאַסירטע פינאַנץ־געזעטצע.

נים נאָר אין פראַנקרייך האט דאַריבער זעהר געקלונגען, זאָנדערן אין אויס־לאַנד האט דאָס אויך געמאַכט א גרויסען רעש, און דער פראַנצויזישער פינאַנץ־מיניסטער האט זיך געזעהען געצוואונגען צו רעזיגנירען פון זיין אמט, ווייל יעדער האט געשריען, אַז ער איז איין אונפעהיגער מענש.

יעדער האט געשפּראָכען דאַריבער, אַז דער יונגער דעפּוטירטער, נאַנטאַס, שטעהט שוין אויף דער ליסטע אַלס דער נעכסטער פינאַנץ־מיניסטער.

אָבער קיין זאַך איז נאָך געווען בעשטימט. נאַנטאַס האט אויפגעצויגען מיט זיינע אַקסלען און זיך געטראַכט, אַז ער האט געדולד צו וואַרטען. ער האט שוין אפילו געהאט איין אונטערעדונג מיט דעם קייזער, אָבער קיין זאַך איז נאָך געווען בעשטימט. מאַנכע וויכטיגע פּונקטען האבען נאָך געמוזט בעשפּראָכען ווערען.

אונטערדעסען האט נאַנטאַס אייגגעזעהען, אַז דער בעזוך פון דעם פּרעזידענט פון דער דעפּוטירטען קאַמער, האט א גרויסע בעדייטונג פיר איהם.

אום צו וויסען וואס ער האט צו טהון, האט ער אָנגעפאַנגען פון זיך צו פער־טרייבען דיא זאָרג וואס האט דאַמאַלס בעשעפטיגט זיין געהירן און פערדונקעלט זיין שטערען.

ווערענד דעם האט ער געהערט א לייכטען קלאַפּ אין דער טהיר.

„אַנטרעע!“ האט ער געזאַגט.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער פּרעזידענט איז ערשינען.

נאנטאס האט זיך שנעל אויפגעהויבן און איז ענטקעגען געגאנגען זיין בעזוכער, וועלכען ער האט גערייכט די האנד.

„אך, מאנסיע !" האט ער אויסגעשריען מיט א פריינדליכער שטימע. „איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג. ווירקליך, איך האב גאר קיין אהנונג געהאט ווער עס ווארט אויף מיר. גלויבט מיר, דאס איך בין זעהר גערירט וויסענדיג פון דער עהרע וואס איהר טהיילט מיר צו מיט אייער בעזוך."

זייא האבען אנפאנגס גערעדט פון פערשיעדענעס, און נאנטאס האט אויסגעזעהען צו וויסען פון אלעמען. דאן האט דער פרעזידענט, אהנע זיך צו פערראטהען, אנגעפאנגען א געשפרעך איבער דעם פינאנץ־צושטאנד פון לאנד, און איהם געגעבען אנצוהערען, אז דער קייזער זעלבסט האט איהם געשיקט אויסצוגעפינען וויא עס שטעהט מיט נאנטאס'ן אין דער בעציהונג צום פינאנץ־מיניסטעריום; ערשטענס, אויב ער איז בערייט צו אקצעפטירען דעם פאסטען, און צווייטענס, וואס פאר א פראגראם ער האט פיר אזא וויכטיגעס אמט.

נאנטאס איז געווען ערפרייט און איבעררראשט. אבער, אבוואהל זיין הארץ האט אין איהם געטאנצט פאר שמחה און טריומף, האט איהם זיין געזיכט ניט פערראטהען; ער איז געבליעבען אזוי גלייכגילטיג, גראדע וויא מען וואלט מיט איהם געשפראכען איבער א קליינער און אונבעדייטענדער אנגלייהע.

„ענדליך, ענדליך !" האט ער זיך געטראכט, „נאך איין שריט ווייטער, פארווערטס, און אלע קעפ וועלען ליגען צו מיינע פיס. מיין פאנטאזיע איז ענדליך פערווירקליכט געווארען. ניין, איך האב ניט געחלום'ט, אומזיסט."

אלס דער פרעזידענט האט צו לעטצט ערקלערט, אז ער וועט זאפארט אוועק געהען צום קייזער און מיט איהם זיך בעשפרעכען איבער דעם פראגראם, האט זיך געעפענט א קליינע טהיר דורך וועלכע מאדאם נאנטאס'עס קאמער־מעדכען איז ערשיענען.

נאנטאס איז פלוצלינג שטארק בלאס געווארען און שוין ניט געקענט ענדיגען די אנגעפאנגענע פראזע.

ער איז שנעל צוגעלאפען צו דער דאמע, און, האלב שטאמלענדיג, האט ער געזאגט צום פרעזידענט:

„ענטשולדיגט מיר, מאנסיע..."

ער האט דאן געפיהרט פאלגענדעס געשפרעך מיט דעם קאמער־מעדכען:

„איז מאדאם צו הויזע?"

„ניין."

„איז זיא אויסגעגאנגען היינט זעהר פריה?"

„יא."

„ווען קומט זיא אהיים?"

„דאס ווייס איך ניט."

אויף נאך אנדערע פראגען, האט דאס מעדכען האלב יא געענטפערט און האלב ניט. זיא איז געווען א קלוגע און ערפאהרענע, און האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זיא דארף זיך וועניג מישען אין אזעלכע זאכען.

נאנטאס האט אונטערדעסען איינגעזעהען, אז ער איז איבערהויפט צו דום צו שטעלען אזעלכע פראגען, און ער האט צום שלום געזאגט:

„זאָ שנעל וויא דיא מאדאם וועט אהיים קומען, זאָלט איהר געהען צו איהר און איהר מיטטהיילען, אז איך מוז מיט איהר שפרעכען עטוואס זעהר נעטהיגעס."

דער פרעזידענט פון דער דעפוטירטען־קאמער האט זיך דערוויל צוריק געצויגען צום פענסטער, און איז געווען שטארק ערשטוינט פון נאנטאס'עס בעהאנדלונג צו איהם. ער איז געשטאנעןביים פענסטער און ארויס געקוקט אין הויף.

נאנטאס האט זיך דערוויל דערמאָהנט אן זיין וויכטיגען בעזוכער און האט צוריק געקעהרט. ער האט זיך אפילו שטארק ענטשולדיגט, אָבער זיין קאלט־בליטיגקייט איז שוין געווען פערשוואונדען. ער האט געשטאמעלט און נאך מעהר איבערראשט דעם פרעזידענט מיט אייניגע דומע פראגען וואס ער האט איהם געשטעלט.

דער פרעזידענט האט פערשטאנען, אז עס איז בעסער ער זאָל לאָזען נאנטאס'ן אליין, און אָהנע ווייטערע צערעמאָניע, האט ער איהם געדרייכט דיא האנד און איז אוועק.

ווען דיא טהיר האט זיך צוגעמאכט הינטער איהם, איז נאנטאס געבליעבען שטעהען און געקוקט וויא א דומער קערל.

„איך בין א גרויסער אידיאָט!" האט ער אויסגעשריען הויך צו זיך אליין. איך האב מיך שוין אזוי בענארישט, אז דיעזעס וויכטיגע אמט וועט זיך מיר יעצט ארויס גליטשען פון מיינע פינגער."

ער איז געווען זעהר בעאונרוהיגט און ער האט שפאצירט אויפגערעגט איבער דעם צימער הין און צוריק.

מאנכע בעזוכער זיינען ערשיענען.

איין אינזשעניער האט פאר איהם פארגעלייגט א בעריכט איבער א גרויסער מיענען־אונטערנעהמונג, וואו עס איז געווען צו פערדיענען זעהר פיעל געלד. א דיפלאמאט האט איהם מיטגעטהיילט איבער איין אנליהע וואס א בענאכבארטע מאכט וויל מאכען אין פאריז. ספעציעלע אנגעשטעלטע האבען איהם אריין געבראכט וויכטיגע חשבונות און בעריכטע.

אבער נאנטאס איז געווען אזוי פערטראגען, אז ער האט קוים געהערט וואס מען דערצעהלט איהם.

ענדליך איז ערשיענען א דעפוטאציאן פון זיינע קאלעגען אין דער דעפוטירטען־קאמער. זייא האבען איהם אלע געלויבט, געריהמט און געשמייכעלט פיר זיין בע־ריהמטער רעדע אין דער קאמער.

זייא האבען איהם אפען און פרייא געזאגט, אז אין דער קראפט פון זיין פעדער ליעגט יעטצט, דורך איין טעלעגראמע, ענטוועדער אויפצולעבען דעם האנדעל אין גאנץ אייראפא, אדער פעראורזאכען דיא גרעסטע קריזיס אין פינאנץ. אין זיין מאכט איז עס געלעגען ארויס צו רופען א קריעג אדער צוריק האלטען א קריעג, ווען ער זאל נאר אונטערשטיצען איין פארטייא מיט איין אנלייהע. ער האט זאגאר גע־האלטען דעם גאנצען בודזשעט פון פראנקרייך אין זיינע הענד, און עס שפיעלט א גרויסע ראלע צו וויסען אויב ער איז פיר דער רעגיערונג אדער געגען דער רע־גיערונג.

עס איז געווען דער גרעסטער זיעג און עראבערונג! זיין אייגענע פערזענליכ־קייט, האט דא געשפיעלט דיא גרעסטע ראלע, און ער איז שוין געשטאנען מיט איין פוס אויף דער שוועל וואס פיהרט איהם צו זיין העכסטען ציעל.

נאנטאס האט זיך איבערצייגט, אז ער דארף קיינעם ניט בעטען און קיינעם ניט שמייכלען אום צו ווערען פינאנץ־מיניסטער, זאנדערן, עס ליעגט אין זיין אייגענער קראפט דאס צו אקצעפטירען אדער ענטזאגען.

אבער, טראץ דעם אלעמען, אנשטאט צו שפירען זיין ברוסט זיך פרייען און טריומפירען, וויא ער האט זיך פארגעשטעלט, אז עס מוז זיין, איז עס נאר געווען טרויעריג און ניעדערגעשלאגען.

ער האט זיך געשפירט מיעד, פערמאטערט, מיט זיינע געדאנקען וואנדערענדיג

נאר אין אנדערע געגענדען, און ער האט געציטערט בייא דעם לייכטעסטען גערויש.

ווען א פיעבערהאפטען רויטע פארב האט אויפגעפלאמט זיין געזיכט בייא דעם געדאנק פון זיעג און עראָבערונג, האט ער זיך באלד געשפירט בלאס ווערענדיג, גראדע וויא איין אייזקאלטע האנד וואָלט איהם בעריהרט איבער זיין נאקעטעם לייב און פון איהם ארויס געטריעבען דיא הארעטקייט פון לעבען.

ער האט ענטלאסען דיא דעפוטאציאָן זעהר אונהעפליך, און בלויז צו איינעם האט ער געזאגט:

„איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, איך פיהל היינט נים גוט.“

צווייא שטונדען זיינען שוין פאָראיבער, זיין פלאַוויע, איז נאך נים ער־שיענען.

נאכטאָס איז געווען אין א פיעבערהאפטער אויפרעגונג און ווידער געשפאַ־צירט הין און צוריק איבער דעם צימער.

פלוצלינג איז ער געבליעבען שטעהען און נאכגעדענקט. דאן איז ער צוגע־גאנגען צום טיש און אָנגעקלונגען.

דער דיענער איז ערשיענען.

„זשערמען...“ האט ער געזאגט און איז געבליעבען שטעהען ווייטער רעדענדיג.

דער דיענער האט געשוויגען.

„צום טייפעל!“ האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, „אזוי מוז עס זיין.“

דער דיענער האט זיך אומגעקוקט און געפרעגט.

„ענטשולדיגט מאָנסיע, מיך האט איהר גערופען?“

„ווענען דען, אידיאָט!“ האט ער אויסגעשריען.

„אלזאָ, בין איך דאָ,“ האט זשערמען געזאגט לאכענדיג צו זיך אליין.

„נו, גוט. הער אויס זשערמען. געה ארונטער צו מאָנסיע דאנוויער, צום באראָן...“

„אלזאָ?“

„יא, און זעה אויב ער איז דאָ אין דער היים?“

„און דאן?“

„דאן, דומקאָפּ! שיק איהם אהער ארויף, דוא פערשטעהסט? זאג איהם, אז איך דארף איהם האבען.“

דער דיענער האט זיך אָבגעווענדעט און געמורמעלט

„משוגע! פערריקט אויף טויט!"

ווען נאנטאס איז נאך אמאל געבליעבען אליין, האט ער שוין אנגעזאגט, א דיא מענער זאלען קיינעם ניט צולאזען.

„זאגט זייא," האט ער בעפוילען, „אז איך בין נישטא אין דער היים. איך וויל היינט מעהר קיין בעזוך."

זיין אויפרעגונג האט געשט'ענען.

„קיין צווייפעל," האט ער געמורמעלט צו זיך זעלבסט. „זיא איז געוויס אוועק זיך צו בעגעגענען מיט א געליעבטען. עס איז קיין צווייפעל, אזוי איז עס!" בייא נאכט! זיא האט זיך געמוזט ווידער בעקאנט מאכען מיט איהר אלטען פערפיהרער דע פאנדעטט, וועלכער איז געבליעבען איין אלמן זייט דיא לעטצטע זעקס מאנאט."

„געוויס, געוויס," האט נאנטאס געמורמעלט צו זיך אליין, „איך בין ניט אייפערזיכטיג! לעבערליך, דומהייטען, וויא קום איך צו זיין אייפערזיכטיג?"

צעהן יאהר דורכאנאנד האט ער פינקטליך געהאלטען ווארט, און וויא ער האט פערשפראכען פלאוויע'ן, אזוי האט ער מקיים געווען.

„אבער," האט ער ווייטער געזאגט, „איך קען עס ניט ערלויבען פון מיר חוזק צו מאכען. ניין, ניין, דאס וועל איך ניט ערלויבען."

א קלייניגקייט! דער ערשטער מאן אין פינאנץ, 99 פראצענט פינאנץ־מיניסטער, א ליעבלינג אונטער אלע געזעלשאפטען, א געזוכטע פערזאן פון דעם קייזער, א נעאכטעטער קויפמאן, א מעכטיגער בירגער און זא ווייטער — נאטירליך, אזא מענש קען זיך ניט ערלויבען זיין פרוי זאל שפיעלען ליעבעס מיט אנדערע הינטער זיינע פלייצעס, און דאן זאל דיא וועלט ערפאהרען דערפון און ער זאל זיין צו שפאט און צו שאנדע.

„אבער אייפערזיכטיג," האט ער ווייטער געברומט, „דאס בין איך! וויא קען איך זיין אייפערזיכטיג? זיא איז דאך נאר מיין פרוי אין נאמען, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט? איך האב דאך נאך אפילו ניט געזעהען וויא איהר שלאף־צימער זעהט אויס, שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואס זיא האט זיך נאך ניט ערלויבט מיר צו צייגען איהר לייב. געוויס, געוויס, איך בין ניט אייפערזיכטיג, נאר..."

מעהר האט ער ניט געקענט דענקען; זיין קראפט האט איהם פער־לאזען.

„אבער ער האט אויף אזוי פיעל בעגריפען, אז אין איהם איז ענטשטאנדען א

געפיהל וואס ער האט געוואָלט זיין א מאַן, וועלכער זאָל וועניגסטענס רעספּעקטירט ווערען פון זיין פרוי, ווען ניט געליעבט.

„אך!“ האט ער געזיפצט, „אלעס האב איך בעזיעגט, אַלעס האב איך ערָאבערט, און נאָר דיעזע פרוי שטעהט מיר וויא א ביין אין האלז! זיא איז נאך אימער אזוי שטאָלץ, אזוי קאַלט און אזוי גלייכגילטיג, וויא אין יענעם טאָג, מיט 10 יאָהר צוריק, ווען זיא האט מיט מיר אויסגענומען, איך זאָל איהר געבען מיין נאמען און דאפיר גיבט זיא מיר געלד. אָבער, האב איך איהר דען ניט געזאגט, אז איך האב אויך איין בעדינגונג? איך האב איהר דאך אויסדריקליך ערקלערט, אז איך וויל זיא זאָל זיך אויפפיהרען אנשטענדיג פאר דער וועלט, כדי זיא זאָל פון מיר קיין חוזק ניט מאכען. יעטצט פערלאַנג איך בלויז, אז...“

נאַנטאַס האט אָנגעפאנגען איבערצודענקען וואס עס האט פּאסירט זייט דיא לעטצטע 10 יאָהר צווישען איהם און פלאוויע׳ן. ער האט זיך ערָאינערט, וויא אזוי ער איז מיט איהר ערשיענען אין געזעלשאַפט, וויא אזוי זייא האבען איבעראַל גע־הייסען מאַן און פרוי, וויא אזוי דיא וועלט האט זייא גערעכענט פאר גליקליך אין זייער ליעבע, און, נאך אַלעמען, ווען זייא זיינען ווידער געוועזען אליין, איז יעדער געבליעבען פיר זיך וויא צוויא ווילד־פרעמדע מענשען.

נאַנטאַס האט זיך געשפּירט זעהר אונגליקליך.

ענדליך איז פלאוויע אהיים געקומען.

נאַנטאַס האט זיא בעמערקט, וועהרענד זיא איז נאך געוועזען אין איהר שפּאַציר־קלייד. זיא האט שוין געהאט ארונטער גענומען איהר הוט און האט גע־האַלטען אין אויסציהען איהרע האנדשוה.

נאַנטאַס איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט דער האלטונג פון א פערברעכער. ניט נאָר זיין קערפּער, זאָנדערן אויך זיין שטימע האט געציטערט.

„איך האב אייך עפּעס מיטצוטהיילען,“ האט ער אָנגעפאַנגען.

זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט איהר געוועהנליכע גלייכגילטיגע מיענע אָהנע צו רעדען א וואָרט.

„איך וואָלט בעזוכט אייער צימער,“ האט ער ווייטער געזאגט, „ווען איהר וואָלט מיר אָנגעציינט, אז איהר זייט שוין צו הויז.“

פלאוויע, אָהנע זיך צו זעטצען, האט אויסגעזעהען אונגעדולדיג.

„נו, אלזאָ?“ האט זיא געפרעגט.

ער האט געצעגערט.

„ענטשולדיגט מיר,“ האט זיא געזאגט. „איך האב זעהר וועניג צייט; זאגט וואס איהר האט מיר געוואָלט מיטטהיילען.“

דיא ווערטער האבען אויסגעזעהען איהם צו ערשטיקען אין האלז.

ער האט געבליקט צו איהר הערליכע פיגור, צו איהר עלעגאנטעס געזיכט און געשטאמעלט.

„ווירקליך,“ האט זיא ווייטער געזאגט, נאך אונגעדולדיגער, „איך האב זעהר וועניג צייט...“

„מאדאם!“ האט ער ענדליך אויסגעשריען פאסענדיג זיין גאנצען מוטה, „דיא צייט איז ענדליך געקומען ווען איין ערקלערונג צווישען אונז ביידע איז געוואָרען א גרויסע נויטהווענדיגקייט... וואו זייט איהר געווען דעם גאנצען פריהמאָרגען?“

זיין ציטערענדע שטימע און זיין אונערוואַרטעטע פראגע, האט אויסגעזעהען זיא שטארק צו איבערראשען. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט ניט ערוואַרטעט פון איהם צו הערען אזעלכע ווערטער.

זיא האט זיך אָבער באלד בערוהיגט, און אין א קאלטען טאָן האט זיא גע־ענטפערט.

„וואס איז דאס פאר א פראגע? איך בין געוועזן וואו איך האב בע־דארפט.“

„ריכטיג, ריכטיג,“ האט ער ארויס געשטאמעלט, „איהר זייט געווען וואו איהר האט בעדארפט. אָבער, מאדאם...“

ער האט זיך ווידער אונטערבראָכען און זיין געזיכט איז געוואָרען אזוי בלייך וויא קאלך.

זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט א פראגענדען בליק און געזאגט:

„איך פערשטעה אייך ניט.“

„איהר פערשטעהט מיך ניט? אָה, מאדאם, איך וויים, אז איהר פערשטעהט מיך ניט. אָבער איהר זאָלט מיך יא פערשטעהען, איהר מוזט מיך פערשטעהען! איהר ערינערט זיך געוויס, דאס איך האב אייך אמאל געזאגט, אז איך וועל ניט דו׳דען איהר זאָלט זיך בעדיענען מיט דער פרייהייט וואס איך גיב אייך, אום צו שענדען מיין נאמען, פון מיר חוזק צו מאכען!“

פלאוויע האט איהם צוגעוואָרפען א שמייכעל פון דער גרעסטער פער־אכטונג.

„שענדען אייער נאמען? פון אייך חוזק מאכען?“ האט זיא ווידערהאָלט, „איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, איך קען אייער נאמען ניט שענדען. דאס האט

איהר אליין שוין געטהאָן, זיים לאַנג. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך קען אייך און ווייס ווער איהר זייט, טראָטץ אייער גרויסער ראָלע וואס איהר שפּיעלט יעטצט."

נאַנטאַס איז אויפגערעגט געוואָרען וויא א פערוואונדעטער טיגער. זיין געזיכט האט זיך אָנגעצונדען מיט צאָרן און ער איז צו איהר צוגעלאָפען, גלייך וויא ער האט זיא געוואָלט שלאָגען.

„אבשייליכע פרוי," האט ער געדונערט, „מיך נארט מען ניט, ניין, ניין! איך ווייס אַלעס! איהר קומט יעטצט פון מאַנסיע דע פאָנדעט'ס אומארמונג... איהר האט א געליעבטען, יא, איך ווייס דאס!"

זיא האט איהם נאך אמאל אָבגעמאָסטען מיט איהר פעראַכטענדען בליק און איז געבליעבען שטעהען אויף'ן פּלאַטץ אָהנע זיך צו דערשרעקען פאר זיין צאָרן.

דאַן האט זיא געענטפערט קאַלט און רוהיג:

„מיין הערר! איהר האט אַיין אירטהום. איך האָב, זייט יענער צייט, מעהר ניט געזעהען מאַנסיע דעפאָנדעט. יעטצט ווידער, ווען איך האָב אפילו יא א געליעבטען, איז דאס ניט אייער זאך און איהר האט קיין רעכט מיר צו מאַכען פאָרווירפע. וואס קימערט דאס אייך? עס שיינט, אז איהר האט שוין פערגעסען אָן אונזער בעדינגונג."

איהר טאָן האט איהם בעזיעגט. ער האט אויסגעזעהען וויא א הונד, וואס איז פריהער בעז געווען, און דאַן האט איהם דער בעל־הבית גוט געשלאָגען און ער איז אַוועק טרויעריג אין א ווינקעל ניעדערגעשלאָגען און בעהערשט.

אין זיינע אויגען איז פריהער געלעגען א מילדער בליק, און דאַן האט זיך דאָרט בעוויעזען טרערען.

ער האט אויסגעשפּראָכען אין א העפטיגעס געוויין, און דאַן איז ער ווידער געפאַלען צו איהרע פיס אויסשרייענדיג:

„אָה! פלאָוויע!" איך ליעב אייך! איך ליעב אייך!"

וועהרענד דיעזער סצענע, האט ער, מיט זיינע הענד, בעריהרט איהר קלייד. זיא, נאך אימער שטעהענדיג גראַד אויף איהר פּלאַטץ, האט זיך אַביסעל צוריק געצויגען.

נאַנטאַס ווידער, פערצווייפעלט און ערניעדריגט, איז איהר נאָכגעקראָכען אויף זיינע קניען, און מיט אויסגעשטרעקטע הענד, האט ער געמורמעלט:

„פלאַוויע! מיין גאָט, איך ליעב אייך צום וואַהנזיניג ווערען... איך ווייס ניט וויא דאס איז געשעהען, אָבער איך ליעב אייך. עס איז נאָך געווען מיט יאָהרען צוריק, ווען איך האב אָנגעפאַנגען צו שפּירען א מערקווירדיגעס געפיהל זיך ער־עקענדיג אין מיין ברוסט. איך האב געקעמפּפט דאַגעגען, ווייל איך האב מיך עראינערט אן אונזער בעדינגונג. אָבער עס איז געווען געגען מיינע קרעפטען. דיעזעס געפיהל איז יעדעס מאל שטאַרקער געוואָרען, ביז עס האט מיך גענצליך בעהעררשט. אך! גלויבט מיר, איך ווייס, אז איך בין ניט ווערטה אייך צו ליעבען, אָבער עס איז ניט מיין שולד... יעטצט, זעהט, בין איך אונגליקליך, און איך מוז צו אייך רעדען...“

ער האט דאַן וויטער געשפּראָכען, שילדערענדיג זיינע ברענענדע ליעבעס־געפיהלע, מיט דעם העכסטען פייער פון א פערליעבטען. ער האט געוויינט, געלאַכט, זיך געבעטען און זיך ערניעדריגט.

דיעזער מעכטיגער מאַן, וועלכער איז אימשטאַנדע געווען מיט זיין ענערגיע צו ערציטערן לענדער און אויפקאָכען נאַציאָנען, דיעזער ריעזענמעכטער מענער, איז געפאַלען, צערבראָכען, פערניכטעט און אַזוי שוואַך וויא א הילפלאָזעס קינד, איז ער געלעגען צו דיא פיס פון א פרוי.

דיא ווירקליכקייט פון זיין אמאַליגען טרוים איבער עראָבערונג, זיין הויכער שטאַנד, אלעס, אלעס, וואָלט ער אויפגעגעבען, פערשמיסען און פערוואָרפען, ווען דיעזע פרוי וואָלט איהם נאָר געצייגט איין ליעבליכען בליק און איהם אויפגעהויבען מיט א קוש אויף זיין שטערען פון דער ערד.

יא, זיא האט איהם פערביטערט דיא גאַנצע וועלט, און זיין גליק האט קיין ווערטה געהאַט.

ער האט שוין מעהר ניט געהערט דעם קלאַנג פון גאָלד, ניט געאַכטעט אויף דעם איינדרוק וואס ער מאַכט איבעראַל, און דאַמאַלס פערגעסען זאָגאַר אן דעם קייזער אליין, וועלכער איז נייגיעריג געווען איהם צו מאַכען פאַר א מיניסטער.

אלעס איז געווען פיר איהם טויט, נאָר פלאַוויע׳ס ליעבע האט גע־לעבט.

ער האט בעזעסען אלעס גוטע אין דער וועלט, און ער האט דערצו געוואָלט האבען פלאַוויע׳ס ליעבע, און זאָלאַנג פלאַוויע איז ניט זיינע, קימערט איהם מעהר קיין זאַך.

„מאדאם, מאדאם," האט ער געמורמעלט מיט א הייזעריגער שטימע, נאך אימער שטעהענדיג אויף זיינע קניען, „גלויבט מיר, אז דיא לעטצטע איינינע יאהר, האב איך אלעס געטהאן נאר צוליעב אייך אליין... אנפאנגס, בין איך מודה, האט איהר קיין ראָלע געשפּיעלט; איך האב בלויז געארבייט צופריעדען צו שטעלען מיין איינענעם שטאָלץ. דאן זייט איהר געוואָרען דער איינציגער ציעל פון מיין לעבען, פון מיינע געדאנקען און שטרעבונגען. איך האב מיר געשטעלט דיא אויפגאבע, צו שטייגען אזוי הויך, ביז איך וועל מיר פערדיענען איהר זאָלט זיין מיינע. איך האב געהאָפט צו ווירקען אויף אייך, ווען איך וועל נעהמען מיין גאנצע מאכט און לייגען צו אייערע פיס. זעהט, מאדאם, וויא איך ליעג יעטצט. האב איך נאך ניט געקענט אויסווירקען אייער פערצייהונג? איך בעט אייך, מאדאם, פעראכטעט מיך ניט..."

זיא האט איהם געלאָזען דיא גאנצע צייט רעדען און זאגען וואס ער וויל. דאן, ווען זיא האט פערשטאנען, אז ער איז שוין פערטיג, האט זיא געזאגט גאנץ רוהיג:

„שטעהט אויף, מיין הערר; יעמאנד קען נאך אריין קומען און אייך אזוי טרעפען."

ער האט אָבער ניט געוואָלט אויפשטעהען און נאך אימער געבעטען זיא זאָל איהם פערצייהען.

„אך, מאדאם," האט ער געזאגט, „גלויבט מיר, אז איך וואָלט נאך אימער ניט געוואגט אייך צו בעאונרוהיגען. איך וואָלט געווארט ביז דיא צייט וואָלט געקומען, איך זאָל מיר פערדיענען אייער צוניינונג; אָבער דיא אייפערזוכט געגען דע פאָנדעט, האט מיך שיער געטריעבען צור פערצווייפלונג. איך געה ארום וויא משוגע."

זיא האט נאך אימער געשוויעגען.

דאן האט ער אָנגעפאנגען מיט איין אונטערטהעניגע שטימע:

„איך זעה גאנץ דייטליך, אז איהר פעראכטעט מיך. גוט, דאן בעט איך אייך, איהר זאָלט ווארטען. ניבט קיינעם ניט אוועק אייער ליעבע. איך פערשפּרעך אייך אזעלכע גרויסע זאכען, אז איך גלויב דאדורך צו געפינען א וועג וויא ווייך צו מאכען אייער הארץ. איך בעט אייך נאך אמאל, פערצייהעט מיין יעטצטיגען ווילדען אויפטריט. איך בין ניט שולדיג; איך ווייס ניט וואס עס טהוט זיך מיט מיר... אך! לאָזט מיך האָפען, אז איהר וועט מיך נאך אמאל ליעבען!"

„ניעמאלס ?" האט זיא אויסגעשריען שטארק אויפגערעגט.

ער איז געבליעבען שטעהען אויף זיינע קניעס, גלייך ווי א בליץ וואלט איהם געטראָפען. זיא האט זיך אומגעווענדעט אום צו פערלאָזען דאס צימער.

נאנטאס, זעהענדיג, אז זיא וויל אוועק געהען, האט ער פערלוירען זיין גאנצע זעלבסט־בעהערשונג. ער איז אויפגעשפרונגען און אין א ווילדען צאָרן האט ער זיא אָנגעכאפּט בייא דער האנד.

וואס ! זאָל א פרוי, א שוואכע בעשעפעניש, איהם אזוי ערניעדריגען ? איהם, וועלכער האט דיא גאנצע וועלט צו זיינע פיס ?

יא, ער האט עס געשפירט ; ער איז געוועזען אלמעכטיג ; ער האט געקענט שטירצען לענדער, טרייבען פראנקרייך וואוהין ער וויל, און, דיא ליעבע פון א פרוי זאָל ער ניט קענען געווינען ?

ער, נאַנטאס, אזוי מעכטיג און קרעפטיג, וועלכען'ס מינדעסטער וואונש איז שוין געווען א בעפעהל, האט נאָר געהאט איין איינציגען וואונש — און זאָל דיעזער וואונש קיינמאל ניט ערפיללט ווערען, ווייל א פרוי, אזוי שוואך וויא א קינד, וויל דיעזען וואונש ניט נאכגעבען ?

ער האט צונעדריקט איהר האנד און געשריען :

„איהר מוזט מיך ליעבען !"

זיא האט געציטערט פאר אויפרעגונג.

„איהר מוזט ! איהר מוזט !" האט ער ווידערהאָלט.

„ניעמאלס !" האט זיא אויסגעדונערט.

זייא האבעןביידע געקעמפפט : נאנטאס האט זיא געוואָלט פעסטהאלטען און זיא האט זיך געוואָלט בעפרייען.

וועהרענד דעם אָבער, האט זיך געעפענט דיא טהיר און דער באראָן דאנוויער איז ערשיענען.

דער אלטער איז געבליעבען שטעהען ערשטוינט און דערשראָקען.

ווען נאנטאס האט איהם ערבליקט, האט ער אָבגעלאָזען פלאוויע'ן.

דאן האט ער אויסגעשריען :

„מיין הערר ! אייער טאָכטער איז נאָר וואס געקומען פון איהר געליעבטען.. איך בעט אייך, זייט אזוי גוט, און זאגט איהר, אז א פרוי דארף רעספעקטירען איהר מאן'ס נאמען, זאָגאר דאן, ווען זיא ליעבט איהם ניט. יא, יא, אזוי מוז זיא טהון, ווען זיא אליין האט פערלוירען דעם לעטצטען פונק רעספעקט און עהרע."

דער באראָן איז שוין געווען שטארק געעלטערט. ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל און געבליקט אויף דיעזער סצענע מיט איין ערשראָקענעם און רעטהזועל־חאַפטען בליק.

ער איז געווען שטארק איבערראשט פון אלעמען וואס ער האט געזעהען.

דער אלטער באראָן האט אימער געדעכענט, אז זיין טאָכטער מיט זיין איידעם לעבען זעהר גוט און צופריעדען מיט אנאנדער. ער האט אימער געשטודירט זייערע בענעהמונגען, און דערפון זיך געדיימעט, אז זייער לעבען אין הויז, איז אויך אזוי שעהן וויא זייא ערשיינען אין געזעלשאַפט.

עס איז אמת, ער און זיין איידעם, האבען בעלאנגט צו צוויא פערשיעדענע דורות, און אונגעאַכטעט דארויף וואס זיין געפיהל פון עהרע האט פּראָטעסטירט געגען מאנכע האנדלונגען פון זיין איידעם אין דער געשעפטס־וועלט און ער וואָלט פעררזאכט מאנכע פון זיינע אונטערנעהמונגען, האט ער דאָך געמוזט צוגעבען, אז נאַנטאַס איז א פעהיגער מענש מיט א שנעלען און שטאַרקען פערשטאַנד.

ער וואָלט זיך ניעמאַלס פאָרגעשטעלט, אז דיעזער מאַן, מיט איין אייזערנעם כאַראַקטער, וואָלט געקענט אזוי האנדלען געגען א פרוי, און פּלוצלינג האט ער זיך געזעהען אין דער געגענוואַרט פון אזא שוידערהאַפטעס בילד.

ווען נאַנטאַס האט בעשולדיגט זיין פרוי, אז זיא האט א געליעבטען, איז דער באראָן געבליעבען נאָך אימער אויף זיין פּלאַטץ אין טיעפעס נאַכדענקען. ער האט נאָך אימער בעהאנדעלט פלאַוויע׳ן גראַדע אזוי שטרענג וויא מיט צעהן יאָהר צוריק, און זיין איידעם׳ס אנקלאַגע האט איהם זעהר בעאונרוהיגט. נאָך א פּויזע, האט ער צוגעמאַכט דיא טהיר און איז צוגעקומען נעהנטער.

„איך שווער אייך,“ האט נאַנטאַס געזאגט, אז זיא קומט יעטצט פון איהר געליעבטען. און יעטצט זעהט וויא זיא קוקט אויף מיר, ווען איך זאָג איהר דעם אמת.“

פלאַוויע האט מיט פעראַכטונג אָבגעווענדעט איהר געזיכט. זיא האט וויעדער אין אָרדנונג געבראַכט איהרע מאַנשעטען וואס נאַנטאַס האט צוקנייטשט, וועהרענד ער האט זיא פעסט געהאַלטען. איהר געזיכט איז געבליעבען אונפערענדערט.

דער באראָן האט געמאַכט א שריט פאָרווערטס צו איהר.

„מיין טאָכטער,“ האט ער אָנגעפאַנגען, „ווארום פערטהיידיגסטו דיך נים? האט דיין מאַן געזאגט דיא וואהרהייט? איז דאס מעגליך, אז דוא האסט מיר פאַרבערייטעט דיעזען שמערץ אויף דער עלטער? דיא שאַנדע וואָלט פאַר מיר געווען אונערטרעגליך. וויל דער פעהלער פון איין מיטגליעד אין אונזער פאַמיליע,

אין דיא שאנדע פאר יעדען איינעם. זאג, טאַכטער, איז דיא בעשולדיגונג וואהר?"

זיא האט געמאכט דערבייא איין אוננעדולדיגע בעוועגונג. איהר פאטער האט יעטצט געהאט א פאסענדע געלעגענהייט פיר אזא בעשולדיגונג.

זיא האט פּראָבירט צו ערטראגען דעם שמערץ פון זיינע פראגען, אום איהם צו ערשפּארען א גרעסערן שמערץ עס זאָל נים דארפען קומען צו איין ערקלערונג. דער אַלטער איז אָבער שטארק אויפגערעגט געוואָרען ווען ער האט געזעהען, אז זיא שווייגט.

„איז דאס איין ענטפער אויף מיין פראגע?" האט דער אַלטער גע־דרונגען.

„פאטער!" האט זיא ענדליך געזאגט, „לאָז דיעזען מאן אויסשפּיעלען זיין ראָלע... ניין, פאטער, דוא קענסט איהם נים. צווינג מיך נים, איך בעט דיך — ניין, ניין, צווינג מיך נים צו רעדען; איך מוז שווייגען, ווייל איך רעספּעקטיר דיך."

„ער איז דיין מאן, טאָכטער," האט דער באראָן געזאגט, „און ער איז דער פאטער פון דיין קינד."

פלאָוויע האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, און ציטערענדיג מיט צאָרן, האט זיא אויסגעשריען וויטהענד:

„מעהר קען איך שוין נים אויסהאַלטען! ניין! ער איז נים דער פאטער פון מיין קינד!... איך מוז דיר אַלעס דערצעהלען, ווען ער זעלבסט האט מיך דערצו גע־טריעבען. דיעזער מאן, וועלכען דוא זעהסט דאָרט שטעהען וויא א פּייגלינג, איז אפילו נים קיין פערפיהרער, ווייל דאס וואָלט אויך געווען איין ענטשולדיגונג, און עס וואָלט געהייסען, אז ער האט מיך אמאל געליעבט. דיעזער מאן, פאטער, האט זיך בלויז פערקויפט פיר געלד, אום ער זאָל פערדעקען דאס פערברעכען פון איין אנדערן!"

דער באראָן, ציטערענדיג, האט זיך אומגעקוקט צו גאנטאַסען, וועלכער איז געוואָרען אזוי בלאס וויא א טויטער.

„הערסטו פאטער," האט פלאָוויע פאָרטגעזעטצט נאך וויטהענדער, „ער האט זיך פערקויפט, יא, פערקויפט פיר געלד... איך האב איהם קיינמאָל נים גע־ליעבט, און ער האט מיך נאך ניעמאלס בעריהרט זאָגאר מיט זיין פינגער... איך האב דיר געוואָלט ערשפּארען דעם שמערץ, און איך האב איהם געקויפט, אום ער

זאָל קענען שפּיעלען דיא ראָלע פון דעם בעטרינגער... קוק צו איהם, פּאַטער, זעהט
לעז אויף זיין געזיכט אויב איך זאג דיא וואהרהייט אָדער ניט!"

נאָנטאַס האט בעהאַלטען זיין געזיכט אין זיינע הענד.

„און יעטצט," האט דיא יונגע פרוי פאָרטגעזעטצט, „יעטצט וויל ער, אזא
עהרענלאָזער, איך זאָל איהם ליעבען... ער האט זיך געוואָרפען אויף זיינע קניעס
פאר מיר און געוויינט. עס איז, אָהנע צווייפעל, עפּעס א קאָמעדיע. ענטשולדיג
מיר, פּאַטער, ווארום איך האב דיך בעטראָגען; עס האט דאמאלס אנדערש ניט
געקענט זיין; און יעטצט, זאָג דוא אליין, וואס פאר א רעכט האט דיעזער מאַן
איבער מיר? און אזוי וויא דוא ווייסט שוין אלעס, בעט איך דיך, נעהם מיך אוועק
פון איהם. ער האט זיך געגען מיר געוואַלט־טהעטיג בענומען, איך קען איהם ניט
ערטראגען, איך האס איהם, און איך וועל דאָ מעהר ניט בלייבען קיין איינציגע
מינוט."

דער באַראָן האט אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענע פיגור און זיך אוועק גע־
שטעלט געגענאיבער נאָנטאַס'ן. ער האט געוואָלט בעגעגענען זיין בליק, נאָר נאָנטאַס
האט איהם אויסגעמיעדען.

זעהענדיג, אז נאָנטאַס וואגט איהם ניט צו קוקען אין געזיכט, האט ער גע־
נעבען פלאַוויע'ן זיין ארעם. ער איז מיט איהר צוגעגאַנגען צו דער טהיר, אָהנע
נאָנטאַס זאָל זאָגאר געבען דעם מינדעסטען צייכען.

אלס זייא זיינען צוגעגאַנגען צו דער טהיר, איז דער אלטער געבליעבען שטעהן
און געזאָגט:

„אדיע מיין הערר!"

דיא טהיר האט זיך דאַן געשלאָסען הינטער זייא.

נאָנטאַס איז געבליעבען אליין, צערבראָכען און בעזיעגט. ער האט געקוקט
מיט זיינע פערגלאָצטע אויגען און קיין זאך געזעהען. זיינע געדאַנקען זיינען געווען
צומישט און שרעקליך אויפגערעגט.

ער איז אזוי געזעסען א היבשע צייט אָהנע צו וויסען וואס עס געהט פאָר
ארום איהם.

דיא טהיר האט זיך געעפענט, און זיין דיענער זשערמען, איז ערשיענען מיט
א בריעף אין דער האנד.

„א בריעף, מיין הערר," האט דער דיענער אָנגעמעלדעט.

נאָנטאַס האט געשוויעגען.

„איך האב געבראכט א בריעף," האט זשערמען נאך אמאל געזאגט איבער, רעבענענדיג, אז זיין בעל־הבית האט איהם צום ערשטען מאל ניט געהערט.

נאנטאס האט זיך אומגעקוקט.

„וואס ווילסטו?" האט ער געפרעגט.

„איך האב געבראכט א בריעף."

„געה צום טייפעל!"

„אבער דער בריעף קומט פון א וויכטיגען פלאטץ."

„איך האב קיין צייט ניט."

„ער טראגט דעם זיעגעל פון קייזערליכען פאלאסט."

„פון וועמען איז ער?"

„דאס ווייס איך ניט."

„לאז זיך צורוה, איך האב קיין צייט ניט."

„אבער, מיין הערר," האט דער דיענער געדרונגען אויפציהענדיג מיט דיא אקסלען, „דער איבערברענגער טראגט דיא אוניפארמע פון זיינער מאיעסטעט."

„לייג אוועק!" האט ענדליך נאנטאס אויסגעשריען אונגעדולדיג.

זשערמען האט אוועק געלייגט דעם בריעף, און מורמלענדיג צו זיך אליין:

„ער איז משוגע," איז ער ארויס פון דעם צימער.

נאנטאס איז געבליעבען זיטצען בליקענדיג אויף'ן בריעף. דאן האט ער אויס־געשטרעקט זיין האנד און גענומען דעם בריעף. ער האט איהם מעכאניש געעפענט. און דארט זיינען געשטאנען פאלגענדע ווערטער:

„מיין טייער געליעבטער פריינד: —

„איך זוך אייך, אים נאמען פון דער ליעבע צו אונזער פאטערלאנד, איהר זאלט איבערנעהמען דאס אמט פון פינאנץ־מיניסטער. עס וועט מיר פער־שאפען פיעל פערגניגען, צו וויסען, אז איהר זייט א מיטגליעד פון מיין קא־בינעט. יא, דאס לאנד בענעטהיגט יעטצט פעהיגע מענער אם רודער, און איך צווייפעל ניט, אז איהר זייט דיא געווינשטע פערזאן. איהר וועט געוויס זעהן זא שנעל וויא מעגליך איבערצונעהמען דאס אמט, דען, לויט וויא איהר ווייסט, האבען מיר יעטצט קיין פינאנץ־מיניסטער.

„איך פערבלייבע אכטונגספאל אייער —

„נאפאלעאן."

דער בריעף איז ניט נאר געווען אונטערגעשריעבען פון דעם קייזער, זאנדערן, אויך אין גאנצען אין זיין האנדשריפט.

אזוי פיעל האט זיך נאנטאס יא געמערקט, אז דער בריעף קומט פון דעם קייזער, אָבער אויסער בוכשטאבען און האלב אונבעדייטענדע ווערטער, האט ער׳ ניט געזעהען.

די וואהרהייט איז, אז ער האט דעם בריעף ניט געקענט פערשטעהען, ווייל דער גאנצער אינהאלט האט קיין איינדרוק געקענט מאכען אויף זיינע צומישטע געדאנקען.

די פערווירקליכונג פון אלע זיינע האָפנונגען, זיין בעשטייגען די העכסטע שטופע פון זיין אמאליגער פאנטאזיע, האט איהם ניט געקענט אינטערעסירען.

דאס קלינגען פון גאָלד, אין די נעבען־צימערן, איז יעדעס מאל שטאַרקער און העכער געוואָרען; דער גערויש פון טהעטיגקייט האט געוואַקסען — עס איז גראדע דאמאלס געווען די וויכטיגסטע געשעפטס־צייט פון דעם טאָג. טויזענדער מענשען זיינען אריין און ארויס געגאנגען, און כמעט יעדער איינער האט געהאט עפעס איין אנדערעס געשעפט צו בעזאָרגען.

אָבער נאנטאס איז געזעסען ווי געלעהמט. אין מיטען פון דיעזער טהעטיגקייט, וועלכע איז זאָנסט געווען זיין ארבייט, איז ער געווען ווי פערווירט. אז מען האט איהם געקענט שטעכען מיט נאָדלען און ער זאָל קוים וויסען אויב איהם מיינט מען דאס.

זיינע אויגען האבען אָנגעפאנגען צו וואנדערן ארום, זיין קערפער האט דערשטפהאפט אויפגעציטערט, און ער האט אָנגעפאנגען זיך צו דערמאָהנען וואס עס איז געשעהען. זיינע אויגען זיינען נאס געוואָרען, און מיט א שטימע ווי פון א הילפלאָזען שטערבענדען, האט ער אויסגעשריען:

„אך! ווי אונגליקליך איך בין!“

א שטראָם טרערען האט געגאָסען פון זיינע אויגען און ער האט געקוקט פון צווישען זיינע טרערען אויף דעם קייזער׳ס בריעף.

„ווי דום, ווי נאריש איך בין געווען!“ האט ער ווייטער געמורמעלט.

ער האט מיט זיין האנד נעהנטער צוגערוקט דאס פאפיר, און זיך וועלענדיג בעסער איינקוקען וואס דארט שטעהט, איז זיין קאָפּ אומגעפאלען אויף׳ן שרייב־טיש, און זיינע טרערען האבען פערפלעקט דעם קייזער׳ס בעפעהל איהם צו מאכען פאר פינאנץ־מיניסטער.

4.

אלעס איז פערווירקליכט געוואָרען!

נאַנטאַס איז שוין געוועזן מיניסטער זייט אַכטצעהן מאָנאַט. ער האָט ערדייכט צו דיעזען פּאָסטען אין עתרע בעקליידעט מיט פעהיגקייט און ער האָט געהאַט גרויסען רעספּעקט.

זייט ער האָט איבערגענומען דאָס אמט, האָט ער ניט אויפגעהערט שווער צו אַרבייטען בייא טאָג און בייא נאַכט. ער האָט ערשטענס ווירקליך בעדאַרפט ברענגען אין אָרדנונג דיא פינאַנצען, און צווייטענס איז ער געוועזן צופריעדען זיך צו פערגעסען אביסעל אין דעם שטורם פון טהעטיגקייט.

מיט א טאָג שפּעטער, נאָך דער שרעקליכער סצענע מיט זיין פרוי, האָט ער געהאַט א לענגערע אונטערהאַנדלונג מיט זיין שוויגער־פאַטער, באַראָן דאַנוויער. נאַנטאַס איז געוועזן ניעדערגעשלאָגען און ער האָט אויסדערצעהלט זיין גאַנצעס הערץ פאַר דעם אַלטען עדעלמאַן.

„נאָר יעטצט,“ האָט ער געזאָגט, „איז שוין אלעס פערפאַלען. צו דער געגענ־ווערטיגער צייט בין איך דעריעניגער וואָס זוך צו שיטצען מיין עהרע און מיין אמט. איך בעט אייך, וויא דיא זאַך זאָל זיין, זאָל פלאַוויע ווענינסטענס ניט מאַכען קיין עפענטליכען סקאַנדאַל.“

אויף איהר פאַטער׳ס ביטע, איז פלאַוויע צוריק געקומען וואָהנען אין דעמ־זעלבען הויז וואו נאַנטאַס האָט זיך געפונען. אונטערדעסען זיינען זייא נאָך פער־בליעבען מעהר פרעמד איינער צו אנאַנדער, וויא פריהער. זייא האָבען ביידע קיין וואָרט געשפּראָכען, מיט דער אויסנאַהמע, ווען פרעמדע מענשען זיינען געוועזן, האָבען זייא געשפּיעלט דיעזעלבע קאָמעדיע וויא אַמאָל, דערמיט וואָס זייא האָבען זיך בעדיענט מיט דיא צערטליכסטע אויסדריקע.

דאָס מיניסטעריום פון פינאַנץ, האָט געהאַט געגוג פּלאַטץ וואו דיא רע־גיערונגס־געשעפטען זאָלען געפיהרט ווערען בייא טאָג און בייא נאַכט, אָבער נאַנטאַס האָט ניט געוואָלט פערלאָזען זיין הויז, און אבענד, האָט ער אַהיים געבראַכט זיינע סעקרעטערע, וואו ער האָט פאָרטגעזעטצט דיא אַרבייט, ביז ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין פּראָגראַם פון דעם טאָג.

אין דיעזע אַכטצעהן מאָנאַט, האָט נאַנטאַס אויפגעטהאָן וואונדערבאַרע זאַכען, און זיינע פריינדע, וואָס האָבען געאַרבייט פיר איהם ער זאָל ווערען פינאַנץ־

מיניסטער, זיינע נעווען ערשטערנס. יא, זייא האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז נאנטאס איז א פעהיגער מענש, אבער אויף אזוי וויט פעהיג אין ארבייטס־זאך, האט זיך קיינער ניט פארגעשטעלט.

אבער, ווען זייא האבען גערעכענט, אז נאנטאס ארבייט נאר דאפיר, אום אנערקענט צו ווערען פון דער רעגירונג און פון דעם קייזער אלס פעהיגער מענש· דאן האבען זייא געהאט א טעות. ער איז שוין געווען א גאנץ אנדערער נאנטאס; דיא אמאליגע שטרעבונג, צו ערדייכען א הויכע שטופע נאר צוליעב זיך, איז שוין פערשוואונדען. ער האט בלויז בעזעסען דיא אמאליגע פלייסיגקייט מיט א פיעל־פאך פערמעהרטער ענערגיע. נאר ניט צוליעב זיך; זיין פערזאן, זיין אייגענע אמ־ביציאן, האט אויפגעהערט צו שפיעלען א ראלע. פיר זיך אליין, האט ער מעהר ניט געלעבט.

איין אינערע שטימע האט צו איהם געזאגט: „נאנטאס! דיין האפנונג איז נאך ניט פערלוירען! דיעזעס פרויענצימער, וועלכעס דוא ליעבסט מיט דיא ווילדעסטע ליעבעס געפיהלע, איז אונמעגליך זיא זאל פערבלייבען גלייכגילטיג צו דיר, ווען דוא זאלסט ווערען נאך א גרעסערער מענש וויא דוא ביסט. ארבייט, ארבייט, אימער פארווערטס, צוליעב איהר, און דיין ציעל מוז ערדייכט ווערען!“

און נאנטאס האט געארבייט. ווען ער פלעגט פארבייא געהען דיא גאס, האט זיך געהערט פון איבעראל א געמורמעל פון איבערראשונג און בע־וואונדערונג.

„דאס איז דער נייער פינאנץ־מיניסטער — דאס איז נאנטאס,“ האט יעדער געזאגט טייטענדיג מיט דיא פינגער אויף דעם מאן, וועלכער האט בעוויעזען דיא גרעסטע גבורות און חכמות אין זיין אמט.

אבער וואס עס אנבעלאנגט דעם ליוב פון פרעמדע, איז ער געבליעבען אזוי גלייכגילטיג דערצו, גראדע וויא צום פאנאר וואס איז געשטאנען אויף׳ן טראטואר.

וואס אנדערע זאגען, וואס אנדערע מיינען און וואס אנדערע בעהויפטען, האט איהם ווענינ בעקימערט. ער האט אויסגעזעהען צו ארבייטען און ארבייטען אהן אויפהער, אהנע צו זוכען בעלוינונג פון דער וועלט, און זיינע אייציגע אבזיכט איז געווען, צו פראבירען דורכפיהרען זאגאר דאס אונמעגליכע, מיט דער אידעע, פיעל־לייכט וועט דאס וויך מאכען פלאוויע׳ס הארץ צו איהם.

ווען ער האט געמאכט עפעס א גרויסע ערֿאבערונג אין זיין אמט, ווען די־א
ציימונגען זיינען ארויס מיט געזאנג און לויב־ארטיקלען, האט ער אבגעווארט די־א
צייט ביז פלאווע וועט דערפון ערפאהרען, און דאן האט ער געזוכט צו זעהען איהר
געזיכט, אויב איהר פעראכטונג צו איהם איז קלענער געווארען, און אויב דאס האט
עפעס געהאט א ווירקונג איבער איהר.

אבער, צו נאנטאס'עס שמערץ, האט ער קיינמאל ניט ענטדעקט קיין איבער־
ראשונג אויף איהר שעהנעם און בלאסעם געזיכט. זיא איז געבליעבען אזוי גלייכ־
גילטיג צו איהם וויא פריהער, און ווען קיינער איז דאבייא ניט געווען, האט זיא
זאגאר אויסגעמיעדען פארבייא צו געהען דאס צימער וואו ער האט זיך
עפונען.

ווען נאנטאס האט געזעהען, אז עס איז נאך אימער קיין ווערסלונג איינגע־
טרעטען, האט ער געגעבען א שווערען זיפץ, און זיך אומווענדענדיג, האט ער גע־
טראכט:

„ניין, ניין! איך בין נאך ניט גענוג הויך פיר איהר! איך מוז אימער
שטייגען, ביז איך וועל מיר פערדיענען פון איהר ווענינגסטענס געאכטעט צו
ווערען.“

זיין אבזיכט איז געווען צו ערֿאבערן דאס גליק, גראדע וויא ער האט ער־
אבערט קראפט און פערמעגען.

זיין גאנצער גלויבען אין ענערגיע, האט צוריק געקעהרט מיט דאפעלער מאכט,
און ער האט בעשלאסען, אז עס גיבט קיין גרעסערע מאכט אין דער וועלט, וויא
ווילען; דורך ווילען עקזיסטירט דיא וועלט, און מיט ווילען, מוזען מיר אלעס
ערֿאבערן, זאגאר דיא ליעבע פון א פרויענצימער וואס האסט.

נאר אזוי וויא א מענש קען ניט אימער האפען, און־אונטערבראכען, ווען
דאס שיקזאל שפייט איהם דאך אין פנים, אזוי האט עס אויך פאסירט מיט
נאנטאס'ן, וואס ער איז צייטענווייז געווארען זעהר פערצווייפעלט. צו אזא צייט,
האט ער זיך אבגעשלאסען אין זיין צימער, און זיך דארט גאנץ גוט אויסגעוויינט
פאר דיא פיער ווענט, כדי ניעמאנד זאל זעהען זיין שוואכקייט.

יא, שטארקע מענשען, זאגאר דיא שטארקסטע, קענען וויינען. ווען דער
שטארקער מענש זאל ניט קענען וויינען, דאן וואלט ער געווען וויא איין אונגעהייערעס
הארטעס שטאהל, וואס מוז צערבראכען ווערען בייא א שטארקען קלאפ. דיא
בעסטע שטאהלענע שווערט, מוז זיין אביסעל וויך, אום צו קענען ווידערשטעהען

דאס ביינען פון שיקזאל; דער שטארקסטער מענש, מח קענען ווינען, דאס זיין הארץ זאל איהם נים פלאטצען אין דעם קאמפף מיט דעם שיקזאל.

זיינע ליידען און שווערע ארבייט, האט מען נאר געקענט לעזען אין זיינע איינגעזונקענע אויגען און אין דיא בלויע קארבען וואס האבען זיך איינגעשניטען אונטער דיא אויגען. זאנסט האט מען נים געקענט זעהען קיין אנדערע ווענקסלונג.

אבער, צו דיא אלע צרות פון פערצווייפעלטער ליעבע, איז נאך לעטצטענס צוגעקומען דער פערצעהרענדער טייפעל פון אייפערזוכט. דיא טהאטזאכע, אז ער האט ניט געקענט בעוועגען פלאוויע׳ן איהם צו ליעבען, איז געווען א מארטער; נאר דער געדאנק, אז זיא גיבט פיעללייכט איין אנדערן אוועק דיעזע ליעבע, דאס האט איהם שיער געטריעבען צום וואהנזין.

„ווער ווייס,“ האט ער זיך געטראכט, „פיעללייכט האט זיא טאקי פריהער נים פערקעהרט מיט דע פאנדעט׳ן, אבער יעטצט, וויא זיא וויל פון מיר פטור ווערען, און איך האב צוגעצויגען איהר אויפמערקזאמקייט, האט זיא מיר אויף להכעיס איהם אויסגעזוכט!“

בייא אזעלכע געדאנקען האט ער געשפירט גלייך וויא א הייסער דאמפף וואלט געבלאזען אין זיין געזיכט. ער האט פראבירט ניט צו דענקען פון איהר און זיא געוואלט אויסמיידען. אבער ווען ער האט געוואוסט, אז זיא איז נישטא אין הויז, האט ער געליטען אונגעהייערע שמערצען.

ווען ער וואלט נים מורא געהאט צו מאכען לייטישען געלעכטער, וואלט ער אליין איהר נאכגעגאנגען אין דער שטראסע, און וויא א שפיאן, וואלט ער איהר נאכגעשפירט אום אויסצוגעפינען וואוהין זיא געהט.

„ניין, ניין,“ פלעגט ער זאגען, „איך גלויב ניט זיא זאל ליעבען איין אנדערן; זיא איז צו שטאלץ, צו אונאבהענגיג, דאס צו טהון און זיך שעהמען פאר מיר. אבער דאך, איהר נאכצושפירען, וויסען גענוי וואוהין זיא געהט, וואלט מיך בערוהיגט. דאן, פיעללייכט וואלט איך דאדורך אויסגעפינען איהרען א פריינד, וועלכען איך וואלט אונטערגעקויפט, געמאכט פאר מיין פריינד, און אויסגעווירקט, ער זאל איהר ערקלערען וויא שטארק מיין ליעבע איז...“

אזוי האט ער געקענט אבפאנטאזירען שטונדען־לאנג, אהנע צו קומען צו א רעזולטאט, ביז ער האט זיך גוט אויסגעוויינט, און וויא א קינד, וואס וויינט זיך פריהער גוט אויס און דאן שלאפט עס געשמאק, אזוי האט ער אויך מיט

נאנטאס'ן פאסירט. נאך א שטראָם טרערן, האט ער זיך געשפירט ערלייכטערט און צוריק געקעהרט צו זיין ארבייט.

מאדמאָאזעל שין, דיא גאָווערנאנטין, איז נאך אימער געוועזן אין הויז. דער אלטער בעראָן, איז געוועזן מיט איהר שוין צו גוט בעקאַנט נאך פון לאנג, אום ער זאָל זיא ענטלאַסען זאָגאר אויף דער עלטער. איבריגענס, האט דאס אלטע „פריילין" געוואוסט צו פיעל סודות איבער דער פאמיליע, און אין אזעלכע הייזער וויס מען, אז מען דארף קיין היימישען מענשען ניט אוועק לאָזען אום ער זאָל האבען א געלעגענהייט ערגיץ צו פלוידערן וואס מען דארף ניט.

מאדמאָאזעל שין האט אפילו שוין איינמאל געוואָלט אליין אוועק געהען און לעבען פון דיא צוואנציג טויזענד פראנקס, וואס נאנטאַס האט איהר אמאל בעצאָהלט, אויף'ן צווייטען טאָג נאך דער חתונה; אָבער, זיא האט בערעכענט, אז עס לוינט איהר בעסער צו פערבלייבען דאָרט וואו זיא איז און מען דארף ניט געהען זוכען קיין גליקען, כל־זמן עס פעהלט גאר ניט.

איבערהויפט האט מאדמאָאזעל שין גאנץ גוט געוואוסט, אז פון איהר יונגע ווירטהין מיט דעם מאן וואס זיא האט איהר געגעבען, קען זיך ניט אלעס ענדיגען גאָנץ גלאַט. זיא האט זיך געטראַכט, דאס ווען ניט היינט, דאן מאָרגען, איבער־מאָרגען אָדער שפּעטער, וועט זיך ווידער מאכען א געלעגענהייט און זיא וועט נאך אמאל עפּעס פערדיענען.

ווירקליך, אונטער דיא רייכע הערען קומט דאָך פאָר אזוי אָפט וויכטיגע זאכען, און ווען מען איז נאָר בעקאַנט מיט זייער אינערעס לעבען, קען מען דערבייא עפּעס פערדיענען צו יעדער צייט.

עס איז אפילו ניט גאנץ עהרליך צו ווארטען אויף אזעלכע פערדיענסטען, נאָר מאדמאָאזעל שין האט זיך ניט געוואָלט נעהמען צום הארצען וואס יענעם טהוט וועה, און מאכען געלד, איז אויף אירגענד איין אופן ניט געוועזן געגען איהר כאַ־ראַקטער.

זיא האט בעדאַרפט נאך צוואנציג טויזענד פראנקס אום צו קויפען א נאָטאר'ס הויז פון ראַאנוילל, וואו זיא איז געבוירען געוואָרען. דיעזעס הויז, פאר וועלכען מען האט פערלאַנגט פערציג טויזענד פראַנקס, האט זיא זעהר געליעבט נאך פון איהר קינדהייט אָן, און זיא האט בעשלאָסען אָבצרווארטען אויף דער פאסענדער געלעגענהייט און אריין קריעגען דאס איבריגע געלד.

נאַנטאַס האט שוין גוט געקענט דיא אלטע מויד, וויא זיא האט זיך גערופען. אונגעאַכטעט דאַרויף וואס זיא האט אימער געשפּיעלט אויסגעצייכענט דיא ראָלע

אלס געטרייע און איבערגעבענע צום הויז און צו דער פאמיליע, איז ער געווען פאָל־שטענדיג איבערצייגט, אז פאר געלד וועט זיא פערקויפען אפילו איהר נשמה צום טייפעל, וויא ער האט אמאל געוואָלט טהון.

טראָטץ דעם אָבער, וואס נאנטאס האט זיא אויסגעמיעדען און ניט געזוכט זיך צו בעגעגענען מיט איהר, האט עס פאסירט וואס ער האט איינמאל בעשלאָסען מיט איהר צו האנדלען.

עס איז געווען אין א פריה־מאָרגען, ווען ער האט זיא געשיקט אריין רופען אין זיין שטודיר־צימער אום מיט איהר עפּעס צו רעדען.

מאדמאָאזעל שין, אָבוואָהל זיא האט ניט געוואוסט וואס עס געהט פאָר, האט זיא זיך דאָך געמערקט. אז ניט אלעס איז וויא עס דארף צו זיין. זיא האט דאס געלעזען אין דיא געזיכטער פון נאנטאס'ן און זיין פרוי, ווען זיא האט זייא געזעהען צוזאמען.

ווען זיא האט געעפענט דיא טהיר פון דעם שטודיר־צימער און ערבליקט נאנטאס'ן זיטצענדיג פערטראכט, האט זיך בעוויזען א צופריעדענער שמייכעלע אויף איהרע ליפּען.

„מיינע צוואַנציג טויזענד פראנקס, קומען שוין,“ האט זיא גערעדט צו זיך אין איהרע געדאנקען.

„גוט מאָרגען,“ האט זיא געזאגט מיט איהר ווייבער שטימע.

נאנטאס האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און ניט בעענטפערט דיא בעגריסונג.

„קומט נעהנטער,“ האט נאנטאס געזאגט.

זיא איז צוגעגאנגען און איז געבליעבען שטעהען שווייגענדיג.

„הערט מיך אויס, מאדמאָאזעל שין,“ האט ער אָנגעפאנגען אין א געשעפטס־טאָן, „איך וויל פון אייך בעטען א טובה.“

„מיט פערגניגען, מיין העדר,“ האט זיא געענטפערט.

„איך וויים,“ האט ער ווייטער געזאגט, „אז איהר אליין זיים איםשטאנדע מיר דאָ צו העלפען.“

„ווען נאָר מעגליך, דאן פערשפרעך איך אייך אין פאָראוס.“

„איהר זיים אימער געבען מיין פרוי?“

„אימער!“

„איך מיין, אז איהר קומט זיך זעהר אָפט צוזאמען.“

„יאָ.“

„דאן וויל איך, איהר זאָלט בעסער אויפפאסען איבער אלע איהרע בעוועגונגען, און מיר דאריעבער בעריכטען.“

„ווער? איך?“ האט זיא אויסגעשריען.

„עס וועט ניט זיין אומזיסט.“

„ענטשולדיגט מיר, מיין הערר, איהר בעליידיגט מיך; איך בין ניט קיין שפּיאָנין.“

„וואס טויגען אייך דיא פוילע שטיק?“ האט ער געזאגט אונגעדולדיג, „איך קען אייך גאנץ גוט; איהר וועט אלעס טהון פיר געלד. איך האב יעטצט זעהר וועניג צייט, און איך וויל אזוי שנעל וויא מעגליך מיט אייך פערטיג ווערען.“

זיא האט געצייגט אזוי ערנסט, אז זיא איז בעליידיגט געוואָרען, דאס נאנטאס האט באלד אָנגעהויבען צו צווייפלען אין זיין מענשען־קענטשאפט.

„דאס איז זעהר ניט שעהן,“ האט זיא געזאגט פּראָטעסטירענדיג, „איך ווייס ניט וואס איהר מיינט, אָבער איך מערק מיר, אז איהר האט שלעכטע אבזיכטען. איך בין בערייט אייך צו דיענען, אָבער איך וועל אום קיינעם פרייז ניט איינשטימען צו עטוואס אונעהרליכעס אָדער פערבּאָרגענעס. אירגענד עטוואס, פיר זיך זעלבסט, איז ניט אזוי שלעכט, נאָר עס שפּיעלט א גרויסע ראָלע וויא דאס ווערט אויפגעפאסט.“

א טריומפירענדער שמייכעלע איז אריעבער געפלויגען איבער זיינע ליפּען. ער האט זיא פערשטאנען. נאך אלעמען, האט ער דאך קיין טעות ניט געהאט אין איהר.

„זאָל זיין אזוי וויא איהר זאגט,“ האט ער דאן בעמערקט, „הערט מיך אויס, מאדמאָאזעל, איך רעד דאָ גאר ניט פון קיין אונהערליכעס אָדער פערדאָרבענעס. אין געגענטהייל, איך מיין דאָ א גאנץ גוטע און עהרליכע זאך... איך האב מורא, אז מיין פרוי בעהאלט פון מיר עפּעס א שמערץ, וואס זיא וויל ניט איך זאָל וויסען. איך האב מיר געמערקט לעטצטענס איהר געזיכט, וועלכעס דריקט אויס אונגעהייערן עלענד. איך בין שטארק נייגעריג צו וויסען וואס דאס בעדייטעט.“

„אה!“ האט זיא געענטפערט מיט א צערטליכען טאָן, „ען דאס איז דער פאל, דאן בין איך בערייט אלעס צו טהון. איהר ווייסט גאנץ גוט, וויא ווייט איך בין צו איהר איבערגעבען, און אז זיא האט קיינמאל פאר מיר קיין סודות ניט געהאט. איך בין אימער געווען דיא ערשטע, און ווען זיא האט זיך פערטרויעט. איך ליעב זיא וויא מיין אייגענעס קינד, און ווען עס האנדעלט זיך זיא גליקליך צו

מאכען, דאן בין איך צו אלעמען בערייט. איך רעכען, אז פון מארגען זאל איך אנפאנגען איהר נאכצושפירען. וויא זאגט איהר?"

ער האט זיא אנגעקוקט און געענטפערט:

„ריכטיג, ריכטיג, וואס פריהער, אלץ בעסער, און, איהר מעגט זיכער זיין, אז איך וועל אייך בעלוינען פאר אייער מיה."

„אום גאטעס ווילען, איהר בעליידיגט מיך!" האט זיא געשריען.

„דומהייטען, איך בעליידיג אייך גאר ניט!"

„וואס קענט איהר מיר דען בעצאהלען?" האט זיא פלוצלינג געפרעגט זעהענדיג, אז זיא קען איהם ניט נארען.

מאדמאאזעל שין האט זיך געטראכט, אז זיא וועט געהען צו איהר ארבייט לאנגזאם, און וואס מעהר אונגעדולדיג ער וועט ווערען, אלץ מעהר געלד וועט זיא קענען ארויס ציהען. נאר אזוי וויא זיא האט זיך געזעהען אין דער געגענווארט פון א מאן, מיט וועלכען מען קען ניט בעטרייבען צו פיעל חכמות, האט זיא בעשלאסען צו בעשטימען דיא סומע פיר איהר ארבייט.

„אזוי האב איך ליעב," האט נאנטאס בעמערקט. „איך האב פיינד מען זאל מיר איינרעדען דומהייטען. איך פערלאנג פון אייך א געוויסען דיענסט, דאס קאסט ארבייט און מיה, און עס מוז בעלוינט ווערען. זאגט אלזא דעם פרייז."

מאדמאאזעל שין האט אנפאנגס פערלאנגט צוואנציג טויזענד פראנקס. אקוראט דיא סומע וואס זיא האט נאך בעדארפט, אבער נאנטאס האט איהר ער־קלערט, אז דאס איז צו פיעל, און ער האט קיינמאל ניט גערעכענט, אז עס וועט איהם דארפען קאסטען מעהר וויא א פאאר טויזענד פראנקס.

נאך אייניגע מינוטען דינגען זיך, האט נאנטאס איינגעשטימט צו געבען צעהן טויזענד פראנקס.

„אבער," האט ער געזאגט צום שלוס, „דיעזעס געלד וועט ערשט דאמאלס בעצאהלט ווערען, ווען איהר וועט מיר ברענגען איבערציינגענדע בעווייזע, ענטוועדער דאס מיין פרוי איז עהרליך אדער אונעהרליך. איהר מוזט מיך גוט פערשטעהען, מאדמאאזעל, מיט מיר מאכט מען ניט קיין פוילע שטיק; ווען איך בעצאהל געלד, וויל איך וויסען ווארום. איך ווארען אייך אלזא פאראוים, אז איהר מוזט מיר ברענגען אונבעשטרייטבארע בעווייזע."

„איהר מעגט זיכער זיין," האט זיא געענטפערט מיט א טייפלישען שמייכעלע, „אז מיך נארט מען אויך ניט. ווען איך וועל אייך ניט קענען איבערציינען אהן אדער

אהער, דאן וועל איך עס אייך זאגען, און איך וועל פון אייך קיין זאך פערלאנגען.
אָבער, איך צווייפעל ניט, אז איך וועל קענען אייער וואונש ערפילען."

„איך בין צופריעדען," האט ער געענטפערט זיך אָבווענדענדיג. זיא האט פערשטאנען, אז ער ווינשט מעהר ניט איהר געגענווארט, און זיא האט פערלאָזען דאס צימער.

נאך דיעזער אונטערערדונג, האט זיך נאנטאס אביסעל בערוהיגט.

„יעטצט וועל איך אלעס וויסען," האט ער זיך געטראכט. „אין פאל זיא ליעבט טאקי איין אנדערן און גיבט איהם אוועק דיא ליעבע, דאן האב איך ניט וואס צו האפען... ווען זיא איז אָבער דעננאך אנשטענדיג, לויט וויא זיא שיינט מיר, דאן וועל איך איהר ריהרען הימעל און ערד אום זיא צו עררייכען און געווינען פיר מיר!"

דרייא מאָנאט זיינען אזוי פאָראיבער. נאנטאס איז געווען בעשעפטיגט מיט זעהר א וויכטיגער ארבייט, פאָרבערייטענדיג א פלאן פיר א גאנץ נייעם בודזשעט אין פראנקרייך. מיט דער איינשטימונג פון דעם קייזער, האט ער אויך אובערגעארבייט דעם גאנצען פינאנציעלען סיסטעם פון לאנד.

ער האט געוואוסט, אז ער וועט שטארק קריטיקירט ווערען דאפיר אין דער דעפוטירטען־קאמער, וואו מען האט זיין סיסטעם ניט געקענט אזוי לייכט פערשטעהען. אום זיך צו גרעכטפערטיגען, האט ער צו דיעזען צוועק, פאָרבערייטעט א גרויסע מאסע דאָקומענטען מיט בעווייזע, יעדען צו איבערציינגען, אז וואס ער טהוט און האט געטהאן, איז פיר דאס וואהל און בעסטע פון פראנקרייך.

ער האט אָפטמאָל געמוזט ארבייטען דערביא גאנצע נעכט. דיעזע שווערע ארבייט, האט פון איהם פערטריעבען דיא אונגעדולד, און ער האט זיך גענומען צייט צו ווארטען איבער דעם רעזולטאט ווענען זיין פרוי.

ווען ער האט געזעהען מאדמאָזעל שין, האט ער זיא אימער אויסגעפרעגט אין קורצען וויא ווייט זיא האט שיין געמאכט פאָרשריטע אין איהר ארבייט.

זיינע פראגען זיינען אונגעפעהר בעשטאנען אין דיעזע ווערטער:

„ווייסט דיא מאדאם, אז מען שפיאָנירט איהר נאך?"

„האט דיא מאדאם יעמאנדען בעזוכט?"

„איז זיא געווען אין אויפפאלענדע פלעטצער?"

מאדמאָזעל שין האט אויף אלעמען געענטפערט:

„נאָר געדולד, מיין הערר. איך האלט א טאגעבוך, וואו אלעס איז פערשריעבען און פערצייכענט. פערלויפיג האב איך נאָר ברוכשטיקע פון בעווייזע פיר

און דאנגנען. ביז איך וועל ניט קומען צו א בעשטימטען רעזולטאט, קען איך גאר ניט בעריכטען.״

נאנטאס האט צוריק נעקעהרט צו זיין ארבייט, און איז געווען זיכער, אז מאדמאָאזעל שין, וועט איהם פריהער אָדער שפעטער ארויף פיהרען אויף א בעשטימטען וועג, אום צו וויסען גענוי וואו ער איז אין דער וועלט.

דיא וואהרהייט איז, אז מאדמאָאזעל שין האט זיך גוט איבערלייגט דיא גאנצע געשיכטע און זיך ניט געאיילט אָבצוגעבען א בעשטימטען בעריכט. צעהן טויזענד פראנקס, האט זיא איינגעזעהען, איז צו ווענינ; זיא האט בענעטהיגט צוואנציג טויזענד פראנקס אום זיא זאָל קענען קויפען דעם נאָטאר'ס הויז.

אנפאנגס האט זיא נערעכענט צו מאכען א געשעפט מיט פלאוויע'ן זעלבסט, דאס הייסט, זיא זאָל בייא איהר אויך פאָרדערן צעהן טויזענד פראנקס אום אָבצוגעבען נאנטאס'ן א בעריכט, לויט וויא זיא, פלאוויע, וואָלט פערלאנגט; אָבער זיא האט נעקענט צו גוט איהר יונגע מאדאם, און זיא האט מורא געהאט מיט איהר גאר צו רעדען איבער אזעלכע געשעפטען.

מאדמאָאזעל שין, מיט איהרע דורכדרינגענדע אויגען און אויסגעשארפטען פערשטאנד, איז געווען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז פלאוויע איז עהרליך, טראָטץ דער געשיכטע וואס האט אמאל פאסירט צווישען איהר און מאָנסיע דע פאָנדעט. נאך איידער נאנטאַס האט זיא בעאויפטראגט מיט דיעזער שליחות, האט זיא שוין אויך נאכגעשפיאָנירט פלאוויע'ן, ווייל זיא האט געוואוסט פון דעם סוד, אז אין דער אויסגעלאסענהייט פון דעם הערר, ליעגט אָפטמאל דאס גליק פון דעם דיענער אָבער זיא האט איינגעזעהען, אז דער ערשטער פאל פון פלאוויע'ן, האט אזוי פערשטארקערט איהר שטאָלצע נאטור, אז זייט דאמאלס, ניט נאָר וואס זיא האט ניט געליעבט קיין מענער, זאָנדערן, זיא האט זייא נאך געהאסט.

אונגעאכטעט דארויף וואס זיא האט ניט געוואוסט, אז פלאוויע לעבט ניט מיט איהר מאן וויא מאן און ווייב, וואָלט זיא גאר ניט איבערראשט געוואָרען, ווען זיא וואָלט ערפאהרען פון דער וואהרהייט.

זיא האט צו גוט געקענט דיא נאטור פון איהר שעהנע און שטאָלצע ווירטהין.

פלאוויע האט געהאסט אלע מענער פיר איהר פערגאנגענהייט, און מאדמאָאזעל שין איז געווען איבערצייגט, אז פלאוויע קען זייא קיין מאל ניט דולדען, מיט דער אויסנאהמע פון איהר פאטער.

אין א טאג האט זיא זיך בעגעגענט מיט מאָנסיע דע פאָנדעט.

„ווא נעהט עס אייער ווירטהין?" האט ער געפרעגט שטארק פער־אינטערעסירט.

„זיא איז געזונד."

„זיא זעהט נאך אויס שעהנער וויא אמאל. ליעבט זיא איהר מאן?"

דע פאנדעט האט געשטעלט מעהרערע פראגען, און מאדמאאזעל שין האט זיך איבערצייגט, אז דע פאנדעט איז שטערבליך פערליעבט אין איהר.

עס איז איהר באלד איינגעפאלען א אידעע, וויא אזוי זיא זאל קענען דורכ־פיהרען אבצונארען דעם מאן מיט דעם געליעבטען, און בייא זייא ביידען נעהמען געלד.

„ווירקליך," האט זיא זיך געטראכט, „דאס גליק שפיעלט מיר צו, אקוראט וויא איך האב געוואלט. בעססער האב איך מיר גאר ניט געקענט ווינשען."

דע פאנדעט, אבוואהל ער האט קיין געלעגענהייט געקענט געפינען זאגאר צו רעדען מיט פלאוויע'ן עטליכע ווערטער, און אבוואהל ער האט געוואוסט, אז זיא האסט איהם און האט א מאן, וואלט ער אוועק געגעבען זיין גאנצעס פערמעגען, וועניגסטענס נאך אמאל צו בעזיטצען דיזע פרוי, וועלכע איז אמאל געוועז זיינע.

ער איז עס געוועז וואס האט אנגעפאנגען זיך צו האלטען אין עצה, מיט מאדמאאזעל שין. ער האט זיך מיט איהר עטליכע מאל בעגעגענט, און געשפיעלט ריא ראלע פון דעם וויטהענדען פערליעבטען, און געשווארען, אז ער וועט בעגעהען זעלבסטמארד, ווען זיא וועט איהם ניט העלפען צוריק צו געווינען פלאוויע'ס ליעבע.

נאך א וואך צייט, נאכדעם וויא דיא גאווערנאנטין האט עטליכע מאל ער־קלערט, אז זיא קען ניט האנדלען געגען איהר געוויסען, איז ענדליך געשלאסען געווארען דאס געשעפט. דע פאנדעט האט איינגעשטימט איהר צו בעצאהלען צעהן טויזענד פראנקס, און דאפיר, זאל זיא איהם אריין ברענגען און בעהאלטען אין פלאוויע'ס צימער.

„ווען איך וועל איינמאל נאר זיין מיט איהר אליין," האט ער זיך געטראכט, „דאן איז זיא ווידער מיינע. איך געדענק גאנץ גוט וואס עס איז דאמאלס געוועז."

מאדמאאזעל שין איז אויף'ן אנדערן מארגען געקומען צו נאנטאס'ן.

„וואס האט איהר ענטדעקט?" האט נאנטאס באלד געפרעגט בלייך ווערענדיג. ער האט בעגריפען, אז זיא איז איהם געקומען אבגעבען דעם געפאר־דערטען בעריכט.

אנפאנגס האט זיא איהם גאר ניט געוואָלט מיטטהיילען בעשטימטעס.

„דיא מאדאם בעגעגענט זיך מיט יעמאנדען,“ האט זיא געזאגט.

„מיט וועמען? וויא אזוי? ווען? האט ער ארויס געשטאמעלט אונגע־דולדיג.

זיא האט איהם נאָר געוואָלט נייגיעריג מאכען, און ער איז דאדורך געוואָרען שטארק אויפגערעגט.

„מאדמאָאזעל!“ האט ער אויסגעשריען, „איך וויל ניט הערען פון קיין ווייבערשע פּלוידערייא! זאגט וואס איהר ווייסט! אָבער איך מוז האבען בעווייזע, איך מוז זיין זיכער!“

נאך שווערער מיה האט ער קוים פון איהר ארויס געקריגען דעם נאמען דע פּאָנדעט.

„וויא אזוי ווייסט איהר דאס?“ האט ער געדונערט.

„איך האב בעווייזע.“

„בעווייזע?“

„יא.“

„וויא אזוי? וועלכע? מאדמאָאזעל, שפּיעלט זיך ניט מיט מיינע גע־פיהלע?“

„אלזאָ,“ האט זיא געענטפערט, „ווען איהר דרינגט מיך אזוי, דאן בין איך בערייט אייך אלעס צו דערצעהלען, און איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט מיר מעהר קיינע פראגען שטעלען. ווען איך האב אייך דערמאָהנט דעם נאמען פון דע פּאָנדעט, האב איך ניט געפּלוידערט; דאס איז א טהאַזאכע, און איך גאראנטיר אייך, אז ער וועט היינטיגע נאכט זיין אין דער מאדאם'ס צימער.“

נאנטאס האט פערשטאנען, אז זיא זאָגט דיא וואהרהייט. ער האט אויך קיינע ווייטערע פראגען בעדאַרפט שטעלען, און נאכדעם וויא ער האט געפּאסט מוטה, האט ער ארויס געשטאמעלט:

„גוט, גוט, איך דאנק אייך.“

ער האט געגעבען א מאך מיט דער האנד אלס צייכען זיא זאָל פערלאָזען דאס צימער, ווייל ער האט מורא געהאט, אז ער וועט מוזען חלש'ן אין איהר געגענוואַרט.

מאדמאָאזעל שין איז געווען אי ערפרייט, אי ערשטוינט איבער דער קורצער אונטערערדונג. זיא איז געווען ערפרייט דערפאר, ווייל זיא האט מורא געהאט, אז

ער וועט זיא געהמען אויף א שטרענגע פערהער און מיט איהר גאנצער שארפזיניגקייט האט זיא זיך געקענט פערראטהען; און זיא איז געווען ערשטוינט ווארום ער האט זיך ניט אינטערעסירט זיא אויסצופרעגען.

מאכענדיג א טרויעריגעס געזיכט, האט זיא זיך אומגעווענדעט און האט פערלאזען דאס צימער. ווען זיא האט פערמאכט דיא טהיר הינטער זיך, האט זיא געשמייכעלט.

נאנטאס האט אויפגעשוידערט, און נאך א לאנגער פויזע האט ער זיך אויפגעהויבען פון דעם שטוהל. זעהענדיג, אז קיינער איז נישטא אין צימער, האט ער געברומט הויך וויא א פערוואונדעטער טיגער:

„היינטיגע נאכט... אין איהר צימער...“

ער האט זיך אנגעכאפט מיטביידע הענד ביים זיין קאפ און עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיין שארבען וועט פלאטצען.

„דאס איז שוין צופיעל!“ האט ער אויסגעשריען, „אין דעמזעלבען הויז וואו מיר וואהנען, איז א בעזונדערע געמיינהייט!“

ניין, ער האט זיך ניט געקענט לאזען אזוי שענדען און בעליידיגען, און נאך שווייגען. ער האט צוזאמענגעדריקט זיינע צוויא פויסטען, גלייך ווי ער וואלט זיך שוין פארבערייטעט צום קאמפף.

אין זיין וואוטה און אויפרעגונג, האט ער געדענקט פון בעגעהען א מארד, צו דערשיסען אדער דערשטעכען דע פאנדעט'ן. פלוצלינג האט ער זיך אבער דערמאהנט, אז ער האט נאך פיעל ארבייט פערטיג צו מאכען — ארבייט פיר דער רעגיערונג, פיר זיין אמט, וואס ער האט אויף זיך גענומען צו צובערייטען פיר דער דעפוטירטען קאמער.

דרייא מאל האט ער זיך געזעטצט צו זיין שרייב־טיש, און דרייא מאל איז ער אויפגעשפרונגען, גראדע וויא א גיפטיגע שלאנג וואלט איהם געביסען. דאס בלוט האט געקאכט און געזאטען אין זיינע אדערן און א קאלטער שוויס האט ארויס געזעטצט אויף זיין לייב.

ער האט געשפירט, גלייך וויא יעמאנד וואלט איהם געצווינגען, ער זאל דירעקט אריין געהען צו זיין פרוי, און איהר זאגען, אז זיא איז א פערווארפענע, א געמיינע און איין אויסגעלאסענע.

„מיך,“ האט ער געברומט, „האט זיא אפילו ניט צוגעלאזען זיא צו בעריהרען מיט א פינגער, און איהם, דעם וואס האט זיא אזוי ערניעדריגט, האט זיא זיך

איבערגעגעבען מיט איהר גאנצען קערפער — מיט איהר ווייסען און נאקעטען קערפער... און יעטצט, נאך ניט גענוג וואס זיא האט בעטריעבען מיט איהם אין דרויסען, האט זיא איהם אריין געבראכט אהער... אך!"

ער איז צוריק געפאלען אין שטוהל האלב אָהנמעכטיג. ער איז אזוי געזעסען א היבשע צייט פערמאטערט פון דער אויפרעגונג, ביז ער האט זיך עטוואס בערוהיגט.

ווען ער האט ווידער געקענט אביסעל רעגעלמעסיג דענקען, האט ער אויסגערופען:

„איך שווער, דאס ווען איך וועל זייא כאפען צוזאמען, וועל איך זייא ביידע דערווערגען!"

ער האט אונטערדעסען אָבגעלייגט זיין ארבייט פיר אבענד, און דאס אליין איז שוין געווען דער גרעסטער זיעג איבער זיך זעלבסט וואס ער האט ווען עס איז אין זיין לעבען ערר[ייכ]ט.

נאכמיטאג איז נאנטאס אוועק צום קייזער, און פאר איהם פאָרגעלייגט דעם גאנצען פינאנץ־פלאן וואס ער האט אויסגעארבייט פיר דעם בודזשעט. נאָר אזוי וויא דער קייזער האט געמאכט אייניגע בעמערקונגען און איז געווען א געגנער פון געוויסע פונקטען, איז נאנטאס געצוואונגען געווען דאָרט צו פערבלייבען און בעשפרעכען זיין פלאן מיט אלע איינצעלהייטען. אונטערדעסען, האט ער זיך געזעהען געצוואונגען צו פערשפרעכען דעם קייזער, אז ער וועט ענדערן א היבשען טהייל פון דעם פלאן.

„ווען מוז דאס פאָרגעלייגט ווערען פאר דער קאמער?" האט דער קייזער געפרעגט.

„מאָרגען."

„דאן האב איך מורא, אז איהר האט שוין קיין צייט ניט צו מאכען דיא נעטהיגע ענטדעקונג."

„מאיעסטעט," האט נאנטאס געענטפערט, „איך וועל ארבייטען דיא גאנצע נאכט."

דער קייזער האט איהם געדריקט דיא האנד און איהם זעלבסט בעגלייטעט צו דער טהיר, וועלכעס האט בעוויזען, אז ער איז זעהר צופריעדען מיט איהם.

נאנטאס'ן האט דיא עהרע ניט אינטערעסירט. ער איז ארויס אויף דער גאס,

און ער האט ווידער אנגעפאנגען צו דענקען איבער זיין פרוי מיט איהר געליעבטע און איבער דער קריזיס וואס דערנעהנטערט זיך.

„יא, יא,“ האט ער יעטראכט. „איך וועל אויך פערטיג מאכען די ארבייט פאר'ן קייזער. איך האב עס איהם פערשפראכען און איך וועל האלטען מיין ווארט. אום האלבע נאכט וועל איך זייא ביידע הרג'ענען, און דאן וועל איך צוריק קעהרען צו דער ארבייט, מיט וועלכער איך וועל פערטיג ווערען ביז אין דער פריה.“

ווען נאנטאס איז געגאנגען עסען, איז זיין שווינגער־פאטער און זיין פרוי, שוין געווען ביים טיש. מען איז געזעסען, וויא געוועהנליך, גאנץ רוהיג און פערציהרט די מאכלים, גראדע וויא די בעסטע פריינדשאפט און צופריעדענהייט וואלט געהערשט. נאנטאס האט אפילו געגעסען ווייניגער וויא איין אנדערעס מאל. אבער דאך האט ער אין זיין בענעהמונג ניט געלאזען מערקען וואס עס געהט פאר אין זיינע געדאנקען.

בארא דאנווילער האט געפענט א געשפרעך מיט זיין איידעם איבער דעם נייעם פינאנץ־פלאן, וואס האט דאמאלס אינטערעסירט גאנץ פראנקרייך און אלע צייטונגען האבען דאריבער געשפראכען.

דער אלטער באראן האט ניט איינגעשטימט צו זיין איידעם'ס פינאנץ־אידעען, אבער ער האט אונטערדעסען צוגעגעבען, אז דיזע אידעען זיינען זעהר ליבעראל און בגדייזענווערטה.

וועהרענד נאנטאס האט בעענטפערט זיין שווינגער־פאטער'ס פראגען האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט געזעהען וויא פלאוויע'ס אויגען זיינען געווען צו איהם געבעט מיט דער גרעססטער אויפמערקזאמקייט, וועלכעס איז ביז דאמאלס ניט געווען דער פאל. נאך מעהר, ער האט זיך ערינערט, אז אין דער לעצטער צייט, האט זיא צו איהם מעהר געקוקט וויא אימער.

נאנטאס האט געמוזט צוגעבען, אז איהר בליק איז ניט קיין צערטליכער, אנדערן, עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא זיא וואלט זוכען מיט איהרע אויגען צו לעזען וואס עס געהט פאר אין זיין זעעלע.

נאנטאס האט זיך דאס געדייטעט, אז נאכדעם וויא זיא בעטריגט איהם אזוי שענדליך, האט זיא מורא, אז זיא איז פיעללייכט פערראטהען.

ער האט אנגעשטרענגט זיין גאנצע זעעלענקראפט, צו בלייבען גלייכגילטיג. ער האט זעהר פיעל געשפראכען, און זיך בעדיענענדיג מיט די בעסטע ארגומענטען, האט ער בעוואוינען דעם אלטען באראן, ער זאל מיט איהם איינשטימען צו זיין פלאן.

פלאָווע האָט אימער צו איהם געקוקט זעהר אויפמערקזאַם, און גראָדע דאַ־מאָלס, ווען ער האָט זיך בעדיענט מיט דעם פיינסטען ארגומענט וואָס האָט איבער־ציינט דעם אַלטען מאַן, איז אַריבער געפלויגען איבער איהר שעהנעם געזיכט זעהר א צערטליכע מיענע.

גאַנטאַס האָט דאָס גוט בעמערקט.

אין זיין שטודיר־צימער, איינער אַליין, פערטיעפט אין א וועלט מיט געדאַנקען, איז גאַנטאַס געזעסען און שווער געאַרבייט ביז אַרום האַלבע נאַכט.

זיין אַרבייט האָט איהם אָנגעפאַנגען אַזוי צו פעראינטערעסירען, דאָס ער האָט אָנגעפאַנגען לאַנגזאַם צו פערגעסען אָן אַלעמען, און נאָר זיין פּלאַן, זיין פינאַנץ־אידעע, האָט געלעבט. ער האָט פאַר זיך געזעהען זיין פינאַנץ־מאַשין וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט ראָד צו ראָד און האָקען צו האָקען, ביז ער איז געוועזען איבערצייגט, אַז זאָ שנעל וויא ער וועט בעריהרען די נעטהיגע ספּרוזשינע, וועט אַלעס געזעטצט ווערען אין בעוועגונג.

ער האָט זיך געפריים דערמיט וויא יעדער ערפינדער אָדער פּראָפעסער, וואָס שאַפט א נייע און גוטע קונסט־זאַך.

ווען די אוהר האָט געשלאָגען צוועלף, האָט ער שנעל אויפגעהויבען זיין קאָפּ. עס איז געווען דער צייכען וויא פאַר א פעראורטהיילטען צום טויט, ווען מען וועקט איהם אויף פון שלאָף און מען זאָגט איהם: „קום, די תליה שטעהט פערטיג!“

א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצען הויז.

דאַן האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָהנט אָן אַלעס.

„דאָס פערברעכען פון ניאוף ווערט יעטצט דאָ בעגאַנגען אין דער דונקעלהייט און שטילקייט פון דער נאַכט.“ אַזוי האָט ער געמורמעלט צו זיך אַליין.

ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבען, נאָר ער האָט ניט געקענט. ער האָט אַוועק געלייגט זיין פען, און זיך אָנשטרענגענדיג, האָט ער זיך אויפגעהויבען. ער האָט געמאַכט איינינע שריט.

א קאַלטקייט האָט איהם פּלוצלינג ערגריפען, און ער האָט אויפגעשוידערט, גלייך וויא מען וואָלט איהם אָבגעגאָסען מיט איידוואַסער אויף'ן נאַקעטען לייב.

ער איז געשטאַנען א פּאָאר סעקונדען אויף'ן פּלאַטץ און דאָס פיעבער אין זיין קערפּער האָט זיך געוועקסעלט פון קעלט אויף היטץ. זיין געזיכט איז רויט געוואָרען און פון זיינע אויגען האָט וויא געשאָסען מיט פייער.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד, געעפענט די טהיר, און איז פארזיכטיג ארויס פון זיין צימער.

נאנטאס איז געגאנגען דירעקט צו זיין פרוי'ס שלאף־צימער.

פלאוויע האט אין יענעם אבענד פריה ענטקלאסען איהר קאמער־מעדכען. זיא איז געווען אונגעוועהנליך אונרוהיג און געוואלט זיין אליין.

ביז ארום האלבע נאכט האט זיא פערוויילט אין א קליינעם זאלאן, פון וואנען א טהיר האט אריין געפיהרט אין איהר שלאף־צימער. זיא האט זיך אוועק געליינט אויף א סאפא און גענומען לעזען א בוך. אבער די בוכשטאבען פון דעם בוך האבען געטאנצט פאר איהרע אויגען, און זיא האט אפילו ניט איבערגעלעזען די ערשטע שורה. דאס בוך האט זיך דאן ארויס געגליטשט פון איהרע הענד און זיא איז געבליעבען ליעגען קוקענדיג פערטראכט

איהר שעהנעם געזיכט האט פערלוירען די שטרענגע מיענע און איהרע ציגע האבען אויסגעדריקט צערטליכקייט. צייטענווייז האט זיך אויך בעוויעזען א זיסער שמייכעלע אויף איהרע ליפען.

עס איז ניט מעהר געווען דיזעלבע פלאוויע וואס נאנטאס האט אזוי אפט געזעהען.

„אך!" האט זיא געזיפצט.

מיט איהר ווייסע האנד האט זיא בעריהרט איהרע אויגען, און עס שיינט, אז זיא האט פון דארט אבגעווישט א טרער, דען איהרע פינגער זיינען עטוואס נאס געווארען.

„עס איז א קאמישע אבער שלעכטע וועלט," האט זיא געמורמעלט. „מען ליידעט און מען קען ניט געניעסען דאס לעבען וואס ערשיינט פיר מאנכע אזוי זיס..."

נאר זיא אליין האט געוואוסט וואס זיא מיינט. דאן האט זיא זיך וויעדער פערטראכט.

פלוצלינג איז זיא אויפגעשפרונגען פון דער סאפא.

יעמאנד האט אנגעקלאפט:

זיא האט זיך גלייך געמאכט די צוקנייטשטע קליידער און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

„ווער איז דארט?" האט זיא געפרעגט.

„איך," איז געווען דער ענטפער אין א הייזעריגער שטימע.

פלאוויע האט די הייזעריגע שטימע ניט דערקענט.

„ווער ?" האט זיא נאך אמאל געפרעגט.

„מאכט אויף דיא טהיר," איז געקומען דער ענטפער.

פלאוויע האט דערקענט נאנטאס'עס שטימע.

זיא איז געוועזען איבערראשט, און האט מעכאניש געעפענט דיא טהיר.

נאך ניעמאלס, זייט איהר האכצייט, איז איהר מאן געקומען צו איהר צימער, איבערהויפט אזוי שפעט אין דער נאכט.

ער איז אריין ציטערענדיג. זיין געזיכט איז שוין וויעדער געוועזען בלאס. דער צארן האט איהם בעזיעגט.

מאדמאאזעל שין, וועלכע האט איהם ערווארטעט אין קארידאר, האט מיט עטליכע סעקונדען פריהער איהם איינגעראמט אין אויער:

„מאנסיע דע פאנדעט איז שוין זייט צוויא שטונדען אין צימער."

אין זיין וואוטה, האט עס נאנטאס'ן געפרייט, וואס ער האט ענדליך ערררייכט א געוויסען פונקט פון געוויסהייט.

פלאוויע האט איהם בעטראכט מיט ערשטוינען. זיא האט גאר ניט געשפראכען און נאר ערווארטעט צו הערען וואס ער וויל מיט זיין בעזוך. זיא האט זיך גאנץ גוט געמערקט, אז ער האט איהר עפעס וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

„מאדאם," האט ער אנגעפאנגען, „דא, בייא אייך אין צימער, געפינט זיך א מאן בעהאלטען."

פלאוויע האט איהם אויף'ן פלאטץ ניט געענטפערט. א מאן בייא איהר צימער? דיא אידעע איז געוועזען צו לעכערליך און זיא האט איהם בלויז צוגעווארפען א פעראכטענדען בליק.

נאנטאס האט אבער געווארט אויף איין ענטפער. ענדליך האט פלאוויע געמורמעלט:

„מיין הערר! איהר זייט פעררירקט!"

נאכדעם וויא ער האט געהערט איהר ענטפער, האט ער שוין מעהר ניט געווארט מיט איהר ווייטער צו רעדען דאריעבער, און האט אנגעפאנגען אריין צו געהען אין איהר צימער.

פלאוויע, זיך שפירענדיג בעליידיגט אויף דער העכסטער שטופע, איז זיא צוגעשפרונגען צווישען איהם און דיא טהיר, און אויסגעשריען:

„איהר זאלט ניט אריין געהען... ניין! ניין! איהר האט קיין רעכט ניט! איך בין דא אין מיינע אייגענע צימער, און איך פערבימע אייך אריין צו געהען!"

ציטערענדיג פאר וואוטה און אויסזעהענדיג וויא א געטטין דער ראכע, האט זיא זיך געשטעלט אויף דער שוועל פון דער טהיר און איהם ניט געוואָלט לאָזען וויימער געהען.

זיא זיינען געשטאנען בעוועגונגסלאָז, איינער נעגען אנאנדער, זיך קוקענדיג דירעקט אין דיא אויגען.

נאנטאס, מיט איין אויסגעשטרעקטען האלז און מיט אויסגעשטרעקטע הענד, איז געווען בערייט זיך אויף איהר צו ווארפען, ווען זיא וועט איהם ניט לאָזען דורכ־געהען.

„געהט אוועק פון דאנען!" האט ער געברומט וויטהענד, „איך בין שטארקער, און אייער הינדערניס וועט מיך ניט שטערען. געהט אוועק זאג איך!"

„ניין, ניין! איהר זאָלט ניט אריין געהען! איך וועל עס ניט ער־לויבען."

ער האט צוזאמענגענומען זיין גאנצע קראפט פון בעהעררשונג און ווידער־האָלט:

„בייא אייך אין צימער געפינט זיך א מאן בעהאלטען... איך זאג א מאן..."

זיא האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען, און זיא האט עס ניט געפונען פיר נעטהיג, זאָגאר אָבצולייקענען.

דאן, וויא ער האט געמאכט א שריט פאָרווערטס, האט זיא געזאגט:

„גוט, אלזאָ, לאָמיר זאגען, אז דאָ געפינט זיך א מאן, וואס קימערט עס אייך? בין איך ניט פרייא צו טהון וואס איך וויל?"

בייא דיעזע ווערטער האט ער זיך צוריק געצויגען. ער האט געשפירט גראדע וויא יעמאנד וואָלט איהם געפאטשט אויף דיא באקען.

עס איז אמת, האט ער זיך געטראכט, זיא האט רעכט, און ער דארף זיך ניט מישען און אפילו ניט פראָטעסטירען. דאס איז געווען דיא בעדינגונג צווישען זייא ביידע, צו וועלכען ער האט פרייוויליג איינגעשטימט.

א קאַלטער שוידער איז ווידער געלאָפען איבער זיין קערפער.

יא, ער האט איינגעזעהען, אז זיא שפיעלט דיא גרעסטע ראָלע אין דער דראמא, און ער אליין שפיעלט א סצענע, וואס פאסט פאר א נארישעס קינד מיט דומע פרעטענזיעס.

ער, דער שטרענגער פינאנץ־מיניסטער, דער מאן פון עהרע, האט געבראָכען

יעם קאָנטראַקט; ער האַנדעלט ניט נאָך דיא אָבגעמאַכטע פּונקטען, און נאָר זיין ליידענשאַפטליכע ליעבע טרייבט איהם זיך צו מאַכען לעכערליך.

ווארום איז ער ניט געבליעבען בייא זיין ארבייט? האט ער זיך געפרענט. מיט וועלכען רעכט קומט ער קאָנטראָלירען איהרע טהאַטען?

דאס בלוט איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע באַקען.

ווען פלאָוויע האט בעמערקט אין זיין געזיכט וואס פאר א שטורם עס געהט פאָר אין זיין זעעלע, האט זיא געשפּירט איין אונגעהייערעס מיטלייד מיט איהם. זיא האט זיך אָבגעווענדעט אויף א זייט ער זאָל ניט זעהען וויא איהרע אויגען האבען אָנגעפאַנגען צו גלענצען מיט טרערען.

„ווען איהר האט זיך איינגעשפּאַרט," האט זיא געזאָגט מיט א טאָן פון גלייכגילטיגקייט, „דאַן זוכט ווען איהר ווילט."

בייא דיעזע ווערטער, האט זיא גענומען א לאָמפּ פון דעם טיש אין זאַלאָן, און איז אריין אין צימער, האַלטענדיג דעם לאָמפּ אין דער הויך, אום אַלעס צו בעלייכטען.

נאַנטאַס איז געבליעבען שטעהען אויף דער טהיר צענגערענדיג.

דאַן האט ער געמאַכט א צייכען מיט דער האַנד, אַז עס איז מעהר ניט נעטהיג ער זאָל זוכען.

„ניין, ניין," האט זיא געדרונגען, „דאס וויל איך ניט.

„ניט נעטהיג," האט ער געענטפערט ערביטערט.

„יעטצט," האט זיא געזאָגט, „וועל איך אייך ניט ארויס לאָזען פון דעם צימער, ביז איהר זאָלט זיך איבערצייגען, אַז איהר האט מיך בעליידיגט."

נאַנטאַס וואָלט אוועק געגאַנגען, ווען פלאָוויע'ס געזיכט, מיט איין אויסדרוק פון מיטלייד, וואָלט איהם ניט אינטערעסירט.

ער איז געשטאַנען און געקוקט וויא זיא האט געעפענט א פּאַאר שראַנקען און געזאָגט:

„קוקט, זעהט, וואו איז דער וואס איהר זוכט?"

דאַן איז זיא צוגעגאַנגען צום בעט און אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג.

פאר זייערעביידען'ס אויגען איז ערשיענען דע פאָנדעט זיטצענדיג אויף'ן בעט און ציטערענדיג.

פון פלאָוויע'ס ברוסט האט זיך ארויס געריסען א ווילדער געשרייא:

אך!"

זיא האט מורא געהאט, אז זיא וועט ארונטער לאזען דעם לאמפ אויף דער ערד און זיא האט איהם אוועק געשטעלט אויף'ן טיש.

זיא האט געבליקט אויף נאנטאס'ן, און מיט א געבראכענע שטימע האט זיא געמורמעלט:

„עס איז וואהר, יא, יא, עס איז וואהר, דיעזער מאן איז דא געוועז. אבער איך האב עס ניט געוואוסט. איך שווער אייך בייא מיין לעבען און ביים לעבען פון מיין אלטען פאטער, אז איך האב דערפון ניט געוואוסט."

זיא האט געציטערט.

נאנטאס האט געשוויגען.

נאך א גרויסער אנשטרענגונג, האט זיא זיך עטוואס בערוהיגט. עס האט אויסגעזעהען, אז אין איהר שמאלץ, האט זיא זאגאר בערייהעט באלד, ווארום זיא האט זיך פערטהיידיגט.

זיא איז צוגעגאנגען א שריט פארווערטס, און וויעדער אמאל אדרעסירענדיג נאנטאס'ן, האט זיא געזאגט קאלטבליטיג:

„איהר האט רעכט געהאט, מיין הערר, און איך בעט אייך אום ענט־שולדיגונג."

אין דערזעלבער צייט האט זיך מאנסיע דע פאנדעט געפונען אין זעהר איין אונאנגענעהמער לאגע. ער האט אויסגעזעהען זעהר דום, און ער וואלט בעצאהלט א היבשע סומע געלד דערפאר, ווען נאנטאס וואלט אין בעט געווארען, דאמיט ער זאל צייגען, אז ער איז ניט קיין פייגלינג.

נאנטאס האט אבער קיין ווארט געשפראכען. זיין געזיכט איז בלויז בלאסער געווארען וויא פריהער.

ער האט צוגעווארפען איין אונבעדייטענדען בליק דע פאנדעט'ן, דאן האט ער זיך געווענדעט צו פלאוויע'ן און זיך פערנייגט.

„מאדאם," האט ער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע, „ענטשולדיגט מיר, איהר זייט פרייא."

בייא דיעזע ווערטער האט ער זיך אבגעווענדעט, און פערלאזען דאס צימער.

א גאנצע ענדערונג האט אין איהם איינגעטרעטען; בלויז דיא מאשין פון זיין קערפער איז נאך געווען טהעטיג.

ווען ער איז אריין געקומען צוריק אין זיין שטודיר־צימער, האט ער ארויס

געצויגען א טאשענטוך פון זיין קעשענע און זיך אבגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן מיט דיא טרערען פון זיינע אויגען.

דאן איז ער צוגעגאנגען צו א טישעל, וואו ער האט געעפענט א שופלאדען און ארויס גענומען א רעוואָלווער.

ער האט בעטראכט דעם בלאנקען רעוואָלווער אין שיין פון ליכט, גלייך וויא ער וואָלט זיך מיט איהם בעראטהען וואס עס איז צו טהון.

„דוא ביסט איין ערלעזער,“ האט ער געטענה'עט צום רעוואָלווער, „דוא קענסט איינעם רעטען פון דער גרעסטער נויט. אין דיר ליגען קאלטע בלייענע פילען, וואס פאסען פאר אזא געהירן וויא איך האב. גוט, איך וועל מאכען איין ענדע. עס איז גענוג! מעהר קען איך נים ערטראגען. יא, יא, איך בין דער יעניגער וואס מוז פלאטץ מאכען.“

ער האט צוריק אויפגעצויגען דעם לאמפ וואס האט געברענט צו ניעדריג און זיך צוריק געזעטצט צום שרייב־טיש. דעם רעוואָלווער האט ער אריין געלייגט אין קעשענע.

ער האט בעמערקט וויא ער איז געבליעבען שטעהען אין מיטען פון א פראזע, און אָהנע צו צעגערן, האט ער ווידער אויפגענומען דעם שטראָם פון זיינע גע־דאנקען און פאַרטגעזעטצט זיין ארבייט.

אין צימער האט געהערשט א גייסטער־שטילקייט, וועלכע איז נאָר אונטער־בראָכען געוואָרען פון דעם שנעלען קריטצען מיט דער פען אויף'ן פאפיר.

ער האט פערטיג געמאכט איין בלאט, דאן דאס צווייטע, דריטע, ביז ער האט אָנגעשריעבען א גאנצען הויפען פאפיר.

ווען נאכטאס האט פערלאָזען פלאוויע'ס שלאף־צימער, האט זיא זיך געווענ־דעט צו דע פאָנדעט'ן.

„וואס טהוט איהר דאָ?“ האט זיא געפרעגט שרעקליך אויפגערעגט.

„איך... איך...“

„וואס טהוט איהר דאָ?“ האט זיא ווידערהאָלט.

דע פאָנדעט האט געלעזען אין איהר געזיכט א ווילדע וואוטה און פער־אכטונג.

„ארונטער פון בעט!“ האט זיא בעפוילען.

וויא א געשלאָגענער הונד האט ער זיך ארונטער גערוקט פון בעט, און איז געבליעבען שטעהען נים וויסענדיג וואס ער זאָל טהון.

„ווי קומט איהר אהער?" האט זיא ווייטער געפרעגט.

ער האט געשוויעגען.

„ענטפערט!"

„מאדמאַזעל שין..."

„גענוג!" האט זיא איהם אונטערבראָכען. „איך פערשטעה. אָבער איידער איהר געהט, מוז איך אייך זאָגען וואס איך דענק איבער אייך: איהר זייט דיא פערדאָרבענהייט זעלבסט, איין אויסוואורף דער נאטור, דיא שאַנדע פון אַלע מענער, געוויסענלאָז, אבשייליך און פערוואָרפען. געהט!"

„אָבער פלאוויע," האט ער אָנגעפאנגען וועלענדיג זיך פערטהיידיגען.

„געהט, לומפּ!" האט זיא געדונערט.

זיא איז צוגעגאנגען און געעפענט דיא טהיר, איהם ציי-גענדיג מיט דער האנד ער זאָל ארויס געהען.

„מאדמאַזעל שין וועט אייך שוין בעגלייטען ארויס," האט זיא ווייטער געזאָגט. „זיא ווארט וואהרשיינליך אויף אייך. געהט!"

ער איז ארויס.

פלאוויע איז דאן געבליעבען שטעהן ניעדערגעשלאָגען און געבראָכען אין איהר שטאָלץ.

„דאס שיקזאל איז אונבארמהערציג," האט זיא געמורמעלט וועה-מיטהיג.

זיא האט זיך אוועק געזעטצט אויף א שטוהל און אויסגעבראָכען אין געוויין.

איין אונגעהייערער קאָפּ-שמערץ האט זיא ערגריפען, און זיך אויפהייבענדיג איז זיא אריין אין זאַלאָן און ארונטער גענומען א פלעשעל קאָלאָן-וואסער פון דעם טאָאַלעטען-טיש, מיט וועלכען זיא האט זיך געוואשען.

דאס האט זיא אביסעל ערפרישט.

פלאוויע איז געזעסען און געדענקט א היבשע צייט, דאן האט זיא זיך אויפ-געהויבען און גערוישלאָז, האט זיא פערלאָזען דעם זאַלאָן. זיא איז ארויס אין קאָר-רידאָר, און אויף דיא שפּיטץ-פינגער, האט זיא זיך דערנעהנטערט צו נאַנטאַס'עס ציטער.

דיא טרערען זיינען וויעדער געלאָפען פון איהרע אויגען.

זיא האט זיך צוגעבויגען צום שליסעל-לאָך און געקוקט.

נאַכדעם איז נאָך איטער געזעסען געבען טיש און געשריעבען. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א זעלטענע בערוהיגונג. דאַן האט זיא געזעהען וויא ער האט אוועק געלייגט דיא פען און ארויס גענומען דעם רעוואָלווער פון דער קעשענע, וועלכען ער האט אוועק געלייגט אויף'ן שרייב־טיש.

ער האט געבליקט צום רעוואָלווער און עפּעס געמורמעלט וואס זיא האט ניט געהערט.

דיא שיין פון לאָמפּ האט מערקווירדיג געגלענצט אין דעם בלאַנקען רעהר פון דעם רעוואָלווער.

דאַן האט ער ווידער גענומען דיא פען און פאָרטגעזעצט זיין ארביים.

5.

דאס הויז מיט דעם האָטעל און א פּאאר חייזער דערביי, זיינען שוין לאַנג געוועזען נאַכטאס'עס אייגענטהום, וועלכעס ער האט אָבגעקויפט פון זיין שוויגער פאטער און פון דיא שכנים.

דעם האָטעל האט ער אנפאנגס אָבגעקויפט דורך א קאפּריז. ער האט געוואָלט, אז דאס דאך־שטיבעל, פון וועלכען ער האט זיך אמאל געוואָלט ארונטער ווארפען ווען ער איז געקומען נאָך פּאריז, זאָל געהערען צו איהם.

זייט דער צייט וואס זיין שיקזאל האט איהם אזוי געגליקט, פלעגט איהם איינפאלען ארויף צו געהען אין דעם דאך־שטיבעל, זיך דאָרט צייטענווייז פער־שליעסען אויף א שטונדע אָדער צוויא און דענקען.

עס איז געוועזען דאסזעלבע שטיבעל וואו ער האט אמאל אזוי פיעל געליטען, און אין דיעזען שטיבעל, האט ער אויך געוואָלט טריומפירען איבער אלעס וואס איז איהם געשטאַנען אין וועג.

אין דיעזען שטיבעל, האט זיך נאַכטאס איינגעבילדעט, קען ער דענקען און טראַכטען אונגעשטערט; און עס איז אויך א טהאטזאכע, אז זיינע העכסטע פּלענער, האט ער דאָרט אויסגעארביים.

ווען ער פלעגט אריין קומען אין שטיבעל, האט ער זיך באלד דערמאָהנט וואס ער איז אמאל געווען, און אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך פאָרגעשטעלט א מעבטינע לייטער, וויא אזוי ער האט געשטיעגען איטער פאָרווערטס און פאָר־ווערטס.

אין דיעזען שטיבעל יעמצט, נאָך דער לעמצטער שידרושפּטער נאַכט, און

נאנטאס נאך אמאל געזעסען און אָנגעפאנגען איבערצודענקען זיין לאגע. ער האט זיך עראינערט אן דער צייט, ווען ער האט געוואָלט בענעהען זעלבסטמאָרד, ווייל עס האט איהם געפעהלט אויף א מיטאג, און וויא ער האט בעשלאָסען צו בענעהען זעלבסטמאָרד יעטצט, ווען עס ליגען מיליאָנען צו זיינע פיס.

„עס שיינט אלזאָ,“ האט ער געזאָגט צו זיך אליין, „אז ניט געלד מאכט גליקליך דעם מענשען. זאָל עס ווירקליך מעגליך זיין, אז דער מענש איז ניט גע־שאפען געוואָרען אָנצוהויפען אוצרות מיט גאָלד? איז עס מעגליך, אז ניט אין מיליאָנען ליעגט דער הערצענס־וואונש? ניין, ניין, ניט אין דעם, ניט אין דעם!“

זיין געזיכט איז געווען דונקעל־בלאס און זיינע ליפען האבען אויסגעזעהן וויא פערברענט.

נאנטאס איז ניט פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט, ביז אכט אוהר מאָרגענס. מורא האבענדיג, אז ער וועט איינשלאָפען פאר מידקייט, האט ער זיך אָבגעוואשען דאס געזיכט מיט קאלטעס וואסער איינינע מאָל. ווען ער האט זיך געשפּירט ער־פרישט, האט ער ווייטער געארבייט.

דאן האט ער געלאָזען רופען איינינע פון זיינע אנגעשטעלטע, און האט זייא איינציגווייז געגעבען פערשיעדענע בעפעהלע וואס זייא האבען ווייטער צו טהון.

ווען זיין סעקרעטער איז ערשיענען, האט ער מיט איהם געהאט א לענגערע אונטעררעדונג.

„הערט מיך אויס,“ האט ער געזאָגט צום סעקרעטער, וועלכער איז געווען א געניטער מענש. „איך האב דאָ פערטיג געמאכט מיין ארבייט.“

„איך זעה,“ האט דער סעקרעטער געענטפערט.

„איך מוז בלייבען אין דער היים.“

„אין דער היים?“

„יא, ווייל איך פיהל היינט ניט גוט.“

„קיין וואונדער נאך אזא שווערע ארבייט.“

„אלזאָ, איך וויל איהר זאָלט מיך פערשטעהן.“

„איך בין זעהר אויפמערקזאם.“

„גוט. אלע דיעזע דאָקומענטען וואס איהר זעהט דאָ, מוזען פריהער געבראכט ווערען צום קייזער.“

„ביז אין דער דעפּוטירטען־קאמער?“

„דאס וועט געשעהען נאכדעם.“

„איך פערשטעה.“

„איהר וועט זייא ברענגען צום קייזער און ער וועט זייא דורכלעזען. ווען איך האב ניט קיין אירטהום, דאן קענט איהר גאנץ גוט אלע מיינע פלענער.“

„יא, אזוי גלויב איך.“

„ווען דער קייזער וועט עפעס ניט געפעלען בענרייפען אדער גלאט שטעלען אנטוענדונגען, דאן זאלט איהר וויסען, אז עס איז שוין צו שפעט צו מאכען ענדערונגען, ווייל אום 1 אוהר וועט דיא בודושעט־פראגע אנפאנגען פערהאנדעלט צו ווערען אין דער קאמער. לויט נאך מיינע אנזיכטען, דארף קיין איינציגע ענדערונג געמאכט ווערען. איהר וועט עס מעגען זאגען דעם קייזער אין מיין נאמען. דאן זאלט איהר גלאט זעהען איהם איבערצורעדען און בעוועגען ער זאל אזוי ענקען וויא איך.“

„איך וועל אזוי טהון,“ האט דער סעקרעטער געענטפערט.

„גוט, דאן נעהמט אלע פאפירען און געהט זאפארט. אין פאל מען וועט אייך נאך ניט וועלען צו לאזען צום קייזער, ווייל עס איז צו פריה, זאלט איהר הייסען מען זאל אייך צו שיקען דעם אדיוטאנט ל. אדער ב. און זייא זאגען אין מיין נאמען, אז דער קייזער וועט ניט ברוגז ווערען, ווען מען וועט איהם אפילו אויפ־וועקען.“

דער סעקרעטער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ צום צייכען, אז ער פערשטעהט אלעס, און צוזאמען נעהמענדיג דיא פאפירען, איז ער אוועק.

דאן האט נאנטאס זיך געטראכט, אז ער איז פערטיג געווארען מיט אלע זיינע ארבייטען און אלעס איז געבראכט אין ארדנונג.

ניין, ער האט ניט געוואלט שטארבען און איבערלאזען א תוהו־ובוהו אין זיינע געשעפטען; ער האט געוואלט מען זאל איהם נאכזאגען, אז ער איז גע־שטארבען מיט איבערלעגונג.

„יעטצט בין איך פרייא,“ האט ער געמורמעלט, „איך בעלאנג שוין ניט צו קיינעם, נאר צו מיר אליין. פלאוויע'ן ליעב איך, נאר זיא האסט מיך. פיעללייכט האט זיא רעכט מיט איהר האנדלונג, אבער איך ליעב זיא דאך. פיר מיין ליעבע, לאז איך איהר איבער איין אונגעהייערעס פערמעגען. זאל זיא עס געניעסען אהן מיר, ווען זיא קען ניט לעבען מיט מיר. איך אהן איהר, קען ניט זיין. איך וועל שטארבען וויא עס פאסט פיר מיר; קיינער וועט מיר ניט קענען נאכזאגען, אז איך

האב איהם בעשווינדעלט. אלע מיינע ביכער זיינען אין אָרדנונג, און דיעזע וואס האבען זיך אין מיר פערטרויעט, וועלען קיין היזק ניט ליידען."

דיא אוהר האט געשלאָגען ניין.

דיא צייט איז געקומען ער זאָל טהון זיין לעטצטע ארבייט. ער האט גענומען דעם רעוואָלווער פון דעם שרייב־טיש, איהם וויעדער אריין געלייגט אין קעשענע, און אָנגעפאנגען ארויף צו געהען אין צימער, וואו ער האט געהאט אויסצוטרינקען דעם לעטצטען ביטערן בעכער פון שיקזאל.

גראדע דאמאלס האט יעמאנד אָנגעקלאפט לייכט אין דער טהיר

„אַנטרעע!" האט נאַנטאַס געזאָגט פאָלקאָמען רוהיג.

מאַדמאַזעל שין איז ערשיענען.

זיא איז געוועזען אָנגעצויגען אין א שטראַסען־קלייד און עס האט אויסגעזעהען, אַז זיא קומט ניט פון הויז.

„גוט מאָרגען," האט זיא געזאָגט העפליך.

ער האט איהר געענטפערט און פערשטאַנען צו וועלכע צוועק זיא איז גע־קומען.

„איהר ווייסט דאָך, וואהרשיינליך," האט זיא אָנגעפאַנגען, „אַז איך בין ענטלאַסען."

„ענטלאַסען?" האט ער געפרעגט ערשטוינט.

„יא."

„פון וועמען?"

„אייער פרוי האט מיר נאָך געהייסען לעטצטע נאכט אוועק געהען פון דאַנען."

„ווירקליך? וואַרום?"

„זיא האט זיך אָנגעשטויסען ווער עס האט זיא פערראַטהען."

„הם," האט ער געברומט.

„איהר וועט מיר אלזאָ ענטשולדיגען," האט זיא ווייטער געזאַגט „וואַרום איך בין געקומען אזוי פריה צו אייך. איך פאָהר באלד אוועק, און ניט האבענדיג מעהר קיין פּאָסטען אין פּאַריז, וויל איך מיך צוריק ציהען און אָבלעבען מיינע יאָהרען רוהיג."

נאַנטאַס איז צוגעגאַנגען צו א שופלאָדען, אויפגעשלאָסען און ארויס גענומען צעהן טויזענדער, וועלכע ער האט זייא אוועק געלייגט אויף'ן טיש.

זיא האט גלייך צוגענומען דאס געלד, און אָהנע ווייטער צו רעדען א ווארט, האט זיא איהם געוואונשען „אדיע“ און איז ארויס.

„אויך א פרוי,“ האט ער געמורמעלט איהר נאכקוקענדיג.

ער איז דאן ארויס אין קארידאָר.

„פאפא! פאפא!“ האט זיך געהערט א יונגע קינדער־שטימע.

א אינגעלע פון א יאָהר צעהן, מיט פרישע און רויטע באקען, איז צו איהם צוגעשפרונגען און אָנגעאפענדיג זיין האנד, האט ער זיא געקושט.

עס איז געווען פלאוויע'ס קינד און דע פאנדעט איז געווען זיין פאטער.

זשול, דאס קינד, האט געקענט נאנטאס'ן פאר א פאטער, און ער האט איהם זעהר ליעב געהאט.

נאנטאס זעלבסט, אָבוואָהל דאס איז ניט געווען זיין קינד, האט ער איהם אויך זעהר געליעבט, פון דער לאנגער געוואָהנהייט זייענדיג צוזאמען.

„וואוהין געהסטו, פאפא?“ האט ער געפרעגט.

נאנטאס האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל ענטפערן דעם אונשולדיגען קינד.

„איך האב צו טהון, זשול,“ האט ער ענדליך ארויס געשטאמעלט. „געה, געה, דיין לעהרער קומט באלד.“

„אך, פאפא!“ האט דאס קינד ווייטער געזאגט, „דו זעהסט אויס אזוי בלייך! ביסטו קראנק?“

„ניין.“

„דאן לאָמיך דיר געבען איין קוש און איך געה.“

נאנטאס האט זיך ניט געקענט העלפען, און זיך אָנבייגענדיג, האט איהם דאס קינד ארום געכאפט און געקושט ער האט ערווידערט דעם קוש, און פון זיינע אויגען האבען געגאָסען הייסע טרערען.

„דו וויינסט, פאפא?“ האט דאס קינד געפרעגט.

„ניין, ניין, זשול,“ האט ער געענטפערט, „איך וויין ניט. געה, געה, פאָר־בערייטע דיין לעקציאָן.“

ער האט זיך לאנגזאם בעפרייעט פון דעם קינד און איז אוועק.

פון צווישען א שפאלט פון א טהיר, האבען נאך צוויא פערוויינטע אויגען נאכגעזעהען דיעזע סצענע. עס איז געוועז פלאוויע.

ווען נאנטאס האט זיך געזעהען פרייא, איז ער שנעל ארויף דיא טרעפען און

איז אריין אין דעם קליינעם דאך־שטיבעל. אין זיין איילעניש, האט ער געלאזען שטעקען דעם שליסעל אין דער טהיר.

אין צימערל איז קיין זאך געווען געוועקסעלט. דאסזעלבע צעריסענע פאפיר האט בעדעקט די ווענט; דאס אלטע בעט, דער טיש און דער שטוהל, זיינען נאך געשטאנען אויף זייער אלטען פלאטץ. דערצו האט נאך געשמעקט שימעל דערפון וואס דאס צימער איז שוין לאנג ניט אויסגעלופטערט געווארען.

גאנטאס איז געבליעבען שטעהן, דאס אלעס בעטראכט און די עראינערונג פון דער פערגאנגענהייט האט ווידער אין איהם אויפגעלעבט. ער האט זיך דער־מאהנט, אז אמאל, מיט גענוי 12 יאהר צוריק, איז ער געשטאנען אין דעמזעלבען צימער, עלענד, ארעם און הונגריג, ניט האבענדיג אפילו אויף א שטיקעל ברויט.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, ארויס געקוקט, און געזעהן נאך אמאל דאסזעלבע בילד פון פאריז, וויא צו יענער צייט, ווען ער האט געוואלט זאגען אדיע צו דער וועלט.

די בוימער, דער האטעל־גארטען, דער טייך סעין, די גרויסע מאסע דעכער, די לאנגע רייהען הייזער, ביז וויט ארויף צום פער־לאשעז.

ער האט אוועק געלייגט דעם רעוואלווער אויף'ן קליינעם טישעל, נאהענט צו זיין האנד. ער האט זיך מעהר ניט געאיילט; ער איז געווען פרייא און זיך געקענט נעהמען וויפיעל צייט ער האט געוואלט.

פלוצלינג איז איהם איינגעפאלען די אידעע, אז ווען ער וועט ווארטען, וועט ער פיעללייכט חרטה האבען אויף זיין שריט.

„דומהייטען!" האט ער זיך זעלבסט געענטפערט. „מיין ענטשלוס איז גע־פאסט און היינט מוז נעהמען איין ענדע. אויף אזוי פיעל טרויע איך מיר שוין, אז איך בין ניט קיין פייגלינג אום מיך אבצושרעקען פאר'ן טויט. הלוואי וואלטען אנדערע אזוי זיכער געווען מיט'ן לעבען, וויא איך בין יעטצט זיכער מיט'ן טויט. יא, יא, דער טויט איז לייכטער צו ערר[ייכען] וויא דאס לעבען. עס ערפארדערט נאר אביסעל פעסטען ענטשלוס, און דער ציעל איז ערר[ייכט]. נאר מיט דעם לעבען איז עס אנדערש: ווען דער טויט קלאפט אויף די פלייצעס, קען אפילו דער שטארקסטער ענטשלוס צום לעבען און די גרעסטע קונסט פון אונזערע ערצטע, נאר ניט ווירקען."

ער האט געזיפצט.

דיא ערוויגערונג פון דער פריהער פערגאנגענהייט איז ערשיענען אין זיינע געדאנקען: ער האט נאך אמאל געזעהען זיין ליעבע און צערטליכע מוטער, וויא זיא האט געשטערבט און געארבייט אום פון איהם צו מאכען א געבילדעטען מאן; וויא זיא איז געלעגען אויפ'ן שטערבע־בעט, און איהם אנגעקוקט מיט א רחמנות'דיגען בליק, און דאן, וויא איהרע אויגען האבען זיך געשלאסען און דיא טויטען־מאסקע, בלאס וויא קרייד, האט זיך ארויף געצויגען אויף איהר געזיכט.

„מיין מוטער!“ האט ער געמורמעלט צערטליך און זיינע אויגען זיינען נאס געווארען. ער האט שוין לאנג זיך נים ערוויגערט אן זיין געטרייער מוטער, נאר יעטצט, פאר זיין טויט, האט דיא ערוויגערונג אין איהם אויפגעלעבט.

דאן האט ער זיך דערמאהנט אן זיין ארעמען פאטער, וויא ער איז געשטארבען, און ער האט פערלאזען מארסייל און איז געקומען נאך פאריז.

דיא נאכפאלגענדע צייט האט ער געוואלט פערטרייבען פון זיינע געדאנקען. צו וועלכען צוועק זאל ער יעטצט דענקען דאריבער? אלעס פעראורזאכט איהם שמערצען, און כל־זמן ער האלט שוין ביים שטארבען, וויל ער נים ליידען.

דיא ערוויגערונג אן דער טרויעריגער צייט וואס ער האט צוגעבראכט אין יענע צווייא מאנאט אין דעמזעלבען צימער, האט איהם גראדע נים געשמערצט. אין געגענטהייל, ער האט פערגניגען געהאט איבערצודענקען דאס בילד פון זיין ארמוטה און עלענד, פון זיין קאמפף מיט דער פערצווייפלונג, און פון דער אידעע צו וועלען בעגעהען זעלבסטמארד.

ער האט זיך דערמאהנט אן דעם אבענד, ווען קוקענדיג ארונטער פון דעם פענסטער אויף דיא הארטע שטיינער פון דעם טראטואר, האט ער געמאסטען דיא שטרעקע אין זיינע געדאנקען, און זיך פארגעשטעלט וויא אזוי זיין קאפ וועט צער־שמעטערט ווערען פון דעם פאל.

ער האט געדענקט וויא אונאנגענעהם אזא טויט איז איהם געווען, און וויא ער האט זיך געוואונשען צו האבען א רעוואלווער, נאר ער האט עס דאמאלס נים געקענט בעהויפטען, ער איז געווען צו ארעם דאפיר.

„און יעטצט,“ האט ער געמורמעלט, „בין איך רייך — יא, רייך גענוג צו בעזיטצען א רעוואלווער. דאס געלד ברענגט מיר יעטצט דעם איינציגען נוטצען וואס איך האב מיין איינענעם רעוואלווער. אבער, וואס איז דער אונטערשיעד? טויט איז טויט, און דורך וועלכער ארט מען ערררייכט איהם, מאכט עס קיין אונ־טערשיעד.“

ער האט זיך אָנגעלעהנט אויף'ן ביינקעל, און פאַרטנעזעטצט זיינע גע־ראַנקען:

„וואס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט דאמאלס געפאסט דעם ענטשלוס אויף'ן פלאַטץ און בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך ארונטער וואַרפען זיך? וואָלט איך עפּעס פערלוירען? אָה ניין! איך וואָלט זעהר פיעל פערדיענט און אַנדערע נעבען מיר, וואָלטען אויך בעסער אויסגעמאַכט אין דעו וועלט. ערשטענס וואָלט איך מיך ניעמאלס אויף אַזוי וויט ערניעדריגט, אום מיך צו פערקויפען, דאן וואָלט איך מיך ניט פערליעבט אין א פּרויענצימער, וואס האַסט מיך. דיא הויפּטזאַך יוֹאָלט געווען, וואס דיא געזעלשאַפט וואָלט פּטור געוואָרען פון א שווינדלערישען און שאַרפזיניגען פינאַנציער, און גרויסע מאַסען געלד וואָלטען זיך בייא מיר ניט אָנגעזאַמעלט צום פערלוסט פון אַנדערע.

ער האט געשווידערט זיך פאַרשטעלענדיג דיא לעטצטע צוועלף יאָהר פון זיין לעבען.

„דער טויט אליין איז דיא איינציגע זאַך אין לעבען," האט ער ווייטער געזאָגט, „וואס איז זיכער, פּאָזיטיוו און בעשטימט. דער טויט נאַרט ניט, און אין איהם געפינט מען רוה. אַלעס איז פּוסט, געמיין, דום, נאַריש און פול מיט שמערצען, ווייל עס איז לעבען; דער טויט האט קיין איינציגען פון דיעזע חסרונות, ער איז אַלזאָ אויך דיא איינציגע געטרייע ווירקליכקייט. בייא גאָט! איך בערייהע פון מיין טיעפען הערצען וואס איך האב איבערגעלעבט דיא לעטצטע 12 יאָהר!"

דער קאַמפּף אין דער וועלט, דער שטרייט צו עראָבערן און בעזיעגען, וואס ער האט דורכגעמאַכט, איז בייא איהם ערשיענען וויא א נארישער קינדער־שפּיעל.

„יא, עס איז וואהר," האט ער געברומט, „מיין ווילען איז א שטאַרקער, און אין מיין קאָפּ ליעגט א מערקווירדיגע גוטע מאַשין. מיט מיין ווילען האב איך גע־שטירצט, געבראָכען, צערשטערט, פּעראַכטעט, און אויך געבויעט, עררייכטעט און געגרינדעט זעהר פיעלעס. אָבער וואס ניטצט מיר דאס אלעס? האט עס מיך געקענט גליקליך מאַכען? ניין, און טויזענד מאל ניין! ווען איך האב מיך שוין גערעכענט אַלס דער גרעסטער און מעכטיגסטער, וועלכער קען יעדען וואַרפען צו מיינע פיס, דאמאלס איז ערשיענען אין מיין ברוסט אַזא מין געפיהל, וואס איך האב געשטרעבט דאַגעגען. אָבער טראָץ מיין גאַנצען שטאַרקען ווילען, האב איך דיעזעס געפיהל פון מיר ניט געקענט פערטרייבען

„ווי אירגענד איין אנדערער דומקאָפּ, בין איך, שטאַרקער מאַן, געפאַלען צו דיא פיס פון א פערזאָן מיט א קליידעל — א פרויענצימער! בייא גאָט! וויא לעבערליך דאס איז, און דאָך איז עס א טהאַטזאַכע! פלאָוויע, א פרויענצימער, א שוואַכעס פרויענצימער, האט מיט איין שטויס, אומגעשטירצט דעם גאַנצען מאָ־נומענט וואס איך האב אויפגעבויעט, און וויא א קאַרטען־הייזעל, וואס קינדער בויען, אזוי איז אַלעס צוזאַמענגעפאַלען!

„אבשייליך! דאס לעבען איז אבשייליך! ווארום פערליעבען מיר זיך אין פרויענצימער אויף אזוי וויט, אז דאס זאָל אונז קענען רואינירען! ווען גאָט אָדער דיא נאַטור וויל, דאס מיר זאָלען פאַבריצירען דעם מין, און דאפיר ליעבען א פרוי, איז עס דען ניט גענוג ווען מיר האבען א נייגונג צו איהר? צו וועלכען צוועק ניטצט נאך דאס פערצווייפעלטע געפיהל וואס זאָל אונז שטירצען אין אַבגרונד? ווען א פרויענצימער, צו וועלכער מיר האבען א נייגונג, ליעבט אונז ניט, דאן דארף דיזע נייגונג פערשווינדען וויא דאס אש פון א פערברענטען שטרוי, און מיר זאָלען האבען דיא נייגונג צו איין אנדערע.

„אזוי זאָג איך, וואָלט איך איינגעאָרדנעט, ווען איך זאָל זיין א גאָט. אָבער אזוי וויא איך בין ניט מעהר וויא א דומער מענש, מיט לעבערליכע וויסענשאַפטען פון וועלכע איך קען מיך ניט בעפרייען, דאן דארף איך שטאַרבען!

„יא, איך דענק, אז נאך אלעמען, איז גאָט אָדער דיא נאַטור, דאך גערעכט! איך האב מיר פאַרגעשטעלט, אז דיא גאַנצע וועלט בעשטעהט נאַר אין הויפענס גאָלד און אין דער ערגעבערונג פיר פערמעגענס. מיר איז גאַר קיינמאל ניט איינגע־פאַלען, אז ניט דאס אליין קען זיין דיא גאַנצע וועלט. איך האב גערעכענט, אז מיט גאָלד קען מען זיך קויפען דאס שענסטע פרויענצימער און זיך בעפריעדיגען וויא מען וויל. אלעס האב איך עררייכט, און וואס גאָלד קען נאַר פערשאַפען, האב איך גענאָסען.

„איז דאס דיא וועלט? ניין, האט מיר געענטפערט דיא נאַטור. איך האב מיך אימער געשפּירט אליין, פרעמד, עלענד און אונצופריעדען. דיא אוצרות, דיא עהרע פון א גאַנצער וועלט, דער רוהם פון דיא גרעסטע מענער — קיין זאך האט מיך געקענט טרייסטען.

„דיא נאַטור, וויא עס שיינט, קען זיך נוקם זיין אונבאַרמהערציג. זיא האט מיך אָבגעלאָזען אויף א היבשער צייט נאַכצוגעהען מיין קאַפּריז, און דאַן, אום מיך דאַפּעל צו בעשטראַפען, האט זיא אין מיר ערוועקט דיא ווילדעסטע ליעבע.

„און צו וועמען ? צו דיעזער פרוי וואס האט מיך געקויפט פאר געלד: צו דיעזער פרוי, וואס האסט מיין געגענוואַרט און פעראַכטעט אפילו דעם פּלאַטץ וואו איך טרעט מיט מיינע פיס.

„יא, אין דיעזער פרוי האב איך מיך פערליעבט ! און מיין ליעבע איז נאָך איבערגעשטיעגען דעם גראַד פון איהר האַס.

„נאָך, איך וויס וואס איך האב אויסגעליטען ! האָפנונג און פערצווייפלונג האבען זיך געוועקסעלט אין מיין ברוסט אין יעדען אויגענבליק, און ביי יעדעם מאל וואס איין געפיהל האט בעזיעגט דאס צווייטע, איז געמאַכט געוואָרען א נייע וואונד אין מיין הערצען..."

ער האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען און האט זיך אויפגעהויבען.

זיין בליק איז געפאַלען צום רעוואָלווער.

„דוא ביסט מיין איינציגער געטרייער פריינד !" האט ער געמורמעלט צום רעוואָלווער איהם אויפהויבענדיג. „דוא וועסט מיר העלפען אין מיינע נויטען, און דורך דיר וועט פאר מיר פון דיעזער וויסטער און דומער וועלט, ווערען איין שוואַרצער און דונקלער פלעק, וואס וועט מיך ניט ערגערן אָדער אינטערעסירען."

בלויז אויף איין זאַך האט ער זיך אביסעל בערוהיגט.

„אַך !" האט ער געזאָגט, „וואס פאר א גרויסע זאכען איך וואָלט געקענט אויפטהון אין לעבען, ווען פלאַוויע וואָלט ניט אזוי אונבאַרמהערציג געטרעטען אויף מיינע געפיהלע ! אין דיעזען טאָג וואס זיא וואָלט זיך אַרויף געוואָרפען אויף מיין ברוסט, און מיר געזאָגט: „איך ליעב דיך !" — יא, אין דיעזען טאָג וואָלט איך מיך געשפּירט שטאַרק גענוג אויפצוהייבען דיא גאַנצע וועלט ! יעטצע, אבשייליכע וועלט ! וואו איך האב אזוי פיעל געליטען, האב איך פיר דיר דיא טיעפסטע פעראַכטונג. איך האס דיך מיט אַלעמען, כל־זמן איך האב מיט מיין קראַפט ניט געקענט ערּאָבערן פלאַוויע'ן !"

ער האט אויפגעהויבען דעם רעוואָלווער.

עס איז געוועזען א הערליכער מאָרגען.

דורך דעם אָפענעם פענסטער האט זיך אריין געגאָסען א שטראָם גאָלדענע זונן־שטראַהלען, וואס האט אויסגעזעהען צו דערמאָהנען דיא מענשהייט אין א בליהענדער און שעהנע יוגענד.

אַרום און אַרום, האט דיא ריעזיגע שטאָדט פּאַריז אָנגעפאַנגען איהר גרויסע טהעטיגקייט.

ואנטאס האט צונעליינט דעם רעוואָלווער צו זיין שלייף. דאס קאלטע אייזען האט געמאכט איין איינדרוק אויף זיין דעריהיטצטעס לייב.

גראדע דאמאלס האט זיך דיא טהיר אויפגעריסען, און פלאוויע איז אריין אין צימער.

מיט א שנעלער ווענדונג פון איהר האנד, האט זיא אוועק געצווינגען דעם רעוואָלווער פון זיין קאָפּ.

דיא קוגעל איז אריין אין דער וואנט.

זיא איז געוועזען בלאס און ציטערענד, אָבער נאך שעהנער וויא אימער. איהר אויפרעגונג איז געוועזען אזוי גרויס, אז זיא האט גאר ניט געקענט רעדען.

נאנטאס האט צו איהר געבליקט מיט ערשטוינען.

„וואס ווילט איהר, מאדאם?" האט ער געפרעגט זיך שפירענדיג שטארק בעליידיגט פון איהר האנדלונג.

זיא האט נאך אימער ניט געקענט רעדען.

מיט א העפטיגען ריס, האט זיא ארויס געכאפט דעם רעוואָלווער פון זיין האנד און ארויס געשמיסען פון דעם פענסטער.

נאנטאס האט אויפגעצווינגען מיט דיא אקסלען, וויא איינער רעדט: „זייט איהר משוגע אָדער שיכור?"

„מיין גאָט!" האט זיא ענדליך געזאָגט און איז צוזעמענגעגאנגען נעהנטער. „וואס האט איהר געוואָלט טהון?"

„וואס קימערט עס אייך?"

„איך בעט אייך," האט זיא געזאָגט ציטערענדיג, „רעדט ניט צו מיר אזוי..."

„וואס ווילט איהר פון מיר האבען? האב איך אייך דען ניט געגעבען דאס רעכט צו האנדלען וויא איהר ווילט? ווארום שטערט איהר מיך?"

„אך!" האט זיא אויסגעשריען, „איך ליעב דיך! איך ליעב דיך, ווייל דוא ביסט שטארק!"

זיא האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד און איהם אומארמט. ער איז געוועזען וויא בערוישט און נים געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם.

„דיך נעהמען דאס לעבען," האט זיא געמורמעלט, „אָה, ניין, ניין! דאס דארפט איהר ניט טהון! איהר מוזט לעבען!"

נאנטאס האט אנגעהויבען עפּעס צו בעגרייפען, אָבער ער האט זיך באלד

עראינערט אן דער לעטצטער נאכט און איז געבליעבען שטעהן זיא אנקוקענדיג מיט א פראגענדען בליק.

נאך איידער זיא האט געקענט רעדען א ווארט, האט זיך געהערט א גערויש פון דער דיענערשאפט, וואס איז געקומען זעהען דיא אורזאכע פון דעם שאס.

פלאוויע האט זייא בענענענט אויף דיא טרעפען, און פאסענדיג איהר גער וועהנליכע קאלטבליטינקייט, האט זיא געזאגט:

„עס איז גאר נים! געהט צוריק! געהט צוריק! מאנסיע נאנטאס האט געשאסען א קאטץ!“

דיא דיענער זיינען צוריק געגאנגען, און זיא האט זיך צו איהם גער ווענדעט:

„נאנטאס, יעטצט האסטו א רעכט פון מיר צו פערלאנגען איין ערקלערונג. איך בין בערייט דאס צו טהון. קום ארונטער אין זאלאן.“

דאס געפיהל פון גליק און צופריעדענהייט, האט שנעל צוריק געקעהרט צו נאנטאס׳ן, און ער האט אויסגעשריען:

„ניין, ניין! איך וויל קיינע ערקלערונג! איך בין גליקליך!“

ער האט אנגעכאפט איהרעביידע הענד און זייא געקושט.

„איך דאנק דיר, נאנטאס. פיר דיין פערטרויען אין מיר,“ האט זיא געזאגט, „אבער, ווען דוא ווילסט בערוהיגען מיין געוויסען, דאן וויל איך דוא זאלסט מיך אויסהערען.“

זייא האבען אנגעפאנגען ארונטער צו געהען דיא טרעפען, ווען דער אלטער באראן איז זייא ענטקעגען געקומען.

דער באראן האט געהערט פון א שאס, און אבוואהל ער האט געהערט פון פלאוויע׳ס ערקלערונג, איז איהם דיא גאנצע געשיכטע פארגעקומען פערדעכטיג, און ער איז דערפאר געקומען אליין זעהען וואס עס האט פאסירט.

נאנטאס האט געפיהרט פלאוויע׳ן בייא דער האנד. אזא סצענע, האט נאך דער באראן נים געזעהען ביז דאמאלס. אן דער מונטערער מיענע אויף פלאוויע׳ס בלאסעם געזיכט, האט ער דערקענט, אז צווישען איהר מיט זיין איידעם, איז פאר־ געקומען עפעס אונגעוועהנליכעס.

דער אלטער איז געבליעבען שטעהן און ערווארטעט דיא צווייא יונגע מענשען זאלען איהם ענטקעגען קומען.

„פאטער,“ האט פלאוויע זיך דאן געווענדעט צום פאטער איהם קושענדיג

אויפֿין שטערן, „גראטוליר מיך צו מיין גליק. נאנטאס, זאָל פון היינט אָן און ווייטער, זיין מיין פיעלגעליעבטער מאַן!"

„אך! מיין קינד!" האט דער אלטער געמורמעלט מיט טרערען אין דיא אויגען, „דוא מאכסט מיך גליקליך!"

נאנטאס האט נאך אימער ניט געקענט רעדען. און ער האט שטילשווייגענד געדריקט זיין האנד דעם אלטען באראָן.

„פאטער!" האט פלאוויע ווייטער געזאגט, „איך האב אָבצוגעבען מיין מאַן איין ערקלערונג..."

„קיין ערקלערונג!" האט נאנטאס אונטערבראָכען.

„ענטשולדיגט מיר," האט זיא געזאגט, „דאס איז איין ערקלערונג פיר מיר זעלבסט. אלזאָ, מיין וואונש איז, אז דוא זאָלסט אויך דערבייא זיין. איך האב קיין זאך מיטצוטהיילען, פאר וועלכער איך זאָל מיך דארפען שעהמען פאר מיין ליעבען פאטער."

זייא זיינען אריין אין זאלאָן, און נאכדעם וויא דער באראָן האט זיך געזעטצט, האט פלאוויע אָנגעציינט פאר נאנטאס'ן א פלאטץ אויף א סאפא, און זיא האט זיך געזעטצט געגענאיבער איהם.

„דאָ האסטו מיין האנד, נאנטאס," האט זיא געזאגט אויסשטרעקענדיג איהר קליינע ווייסע האנד, „צום צייכען פון מיין ליעבע צו דיר. און האלטענדיג מיין האנד אין דיינער, שווער איך דיר, בייא דער ערשינערונג אן מיין טויטער מוטער און בייא דעם לעבען פון מיין ליעבען פאטער און קינד, אז גראדע אזוי וויא דוא האסט מיך ניט בעריהרט זייט אונזער האָכצייט, אזוי האט מיך קיין איינציגער אנדערער מאַן אין דער וועלט בעריהרט..."

פלאוויע האט דאָן אויסגעבראָכען אין א געוויין. נאנטאס איז געוועזען זעהר געריהרט און נאר ניט געקענט רעדען. עס איז בייא איהם ניט געוועזען דער מינדעסטער צווייפעל, אז פלאוויע, דיא שטאָלצע און הארטנעקיגע שעהנהייט, זאגט דיא וואהרהייט, אפילו ווען זיא זאָל זיך ניט שווערען, נאָר ווען זיא האט זיך נאך אזוי געשוואוירען, איז יעדער פערדאכט אוועק.

„דיא געשיכטע פון לעטצטער נאכט," האט פלאוויע פאָרטגעזעטצט, „איז געווען א געהיימנהייט דורכגעפיהרט פון דע פאָנדעט מיט דער הילפע פון מאדמאָזעל שין."

„וואס? וואס איז געשעהען?" האט זיך דער באראָן אריין געמישט.

„איך וועל דיר שפּעטער אַלעס דערצעהלען. און יעטצט, נאַנטאַס, צו דיר ווייס דיא לעטצטע צוויא מאָנאַט, האָב איך דיך אָנגעפאַנגען צו ליעבען, אָבער איך בין געוועהן צו שטאָלץ דאַס מיר זעלבסט צו פערטרויען. איך האָב פון דיר קיין אויג אַרונטער גענומען פון דער צייט וואָס דוא האַסט פאַרבערייטעט דעם רעוואָלווער בייא נאַכט אויף דיין שרייב־טיש. דיא טרערען וואָס איך האָב פערגאָסען, ווען דוא האַסט היינט אין דער פריה געקושט מיין קינד, קען איך דיר ניט אָבשילדערן. דיא גאַנצע צייט וואָס דוא האַסט פערבראַכט אין דאַך־שטיבעל, בין איך געשטאַנען בייא דער טהיר, און, דאַנקען גאָט, איך האָב דיך געראַטעוועט צו דער פּאַסענדער צייט !"

נאַנטאַס האָט נאָך אַמאָל געקושט איהרע הענד מיט זיינע ברענענדע ליפּען, און געמורמעלט :

„אַלעס איז שעהן, אַלעס איז הערליך און געטליך, אָבער נאָר מיט דיר, מיין געליעבטע פלאַוויע ! אָהן דיר, איז עס אַ פינסטערע און טרויעריגע וועלט !"

צוויא מאָנאַט זיינען פאַראיבער, און נאַנטאַס'עס פינאַנץ־פּלענער פיר פראַנקרייך, זיינען ניט נאָר אַקצעפּטירט געוואָרען פון דעם קייזער און פּאַרלאַמענט, זאָנדערן דאָס גאַנצע פאָלק האָט דערצו איינגעשטימט.

ענדליך האָט פראַנקרייך דאָך אַריין געקריעגען אַ פעהיגען פינאַנץ־מיניסטער און דיא אָרדנונג אין דיא פינאַנצען, האָט געראַטעוועט דיא מאָנאַרכיסטישע רעגיערונג.

אָבער וואָס איז מיט נאַנטאַס'ן געוואָרען ? ווארום האָט ער אָנגעפאַנגען אַזוי צו פערנאַכלעסיגען זיין אַמט ? ווארום האָט ער ניט בעזוכט דאָס מיניסטעריום און ניט געוואָלט עמפּפאַנגען אין בעזוך דיא גרעסטע מענער פון דער רעגיערונג ?

מען האָט זיך אָנגעפאַנגען איבער איהם צו בעקלאַגען בייס קייזער, און נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט אַנפאַנגס זעהר שטאַרק געהאַלטען פאַר דעם נייעם פינאַנץ־מיניסטער, איז אויך אונצופריעדען געוואָרען.

אין אַ טאָג האָט דער קייזער געשיקט אַ ספּעציעלען שליח צו נאַנטאַס'ן און איהם אויפגעפאָדערט ער זאָל איהם קומען בעזוכען.

נאַנטאַס איז ערשיענען איז קייזערליכען פּאַלאַסט און איז באַלד אויפגענומען

געוואָרען פון דעם קייזער, וועלכער האט איהם זעהר העפליך געדייכט זיין האנד.

„וויא געהט עס אייך, מאָנסיע?“ האט דער קייזער געפרעגט פריינדליך.

„זעהר גוט, מאַיעסטעט!“ האט נאַנטאס געענטפערט מיט א גליקליכעס געזיכט.

„עס פרייט מיך, מאָנסיע, דאס צו הערען. אָבער איהר וועט מיר ענטשולדיגען: מען האט זיך אויף אייך לעצטענס בעקלאגט, דאס איהר פערנאַכלעסיגט זעהר אייער אמט. איז דאס וואהר?“

„יא, מאַיעסטעט.“

„יא? און ווארום?“

„וויל מיינע פעהיגקייטען זיינען א זאך דער פערגאַנגענהייט.“

„דער פערגאַנגענהייט?“ האט דער קייזער געפרעגט ערשטוינט.

„יא, מאַיעסטעט; איך האב בעזעסען אויסערארענטליכע פעהיגקייטען, ווען מיין איינציגעס שטרעבען און ציעל אין דער וועלט, איז נאָר געווען צו ערֿאָבערן און בעזיגען. יעטצט, האב איך געזיגט, און מיינע פעהיגקייטען זיינען צו ענדע.“

דער קייזער האט איהם בעטראַכט איינינע אויגענבליקען מיט בעוואונדערונג, און דאן האט זיך בעוויזען א פינסטערע מינע אויף זיין געזיכט, בעקאַנט בייא דיא באָנאַפּארטס אלס א צייכען פון גרויסער אויפרעגונג.

„מאָנסיע!“ האט נאַפּאָלעאָן געמורמעלט וויטהענד. „איך וויל ניט פרעגען נאָך דיא אורזאכען פון אייערע בעהויפּטונגען; זייא בעקימערן מיך ניט. אָבער איך וויל ניט צו לאָזען, אז דאס לאנד זאָל געפיהרט ווערען פון אָבגעלעבטע מענשען. איך פרעג אייך נאָך אמאל: קענט איהר אָנווענדען אייערע געוועזענע טהעטיגקייטען אין אייער אמט?“

„צו מיין בעדויערן, מאַיעסטעט, קען איך דאס אייך ניט פערשפּרעכען.“

„דאן וועט איהר אהיים געהען און אריין שיקען אייער רעזיגנאַציאָן. אונזער אונטערהאנדלונג איז געשלאָסען.“

דער קייזער האט זיך אָבגעוועגדעט און פערלאָזען דאס צימער.

נאַנטאס האט ניט אויסגעזעהען שטארק בעטריבט דאריבער און ער איז אויך ניט פיעל פערבליבען אין פּאַלאַסט.

אהיים קומענדיג, האט ער באלד אָבגעשריעבען זיין רעזיגנאַציאָן און דיעזע אריין געשיקט צום קייזער.

די רעזיגנאציאָן איז געווען אין דער געוועהנליכער פאָרם, וויא דער פאל איז מיט אלע רעזיגנירענדע מיניסטאָרען.

ווען נאפּאָלעאָן האט איבערגעלעזען דיא רעזיגנאציאָן, איז ער שוין געווען בער־רוהיגט. ער האט אָבער באלד איינגעזעהען, דאס נאכדעם וויא דאס פאָלק ווייס ניט וואס עס איז פאָרגעקאָמען, וועט מען איהם בעשולדיגען אין דער רעזיגנאציאָן פון אזא פעהיגען מאן, און ער איז שוין געווען גענוג אונפּאָפּולער אום אויף זיך ארויף צו ציהען דעם פאָלקס־האס. ער האט גלייך צוריק געשיקט דיא רעזיגנאציאָן צו נאנטאס׳ן מיט פאָלגענדען קורצען נאָטיץ:

„מאָנסיע:

„איהר וועט אזוי גוט זיין און אננעבען אורזאכען, פּערזענליכע אורזאכען פיר אייער רעזיגנאציאָן; דען, לויט וויא איך האב מיר געמערקט, זייט איהר דעריעניגער וואס איז צופריעדען צו רעזיגנירען.

„נאפּאָלעאָן."

נאנטאס האט פערשטאנען, און ער האט אריין געשיקט א צווייטע רעזיגנא־ציאָן, וואו ער האט אָנגעגעבען דיא אורזאכע, אז ער איז שוין מיעד פון דער ארבייט, און נאכדעם זיין אויפגאבע מיט דעם פינאנץ־פּלאַן איז צו ענדע, ווינשט ער זעלבסט זיך צוריק צו ציהען, אָהנע אירגענד וועלכע אנדערע פּריוואט אָדער פּאָליטישע אורזאכען.

דיא רעזיגנאציאָן איז דאן פּובליצירט געוואָרען אין אלע צייטונגען.

נאך אין דערזעלבער וואך, האט נאנטאס אָנגעפאנגען אויפצולעזען זיין גרויסעס פינאנץ־הויז. ער האט בעצאָהלט יעדען איינעם וואס האט מיט איהם פערקעהרט אין פינאנץ, און דאן אָבגערייזט מיט זיין פרוי און קינד אויף זיין לאנד־גוט וואס ער האט לעטצטענס געקויפט.

„בין יעטצט," האט פלאוויע צו איהם געזאגט זייענדיג אליין, „האב איך דיך ניט געפרעגט נאך דער אורזאכע פון דיין אונטהעטיגקייט אין געשעפט. יעטצט, וועסטו מיר ענטשולדיגען, בין איך נייגיעריג צו וויסען ווארום דוא האסט זיך צוריק געצויגען פון דער פינאנץ־וועלט?"

נאנטאס האט גענומען זיין פרוי׳ס האנד און זיא געקושט.

„פלאוויע!" האט ער געזאגט צערטליך, „איך וועל דיר אלעס ערקלערען. עס איז געווען א צייט, ווען איך האב גערעכענט, אז דעם מענשען׳ס גליק, אז דעם מענשען׳ס שטרעבען, איז נאָר צו קעמפּפען מיט זיין מיט־מענשען, וויא א ווילדע חיה, און ערָאבערן און בעזיגען. דוא ביסט מיין בעסטער עדות, אז אין דיעזער

בעציהונג, האט נאך פיעללייכט קיין מענש אזוי ווייט געגרייכט וויא איך. הונדערט געלד און מאסען מענשען, זיינען געלעגען צו מיינע פיס, און איך בין אימשטאנדע געוועזען אויפצוקאכען לענדער, אויפברויזען נאציאנען און פערווירן פעלקער. איך האב געקענט געוועלטיגען איבער לעבען און טויט — אבער, נאך אלעמען, בין איך געוועזען אונגליקליך. אום דיר צו זאגען דיא וואהרהייט, האב איך נאך זאנאר פריהער איידער איך האב דיך געליעבט, מיך געשפירט פרעמד אין דיזער וועלט, און מיך גערעכענט פאר איין עלענדען רויבער...״

„א רויבער?״ האט זיא איהם אונטערבראכען. „אה ניין, נאנטאס! אזוי פיהרט זיך דיא וועלט, און דאס איז דיא מענשהייט. מען ארבייט פיר דער ער־אבערונג פון געלד און פערמעגען.״

„יא, יא, אזוי איז עס, אבער אין דער וועלט, אונטער דער מענשהייט, האבען מיר א סך פאלשע אנזיכטען, און דער מענש יאגט זיך אמאל נאך זוכענדיג זיין גליק זיין גאנצעס לעבען, און ער שטארבט איין אונגליקליכער. ער רעכענט אימער, אז ער האט ערגריפען דאס גליק, און צום סוף האלט ער מעהר נים וויא א שאטען אין דיא הענד.״

פלאוויע האט צו איהם געבליקט מיט געשפאנטער אינטערעסע.

„דיא נאטור אדער גאט,״ האט ער פארטגעזעטצט, „האט אונז געשאפען צו לעבען אלס מאן און פרוי און טהיילען דיא הערצענס־געפיהלע. אלע אנדערע גע־פיהלע פון גליק, זיינען נאר לעערע שאטענס און קענען ניעמאלס גליקליך מאכען דעם מענשען. איך האב עס בייגעוואנט אין דער ערפאהרונג פון מיין לעבען, און...״

ער האט נאך אמאל ערגרייפען איהר האנד און געמורמעלט:

„אהן דיר, פלאוויע, וואלט בייא מיר דיא קייזערליכע קרוין געוועזען א לאסט; מיט דיר, פלאוויע, מיט דיין ליעבע, איז זאגאר ארמוטה איין אנגענעהמער קאמפף אין לעבען וואס פערשאפט מיר פערגניגען.״

„איך פערשטעה, איך פערשטעה,״ האט פלאוויע געמורמעלט מיט א גליק־ליכען שמייכעלע. „דוא האסט רעכט, נאנטאס, דאס גליק פון א מענשען ליענט נים נאר אין רייכטהום אליין.״

„דאס אלזא, מיין ליעבע,״ האט ער ווייטער געזאגט, „איז געוועזען דיא אורזאכע, ווארום איך האב אויפגעגעבען מיין פינאנציעלע טהעטיגקייט. איך וויל מעהר נים אנהויפען קיין געלד, וואס איז, אין פיעלע פעללע, נאר א לאסט אויף דעם געוויסען. איך בין רייך גענוג, און פון היינט אן און ווייטער צו העלפען מיט

מיין גליק ערלייכטערן דיא ליידען פון אנדערע, דאס זאָל זיין מיין שטרעבונג אין לעבען, און דוא, מיין ליעבע, זאָלסט זיין מיין שותף דורכפיהרען מיינע פלענער."

זיינע אויגען האבען געגלענצט מיט טרערען פון גליק, און פלאָוויע האט צוגע־בויגען איהרע שעהנע ליפען און זייא אָבגעפרעסט אויף זיינע נאסע אויגען.

„יא, יא, נאנטאס," האט זיא געמורמעלט. „איך וועל דיר העלפען גליק־ליך זיין."

זיא האט איהם געהאלטען א לאנגע צייט אומארמט, און דאן האט זיא איהם עפעס איינגעראמט אין אויער, גלייך ווייא זיא האט זיך געשעהמט זאָגאר פאר דיא שטומע ווענט ארויס צו זאָגען.

נאנטאס האט אויפגעציטערט מיט פערגניגען און ער האט זיא ליידענ־שאפטליך געקושט.

„נארעלע!" האט ער געשריען, „וואס דארפסטו זיך שעהמען? פערקעהרט, איך בין דערמיט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט! דאס איז דיא פרוכט פון אונזער ליעבע און פון אונזער גליק!"

זיא האט זיך אָבגעווענדעט אויף א זייט שמייכלענדיג פערשעהמט.

נאנטאס האט ניעמאלס מעהר צוריק געקעהרט צו דער פינאנציעלער וועלט, און זיין איינציגע אויפגאבע אין לעבען איז געוואָרען, צו זאָרגען פיר זיינע קינדער און פערווענדען זיין רייכטום פיר דיא גרויסע וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען.

ע נ ד ע

פּרויעקטיעבע.

פרויען-ליעבע

1.

דאַרט ווייט, אויף דער איינזאַמער געפענגניס-אינזעל נומעאַ, ווען זשאַק דאַמור פלעגט זיך אוועק שטעלען ביים מעער און בליקען אין דער אונענדליכקייט פון וואַסער, האָט ער מעהרערע מאָל געדאַכט איבער זיין אונגליקליכע לעבענס-געשיכטע.

ער האָט זיך עראינערט גאַנץ גוט אן דער טרויעריגער בעלאַגערונג, אן דעם צאָרן פון דיא קאָמוניסטען אין פאַריז, און דאַן אן דעם שוידערהאַפטען שיקזאַל וואָס האָט איהם פערשליידערט אַזוי ווייט אוועק, אַז איהם האָט עס מעהרערע מאָל אויסגעזעהען, גלייך ווי ער וואָלט פלוצלינג אַרונטער געפאַלען וויא פון הימעל.

דיא פאַנטאַזיע איבער זיין פערגאַנגענהייט, האָט אפילו ניט געהאַט פאַר איהם קיין איינציגען פאַל וואָס זאָל ערוועקען אין זיין ברוסט פרעהליכקייט און ליעבע; אין געגענטהייל, וואו ער האָט געבליקט, וואו ער האָט געזוכט, האָט ער נאָר געזעהען אַ פערגאַנגענהייט פון צרות, לייד, נויט, מאַנגעל, טרערען און בלוט.

צו זיין 26-טען יאָהר, האָט זשאַק געהייראַטעט מיט פריילין פעליסי, אַ היבשע און זעהר שעהנע אַכטצעהן יעהריגע מיידעל, דיא ניכטע (פלימעניצע) פון אַ פרוכט-העגדלער אין וויעט, וואו ער האָט לאָזשירט אין אַ צימער.

זשאַק דאַמור איז געוועזען אַ מעטאַל-פאָלירער און פערדיענט מעהר אלס 10 פראַנקס אַ טאָג; זיא ווידער, פעליסי, איז געוועזען באַלד נאָך דער חתונה אַ נייטאָרין, אָבער עס האָט ניט פיעל געדויערט און אַ איינגעלע האָט פערגרעסערט זייער פאַמיליע. דאַן האָט פעליסי שוין מעהר ניט געקענט זיין קיין נייטאָרין, און זיא האָט געמוזט אָבגעבען איהר גאַנצע צייט אום אַכטונג צו געבען אויף דעם הויז.

יונשאַן, אַזוי האָט געהייסען דאָס קינד, האָט געוואַקסען און געבליהט ווער

מים 9 יאָהר נאָך דער חתונה, איז אריך געקומען א מיידעלע אויף דער וועלט. מען האט איהר א נאמען געגעבען לואיז, נאָר זיא איז געווען א קריינקליכע. דיא עלטערן האבען פערברויכט א היבשע סומע געלד פיר דאָקטאָר און מעדיצינען, אום צו קורירען דאס קינד.

אונטערדעסען איז דיא פאמיליע דאמור, נים שלעכט אבגעווען.

דאמור פלעגט זיך אפילו אָפט בענעטצען צו פיעל דעם נאָרגעל, אָבער, זאָגאר בעזופענערהייט, האט ער אימער נערעדט א פאאר פערנינפטיגע ווערטער, גע־גאַנגען צו בעט, זיך גוט אויסגעשלאָפען, און אויף׳ן אנדערן טאָג, האט ער זיך זעלבסט גערופען א טויגעניכטס.

ווען יוזשאן איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר, האט איהם דער פאטער גענומען צו דער מלאכה. דאס איז אויך שפּעטער געווען דיא אורזאכע, ווארום יוזשאַן, ווען ער האט נאָך קוים געקענט לעזען און שרייבען, האט ער שוין אָנגעפאנגען צו פער־דיענען.

פעליסי איז געווען א גרויסע בריה, און זיא האט געפיהרט דאס הויז נים נאָר ריין און זויבער, זאָנדערן אויך אימער מיט חשבון און פאָרזיכטיגקייט, וויא עס פאסט פאר א קלוגע פרוי.

ושאק פלעגט אפילו מעהרערע מאל זאגען, אז פעליסי גיבט עסען מעהר גרינצייג וויא פליישׁ, אָבער ער האט אויף איהר דערפאר קיין פאראיבעל נים גע־האַט, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיא שפּארט אימער אָב עטליכע סו פיר א שלעכטע צייט.

נאָך אַלעמען, איז דאס געווען זייער בעסטע צייט אין לעבען. זייא האבען דאמאלס געוואָהנט אין מעניל‌אָמאָנטאַן, אין דער גאס פון אַנוויערזש און זייא האבען דאָרט געהאט דרייא צימערן, — איינס פאר דעם פאטער מיט דער מוטער, איינס פאר יוזשאנען, איין עסס־צימער וואו מען האט שוין אויך געארביים, און א קליינעם דאָך־שטיבעל פיר לואיזין.

זייא האבען אפילו געוואָהנט אויף א הויף אין א קליינער געביידע, דאגעגען אָבער, האבען זייא דאָרט געהאט גענוג לופט, ווייל זייערע פענסטער האבען זיך גע־עפענט אין איין אַלטען אונבענוטצטען האָלץ־הויף, וואו ווענן האבען געהאלטען אין צוברענגען מיסט בייא טאָג און בייא נאכט.

ווען דער קריעג האט אויסגעבראָכען, האט דיא פאמיליע דאמור, געהאט געוואָהנט אין דער אַנוויערזש גאס. גאנצע 10 יאָהר.

אַבוואָהל פעליסי איז שוין באלד אַלט געווען א יאָהר פערציג, האט זי נאך אימער אויסגעזעהען גאנץ יונג. זיא איז אפילו אביסעל דיקער געוואָרען וויא אמאל, אָבער טראָטץ דעם האט דאס ניט פערדאָרבען דיא געוועזענע שעהנע פאָרמע פון איהר פיגור.

זשאק ווידער, האט אויסגעזעהען וויא אויסגעטריקענט, און אָבוואָהל ער איז ניט עלטער געווען מעהר וויא מיט 8 יאָהר פון איהר, האט ער אויסגעזעהען נעגען פעליסי'ן, וויא איין אלטער מאן.

לואיז איז שוין געווען ארויס פון געפאהר, אָבער נאך אימער זעהר צארט און שוואך; זיא האט איבערהויפט אויסגעזעהען געראטען אין איהר פאטער אין צארט־קייט פון קערפער. יוזשאן ווידער, דאמאלס 19 יאָהר אלט, איז געווען ברייט־שולטעריג, שטארק, גוט ענטוויקעלט און געראטען אין זיין מוטער.

זייא זיינען געווען זעהר א ליעבענסווירדיגע פאמיליע און זיך אימער געהאלטען צוזאמען, מיט אויסנאהמען פון א מאָנטאג אָדער גלאט א דאָנערשטאג, ווען פאטער און זוהן האבען איבער געכאפט דיא מאָס אין א וויינשענק.

פעליסי פלעגט אין אזא צייט מאכען א סקאנדאל, פאר דעם געלד וואס מען האט פערזויפען.

צווייא אָדער דרייא מאל האט עס פאסירט, וואס מען האט זיך דערפאר זאָגאר געשלאָגען, אָבער דאס האט נאר ניט אויסגעמאכט; קיינער איז ניט שולדיג געווען, בלויז דער וויין, און אז דיא בעזויפענהייט איז פאָראיבער, זיינען דיא ווידער געווען דיא בעקאַנטע ליעבענסווירדיגע און אנשטענדיגע פאמיליע.

אין דער נאכבארשאפט, האבען זייא זאָגאר געדיענט אלס א ביישפיעל פון אנשטאנד, און ווען יעמאנד האט געוואָלט פערגלייכען איין פאמיליע מיט דער צווייטער, האט מען אימער געזאגט: „זעהט איהר וויא רוהיג און צופריעדען דיא פאמיליע דאמור לעבט זיך."

ווען דיא פרייסען האבען אָנגעפאנגען צו מאַרשירען נאך פאריז און דיא שרעקליכע צייטען פון ניט־ארבייטען האבען אָנגעפאנגען, האבען זייא געהאט איבער טויזענד פראנקס אָנגעזאמעלט אין דער שפאר־באנק. דאס איז געווען ווירקליך א שעהנע סומע ערשפארט פון א פאמיליע וואס האט שוין ערצויגען צווייא קינדער.

אויף דיעזער ארט, האט דיא פאמיליע דאמור ניט געשפירט דעם מאַנגעל וועהרענד דיא ערשטע שרעקליכע מאָנאטען פון דער בעלאַגערונג.

אין עסס־צימער, וואו די ארבייט־בייגק זיינען געשטאנען לעער. איז נאך אימער געווען א וויסעס ברויט מיט א שטיקעל פלייש צום עסען.

דאמור האט זיך זאגאר פערגונען רחמנות צו האבען אויף זיינעם א שכן, א געוויסער בעררו, א מאלער, וועלכער איז אויסגעגאנגען פאר הונגער, און ער האט דעם חברה־מאן מעהרערע מאל איינגעלאדען צו מיטאג. בעררו איז מיט דער צייט דארט געוואָרען א גאנצער בן־בית און ער האט ניט אבגעטרעטען פון הויז.

בעררו איז געווען א מערקווירדיגער יונג; וועהרענד ער האט געשפראָכען, האט ער געקענט אזוי גוט אונטערהאלטען, אז ער האט אין א קורצע צייט זאָגאר פערמאכט פעליסי'ס מויל, וועלבע האט געהאלטען אין איין ברומען און פראָטעסטירען נעגען דעם אומזיסטיגען פרעסער.

אבענד, האט מען געשפיעלט אין קארטען און געפלוכט די פרייסען.

בעררו, וועלכער איז געווען א גרויסער פאטריאָט, האט געשפראָכען איבער א פלאן אויסצוגראָבען מינען אונטער דער ערד איבער דעם גאנצען לאנד, און אויף דיזער ארט פערנארען די פרייסען, און זיי דאן צעררייסען אין שטיקער.

נאך אזא געשפרעך, האט ער שטארק אנגעגריפען די רעגיערונג, זיי גערופען א באנדע לומפען און פייגלינגע, וועלכע, אום ארויף צו ברענגען העכרי דעם 5־טען אויף פראנקרייך'ס טראָהן, זיינען זיי געווען בערייט צו עפענען די טויערן פון פאריז פיר דעם דייטש ביסמארק.

וואס עס אנבעלאנגט די אנדערע פארטייא, וועלכע האבען געוואלט האבען א רעפובליק. ווען ער האט איבער זיי געשפראָכען, האט ער אויפגעצויגען מיט די אקסלען מיט פעראכטונג.

„אך, די רעפובליק! די רעפובליק!" פלעגט ער אויסשרייען. און דאן, ארויף לעגענדיגביידע עלענבויגענס אויף'ן טיש און ציהענדיג העפטיג פון זיין לולקע, האט ער געגעבען דאמור'ן איין ערקלערונג איבער א פאָרמע רעגיערונג וואס ער האט פערשטאנען.

„איך מיין א רעפובליק," האט ער געזאגט, „וויא אלע מענשען זאָלען זיין ברידער, אלע מענשען זאָלען זיין פרייא; רייכטהום פיר יעדען איינעם, גרויס און קליין, אָהן אונטערשיעד! איך מיין א רעגיערונג פון מעכטיגקייט און גלייכהייט איבעראל, אין אלע קרייזען און אונטער אלע קלאסען. אָט דאס וואָלט געהייסען א רעפובליק!"

דאן, אום זיך צו מאכען, אז ער פערשטעהט נאך בעסער וויא צו בערופען דיינע פראזען, האט ער געזאגט, „א רעגיערונג וויא אין יאהר 1793" — אבוואהל

זר האט נאר קיין בעגריף געהאט איבער דעם וואס האט דאמאלס פאר־סירט.

דאמור, אונטער זאלכע אומשטענדען, האט אויף איהם אימער געבליקט זעהר ערנסט. ער איז אויך געווען א רעפובליקאנער, וויל. פון קינדוויין אן, האט ער אימער געהערט, אז דיא רעפובליק וועט זיין דער טריאומף פון דער ארבייטער־קלאסע, און וועט פעראורזאכען אלעמענס גליק. אבער דאמור האט נים געהאט קיין דייט־ליכען בעגריף וויא דאס אלעס קען זיין.

דערפאר האט ער אימער ליעב געהאט אויסצוהערען בעררו'ן אויפמערקזאם, און עס האט זיך איהם אימער געדאכט, אז ער ברענגט דיא בעסטע בעווייזע, און אזא רעפובליק וואס זאל ברענגען גליק, מוז קומען.

דאמור איז געווארען זעהר ענטהוזיאסטיש, און ער האט זיך פארגעשטעלט, דאס ווען גאנץ פאריז, מענער, פרויען און קינדער, זאלען מארשירען נאך ווערסאיל און זינגען דיא מארסעיעז, וועלען דיא פרייסען כאפען דיא פים אויף דיא פלייצעס און ענטלויפען, און א פאלקס־רעגירונג וועט דאמאלס עטאבלירט ווערען אין פראנקרייך — א רעגירונג וואס זאל בעזארגען יעדען בירגער מיט דיא נעטהיגע איינקינפטע.

„גיב אכטונג, זשאק," האט איהם פעליסי מעהרערע מאל געזאגט ווען זייא זיינען געווען אליין, „מיט דיזען בעררו וועט זיך זעהר שלעכט אויסלאזען גיב איהם צו פרעסען אזוי לאנג וויא דו ווילסט, אבער וואס עס אנבעלאנגט רעוואלוציאנען, פאלג מיך און לאז איהם אליין געהען ברעכען זיין קאפ."

פעליסי האט אפילו אויך געוואלט א רעפובליק. אין יאהר 1848, איז איהר פאטער דערשאסען געווארען בייא א באריקאדע. אבער דיא עראינערונג אן דעם, אנשטאט עס זאל אויף איהר ווירקען זיא זאל זיך אויך שטופען אין דער היטץ אריין, האט עס פעראורזאכט, וואס זיא האט איהר פאמיליע אבגעהאלטען דערפון.

נאך איהרע אנזיכט, האט דאס פאלק זיך אימער געקענט אליין העלפען, אבער פריעדליך, און זיך נים געהען איינשטעלען דאס לעבען. בעררו'ס שילדערונגען אבער ברעכען, צינדען, שטעכען און שיסען, האבען זיא געשווידערט. פעליסי איז געווען איבערצייגט, אז נים דאס איז דער ריכטיגער וועג עפעס אויפצוטהון. איבריגענס איז זיא קיינעם נים געווען דאגעגען זיך אפילו אויפצוהייגען, אבער זיא האט אלץ געוואלט יענער זאל עס טהון, פרעמדע, נאר נים איהר פאר־פיליע.

מיט דער צייט האט פעליסי בעמערקט ויא דאמור'ס אויפרעגונג שטייגט און זיין שפראכע ווערט העפטיגער און ניפטינער ; און וואס עס האט דיא ערסטע פרוי מעהר געערגערט, איז געווען דאס מעלאנכאָלישע ערשיינען פון יוזשאַנען, וועלכער פלעגט דאן אויך מיט שפאַנענדער אויפמערקזאַמקייט צוהערען צו בעררו'ס רעוואָלוציאָנערע שפראכע.

אבענד, ווען לואיז פלעגט איינשלאָפען מיט איהר קאָפּ אָנגעשפארט אויף'ן טיש, האט יוזשאַן לאנגזאם געזופט בראנפען פון א קליין גלעזעל אָהנע צו רעדען א וואָרט, און ער האט זיינע אויגען ניט ארונטער גענומען פון בעררו'ן.

בעררו האט אימער געוואוסט צו דערצעהלען זעהר איין אינטערעסאַנטע גע־שיכטע פון פאריז, ענטוועדער איבער דיא באַנאַפּאַרטיסטען, וועלכע האבען גע־געבען פעררעטהערישע צייכענס צו דיא דייטשען פון גאָנטמאַרטער, אָדער איבער זעק מעהל און פעסלעך פוּלווער וואס מען האט פערזונקען אין דער סעין, דאמיט דיא שטאָדט פאריז זאָל זיך מוזען שנעלער אונטערגעבען.

„דאס הייסט אָנגעפלוידערט !" האט פעליסי ליעב נעהאט אויסשרייען צו איהר זוהן, וועהרענד בעררו האט נעהאלטען אין אוועק געהען. „לאָזט זיך ניט פער־דרעהען דיא קעפּ ! יעדער וואָרט וואס ער זאגט איז ליעגען מיט ליעגען !"

„איך וויים שוין וואס איך דארף וויסען," האט יוזשאַן געענטפערט מיט א וויטהענדען שטויס מיט זיין ארעם אין דער לופט.

אונגעפעהר אין מיטען פון מאָנאט דעצעמבער, האט דיא פאמיליע דאמור שוין מעהר ניט נעהאט אפילו איין סו פון דעם גאנצען ערשפּאַרטען געלד.

כמעט יעדע שטונדע האט מען געהערט פון א גרויסע ניעדערלאגע אונטער דיא פרייסען אין דער פּראָווינץ, און פון א זיעגרייכען פראנצויזישען אנגריף אום צו רעטען פאריז.

דיא פאמיליע דאמור, האט זיך אנפאנגס ניט דערשראָקען פאר דער אָרימ־קייט, זייא האבען נעהאָפט, לויט דיא בעריכטע, אז רעטונג איז נאָהענט, און ארבייט וועט ווידער אמאל אנפאנגען.

פעליסי האט געמאכט וואונדער : זיא איז נעגאנגען יעדען טאָג נעהמען דאס שווארצע ברויט וואס מען האט געטהיילט צו דיא בעלאגערטע ; יעדער האט דער־פון זיך אָנגענעסען, בלויז לואיז האט דאס ניט געקענט פערדייען.

דאן איז זשאק און יוזשאַן וויא פעררוקט געוואָרען מיט ענטהוזיאזמוס פאר דער מלחמה, לויט וויא פעליסי האט שוין לאנג גערעכענט, אז עס מוז פאַ־סירען.

ארום געהענדיג לעדיג פון פריה מאָרגען ביז אבענד, און זייענדיג אוועק נער־ריסען פון זייער לאַנג־יעהריגע געוואוינהייט, האבען זייא קיין אנדערע בעשעפטיגונג געהאט, וויא צו דענקען און טראַכטען איבער דעם בלוטיגען שלאַכטפעלד און איבער דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין לאַנד.

מעהר האבען זייא שוין ניט געקענט פערבלייבען אונטהעטיג, און זייא זיינען ביידע אריין אלס מיטגליעדער פון א מארשירענדען באטאליאָן. דיעזער באטאליאָן אָבער, איז ניט ארויס פון דער פעסטונג, זאָנדערן געבליעבען אין דער קאַזאַרמע, וואו מען האט געשפּיעלט אין קארטען דורך דיא טעג און דורך דיא נעכט.

דאָרט, אין דיזער קאַזאַרמע, מיט א לעדיגען מאָגען און מיט א בעוואוסטזיין פון עלענד און דער היים, האט זיך דאמור איבערצייגט, אז דיא רעגיערונג האט בעשלאָסען צו פערניכטען דאס פאָלק.

ער האט געהערט, אז העגרי דער 5־טער, איז געוועזען אין סענט־זשערמען, און איז איינגעשלאָסען אין א הויז, וואס איז געווען ארום געריגגעלט מיט ווייסע פאָהנען, צום צייכען, אז אזוי באלד וויא ער ווערט העררשער, גיבט ער איבער גאַנץ פאַריז צו דיא פרייסען.

מעהר האט שוין דאמור ניט געקענט זיין געדולדיג. ער האט געהערט, אז דיא רעגיערונג האט בעשלאָסען, דאס אין א שעהנעם פריה־מאָרגען זאָל אנפאנגען א שרעקליכע באָמבארדע, וואס זאָל פערניכטען דאס פאָלק, דיא ארבייטער־קלאַסע, אום פלאַטץ צו מאכען דעם אדעל און דיא גלחים.

ווען דאמור און יוזשאַן פלעגען אהיים קומען, ביידע אין א פיעבערהאפטער אויפרעגונג פון רעוואָלוציאָן, האבען זייא געזעהען אויסמיידען און ניט רעדען פון הרג'ענען מענשען אין פעליסי'ס געגענוואַרט, וועלכע איז לעטצטענס געוואָרען זעהר בלאַס, און שטילשווייגענד האט זיא געוואכט איבער דער קראַנקער לואיז. דאס קינד, וויא עס שיינט, איז ווידער אמאל קראַנק געוואָרען פון דיא שלעכטע שפּייזען.

אין דערזעלבער צייט איז דיא בעלאַגערונג געווען פאָראיבער; א וואפענ־שטילשטאַנד איז געשלאָסען געוואָרען, און דיא פרייסען האבען אריין מארשירט נאָך פּאַריז.

דיא פאמיליע דאמור, אין דער גאַס פון אנגוויעדזש, האט געגעסען ווייסעס ברויט, וועלכעס פעליסי האט געבראַכט פון סענט־דעני; אָבער דאס איז געווען נאר א פרייערדיגער טאג.

יוזשאן, וועלכער איז געוועזן זעהען דיא פרייסען, האט דערצעהלט וויא אזוי דיא זיינען אריין אין שטאדט, און דאמור, דאס הערענדיג, האט ער אויפגעהויבען א גאפעל אין דער הויך, און געשריען, אז מען דארף גילאטינירען אלע גענערעלע.

וועהרענד דיא נעכסטע עטליכע טעג, ווע עס איז נאך אימער קיין ארבייט ניט געוועזן, האט דאמור בעשלאסען זיך צו זעטצען בייא זיין ארבייטס־באנק און אנפאנגען עפעס צו טהון אויף אייגענער רעכנונג; ער האט געהאט נאך פון פריהער א פאאר ניט־אויסגעפערטיגטע זאכען, און ער האט גערעכענט דיעזע פערטיג צו מאכען און זייא דאן ארויס טראגע פערקויפען.

יוזשא האט ניט געקענט בלייבען רוהיג, און נאך א שטונדע ארבייט, האט ער א שמיטץ געגעבען מיט דעם געצייג און איז אוועק.

וואס עס אנבעלאנגט בעררו'ן, איז ער שוין לאנג דארט ניט געוועזן; עס שיינט, אז ער האט אויפגעזוכט א בעסערן פ'אטץ וואו צו עסען. אבער אין א גאנץ פריה איז ער ווידער ערשיענע, זעהר שטארק אנגעזויפען מיט שנאפס, און זייא דערצעהלט דיא נעשיכטע איבער דיא קאנאנען פון גאנטמארטער. דאן האט ער זייא אבגעשילדערט, אז דאס פאלק האט ענדליך געגוי ערפאהרען איבער זיינע פעררעטהער, און יעטצט ווערען איבעראל עררינטעט באריקאדען, און דער טריומף פון דער ארבייטער־קלאסע, איז ענדליך נאהענט.

„מיין ערשיינען דא'', האט ער געזאגט צו דאמור'ן, „איז נאר, אום דיר אנ־צוצייגען, אז יעדער גוטער בירגער ווערט בענעטהיגט.''

דאמור האט פערלאזען זיין ארבייטס־באנק, טראטץ דעם וואס פעליסי'ס געזיכט האט אויסגעדריקט זארג און פיין.

עס איז דאמאלס געוועזן דער אנפאנג פון דער קאמונע אין פראנקרייך!

דיא טעג פון מערץ, אפריל און מאי, זיינען געקומען און אוועק. ווען דאמור איז געווען מיעד און זיין פרוי האט איהם געבעטען ער זאל בלייבען אין דער היים, האט ער איהר געענטפערט:

„בלייבען אין דער היים איז גאנץ גוט, אבער מיינע דרייסיג סו פער טאג וועלען פערפאלען ווערען. ווער וועט מיר געבען ברויט?''

פעליסי האט אנגעבוינען דעם קאפ און געשוויגען. זייער גאנצעס פערמעגען, אום צו קויפען שפייז, איז בעשטאנען פון דיא 30 סו פיר דאמור' און דיא 30 סו פיר יוזשאנען, וועלכע זייא האבען געקריגען טעגליך פון דער נאציאנאל־גארדע. מאנכע מאל, האט מען זייא נאך אויך געגעבען דערצו אביסעל וויין, און א שטיקעל פלייש

וואס עס אנבעלאנגט אלע איבריגע האנדלונגען, איז דאמור געווען איבער־צייגט, אז ער טהוט אלעס ריכטיג, און שיסען אויף דיא פראנצאזען פון ווערסאיל, איז בייא איהם געווען גלייך וויא ער וואלט געשאָסען אויף דיא פרייסען.

דאמור האט מיטגעקעמפפט מיט דיא קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערע, און בייא איהם איז ניט געווען דער מינדסטער צווייפעל, אז ער רעטעט דיא רעפובליק און ער העלפט פערזיכערן דיא פאָלקס־פרייהייט.

נאך דער אונגליקליכער בעלאגערונג פון דיא דייטשען, האט דאמור, וויא א פערבאָרגענער העלד, מיטגעקעמפפט אין יעדען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד, און ער איז געווען פאָלקאָמען איבערצייגט, אז ער ווירקט מיט, צו צערדריקען טיראנייא, און ערריכטען דיא וואהרע פרייהייט פון פאָלק.

וואס עס אנבלאנגט דיא טהעאָריען און לעהרען פון דער קאָמוניסטישער פארטייא, האט ער זיך קיינמאל ניט גענומען דיא מיה אזוי וויט נאכצופאָרשען און נאכקלערען. אין זיין אויגען איז דיא קאָמונע געווען דער פאָרפאָסטען פון דיא נאָלדענע צייטען, אָדער דער אנפאנג פון אלגעמיינעס גליק. ער האט געגלויבט מיט דער גרעסטער הארטנעקיגקייט, אז אירגענדוואו אין סענט־זשערמען אָדער אין ווערסאיל, געפינט זיך א קעניג פערטיג איינצופיהרען דיא אינקוויזיציאָן וויא אין דיא אלטע בלוטיגע צייטען, און זאָ שנעל וויא מען וועט איהם נאר אריין לאָזען נאך פאריז, וועט ער באלד דורכפיהרען זיין פלאן.

צו הויז, אונטער זיין פאמיליע, וואלט זשאק דאמור ניט געהרג'עט אפילו קיין פליעג, נאר ווען ער איז ערשיענען אין דיענסט־פליכט, אלס סאָלדאט און קריעגער, האט ער געציעלט אויף דיא זשאנדארען און זייא געזעהען פאלען טויט פון זיינע קוגלען, אָהנע עס זאָל איהם אממינדסטען בעקימערן.

ווען ער פלעגט אהיים קימען, שווארץ פון שוויס, רויך און פולווער, איז ער געבליעבען שטונדען־לאנג נעבען בעט פון דער קליינער לואיז, זיך צוהערענדיג וויא זיא אטהעמט. פעליסי האט שוין מעהר ניט פראָבירט איהם צוריק צו האלטען; זיא האט געוואוסט, אז איהר מיה וועט זיין אומזיסט, און זיא האט נאר גערולדיג אָבגעווארט ביז דיזע בהלה וועט פאָראיבער.

אין א טאָג אָבער, האט זיא זיך ניט געקענט צוריק האלטען און צו איהם געזאגט:

„זעה נאר וואס פאר א דומקאָפ דוא ביסט! דוא, א שוואכער און א צארטער, נעהסט אהין וואו טויט שוועבט איבער אייערע קעפ. בערג, וועלכער

איז גרויס און געזונד ווי א בער, וועלכער האט דיר פערדרעהט דיין קאפ, ער איז ניט אזוי משוגע זיך איינצושטעלען זיין לעבען. ווייסטו וואו ער איז? ער איז געווען קלוג גענוג צו געפינען א פאסטען אלס קאמיסאר."

אונטערדעסען, איז בעררו ערשיענען אין זיין אוניפארמע מיט דער גרויסער פעדער אין היטעל, און ווייטער דערצעהלט ווי אזוי מען דארף צערשמעטערן דעם דעפוטירטען־קאמער, באמבארדירען דאס מיניסטעריום און מאכען א תל פון דער גאנצער רעגיערונגס־באנדע אין ווערסאל.

"אבער וואָרום געהט ער אליין ניט אהין, אנשטאט צו שיקען אנדערע?" האט פעליסי געפרעגט איהר מאן.

דאמור האט דאן געענטפערט:

"שווייג! איך וויל ניט וויסען פון אנדערע. איך טהו מיין פליכט, און זאלען זיך שעהמען די אנדערע, וועלכע טהון עס ניט!"

אין א פריה־מארגען, אונגעפעהר צום ענדע פון מאנאט אפריל, האט מען אהיים געבראכט יוזשאנען אויף א טראג־בעטעל, אין דעם הויז פון דער אנזשערוש גאס.

דער יונגערמאן, שטעהענדיג אויף א באריקאדע, האט ער געקריגען א קוגעל גראדע אין דער ברוסט. וועהרענד מען האט איהם ארויף געטראגען, האט ער אויסגעהויכט זיין לעצטען אטהעם אויף די טרעפען.

ווען דאמור איז אהיים געקומען אבענד, האט ער געטראפען פעליסי'ן שפראכ־לאז נעבען איהר זוהן'ס טויטען קערפער.

עס איז געווען א שרעקליכער קלאפ פיר דעם אלטען דאמור. ער איז אניעדער געפאלען אויף דעם פוס־באדען, און פעליסי האט איהם געלאזען ווייגען וויפיעל ער האט געוואלט, וועהרענד זי איז געזעסען אנגעשפארט אן דער וואנט און שוין מעהר קיין טרערען געהאט אין איהרע אויגען.

די אונגליקליכע האט קיין ווארט געקענט זאגען, ווייל זי האט אויך ניט געוואוסט וואס עס איז דא צו זאגען בייא דיעזער סצענע. ווען זי וואלט גע־עפענט איהר מויל, וואלטען זיך ארויס געריסען פאלגענדע ווערטער פון איהר ברוסט:

"עס איז דיין שולד!"

אבער זי האט געשוויגען. זי האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און פער־מאכט די שראנק־טהיר גאנץ רוהיג, כדי זי זאל ניט אויפוועקען לעאוויזן. זי

אין זאַגאר צוגעגאַנגען זעהען, אויב דעם פאַטער'ס געוויין, האָט ניט אויפגעוועקט דאס קינד.

ווען דאמור האט זיך ענדליך אויפגעהויבען פון דעם פוס־באַדען, איז ער צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, נעבען וועלכען עס איז געהאַנגען יוזשאַן'ס א פאָטאָ־גראַפיע, וואו דער יונגער מענש איז געווען אָבגעמאַלען אין דער אוניפאָרמע פון דער נאַציאָנאַל־גאַרדע.

ער האט אַרונטער גענומען דאס בילד, און אויפגעשריעבען מיט א פעדער אויף דער אַנדערער זייט, דיעזע ווערטער:

„איך וועל מיך נוקם זיין פאַר דיר!"

דאַן האט ער צוגעשריעבען דעם דאַטום און זיך אויך געחתמ'עט.

דאס האט אביסעל פערלייכטערט זיין שמערץ.

אויף'ן אַנדערן טאָג, איז צוגעפאָהרען א טויטען־וואָגען, בעשטעקט מיט רויטע פאָהנען, און אוועק געפיהרט דעם קערפּער נאך פּער־לאַשעז, בעגלייטעט פון א גרויסער מענגע מענשען.

דער פאַטער איז נאָכגעגאַנגען מיט'ן הוילען קאָפּ; דער אנבליק פון די רויטע פאָהנען, וואס האט פעראורזאַכט דער שוואַרצער טויטען־וואָגען זאָל אויס־זעהען נאך דונקלער, האט אָנגעפיללט דאמור'ס האַרץ מיט ווילדע גע־דאַנקען.

פעליסי איז געבליעבען אין דער היים מיט דער קליינער לואיז, אין דער גאס פון אַנוויערזש.

נאך אין דעמזעלבען אבענד, האט דאמור צוריק געקעהרט צו די באַריקאַ־דען, אום צו הרג'ענען זשאַנדאַרען.

ענדליך איז געקומען דער מאַנאַט מאַי. די אַרמעע פון ווערסאַיל, איז אריין נאך פּאַריז. דאמור איז ניט אהיים געקומען גאַנצע צוויא טעג, זאָנדערן זיך צוריק געצויגען מיט זיין באַטאַליאָן, פערטהיידיגענדיג די באַריקאַדען אין מיטען פון דער גרויסער שרפה. ער האט שוין מעהר ניט געוואוסט וואס ער טהוט, זאָנדערן גע־האַלטען אין איין שיסען וואו ער האט געזעהען רויך.

אין דעם מאָרגען פון דעם דריטען טאָג, איז ער וויעדער ערשיענען אין דער גאס פון אַנוויערזש; זיינע קליידער זיינען נאָכגעהאַנגען וויא צעררּיסענע שמאַטעס, און ער האט זיך געשאָקעלט וויא א שיכור.

פעליסי האט איהם אריין גענומען אין הויז, איבערגעקליידעט און אָבגעוואַשען זיינע הענד מיט א נאַסען האַנד־טוך. פּלוצלינג איז ערשיענען א שכן'ס פרוי און

אַנגעצייגט. אז דיא קאָמוניסטען האבען נאך דעם קאמפף ניט ארױפגעגעבען, און זייא האלטען זיך פעסט אין פער־לאשעז, און דיא װערסאילער קענען זייא פון דאָרט ניט ריהרען.

„איך געה אהין,״ האט דאמור בעמערקט גאנץ איינפאך.

ער האט זיך װיעדער אָנגעצוינען און גענומען זיין ביקס. אָבער דיא לעטצטע פערטהיידינער פון דער קאָמונע, זיינען שוין מעהר ניט געװען אויף פער־לאשעז, װאו יוזשאן האט געשלאָפען.

דאמור האט געהאָפט, דערהרג׳עט צו װערען אויף זיין זוהן׳ס קבר, אָבער ער איז שוין געװען צו שװאך און ערמיעדעט און מעהר ניט געקענט אהין אזוי שנעל גרייכען.

קאנאָנען־קוילען זיינען געקומען פון אלע זייטען און אָבגעבראָכען זייטען און עקען פון דיא גרויסע מצבות; צװישען דיא בוימער און דיא מארמאָרנע מצבות, זיינען נאך געװען בעהאלטען איינינע פון דער נאציאָנאל־גארדע, װאס האבען ניט אויפגעהערט צו שיסען, און זייערע רויטע הויזען האבען דייטליך אָנגעצייגט דעם פּלאַטץ װאו זייא געפינען זיך.

דאמור איז אָנגעקומען אקוראט צו דער ריכטיגער צייט מען זאָל איהם כאפּען אלס געפאנגענער.

זיעבען־און־דרייסיג פון זיינע קאמעראדען, װעלכע מען האט אויך געכאפּט, האט מען אויף׳ן פּלאַטץ ערשאָסען. עס איז נאָר געװען א װאונדער, װאס מען האט דאמאלס מיט איהם אויך ניט געטהאָן דאסזעלבע.

אזוי װיא זיין פרוי האט איהם אָבגעװאשען דיא הענד און ער האט נאך ניט געהאט געשאָסען, האבען זייא װאהרשיינליך דערפאר איהם געצייגט גנאדע.

װאס עס האט מיט איהם װייטער פּאסירט, האט ער אין זיין פערװירונג און מיעדקייט ניט געקענט װיסען און זיך אויך ניט ערױאינערט. דאן האט ער זיך געזעהען אין א געפענגניס, פון דאָרט האט מען איהם געפיהרט פון איין פּלאַטץ צום צװייטען. דאס בעסטע װאס ער האט זיך געקענט דערמאָהנען, איז געװען, דאס מען האט איהם געבראכט אלס געפאנגענער נאך װערסאיל.

פעליסי איז איהם געקומען זעהען; זיא איז נאך אימער געװען בלאס און קאלטבלוטיג. װען זיא האט איהם מיטגעטהיילט, אז לואיזן געהט עס בעסער, זיינען זייא ביידע געבליעבען שטיל, און ניט געװאוסט װאס זייא קענען װייטער רעדען.

איידער זיא איז אװעק געגאנגען, האט זיא פּראָבירט איהם צו ערטרייסטען

און איהם דערצעהלט, אז זיין פּראָצעס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו א גוטען אדוואָקאט, וועלכער וועט איהם בעפרייען.

ער האט דאן געפרעגט:

„און וואס איז מיט בערר'ן?"

„אך," האט זיא געענטפערט, „בעררו'ן וועט גאר ניט שאדען. ער האט גע־מאכט א ויברת, נאך איידער דיא טרופען זיינען אריין; האב קיין מורא ניט, קיינער וועט איהם מעהר ניט טשעפּען."

מיט א מאָנאט שפּעטער, איז זשאק אוועק געשיקט געוואָרען אין גלות, נאך נייא־קאַלעדאָניען.

אזוי וויא ער איז ניט געווען קיין שום מיליטערישער בעאמטער און זיין נאמען איז ניט געווען פערשריעבען, וואָלטען איהם דיא ריכטער פּאָזיטיוו בעפרייעט, נאָר ער אליין האט אויף אַלעמען מודה געווען. ער האט נאך דערצעהלט, מיט לעב־האפטע פארבען, וואס פאר איין אנטהייל ער האט גענומען אונטער דיא קאָ־מוניסטען.

בייא דער לעטצטער צוזאַמענקונפט מיט פעליסי'ן, האט ער צו איהר געזאגט:

„ווארט אויף מיר מיט'ן קינד."

דיעזע פּאאר ווערטער, וואס זשאק דאמאל האט געזאגט צו זיין פרוי, האבען געקלונגען אין זיינע אויערן זעהר לאנג. ווען ער פלעגט זיטצען, פערווירט, פער־טרויערט און פערזונקען אין גערדאנקען, האט ער זיך דערמאָהנט איבער דיעזע ווערטער.

דאן האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום וייטען מעער, און וועהמיטהיג געזיפצט.

דאָרט, וויט אוועק, מעבר לים, האט זשאק נאך אימער געהאט א פונק האָפנונג, אז ער מוז און וועט בעפרייעט ווערען.

וויא אזוי? אויף וועלכער ארט? דאס האט ער אליין ניט געוואוסט. אין זיין גרעסטען טרויער און פערצווייפלונג, האט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז ער שפּאַ־צירט ארום אויף דיא וועלען פון ים, און געהט אהין, וואו ער האט פערשפּראָכען צוריק צו קעהרען.

2.

אין נומעא, האט דאמור זיך זעהר גוט אויפגעפיהרט.

ער איז ניט געוועזן קיין געפאנגענער אין א געפענגניס, בלויז פערטריעבען אין גלות. ער האט געפונען ארבייט און זיך בעשעפטיגט. דאן האט מען איהם אויך געגעבען האפנונג פיר זיין בעפרייאונג דורך בעגנאדיגונג.

ושאק איז געוועזן זעהר א גוטמיטהיגער מענש, און ער האט ליעב געהאט זיך צו שפיעלען מיט קליינע קינדער.

ער האט ניט ליעב געהאט זיך צו בעשעפטיגען מיט פאליטיק, און ער האט אויסגעמיעדען דיא געזעלשאפט פון דיא אנדערע פערשיקטע; ער האט געלעבט פיר זיך אליין.

דעם איינציגען פעהלער וואס ער האט געהאט, איז געוועזן וואס ער האט ליעב געהאט צייטענווייז זיך אנצושיכור'ן. אבער זאגאר דאן, האט ער אויך זיין גוטמיטהיגקייט ניט פערלוירען, זאנדערן ער האט געוויינט און געקלאגט און איז אליין געגאנגען צו בעט אום זיך אויסצוניכטערן.

דיעזע גוטע אויפפיהרונג, האט געזיכערט זיין בעגנאדיגונג. נאטירליך האט דאס ניט געקענט קומען אזוי שנעל, אבער מען האט עס ערווארטעט. וויא ערשטוינט זיינען אבער געווארען דיא בעאמטע, ווען מען האט ערפאהרען אין א טאג, אז ער איז פערשוואונדען געווארען צוזאמען מיט נאך 4 אנדערע פערשיקטע.

אין דיא ערשטע צוויא יאהר, האט דאמור געקריעגען עטליכע בריעף פון זיין פרוי; אנפאנגס זיינען דיא בריעף געקומען זעהר רעגעלמעסיג, אבער דאן זעלטענער. ער אליין, האט זעהר אפט געשריעבען בריעף. דאן זיינען פאראיבער גאנצע דרייא יאהר, אהנע ער זאל עפעס הערען פון פעליסי'ן.

דאס האט איהם זעהר בעאונרוהיגט און ער איז געוועזן פערצווייפעלט. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער וועט מוזען ווארטען נאך צוויא יאהר אויף זיין בעגנאדיגונג, און ביז אהין, ווער וויים וואס עס קען געשעהען.

אין א מאמענט פון גרויסער אויפרעגונג, האט ער אלעס ריזיקירט, אויף וועלכען א מענש קען באלד חרטה האבען דעם צווייטען טאג.

מיט א וואך שפעטער, נאך ושאק דאמור'ס פערשווינדונג, האט מען געפונען דאס צערשמעטערטע שיפעל, מיט דיא נאקעטע קערפערס פון דרייא מענשען.

שוין האלב פערפוילט ; עדות האבען געשוואוירען, אז זייא האבען דערקענט אונטער דיא דרייא, זשאק דאמור.

נאך א קורצע אונטערזוכונג, איז ארויס געגעבען געוואָרען א בעריכט און אוועק געשיקט צו זיין אלמנה, וועלכע האט פערלאנגט א טויטען־שיין פון דער רעגיערונג.

דיא גאנצע פרעסע האט דאן געקלונגען מיט דעם ענטלויפען פון דיא פערשיקטע, און דער דראמאטישער בעריכט איבער זייער טראגישען סוף, איז פובליצירט געוואָרען אין אלע צייטונגען.

טראָטץ דעם אלעמען אָבער, האט נאך זשאק דאמור געלעבט. דיא עדות האבען געהאט א טעות, און גערעכענט איינעם פון זיינע קאמעראדען פאר איהם.

דאמור און דער פיערטער ענטלאָפענער, וועלכע זיינען געבליעבען לעבען וויא דורך א וואונדער, האבען זיך גערעטעט, און גענומען אבשיעד איינער פון צווייטען, ווען זייא האבען בעטרעטען ענגלישען באָדען ; זייט דאמאלס האט שוין איינער דעם צווייטען ניט געזעהען. עס איז קיין צווייפעל, אז דער אנדערער איז געשטאָרבען פון געלען־פיעבער, פון וועלכען זשאק דאמור האט אויך שיער פערלוירען זיין לעבען.

זיין ערשטער געדאנק, ווען ער איז געזונד געוואָרען, איז געוועזען מיטצוטהיילען פעליסי׳ן דורך א בריעף, אז ער לעבט, אָבער ער האט געקריעגען א צייטונג, וואו ער האט געלעזען א בעריכט איבער זיין ענטלויפען און טויט.

פון דאמאלס אָן, האט ער גערעכענט, אז א בריעף וועט זיין איין אונפאָרזיכטיגער שריט ; ער וועט פיעללייכט אריין פאלען אין שלעכטע הענד און אלעס וועט ענטדעקט ווערען.

„וואָלט עס פיעללייכט ניט בעסער געוועזען צו בלייבען טויט פאר דער גאנצער וועלט ?״ האט זיך דאמור געטראכט.

„יא, אזוי בלייבט עס,״ האט ער דאן בעשלאָסען. „אונטער דיעזע אומשטענדען, וועל איך קענען צוריק קעהרען נאך פראנקרייך, און איך וועל קענען געדולדיג ווארטען פיר דער אלגעמיינער בעגנאדיגונג פון דיא קאָמוניסטען, וועלכע מוז פריהער אָדער שפעטער דאך קומען.״

עס איז געוועזען צו יענער צייט, ווען ער איז קראנק געוואָרען אויף געלעם פיעבער, און ער איז אָבגעלעגען היבשע עטליכע וואָכען צו בעט. ווען ער האט זיך אנגעפאנגען צו ערהאָלען, האט איין אונגעהייערע און אונבעשרייבבארע פוילקייט

בעוואָדשט זיין גאַנצען קערפּער. דאָס פיעבער, וויא עס שיינט, האָט פון איהם בערויבט אַלע זיינע געוועזענע שטרעבונגען און האָפנונגען.

ער האָט שוין מעהר ניט געביינקט, און זיך אַלץ געפרעגט:

„וואָס זאָל איך ביינקען? און וואָס וועט זיין?"

די בילדער און עראינערונגען נאָך פעליסי'ן און לואיז'ן, זיינען פערשוואונדען פון זיינע געדאַנקען.

ער פלעגט זייא צייטענווייז זעהען אין זיין פאַנטאַזיע, אָבער עס איז געווען וויא דורך א וואָלקען; מאַנכע מאָל האָט ער זיך זאָגאַר ניט געגלויבט, אויב ער וואָלט זייא נאָך דערקענט.

ווען ער האָט זיך ענדליך ערהאָלט און איז ווידער פאָלקאָמען געזונד געוואָרען, איז ביי איהם ענטשטאַנדען א גאַנץ נייער פּלאַן. צוריק פאָהרען צו זיין פרוי און טאָכטער, קען ניט שלעכט זיין, אָבער איידער ער וועט דאָס טהון, מוז ער ווערען א רייכער מאַן.

„ווירקליך," האָט ער זיך געטראַכט, „וואָס קען שוין אַזעלכער וויא איך טהון אין פּאַריז? איך וועל מוזען אויסגעהען פאַר הונגער, אָדער זיך נעהמען נאָך אַמאָל צו מיין ארבייטס־באַנק, און ווער ווייס אויב איך וועל קענען געפינען ארבייט! און ווען־יא, האָב איך שוין אויך קיין כח ניט דערצו."

דאַן האָט ער געהערט, אַז אין אַמעריקאַ קען מען גליקליך ווערען, און ער וועט קענען, אין עטליכע מאָנאַט צייט, ערשפּאַרען אייניגע הונדערט טויזענד פראַנקס — דאָס איז איבערהויפּט ניט געוועזען פיעל, לויט וויא ער האָט געהערט איבער די אונגעהייערע שווערע מיליאָנען וואָס מען פערדיענט אין אַמעריקאַ.

מען האָט איהם דערצעהלט איבער גאָלד־מיינען, וואו דער מינדעסטער ארבייטער דאָרט, פאָהרט איז זיין אייגענער דראָשקע מיט פערד נאָך א בעשעפטיגונג פון זעקס מאָנאַט.

ער האָט זאָפאָרט אָנגעפאַנגען אויסצושטעלען א פּלאַן פיר זיין לעבען אין דער צוקונפט: ער האָט בעשלאָסען, פאַר אַלעמען, רייך צו ווערען, דאַן צוריק קעהרען נאָך פראַנקרייך מיט ווענינגסטענס הונדערט טויזענד פראַנקס, קויפען א הויז אין ווינסאָן, און דאָרט לעבען פון די איינקינפטע וואָס וועלען איהם ברענגען דרייא אָדער פיער טויזענד פראַנקס א יאָהר.

„אַך!" האָט ער אויסגערופען אין דער בעגייסטערונג פון זיין אידעע, „וויא מיין פעליסי און לואיז וועלען גליקליך זיין! וויא די פערגאַנגענהייט, די טרויעריגע פערגאַנגענהייט וועט זיין פערגעסען! מיר וועלען אַלע לעבען פיר זיך

אליין, צוריק געצוואונגען, און גליקליך. פאליטיק! צום טייפעל מיט דער פאליטיק! זאלען זיך אנדערע שלאגען דיא קעפּ דאריבער! עס איז שוין צייט איך זאל רוהען און גליקליך זיין!"

מיט א מאנאט שפּעטער, איז דאמור געוועזען אין אמעריקא.

דאן האט אנגעפאנגען א טהעטיגעס און א רוהיגעס לעבען. ער איז אריין געפאלען אין א ים פון א וויטהענדער אויפרעגונג, וואס איז געוועזען אי געוועהנליך אי אויסער געוועהנליך.

דאמור האט בעקאנטשאפט געשלאסען מיט פערשיעדענע פערזאנען און זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דער אויפגאבע פון ערשפארען א פער־מעגען.

דרייא מאל האט ער גערעכענט, אז ער האט שוין הונדערט טויזענד פראנקס, אז זיין ציעל איז ערגרייכט און זיין אויפגאבע אין אמעריקא איז צו ענדע, אבער יעדעס מאל, האט זיך דאס פערמעגען ארויס געגליטשט פון זיינע הענד, וויא א גליטשעדיגער פיש; ער האט געטראפען איבעראל קליגערע מענשען אלס ער, מען האט איהם בעשווינדעלט, און ער איז רואינירט געווארען בייא זיין לעטצטער אונ־טערנעהמונג.

אין אלגעמיינעם, האט ער זעהר פיעל געליטען, געארבייט וויא איין עזעל, און דער סוף איז געוועזען, דאס ער איז געבליעבען אהן א העמד.

נאכדעם וויא ער האט געררייזט פון וואנען אלע פיער ווינטען האבען געבלאזען, האט ער זיך ענדליך געזעהען געלאנדעט אין ענגלאנד, שוואך, פערביטערט און ארעם. פון דארט האט ער אבגערייזט נאך בריסטעל און איז אנגעקומען אסוראט אויף דער גרענעץ פון פראנקרייך.

דאמור איז אבער געוועזען אזוי ענטמוטהיגט און אזוי בעטריעבט איבער זיין טרויעריגעם שיקזאל, דאס יעדער געדאנק, צו בעזוכען זיין פאטערלאנד, איז פון איהם פערשוואונדען.

אנקומענדיג פון אמעריקא, האט ער באלד געשריעבען א בריעף צו פעליסי'ן. ער האט קיין ענטפער געקריעגען. דאן האט ער געשריעבען נאך א בריעף און נאך א בריעף און ער האט אימער קיין ענטפער ערהאלטען.

דאס האט איהם זעהר בעאונרוהיגט, און נאכדעם וויא ער האט פיעל נאכגעדענקט, איז ער געקומען צו פאלגענדען בעשלוס:

פאלגענדער מיינע בריעף זיינען איבערגענומען געווארען פון דער רעגירונג.

אָדער מיין ווייב איז טויט, און עס איז מעגליך, אז זיא האט פערלאָזען פראנקרייך."

אין דיעזען צושטאנד איז פּאַראיבער נאך א יאָהר, און ער האט ענדליך געפאסט פּאָלגענדען בעשלוס.

אום זיך ניט צו פערראטהען, האט ער אנפאנגס געשריעבען זיינע בריעף צו פעליסי'ן, אונטער איין אנדערן נאמען, איהר דערמאָהנענדיג פון א פאנטאסטישע אונטערנעהמונג, און ער האט גערעכענט, אז זיא וועט געוויס דערקענען זיין האנד־שריפט און אויך פערשטעהען זיין מיינונג. דאס וואס ער האט קיין ענטפער ער־האלטען, האט איינגעשלעפערט אלע זיינע עראינערונגען און דיא אלטע גלייכגילטיג־קייט האט צוריק גענומען.

„איך בין טויט," האט ער זיך מעהרערע מאל געטראכט; „איך האב קיינעם ניט אין דער וועלט וואס איך זאָל קענען רופען מיינע, און וואס קימערט מיך אלעס ?"

ביינאַהע א יאָהר האט ער געארבייט אונטער דער ערד אין א קוילען־מיענע, און ער האט, במעט וועהרענד דיא גאנצע צייט, ניט געזעהען פאר זיך דיא ליכטיגע זונן. ער האט בייא זיך אליין אויסגעזעהען וויא טויט, וויא אזעלכער, וועלכער עקזיסטירט ניט מעהר.

אין איין אבענד, אריין געהענדיג אין קרעטשמע, האט ער געהערט א מאן דערצעהלען, אז דער דעפּוטירטען־קאמער האט אָבגעשטימט, דאס דיא בעטהייליגטע אין דער קאָמונע זאָלען בעגנאדיגט ווערען און יעדער מעג צוריק קעהרען אהיים גאנץ אונגעשטערט.

דיעזע מיטטהיילונג, האט איהם אויפגעוואכט וויא פון א שווערען און לאנגען חלום. יעדער וואָרט, האט געריהרט זיינע געפיהלע וויא מיט עלעקטריציטעט; ער האט געשפירט, אז דיא צייט איז געקומען ער זאָל פערלאָזען בעלגיען, און צוריק קעהרען אהין וואו ער האט געלעבט אזוי פיעלע יאָהרען אין בעטראכט דעם פּלאַטץ אלס זיין היימאטה.

אנפאנגס איז דאס נאָר געווען בלויז א נאטירליכער טריעב, אָבער וויא זיינע געדאנקען האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט ער אויך געזעהען, אז דאס איז דער איינציגער תכלית פון זיין לעבען.

„וואס וועל איך דאָ טהון ?" האט ער זיך געטראכט. „איך בין אלט און שוואך, און וואס וועט ווערען פון מיר ? א מענש קען דאך ניט פערבלייבען עלענד ביז אין טויט אריין ?"

עס האט ניט פיעל געדויערט, און ער האט געקויפט א באַהנבילעט נאַך פאריז.

זיטצענדיג אין דעם וואגאָן, איז זיין פערגאנגענהייט ווידער ערשיענען. ער האט זיך עראינערט אן דיא אונגעהייערע צרות וואס ער האט אויסגעשטאנען, אָבער ער האט אויך געדענקט דיא שעהנע און ליעבע פעליסי, איהר איבערגעבענהייט, איהר טרייהייט און צערטליכקייט. דאן האט ער זיך דערמאָהנט אן לואיז'ן, זיין קינד. ער האט זיא געזעהען בלאס און צארט, מיט דעם טרויעריגען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, און דיא פאָלקאָמענע עראינערונג אן דעם קינד האט צוריק געקעהרט, זאָ דאס ער האט זיך זאָגאר דערמאָהנט אן דעם טאָן פון איהר שטימע, ווען זיא האט איהם גערופען: „פאפא! פאפא!“

„מיין פרוי! מיין קינד!“ האט ער געמורמעלט צו זיך אליין און דיא טרערען זיינען געקומען אין זיינע אויגען.

ער האט געפאסט איין אייזערנעם ענטשלוס, ניט צו רוהען ביז ער וועט אויפ־זוכען זיין פרוי און קינד.

„אָבער פיעללייכט זיינען זייא טויט?“ האט ער זיך ווייטער געטראכט. „דאן מוז איך דאס אויך וויסען. איך וויל וויסען דיא גאַנצע וואהרהייט איבער זייא! אלעס מוז איך וויסען!“

אָבער דיעזער געדאנק איז פון איהם באלד פערשוואונדען, נאכדעם וויא ער האט זיך דערמאָהנט, אז ער איז פרייא. דיא האָפנונג, מיט גאָלדענע פליעגלען, האט פאר איהם אויפגעבויעט גליקליכע פאנטאזיען, און ער האט געשפירט יוגענד־קראפט צוריק קעהרען אין זיינע גליעדער, מיט איין אייזערנעם ענטשלוס צו ארבייטען און פערדיענען פיר זיין פאמיליע, און גליקליך זיין אונטער דיא אומ־שטענדען.

דאן האט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז עס קען אנדערש ניט זיין, נאָר אז פעליסי מיט לואיז'ן לעבען נאך אימער אין דער גאס פון אגוויערזש, און אָבוואָהל אָרעם און עלענד, זיטצט זיא נאך אימער דאָרט און ערוואַרטעט זיין צוריק קעהרען.

ער האט זיך פאָרגעשטעלט וויא ערשטוינט זיא וועט זיין, ווען זיא וועט איהם ערבליקען, אָבער, נאטירליך, עס וועט ניט פיעל דויערן, און ער וועט דאן אלעס ערקלערן. נאכדעם וועט ער ארויף געהען צו דער פאָליציא, זייא איבערגעבען זיין נאמען, און זיין לעבען וועט ווידער פאָרטגעזעטצט ווערען וואו עס איז אונטער־בראָכען געוואָרען מיט אזוי פיעלע יאָהרען צוריק.

ענדליך איז דיא באהן אָנגעקומען צו דער סטאציאָן פון דער „גאַר דע נאָרד־ אין פאריז. איין אונגעהייערע גרויסע מאסע מענשען איז דאָרט געשטאנען, און, וויא עס שיינט, ערווארטעט מען דעם צוג. דיא לופט איז אָנגעפיללט געוואָרען מיט אפלאָדיסמענטען און פריידענס־געשרייען, זאָ שנעל וויא דיא רייזענדע זיינען ער־ שיענען. א ווילדער ענטהוזיאזמוס האט געהערשט איבעראל, האנד־טיכלעך האבען געפלאטערט פון דער לופט, און דיא מיילער פון דיא ערווארטענדע, האבען אויס־ געשריען עפעס א נאמען.

דאַמור האט זיך אנפאנגס אביסעל דערשראָקען, ער האט ניט פערשטאנען וואס דאס אלעס בעדייטעט; ער האט געמיינט, אז דיעזע גאנצע מענגע מענשען איז ערשיענען אום פון איהם צו שפּאָטען און חוזק מאכען, וועהרענד ער וועט ארונטער שטייגען.

עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט, און ער האט באלד דערקענט דעם נאמען וואס מען האט אויסגערופען. דער נאמען האט בעלאנגט צו א בעריהמטען רעוואָלוציאָנער פון דער קאָמונע, וועלכער איז אויך אָנגעקומען מיט דעמזעלבען צוג. דאס פאָלק, וועלכעס האט איהם אמאל פערנעטערט פאר זיין מוטה, איז יעטצט ערשיענען איהם צו בעגריסען.

דאַמור האט געזעהען דעם רעוואָלוציאָנער אויסשטייגען ער האט איהם גאנץ גוט דערקענט, און ער האט זיך געמערקט, אז ער איז פיעל דיקער געוואָרען וויא ער איז אמאל געוועזן. זיינע אויגען זיינען געוועזן נאס פון טרערען, זיינע ליפּען האבען געשמייכעלט, און ער האט אויסגעזעהען שטארק געריהרט פון דעם עמפפאנג.

ווען דער העלד פון דער קאָמונע האט זיך אריין געזעטצט אין א דראָשקע, האט דאס פאָלק אָנגעפאנגען צו רעדען דאריבער, אז מען זאָל אויסשפּאנען דאס פערד, און זייא זאָלען איהם אליין אריין שלעפּען אין שטאָדט אריין מיט דער דראָשקע מיט אלעמען.

מענשען זיינען צעדריקט געוואָרען, און דיא גרויסע מענער, וועלכע האבען אויסגעזעהען וויא א ים פון קעפּ, האבען זיך געדרענגט נאָך דער לאפאיעט שטראסע, און מען האט נאָך געקענט זעהען פון ווייטען דיא דראָשקע מיט דעם טריומף־צוג.

דער ארמער דאַמור איז אויך מיטגעצויגען געוואָרען מיט דער גרויסער מאסע, און עס האט איהם גענומען פיעל ארבייט ביז ער האט זיך געקענט בעפרייען און ארויף אויף דיא פרייע בולעווארדען.

דיא מענשליכע נאַטור איז א מערקווירדיגע. אתגעאַכטעט דארויף, וואס ער האט שוין געהאט איינינע מאל בעשלאָסען מעהר קיין אנטהייל צו נעהמען אין פּאָ־ליטיק און זיך געמאַכט פּאָרווירפע, ווארום ער האט נאר צו טהון געהאט מיט דער קאָמונע, האט עס איהם שרעקליך פערדראָסען, זעהענדיג וויא מען טהיילט איין מענשען צו אזוי פיעל עהרע.

„פון מיר וויים קיינער ניט,“ האט ער זיך געטראַכט. „מיט מיר אינטערעסירט זיך קיין מענש. ניט נאָר וואס איך בין פאַר זייא טויט, זאָנדערן, איך האב פאַר זייא נאר קיינמאל ניט געלעבט. און דאָך, האב איך גראַדע אזוי פיעל געאַרבייט אין דער קאָמונע, וויא יענער דיקער הערר דאָרט! און פיעללייכט נאָך מעהר: איך האב געהאט איין זוהן, דיזען האָך איך מקריב געווען פאַר א קרבן אויף׳ן מזבח פון דער קאָמונע; מיין קינד, מיין איינציגע טאָכטער, איז פיעללייכט טויט, גע־שטאָרבען אויס מאַנגעל און נויט, און דאסזעלבע האט אויך געקענט פּאַסירען מיט מיין פיעל־געליעבטער פעליסי. היינט איך אליין, האב געליטען דיא שרעקליכסטע יסורים — און יענער הערר, וועלכער ווערט אזוי פערגעטערט, האט געלעבט וועהרענד דער גאַנצער צייט אין אויסלאַנד, אויף דיא הוצאות פון זיינע אנהענגער, און ער האט געקריגען א דיקען בויך.“

דאַטור איז אָנגעפיללט געוואָרען מיט ביטערניש, און דיא רייהע ליידען פון ווערסאַיל, דיא ים־רייזע אין נומעא, איז וויעדער ערשיענען אין זיין ערינערונג.

נעהענדיג ווייטער איבער דיא בולעוואַרדען, האט זיין וויכהערציגקייט צוריק געקעהרט. האט פּלוצלינג אלעס פערגעסען, און איהם האט עס אויסגעזעהען, אז ער האלט יעטצט אין צוריק קעהרען אהיים פון דער ארבייט, און ער געהט אין דער גאַס פון אַנוויערזש וואו זיינע ליעבלינגע ערוואַרטען איהם.

דיא צעהן יאָהר פון זיין לעבען, וואס ער האט לעטצטענס פערבראַכט אין דער גרויסער און ברייטער וועלט, האבען בייא איהם אויסגעזעהען ניט מעהר וויא עפּעס א לאַנגער שפּאַציר. ער האט אונטערדעסען געשטוינט, וויא גלייכגילטיג דאס אלעס איז בייא איהם און וויא ער האט אזוי שנעל געקענט זיך מאַכען פער־געסענדיג.

דיא בולעוואַרדען, וויא איהם האט אויסגעזעהען, זיינען אויף מאַנכע פּלעטצער, ברייטער געוואָרען. ער האט זיך אָבגעשטעלט און געלעזען עטליכע שילדען פון פירמען און געשעפטס־היזער, און ער האט פיעלע דערקענט, אז זייא זיינען דיעזעלבע און אויף דעמזעלבען פּלאַטץ וויא פריהער.

עס איז נים נאָר געווען דיא גרויסע פרייד וואס ער קען ווידער בעטרעטען ריזען פּלאַטץ וואו ער האט פערבראַכט אזוי פיעלע יאהרען פון זיין לעבען, זאַנדערן, ער האט געשפּירט איין אונגעהייערעס צערטליכעס געפיהל אויפשטייגענדיג אין זיין ברוסט און זיינע אויגען האבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען פון דאַנקבאַר־קייט.

זיין אויפרעגונג האט יעדעס מאל מעהר געשטיגען וויא ער האט זיך גע־האלטען אין דערנעהנטערן צו דער גאַס פון אנוויערזש.

ער האט זיך פּלוצלינג אָנגעפאַנגען צו שפּירען שוואַך, און ער האט געוואָלט בלייבען שטעהען אום נים ווייטער צו געהען.

עפּעס האט איהם געזאגט זיין הערץ, אז איהם ערוואַרטעט א גרויסעס אונגליק.

צו וועלכען צוועק איז ער צוריק געקומען? ווער האט איהם גערופען? ווער ערוואַרטעט איהם? וואס וועט ער טהון? צו וואס ניטצט ער?

דיזע אַלע פראַגען האבען זיך געדרעננט אין זיין ארמען אויפגערעגטען קאָפּ, און אנשטאט פרייד, איז ער אָנגעפילט געוואָרען מיט טרויער.

ענדליך האט ער געגרייכט דאס הויז וואו ער האט געוואָהנט. ער האט אַלעס דערקענט.

גלאַט אזוי אריין געהען, האט ער נים געקענט. ער האט אָנגעפאַנגען זיך ארום צו דרעהען עטליכע מאל, אָהנע צו וויסען צו וועלכען צוועק ער טהוט עס.

געגענאיבער דער שטראַסע, וואו דער האָלץ־הענדלער האט געהאלטען זיין געשעפט, איז שוין געווען איין אַנדערע האנדלונג; דאָרט איז איינגעריכטעט געוואָרען א פרוכט־געשעפט. אויף דער טהיר איז געשטאנען א מיטעליעהריגע שטאַרקע פרוי, זעהר הייזמיש, און האט זיך אויף איהם גאר נים אומגעקוקט. ער האט נים געוואָלט צו צוגעהען און איהר שטעלען דיא פראַגע וואס ער האט געהאט אויף זיינע ליפּען.

ער האט איינינע מינוטען נאכגעדענקט, און בעשלאָסען ארויף צו געהען אין הויז, און אָנפרעגען דירעקט ביים פערוואַלטער פון הויז.

מיט ציטערענדע פיס און א קלאַפּענדעס האַרץ, איז ער ארויף דיא טרעפּען. ער האט אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר, א פרוי האט געעפענט. דאַמור האט זיא נים געקענט.

„איך זוך מאַדאַם דאַמור,“ האט ער געמורמעלט שטאַמלענדיג

„איך ווייס ניט וועך דאס איז," האט ער געהערט איין ענטפער. „מיר האבען נאר דא ניט אזא נאמען."

ער איז געבליעבען שטעהען שטיל. דאן האט ער ערבליקט פאר זיך, אנשטאט דיא אלטע און צארטע הויזפערוואלטערין, זעהר א דיקע פרוי. ער האט ווייטער געשטאמעלט:

„מאדאם דאמור האט דא געוואהנט צוריק מיט 10 יאהר."

„צוריק מיט צעהן יאהר?" האט זיא געענטפערט, „זעהר גוט, כלעבען; זייט דאמאלס האבען שוין א סך וואסערן דורכגעפלאסען! איך ווייס ניט וועמען איהר זוכט, איבערהויפט בין איך ערשט דא, זייט לעטצטען מאנאט יאנואר."

„האט פיעללייכט מאדאם דאמור דא צוריק געלאזען איהר אדרעסע?"

„ניין, אזא נאמען איז מיר גאנץ פרעמד."

זשאק איז געוועזען זעהר נייגיעריג נאך צו פרעגען, און ווען מעגליך, דאך עפעס ערפאהרען. דיא דיקע פרוי איז זעהר בעז געווארען און איהם געהייסען ער זאל געהען זיין וועג, ווייל באלד וועט זיא רופען איהר מאן.

„עס איז גענוג, גענוג!" האט זיא געשריען. „דאס אלעס איז איין אנשטעל. ווער מיר מאדאם דאמור, וואס מיר מאדאם דאמור! דאס איז א נאמען פון א ביבעל, אבער ניט פון קיין לעבעדיגער פערזאן. איך קען שוין גוט דיא אויס־ריידען... עס קומען נאך אנדערע וויא איהר, אום דא אויסצוקוקען דאס הויז און קענען נאכהער מאכען עפעס א גנבה'לע... געהט זיך געזונדערהייט."

דאמור איז רויט געווארען פאר שאנדע. ער האט נאך עפעס געמורמעלט וואס ער האט אליין ניט געוואוסט, אבער ער איז מעהר דארט ניט פערבליעבען און איז ארויס.

ער האט בעטראכט זיינע צעררויסענע און אלטע קליידער, און זיך גע־טראכט:

„ניט גענוג וואס איך בין ארעם, מיינט מען נאך, אז איך בין א גנב."

ארויס קומענדיג אויף'ן טראטואר, איז ער געבליעבען שטעהען צעגערענד, דאן איז ער אוועק געגאנגען. אבער ער איז באלד צוריק געקומען; ער האט ניט געקענט אזוי שנעל פערלאזען דעם פלאטץ.

ערביטערונג און פערצווייפלונג האבען אנגעפיללט זיין ברוסט. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען מיט א טרויעריגען בליק צו דיא פענסטער, געקוקט אין אלע זייטען, און פראבירט צו פאסען מוטה.

„סיין נאָם! סיין נאָם!" האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין. „וואָס האָב איך געזינדיגט! ווארום קומט מיר אזוי צו ליידען?"

א געפיהל פון שאנדע און צאָרן האָט איהם אָנגעפילט, און ער האָט געציטערט פאר דער אידעע, פיעללייכט וועט מען איהם דערקענען.

שפאצירענדיג ווידער אמאל ארונטער די שטראסע, האָט ער בעגעגענט איינינע געזיכטער, וועלכע ער האָט דערקענט.

די פרוי אין טאבאק-געשעפט, אין מעבעל-געשעפט און די וואש-פרוי, דאן דעם בעקער, מיט וועלכען ער האָט געהאנדעלט, האָט ער ווידער אמאל דער־קענט; אפילו אביסעל געעלטערט, אָבער דאָך דיזעלבע.

ער האָט אזוי שפאצירט אין פראָנט פון די געשעפטס-הייזער, אונגעפעהר א פיערטעל שטונדע. ער האָט געשפירט אנפאנגס א קאלטען שוידער איבער זיין לייב, דאן איז געקומען א שוויס.

דאמור איז געבליעבען שטעהען און זיך געטראכט, ווען ער זאָל דערזעהען עפעס איין אנציהענדעס און פריינדליכעס געזיכט, וועט ער אריין געהען פרעגען. ער האָט א היבשע צייט אזוי געקעמפפט מיט זיך אליין.

מיט א קלאפענדעס הארץ, פול וועהמוטה, האָט ער ענדליך בעשלאָסען, אריין צו געהען צום בעקער און זיך ווענדען צו זיין פרוי.

די בעקערין האָט אויסגעזעהען וויא פערשלאָפען, און איז געווען בעדעקט מיט מעהל פון קאָפּ ביז פיס, גלייך וויא זיא וואָלט נאָר וואס ארויס געקראָכען פון א זאק מיט מעהל.

זיא איז געזעסען אויף א ביינקעל און צו איהם געקוקט גלייכגילטיג, אָהנע זיך צו ריהרען פון פלאַטץ.

ער האָט פּאָזיטיוו געוואוסט, אז זיא האָט איהם ניט דערקענט. און דאס איז אויך קיין וואונדער געווען. זיין געזיכטס פארב איז געווען אָבגעברענט און שטארק פערענדערט; די האאר פון קאָפּ אויסגעקראָכען, און א לאנגע, שיטערע באָרד, האָט בעדעקט זיין געזיכט.

ניין, דאמור האָט ניט געוואָלט דערקענט ווערען, און די אידעע, אז די בעקערין וויים ניט ווער ער איז, האָט איהם געגעבען מעהר מוטה. ער איז צוגע־גאנגען קויפען א זעמעל פאר א סו, און געפרעגט:

„האָט איהר ניט אונטער אייערע קונים א פרוי מיט א קליין מיידעל?... איך סיין מאדאם דאמור?"

דיא בעקערין האט אויסגעזעהען נאכצודענקען, דאן, אין א ווייכער שטימע האט זיא געענטפערט :

„אך! יא, אמאל, אמאל האב איך זיא געהאט פאר א קונה... אבער דאס איז שוין זעהר לאנג. איך געדענק ווירקליך נים... מען זעהט זיך אן מיט אזוי פיעלע מענשען אין דיעזער געגענד.“

ער איז געווען צופריעדען מיט דיעזען ענטפער, ווייל ער האט קיין בעססערן נים געקענט קריעגען.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז ער צוריק געקומען, מיט מעהר מוטה, און געשטעלט נאך אנדערע פראגען. ער האט געפרעגט איבעראל, אבער ער האט בייא יעדען געטראפען דיעזעלבע גלייכגילטיגקייט און פערגעסענהייט. דאן האט איהם אויך יעדער געגעבען איין ענטפער, וואס איז אימער געווען א ווידערשפרוך צום ערשטען, און ער האט איינגעזעהען, אז ער קען נים קומען אויף דער שפור.

דעם איינציגען בעשלוס וואס ער האט געפאסט, איז געווען, אז פעליסי האט זיך ארויס געצויגען פון דער נאכבארשאפט, מיט א פאאר יאהר שפעטער, נאכדעם וויא ער איז אוועק געשיקט געווארען נאך נומעא, אדער, צו דער צייט וואס ער האט זיך פון דארט געדעטעט, און דאס איז געווען מיט 8 יאהר צוריק. אבער ניעמאנד האט געוואוסט איהר געגענווערטיגע אדרעסע.

מאנכע האבען בעהויפטעט, אז זיא וואהנט אין גרא־קעיו, אנדערע אין בערסי, אבער מען האט אויף אזעלכע בעריכטע גאר נים געקענט שטעלען, דען דיעזע פערזאנען, האבען זיך אפילו נים עראינערט אן דער קליינע לואיז.

דאמור האט איינגעזעהען, אז ער קען גאר נים ערפאהרען.

אין איין אבענד, זיטצענדיג אויף א באנק אין בולעווארד, האט דאמור אויס־געבראכען אין א געוויין, און בעשלאסען מעהר נים צו זוכען זיין פרוי און קינד

וואס האט געקענט פון איהם ווערען? פאריז האט איהם אויסגעזעהן פוסט און לעער.

דיא עטליכע פראנקס וואס ער האט נאך געהאט, ווען ער האט צוריק גע־קעהרט נאך פראנקרייך, האבען אויסגעזעהען שנעל צו פערשווינדען.

אין איין צייט האט ער שוין בעשלאסען ווידער צוריק צו קעהרען נאך בעלגיען, אין דער קוילען־מיענע, וואו אלעס איז דונקעל און פינסטער, וואו יעדער עראינערונג שטארבט אב, און וואו מען קען לעבען אין גליקליכער פערגאנגענהייט, וויא אירגענד א ווילדע חיה.

אָבער ער איז נים געפּאָהרען; ער איז געבליעבען.

מים דער צייט האט ער אָנגעהויבען צו הונגערן, און ווען ער האט געזוכט ארבייט, האט מען איהם געענטפערט, אז ער איז צו אלט דאפיר.

דאמור איז אלט געווען בלויז 55 יאָהר, אָבער מען האט איהם געדעכענט פאר א מענש פון זיעבציג. און עס איז אויך קיין וואונדער, דיא לעטצטע צעהן יאָהר, האבען געקענט עלטערן נאך א שטארקערן מענשען וויא זשאק דאמור.

ער האט אָנגעפאנגען ארום צו וואנדערן פון גאס צו גאס, געגאנגען זעהן דיא חורבות, וועלכע זיינען איבערגעבליעבען פון דער קאָמונע, און געזוכט בעשעפטיגונג, וועלכע מען גיבט וויא געוועהנליך צו קינדער און קאליקעס.

איינער פון דיא שטיין־האקערס וואס האט געארבייט בייא דעם האָטעל־דע־וויל, האט איהם פערשפּראָכען, אז ער וועט איהם צונעהמען ער זאָל אכטונג געבען אויף זיין געצייג. אָבער דיעזע בעשעפטיגונג האט ער נים געקענט קריגען אזוי שנעל, און ער האט אָנגעפאנגען אויסצוגעהען לאנגזאם פון הונגער.

אין א טאָג, שטעהענדיג און קוקענדיג צום וואסער־פלוס אין דעם שפּרינג־ברונען פון נאָטער־דאם, און זייענדיג פערקלעמט פון הונגער, האט ער זיך וויא אָבגעריסען פון דעם פּלאטץ וואו ער איז געשטאנען און שיער אומגעוואָרפען א פארביינגעהער, וועלכער איז געווען א גרויסער און שטארקער מאן, מיט א ווייסער ארבייטער־העמד. דער מאן האט אָנגעפאנגען צו שימפּפען.

„זאָ פערדאמטע בעסטיע!" האט ער געשריען.

דאמור איז אונטערדעסען געבליעבען שטעהען ערשטוינט, און געבליקט מיט אויפגערעגטע אויגען אויף דעם מאן.

„בעררו!" האט ער אויסגעשריען.

עס איז ווירקליך געווען בעררו.

בעררו איז געווען פיעל געוועקסעלט, אָבער נים צו שלעכטען, זאָנדערן, ער האט אויסגעזעהען רויטער און געזונטער אויף זיין געזיכט, און בעדייטענד איינגער.

דאמור האט פיעלע מאל געדענקט איבער איהם, זייט ער האט צוריק גע־קעהרט, אָבער וואו האט ער געקענט געפינען זיין אלטען קאמעראד, וועלכער האט אימער ליעב געהאט צו וועקסלען זיין לאָזשיע צוויא מאל אין מאָנאט?

בעררו איז איבערראשט געוואָרען פון דער סצענע, און ווען דאמור האט איהם שוין געזאגט ווער ער איז, האט בעררו א ציטער געטהאָן, און איהם אָנגע־קוקט מיט ערשטוינונג.

„עס איז אונמעגליך! אונמעגליך! עס איז א שפאס!“ האט ער גער מורמעלט.

עס האט אונטערדעסען ניט פיעל געדויערט. און ער האט איהם פאלקאמען דערקענט. ער האט אנגעפאנגען אזוי צו שרייען, אז מעהרערע פארבייגעהער האבען זיך אבגעשטעלט קוקען.

„אבער דוא ביסט דאך געשטארבען?“ האט ער אויסגעשריען פרענעטיג, דוא ביסט דאך דערטרונקען געווארען? וויא קומסטו אהער? וויא אזוי איז דאס מעגליך? מענש! אום גאטעס ווילען, איך פערשטעה דיך ניט! קום נאר אהער, לאמיך דיך בעטראכטען, ביסטו ווירקליך לעבעדיג?“

דאמור האט דארויף גאר ניט געענטפערט, ער האט בלויז געבעטען זיין אנ־געפרעסענעם פריינד, ער זאל זיין שטיל און ניט מאכען קיין רעש. בעררו, וועלכער האט בעטראכטעט דיא גאנצע געשיכטע, אלס א הערליכען שפאס, האט ענדליך אנגענומען דאמור'ן אונטער דעם ארעם און איהם אוועק געשלעפט אין א וויינשענק אין דער סענט־מארטין גאס.

איבער'ן וועג, האט ער איהם געשטעלט טויזענדער פראגען און האט אויס־געזעהען זעהר נייגיעריג אלעס צו ערפאהרען אויף איינמאל.

„יעטצט,“ האט דאמור געזאגט נאכדעם וויא זייא האבען זיך אוועק געזעטצט בייא א טישעל, „וויל איך דיך עפעס פרעגען: וואס הערט זיך מיט מיין פרוי?“

בעררו האט איהם בעטראכט מיט א שטומער ערשטוינונג.

„אויף וועמען פרעגסטו?“

„אויף מיין פרוי, אויף וועמען דען?“

„אויף דיין פרוי?“

„יא, יא, בעררו, וואו איז זיא? ווייסטו פיעללייכט איהר אדרעסע?“

בעררו'ס ערשטוינונג האט געשטיעגען. דאן האט ער געענטפערט לאנגזאם:

„איהר אדרעסע? געווים ווייס איך איהר אדרעסע... אבער דוא, יא, עס שיינט — דוא ווייסט נאר ניט פון דער גאנצער געשיכטע?“

„וואס פאר א געשיכטע? איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט?“

דאן האט בעררו ארויס געלאזען א געלעכטער.

„דוא ביסט נעביך גאר עובר־בטל!“ האט ער אויסגעשריען.

„איך פערשטעה דיך ניט.“

„דו ביסט איין אלטער נאר!“

„וואָרום ?“

„ווייל דוא האסט קיין שכל ניט.“

„מיט וואס ?“

„אך! חא, חא, חא! דאס איז שעהן, דאס איז גוט!“ האט בעררו גע־לאכט, זיך האלטענדיג בייא דיא זייטען. „אלטער נאר! דוא ווייסט נאר ניט ?“

„אום גאָטעס ווילען, בעררו, שפּאַן מיך ניט אויף דער פאָלטער, וואס איז געשעהען ?“

„און דוא ווייסט נאר ניט ?“

„וואס זאָל איך וויסען ?“

„דאַן גיב מיר דיין האנד!“

דאמור האט איהם מעכאניש געגעבען דיא האנד.

„מזל־טוב דיר!“ האט בעררו אויסגעשריען.

„וואס איז דאס פאר א מזל־טוב ?“

„א מזל־טוב דיר, דיין ווייב האט חתונה געהאט!“

„חתונה געהאט ?“

דאמור, וועלכער האט דאמאלס געהאלטען א גלאַז מיט וויין אין דער האנד, האט דאס באלד ארוים געשטעלט אויף'ן טיש. ער האט געציטערט אין זיין גאנצע קערפער. דאַן האט ער שטיל געמורמעלט:

„חתונה געהאט? וואס הייסט חתונה געהאט? מענש! איך פערשטעה דיך ניט; ביסטו זיכער ?“

„איך בין פערדאמט זיכער! און וואס איז דאָ פאר א וואונדער? ביסטו ניט געוועזען טויט? און וואס זאָל טהון א שעהנע און יונגע אלמנה ווען ניט חתונה האבען? ווער וואָלט דאס בעסער געוועזען? אָבער דיא גאנצע געשיכטע איז זעהר שפּאסהאפט: אַז ביסטו געוועזען טויט, אלעס האט מען פערגעסען, עס איז געוואָרען א נייע וועלט, און פּלוצלינג, ביסטו ווידער דאָ! זעהר קאָמיש, בייא מיין וואָרט, קאָמיש!“

און וויא דער אלטער איז דאָרט געזעסען, ציטערענד און מיט שטאמלענדע ליפּען, האט איהם בעררו דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע.

„פעליסי'ן געהט יעטצט וויא א גרעפין,“ האט בעררו געזאגט. „זיא האט חתונה געהאט מיט א פליישער, און וואָהנט אין דער גאס דע־מאָאַן נעבען דיא באטינאָלס. ער, איהר מאַן, איז אויך געוועזען איין אלמן, און פעליסי היט יעטצט אָב זיינע צוויי קינדער. דער פליישער, הייסט סאַניאַרד, און איז א דיקער,

גרויסער און שטאַרקער מאַן פון א יאָהר זיעבציג, אָבער ער זעהט אויס איַנגער. בייא מיין וואָרט, ניט קיין שלעכטער שידוך. פעליסי האט זיך גאַנץ גוט פערקויפט. טראַדע אין עס פון דער שטראַסע נאָללעט געפינט זיך זייער פלייש־געשעפט. יעדער איינער וויים וואו דאס איז. פוןביידע זייטען שטעהען גרויסע און אָבגעצילטעטע אָקסען־קעפ. פון עטליכע גאסען ארום קומט מען אהין קויפען.“

בעררו האט נאך ווייטער געפלוידערט און דערצעהלט. דאמור איז געזעסען ווי א פערשטיינערט און ניט געוואוסט וואס ער זאָל זאגען.

„וואס רעכענסטו יעטצט צו טהון?“ האט ענדליך בעררו געפרעגט דין קאַמפּאַניאָן.

דער אונגליקליכער מאַן, פערווירט און ניעדערגעשלאָגען פון דער גאנצער שילדערונג, האט בלויז אויפגעהויבען זיינע אַלטע און פערוויינטע אויגען און גע־שוויעגען.

פלוצלינג האט ער זיך אן עפּעס דערמאָהנט און א פרעג געגעבען:

„און וואס איז געוואָרען פון לואיז'ן?“

„אָה, דאס קליינע מיידעל? איך וויים ניט... מען האט זיא געמוזט געווים אוועק געבען ערגיץ אין איין אנשטאַלט אום פּטור צו ווערען פון איהר, ווייל, וויא מיר שיינט, האב איך זיא דאָרט ניט געזעהען. איך צווייפעל ניט, אז זייא וועלען דיר געווים מוזען צוריק געבען דאס קינד, נאכדעם וויא זייא האבען מיט איהר ניט וואס צו טהון. אָבער וואס קען פון דיר ווערען מיט א 20־יעהריגער טאָכטער נעבען דיר? דוא זעהסט איבערהויפּט ניט אויס שטאַרק רייך, הא, וואס זאָגסטו? ענטשולדיג מיר, איך מיין ניט דיך צו בעליידיגען; איך מיין, אז דוא ביסט א גאַנץ קליינער עושר און דיר פעהלט פשוט קליין־געלד.“

דאמור האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט. דיא טרערען זיינען איהם געלאָפען פון דיא אויגען וויא בייא א קינד.

בעררו האט איהם ניט געקענט קוקען אין געזיכט, און זיך אומווענדענדיג, האט ער געשאָפט נאך א ליטער וויין.

„צום טייפעל!“ האט ער אויסגעשריען, „האסטו געזעהען, זיך פערזאָרגט! הער אויף, איך בעט דיך, איך קען דאס ניט ליידען. זייא מונטער. א ווייב! נו, און אז מען פערלירט איין ווייב? שרעק זיך ניט, עס זיינען נאך דאָ גענוג אנדערע, נאָר קיין מוטה פערלירען. איבעריגענס, איז נאך דאָ האָפנונג... ווירקליך, וואס רעכענסטו אנפאנגען?“

דיא צווייא מענער האבען ערשט אָנגעפאנגען איין אונענדליכעם געשפרעך. וועהרענד דעם, האבען זייא אונצעהליגע מאל ווידערהאָלט דיזעלבע אנגעלעגענ־היימען און עס איז שווער געווען צו קומען צו א בעשלוס.

בעררו האט אפילו אלעם דערצעהלט זיין פריינד, נאָר איין זאך האט ער פערפעהלט, און דאס איז געווען, אז גלייך נאכדעם וויא דאמור איז פערשיקט געוואָרען, איז ער שטארק בעגייסערט געוואָרען פון פעליסי׳ס שעהעם געזיכט, ברייטע שולטער און ענטוויקעלטע ברוסטען. אָבער, וויא עס שיינט, האט פעליסי פון איהם ניט געוואָלט וויסען, און אונגעאכטעט דארויף וואס ער איז געווען א בעדייטענד שעהנערער מאן וויא דאמור, און זיא האט דאמאלס קיין מאן ניט געהאט, האט זיא איהם עטליכע מאל געהייסען געהען צום טייפעל.

מילא דאס האט איהר בעררו געקענט ענטשולדיגען, וויל ער האט איהר געשטעלט גלאט אונעהרליכע אנטרעגע, אָבער נאכדעם, האט ער בעשלאָסען, אז עס קען איהם גאר ניט שאדען מיט איהר אפילו חתונה צו האבען. נאָר פעליסי האט דאס אויך ניט געוואָלט, און אנשטאט דעם, האט זיא גאר חתונה געהאט מיט דעם פליישער סאניארד.

ניין, דאס האט בעררו איהר ניט געקענט פערצייהען. ער האט זיך געשפירט שטארק בעליידיגט, און ער האט איהר נאכגעטראגען א האס מיט נקמה.

ווען מען האט ארויף געבראכט אויף׳ן טיש דעם דריטען ליטער וויין, האט ער אויסגעשריען:

„ווען איך וואָלט זיין אויף דיין פּלאטץ, וואָלט איך אריין אהין אין הויז, מיך ערקלערט בייא מיין ווייב אין דער היים, און ווען סאניארד וואָלט מיך בעאונרוהיגט, וואָלט איך איהם גלאט ארויס געוואָרפען... דוא ביסט דער בעל־הבית, זיא איז דיין ווייב, און אלעס געהערט צו דיר. דאס געזעטץ וועט דיר אלעס צו פּסק׳ענען און דוא האסט פאר קיינעם קיין מורא ניט.“

אויב דאמור׳ן איז איינגעגאנגען בעררו׳ס ווערטער אָדער ניט, האט ער אליין ניט געקענט אורטהיילען; ער איז געווען צו אויפגערעגט, און דאן האט דער וויין, אויף דעם לעדיגען מאגען, אָנגעפאנגען צו ווירקען איבער זיין געהירן.

ער האט אָנגעפאנגען לאנגזאם גוט בעזויפען צו ווערען. דער וויין האט אויפ־געפלאמט זיינע בלאסע און איינגעשרומפּענע באקען.

דאן האט ער צייטענווייז געמורמעלט:

„מיר וועלען זעהען, געוויס, נאטירליך, אונבעדינגט...“

בערו האט איהם דערווייל נים אבגעלאזען און געזעהן אין איהם אריין יעדעס, אז ער מוז אוך דארף ערשיינען בייא זיין פרוי, און אלעם אוועק נעהמען.

„ביסטו א מאן אדער א לעמעשקע?" האט איהם בעררו געפרעגט. „האסטו געזעהען א מאן? מענסט דיך שעהמען אין דיין וויטען האלז אריין! האסטו געהערט? דיא גאנצע וועלט וועלען זאגען, אז דוא האסט רעכט! דיא שטיינער פון דער גאס וועלען זיך פאר דיר אננעהמען! געה שוין נעה, דוא ביסט איין אלטע עובר־בטל'דיגע שוויגער!"

בייא יעדען ארגומענט, האט איהם בעררו העפטיג אנגעקלאפט אן דיא פלייצעס, גלייך וויא ער האט איהם געוואלט אריין קלאפען דיא ווערטער אין לייב.

„ביסטו א מאן? הייסט דאס א מאן?" האט בעררו ווייטער געפרעגט אום איהם אלץ צו דערמאהנען.

„וואס פרעגסטו אויב איך בין א מאן?" האט דאמור געמורמעלט, „געוויס בין איך א מאן, און אז איך האב מוטה, האסטו דיך איבערצייגט בייא דער קאמונע. דאן..."

ער האט ווייטער נים געקענט רעדען, און ער האט זיך עראינערט, וויא ער האט אמאל אזוי געליעבט פעליסי'ן, און צום סוף, וואס זיא האט איהם געקענט טהון.

„אלזא," האט בעררו ווייטער געזאגט, „ווען דוא ביסט א מאן, דאן איז א שאדע צו פערלירען זאגאר איין אויגענבליק. קום, זיטץ נים, פערליר קיין צייט. זיא איז דיינע, דיין פרוי, און דוא אליין האסט א רעכט צו איהר! קום און נעהם זיא דיר אב!"

ביידע זיינען שוין געווען גוט שיכור און זייערע שטימען האבען געקלונגען ווילד און אומרעגעלמעסיג.

„איך געה!" האט דאמור אויסגעשריען, און מיט שווערער מיה האט ער זיך קוים אויפגעהויבען פון דעם שטוהל

„א וואונדער," האט בעררו געענטפערט, „געוויס דארפסטו געהען. אבער דוא זאלסט נים געהען אליין, זאנדערן איך, דיין פריינד, דיין אלטער גוטער־ברודער, זאל דיך בעגלייטען, קום!"

און ביידע מענער זיינען אוועק צו דיא באטינאלס.

3.

בײם עק פון צװײא גאסען מאָאן און נאָללעט, האט דיא פלײש־העקערײא געהאט א רײכעם אויסזעהען. פאָרענט זײנען געװען רויטע אײזערנע גראַטעס און איבער זײא אָבגעגאָלדעטע אָקסען־קעפּ.

זײטען פלײש און שטיקער פלײש פון אָקסען און קעלבלעך, זײנען געהאנגען איבער װײסע לײלעכער, און א גאנצע רײהע שאָפּענע פיסלעך זײנען געװען אויסגע־האנגען הינטער זײא. אינװעניג זײנען געלעגען גרויסע הויפענס פלײש אויף מראַ־מאָרנע טישען.

קופּערנע שיסלען, װעלכע האבען געדיענט אלס שאָלען, זײנען געשטאנען אין מיטען און געגלאנצט פאר זויבערקײט. דיא גאנצע פלײש־העקערײא האט אויס־געזעהען צו זײן דיא רײנליכקײט זעלבסט און דער גערוך פון דעם פרישען פלײש, האט געקענט אין אײנעם אויפװעקען א פערשלאָפענעם אפּעטיט.

דאס גאנצע געשעפט איז געװען העלל בעלײכטעט פון א שטראָם זונען־שטראהלען, און פעליסי איז געזעסען אויף א שטוהל, װיא א ברײטע בעל־הבית'טע נעבען טיש־קעסטעל.

אויב פון אלט איז מעגליך יונג צו װערען, דאן האט דאס פעליסי דאמאלס אויסגעזעהען. אויף איהרע באקען האט זיך אָבגעשפּיגעלט א רויטע פרישקײט און איהר געזיכט האט פאָרגעשטעלט דיא געזונדהײט זעלבסט. איבער איהר װײסען שטערן האבען אריבער געהאנגען שװארצע געקרײזעלטע האאר, און אויף איהרע ליפּען איז געלעגען דער ערנסטער אָדער גוטמיטהיגער שמײכעל פון א געשעפטס־פרוי, װאס װײס װיא צו עמפּפאנגען יעדען קונה מען זאָל אויף איהר קײן פאראיבעל ניט האבען.

אײנינע אינגלעך, מיט קלאָר־װײסע פארטוכער, זײנען געװען בעשעפטיגט אין צושנײדען פלײש, אויסרופען דיא געװיכטען װאס זײא האבען אָבגעטהײלט ; אײנ־פּאקענדיג פּאָרציאָנען פלײש, און אויסרעכענענדיג װיעפיעל יעדעם בעטרעפט.

גראדע דאמאלס איז אריין געקומען א פרוי, אויף װעלכער'ס געזיכט מען האט געקענט לעזען דיא צײכענס פון קראנקהײט, און בעצאָהלט פאר צװײא קאָטלעטען. זיא האט זיך אויך ארום געקוקט און איהר בליק איז געװען זעהר טרויעריג.

„עס בעטרעפט פופצעהן סו, ניט װאהר?“ האט פעליסי געפרעגט. „איך קען װירקליך ניט ארונטער לאָזען פון דעם פרײז.“

ריא פרוי האט נעדיפצט.

„און וויא נעהט עס אייך, מאדאם?“ האט פעליסי וויימער נעפרעגט.

„ניט בעסער; נאך אימער וויא פריהער. מיין מאָגען קען אין זיך ניט האלטען קיין שפייז. דער דאָקטאָר זאָגט מיר, אז איך מוז עסען נאָר פלייש, און דאס איז אזוי טהייער!... איהר ווייסט שוין פיעללייכט, אז דער מאן פון דיא תאָלץ־קוילען איז טויט?“

„וואס רעדט איהר!“

„יא, יא, אזוי איז עס; ער איז טויט. מיט איהם איז ניט נעוועזן דער מאָגען דיא אורזאכע. דער דאָקטאָר האט נעזאגט, אז דיא קישקעס זיינען איהם פערדרעהט געוואָרען אין בויך... פופצעהן סו זאגט איהר? מיין גאָט, וויא טהייער דאס איז! עופות זיינען שוין ביליגער.“

„עס טהוט מיר לייד, מאדאם,“ האט פעליסי געזאגט מיטליידיג. „עס איז ווירקליך ניט אונזער שולד. מיר קויפען דאָך אויך דאס פלייש. עס איז שלעכטע צייטען, און מיר זיינען צופריעדען ארויס צו נעהמען דיא נעטהיגסטע הוצאות... וואס איז דאָרט, שאַרל?“

פעליסי האט שוין ניט נעוואַרט אויף קיין ענטפער. זיא האט נאָר געהערט א הויכעס געשפרעך, און זיך אומוועגדענדיג, האט זיא דערזעהען צוויי מענער. איינעם פון זייא, וועלכער איז נעגאנגען פאָראויס, האט זיא באלד דערקענט.

„אה, איהר זייט דאס, מאָנסיע בעררו?“ האט פעליסי פלוצלינג א פרעג געטהאָן.

ניין, פעליסי האט ניט אויסגעזעהען שטארק צופריעדען פון בעררו'ס בעזוך; איהר געזיכט האט אויסגעדריקט אונצופריעדענהייט און אויך אביסעל פעראכטונג.

עס שיינט אז דאמור און בעררו זיינען ניט געגאנגען גלייך צו זייער ציעל; זייא האבען נאך איבער'ן וועג בעזוכט א פאאר נייע וויינשענקען און געטרונקען. זייא האבען געשפראָכען הויך און רוישענדיג און האבען זיך אויך נעקריעגט, וויא דער פאַל איז מיט שיכורים.

זייער צושטאנד האט יעדער נעסענט זעהען, און פעליסי האט באלד דערקענט, אז זייא זיינען בעזויפען.

איידער זייא זיינען אריין אין דער פלייש־העקערייא, האט זיך אָבער דאמור אביסעל אויסגעניכטערט. זייא זיינען נעבליעבען שטעהען אויף'ן טראָטואר און זיך

פריהער אויסגעקוקט. בעררו, וועלבער האט פריהער ערבליקט פעליסי׳ן, האט צו איהם געזאגט וויזענדיג מיט זיין פינגער:

„אט, זעהסטו, דארט זיטצט דיין פרינצעסין.“

דאמור האט זיך אומגעקוקט און געבליקט אין יענער ריכטונג.

ער איז געבליעבען שטעהען פערטראכט אויף איינינע אויגענבליקען, און דאד־מאלס האבען זיך אין איהם ערוואכט געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט. ער האט געדענקט פעליסי׳ן, וויא זיא האט אויסגעזעהען באלד נאך זיין חתונה, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז דאס איז דיא זעלבע פעליסי פון 20 אדער 25 יאהר צוריק.

„יא, דאס איז זיא!“ האט ער אויסגעשריען.

דאן האט ער זיך ווייטער איינגעקוקט אין איהר שעהנעס און יוגענדליכעס געזיכט און געמורמעלט:

„אונמעגליך! דאס קען ניט זיין! עס איז לואיז! געוויס איז עס לואיז. מיין מאכטער?“ לואיז איז אימער זעהר עהנליך געווען צו איהר מוטער!“

„געה שוין געה, דוא אלטער דומקאפ,“ האט זיך בעררו אריינגעמישט אין זיינע געדאנקען, „עס איז דיין פעליסי, דיין פרינצעסין, דיין פרוי!“

דאן זיינען דאמור׳ס אויגען געפאלען אויף אלעמען וואס האט זיך געפונען אין דעם פלייש־געשעפט; ער האט געזעהען דיא בלוטענדע שטיקער פלייש, דיא גלענצענדע קופערנע שאלען, און דאן נאך אמאל בעטראכט פעליסי׳ן, וויא גוט געקליידעט זיא איז געווען און אויסגעזעהען וויא א רייכע דאמע; ער האט שטודירט וויא אזוי זיא איז אומגעגאנגען מיט הויפענס געלד, און זיין הארץ האט זיך צוזא־מענגעדריקט פאר צארן און אויפרעגונג. דאן האט ער זיך דערשראקען; ווארום, האט ער אליין ניט געוואוסט.

ער האט געשפירט א קוסט און א ווילען צו ענטלויפען, דארט מעהר ניט שטעהן, און אויסמיידען א בעגעגנונג מיט דיזער רייכע דאמע, וועלבע האט אמאל געהאט דאס אונגליק צו זיין, זיין פרוי. שאנדע האט אנגעפיכלט זיין ברוסט און זיינע באקען זיינען בלאס געווארען.

„וואס דארף איך אריין געהן?“ האט ער זיך געטראכט, „צו וועלבען צוועק? דיזע רייכע דאמע, ווען זיא וועט מיך ערבליקען, וויא איך זעה אויס, וועט זיא מיך העכסטענס קענען פעראכטען.“

בייא דיזע געדאנקען האט ער זיך אומגעווענדעט, און געוואלט ענטלויפען ארונטער אין דער מאאן שטראסע. בעררו, וויא שיכור ער איז געווען, האט ער בעד מערקט דוא בעוועגונג, און איהם אנגעכאפט בייא זיין ראק.

„ביסטו משוגע אָדער שיכור!“ האט ער אויסגעשריען. „וואו איז דער גייסט וואס האט דיך אמאל בעהעררשט? אַך, דוא אַלטער נאר, אין דיר איז נאָר צוריק געבליעבען א גנגזענע נשמה. ווען איך וואָלט זיין אויף דיין פּלאטץ, מעגסטו זיכער זיין, אז איך וואָלט געמאכט יענע פיינע פּריצה פון דאָרט, זיא זאָל ענטלויפען. און איך אליין, וואָלט אויך ניט אוועק געגאנגען מיט לעדיגע הענד. שטעה, דוא אַלטע גאנז! קום אריין, און מאך דיך ניט פאַר קיין אַלטען דומקאָפּ.“

דאמור האט זיך צוריק אומגעווענדעט. בעררו האט איהם שוין ניט אָבגעלאָזען.

„קום, אַלטע בהמה,“ האט ער איהם איינגעראַמט אין אויער.

„ווארט אויס אביסעל,“ האט דאמור געזאגט, און וועהרענד דעם, האט ער זיך געווענדעט צו א פּליישער אינגעל, וועלכער איז ארויס געקומען פאָרענט, און איהם געפרעגט:

„איז מאָנסיע סאַניארד אין געשעפט?“

„ניין!“ האט ער געענטפערט.

„חא, חא, חא!“ האט זיך בעררו צולאכט. „זעה נאָר דעם קאָמוניסט! זעה נאָר, וויא ער האט יעטצט מורא געקריעגען פאַר האָזען!“

דאמור, אָהנע מעהר צו רעדען א וואָרט, איז נאכגעגאנגען בעררו'ן מיט איין ארונטער געלאָזענעם קאָפּ.

ווען זייא זיינען אריין אין געשעפט, האט זייא פעליסי ערבליקט.

„וואס קען איך טהון פאר אייך, מאָנסיע בעררו?“ האט זיא איהם ענדליך געפרעגט אין איין אונפריינדליכען טאָן.

„פאר מיר? גאר ניט,“ האט בעררו געענטפערט שמייכלענדיג, „אויב איהר קענט עפּעס טהון, איז עס פיר מיין קאמעראד, וועלכער האט אייך געבראכט וועהר א וויכטיגען גרוס.“

דאמור איז נאך אלץ געשטאנען הינטער איהם, כדי זיא זאָל איהם ניט זעהען. בעררו האט אָבגעטרעטען אויף א זייט, און דאמור איז געבליעבען שטעהען געגענאיבער פעליסי'ן.

וועהרענד זיא האט איהם אָנגעקוקט, האט ער ארונטער געלאָזען זיינע אויגען און געשפּירט, אז ער קען ניט ערטראגען איהר בליק.

אנפאנגס האט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף איהר שעהנעם און געזונדעם געזיכט, א ־יענע פון פעראכטונג, בליקענדיג אויף דעם אַלטען און אָבגעריסענעם שיכור, נאָר עפּעס האט זיא דאָך ניט געקענט ארונטער נעהמען דיא אויגען פון איהם.

אָבער פּלוצלינג האט זיך געוועקסעלט דיא פארב אויף איהר געזיכט; זיא איז געוואָרען ווייס און איין אונטערדריקטער געשרייא האט זיך ארויס געריסען פון איהר ברוסט, וועהרענד זיא האט ארויס געלאָזען אויף׳ן פוס־באָדען דאס געלד וואס זיא האט געהאלטען אין איהר האנד.

יעדער האט געקענט הערען דעם קלונג פון געלד, אָבער מען האט זיך נאך בעסער געקענט מערקען דיא שרעק אויף איהר געזיכט

„וואס איז געשעהען? וואס האט פאסירט? איז אייך שלעכט געוואָרען?" האט מאדאם ווערניער געפרעגט, וועלכע איז נאך צוריק געבליעבען אויס נייגיעריגקייט.

א פּאאר פּליישער־אינגלעך זיינען אויך צוגעקומען, אָבער פּעליסי האט זייא אלעמען געוויעזען מיט דער האנד, זייא זאָלען אוועק געהען; רעדען האט זיא ניט געקענט.

זיא האט זיך קוים אויפגעהויבען און זיך צוגעווענדעט צום שפּייזע־צימער, וועלכעס איז געווען נעבען דער פליישהעקערייא.

אָהנע זיא זאָל זייא ערזוכען איהר נאכצוגעהען, זיינען ביידע מענער נאכגעקומען. בעררו האט געשמייכעלט. בעררו האט געהאלטען זיינע אויגען צום פוס־באָדען בעדעקט מיט האָלץ־זיינעכץ און עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא ער וואָלט שטודירט יעדען שריט וואס ער מאכט, דאמיט ער זאָל ניט פאלען.

„דאס איז עפּעס א מערקווירדיגע געשיכטע," האט מאדאם ווערניער בעמערקט, ווען זיא איז געבליעבען אליין מיט דיא אינגלעך.

דיא לעטצטע האבען אויפגעהערט צו האקען און ווענען דאס פלייש, און זייא האבען זיך צוגעוואָרפען בליקען איינער דעם צווייטען.

אָבער, וויא דער שטענער איז פון דיענער, האט קיין איינציגער ניט געוואגט אויסצושפּרעכען א בעמערקונג אָדער געבען א מיינונג; זייא האבען דאן פאָרט־געזעטצט זייער ארבייט, און טראָטץ דעם וואס מאדאם ווערניער האט פּראָבירט פון זייא עפּעס ארויס צו קריעגען, האט איהר דאך קיינער ניט געענטפערט.

מאדאם ווערניער, ברומענדיג, האט צוריק געוואָרפען א פּאאר קרומע בליקען, און איז ארויס שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

ווען פּעליסי איז אריין אין שפּייזע־צימער, האט עס אויסגעזעהען, אז אויך דאָרט איז ניט דער פּאסענדער פּלאטץ עפּעס צו בעשפּרעכען, אָהנע יעמאנד זאָל הערען, דען זיא האט געעפענט נאך א טהיר און אנגעצייגט דיא מענער זאָלען אריין געהען אין א גרויסעס שלאָף־צימער

דאס איז געווען זעהר א שעהנעס צימער, זויבער און יעדען ווינקעלע, גוט פערמאכט ארום־און־ארום, רוהיג, און מיט לאנגע ווייסע פאָרהענגע ביים בעט און ביים פענסטער. א גענאָלדעטער זייגער האט זיך רעגעלמעסיג געקלאפט פון א ניעדריגען שראנק, און דאס מעבעל, פון דעמבענעס־האָלץ און פיין געפאָלירט, האט געגלענצט פון רייבקייט; קיין שטויבעלע איז דאָרט ניט געווען צום בעמערקען.

פעליסי, וועלכע איז נאך קוים געשטאנען אויף דיא פיס, איז אריין געפאלען אין א שטוהל געבעט מיט בלויען געוואנט, און געהאלטען אין איין מורמלען:

„דוא ביסט עס, דוא... מיין גאָט! דוא ביסט עס...“

דאמור האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל זאגען. ער האט זיך אויסגעקוקט אין צימער און ניט געוואגט זיך צו זעטצען אויף אזעלכע ריינע שטוהלען. בעררו האט געזעהען, אז דאָ וועט קיין סוף ניט נעהמען, און ער האט אָנגעפאנגען:

„יא, דאס איז ער, אייער מאן, זשאק דאמור; איך האב געוואוסט, אז איהר וועט איהם באלד דערקענען. ער זוכט אייך שוין ארום א שעהנע פאאר יאָהרען... דאן האט ער מיך בעגעגענט, דורך א מערקווירדיגען צופאל, און איך האב איהם אהער געבראכט.“

דאן, גלייך ווי ער וואָלט געשפירט, אז ער דארף זיך ענטשולדיגען, האט ער געזאגט:

„איהר זעהט, איך האב אנדערש ניט געקענט האנדלען. איהר ווייסט דאך, ער איז מיינער איין אַלטער קאמעראד, א פריינד, און איהם זעהענדיג אין אזא טרויעריגען צושטאנד, האט עס מיך זעהר געערגערט.“

פעליסי האט אונטערזעסען אביסעל צוריק געקריעגען איהר מוטה און פאר־זונג. זיא האט אין איין אויגענבליק בעגריפען וואס דאס אלעס בעדייטעט, וואס פאר א שטערונג עס האט איינגעטרעטען אין איהר רוהיגעס לעבען, און זיא האט אָנגעפאנגען צו קלערען מיטלען, וויא אזוי זיא קען זיך רעטען.

יעץ עס איז ווידער אמאל שטיל געוואָרען, האט זיא זיך אָנגערופען:

„גוט, זשאק, דוא ביסט דאָ; אלזאָ, לאָמיר נאָר זעהען, וואס קענסטו פערלאנגען פון מיר? וואס קען איך טהון פיר דיר?“

ער האט ניט געענטפערט. ער האט בלויז אויפגעהויבען זיינע אויגען צו איהר א קוק געטהאָן, און דאן געשוויגען.

„עס איז וואהר,“ האט זיא פאָרטגעזעטצט, „איך האב נאך אמאל גע־[illegible] אבער, ווען דוא געדענקסט מיך נאך און אויב דוא האסט מיך

געסענט, דאן װעסטו זעלבסט צוגעבען, אז דאס איז ניט מיין שולד. װען איך װאָלט געװאוסט, אז דוא לעבסט, מעגסטו זיכער זיין, אז איך װאָלט מיך געקװעלט ביז אין מיין טויט אריין און אויף דיר געװארט. נאָר איך האב דיך גערעכענט פאר טויט, געשטאָרבען, און דוא האסט קיין זאך געטהאָן מיך צו איבערציינגען, אז דאס איז ניט אזוי. האב איך ניט רעכט?"

דאמור האט ענדליך געשטאמעלט:

„יא, איך האב דיר געשריעבען."

„מיר געשריעבען? דוא? איך שווער דיר, זשאק, אז איך האב קיין בריעף פון דיר ערהאלטען, זייט דער צייט וואס דיא נאכריכט איבער דיין טויט איז פובּ־ליצירט געוואָרען. יא, זשאק, דוא קענסט מיך בעסער וויא יעדער איינער; דוא ווייסט גאנץ גוט, אז איך האב דיר קיינמאל קיין ליגען ניט געזאגט."

דאמור האט געזיפצט."

„עס איז ניט מיין שולד, זשאק," האט זיא ווייטער געזאגט זייענדיג געריהרט. „איך האב זאָגאר א סערטיפיקייט, בעשטעטיגט פון דער רעגיערונג, אז דוא ביסט טויט."

אום זיך פאר איהם צו גערעכטפערטיגען, האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד צום שראנק, געעפענט א שופלאדען, און מיט ציטערענדע הענד, האט זיא ארויס גענומען א פאפיר, וועלכעס זיא האט איבערגעגעבען דאמור׳ן. ער האט דאס געלעזען.

יא, עס איז געווען א טויטענשיין. דאן האט זיא געזאגט:

„נאכדעם וויא איך האב ערהאלטען דיא נאכריכט, אז דוא ביסט טויט, האב איך מיך געזעהען אליין, אונגליקליך און זעהר עלענד. א מאן איז ערשיענען און מיר אָנגעבאָטען מיך ארויס צונעהמען פון מיין ארמוטה, פון מיינע צרות און מיר העלפען... אין דעם בעשטעהט מיין שולד. כל־זמן איך האב געלעבט און דיך גערעכענט פאר טויט, האב איך געוואָלט פערבעסערן מיין לאגע. האב איך דאס ניט בעדארפט טהון? איז דאס א פערברעכען?"

ער האט זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער, און ניט געוואגט צו קוקען אין איהר געזיכט. ער איז געווען מעהר איבערראשט אלס זיא.

פלוצלינג איז צו איהם געקומען א געדאנק, וועלכער האט איהם ערוואכט וויא פון א לאנגען שלאָף. ער האט געפרעגט:

„און וואו איז מיין טאָכטער?"

ביי דיזע ווערטער, האט זיא נאך אמאל אָנגעפאנגען צו ציטערן.

דאמאר האט געבליקט צו איהר מיט איין אונגעדולדיגער מיענע, און זיא האט פרויס געשמאמעלט:

„דיין טאָכטער?"

„יא, מיין טאָכטער."

„איך וויים נים."

„איז זיא טויט?"

„ניין."

„וואס דען?"

„איך וויים נים."

„ווער דען וויים?"

„איך האב זיא נים."

„אבער וואס איז פון איהר געוואָרען?"

„זיא איז אוועק."

„אוועק? וואוהין?"

„איך האב זיא געשיקט וואָהנען מיט מיין טאנטע."

דאמור איז געוואָרען אונרוהיג.

„מיט דיין טאנטע?" האט ער געפרעגט.

זיא האט געשוויגען.

„ענטפער מיר!" האט ער אויסגעשריען.

„זיא איז אוועק, ענטלאָפען; זיא איז אויסגעלאסען..."

דאמור איז געבליעבען שטיל, און זיך אויך בערוהיגט. עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא ער האט זיא נים פערשטאנען.

זיין געזיכט האט אָבער פלוצלינג זיך שטארק פערענדערט, און אויפהויבענדיג זיין פויסט, האט ער איהם ארונטער געבראַכט מיט א גרויסען קראך אויף דעם שראנק, וועלכעס האט פעראורזאכט וואס דאס גלאָזוואַרג, וואס איז דאָרט געשטאנען, האט געקלונגען.

ער האט געוואָלט עפעס זאגען, נאָר ער האט קיין צייט געהאט. גראָדע דאמאלס האט זיך געעפענט דיא טהיר, און צוויא קינדער, א איינגעלע פון א אָהר זעקס, און א מיידעלע פון א יאָהר פיער, זיינען אריין געלאָפען.ביידע קינדער האבען זיך געוואָרפען אויף פעליסי'ס האלז און אויסגעשריען זעהר מונטער:

„גוט מארגן דיר, מוטעריל, מיר זיינען געווען אין גארטען ביים ריום עק פון דער שטראסע... פראנסאאז זאגט, אז מיר מוזען אהיים קומען... אך, מוטעריל, ווען דוא זאלסט וויסען וויפיעל זאמד דארט איז דא, און היתנדעלעך אין וואסער...“

„נענוג, נענוג, נעהט אוועק,“ האט דיא מוטער געענטפערט אונ־הענפליך.

דאן האט זיא גערופען דיא דיענסט:

„פראנסאאז, נעהם זייא אוועק... וויא דום דוא ביסט זייא צו לאזען יעטצט אהיים קומען.“

דיא דיענסט האט עפעס געמורמעלט אונפערשטענדליך.

דיא קינדער זיינען אוועק טרויעריג און פערשעהמט, וועהרענד דיא דיענסט, זיך געפינענדיג בעליידיגט פון איהר בעל־הבית'טע, האט זייא צארענדיג געשטופט פאראויס.

אין פעליסי'ן האט זיך דאמאלס אבגעשפיעלט א דאפעלעס שרעקליכעס געפיהל: ערשטענס האט זיא געשפירט א מין שאנדע וואס זשאק זאל וויסען, אז זיא האט שוין קינדער מיט דעם צווייטען מאן, און צווייטענס האט זיא מורא גע־האט, אז זשאק דאמור, אום זיך נוקם צו זיין אן איהר, וועט ער אוועק גנב'ענען איהרע קינדער. עס איז איהר פארגעקומען, גראדע וויא זיא זעהט איהם אוועק נעהמענדיג דיא קינדער אויף זיינע שולטער און ענטלויפענדיג מיט זייא.

בעררו, וועלכער האט ניט ערהאלטען דיא איינלאדונג זיך צו זעטצען, האט מעהר ניט געוואלט ווארטען שטעהענדיג, און זיך אליין געזעטצט אויף א ברייטען לעהן־שטוהל.

ער איז אויסגעקומען נעבען דאמור'ן, און ער האט געמורמעלט אין זיין אויער:

„דאס זיינען סאניארד'ס קינדער... ממזרים'לעך... און וויא שנעל זייא האבען דאס אויסגעוואקסען, וויא קראפאווע...“

ווען דיא טהיר האט זיך ווידער צוגעמאכט, האט דאמור גענעבען א צווייטען חאק מיט זיין פויסט אין שראנק, און אויסגעשריען:

„איך וויל פון גאר ניט וויסען! איך וויל האבען מיין טאכטער, און איך בין אויך געקומען דיך צו נעהמען!“

פעליסי איז ווידער בלאס געווארען און זיא האט געשפירט וויא שטיקער אייז ציהען זיך איבער איהר קערפער.

„זעטצט דיך, זשאק," האט זיא געמורמעלט. „און לאַמיר אַלעס רוהיג בע־שפרעכען. וואס טויג דיר ווען דוא שרייסט אזוי! כלעבען דאס וועט דיר גאר נים העלפען. און דוא ביסט געקומען מיך נעהמען?"

„יא! יא!" האט ער גערונערט.

זיא האט ווייטער געצוואַלט פאסען מוטה און עפּעס זאגען, אָבער זיא האט נים געקענט.

„דיך נעהמען, פערשטעהסטו? און מאַקי באלד ווסטו מיט מיר מיט־נעהען... איך בין דיין מאַן, דער איינציגער ריכטיגער און געזעטצליכער מאַן... איך אליין האב א רעכט דערצו. וויא זאגסטו, בעררו?"

בעררו האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, יא.

„נו, זיטץ נים," האט ער ווייטער געשריען. „נעהם און ציה דיך אָן, און זייא רוהיג, ווען דוא ווילסט נים דיא גאַנצע וועלט זאָל דערפון וויסען, קום!"

פעליסי האט אויפגעהויבען דיא אויגען צו דאמור'ן און איהם געקוקט גלייך אין געזיכט. אין איהר בליק איז געלעגען א שטודיום; זיא האט זיך בעטראַכט דעם מאַן, וועלכער איז פאר איהר געשטאַנען, וועלכען זיא האט אמאל זעהר גער ליעבט, און וועלכען זיא האט אמאל געשוואוירען צו בלייבען טרייא ביז אין טויט אריין.

„איז דאס געווען דערזעלבער?" האט זיא זיך געפרעגט.

ניין, ניין. יענער זשאק דאמור, וועלכען זיא האט אמאל געליעבט — יא, יענער, איז געווען בעליעבט פאר זיינע מעלות, וועלכע האבען פערדעקט אלע זיינע חסרונות. דיעזער זשאק דאמור וויעדער, וועלכער איז געשטאַנען פאר איהר, האט בייא איהר ארויס גערופען מיטלייד, ערבארמען און סימפאטהיע, אָבער קיין ליעבע.

אין דערזעלבער צייט האט זיין אויסזעהען, זיין האלטונג און זיין בענעהמען, בייא איהר ארויס גערופען איין עקעל.

„וואס!" האט אין איהר געקלונגען א שטימע, „דוא, אזוי וויים, אזוי שעהן, אזוי פעט און צארט, שוין געוואָהנט אין לוקסוס און גוטעס לעבען, וועסטו קענען עקזיסטירען מיט איהם? וועסטו איהם קענען ערטראגען? ער איז דאָך אַלט, אָב־געלעבט און שמוציג?"

פעליסי האט זיך פאַרגעשטעלט דיא פעראייניגונג צווישען מאַן און פרוי, און זיא האט זיך געפרעגט וויא עם וואָלט מעגליך געווען איהר קערפער זאָל זיך לאָזען בעריהרען און ויסען.

א געפיהל פון אבשייא און פעראַכטונג האט זיא בעהערשט, וואס האט ארויס גערופען אויף איהר געזיכט א פעראַכטענדע מיענע.

דאַמור האט שוין געקענט ריכטינגער דענקען וויא פריהער; ער איז געווען פאַלקאָמען ניכטער, און זעהענדיג איהר געזיכט, האט ער דאַרט געלעזען איין ענטפער אויף זיין אויפפאָרדערונג.

„דוא ענטזאגסט אלזאָ,“ האט ער ווייטער געמורמעלט רוים ווערענדיג. „אך! איך פערשטעה. דוא האסט זיך שוין געוועהנט צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א רייכער דאַמע, פון א בריימער בעל־הבית׳טע מיט שליסלען פון שופלאָדען מיט געלד, וועהרענד איך בין איין ארעמער טייפעל; איך האב ניט קיין פלייש־העקערייא, קיין שופלאדען געלד צו טהון דערמיט וואס דוא ווילסט... דאַן, יא, האסטו דאָך שוין א פּאאר ממזרים׳לעך, וועלכע זיינען דאָ פריהער געווען; דוא זעהסט אוים זייא ליעבער צו האבען וויא לואיז׳ן. יא, יא, אזוי איז דאס, ווען א פּרויענצימער איז ניעדריג גענוג צו לאָזען איהר טאָכטער געהען צום טייפעל, דאַן קען זיא אויך לאָזען דעם פאטער פון דער טאָכטער, זיך אויפהיינגען... אָבער בייא מיר בלייבט עס גלייך. מיך קימערט קיין זאך; אַלעס וואס איך וויל איז, דוא זאָלסט מיט מיר יעטצט געהען. האב קיין מורא ניט, דוא וועסט געהען, ווייל אזוי וויל איך. און ווען דוא האסט קיין חשק ניט דערצו, דאַן ווייסטו דאָך, וועל איך אוועק צו דער פּאָליצייא, נעהמען א קאָמיסאַר און מיט דער הילף פון א פּאאר זשאנדארען, וועסטו שוין געהען... איך האב א רעכט דערצו, דוא פערשטעהסט! איך האב א רעכט! וויא זאגסטו בעררו?“

בעררו האט געמאַכט איין ערנסטע מיענע און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אז זיין פריינד האט רעכט. אונטערדעסען, האט איהם דיא גאנצע סצענע פּרעכטיג אמוזירט.

דאַן האט אָנגעפאנגען א וואָרט־שטרייט צווישען דאַמור׳ן מיט זיין ווייב. דאַמור איז געוואָרען ווימהענד, און פּאָליסי, שוין ניט וויסענדיג וואס צו זאגען, איז זיא געבליעבען פערצווייפעלט. בעררו האט איבערגעדענקט וואס דאָ געהט פאָר, און בעשלאָסען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון איין עהרענמאַן, וועלכער וויל ביידע פּארטייען צופריעדען שטעלען.

„עס איז אמת, זשאק,“ האט ער אונטערבראָכען זיין פריינד, „אז דוא האסט רעכט. דאס געזעטץ איז אויף דיין זיים. אָבער, דיא וואהרהייט איז, איך קען קיין אונרעכט ניט זעהען און איך מוז אימער האַנדלען לויט נאך דיא צושטענדען, וויא עס פּאסט פאַר א געוויסענהאפטען מענשען מיין מיינונג איז, דאס איידער מיר

פאסען דאָ א בעשׂלום. איז עס א יושר, מיר זאָלען זיך אויף צוזאַמענריידען מיט מאַנסיע סאניאַרד. וויא דער אמת איז, האט ער דאָך קיין שולד אין דער גאַנצער געשיכטע. יאָ, מען מוז מיט איהם איבעררײדען, אָבער, ער איז גראדע יעטצט נישטאָ...״

ער האט זיך דאַן זעלבסט אונטערבראָכען, און זיך ארום קוקענדיג צו דאָר־מור׳ן און פּעגיסי׳ן, האט ער ווידער אָנגעפאַנגען מיט א נאכגעקרימטער געריהרטע שטימע:

„איהר קענט זיך קוים פאָרשטעלען וויא אונאַנגענעהם מיר איז דיא גאַנצע געשיכטע. איך בעדויער אייך ביידע; איהר זייט ביידע צום בעמיטליידען... און מיין פריינד זשאַק קען נים פיעל וואַרטען... אַך, מאַדאַם! ווען איהר זאָלט וויסען וויא ער האט געליטען! און יעטצט, צו דער געגענוועדטיגער צייט, שוין נאָך אלע צרות, נעהמט ער אויס פאַר הונגער... פון איבעראַל האט מען איהם פערשטויסען... ער האט קיין מקום מנוחה... ווען איך האב איהם בעגעגענט, האט ער שוין נים געהאט געגעסען דרייא טעג...״

פּעגיסי, וועלכע איז ביז יעטצט געווען ערשראָקען און אויפגערעגט, איז איבערגעגאַנגען אין א צושטאַנד פון צערטליכקייט. זיא האט אויפגעציטערט, און איהרע אויגען האבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען, דאַן האט זיא אויס־געשריען:

„פערצייהע מיר, פערצייהע מיר!״

זיא האט ווייטער געוואָלט רעדען, נאָר דיא טרערען האבען דערשטיקט איהר שטימע. ווען זיא האט זיך ווידער עטוואס בערוהיגט, האט זיא געזאגט:

„זשאַק, מיין אונגליקליכער זשאַק! דוא זעהסט אליין און פערשטעהסט, אז איך בין אונשולדיג. גאָט האט אזוי געוואָלט, און מיר מענשען קענען נים פער־הינדערן זיין ווילען. אָבער יעטצט קענען מיר שוין מעהר נים ענדערן וואס דאס שיקזאל האט בעשטימט. וואס איז געשעהען, איז געשעהען. עס איז פערפאַלען. אנדערש קען עס שוין מעהר נים ווערען. אָבער איך וויל נים דוא זאָלסט זיין אונ־גליקליך.. איך קען דיר העלפען, און מוז דיר העלפען... איך בעט דיך, דוא זאָלסט מיר ערלויבען איך זאָל דיר העלפען...״

דאמור האט אויפגעהויבען זיין האַנד אום אָנצוצייגען, אז ער וויל נים איהר הילפע.

פעגיסי האט פערשטאַנען זיין מיינע און זיך אריין געמישט:

„געווים, געווים," האט ער שנעל געזאגט. „אין דיעזען הויז איז דאָ אל־דאס גוטס, און עס אויך דיין פרויים פליבט זיא זאָל דיך פון דאנען ניט אוועק לאָזען מיט לעדיגע הענד... דוא קענסט ענטזאגען איהר געלד, אָבער א פרעזענט מוזטו אקצעפטירען."

דאן, זיך ווענדענדיג צו פעליסי׳ן, האט ער געזאגט:

„ווען איהר זאָלט איהם געבען ווענינסטענס עפעס א שטיקעל פלייש, וואָלט ער זיך געקענט אָבקאָכען דערפון אביסעל זופ און זיך דערקוויקען זיין הארץ."

„אך, מאָנסיע בעררו! וואס ער וויל, וואס ער ווינשט וועל איך איהם געבען," האט פעליסי געענטפערט גערירהט.

דאמור האט זיך אומגעקוקט אויף ביידע געזיכטער, פון זיין זאָ־גענאנטען פריינד און פון זיין געוועזענער פרוי. ער האט אנפאנגס אזוי וויא ניט בעגריפען וואס דאָרט געהט פאָר. דאן, פלוצלינג אויסברעכענדיג אין א וויטהעטענדען צאָרן, האט ער אויסגעשריען:

„איך דאנק דיר! איך דאנק דיר! ניין, ניין! איך וועל ניט פערזוכען און ניט געניעסען קיין זאך פון דיעזען הויז!"

דאן, בלייבענדיג שטיל אויף אייניגע אוינגענבליקען, גראדע וויא ער האט זיך איבערגעדענקט זיין נעכסטען שריט, איז ער צוגעגאנגען צו זיין פרוי, און איהר בליקענדיג שארף אין דיא אויגען, האט ער געזאגט:

„דיך אליין וויל איך, קיין אנדערע זאך; דיך אליין, דוא ביסט מיינע, און קיין אנדערער מאן האט א רעכט איבער דיר. אך, פעליסי, פעליסי..."

ער האט דערבייא אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

פעליסי האט צו איהם געקוקט מיט טרערען אין איהרע אויגען, און זייענדיג ווידער גערירהט פון זיינע ווערטער, האט זיא אויפגעהויבען איהר האנד און געלעגט אויף זיינע שולטער.

„הער מיך אויס, זשאק," האט זיא אָנגעפאנגען. „גאָט האט געוואָלט אונזער פעראייניגונג און ער האט אונז צוזאמענגעפיהרט אין אונזער יוגענד. דוא ווייסט, זשאק, אז איך האב דיך געליעבט, וויא נאָר א פרויען־הארץ קען ליעבען. איך שווער דיר אויף יעטצט, זשאק, אז כל־זמן מיר זיינען געווען צוזאמען, האב איך ניעמאלס געדענקט אן איין אנדערן מאן, און אוים ליעבע צו דיר, האב איך מיר אימער געווונשען איך זאָל שטארבען פאר דיר, און קיין אנדערער מאן זאָל מיך מעהר בעזיטצען.

„איך האב מיט דיר צוזאמען געגאָסען דעם בעכער פון פאמיליען־גליק און מיט דיר צוזאמען געטרונקען דעם גיפט פון שמערץ, נויט, אונגליק און פערצווייפ־לונג. האב איך מיך אמאל בעקלאָגט? ווען איך האב דיר אפילו אמאל געמאכט א פאָרוואורף, איז ער געווען מילד אין געלאסען, און איך האב דאס מעהר געטהאָן אויס ליעבע צו דיר, וויא אויס מיטלייד אויף מיר.

דאַן איז געקומען דאס אונגליק און אונז ביידע געשיעדען. א שיף האט דיך אוועק געפיהרט מעבר־לים און מיך צוריק געלאָזען א לעבעדיגע־אלמנה מיט פער־צווייפעלטע האָפנונגען. אונטערדעסען האב איך בעשלאָסען צו ווארטען אזוי לאַנג, ביז דוא וועסט ענטוועדער צוריק קעהרען, אָדער דער טויט וועט מיך בעפרייען פון מיין קוואלפאָלעס לעבען.

„פלוצלינג איז געקומען דיא נאַכריכט, אז דוא ביסט טויט. דיעזע נאַכריכט האט מיך געטראָפען וויא א בליטץ. טעג און וואָכען בין איך געזעסען אין א פער־ווירונג, ביז מיין עלענד און מיין נויט, האבען מיך אויסגעניכטערט צו דיא ווירק־ליכקייטען פון לעבען. איך האב געוויינט נאך דיר און געקלאָגט, אָבער איך האב נימ געקענט זעטען מיין הונגריגען מאָגען און דעם הונגריגען מאָגען פון אונזער קינד, מיט טרערען.“

דאמור האט דאבייא ארויס געשטויסען א טיעפען זיפץ און ארונטער גע־לאָזען זיינע אויגען צום פוס־באָדען, אָהנע ער זאָל וואגען צו קוקען אויף זיין פרוי. בעררו האט זיך אומגעווענדעט צו דער וואנט, און פעליסי האט פאָרטגע־זעטצט:

„לואיז האט געוואקסען און אָנגעפאנגען צו ווערען איין ענטוויקעלטעס פרויענ־מער. זיא פלעגט ארויס געהען אויף דער גאַס, נאַכדעם וויא זיא האט פערגאָסען טרערען צו הויז. זיא איז ארויס געגאנגען זוכען עסען. אלס מוטער, וועלכע דענקט, אז איהר קינד איז דיא אונשולד זעלבסט, האב איך מיר נאר ניט געקענט פאָר־שטעלען, אז מיין קינד, וועט זיך פערקויפען צוליעב א שטיקעל ברויט...“

פעליסי האט דאבייא אָנגעפאנגען צו וויינען, און מיט דיא טרערען לויפענדיג פון איהרע אויגען, האט זיא ווייטער געזאגט:

„מיט דער גאַנצער ליעבע צו דיר און מיט דער שמערצהאפטער עראינערונג אן אונזער לעבען, האב איך אָנגעפאנגען צו דענקען וואס איך קען טהון אום צו רעטען דיין קינד פון אונטערגאנג. א מאַן, איין עהרענהאפטער מאַן, איז פאר מיר ערשיענען און מיר אָנגעבאָטען זיין האנד. ער האט מיר פערשפראָכען צו לינדערן מיין שמערץ און אונטערברעכען מיין הונגער. אָבער, גלויב מיר, זשאַק, אז ווען איך

אליין וואָלט געלעבט, וואָלט איך פיעללייכט מיר נאך איבערגעדענקט דיעזען פּאַר שלאַג, אָבער איך האב געדעכענט צו רעטען דיין קינד׳ דיין טאָכטער, און איך האב שנעל איינגעשטימט...״

„נאָר דוא האסט זיא דאָך ניט גערעטעט!״ האט זשאַק אויסגעשריען אין צאָרן.

„ניין, ניין, איך האב זיא ניט גערעטעט,״ האט פעליסי געענטפערט, „ווייל עס איז שוין געוועזען צו שפּעט, עס איז שוין געוועזען נאך אלעמען. דאס אונבארמ־הערציגע שיקזאל האט שוין ביז דאמאלס רואינירט אונזער קינד, און דיא האָכצייט האט איהר שוין ניט געקענט העלפען. איך האב אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט זיא וועניגסטענס נאכהער צוריק צו ציהען פון איהר שלעכטען וועג, אָבער איך האב מעהר ניט געקענט. זיא איז אוועק אויף א וועג, פון וואנען מען קעהרט זעלטען צוריק...״

„און דוא אליין ביסט געבליעבען דיא גליקליכע!״ האט דאָקטור וויעדער אויסגעשריען ווּטהענד.

„יאָ, אויב דוא קענסט עס רופען גליקליך,״ האט זיא געזאגט, „דאן בין איך אליין געבליעבען דיא גליקליכע. סאניארד האט מיך געשעטצט און געאכטעט, און אונזער פעראייניגונג האט אָנגעפאנגען צו טראָגען פריכטע, און יעטצט...״

„יעטצט וויל איך דוא זאָלסט איהם שיקען צום טייפעל!״ האט דאָקטור אויס־געשריען געבענדיג א קלאַפּ מיט זיין פויסט אויף׳ן טיש.

פעליסי איז צוריק געשפּרונגען פון נעבען איהם. איין עקעלהאפטע פעראַכ־טונג האט זיך אין איהר ערוועקט, און זיא האט זיך אָבגעווענדעט מיט א שוידער.

דאָקטור׳ס צאָרן איז אויסגעבראָכען... געשטיגען און האט אָנגעפאנגען צו שרייען, אז ער וועט צוברעכען אלעס אין הויז, און, צום שלוס, האט ער גערופען דיא ווינענדע פעליסי מיט דיא שענדליכסטע נעמען.

„איך ווייס ווער דוא ביסט און וואס דוא ביסט,״ האט ער געזאגט. „דוא ביסט געוואָרען א שמוטציגע און אבשייליכע גאסען־פרוי, דאן האסטו דיך פער־קויפט צו איין אַלטען וויסטלינג, און יעטצט ביסטו דיא ניעדריגסטע אין דער וועלט!״

דיא האט עפּעס געוואָלט זאגען, נאָר ער האט זיא אונטערבראָכען.

„זאָפאָרט זאָלסטו מיר געבען מיין טאָכטער׳ס אדרעסע! דוא הערסט, זאָ־פאָרט! איך ווייס, איך ווייס, דוא האסט זיא פערקויפט אין דער שענדליכקייט.

געלעבט פון איהר שאנדע, און דאן, ווען זיא איז קלינער געוואָרען, האסטו פון איהר מעהר ניט געוואָלט וויסען. דאס אלעס ווייס איך אליין, נאָר איך וויל יעטצט האבען איהר אדרעסע, פון איהר אליין אלעס ערפאהרען, און דאן זאָלסטו וויסען ווער איך בין. דוא הערסט, איהר אדרעסע וויל איך!"

ער האט געכאפט א שטוהל און איהם געגעבען א וואָרף צו דער ערד.

פעליסי האט געציטערט.

„איך ווייס ניט איהר אדרעסע," האט זיא געמורמעלט.

„דוא ווייסט יא!" האט ער געשריען.

„גלעבען איך ווייס ניט!"

„שווייג, אויסגעלאסענע! דוא ווייסט יא!"

„בייא מיין וואָרט איך ווייס ניט!"

„אזא ניעדריגע וויא דוא ביסט, האט קיין וואָרט ניט!"

„דוא ווילסט מיר ניט גלויבען?"

„ניין!"

„אלזאָ, קען איך דיר ניט העלפען."

„דוא מוזט מיר אָנצייגען א וועג וועניגסטענס, וויא אזוי איך קען דיא געפינען."

„געה אריין אין דער פאָליציא־פּרעפעקטור און דאָרט וועסטו געוויס אלעס ערפאהרען."

פעליסי האט געשפּראָכען דיא לעטצטע ווערטער אָבוועגדענדיג איהר געזיכט פאר שאנדע.

דאמור האט צו איהר געבליקט און געמורמעלט:

„און דאס הייסט פרויען־ליעבע! זיא האט מיך געליעבט, זאגט זיא; גע־ליעבט, חא, חא, חא!"

ער האט נאך אמאל געגעבען א קלאפּ אין טיש, און אויסגעשריען:

„אלזאָ, גוט! בייא אלע טייפלען! איך געה... יא, יא, איך געה... אָבער עס איז נאָר דערפאר, וויל איך וויל... נאָר מיין ניט, אז מיט מיין געהען ביסטו שוין פּטור געוואָרען פון מיר. איך וועל נאך צוריק קומען ווען דיין בעל־הבית וועט דאָ זיין. איך וועל פון אייך אלע מאכען איין ענדע: פון איהם, פון דיר, פון דיא ממזרים און פון דער גאנצער באנדע... ווארט, ווארט, איך וועל אייך ווייזען ווער עלטער איז!"

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויסגעווענדעט, און אויפהויבענדיג די פויסט, איז ער ארויס פון דעם צימער, דאן אין דרויסען.

דאמור האט זיך געשפירט ערלייכטערט אויף'ן הערצען.

בעררו איז צוריק געבליעבען אביסעל, און זייענדיג זעהר צופריעדען וואס ער קען דא שפיעלען א ראָלע, האט ער געזאגט צו פעליסי'ן:

„איהר האט ניט וואס מורא צו האבען, איך וועל איהם ניט לאָזען ער זאָל אייך עפּעס טהון... עס איז שוין מיין פליכט אום צו זעהען פערהינדערן עס זאָל ניט פּאסירען עפּעס אונאנגענעהמעס.“

בעררו האט זאָגאר געפּאסט מוטה און גענומען איהר האנד און זיא געקושט דיא האט איהם געלאָזען דאס טהון, ווייל זיא האט זיך געפיהלט מאכטלאָז.

אין יענעם אוינענבליק האט זיא געשפירט, אז זיא האט פאָלקאָמען אונריכטיג געהאנדעלט, און אָבוואָהל זיא האט אין איהר הארצען געהאסט דאמור'ן, דעננאך האט זיא גערעכענט, אז ער האט רעכט, און איהר גאנצע וויללענס־קראפט איז צו זאמענגעבראָכען געוואָרען.

„איך בין זיינע,“ האט זיא זיך געטראכט, „זיין איינענטהום, זיין פרוי, זיין שקלאפין, און ער האט א רעכט צו טהון מיט מיר וואס ער וויל. מיין ליעבע, מיינע געפיהלע, האב איך ניט געטאָרט וועקסלען. נאָר איינמאל מוז א פרויענצימער הייראטהען און ניט מעהר...“

זיא האט זיך דאמאלס דערמאָהנט אן א געשיכטע וואס זיא האט אמאל געהערט איבער א פאָלק אין אזיען, דאס ווען דער מאן שטארבט, בעגראבט מען זיין פרוי לעבעדיגערהייט מיט איהם.

„הלוואי וואָלט מיט מיר דאסזעלבע פּאסירט,“ האט זיא זיך געטראכט, „וואָלט איך יעטצט פערשפּארט דיעזע אלע צרות.“

עס איז קיין צווייפעל, דאס ווען דאמור וואָלט זיא דאמאלס אָנגענומען בייא דער האנד, וואָלט זיא מיט איהם געווים מיטגעגאנגען.

זיא איז געבליעבען שטעהען ווויא פערשטיינערט און זיך צוגעהערט צו דיא שריט פון דיא ביידע מענער וויא זייא זיינען ארויס.

דיא טהיר איז געשטאנען אָפען און זיא האט אריין געקוקט אין דער פלייש־העקערייא. זיא האט געזעהען איינעם פון דיא איינגלעך האקענדיג א שטיק פלייש און קוקענדיג הינטער־ארום צו איהר מיט פערגנב'עטע בליקען, אום צו זעהען וואס זיא טהוט

דאַן האָט זיא געהערט שטימען אויסרופענדיג דאָס געזיכט פון פלייש פאַר שהיילם צו דיא קונים.

אונטערדעסע האָט זיא זיך דערמאָהנט, אַז זיא האָט געלאָזען דאָס געשעפט צו פיעל אויף פרעמדע הענד און דער האַנדלונגס־גייסט האָט זיך אין איהר ערוועקט און לאַנגזאַם בערוהיגט איהר אויפרעגונג.

זיא איז אַרויס פון צימער און איז צוגעגאַנגען צום שופלאַדען וואו זיא איז פריהער געשטאַנען. איהר געזיכט איז געווען בלאַס און איהרע ליפען האָבען קראַמפּפהאַפט געציטערט. אָבער זיא האָט זיך שטופענווייז בערוהיגט און אָנגעפאַנגען וויעדער דיא אַלטעגליכע בעשעפטיגונג.

איינער פון דיא אינגלעך האָט איהר צוגעבראַכט א 5־פראַנק־שטיק און איהר געזאָגט זיא זאָל אַרויס געבען רעסט.

זיא האָט אָבער ניט פערשטאַנען אויף'ן פלאַטץ וואָס ער זאָגט או איהם איבערגעפרעגט:

„וויפיעל זאָל איך פערהאַלטען?“

„דרייא און א האַלבען פראַנק,“ האָט ער געענטפערט.

זיא האָט דאַן געגעבען רעסט.

4.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט זשאַק דאַמור געהאַט דאָס גליק וואָס דער שטייך האַקער האָט איהם אויפגענומען צו וואַכען איבער זיין געציַיג בייא דער אַרבייט אין האָטעל־דע־וויל. אויף דיעזער אַרט, האָט זשאַק דאַמור אָנגעפאַנגען אויפצופּאַסען אויף דעם האָטעל, וועלכען ער האָט געהאָלפען פערברענען מיט 10 יאָהר צוריק, צור צייט פון דער קאָמונע.

אין אַלגעמיינעם, איז דאָס געווען א גאַנץ לייכטע אַרבייט, אָדער אַזאַ מין בעשעפטיגונג וואָס מאַכט שלעפעריג, פויל און העלפט צו מאַכען אונפעהיג א מענשען וואָס איז געוואָהנט געווען צו זיין טהעטיג

בייא נאַכט פלעגט ער אַרום געהען צווישען דער האַלב־פערטיגער אַרבייט, ביז ער האָט זיך אַוועק געזעטצט אויף א זאַק סעמענט און איז דאָרט איינגעשלאָפען.

וואָס עס אַנבעלאַנגט זיין פרוי און זיין פערשפּרעכען אַהין נאָך אַמאָל צו קומען, האָט ער אפילו דאַריבער נאָך אַמאָל געדענקט, אָבער ער האָט מעהר דאַריבער ניט געשפּראָכען.

אין א גאנץ פריזה אין בעררו בייא איהם ערשיענען און איהם איינגעלאדען ער זאָל געהען מיט איהם עסען פריהשטיק און עפּעס טרינקען.

דאַמור האט אַקצעפּטירט דיא איינלאדונג.

וועהרענד זייא האבען געטרונקען און מען האט שוין געהאלטען ביים דריטען ליטער וויין, האט דאַמור אויסגעשריען:

„מאָרגען נעהמט פון אַלעמען איין ענדע!“

„וואס מיינסטו?“ האט בעררו געפרעגט.

„איך מיין, אז פון איהר נעהמט איין ענדע.“

„וואס ווילסטו טהון?“

„איבערשניידען איהר האלז!“

„געה שוין געה.“

„איך שווער דיר, אז אזוי ועט עס זיין!“

„אָבער זיא איז דאָך ניט שולדיג?“

„איך וויים, אָבער איך וועל זיא מיט איהם און מיט דיא ממזרים צוזאמען אויסקוילען, וויא מען קוילעט אָקסען!“

אויף'ן אנדערן טאָג איז דאַמור געבליעבען בייא זיין ארבייט.

פון יענעם טאָג אָן, האט דאַמור געהאט א טבע נאָר אויפגערעגט צו ווערען, ווען ער האט זיך אָנגעשיכור'ט.

„איך האב רעכט!“ פלעגט ער שרייען אין זיין בעזויפענהייט. „קיין מענש קען מיר אָבלייקענען מיין רעכט! דיא גאנצע וועלט מוז זאגען, אז איך האב רעכט!“

אָבער אזוי שנעל וויא ער האט זיך אויסגעניכטערט, איז ער ווידער געווען שטיל. ער האט אָנגעהויבען צו ווערען טרויעריג און זיך געשעהמט פאר זיין אייגענער פערזאָן.

בעררו איז געווען זעהר אונצופריעדען דערפון, און ער האט איהם אין א טאָג געזאָגט:

„הערסטו זשאַק, דוא ביסט א לעמעשקע, א געזונטע־לעבער, נאָך ערגער פון א פרוי, דוא קענסט נאָר פּלוידערן, און ווען עס קומט צו עפּעס, פערלירסטו דיין מוטה. מענסט זיך שעהמען. קיין מאן וואָלט געקענט אזוי האנדלען וויא דוא. בייא גאָט, ווען איך וואָלט געווען אויף דיין שטעלע, וואָלט איך שוין געוואוסט וואס איך האב צו טהון.“

דאמור האט איהם אנגעקוקט מיט איין ערנסטען בליק, און געמורמעלט:

„דאן איז דער איינציגער וועג זיא צו הרג'ענען. איך וויים עס, אז דאס מוז איך טהון. אבער דיא וואהרהייט איז, איך מוז אבווארטען דיא געלעגענהייט, ביז דער ריכטיגער כעס וועט מיר אנקומען."

בעררו, ווען ער האט איהם בעגעגענט, האט ער ניט אויפגעהערט איהם צו מאכען פארווירפע פאר זיין ווייכהערציגקייט און דערפאר וואס ער איז „א לער מעשקע", וויא ער פלעגט דאס אנרופען.

„איך וואלט עס מיר קיינמאל ניט געגלויבט," האט ער אין א טאג געזאגט, „אז א מענש, וועלכער האט געקענט אנטהייל נעהמען אין דער קאמונע, אז א מענש, וועלכער האט געקענט שטעהן צוואנציג שטונדען דורכאנאנד אויף דיא באריקאדען, און פון דארט האלטען אין איין שיסען אויף דיא סאלדאטען, זאל פלוצלינג ווערען אזא דומקאפ און פערגעסען אן דיא פליכטען פון איין עהרענמאן."

אין איין אבענד, איז ענדליך דאמור אוועק ביז צו דער מאנסיי שטראסע און האט זיך דארט אוועק געזעטצט. ער איז אזוי אבגעזעסען אויף א באנק איבער א שטונדע, נאר עס האט איהם געפעהלט דער מוטה אריין צו געהען אין דער פליישהעקערייא, און ער האט ווידער צוריק געקעהרט צו זיין ארבייט.

אויף'ן אנדערן טאג האט ער געמיינט, אז ער האט געזעהען פארבייא פאהרען זיין טאכטער נעבען האטעל־דע־וויללע, און זיא איז געזעסען אויף א פראכטפאלער דראשקע צווישען זיידענע קישען.

ער האט דאס מיטגעטהיילט בעררו'ן.

„איך האב דערקענט איהרע געזיכטס־ציגע," האט ער געזאגט, „און איך וואלט געקענט שווערען, אז זיא איז עס!"

בעררו האט פערשפראכען צו מאכען נאכפראגען; ער איז זיכער געווען, אז ער איז אימשטאנדע אויסצוגעפינען לואיז'עס אדרעסע אין 24 שטונדען צייט.

„אבער ניין, ניין, איך וויל ניט!" האט דאמור פלוצלינג אויסגערופען, „ניין, ניין, בעררו, פרעג זיך ניט נאך איבער איהר, איך וויל זיא ניט קענען. נאט וויים דעם אמת, אז איך וועל איהר ניט קענען קוקען אין פנים אריין... אזא פרויענצימער, אזא פרויענצימער און מיין טאכטער!"

„זיא איז ניט שולדיג," האט בעררו בעמערקט.

„ווער דען?"

„ריין פרוי!"

„דאס איז ריכטיג.“

„דוא האסט יעטצט איין אנדערע פליכט,“ האט בעררו ווייטער געזאגט.

„וואס פאר א פליכט?“

„דוא זאלסט זיא אויפזוכען?“

„צו וועלכען צוועק?“

„אום דוא זאלסט זיך פאר איהר צייגען.“

„און וואס וועט זיין?“

„זאל זיא ווענינסטענס קענען איהר פאטער.“

דאמור האט נאכגעדענקט און זיך פארגעשטעלט דאס בילד, אז דיעזע שעהנע, עלעגאנטע און רייכע דאמע איז זיין טאכטער, און נאך אלעמען, וואלט עס דאך ניט אזוי שלעכט געוועזען מיט איהר צו זיין בעקאנט ווען זיא איז אזוי רייך.

דיא אידעע, אז זיא איז אויסגעלאסען, און לעבט פון שאנדע, האט אויפגעקאכט זיין בלוט.

ער איז אוועק און זיך געקויפט א מעסער.

דאס מעסער האט ער זיך אבגעקליעבען לויט דעם מאדעל וואס ער האט געזעהען איטאליענער טראגען אין זייערע גארטלען. עס איז געוועזען א צוויישארפיגעס מעסער, זעהר בלאנק און גלענצענד און מיט א שארפען שפיטץ.

ער האט דאס מעסער געצייגט בעררו'ן, וועלכער האט דאס בעטראכטעט שטילשווייגענד.

„וויא געפעלט דיר דאס?“ האט ער געפרעגט.

„איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט,“ האט בעררו געענטפערט, טראָטץ וואס ער האט גאנץ גוט פערשטאנען.

„איך וועל דעם פלייש־העקער לאזען בלוט דערמיט,“ האט דאמור געזאגט.

דאמור האט אין דער לעטצטער צייט זיך שטארק פערליעבט אין דער פראַזע, דאס ער וועט לאזען בלוט דעם פלייש־העקער, זיין פרוי'ס מאן.

„יא, יא,“ האט ער ווידערהאלט מיט א שפאטישען שמייכעל, „מיט דיעזען מעסער, וועל איך לאזען בלוט דעם פלייש־העקער, איהם אויפמאכען דיא אדערן, און דאן וועל איך דאסזעלבע טהון מיט פעליסי'ן און מיט דיא ממזרים — הא, וויא זאגסטו, איז דאס ניט א גוטע אידעע?“

בעררו האט איהם אוועק גענומען אין א וויינשענק און אָנגעפּאַנגען צו טרינקען. דאָרט האט ער מיט איהם געהאט פאָלגענדע אונטעררעדונג:

„געה שוין, געה, רעד ניט אזעלכע דומהייטען."

„דאס איז ניט קיין דומהייטען."

„יא, עס איז דומהייטען!"

„און מיין עהרע?"

„דוא האסט פאַלקאָמען רעכט."

„דאן מוז איך דורכפיהרען מיין ראכע."

„דוא דאַרפסט עס ניט טהון."

„און ווער וועט מיך הינדערן?"

„איך, דיין פריינד!"

„ווארום?"

„ווייל דאס איז א געפעהרליכער שריט."

„עס איז גאַר ניט געפעהרליך."

„עס איז יא געפעהרליך, ווייל מען מאַכט דערפאַר קירצער מיט א קאָפּ, און דאַן ווערט גאַר ניט פון דער גאַנצער ראַכע. הער מיך אויס, זשאַק, יעדער דומקאָפּ פערגעסט פריהער אויסצורעכענען וואס שפּעטער וועט זיין, נאָר דיא איבעראיילטע דומקעפּ, האבען אימער נאכהער חרטה ווען זייא שטעהען שוין בייא דער גילאָטינע. דיא גילאָטינע! דאס איז איין אונאַנגענעהמע מאַדאַם מיט איהר חתונה צו האבען. דיא שטרעקט אויס איהר שטאָהלענעם אַרעם און מאַכט פליק! דאַן איז מען קירצער מיט א קאָפּ."

דאַמאַר פלעגט איהם אָנקוקען מיט א דומער מיענע אויף זיין געזיכט, און ווידערהאָלט מיט א האַרטנעקיגען שמייכעלע:

„ווייס איך וואס דוא זאָגסט... איך מוז איהם אויפמאַכען דיא אָדערן, דאַן וועל איך דאסזעלבע טהון מיט פעליסי'ן און מיט דיא ממזרים."

„ווייסט וואס, זשאַק? מיר דאַכט, אז מיר מוזען ווערען אויס גוטע ברידער."

„ווער? דוא?"

„יא."

„ווארום?"

„ווייל דוא ביסט א האַרטנעקיגער דומקאָפּ."

„ניין, ניין, דוא בלייבסט מיין פריינד!"

„אָבער דוא דארפסט זיך בעסערן."

„וואס ווילסטו פון מיר?"

„איך וויל דוא זאָלסט אויפגעבען דיא מאָרד־אידעע. עס איז ניט וועגען זייא; דער פליישהעקער און פעליסי, האבען עס פיעללייכט עהרליך פערדיענט, אָבער אום דורכצופיהרען אזא שטראפע, קאָסט עס צו טהייער. נאך מיינער מיינונג, איז דאס געווען דיא פליכט פון געזעטץ זייא אלע הינצוריכטען, אָבער דאס געזעטץ, וויא דוא ווייסט, איז ניט אויף אונזער זייט. דערפאר מוזען מיר שווייגען."

דאמור האט איהם אָנגעקוקט.

„הער אויס, זשאק," האט בעררו פאַרשנעזעטצט, „איך וויל דוא זאָלסט מיר געבען דיין האנד, אז דוא וועסט קיין נארישקייט בעגעהען."

דאמור האט איהם געגעבען דיא האנד, און שטיללערהייט האט ער גע־מורמעלט:

„ווארט, ווארט, איך וועל איהם נאך לאָזען בלוט..."

בעררו האט דאס אפילו גאנץ גוט געהערט, נאָר ער האט זיך געמאכט ני־העהרענדיג.

אייניגע טעג זיינען פאַראיבער, דאמור האט געטראָגען דאס מעסער אין זיין גאַרטעל, געחלום׳ט פון הרג׳ענען, נאָר ווען ער איז געווען וואכענדיג, האט ער קיין זאך געקענט טהון.

אונטערדעסען אָבער, האט עפּעס פּאסירט, וואס האט אויסגעזעהן צו צווינגען דיא געשיכטע זאָל קומען צו א קריזיס. דאמור איז ענטלאסען געוואָרען פון זיין אַרבייט, אונטער דער בעהויפּטונג, אז ער איז גאנץ אונפעהיג צו ערפיללען זיינע פליכטען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואס אין א שטירמישער נאכט, וועהרענד ער איז פעסט איינגעשלאָפען אויף א זאק סעמענט, האט יעמאנד דאן צוגעגנב׳עט א שטיק געצייג. אזא וועכטער איז אלזא געווען אונניטצליך און מען האט איהם געהייסען געהען.

דאן האט ער אָנגעפאנגען צו פיהרען א טרויעריגעס לעבען. ער האט גע־תונגערט, געלאָפען איבער דיא גאסען זוכענדיג א בעשעפטיגונג, און אזוי וויא ער איז נאך אימער געווען צו שטאָלץ צו בעטען, איז איהם אויסגעקומען צו שטארבען. ער פלעגט זיך אָבשטעלען בייא דיא רעסטאָראנען און מיט ליפען פון וואנען עס איז געלאָפען דאס שפייעכץ, האט ער געבליקט מיט ווילדע אויגען צו דיא פער־שיעדענע שפייזען וואס מען האט אויסגעטהיילט צו דיא געסט.

אנשטאט דאס זאָל איהם שטאַרקען, האט עס איהם נאך מעהר אָבגע־שוואכט און קוים וואס ער איז געשטאַנען אויף דיא פיס, האט ער זיך אוועק גע־שלעפט ווייטער.

וואוהין? האט ער אליין ניט געוואוסט.

וואס עס אנבעלאַנגט דיא געגענד וואו זיין פרוי האט געוואָהנט, האט ער זיך ניט געוואגט צו צייגען. ער האט געטראָגען א שמוטציגעס העמד און צעריסענע קליידער, און זיא, כוטש נאך זיין אנזיכט, האט איהם ניט בעדאַרפט זעהען אין אזא צושטאַנד.

פעליסי ווידער, איז געווען זעהר אונרוהיג.

נאך דער אונטעררעדונג וואס זיא האט צום ערשטען מאל געהאט מיט דאַמור'ן, האט זיא אליין ניט געוואוסט וואס זיא קען טהון. ווען דער אבענד איז געקומען און איהר מאַן איז ערשיענען, איז זיא געווען בעטריעבט און ניעדערגע־שלאָגען, אָבער זיא האט ניט געוואוסט וויא אזוי מען פאַנגט אָן איהם צו דערצעהלען וואס עס האט פּאַסירט.

אויף'ן אַנדערן טאָג ווידער, האט דיא אידעע, דאס זיא האט איהם ניט דערצעהלט, זעהר געפּלאָגט איהר געוויסען.

זיא איז אוועק אין א ווינקעל און זיך גוט אויסגעוויינט.

„מיין גאָט, מיין גאָט!" האט זיא געקלאָגט, „ווארום האסטו מיך אזוי ביטער געשטראָפט?"

זיא האט איבערגעקלערט איהרע ווערטער און אויסגעפונען, אז זיא מיינט דאַרונטער, אז גאָט האט זיא געשטראָפט דערמיט וואס זשאק דאַמור לעבט.

„האב איך א רעכט צו פערלאַנגען זיין טויט?" האט זיא זיך געפרעגט. „האט ער דען נאך ווייניג געליטען אויף דער וועלט? האב איך איהם דען ניט גע־ליעבט? און ער? ער ליעבט מיך נאך עד־היום! אך, דער אונגליקליכער! ער איז אהיים געקומען אין דער האָפנונג, מיך צו טרעפען ווארטענדיג אויף איהם, מיט זיין טאָכטער און ער זאָל ווידער פאָרטזעטצען דאס לעבען וואס איז אונטערבראָכען געוואָרען מיט טרויעריגע 10 יאָהר צוריק. און וויפיעל ער האט ערטראגען און גע־שמאַכטעט! צום סוף, איז ער אהיים געקומען און געטראָפען מיך, זיין פעליסי, אין דיא ארעם פון איין אַנדערן... יא, איך בין נאך יונג, שעהן און געזונד, אָבער יעטצט בעלאַנג איך ניט צו דעם מאַן פון מיין יוגענד, איין אנדערער בעזיטצט מיך. דער מאַן פון מיין יוגענד, וועלכען דאס אונבאַרמהערציגע שיקזאל האט

געררריקט, איז יעטצט אלט, שוואך, צובראכען און אונגליקליך... און איך האָב איהם, פעראכטעט איהם, וויל איהם ניט קענען — מיין גאָט!"

פעליסי האט זיך אוועק געזעטצט דענקען וואס זיא זאָל טהון. א געפיהל פון אונגעהייערער צערטליכקייט, פון וואהרער פרויען־ליעבע, האט זיך צוגאָסען איבער איהר הערץ, און זיא האט שוין געהאלטען נאָהענט פון א מערקווירדיגען בעשלוס.

„סאניאַרד איז רייך, ער איז גוט אָב. איך האב איהם געבווירען צוויא קינדער, איך פאָדער זייא ניט צוריק; זייא בעלאנגען צו איהם, גוט, ער קען זייא האלטען און גוט ערציהען — אָבער איך, איך וואָלט בעדאַרפט צוריק קעהרען צו מיין אָרעמען זשאַק, איהם ארום וואשען, געבען צו עסען געזונדע שפייזען און ערפרייען זיין ארמען און געקוועלטעם הערץ... יא..."

זיא האט פלוצלינג אויפגעשווידערט בייא דיעזער אידעע.

צוריק קעהרען צו זשאַק דאמור? וואס וועט אַלזאָ זיין? זיא האט גוט גע־רעכנעט דיא פערגאנגענהיים, ווען זשאַק איז נאָך געווען געזונד, און זיך פאָרגע־שטעלט דיא געגענוואַרט, ווען זשאַק איז שוואך און אלט.

זיינען דען ניט דיא לעטצטע עטליכע יאָהרען געווען דיא בעסטע פון איהר לעבען? האט זיא דען ניט געגאָסען דאס גליק אין דער פאָלער מאָס און זיך אונ־צעהליגע מאל געוואונשען הכוואי וואָלט זיא געהאט אזא פערגאנגענהיים?

זיא האט זיך פאָרגעשטעלט א געגענוואַרט מיט זשאַק דאמור און אויפ־געציפערט

דיא צערטליכע געפיהלע פון וואהרער פרויען־ליעבע און אויפאָפפערונג, האבען אָנגעפאנגען שנעל צו פערשווינדען, און דיא לוסט גוט צו לעבען, צו געניעסען דיא מאַטעריעלע וועלט, דאס געגענווערטיגע פערגניגען, האט געזיעגט איבער איהר ערדלער צערטליכקייט.

דאס האט אויך געווירקט, וואס זיא האט זיך געשפירט פאָלקאָמען שולדיג אין א פערברעכען געגען איהר מאַן, ווארום זיא האט איהם ניט זאָפאָרט מיטגע־טהיילט איבער דעם וואס עס האט פאסירט.

איהר מאַן, סאַניאַרד — אַך, זיא האט זיך אַן איהם גוט ערווינערט. ער איז געווען איין עלטערער מאַן, אָבער א געזונדער און א שטאַרקער; זויבער, גוט־הערציג און טרייא. דער האס צו דאמור'ן האט צוריק געקעהרט מיט א דאָפּעלער קראַפט.

ראַן האָט זיא אַנגעפאַנגען צו ציטערן און ווערען אתרוהיג פאר דער אידעע, אַז זשאַק וועט צוריק קעהרען און מאַכען א סקאַנדאַל.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דיא אינגלעך, דיא אַנגעשטעלטע, האָבען זיך עפּעס געמערקט וואָס דאָרט האָט פּאַסירט, און ווען מאַדאַם ווערניער איז ווידער געקומען קויפען פלייש, האָבען זייא מיט איהר געוועקסעלט בליקען קוקענדיג אויף פּעליסי'ן.

פּעליסי האָט דאָס אַלעס געזעהען און איז געוואָרען זעהר אונרוהיג.

זיא איז ארום געגאַנגען א גאַנצען טאָג שטאַרק פּערווירט, און ווען קיינער האָט ניט געזעהען, האָט זיא פערגאָסען טרערען. איהר פערצווייפלונג האָט געוואַקסען, ביז זיא האָט קיין אַנדערן אויסוועג געזעהען, וויא נאָר זיך צו פערטרויען אין יעמאַנדען און דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט.

„ווען האָב איך דען פאַר א בעסערן פריינד וויא מיין אייגענעם מאַן?“ האָט זיא זיך געפרעגט.

איהר „אייגענער מאַן“ איז געווען סאַניאַרד.

אָהנע פיעל צו דענקען, איז זיא צוגעגאַנגען צו סאַניאַרד'ן, געפאַלען אויף זיין האַלז און בליפענדיג, האָט זיא פאַר איהם אַלעס דערצעהלט.

זיא האָט פאַר איהם אָבגעשילדערט וואָס זיא האָט געענטפערט דאַמור'ן, אַז ניט זיא איז שולדיג געווען אין דעם וואָס דיא רעגיערונג האָט איהם ערקלערט פאַר טויט, און זיא האָט נאָך ווייניגער שולד אין דעם, וואָס ער איז צוריק געקומען לעבעדיג.

צום שלוס האָט זיא געמורמעלט:

„אַך, מיין ליעבער מאַן! איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טהון; איך בין פערצווייפעלט! איך בין אונגליקליך!“

סאַניאַרד, אָבוואָהל ער איז שוין געווען א מענש פון א יאָהר זעכציג, איז ער נאָך געווען א פאַלקאָמענער געזונדער מאַן און זעהר א גוטער אין כאַראַקטער. זיין פרוי'ס טרערען האָבען איהם גערירט ביז אין זיין טיעפער זעעלע, אָבער דיא גאַנצע געשיכטע האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט.

אונטערדעסען האָט ער פּראָבירט זיא צו טרייסטען.

„בלייב נאָר רוהיג, פּעליסי,“ האָט ער געזאָגט, „דו ביסט גאַנץ אונשולדיג; קיין מענש וועט זאָגען, אַז דו האָסט בעגאַנגען עפּעס א פעהלער. איבריגענס, מיר לעבען אויך ניט אונטער באַרבאַרען... האָב קיין מורא ניט, איך וועל דיך בעשיצען!“

יעדענפאלס האט ער נעשפירט, אז דאס איז נים קיין קליינינקייט.

„חאסמו געהערט,“ האט ער זיך נעטראכט, „סיין ווייב'ס מאן איז אויפגער־שטאנען פון דעם קבר!“

אָבער, נאך אלעמען, האט ער גערעכענט, אז אלעס וועט ווידער גוט ווערען. ער האט שוין מאנכעס געהאט אין זיין לעבען, ווען ער האט זיך געשפירט פער־צווייפעלט, און צום סוף האט זיך אלעס אויסגעלאָזען גאנץ גוט.

סאניארד, וועלכער איז געוועזען רייך, האט געשפירט, אז מיט דער מאכט פון זיין געלד און מיט זיין איינפלוס, וועט ער געווים אלעס בעזיעגען. נאך א גוטער איבערלעגונג, האט ער זיך פאָרגעשטעלט דיא גאנצע געשיכטע אלס א מערקווירדיגע פאסירונג, נאָר ער האט זיך נים געשראָקען.

ער האט זיך פאָרגעשטעלט, גלייך וויא דער נייסט פון זיין פרוי'ס ערשטען מאן, וועט פאר איהם ערשיינען, און ער וועט מיט איהם רעדען.

ער האט קיין חשק נים געהאט צו פערלירען דיא שעהנע און געזונדע פעליסי; זיא איז פאר איהם געוועזען איין אנגענעהמע, ליעבע און געטרייע פרוי. סאניארד האט געפאסט דעם בעשלוס, אז קיין זאך אין דער וועלט זאָל איהם הינדערן צו בלייבען מיט פעליסי'ן צוזאמען. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז לוים געזעטץ, קען דאמור צוריק נעהמען זיין פרוי, אָבער ער איז אויך געוועזען בעקאנט מיט דער טהאט־זאכע, אז עס געפינען זיך אדוואָקאטען, וועלכע קענען פיר געלד, פערדרעהן א קאָפּ דער גאנצער וועלט און דיא גערעכטיגקייט זאָל בלייבען אויף זיין זיים.

אויף דיעזער אָרט איז פאָראיבער א וואָך, און דאמור איז נים ער־שיענען.

„הער מיך אוים, פעליסי,“ האט ער דאן געזאגט צו זיין פרוי שפאסענדיג, „מיר דאכט, אז דוא האסט דיך גאר אין גאנצען נעשראָקען פאר א פוסטען חלום. ביסטו זיכער, אז אלעס האט פאסירט ווען דוא ביסט געוועזען וואך? וואו איז ער?“

פעליסי האט ווידער, מיט טרערען אין דיא אויגען, איהם פערזיכערט, אז אלעס איז א ווירקליכקייט.

„אלזאָ, וואו איז ער?“

„איך ווייס נים,“ האט זיא געענטפערט.

„זעהסטו, פעליסי, אויב דוא ווייסט זיין אדרעסע, וואָלט איך דיך געראטהען דוא זאָלסט מיר דאריבער מיטטהיילען, און איך וועל אליין אוועק איהם זעהען.“

נאכדעם וויא זיא האט איהם געבעטען ער זאָל זיך בערוהיגען, האט ער געזאגט:

„דיא זאך דערפון איז אזוי. דוא, מיין ליעבע, ביסט זעהר בעטריעבט און איפגעדעגט; איך וויל דוא זאָלסט זיך בערוהיגען... איך זעה ארויס, אז דוא רואינירסט דיין געזונדהייט. דאס זאָל ניט זיין; ניין, ניין, דוא דארפסט זיך ניט ערגערן.“

דיא וואהרהייט איז, אז פעליסי, איז פון טאָג צו טאָג מאָגערער און בלאסער געוואָרען.

דיא אונגעוויסהייט וואס מאָרגען וועט זיין, וואס דאמור קען טהון אין זיין פערצווייפלונג, האט פון איהר בערויבט דעם אפעטיט צום עסען און דעם ווילען צום שלאָפען.

פעליסי האט, אונטער סאניארד׳ס שוטץ, געקריגען זעהר א גוטען אפעטיט, און שלאָפען האט זיא געקענט פון 10 ביז 12 שטונדען. דאס אלעס האט געלייטערט איהר געזיכט און געזונד געמאכט דעם קערפער. סאניארד איז דערמיט געווען פאָל־קאָמען צופריעדען, נאר יעטצט האט איהם שטארק בעאונרוהיגט איהר צו־שטאנד.

ער האט געוואוסט, אז עס מוז פריהער אָדער שפעטער איינטרעטען א קריזיס און ער האט מעהר ניט געוואָלט ווארטען.

אין א פאָרמיטאג, האט סאניארד געשימפפט איינעם פון זיינע אינגלעך, דערפאר וואס דער לעטצטער האט פערגעסען איבערצובייטען דאס וואסער אין א טעפעל וואו עס איז געלעגען א קאָפּ פון א קעלבעל און איז קאליע געוואָרען פון דעם אלטען וואסער. גראדע דאמאלס, איז ערשיענען פעליסי, בלאס און ציטערענד און אויסגעשריען:

„ער איז דאָ!“

„ווער איז דאָ?“ האט סאניארד געפרעגט אנפאנגס ניט בעגרייפענדיג דיא מיינונג פון איהרע ווערטער.

„ער... ער...“

סאניארד האט שוין פערשטאנען.

„אח! איך וויס, איך וויס,“ האט ער ענדליך געענטפערט און זיך בערוהיגט. „גוט, גוט, פיהר איהם אריין אין שפייזע־צימער.“

אָהנע זיך צו איילען, האט זיך סאניארד אומגעוועגדעט צום אינגעל און געזאגט:

„זעה נאר, דוא טרינעניכטס; נעהם דעם קאפ פון דעם קעלבעל און וואש איהם גוט אויס; עס שטינקט שוין אין יעדען ווינקעל. אבער טהו דיין ארבייט וויא עס דארף צו זיין.“

ווען ער איז פערטיג געווארען מיט דיעזען אויפטראג, האט ער זיך אומגעווענדעט און איז אריין אין שפייזע־צימער. דאמור און בעררו זיינען ביידע דארט געוועזען.

דאמור האט יעטצט דורך א צופאל זיך בעגעגענט מיט בעררו'ן. זייא האבען זיך בעגעגענט אין דער דע סלישי שטראסע. בעררו האט לעטצטענס ניט זעהר אפט געזעהען זיין פריינד דאמור, וויל, וויא ער האט זיך זעלבסט גערעכטפערטיגט, האט ער איהם ניט געקענט אנקוקען פאר רחמנות.“

בעררו האט אונטערדעסען זיך אבגעשטעלט און געפרעגט דאמור'ן וואס ער מאכט און וואוהין ער געהט.

„איך בין אויף צרות,“ האט ער געענטפערט, „און איך געה בעזוכען פער ליסי'ן.“

„דאן געה איך מיט,“ האט בעררו שנעל געענטפערט.

„וויא דוא ווילסט.“

„פערשטעהסטו,“ האט בעררו ווייטער ערקלערט, „אין דיעזער אנגעלעגענהייט האב איך ניט נאר איין אינטערעסע, זאנדערן אויך א רעכט צו נעהמען אנטהייל.“

דאמור האט געשוויעגען.

„און וואס ווילסטו דארט טהון?“ האט בעררו ווייטער געפרעגט.

„דאס קימערט דיך ניט.“

„יא, עס קימערט מיך זעהר פיעל.“

„ווער זאגט עס?“

„איך! עס איז מיין פליכט צו זעהען, אז דוא זאלסט ניט בעגעהען א דומהייט. איך וואלט עס מיר אויף מיין געוויסען לעבען ניט געקענט פערצייהען, ווען עס זאל עפעס פאסירען.“

דאמור האט איהם אנגעקוקט מיט א דומען בליק.

„איבריגענס, ווייסטו וואס,“ האט בעררו פלוצלינג געזאגט בלייבענדיג שטעהן, „איך לאז דיך נאר ניט געהען.“

„ווער? דוא?“

„יא, איך!“

„וואָרום ?“

„ווייל דוא טראַגסט מיט דיר מאָרד־געדאַנקען. שווייג, דוא דאַרפסט דיך ניט פערענטפערן, איך וויים אַלעס. און איך וועל דיך ניט לאָזען מאַכען קיין שריט ווייטער, ביז דוא וועסט מיר ניט דאָ אַרויס געבען דאָס מעסער וואָס דוא טראָגסט בייא דיר. אַ מעסער אין דיינע הענד, איז אַ געפעהרליכע זאַך.“

דאַמור האָט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און דאַן האָט ער פּלוצלינג גע־זאָגט ענטשלאָסען:

„קום מיט ווען דוא ווילסט, אָבער דוא זאָלסט מיר ניט פערקלאַפּען אַ קאָפּ מיט דיינע דומהייטען.“

אויף דיעזער אַרט איז בעררו מיט דאַמור'ן ווידער צוזאַמען ערשיענען אין פעליסי'ס וואָהנונג.

ווען סאַניאַרד איז אַריין אין שפּייז־צימער, האָט ער בעמערקט דיא צוויא מענער שטעהענדיג. ער האָט זייא ניט געהייסען זייא זאָלען זיך זעטצען. פעליסי האָט געכאַפּט ביידע קינדער און איז מיט זייא אַרויס געלאָפען. זיא איז אַריין אין אַ זאַלאָן־צימער און גוט פערשלאָסען דיא טהיר. פעליסי האָט נאָך אימער מורא געהאַט, אַז דאַמור וועט אַוועק כאַפּען אַ קינד.

זיא האָט זיך אַוועק געזעטצט נעבען דער טהיר, גלייך וויא זיא האָט געוואָלט בעסער בעוואַרענען פאַר איין איינברוך; דיא קינדער האָט זיא צוגעטולעט צו איהר בוזים, ציטערענדיג פאַר שרעק, טאָמער וועט מיט זייא עפּעס פּאַסירען.

אין דערזעלבער צייט, איז זיא געוועזען זעהר נייגיעריג צו הערען וואָס עס געהט פאָר צווישען איהרע ביידע מענער. אַנפאַנגס האָט זיא גאָר ניט געהערט, ווייל אין איהרע אויערען האָט עס גערוישט און געשטורמט פון דער אויפרעגונג. נאָר זיא האָט אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט זיך צו בערוהיגען און הערען פיעל אָדער וועניג וואָס עס געהט פאָר.

וועהרענד דעם, זיינען איהרע צוויא מענער, אין נעבסטען צימער, געשטאַנען איינער געגען צווייטען, וויא צוויא העהנער, פאַר אַ שלאַכט, און זיך אָנגעקוקט אַ היבשע צייט שטילשווייגענד. ענדליך האָט סאַניאַרד מעהר ניט געקענט ערטראַגען דאָס שטילשוויינען, און ער האָט געזאָגט:

„אַלזאָ, איהר זיים דאָס ?“

דאַמור האָט אַנפאַנגס געשוויעגען, נאָר נאָך אַ פּויזע האָט ער געענט־פערט:

„יאָ, יאָ, דאָס בין איך.“

דאמור, וויא עס שיינט, האט פערשטאנען, אז פעליסי האט אלעס מיטגע־טהיילט סאניארד'ן איבער איהם.

קוקענדיג אויף סאניארד'ן, האט דאמור געמוזט מודה זיין, אז ער איז א שעהנער מאן, פיעל שעהנער אלס ער, און נאכדענקענדיג, האט ער זיך געזעהען ערניעדריגט בייא זיך זעלבסט.

„קיין וואונדער," האט ער זיך געטראכט, „וואס פעליסי ליעבט איהם מעהר וויא מיך, און עס איז קיין צווייפעל, אז זיא וועט איהם יעטצט ניט פערבייטען אויף מיר."

דער פלייש־העקער, אבוואהל א זעכציגער, האט ער אויסגעזעהען איינגער אלס פופציג. ער איז געווען א שעהנער מאן, מיט א פרישעס געזיכט, גלאט געראזירט, און דיא האאר פון קאפ זיינען געווען גאנץ ניעדריג געשוירען. ער איז געשטאנען אין זיין וועסט מיט זיינע העמד־ארבעל, און ארום דעם ניעדריגען טהייל פון זיין קערפער, האט ער געטראגען א פארטוך אזוי וויים וויא שנעע. אין אלגעמיינעם האט ער אויסגעזעהען צו בעזיטצען א מונטערן און יונגענדליכען גייסט.

נאכדעם וויא דאמור האט בעענטפערט דיא ערנסטע פראגע, האט זיך סאניארד אומגעווענדעט און אויסגעזעהען זיך צו נעהמען צייט. דאמור איז אבער געווען אונגעדולדיג, און צענגערענד, האט ער געמורמעלט:

„איך פערשטעה, איך בין אהער געקומען ניט צוליעב אייך; איך וויל עפעס רעדען מיט פעליסי'ן."

סאניארד האט זיך בייא דיעזע ווערטער אומגעקוקט, און הערענדיג דאמור'ס קלענליבע און שוואכע שטימע, האט ער געענטפערט:

„הערט מיך אוים, קאמעראד, פריינד! לאמיר זיך ביידע גוט איינפערשטעהן. צום טייפעל! מיר דאכט, אז ניט איך האב איין אורזאכע צו זיין אייער שונא, און ניט איהר דארפט זיין מיין שונא. קריעגען זיך איבער דומהייטען, איבער זאכען וואס זיינען שוין פערפאלען, איז גאר קיין שכל ניט.ווירקליך, איז דען דא יעמאנד שולדיג?"

דאמור האט ארונטער געלאזען זיין קאפ, און געקוקט צו דיא פים פון טיש. ער האט אין אלגעמיינעם אויסגעזעהען וויא א הונד, נאכדעם וויא זיין בעל־הבית האט איהם געגעבען א שטוים מיט'ן פוס און געהייסען שטעהען פון וויטען. ענדליך האט ער געענטפערט:

„איך האב צו אייך גאר ניט. האב איך אייך אין עפעס בעשולדיגט? לאזט מיך צו רוה; איך וויל רעדען מיט פעליסי'ן."

„וואס עס אנבעלאנגט צו דעם,“ האט סאניארד געזאגט, „מוז איך אייך זאגען, מיין פריינד, אז איהר קענט צו פעליסי'ן ניט רעדען. ניין, ניין, דאס וועל איך ניט ערלויבען. דאָ, לעטצטענס, ווען איהר האט זיא בעזוכט, האט איהר זיא קראנק געמאכט, אזוי האט איהר זיא אויפגערעגט. מעהר וויל איך עס ניט. איהר וועט מיר צוגעבען, אז איך האב א רעכט דערצו. מיר דאכט, אז אלעס וואס מען דארף רופען אין דיעזער אנגעלעגענהייט, קענען מיר ביידע גאנץ גוט בעשפרעכען. אויסער דעם, פערזיכער איך אייך, אז אלעס וועט זיך ענדיגען גוט, ווען איהר וועט נאָר ניט מאכען קיין סקאנדאל. לויט וויא איך האב געהערט, בעהויפטעט איהר, אז איהר ליעבט נאך אימער פעליסי'ן. ווען דאס איז דער פאל, דאן זאָלט איהר נאָר אליין בערעכענען דעם צושטאנד, און עס איז אייער פליכט איהר זאָלט זאָרגען פיר דעם גליק פון דער פרוי וואס איהר ליעבט.“

דאמור האט וועהרענד דיעזער רוהיגער אנשפראכע צוריק געקריגען זיין מוטה און אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום רעדנער, איז ער זעהר אויפגערעגט געוואָרען.

„שטיל! שטיל!“ האט ער אויסגעשריען אין צאָרן. „מישט זיך נאָר ניט אריין צווישען מאן און ווייב, ווייל אלעס וועט האבען א מיאוס'ן סוף!“

בעררו האט גערעכענט, אז זיין פריינד וועט דערבייא ארויס ציהען דאס מעסער פון זיין קעשענע, און ער האט זיך אריין געוואָרפען צווישען ביידע מענער. דאמור האט איהם אָבער העפטיג אָבגעשטויסען אויף א זייט:

„שטעה פון ווייטען!“ האט ער געשריען, „איך ווייס וואס איך האב צו טהון, און דוא זאָלסט ניט מיינען, אז איך בין איין אידיאָט!“

דאמור'ס געזיכט, אויסגעמארטערט פון הונגער, עלענד און זאָרג, האט דאבייא געמאכט אזא שמערצהאפטע מיענע, דאס סאניארד, אנשטאט אויפגערעגט צו ווערען, האט ער מיט איהם געקריגען מיטלייד.

„נאָר רוהיג, מיין פריינד, איך בעט אייך,“ האט סאניארד געזאגט צערטליך. „איך מיין אייך ניט צו בעליידיגען און ניט צו ערגערן. ווען א מענש איז אָבער אויפגערעגט, וויטהענד אזוי וויא איהר יעטצט, דאן ווייס ער ניט וואס ער טהוט. הערט מיך אויס: ווען איך זאָל יעטצט אריין רופען פעליסי'ן, וויל איך איהר זאָלט מיר פערשפרעכען צו בלייבען רוהיג, ווייל זיא איז נערוועז. איהר ווייסט דאס גראדע אזוי גוט וויא איך. קיינער פון אונז וויל זיא הרג'ענען, ניט וואהר? אלזאָ, גוט, מעט איהר זיך בענעהמען אנשטענדיג?“

„נאַ, אנשטענדיג! יאָ, געוויס אנשטענדיג!" האט דאמור געענטפערט ער ביטערט. „ווען איך וואָלט וועלען זיך אנדערש בענעהמען, מענט איהר זיכער זיין, אז זייט איך בין דאָ, וואָלט איך שוין בעדארפט איבערשניידען אייער גאָרגעל!"

ער האט שיער געוויינט בייא דיעזע ווערטער, און סאניארד, אנשטאט אויפ־געטענט צו ווערען, האט ער מיט איהם נאך מעהר מיטלייד געהאט.

„גוט, גוט, מיין ארמער פריינד," האט סאניארד געזאגט, ניט מיט א טאָן פון שטייבלערייא, זאָנדערן מיט וואהרען מיטגעפיהל, „איך וועל אריין רופען פעליסי'ן.

„יאָ, יאָ, איך וויל ניט זיין אונגערעכט; איך פערשטעה, יאָ, איהר ווילט מיט איהר האבען איין אונטעררעדונג. אייער וואונש זאָל ערפילט ווערען. איהר האט א רעכט דערצו!"

בייא דיעזע ווערטער האט ער זיך אומגעווענדעט, און צוגעהענדיג צו דער צווייטער טהיר, האט ער אָנגעקלאפט און גערופען:

„פעליסי! פעליסי!"

ער האט געווארט אייניגע אויגענבליקען אויף איין ענטפער, אָבער ער איז ניט געקומען. פעליסי, הערענדיג דערפון, אז זיא וועט דארפען האבען איין אונטעררעדונג מיט דאמור'ן, איז זיא געבליעבען זיטצען וויא צוגענעגעלט צום שטוהל, און דריקענדיג דיא קינדער צו איהר ברוסט, האט זיא זיך ניט געקענט ריהרען.

„פעליסי! פעליסי!" האט סאניארד ווידערהאָלט, זעהענדיג אז ער קריעגט קיין ענטפער, „קום ארויס, דוא מענסט ארויס קומען. אך, קינד, דוא ביסט א נאַר, קום ארויס. ער פערשפרעכט צו זיין גאנץ רוהיג און פערנינפטיג."

ענדליך האט זיך געהערט דער שליסעל אומדרעהן אין שליסעל־לאָך, און דאן האט זיך דיא טהיר געעפענט. פעליסי איז ערשיענען, און באלד ווידער צוריק צור געשלאָסען דיא טהיר, מיט דער אידעע, אז טאָמער פאסירט עפעס, זאָלען וועד־ניגסטענס דיא קינדער בלייבען לעבען.

דאן האט ווידער געפאָלגט א לאנגע און שטילע פויזע. יעדער איינער האט ערווארטעט דער צווייטער זאָל אנפאנגען דאס געשפרעך.

ווען סאניארד האט בעמערקט דעם שמערצהאפטען אויסדרוק אויף דאמור'ס געזיכט, האט ער זיך אָבגעווענדעט און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. ער האט אויפגעהויבען א זייט פון דעם ווייסען פאָרהאנג, און זיך געמאכט ארויס קוקענדיג אין דרויסען. דאס איז געווען, אום צו צייגען וויא ליבעראל ער איז, און ער ערלויבט דאמור'ן צו רעדען מיט פעליסי'ן אלעס וואס ער וויל.

דאמור האט אָנגעפאנגען שטיל און לאנגזאם אָבער אין א ריהרענדען טאָן.

„דוא ווייסט, פעליסי," האט ער געזאָגט, „אז איך בין אימער געוועזן טרייא און איבערגעבען צו דיר. וויא עס זאָל זיין, מוזטו צוגעבען, אז דאס איז א טהאט־זאכע. גוט, איך בעאבזיכטיג ניט היינט אָנצופאנגען דיר שלעכט צו בעהאנדלען. איך וועל דיר זאָגען דיא וואהרהייט, אז אין איין צייט, האב איך מיך שוין געהאט ענטשלאָסען, אייך אַלע איבערצושניידען דיא העלזער, דאן האב איך מיך אליין גער פרעגט, וואס מיר קען דערפון ארויס קומען. מיט דיין בלוט, וועל איך נאך ניט האבען געהיילט דיא וואונד פון מיין קראנקען הערץ. דיא זאך דערפון איז אזוי: איך האב בעשלאָסען פיר דיר זעלבסט איבערצולאָזען דיא וואהל: דוא אליין זאָלסט אורטהיילען, וועלבער מאן עס איז פיר דיר פאסענד, איך ווייס, אז סאניארד האט דיך לעטצטענס גוט בעהאנדעלט. עס איז וואהר. אבער דוא וועסט מיר מודה זיין, אז איך האב דיך אויך ניט שלעכט בעהאנדעלט, און ווען איך וואָלט בעזעסען רייכטהום, וואָלסטו עס מיט מיר געגאָסען. דאן בין איך דעריעניגער, וועמען דוא האסט געשוואוירען צו ערסט טרייהייט און ליעבע, און דוא האסט קיין אורזאכע געהאט, אָדער איך האב דיר קיין אורזאכע געגעבען צו ברעכען דיין שוואור. דיין טענה איז, אז דוא האסט מיך גערעכענט פאר טויט. גוט, לאָמיר אָננעהמען, אז דוא האסט רעכט. יעטצט לעב איך אָבער. דאפיר וואס דוא האסט מיך גערעכענט פאר טויט, האסטו ביז יעצט געלעבט מיט איין אנדערן מאן איך פערצייהע דיר, ווייל דוא ביסט ניט שולדיג. איך וויל מיך ניט ווענדען צו דיא געריכט־הייזער און דאָרט זוכען גערעכטיגקייט; איך אפעליר צו דיין אייגענעם געוויסען, און פרעג דיך: מיט וועלכען מאן ווילסטו פאָרטזעטצען צו לעבען ווייטער? זאָג פעליסי, דוא דארפסט דיך ניט שעהמען, יעדער פון אונז וועט אקצעפּטירען דיין אורטהייל."

א לאנגע און שטילע פויזע איז פאָראיבער, אָהנע יעמאנד זאָל וואגען עפּעס צו זאגען. סאניארד האט שטילשווייגענד אומגעווענדעט זיין קאָפּ פון פענסטער און געבליקט אויף דער סצענע.

פעליסי, אויפגערעגט און גערירהט, האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין. דאמור האט אָבגעווענדעט זיינע אויגען פון איהר, און קוקענדיג אויף א זייט, האט ער ערוואַרטעט איהר ענטפער.

פון צווישען דיא טרערען האט פעליסי געמורמעלט.

נאָט ווייס דעם אמת, אז איך בין פערווירט און פערצווייפעלט, דוא זשאק

ביסט געוועז דער מאן פון מיין יוגענד, פון מיינע ערסטע לעבענס.יאָהרען. דוא יועסט אויך מודה זיין, אז דוא האסט ניעמאלס געהאט איין אורזאכע צו צווייפלען אין מיין אויפריכטיגע ליעבע צו דיר. אויב א פרויענצימער קען ליעבען מיט איהר גאַנצעם הארץ, מיט איהר גאַנצע ברוסט און זעעלע, דאן האב איך דיך געליעבט אויף דיעזער אַרט. ווען דער שיקזאל האט דיך פון מיר ענטריסען, האבען מיינע אויגען ניט אויפגעהערט צו וויינען. איך האב ניעמאלס גערעכענט, דאס איך וועל נאך אים שטאַנדע זיין צו ליעבען אירגענד איין אנדערן מאן. ווען איך האב געהייראַטעט מיט סאַניארד'ן, איז דאס נאָר געוועזען אויס נויט און עלענד, ניין, דיא עראינערונג אן דיר, האט מיך ניט געלאָזט ליעבען איין אנדערן מאן. נאָר ווען סאַניארד האט מיך געמאַכט גליקליך, צופריעדען און איך האב אים געבוירען א קינד, דאן איז מיין ליעבע צו דיר געשטאָרבען און א נייער מאָנומענט פון ליעבע איז אויפגעבויט געוואָרען צו..."

א העפטיגעס געוויין האט אונטערבראָכען איהרע ווערטער. זיא האט מעהר גאר ניט געקענט ריידען. דאמאָר האט געבליקט צו איהר טרויעריג און מיט איין אונהיימליכער אָבער רוהיגע שטימע, האט ער געזאָגט:

„גוט, גוט, איך פערשטעה; דוא בלייבסט מיט איהם; דאס איז דיין וואהל מיין מאַרין האט עס מיר פריער געזאָגט וואס עס וועט זיין, נאך איידע איך בין אהער געקומען. איך טראָג דיר ניט נאָך קיין האס דערפאַר. אין געגענ־טהייל, איך בעהויפטע, אז דוא האסט פאָלקאָמען רעכט. וואס עס אנבעלאַנגט מיר, קען מיך דער טייפעל נעהמען. אַלעס איז פאַריבער. דער טרוים פון מיין לעבען איז צו ענדע. איך האָב מעהר ניט אויף וואס צו האָפען. דיא אונטערשטע שורה איז, אז דוא ליעבסט מיך מעהר ניט; יענע ליעבע צו מיר, איז טויט. יא, דוא ליעבסט איהם, ווייל ער מאַכט דיך גליקליך, און דאן, האסטו מיט איהם קינדער, וועהרענד מיט מיר..."

בייא דיעזע ווערטער האבען זיך זיינע אויגען אויך אָנגעפיללט מיט טהרערען אָבער ער האט אונטערדריקט זיין אויפרעגונג. בליקענדיג צו פעליסי'ן און זעהענדיג וויא געריהרט זיא איז, האט ער פאָרטגעזעצט:

„דוא ביסט א נאַר, דוא דאַרפסט ניט וויינען; דוא ביסט ניט שולדיג. עס האט בלויז אזוי פאַסירט, און ווילענדיג אדער אונווילענניג, מוזען מיר אקצעפּטירען דעם אורטהייל.. דיא זאך דערפון איז אייגענטליך אזוי: איך האב דיך בלויז גע־וואָלט זעהען נאָך איין מאל און דיר זאגען, אז דוא זאָלסט זיך ניט ערגערן און רוהיג שלאָפען. יעטצט, וויא אַלעס איז שוין פאַראיבער און דוא האסט אליין געוועהלט,

װעל איך דיך מעהר ניט בעאונרוהיגען. אלעס איז פאראיבער, פעליסי, יא, אלעס איז פאראיבער, דוא װעסט שוין מעהר פון מיר ניט בעאונרוהיגט װערען...

ער האט זיך שנעל אומגעװענדעט און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

סאניארד, װעלכער האט דיא גאנצע צייט געשװיגען און איז ניט געװען װעניגער גערירט װיא פעליסי און דאמור, איז איהם שנעל ענטגעגען געלאָפען, פערשטעלט זיין װעג, און אויסגעשריען:

„אך, מיין פריינד! איהר זייט א בראװער מענש! איך בעט אייך, טהוט מיר צוליעב, געהט ניט אזוי אװעק. ניט אזא אבשיעד זאָלט איהר נעהמען פון אונז. בלייבט דאָ, עסט װעניגסטענס מיטאג מיט אונז... זאָגט, װאס קען איך טהון פאר אייך?"

„גאר ניט, גאר ניט, איך דאנקע," האט דאמור געענטפערט.

בעררו, װעלכער האט געזעהן, אז דיא געשיכטע װעט זיך גאנץ אנדערש ענדיגען, איז געװען איבערראשט און ערשטוינט איבער אזא שלום. ער האט געװאָלט עפּעס זאָגען, נאָר ער האט ניט געװאוסט װאס.

„ניין, מיין פריינד, געהט ניט!" האט זיך סאניארד געבעטען, „לאָמיר װעניגסטענס עפּעס טרינקען. איך בעט אייך, לאָמיר טרינקען צוזאמען א גלאָז װיין. װען איהר װעט אזוי אװעק געהען פון אונז, װעט עס הייסען, אז דער טייפעל האט זיך דאָ אריין געמישט."

„איך װעל קיין זאך דאָ געניעסען!" האט דאמור געענטפערט ענטשלאָסען. בעררו האט איהם אָבער פערשטעלט דעם װעג.

דאמור האט זיך אומגעקוקט אין דעם זויבערן און מונטערן שפּייזע־צימער און איז געבליעבען שטעהען פערטראכט.

סאניארד האט זיך שנעל אומגעװענדעט צו פעליסי'ן און איהר איינגערעדט:

„בעט דוא איהם, ער זאָל מיט אונז עפּעס געניעסען."

פעליסי האט געצעגערט, דאן האט זיא געזאָגט:

„זשאק, טהו מיר צוליעב, און ענטזאג ניט מיין מאַן'ס איינלאדונג."

ער האט געבליקט אויף איהר פערװיינטעס געזיכט, און געענטפערט:

„גוט, איך בלייב."

סאניארד איז געװען אויסער זיך פאר פרייד און אויסגעשריען:

„שנעל, שנעל! פעליסי! ברענג אריין גלעזער! רוף אריין דאס דיענסט־מעדכען. פיער גלעזער, נעם. דוא װעסט אויך מיט אונז מיט־טרינקען, פעליסי. יא.

רהא טוהט. אך, פריינד, קאמעראד, דאס איז זעהר שעהן פון אייך וואס איהר ענטפ וואנט מיר ניט. איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען וויא דאס פרייט מיך! איך ליעב זעהר א גוט־הערציגען און בראווען מענשען. און איהר זייט דער בראווסטער מאן!"

דערוויל איז פעליסי, מיט ציטערענדע הענד, צוגעגאנגען צום שראנק אום ארויס צו נעהמען עטליכע גלעזער מיט א גרעסערער כלי אויף וויין. אבער זיא איז געוועזען אזוי פערווירט, אז זיא האט גאר ניט געוואוסט וואו זיא איז אין דער וועלט, און האט קיין זאך געקענט געפינען.

סאניארד האט דאס בעמערקט, און איז צוגעלאפען איהר העלפען. עס האט שוין ניט פיעל געדויערט און מען האט ארויף געבראכט דעם וויין.

דיא גלעזער זיינען אנגעגאסען געווארען, און יעדער האט געטרונקען „לחיים."

דאמור איז געשטאנען אויף דיא פיס מיט דער גלאז אין דער האנד. ער איז אויסגעקומען אקוראט געגענאיבער פעליסי'ן. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד מיט זיין גלאז אום צו גרייכען פעליסי'ס גלאז.

ביידע האבען זיך אנגעקוקט שטילשווייגענד; זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, און אין זייערע אויגען האט זיך אבגעשפיגעלט דיא געשיכטע פון זייער פערגאנגענהייט.

זיא האט אזוי געציטערט, אז מען האט געקענט הערען וויא איהר גלאז האט געקלונגען בייא דער בעריהרונג מיט זיין גלאז. דאן האבען זייא ארונטער געלאזען זייערע אויגען און זייא האבען אויסגעזעהען וויא צווייא טויטע פיגורען. יא, זייא זיינען ווירקליך דאמאלס געווען טויט, זייא האבען נאר געלעבט אין דער גע־שיכטע פון זייער פערגאנגענהייט.

„צום וואהלזיין!" האט זיך געהערט דאמור'ס שטימע מורמלען."

„צום וואהלזיין," האט זיא געמורמעלט קוים וואס מען האט געהערט.

דאן האבען אלע פיער צוזאמען געטרונקען, און אין צימער האט געהערשט א טיעפע שטילקייט.

דיא שטילקייט איז אונטערבראכען געווארען דורך דיא שטימען פון דיא קינדער, וועלכע האבען זיך געריהרט פון דעם צווייטען צימער.

דיא קינדער, וויא עס שיינט, זיינען פריהער געזעסען גאנץ שטיל, לויט וויא זייער מוטער האט זייא אנגעזאגט. דאן האבען זייא אנגעפאנגען זיך צו שפיעלען

אן דיינע נאכגעלאפען איינער דעם צווייטען. דיער געלעבטער האט געקלונגען מונטער און פולל מיט לעבען.

פלוצלינג האבען זייא אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר און שרייען:

„מאמא! מאמא!"

ניעמאנד האט געענטפערט.

„עפען אויף, מאמא!" האט איין קינד נאך אמאל געשריען.

דיא שטימע פון דעם קינד, האט אויסגעזעהען צו האבען א שטערצהאפטע ווירקונג אויף דאמור'ן.

ער איז פלוצלינג וויא אויפגעשפרונגען, און אויסגערופען:

„אדיע! אדיע, אייך אלע!"

בייא דיעזע ווערטער האט ער ארונטער געשטעלט זיין גלאז אויף'ן טיש און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

ער איז ארויס. פעליסי, שטעהענדיג גראד, שטיל, בלאס און ציטערענד, האט איהם נאכגעקוקט, וועהרענד סאניארד האט נאך בעגלייטעטביידע מענער ביז אויף'ן טראטואר.

5.

ווען זייא זיינען ארויס געקומען אויף דער גאס, האט דאמור אנגעפאנגען צו געהען אזוי שנעל, אז בעררו האט איהם גאר ניט געקענט נאכהאלטען. בעררו האט געסאפעט און געשוויטצט.

ווען זייא זיינען צוגעקומען צום באטיניאל בולעווארד, האט זיך דאמור אריין געווארפען אין א באנק און ארויסגעלאזען א טיעפען און לאנגען זיפץ. ער איז געבליבען זיטצען וויא פאראליזירט; זיינע אויגען האבען זיך ניט בעוואוינגען און זיינע באקען זיינען געווען ווייסער וויא דאס העמד וואס ער האט געטראגען.

עס זיינען פאראיבער עטליכע מינוטען אהנע ער זאל עפעס זאגען. בעררו איז געווען צו ערמיעדעט פון דעם לויפען, אום ער זאל קענען מאכען עפעס א בעמערקונג.

ענדליך האט דאמור אנגעפאנגען צו ברומען.

„אזוי, אזוי," האט ער געמורמעלט, איהם האט זיא פארגעצריגען; איך בין איהר ניט געפעלען געווארען. דאס זיינען זייא אלע — זייא ליעבען נאר דעם מאן, וועלכער קען זייא פערשאפען מעהר פערגניעגען. נאטירליך, ער, איז געזונד, שטארק, בלאס געראזירט. און ער האט אויך געלד איך בין געועלטערט, פול מיט

צרות, אָהן געלד, און דערפאַר דאַרף זיא מיך אויף כפּרות. זיא האט מיך געליעבט! ליגען! ליגען! זיא האט מיך קיינמאל ניט געליעבט!"

בעררו האט זיך אונטערדעסען אביסעל אויסגערוהט און בעמערקט:

"וואס ברומסטו דאָרט?"

"וועגינסטענס," האט דאמור פאַרטגעזעצט אָהנע צו הערען וואס בעררו פרעגט איהם, "וואָלט איך דעם פיינעם הערר מיט דער פיינער דאַמע, אריין געוואָרפען א פּאאר פּעטש..."

"ריכטיג, ריכטיג," האט בעררו אונטערגעכאַפּט הערענדיג דאמור'ס לעצטע ווערטער. "איך האב אימער געזאגט, אז דו ביסט א לעמעשקע. גאר ניט! דו נעהמסט מיר־ניט־דיר־ניט און ניבסט אוועק א פרעמדען מאַן דיין ווייב, גלייך וויא עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אום טראַקטירען יענעם מיט א מיטאג. ענטוועדער דו ביסט צו משוגע, און נעהסט יענעם הרג'ענען, אָדער דיך קימערט גאר ניט דיא גאַנצע געשיכטע! פע, שעהם דיך!"

דאמור האט איהם אָנגעקוקט מיט פערגלאָצטע אויגען, אָהנע צו בעגרייפען גענוי וואס ער זאָגט איהם.

"א שאַנדע, א מיאוס'ע זאַך," האט בעררו פאָרטגעזעצט, "א מאַן מוז זיין א מאַן, זאָגסט איז ער ערגער פון א ווייב. האסטו געהערט, אָבלאָזען א ווייב זיא זאָל טהון וואס זיא וויל, און מאַכען א שוויינ! דאָ ניט לאַנג האט פּאסירט איין עהנליכע געשיכטע אויך מיט א קאָמוניסט. ער איז געוועזען פערשיקט, און ווען ער איז צוריק געקומען, האט ער געטראָפען זיין פרוי וואָהנען מיט איין אנדערן מאַן. און וואס מיינסטו איז געוועזען? גאַנץ איינפאַך, דער קאָמוניסט איז ערשיענען און געפאָדערט זיין רעכט, זיין איינענטהום. דיא פרוי איז געוועזען זיינע, און זיא האט געמוזט צוריק געהען וואָהנען מיט איהם. יעטצט זיינען זייא ווידער צוזאַמען. אזוי דאַרף עס זיין."

"וואס?" האט דאמור געפרעגט.

"איך מיין," האט בעררו געענטפערט, "אז ביידע מענער מיט דער פרוי וואָהנען צוזאַמען. נאַטירליך האט דער קאָמוניסט געקענט אויספיהרען אָבצונעהמען זיין פרוי פיר זיך אליין, אָבער ער וואָלט דערמיט גאר ניט אויפגעטהאָן. פערשטעהסטו, דאס איז געוועזען דערזעלבער פאַל וויא מיט דיר: דיא פרוי האט געוואָהנט מיט א רייכען מאַן, און דער קאָמוניסט טהיילט יעטצט זייער רייכטהום. א מאַן מיט שכל דאַרף אזוי טהון, און ניט זיין קיין דומער אייזעל. נאַטירליך, ניט

יעדער איז אזוי נאריש וויא דוא ביסט. א מענש דארף פערשטעהען א געשעפט און אימער זעהען עס זאָל איהם ארויס קומען א טובת.״

דאמור האט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט און אויפמערקזאם. דאן האט ער געזאגט:

„דוא פערשטעהסט מיך נים. ווירקליך, עס איז שוין איבערהויפט צייט, דוא זאָלסט מיך צורוה לאָזען. קענסט דיר געהען וואוהין דוא ווילסט. איך וויל דיך מעהר נים קענען, וויל דוא ביסט מעהר נים מיין פריינד.״

„וואס! איך בין נים דיין פריינד?״ האט בעררו אויסגעשריען מיט א בעד־לייריגטען טאָן, „איך בין נים דיין פריינד? אזוי! אמת, דוא מעגסט עס זאגען, נאכדעם וויא איך האב אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט פיר דיר. זאָג מיר נאָר, זשאַק דאמור, וואס וואָלט פון דיר געוואָרען, ווען איך וואָלט דיך אָבגעלאָזען דוא זאָלסט נאכגעהען דיין אייגענעם פערשטאנד? דוא ביסט דאָך עלענד און האסט קיין לעד־בעדיגען מענשען וואס זאָל זיך אום דיר בעקימערן. אָט ביסטו יעטצט אויף דער גאס וויא א הונד, און דוא וועסט געוויס שטארבען פון הונגער אויף דער גאס, ווען איך זאָל דיר נים זעהען ארויסהעלפען. האסט טאקי רעכט צו זאָגען, אז איך בין נים דיין פריינד! ווען איך זאָל דיך יעטצט אָבלאָזען, וועסטו, אזוי וויא א הוהן, וועלכע איז מיעד פון לעבען, ארונטער לייגען דיין קאָפּ אונטער דעם פליגעל, צו־מאַכען דיא אויגען, און זאגען אדיע צו דער גאנצער וועלט.״

דאמור האט איהם ווידער בעטראכט מיט פערגלאָצטע אויגען, אָבער ער האט מעהר קיין וואָרט געזאגט. דאס איז געווען אמת, אז ער האט מעהר נים וואס צו טהון, און נאָר ערווארטען דעם טוים פון הונגער און קעלט. עס איז איהם דאן איינגעפאלען דיא אידעע, אז ער זאָל זיך אריין ווארפען אין וואסער און זיך ער־שפארען דיא מיה צו ליידען.

„גוט, אלזא,״ האט בעררו פאָרטגעזעצט, „איך וועל דיר בעווייזען, אז איך בין ווירקליך דיין איינציגער פריינד אויף דער וועלט. איך וועל דיך נים לאָזען אויס־געהען אויף דער גאס; ניין, דאס זאָל נים געשעהען! איך וועל דיך ערגיץ אוועק פיהרען אין א הויז וואו דוא זאָלסט האבען א פּלאטץ צו עסען און צו שלאָפען.״

בייא דיזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען פון דער באנק, גלייך וויא ער וואָלט געפאסט א פּלעטצליכען ענטשלוס. ער האט אָנגענומען דאמור'ן בייא זיין ראָק און איהם געשלעפּט.

„קום, שטעה אויף!״ האט ער געשריען.

„וואס ווילסטו פון מיר האבען?״

„קום, זאג איך !"

„אָבער וואוהין ? וואוהין ?"

„שטעה נאָר אויף און דוא וועסט שוין זעהען."

דאמור האט זיך אויפגעהויבען.

„דוא ביסט א שעהנער חברה־מאן," האט בעררו געזאגט, „דוא טוינסט ניט אפילו א קאַטץ איין עק צו פערבינדען. דיא וואהרהייט איז, אז אזעלכער וואס סען פאר זיך אליין ניט זאָרגען, מעג ליידען פאר זיין דומהייט. אָבער איך קען דיך ניט זעהען ליידען, ניין, איך קען ניט, וויל איך בין דיין פריינד. דוא ביסט געווען דום גענוג ניט צו וועלען עסען בייא דיין פרוי'ס טיש; גוט, דאן זאָלסטו עסען ערגעץ אנדערש... דאָ האסטו אביסעל טאבאק, שטאָפּ אָן דיין לולקע און קום. איך וועל דיך מעהר ניט אָבלאָזען, אז דוא זאָלסט דיך נאך בענארישען היינט צום צווייטען מאָל."

בעררו איז געגאנגען פאָראויס און דאמור איז איהם נאכגעגאנגען. ער האט זיך אומגעווענדעט אין דער דואססטערדאם שטראַסע און דיין ווייטער אין דער בערלין שטראסע.

„וואוהין געהען מיר ?" האט דאמור געפרעגט.

„קום און שוויינ," האט בעררו געענטפערט.

דאמור האט שוין געשוויעגען.

זייא זיינען צוגעקומען אין פראָנט פון א פּריוואט הויז, און בעררו איז גע־בליעבען שטעהען.

„דאָ וועלען מיר ארויף געהען," האט ער געזאגט צו דאמור'ן.

זייא האבעןביידע בעשטיעגען דיא טרעפען, און בעררו האט אָנגע־קלונגען.

א דיענער איז ערשיענען און בעררו האט געפרעגט:

„איז מאדאם דע סאוויני צו הויז ?"

דער דיענער האט געצעגערט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

„גוט, האט בעררו ווייטער געזאגט, „געה ארויף און זאג איהר, אז בש איז דאָ."

דער דיענער איז פערשוואונדען און דאן באלד צוריק געקעהרט.

„קומט ארויף," האט ער געזאגט, „דיא מאדאם ערווארטעט אייך".

זייא זיינען אריין אין קאָרידאָר, וועלכער איז געווען זעהר עלעגאנט אויסגע־שטאַטעט. דאמור איז נאכגעגאנגען בעררו'ן וויא אין א חלום. ער האט נאר ניט

שקענט בעגרייפען וואו ער איז אין דער וועלט. אתמעררעסען האט ער זיך געשפירט רוהיגער וויא פריהער.

דער פוס־באָדען אין קאָרידאָר און דיא טרעפען זיינען געוועזן בעדעקט מיט זאַמטבאַרע קאַרפּעטס. ווען ער איז ארויף דיא טרעפען, האט ער ניט געקענט נער קענט וויסען פאַר איבערראַשונג. דאַן האט ער זיך געמערקט וויא בעררו האט געעפענט א טהיר און פאַר זיינע אויגען איז ערשיענען א מיטעל־מעסיגע יונגע פרוי, זעהר שעהן, מיט צערוואָרפענע בלאָנדע האאר, און אזוי לייכט געקליידעט, אז א היבשער טהייל פון איהר לייב האט זיך ארויס געזעהען.

„אך, פריינד בעררו!“ האט זיא אויסגעשריען.

בעררו האט געגעבען א וואונק.

„ווער זאגט איהר איז עס?“ האט זיא געפרעגט.

„ער איז עס!“ האט בעררו געענטפערט.

אין נעכסטען אויגענבליק האט זיך דיא יונגע פרוי געוואָרפען אויף דאַמור'ן, איהם אומאַרמט און געקושט.

„פּאַפּאַ! דאס איז מיין פּאַפּאַ?... אך, איך דאנק אייך, איך דאנק אייך, וואס איהר האט איהם בעוואויגען ער זאָל אהער קומען!“

זיא איז געוועזן אנגענעהם און גוט־הערציג, וויא פיעלע פון איהר קלאַסע זיינען; זיא האט זיך אויך ניט בעקימערט אום דיא אַלטע און שמוטציגע קליידער פון איהר פאטער. זיא האט געלאַכט און געוויינט פאַר פרייד, און דאַן האט זיא געקלאַפּט מיט איהרע הענד וויא א קינד וואס מען ברענגט איהם א שפּיעלעריי.

דאַמור איז געוועזן ערשטוינט און איבערראַשט, זאָ דאס ער האט זיא זאָגאר ניט דערקענט.

„וואס איז מיט דיר, זשאַק,“ האט איהם בעררו דערמאָהנט, „דאס איז דאָך לואיז, דיין לואיז. דערקענסטו ניט דיין טאָכטער?“

דאַמור האט ענדליך ארויס געשטאַמעלט:

„אָה יא... ריכטיג... דאס איז לואיז...“

ווייטער האט ער ניט געשפּראָכען.

„זיטץ, זיטץ, ליעבער פאטער,“ האט זיא געזאגט און איהם געזעטצט אויף איין עלעגאַנטער סאָפאַ דאַן האט זיא אָנגעקלונגען און א דיענער איז ער־שיענען:

„אָדער עס וועט קומען, זאָלסטו זאָגען, אַז איך בין נישטאָ צו הויז. פערשטעהסטו?"

דער דיענער איז אוועק שאָקלענדיג מיט זיין קאָפּ, אַז ער פערשטעהט.

דאַמור האט זיך דערווייל אויסגעקוקט אין צימער. די ווענט זיינען געווען בעהאַנגען מיט א קאָסטבארען קאַשמיר, צווישען וועלכען עס האבען זיך ארויס געזעהען גרויסארטיגע בילדער; דאס מעבעל איז געווען האלב פערגאָלדעט, און יעדע איינצעלהייט האט אָנגעצייגט, אַז דאַפיר איז בעצאָהלט געוואָרען פיעל געלד. דאַמור'ס הארץ האט אָנגעקוואָלען, און אין זיינע גלענצענדע אויגען, האט מען געקענט לעזען זיין פערגניגען און איבערראַשונג.

בעררו האט דאס בעמערקט און ער האט איהם אָנגעקלאַפּט אין די פּלייצעס.

„אַלזאָ, וואָס," האט ער געזאָגט, „ווייסטו נאך אַלץ זאָגען, אַז איך בין ניט דיין פריינד? איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פון דיר קען גאר ניט ווערען אָהן דיין טאָכטער. דערפאר האב איך אויפגעזוכט איהר אדרעסע, דאן האב איך זיא בעזוכט און דערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע איבער דיר. זיא האט מיר גלייך געזאָגט: „ברענג איהם אהער. ער זאָל זיין מיין בעסטער גאַסט!"

„געוויס, נאַטירליך. ער איז מיין ארמער אָבער גוטער פאָטער," האט לואיז געזאָגט איהם גלעטענדיג צערטליך. „אַך, פּאַפּאַ, דו מוזט וויסען, אַז איך האָב דיין רעפּובליק. דיא רעפּובליקאַנער זיינען א שמוטציגעס און אבשייליכעס געזינדעל, וועלכע וואָלטען יעדען רואינירט, ווען מען זאָל זייא לאָזען טהון וואס זייא ווילען... אָבער דו, יאָ, דו ביסט מיין טהייערער און ליעבער פּאַפּאַ, און דיר פערצייהע איך אַלעס. איך געדענק נאך, פאָטער, וויא גוט דו ביסט געווען צו מיר, ווען איך בין געלעגען קראַנק און איך בין נאך געווען א גאַנץ קליינעס מעדכען. דו וועסט זעהען, פּאַפּאַ, אַז מיר וועלען ביידע זיך זעהר גוט פערטראַגען און מיר וועלען איבער אַלעס איינשטימען, ווען דו וועסט נאר מיט מיר ניט רעדען איבער פּאָליטיק... פּאָרלויפיג, ביז וואַנען עס וועט עפּעס זיין, וועלען מיר אַלע דרייא צוזאַמען עסען מיטאָג. אַך! וויא שעהן, וויא הערליך, וויא פּרעכטיג דאס איז!"

זיא האט זיך אוועק געזעטצט ביינאָהע אויף דאַמור'ס קניען, שטיפּענדיג און לאַכענדיג. איהרע אויגען האבען געגלענצט מיט פערגניגען און איהרע שעהנע בלאָנדע האאר, זיינען אריבער געפאלען איבער איהרע אויערן.

דאַמור איז געווען אויסער זיך; ער האט געשפּירט א זיסעס פערגניגען זיך פערשפּרייטענדיג איבער זיין גאַנצען קערפּער.

גראָדע דאמאלס, האט ער גטוואָלט ציינען זיין אלטען שטאָלץ און ענטזאגען דיא איינלאָדונג צו מיטאג, ווייל ער האט באלד איינגעזעהן, אז עס פאסט נים פאר איין עהרליכען מענשען און איבערהויפט פאר א פאטער, צו עסען אין אזא הויז. דיא וואהרהייט איז, דאס ווען ער וואָלט אפילו פריהער נים געהערט ווער זיין טאָכטער איז, וואָלט ער אויך דערקענט אן איהרע בענעהמונגען וואס פאר א כאראקטער זיא טראָגט. יא, עס וואָלט געפאסט צו ענטזאגען אָנצונעהמען דיא איינלאדונג, אָבער ער האט נים געקענט, ער האט נים געהאט דעם מוטה דערצו.

יענע ענערגיע, מיט וועלכע ער האט פערלאָזען פעליס׳ס הויז און זיך אפילו נים אומגעקוקט, האט איהם שוין נעפעהלט.

איבריגענס, האט זיין טאָכטער אויסגעזעהען אזוי ליעבליך, אזוי צערטליך און אזוי גאסט־פריינדליך, דאס ער האט זיך געשפירט גענצליך אין איהר מאכט. דאן האט לואיז אריין געלייגט איהר ווייסע האנד אין זיינער, און געזאגט:

„אלזאָ, פאטער, דוא אקצעפטירסט מיין איינלאדונג?“

ער האט געשוויעגען.

„נו?“ האט זיא ווידערהאָלט, „דוא ווערסט דאָך דיין לואיזן נים ענט־זאגען?“

„יא, איך אקצעפטיר,“ האט ער ענדליך געענטפערט, ווערענד צווייא גרויסע טראָפענס טרערען האבען אָנגעפאנגען צו לויפען פון זיינע אויגען איבער זיינע איינ־געטריקענטע באקען.

ער האט דערבייא אויפגעשווידערט.

„דאס איז זעהר פערנינפטיג,“ האט בעררו בעמערקט. „ענדליך ביסטו גע־קומען צום שכל, אז א מענש דארף וויסען וויא צו לעבען אויף דער וועלט.“

דאמור האט גאר נים געענטפערט.

ווערענד זייא זיינען געגאנגען איבער דעם קאָרידאָר אין שפייזע־צימער, איז דער דיענער ערשיענען און געזאגט צו לואיזן:

„העלר מאָנסיע וואַרט אויף אייך.“

„וואס? יעטצט?“ האט לואיז געענטפערט אביסעל ערשטוינט, „ניין, ניין, נים יעטצט. געה זאג איהם, אז מיין פאטער איז דאָ און איך קען איהם נים זעהען. מאָרגען, אום 6 אוהר, ווען ער וויל, קען ער קומען.“

דער טיש אין שפייזע־צימער איז געווען געגרייט וויא פאר א קעניג. אפילו אין זיינע בעסטע צייטען, איז דאמור נים געזעסען בייא אזא עלעגאנטען טיש.

דער מיטאג איז געווען פראכטפאל

בעררו, וועלכער איז אימער אויפגעמונטערט געווארען ביי א גוטען בעסען און ביי א גלאז וויין, האט נאך אונטערהאלטען די געזעלשאפט מיט וויטצען און שפאסען, און לואיז האט הערצליך געלאכט.

זי האט זיך פארגעשטעלט, אז זי איז ווידער אמאל אין דער אנווערזש שטראסע, און דאס האט זי זעהר שטארק אמוזירט.

דאמור, וועלכער האט שוין א פאאר טעג ניט געגעסען און זיין אפעטיט איז געווען זעהר גוט, האט געגעסען גוט און פיעל פון יעדער שפייז וואס מען האט אויפגעגעבען. לואיז האט איהם ערמונטערט נאך צו עסען, און ער האט ערפיללט איהר ווונש.

ווען איהרע אויגען האבען בעגעגענט זיינע, האט ער געשמייכעלט מיט פער־גניגען און אונגעהייערע צערטליכקייט.

נאך דעם עסען, האט לואיז געהייסען אריין ברענגען זיסען וויין, וועלכער האט געגלענצט אין די גלעזער ווי שאמפאניער און זיך געלאזען זעהר לייכט טרינקען. דיזער וויין האט זיי אלעמען שטארק אויפגעמונטערט און איז געקראכען טיעף אין קאפ.

ווען די דיענער זיינען ערשיענען אום ארונטער צו נעהמען פון דעם טיש, זיינען זיי אלע דריי געזעסען און געשפראכען פון דער פערגאנגענהייט. זיי האבען גערעדט ווי פון א חלום דורך דעם ווירקונג פון דעם זיסען וויין.

בעררו האט דאן איינגעדרעהט א ציגארעט, און לואיז, דאס זעהענדיג, האט איהם אויסגעכאפט און פערדרייבערט, האלטענדיג די אויגען האלב פערמאכט און איהר שעהנעם געזיכט האט אויסגעזעהען טרוימעריש ווי פון א בעצויבערונג.

זי האט אונטערדעסען אריין געגאסען נאך א פאאר גלעזלעך וויין און איז פערווירט געווארען. זי האט שוין מעהר ניט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט, און אנשטאט אויסצומיידען פאר איהר פאטער די שילדערונג פון איהר געגענווערטיגעם לעבען, האט זי אנגעפאנגען צו פלוידערן פון איהרע גע־ליעבטע.

דאס אלטע שפריכווארט, וואס ביי א ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי א שיכור אויף דער צונג," האט זיך בעוויזען אלס איין אייביגע װאהרהייט.

„יעטצט," האט זי געפלוידערט, „ליעגען זיי אלע צו מיינע פיס. איך ליעבען? חא, חא, חא — איך האב זיי אלעמען אין דער ערד! זייער גערד, זייער

נשמה, דייער לעבען, ראס בעדארף איך! דער ערשטער בחור, איז געוועזען א תּוכער, א ברונעטער, שעהנער, און איך בין געווען דום געגוג איהם אויך ליעב צו האבען. ער האט מיך מאַקי באמת געליעבט, און איך האב איהם געליעבט... מיר האבען זיךביידע געליעבט... אַך, איך האב קיין שכל ניט געהאט, זאָנסט וואָלט איך ביא איהם גענומען א סך געלד... איך בין אָבער נאָר צופריערען געוועזען מיט א קליינינ־קייט און מיט זיין ליעבע...

זיא האט זיך צולאַכט, און דאַמור מיט האלב־אָפענע אויגען און מיט א דומער מיענע אויף זיין געזיכט, האט צו איהר געבליקט אונפערשטענדליך.

„אָבער עס האט מיר ניט געגומען פיעל צו לערנען שכל,“ האט זיא פאָרט־געזעטצט, „ווען א פּרויענצימער ליעבט א מאַן, בלויז דערפאר וואס ער איז א מאַן, איז זיא נאָר א נאַר. חא, חא, חא, איך קען דיא פרויען פון מיינע געליעבטע, וועלכע ליעבען זייערע מענער; אָבער דיא מענער ליעבען מיך, ניט זייערע פרויען... און איך האב אַלע מענער אין דער ערד! ווען איינער קומט צו מיר, גיב איך איהם פריהער א טאַפּ וויא שווער זיין געלד־בייטעל איז. איך ליעב איהם דאַן לויט דער שווערקייט פון זיין געלד. חא, חא, חא! דיא דומקעפּ! זייא מיינען, אַז פרויען ליעבען מענער, אָדער זייא דארפען ליעבען מענער! עס הייבט זיך גאר ניט אָן! פרויען־ליעבע, איז א זייפען־בלאָז. כל־זמן דיא זייפען־בלאָז האט געגוג לופט זיך צו האַלטען, האלט ער זיך, און ווען דיא לופט ווערט וועניגער, דאַן פּלאַטצט ער. דאס איז מיט דער פרויען־ליעבע: א פרוי דארף ליעבען א מאַן ווען ער האט געלד, ווען ער קען איהר פערשאַפען פערגניגען, און ווען ער קען ניט, זאָל ער געהען צום טייפעל!“

„ריכטיג! ריכטיג!“ האט בעררו איינגעשטימט.

„אַט דעם מאַנסיע וואס מען האט מיר פריהער אָנגעמעלדעט,“ האט זיא וויימער געזאגט, „ליעב איך! ווייסט איהר ווארום? ווייל ער האט מיר געקויפט א נייעם עקיפּאַזש מיט צוויא אַראבישע פערד; געקויפט דיעזעס הויז פיר מיר און מיר געגעבען דרייסיג טויזענד פראַנקס. איהם מוז איך ליעב האבען א היבשע צייט, ווייל ער האט א סך געלד. דאַן וועל איך איהם אויפהערען ליעב צו האבען און ליעבען אנדערע — חא, חא, חא!“

דאַמור האט אויסגעזעהען עפּעס צו פערשטעהען, דען ער האט זיך געריבען דעם שטערען, גלייך וויא ער האט זיך געוואָלט אַן עפּעס עראינערן וואס האט איהם וועהר געשטערט.

„את זיא, מיין מאמא!“ האט לואיז פלוצלינג געזאגט מיט ערביטערונג. „פון איהר וויל איך גאר ניט הערען! ניין, זיא זאָל מיר ניט קומען פאר דיא אויגען! פון מיין זייט, וויא זיא האט געגען מיר געהאנדעלט, בין איך איהר אלעס מוחל. אלעס, אלעס, אפילו פאר דעם וואס זיא האט מיך געשלאָגען און מיר געוואָלט חתונה מאכען מיט עפּעס איין אָרימען ארבייטער. נאָר פאר דיר, וועל איך איהר קיינמאָל ניט פערצייהען!“

„פאר מיר?“ האט דאמור געפרעגט אין א שוואכען טאָן.

„פאר דיר, יא פאר דיר!“ האט לואיז געענטפערט. „זיא האט דאָך ניט אזוי פיעל שכל וויא איך, וויא קומט עס צו איהר זיא זאָל אזוי האנדלען געגען דיר? הער אויס, פּאפּא, ווען דוא וועסט מיר ערלויבען, וועל איך געהען צו איהר און זיא גוט אויסזידלען דערפאר וואס זיא וויל מיט דיר מעהר ניט וואָהנען!“

דאמור האט אָנגעקוקט זיין טאָכטער און געשוויעגען. דאן האט זיא אויסגע־שטרעקט איהרע ווייסע הענד, איהם אומארמט און געקושט.

„מיין ארמער פּאפּא! מיין ארמער פּאפּא!“ האט זיא געשריען און געוויינט.

דאמור האט זיא אויך געקושט.

„יא, יא,“ האט זיא ווידערהאָלט, „איך וועל איהר ווייזען וואס דאס הייסט דיך אזוי בעהאנדלען!“

„ניין, ניין, לואיז,“ האט ער ענדליך געענטפערט, „דוא זאָלסט צו איהר מעהר ניט געהען צוליעב מיר. פיר מיר איז זיא טויט — טויט! דוא הערסט? זיא לעבט מעהר ניט פיר מיר!“

„מיין ארמער, גוטער פּאפּא!“ האט זיא ווידער געמורמעלט איהם קושענדיג.

דאן איז זיא פלוצלינג אויפגעשפרונגען און אויסגעשריען:

„יא, יא, ווירקליך, איך וועל דיר עפּעס ווייזען, וואס עס וועט דיר גע־פעלען!“

זיך אָנהאלטענדיג אן מעבעל ניט צו פאלען, איז זיא ארויס פון דעם שפּייזע־צימער.

„א גאָלדענעס קינד!“ האט בעררו אויסגעשריען פולל מיט בע־וואונדערונג.

דאמור האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און איהם אָנגעקוקט.

„דא איז א בריליאנט! א סאפיר! א פערל!“ האט בערדו ווייטער געשריען שטארק בעגייסטערט. „דוא דארפסט דאנקען גאָטט פאר אזא קינד!“

„יא, זיא איז א גוטעס קינד,“ האט דאמור געמורמעלט.

לואיז איז וועהרענד דעם צוריק אריין געקומען, האלטענדיג א ציגארעט צווישען איהרע ליפּען. איהר פאטער האט זיא איבערגעגעבען איין אלטע און האלב צעררי‌סענע פאָטאָגראפיע.

„ווייסטו ווער דאס איז, פאפא?“ האט זיא געפרעגט.

דאמור האט גענומען דיא פאָטאָגראפיע אין זיינע הענד און אויף איהר געקוקט.

דיא מינע אויף זיין געזיכט האט זיך לאנגזאם געוועקסעלט צו א ניכטערענ־הייט. זיינע מידע אויגען האבען זיך ניט געעפענט, און זיין גאנצער קערפּער האט אויפגעציטערט.

ער האט ארויס געשטאמעלט:

„עס איז אייזשען! מיין ארמער אייזשען!“

בערדו האט דאן אויס געשטרעקט זיין האנד און גענומען דיא פאָטאָגראפיע. ער האט אויך אויסגעזעהען געריהרט, און געמורמעלט:

„יא, דאס איז ער!“

לואיז, בליקענדיג צו איהר פאטער׳ס אויפרעגונג, האט גענומען דיא פאָטאָ־גראפיע אין איהרע הענד און איהרע שעהנע אויגען האבען זיך אויך אָנגעפילט מיט טרערען. דאן האט זיא אָנגעפאנגען צו כליפּען, און צוריק געבענדיג דיא פאָטאָ־גראפיע צו איהר פאטער, האט זיא געמורמעלט:

„אך! איך געדענק איהם גאנץ גוט; מיין ארמער ברודער... וויא שעהן ער איז געוועזען...“

אלע דריא זיינען געוועזען געריהרט און געוויינט צוזאמען.

צוויא מאל איז נאך דיא פאָטאָגראפיע געגאנגען פון האנד צו האנד, און יעדער איינער האט געהאט צו דערצעהלען איבער איין אנדערע עראינערונג וועגען דעם יונגען מענשען, וועלכער איז געפאלען אין דער קאָמונע.

דיא פאָטאָגראפיע, וויא עס שיינט, איז זעהר ווייניג אָבגעהיט געוואָרען און איז וואהרשיינליך דיא גאנצע צייט, זייט אייזשען׳ס טויט, געלעגען אין דער פריי־לופט.

אבער דאס בילד איז נאך געווען גענוג דייטליך אום ארויס צו רופן דיא פאלקאמענע עראינערונג אן דעם בראווען יונגען מענשען.

ארמער אייזשען; מען האט איהם געקענט זעהען גאנץ גענו אויף'ן בילד, אנגעצויגען אין דער אוניפארמע פון דער נאציאנאל־גארדע, און ער האט אויסגעזעהן עפעס וויא א שאטען פון א רעוואלוציאנער, פערלוירען אין דער דונקעלהייט פון א פערגאנגענער לעגענדע.

אויף דער אנדערער זייט, האט מען נאך אויך געקענט לעזען, וואס זיין פאטער האט אויפגעשריעבען מיט יאהרען צוריק·

„איך וועל מיך נוקם זיין פיר דיר!"

דיעזע ווערטער האבען בייא דאמור'ן ארויס גערופען דיא פאלקאמענע ער־אינערונג אין דער פערגאנגענהייט, און אויפהויבענדיג א פרוכט־מעסער, האט ער דערמיט געפאכט איבער זיין קאפ און געשריען:

„יא, יא, איך וועל מיך נוקם זיין פיר דיר!"

לואיז האט לאנגזאם ארויס גענומען דאס מעסער פון זיינע הענד, און דאן האט זיא געזאגט:

„ווען איך האב געזעהען, אז פון מיין מאמא ווערט קיין לייט ניט, האב איך בעשלאסען, אז מיין ברודער'ס פאטאגראפיע, דארף בייא איהר ניט בלייבען; עס איז קיין פאסענדער פלאטץ דאפיר. אין איין אבענד, האב איך ארויס גענגב'עט דיא פאטאגראפיע, און דא איז זיא. יעטצט, מיין ליעבער פאפא, גיב איך דיר דיא פאטאגראפיע! זיא בעלאנגט צו דיר!"

דאמור האט אוועק געשטעלט דיא פאטאגראפיע נעבען גלאז און געהאלטען אין איין קוקען אויף איהר.

דערווייל האט דער איינדרוק פון וויין אנגעפאנגען אלץ מעהר צו פערשווינדען, ביז זייא האבען זיך געשפירט באלד פאלקאמען אויסגעניכטערט. דאן האבען זייא אויך אנגעהויבען צו רעדען פערנינפטיגער.

„און יעטצט, פאפא," האט לואיז אנגעפאנגען, „איז עס מיין פליכט פאר דיר צו זארגען. דוא הערסט, דוא זאלסט מיר ניט שטערען מיין פערגניגען. איך מוז זעהען מיין גוטען און ליעבען פאפא גליקליך און צופריעדען. דאס איז מיין ציעל און מיין שטרעבען!"

דאמור האט געשוויגען.

„איך וואלט געזאגט," האט זיא פארטגעזעטצט, „אז דוא זאלסט פארבלייבען דיא נעבען מיר, מיט מיר, אין מיין הויז — וויא זאגסטו, פאפא?"

„האָט ווייס איך,“ האָט ער געשטעפּערט.

לואיז, וועלכע איז שוין געווען אויסגעניכטערט, האָט דאַן באַלד איינגעזעהן, אַז איהר פאָטער קען דאָרט ניט פערבלייבען; אַז זיין געגענוואַרט, וועט שטערען דיא פיהרונג פון איהר לעבען.

„אָבער וואָס קען מען טהאָן?“ האָט זיא דאַן געפרעגט קוקענדיג צו בערדו'ן.

„עס איז נאָך דאָ צייט, לואיז,“ האָט בערדו געענטפערט, „פאָרלויפיג לאָמיר זיך פרייען מיט דער געזעלשאַפט פון אונז אַלע דרייא.“

לואיז האָט אויסגעזעהן נאַכצודענקען, און דאַן האָט זיא פּלוצלינג אויס־געררופען:

„הער אויס, פּאַפּאַ! מיר איז איינגעפאַלען א פּראַקטישע אידעע; דיא פראַגע איז נאָר, אויב דוא וועסט דאַרויף בעשטעהען. א הערר, מיינער א גוטער בעקאַנטער און א ליעבענדער פריינד, האָט מיך אונלענגסט איבערראַשט מיט א פּרעזענט. ער האָט פאַר מיר געקויפט א הויז נעבען מאַנטע. מיין מיינונג איז, אַז דוא זאָלסט איבערנעהמען דיעזעס הויז און עס פיהרען וויא דוא פערשטעהסט. דאָס הויז איז א קאָסטבאַרעס איינענטהום; עס איז אין גאַנצען פערדונגען צו פער־שיעדענע בעוואָהנער. דוא קענסט דאָרט האָבען א פּראַקטישע וואָהנונג פון דיינעטוועגען, און האָבען פּאַלקאָמענע 200 פראַנקס א מאָנאַט איינקינפטע. עס וועט מיך זעהר פרייען, מיין גוטער פּאַפּאַ, ווען דוא זאָלסט דאָס אַקצעפּ־טירען.“

דאַמור האָט וויעדער געשוויעגען.

„אַלזאָ, וואָס זאָגסטו צו מיין פאָרשלאַג?“ האָט לואיז וויעדער געפרעגט אונגעדולדיג.

„וואָס איז פאַר א פראַגע!“ האָט בערדו אונטערגעכאַפּט, „ער וועט געוויס אַקצעפּטירען. „דאָס איז דאָך א גן־עדן, און ווען ער וועט דאָרט ווערען אונגעדולדיג, וועל איך אַרויס קומען איהם אונטערהאַלטען. געוויס, געוויס, ער אַקצעפּ־טירט!“

אויף דער אנדערער וואָך, האָט זיך דאַמור בעזעצט אויף זיין טאָכטער'ס איינענטהום, אין בעל־אייר.

דאַמור לעבט נאָך דאָרט ביז צו דער געגענווערטיגער צייט, און ער געניעסט דיא זיסע רוהע וואָס ער האָט זיך פערדיענט נאָך אַזוי פיעלע יאָהרען מאַרטערניסע, צרות, לייד, אונגליק און פיין.

ער איז געוואָרען פעט און דיק און קליידעט זיך וויא איינער פון דיא רייכע הערען. זיין געזיכט צייגט דיא אויפריכטיגע עהרליכקייט פון איין אַלטען סאָלדאט.

דיא בויערן, ווען זייא זעהען איהם, נייגען זייא זיך, צום צייכען פון רעספעקט. ער פערברענגט זיין צייט אין געהען אויף דער יאגד אָדער כאפען פיש.

מען קען בעגעגנען דאמור'ן אויף'ן וועג ווען דיא זון שיינט, און ער בליקט מיט פערגניגען וואו דער ווייץ וואקסט און בליהט. ער האט א רוהיגעס געוויסען, און ווען מען זאָל איהם פרעגען וואס ער דענקט, וואָלט ער בעדארפט ענטפערן:

„איך האב קיינעם ניט בעראבעוועט, און איך לעב מיר נאך מיין שווער־פערהאָרעוועטעס פערמעגען.“

ווען זיין טאָכטער קומט אמאל אהין אויף בעזוך מיט מאנכע הערען, דאן וויס ער, אז ער דארף בלייבען פון וויטען, און אזוי טהוט ער עס אויך אימער.

זיין גרעסטעס פערגניגען איז, ווען זיין טאָכטער זאגט איהם, אז זיא וועט מיט איהם צוברענגען א טאָג צוזאמען. דאן עסען זייאביידע אין איינעם פריהשטיק און מיטאג, און זייא רעדען פון דער אונשולדיגער פערגאנגענהייט.

ער רופט זיא מיט דיא צערטליכסטע קינדער־נעמען, און ער בעוואונדערט איהר שעהנע פיגור, איהרע הערליכע קליידער און איהר פרעכטיגעס געזיכט.

דאמור האט קיינמאל ניט פראָבירט נאך אמאל צו זעהן זיין פרוי; ער האט בלויז זיין טאָכטער אין דער גאנצער וועלט, און ער איז מיט איהר פאָלקאָמען צו־פריעדען.

נאָר איינמאל האט מיט איהם פאסירט א מערקווירדיגע געשיכטע:

ער האט בעשלאָסען צו פאָהרען נאך פאריז, דארט פערברענגען איין אבענד און בעזוכען דאס טהעאטער. עס איז געווען דאס דריטע יאהר, זייט ער האט פער־לאָזען פאריז אום זיך צו בעזעצען אין דעם הויז וואוהין זיין טאָכטער האט איהם געשיקט.

זיטצענדיג אין טהעאטער, האט ער ערבליקט א בעקאנטעס געזיכט מיט עטליכע ביינק וויטער פון איהם

ער האט באַלד דערקענט דאס געזיכט; עס איז געווען פעליסי.

א מערקווירדיגעס שמערצהאפטעס געפיהל איז איהם פאָראיבער; ער האט נאך אלץ ניט פערגעסען אָן איהר. נעבען איהר איז געזעסען א מיידעלע — איהר

קינד פון סאניארד'ן. ער האט פראבירט אבצרוּוענדען זיין געזיכט פון איהר, אבער ער האט אונווילענדיג געמוזט זיך אומקוקען עטליכע מאל.

עס האט זיך איהם געדאכט, אז פעליסי איז נאך אינגער געווארען לויט ווי זיא איז געווען, ווען ער האט זיא געזעהען לעצטעס מאל.

פלוצלינג האט זיא אומגעווענדעט איהרע אויגען צו איהם און זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט.

דאמור האט אומגעווענדעט זיין קאפ און ניט געוואלט קוקען אויף איהר. אבער ביז דער אקט איז געענדיגט געווארען, האט ער נאך געמוזט קוקען עטליכע מאל צו איהר, און ער האט בעמערקט, אז זיא נעהמט ניט ארונטער דיא אויגען פון איהם.

ווען דער אקט איז געווען צו ענדע, האט ער זיך אויפגעהויבען, מיט דער אבזיכט ארויס צו געהען, אדער נעהמען איין אנדערן פלאטץ, כדי ער זאל זיא מעהר ניט זעהען.

ווען ער איז געקומען צו דער טהיר, האט ער דערהערט א שטימע הינטער זיך:

„זשאק, דוא ביסט עס?"

עס איז געווען פעליסי'ס שטימע, און ער האט זיך געמוזט אומר ווענדען.

„וויא געהט עס דיר, פעליסי?" האט ער געפרעגט פראבירענדיג צו זיין קאלטבליטיג.

„איך וויל מיט דיר עפעס רעדען," האט פעליסי געזאגט.

דאן האט זיא זיך אומגעווענדעט צו א יונגעס מעדכען, וועלכע האט אויס געזעהען צו זיין איהר דיענסט:

„פלארא," האט זיא געזאגט, „דוא קענסט דא פערבלייבען מיט'ן קינד ביז צו ענדע און דאן געהען אהיים; אין פאל איך וועל ניט צוריק קעהרען אויף מיין פלאטץ."

דיא דיענסט, פיהרענדיג דאס קינד בייא דער האנד, האט זיך אבגעווענדעט, און איז פערשוואונדען געווארען צווישען דער מעננע מענשען.

„זשאק," האט זיא נאך אמאל אנגעפאנגען, „איך האב דיך לעטצטענס געזוכט."

„מיך?"

„יא."

„וואס איז נייעס ד‟

„איך האב דיך געוואלט זעהען •

„אָה, זיך פערביינקט נאך מיר ?‟

„שפּאָטע נים, זשאָס, איך האב דיר מיטצוטהיילען עפּעס זעהר וויכ־טיגעס.‟

דאָמור איז געוואָרען ערנסט און אויך זעהר נייגיעריג. ער איז שטילשוויינענד ארויס אויף דער גאס מיט פעליסי׳ן.

„דאָ בין איך,‟ האט ער געזאגט. „און דוא קענסט מיר מיטטהיילען וואס דוא ווילסט.‟

„פאר אלעמען,‟ האט זיא אנגעפאנגען, „וויל איך וויסען וויא דיר געהט ?‟

„מיר געהט אויסגעצייכענט, ביסטו צופריעדען ?‟

„אָה, זעהר צופריעדען ; ווירקליך, עס פרייט מיך.‟

„און יעטצט פרעג ווייטער.‟

„זאג מיר נאָר, זשאָס, האסטו אויפגעזוכט לואיזין ?‟

„יא, וואס קימערט עס דיך ?‟

„ענטשולדיג מיר, זשאק ; איך בעט דיך, רעד מיט מיר נים אזוי בעז. איך פרעג דיך נים בלויז אויס נייגיעריגקייט.‟

„וואס דען ווילסטו ?‟

„איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהיים,‟ האט זיא געענטפערט, „איך האב מיך געזעהן מיט בעררוין נאך פאָרינגעס יאָהר, האט ער מיר דערצעהלט, אז דוא לעבסט פון לואיז׳עס שאָנדע־געלד — ניין, זשאָק, דאס דארף נים זיין.‟

פעליסי האט מיט דיעזע ווערטער בערי־הרט א וואונד, וואס דאמור האט אימער געזוכט צו פערדעקען. ער איז געבליעבען שטיל און נים געקענט ענטפערן. ער האט זיך געשפּירט געבראָכען פון איהרע ווערטער.

„אך, זשאק ! דוא ביסט אמאל געוועזען דיא עהרליכקייט זעלבסט !‟

„וואס אלזאָ האב איך געקענט טהון מיט דער עהרליכקייט ? אויסגעהן פאר הונגער ?‟

„אלעס אין דער וועלט, נאָר נים נעהמען ביי א איהר‟

„דאס איז זעהר לייכט צו זאגען,‟ האט ער געענטפערט, „ווייסטו, אז צו יענער צייט ווען איך בין פאר דיר ערשיענען, בין איך אויסגעגאנגען פון הונגער !‟

„איך ווייס עס, זשאק, אָבער איך האב דיר ליידער גאר נים געקענם העלפען. ערשטענס בין איך נים אימשטאנדע געוועזן צו בעריהרען סאניארד'ס געלד, און צווייטענס וואָלסטו פון מיר גאר נים אקצעפטירט.“

„דאס איז וואהר.“

„דאן האסטו פון איהר אויך נים בעדארפט אקצעפטירען קיין זאך. ניין, ניין, זשאק, דוא האט עס נים בעדארפט טהון!“

זשאק האט געשוויגען איינינע אויגענבליקען, און דאן האט ער פלוצלינג געזאגט:

„און דאס איז אלעס וואס דוא האסט מיר געוואָלט מיטטהיילען?“

„ניין, נים דאס איז אלעס. איך בין דיר געקומען זאגען, אז דוא זאָלסט בייא איהר מעהר קיין זאך נעהמען, ווייל איך בין בערייט פאר דיר צו זארגען.“

„ווער? דוא?“

„יא, זשאק.“

„און וואס וועט סאניארד זאגען?“

„סאניארד איז טויט!“

„טויט?“

„יא, זייט 4 מאָנאט.“

„הם,“ האט זשאק געברומט.

פעליסי איז געשטאנען און ערווארטעט איין ענטפער, נאר אלס זיא האט געהערט, אז ער שווייגט, האט זיא דאן בעמערקט:

„זעהסט, זשאק, אָבוואָהל איך האב שוין געהאט איין אנדערן מאן, קען איך נאך אימער אן דיר נים פערגעסען. מיר האבען געלעבט אזוי פיעלע יאהרען צוזאמען און גענאָסען צוזאמען אזוי פיעל שמערץ און פערגניגען. מיר האבען זיך געלעבט און געשעטצט, און, צו דער געגענווערטיגער צייט, ביסטו מיין טהייערסטער פריינד.“

„דיין טהייערסטער פריינד?“ האט זשאק געפרעגט שפאָטיש. „און וואס האסטו דאמאלס געזאגט, ווען איך האב צוריק געקעהרט אָרעם, עלענד און אונגליקליך? ניין, ניין, נאר מיך נים, ווייל איך וועל מיך נים לאָזען נארען. איך ווייס נים וואס דיין אבזיכט איז, אָבער אויף אזוי פיעל בין איך זיכער, אז דוא וועניגסטענס, ביסט נים מיין פריינד.“

„האסט איין אירטהום, זשאק. ווען מיר לעבען צוזאמען מיט א קאטץ, מיט א הונד אזוי פיעלע יאהרען, ווערען מיר אויך צוגעקניפט צו דער חיה מיט

פריינדשאפט, שוין ניט רעדענדיג פון א מאן, וועלכען מען האט אמאל געליעבט און געשעטצט.״

„מיט א קאטץ, מיט א הונד! חא, חא, חא!״ האט זיך זשאק צולאכט, „איהר פרויען, זייט מערקווירדיגע ברואים, נאר איהר קענט זיך זעלבסט ניט. מיט א קאטץ און מיט א הונד, קענט איהר שוין גאנץ גוט שליעסען פריינדשאפט. אבער וואו אייער פרויען־ליעבע צו א מאן שפיעלט דיא ראָלע, הערט אויף דיא פריינדשאפט. גוט, גוט, פעליסי, לאמיר בלייבען גוטע פריינד פון ווייטענס, און מיר זיינען שוין צו אלט אום נאך חוזק צו מאכען איינער פון דעם צווייטען.״

פעליסי איז ווידער געבליעבען שטעהען און געקוקט צו זשאק׳ן. ווען דער לעטצטער האט א בליק געגעבען אין איהרע אויגען, האט ער דארט בעמערקט טרערען.

„דוא וויינסט?״ האט ער געפרעגט געריהרט.

„איך וויין, זשאק,״ האט זיא געענטפערט, „וויל דוא פערשטעהסט מיך ניט. דאס שיקזאל האט מיך געטריעבען צו הייראטהען מיט איין אנדערן מאן, געגען דעם וואונש פון מיין הארצען. דיך, זשאק, האב איך קיינמאל ניט פערגעסען...״

בייא דיעזע ווערטער האט זיא געוואָרפען א בליק אויף זיין דיקער פינגער און זיין זאמעט געזיכט מיט דיא ריינע קליידער, און פאָרטגעזעטצט:

„פיעל רייד זיינען איבריג. איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהייט: פאר אלעמען, וויל איך ניט דוא זאָלסט לעבען פון אונזער טאָכטער׳ס שאנדע־געלד, און דאן, בין איך בערייט מיט דיר צו טהיילען סאניארד׳ס פערמעגען.״

זשאק האט ארויס געלאָזען א טיעפען זיפץ און געזאגט:

„הער מיך צו, פעליסי, און פערשטעה מיך גוט. דוא ווייסט, פיעללייכט מעהר וויא יעדער, דאס מיינע עהרענגעפיהלע זיינען אמאל געוועזען אזוי שטארק, אז איך וואָלט פאָזיטיוו געשטאָרבען פאר הונגער איידער צו בעגעהען איין אונעהרענ־האפטע טהאט. יא, ווען דאס איז געוועזען, בין איך געוועזען יונג, שטארק, קרעפטיג און פול מיט לעבענס־גייסט. דיא צרות פון לעבען, האבען בייא מיר אלעס בערויבט. יעטצט בין איך איין אלטער מאן און איך שטעה שוין מיט איין פוס אין קבר. וויפיעל איך האב נאך צו לעבען, וויל איך לעבען. איך וויל ניט וויסען אויף וועלכער ארט דיעזעס לעבען ווערט מיר פערשאפט. איך זעה אבער פאר מיר היינטיגע נאכט צוויא וועגען: ענטוועדער צו לעבען פון דעם שאנדע־געלד פון מיין טאָכטער אדער פון דעם שאנדע־געלד פון מיין פרוי.״

„פון דיין פרוי!" האט פעליסי אויסגעשריען ערשטוינט.

„פון מיין פרוי, יא, וואס איז דא פאר א וואונדער?" האט זשאק ווייטער געזאגט. „דאס געלד וואס מיין טאָכטער בעזיטצט, קומט פון איהר פרויען־ליעבע, און דאס געלד וואס מיין פרוי בעזיטצט, שטאמט אויך פון דערזעלבער קוועלע. דער אונטערשיעד איז בלויז, וואס דעם פערקויף פון מיין פרוי'ס ליעבע האט בעשטעטיגט דיא קירכע אָדער דיא רעגיערונג, און דיזע פון מיין טאָכטער, האט זיא אליין בעשטעטיגט. מיט מיר בלייבט עס גלייך, איך גלויב ניט אין קיין צערעמאָניען. וועהרענד מיין טאָכטער אָבער, פערזאָרגט מיך מיט אלעמען וואס איך בענעטהיג און פערלאנגט פון מיר קיין אויסטויש דאפיר, פאָרדערסטו יעטצט פון מיר, איך זאָל צוריק ווערען דיין מאן. זעהסטו פעליסי, אין דיזער בעציהונג, זיינען מיר מענער שוין שטארק פערשיעדען פון דיא פרויען. א פרוי קימערט זיך ניט אויב איהר מאן האט געהאט צוואנציג אנדערע ווייבער, און דאן זאָל ער אויך צו איהר געהערען, וועהרענד דיא מענער, וועניגסטענס איך, קען דיך שוין ניעמאלס בעטראכטען אלס מיין פרוי, נאכדעם וויא דוא האסט בעלאנגט צו איין אנדערן..."

א פויזע האט ווידער איינגעטרעטען, און פעליסי, וויינענדיג, האט געמורמעלט:

„איז דאס דיין לעטצטעס ווארט?"

„יא," האט ער געענטפערט. „אונזערע וועגען שיידען זיך דא. איך געה מיר מיין וועג און דוא דיינעם. שימפף ניט אויף דיין טאָכטער, ווייל זיא האט ניט ערגער געהאנדעלט אלס דוא. זיא, אין איהר נויט, האט זיך פערקויפט צו מענער, דאסזעלבע האסטו אויך געטהאן. ניט בייא איהר און ניט בייא דיר איז געוועזען א ריינע וואהל פון ליעבע."

ער האט דאן אויסגעשטרעקט זיין האנד און אָנגענומען איהרע:

„פעליסי," האט ער געזאָגט מיט א ציטערענדער שטימע, „מיך פרייט עס צו הערען, וואס דוא קענסט לעבען רוהיג אויף דער עלטער. קעהר צוריק אהיים, צו דיינע קינדער, און זאָרג פיר זייער ערציהונג. מאך פון דייא גוטע מענשען, כל־זמן דוא האסט דיא מעגליכקייט. פאָלג מיך, און הייראטה ניט מעהר. דוא ביסט שוין איין עלטערע פרוי, און דיין הייראטה, כל־זמן זיא וועט ניט פערבעסערן דיין לאגע, האט קיין איינציגע ענטשולדיגונג. גוטע נאכט!"

אין נעבסטען אויגענבליק האט ער אָבגעלאָזען איהר האנד, זיך אומגעווענדעט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

אויפן אנדערן טאג, האט דאמור צוריק געקעהרט צו זיין היימאטה. ער האט ווידער פארטגעזעטצט זיין לעבען וויא אין דיא לעטצטע דרייא יאהר, און אויס־געוועהען צו לעבען פיר זיך אליין.

אין איין צייט איז ארויס א פראקלאמאציאן, אז אלע קאמוניסטען, וועלכע האבען צוריק געקעהרט נאך פראנקרייך, קענען צוריק קריגען זייערע ציוויל און פאליטישע רעכטע, אבער דאמור האט זיך אום דעם זעהר ווייניג בעקימערט, און ער האט זיך אפילו ניט געוואלט מעלדען צו דער פאליציי אום אנצוצייגען זיין נע־געוואוינט.

„וואס דארף איך נאך שטערען דיא בעאמטע?“ האט ער זיך געטראכט. „צו וואס דארף איך דאס? צו זיין א בירגער הייסט נאר, זיך צו שטערען דיא פערזענליכע רוהע און פרייהייט, און דאס וויל איך ניט.“

יא, דאמור לעבט יעטצט וויא א מויז אין א לאך, אבגעזונדערט פון דער וועלט, בעהאלטען, פערגעסען; ער בעלאנגט ניט צו קיינעם און קיינער בעלאנגט ניט צו איהם. ער האט זאגאר אויפגעהערט רויט צו ווערען פאר שאנדע, ווען זיין מאכטער בעשענקט איהם מיט א פרעזענט.

„דאס איז דער אויסטויש פון פרויען־ליעבע,“ טראכט ער זיך ווען ער דער־מאהנט זיך, „און דאסזעלבע איז מיט אלע אונזערע פרויען, אויב זייא האבען צו איינציגע מענער אדער מעהרערע.“

ער האט אפילו אמאל פראבירט ארויס צו קריכען פון זיין בעהעלטעניש און וועקסלען אביסעל דיא ארט פון זיין לעבען. דאן האט ער זיך דערמאהנט, אז דיא וועלט האט א טבע צו מאכען בעמערקונגען, זאגען מוסר און ארויס רופען אונאנ־גענעהמע עראינערונגען.

„ניין, ניין,“ האט ער צו זיך אליין געזאגט, „איך וויל דאס ניט! קיינער וויים ניט ווען דער שוך קוועטשט, און עס איז אימער לייכטער יענעם צו זאגען מוסר וויא זיך אליין. אך, דיא מוסר־זאגער! זייא האבען שארפע צונגען, אבער זייא קענען ניט אריין קוקען אין דיא פערוואונדעטע הערצער פון דיא מענשען, צו ווען זייא זאגען דעם מוסר.“

מאנכע מאל אבער, אונטערהאלט ער זיך אויך גאנץ גוט. דאס איז דא־מאלס, ווען בעררו, דער זארגענלאזער, קומט צו איהם צו גאסט, און דאן פאנגט אן א לעבען פון עסען, טרינקען, געהען אויף דער יאגד, כאפען פיש און פוסטע פלוידעריי וואס בעריהרען ניט דיא לעבענס־פראגען.

בערדז, וויא עס שיינט, איז פאָלקאָמען צופריעדען צו האבען אזא פריינד און ביידע זיינען גליקליך.

לעטצטענס, האט בעררו אָנגעפאנגען צו ברענגען אנארכיסטישע צייטונגען אויס פאריז. דיא צווייא אלטע קאמעראדען לעזען דאס און בעשפרעכען עס אין א מעכאנישען טאָן צום צוועק פון אונטערהאלטונג, אָהנע זייא זאָלען זיך שפירען אמ־ מינדעסטען בעטהייליגט.

מאנכע מאָל ווערען זייא זאָגאר שטארק דערהיטצט און זאָגען, אז מען דארף באָמבארדירען דיא גאנצע רעגיערונג, אויפהייגנען דיא רייכע, פערברענען פאריז, איבערבויען דיא שטאָדט און עררינטען א שטאָדט נאָר פיר דעם פאָלק.

אָבער זייא זיינען גאנץ אונשעדליך. דיא איינציגע אידעע וואס בעשעפטיגט אמאל דאמור'ן, און פון וועלכען ער האט געמאכט א שטודיום, איז דיא פרויען־ פֿהרע. אין דעם פערשטעהט ער זיך איין גאנץ גוט, און ער האט אויך מאנכע אויסגעצייכענטע בעגריפע דאריעבער.

ע נ ד ע

א גלח׳ם זינד.

אַ גלחים זינד.

1.

לאַ טעס איז אריין אין דער קליינער קירכע, מיט דעם בעזים אין האנד, און האט זיך גענומען שנעל אויסקעהרען. זיא האט געוואוסט, אז שפעטער וועט זיא קיין צייט ניט האבען, ווייל זיא וועט אין דעם טאָג אָנפאַנגען צו וואַשען דיא וועש פון דיא פערגאַנגענע זעקס מאָנאַט.

קעהרענדיג איז דער שטויב געפלויגען אין אלע זייטען, און לאַ טעס האט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט, אויסגעקוקט פון אלע זייטען, און מיט בעדויערן בער טראַכט דיא היילינע בילדער און היילינע פיגורען פון דער קליינער קירכע.

„בייא מיין וואָרט,‟ האט זיא געזאגט, „מען וואָלט זייא בעדאַרפט גוט אויס־וואַשען און אָבריינינגען. זעה נאָר וויא דיק דער שטויב איז וואס ליענט אויף זייא. אָבער ניט היינט, ניין, היינט האב איך קיין צייט ניט.‟

גייסטליכער מורעט איז דאמאלס אריינגעקומען.

„גוט מאָרגען, אייערע עהרווירדען!‟ האט לאַ טעס געזאגט ערבליקענדיג דעם גייסטליכען און אוועק שטעלענדיג דעם בעזים.

„גוט מאָרגען, לאַ טעס!‟ האט ער געענטפערט מיט א שעהנער מוזיקאַ־לישער שטימע.

„זעה נאָר זעה,‟ האט לאַ טעס ווייטער געזאגט, זיך אוועק שטעלענדיג מיטביידע הענד פאַרבאָקום. „וואס איז היינט אזוי שפעט? ווייסט איהר, אז עס איז שוין צוואנציג מינוטען נאך זעקס?‟

אָהנע צו ערלויבען דעם שמייכלענדען יונגען גייסטליכען עפּעס צו זאגען, האט זיא פאָרטגעזעטצט:

„איך מוז אייך שוין ווידער אָנזידלען. וואס איז דאס פאר א נייער ריס אין אייער קאַפּטען? איך פערשטעה ניט וואס דאס הייסט! מען מוז נאָר שטעהן און פעררינטען מאַג אַזוי נאַכט. וויפיעלע נאָך קאַפּטענס האט איהר? נאָך

איינעם, און דער איז אויך צורריסען. עס וועט דאָך אויסקומען, אז איהר וועט ניט האבען מיט וואס ארויס צו געהען אויף דער גאס!"

אימער שמייכלענדיג, האט דער יונגער גייסטליכער געענטפערט:

„ביא נאָט מאכט עס ניט אויס וואס פאר א קאפטען מען טראָגט. א נייעם אָדער איין אלטען, קיין אונטערשיעד."

זיא האט איהם אָנגעקוקט בעדויערנד. דיא אלטע לא טעס, מורעט'ס הויז־האלטערין, האט שוין ניט געוואוסט וויא אזוי נאך זיא זאָל לערנען דעם ארמען נאכלעסינגען גלח, ער זאָל אויסזעהען וויא א מענש.

„איז מיין שוועסטער שוין אויפגעשטאנען?" האט דער גייסטליכער פלוצלינג געפרעגט. „איך האב זיא נאך היינט ניט געזעהען."

„אזוי, ניט געזעהען? וואס זעהט איהר דען יא? מאדמאַזעל דעזירע איז שוין לאנג אויפגעשטאנען. זיא איז בעשעפטיגט בייא איהרע עופות און קרולעקעס. זיא ערוואַרטעט היהנדלעך זאָלען היינט ארויס קומען."

לא טעס האט נאך עפעס דאָרט צורעכט געמאכט, דאן אימער שאָקלענדיג מיט איהר אלטען קאָפּ, אז זיא בעדויערט דעם יונגען און נאכלעסיגען גלח, איז זיא ארויס פון דער קירכע.

מורעט, ערנסט, אונטערגעבען און אויפריכטיג, איז צוגעגאנגען צום מזבח, ניעדערגעקניעט, און מיט א ווייכער און צארטער שטימע, האט ער אָנגעפאנגען צו זאגען זיינע געבעטע.

2.

ווען ער איז ארויס געקומען פון דער קירכע און איז אריין אין הויף, איז לא טעס געשטאנען און דאָרט אויך צוזאמען געקעהרט.

„הערט נאָר אויס, אייערע עהרווירדען," האט לא טעס געזאגט בעז און בע־פעהלענדיג, „איהר מעגט בלעבען זאגען אייער שוועסטער'ל, זיא זאָל דאָ ניט אָנ־מאכען אזא מיסט מיט איהרע חיות און עופות."

„ווירקליך, לא טעס," האט דער יונגער גייסטליכער ערווידערט גוטמיטהיג. „איהר האט נאָר א טבע זיך אויף אלעמען צו בייזערן. לאָזט דעזירע'ן צופריעדען מיט איהרע אונשולדיגע פערגניעגענס."

„נו, וואס דען? איהר גיבט דאָך איהר אימער רעכט. איך ווייס, איהר זייט א לעמעשקע, און אפילו ווען מען לערענט אייך עפעס איהר זאָלט וויסען וויא

צו לעבען אויף דער וועלט, ווילט איהר אויך ניט וויסען. ניט אומזיסט האט אייך דער בישאָף פערשיקט אהער נאָך לאַ ארטאַד. ערגיץ אנדערש וואָלט איהר גאר ניט געפּאסט. אזא שלים־מזל פּאסט אויך אין אזא פערשטופּטען ווינקעל.״

„איהר האט א טעות, לאַ טעס. איך אליין האב געוואָלט דאָ איבערנעהמען די קירכע. וואס פעהלט אונז דען? האבען מיר ניט אלעס וואס מיר ווילען? זיינען מיר ניט גליקליך?״

לאַ טעס האט אויפגעצויגען מיט די אַקסלען, וויא א מענש וואס גיבט אויף יעדע האָפנונג.

„געוויס פעהלט אייך גאר ניט. איהר זייט א הייליגער מאַן, מאַנסיע,״ האט זיא געזאָגט אביסעל חוזק מאַכענדיג. „איהר האט גאר ניט און אייך פעהלט גאר ניט. אַרויס געוואָרפענע ווערטער, נישטאָ מיט וועמען צו רעדען.״

גראַדע דאמאלס האט זיך געהערט א פרישע און יונגע שטימע:

„סערוש! סערוש!״

דעזירע איז אריינגעלאָפען. איהרע באַקען האבען געפלאַמט מיט מונטערקייט און געזונדהייט, און איהרע ווייסע הענד האבען זיך אַרויס געזעהען פון די פער־קאַטשעטע ארבעל. זיא האט ארום געכאַפּט איהר ברודער, איהם געקושט אויף׳ן מויל, און אויסגעשריען:

„אַך סערוש!״ דוא זאָלסט נאַר זעהען מיינע היתגדלעך! אלע זיינען אזוי שעהן... וואוהין געהסטו יעטצט?״

מורעט האט זיך צערטליך בעפרייעט פון זיין שעהנער שוועסטער׳ס אומאר־מונג און געענטפערט:

„איך געה ארונטער אין דאָרף. מיר דאכט עס זיינען דאָרט דאָ א פּאאר קראַנקע וואס בעדארפען א טרייסטענדעס וואָרט. אז מען וועט מיך זעהען, וועט מען מיך געוויס אריינרופען. שיקען ביז אהער נאָך מיר, האט איינער זעלטען חשק.״

„נוט, נוט״, האט זיך לאַ טעס אריינגעמישט. „זעהט נאַר איהר זאָלט זיך בענגענען מיט ברודער ארשאַנזשיאס. אָבער פערגעסט ניט אהיים צו קומען צו פריהשטיק. איך וויים דאָך, בייא אייך קען עס געהמען ביז 12 אוהר.״

מורעט איז אוועק.

לאַ טעס האט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ בעדוירענד, און אונטערגע־מרמעלט:

„וואס ווייס ער ? ראכט זיך שוין א מענש פון 26 יאָהר אַלט, און ער איז נאָך ווי א קינד."

זיא איז ניט געווען נאָר א הויזהאַלטערין, זאָנדערן אויך ווי א מוטער. זיא האט אכטונג געגעבען אויף איהם און אויף זיין שוועסטער. דעווירע איז שוין אפילו געווען א מיידעל פון א יאָהר 17, שטאַרק געוואקסען און הויך, אָבער פאַר איהר האבען נאָר געלעבט דיא היהנער, דיא גענז, קאַטשקעס, טויבען, קרוליקעס, און הינט.

8.

ווען מורעט איז ארויס פון הויף, האט ער גענומען זיין וועג־רעכטס איבער דיא גרינע פעלדער אום צו גרייכען דאס דאָרף פון דער אנדערער זייט. איבער'ן וועג, האט ער בעגעגענט ברודער ארשאַנזשיאַס, וועלכער איז שוין געווען א מאַן אין דיא עלטערע יאָהרען און געדיענט אלס דער לעהרער, קירכהויף־וועכטער און נאָך אנדערע געטהיגקייט פון דאָרף.

ארשאַנזשיאַס איז געווען זעהר פרום, אָבער ער האט געהאט א מיאוס'ע טבע, זיך צו בעדיענען מיט זעהר שארפע און פראָסטע ווערטער.

„גוט מאָרגען, אייערע עהרווירדען!" האט ער אויסגעשריען מונטער, וואס פאַר א טייפעל ברענגט אייך אהער אזוי פריה ?"

„ברודער," האט מורעט געענטפערט אין א צערטליכען טאָן, „ווארום זאָלט איהר ניט מעסינגען אייער שפראכע ?"

ארשאַנזשיאַס האט געלאכט, און דאַן, רעדענדיג עטליכע מינוטען, האט איהם מורעט מיטגעטהיילט, אז ער און לא טעס וועלען זעהר צופריעדען זיין, ווען ער וועט צו איהם קומען אבענד צום נאַכטמאָהל.

ארשאַנזשיאַס האט אָנגענומען דיא איינלאדונג און איז זיך געזעגענען זיין וועג.

מורעט האט געוואַנדערט ווייטער, פערטראַכט איבער דער שעהנער געגענד און איינאטהעמענדיג דיא פרישע מאָרגען־לופט.

פלוצלינג האט ער דערהערט א דראָשקע פאָהרענדיג.

ער האט זיך אומגעקוקט און בעמערקט א מאַן אין א דראָשקע, מיט איין פערד, וועלכעס ער האט אליין אנגעטריעבען.

„אה, טערש!" האט אויסגעשריען א שטארקע מענש־שטימע. „ווא ביסט עס, מיין יונגע?"

די ערשטע איז געבליעבען שטעהען און דער גייסטליכער האט דערקענט זיין אָנקעל, דאָקטאָר פאסקאל רומאָן, אָדער טאָנטיע פאסקאל, וויא מען פלעגט איהם רופען אונטער די ארמע.

אָבוואָהל קוים עטוואס עלטער פון פופציג יאָהר, איז שוין דר. פאסקאל'ס קאָפּ געווען שנעע־וויים. זיין גרויסע באָרד און לאנגע לאָקען האבען ארום גע־רינגעלט זיין געזיכט, וועלכעס האט אויסגעזעהען זעהר עדעל און דעליקאט.

„און דוא געהסט דיר אזוי ארום אין דער זונן און שטויב צו דיעזער צייט?" האט דר. פאסקאל געזאגט, אויסשטרעקענדיג זיין האנד צום יונגען גייסטליכען. „דוא האסט וואהרשיינליך קיין מורא ניט פאר זונען־שטיך?"

„ניין, אָנקעל, איך האב גראדע אזוי קיין מורא ניט וויא איהר", האט מורעט געענטפערט לאכענדיג.

„זעהסט דאָך, אז מיך בעשיטצט די דעק פון מיין דראָשקע. דאָן, בין איך געצוואונגען ארויס צו פאָהרען. קראנקע מענשען איבערהויפּט, קענען ניט ווארטען."

דאָן האט איהם דר. פאסקאל דערצעהלט, אז ער פאָהרט צו דעם אלטען זשאנבערנאט, דער אויפזעהער פון פאראדו, וועלכער האט געהאט איין אפּאָפּלעפּ־טישען שלאג לעצטע נאכט. זשאנבערנאט'ס א שכן, א בויער, וועלכער איז גע־קומען נאך פלאסאן, האט איהם דאריבער מיטגעטהיילט.

„ער מוז שוין יעצט זיין טויט," האט דער ארצט פאָרטגעזעטצט. „אָבער דאָך, מוז מען זיך פריהער איבערצייגען דאריבער. דיעזע אלע חברה־לייט זיינען אמאל גענוג שטארק, אפילו די אפּאָפּלעקסיע איבערצולעבען."

ער האט אויפגעהויבען זיין בייטש אום ווייטער צו פאָהרען, אָבער מורעט האט איהם אָבגעשטעלט.

„ווארט, אָנקעל, אום וויפיעל אוהר רעכנט איהר ועט איהר דארט זיין?"

„אונגעפעהר אום עלף."

מורעט האט זיך אפילו דערמאָהנט אן לא טעסן, וויא זיא ועט שרייען און ליארמען, אָבער זיך דערמאָהנענדיג, אז דאָ קען ער טרייסטען א מענשען אויף זיין שטערבע־בעט, האט ער געזאגט:

„איך וועל מיט אייך פאָהרען, אָנקעל. דער אונגליקליכער בענעדזיקט מוזער א גייסטליכען צו דיזער שטונדע.“

דר. פאסקאל האט זיך ניט געקענט בעהערשען און געמוזט לאכען.

„וואס, זשאנבערנאט!“ האט ער געזאָגט. „געה שוין געה. דיין מיה איז אומזיסט. ווען דוא זאָלסט איהם נאך קענען מאכען צו גלויבען, דאן וואָלט איך געזאָגט, אז דוא ביסט א קינסטלער! נאָר, איבריגענס, קום, פאָהר מיט. דיך אליין אָנצוקוקען, קען איהם שוין קורירען.“

דער גייסטליכער איז אריין אין דער דראָשקע.

דאס פערד איז געלאָפען גאנץ שנעל פאָרווערטס און דיא פיידע מענער האבען אָנגעפאנגען א געשפרעך.

„דוא זעהסט אוים גאנץ בלאס?“ האט דער דאָקטאָר בעמערקט.

„ווער, איך? מיר פעהלט גאר ניט. איך בין געזונד וויא א ריעז.“

„דאס פרייט מיך,“ האט דר. פאסקאל בעמערקט ווירקליך צופריעדען. „אין פריהלינג מוז מען זעהר פאָרזיכטיג זיין. דאס בלוט איז דאמאלס טהעטיגער וויא אימער. יא, וואס האב איך דיר געוואָלט זאָגען, איך האב לעטצטענס נײַ' עהען דיין ברודער אָקטאַוו אין מארסייל. ער איז אוועק געפאָהרען קיין פאריז.... דוא אליין, סערזש, ביסט דער איינציגער היילינגע אין דער פאמיליע... דיא איבריגע, בע....“

דאס געשפרעך האט זיך געצויגען ווייטער, נאָר מורעט האט אויסגעזעהען זעהר נייגיעריג איבער זשאנבערנאט. ער האט געוואָלט אלעס וויסען. וואס הייסט דאס? וויא קען עס איין אלטער מאן, ליעגענדיג אויף'ן שטערבע־בעט, זיין איין אפיקורוס?

„פערשטעהסטו מיך,“ האט דר. פאסקאל געזאָגט צערטליך צו זיין נעפע, וועלכען ער האט געליעבט פאר זיין קינדישער אונשולד. „עס זיינען דאָ א סך מענשען וואס עס איז זעהר שווער זייא צו פיהרען אין גן־עדן. אך, ווען זייא זאָלען אלעס דערצעהלען, וואָלסטו געהערט א וידוי, וואס וואָלט דיך מעהר וויא בעאונ־רוהיגט. מיך בעקימערט ניט זייער וידוי, ווייל איך זאָרג ניט אום זייערע נשמות. מיך אינטערעסירט זייערע קערפערס... יא, איך האב גאר פערגעסען, וואס טהוט עפעס מיין ניכטע, דאס הייסט, דיין שוועסטער דעזירע?“

מורעט האט איהם אלעס דערצעהלט איבער איהר, און פאסקאל האט גע־שמייכעלט. דערווייל זיינען זייא אָנגעקומען ניט ווייט פון איין אלט־מאָדישען פאלאסט מיט א הויכען פארקען.

„איז עס נאָך ווייט ביז אהין ?" האָט מורעט געפרעגט נייגיעריג.

„ניין, מיר זיינען שוין אין לע פּאַראַדו, ביסטו גאָר קיינמאָל דאָ ניט גע־ווען ? עס איז גראַדע דריי מיילען ווייט פון לע אַרטאַד. דאָס איז אַמאָל געווען אַ פּראַכטפולער גוט. דער פּאַרקען פון דיעזער זייט, איז אַ גאַנצע מייל לאַנג. אָבער, לויט ווי מען דערצעהלט, איז שוין פאַראיבער באַלד הונדערט יאָהר, זייט דער גאַרטען אינוועניג, איז פערלאָזען און פערווילדעט געוואָרען."

„איך מערק מיר זעהר שעהנע בוימער דאָרט," האָט מורעט בעמערקט.

„יאָ, דיעזע זייט, איז זעהר פרוכטבאַר. דער גאַרטען, בעהויפּטעט מען, איז געוואָרען אַ גאַנצער וואַלד, און ליעגט אַרום געריינגעלט מיט הויכע פעלזען פון אַלע זייטען. מען זאָגט, אז אינוועניג זיינען דאָ אונגעפעהר פינף ברונענס."

דאַן האָט פּאַסקאַל ווייטער אָבגעשילדערט מיט אַלע מעגליכע איינצעל־הייטען איבער לע פּאַראַדו. נאָך צור צייט פון לואיס דעם 15־טען, האָט דאָרט זעהר אַ רייכער מאַן עררירכטעט אַ פּאַלאַסט, מיט אַ מעכטיגען גאַרטען, טייכען, סטאַטוען און אַנדערע מערקווירדיגע זאַכען. אָבער ער האָט דאָרט פערבראַכט ניט מעהר וויא איין זומער, צוזאַמען מיט אַ וואונדערבאַרער שעהנע פרוי. דיעזע פרוי איז וואַהרשיינליך דאָרט געשטאָרבען, דען קיין מענש האָט זיא מעהר געזעהען. אויף'ן אַנדערן יאָהר, איז דער גרעסטער טהייל פון דעם פּאַלאַסט אָבגעברענט געוואָרען, דיא גאַרטען טהירען האָט מען פערשלאָסען און אַלעס איז בעוואַקסען געוואָרען. זייט דאַמאַלס, ווערט בעהויפּטעט, איז קיינער ניט אַריין אין גאַרטען צו זעהען וואָס דאָרט טהוט זיך.

„און צו וועמען בעלאַנגט יעטצט לע פּאַראַדו ?" האָט מורעט געפרעגט נאָך דיעזער ערקלערונג.

„ווירקליך, קיינער ווייס ניט," האָט דער אַרצט געענטפערט. „דער איינער־טהימער איז דאָ איינמאָל געווען מיט 20 יאָהר צוריק. אָבער ער האָט זיך אַזוי דערשראָקען פאַר דער ווילדקייט פון דיעזען פּלאַטץ, אַז ער האָט שוין מעהר ניט צוריק געקעהרט. דער הויפּט בעל־הבית, איז דער אויפזעהער, דער אַלטער חברה־מאַן, זשאַנבערנאַט, וועלכער האָט זיך אויסגעזוכט אַ וואָהנונג צווישען דיא חורבות פון דעם פּייער. אָבער, זעה נאָר, קוק זיך איין, מען קען יעטצט ניט בעמערקען, אויב אַ פּייער איז דאָ אַמאָל געווען. אַלעס ליעגט איינגעהילט אין קלעטערענדע פּלאַנצען און בלומען."

דאָרט איז עס גוטע. זיא זיינען געבליעבען שטעהען.

דער יונגער גייסטליכער איז ארויס געשפרונגען פון דער דראָשקע און בעד־וואונדערענדיג, האט ער בעטראַכט די גאַנצע געגענד, מיט אַזוי פיעלע גע־היימניסע.

„און דער אלטער זשאַנבערנאַט וואָהנט דאָ אליין?" האט ער וייטער גע־פרעגט, ווען פאַסקאַל איז אויך ארויס פון דער דראָשקע.

„יא, גאַנץ אליין," האט דער ארצט געזאָגט, נאָר נאָכדעם האט ער בעד־מערקט:

„דאס הייסט, אפילו ניט גאַנץ אליין, ער האט מיט זיך א ניכטע, א יונגעס מעדכען. ער האט זייא געמוזט אריין נעהמען וואָהנען מיט איהם. זיא איז איינפאַך א ווילדע. זיא האט פיינד מענשען. נאָר, לאָמיר זיך אביסעל צו איילען. דאס גאַנצע הויז זעהט אויס ווי א טויט."

4.

פאַסקאַל האט צוגעבונדען דאס פערד נעבען אייזערנעם טויער, און זייא זיינען דאַן ביידע אריין.

דאָרט, צווישען די פלאַנצען און בלעטער, הינטער דעם שאָטען פון דער נאַרטען־וואַנאַ, איז געשטאַנען דער אַלטער זשאַנבערנאַט, אזוי גראַד ווי א בוים, און זיך רוהיג געריבערט זיין לולקע, בליקענדיג ווי די גרינצייגען וואַקסען.

„וואס איז דאס, אַלטער? נאָך ניט געשטאָרבען?" האט דער ארצט גע־פרעגט שפּאַסענדיג.

„אזוי, אַזוי, איהר זייט דאס געקומען מיך בעגראָבען?" האט זשאַנבערנאַט געברומט מיט א גראָבער שטימע. „איך דאַנק אייך פאַר דער טובה. איך דאַרף ניט קיינעם. גאַנץ אליין האב איך מיר געלאָזען בלוט."

ערבליקענדיג דעם גייסטליכען, האט ער אָנגענומען א דראָהענדע מינע. פאַסקאַל האט דאס בעמערקט, און קענענדיג דעם אַלטען, האט ער זיך אריינ־געמישט און געזאַגט:

„דאס איז מיין נעפע, דער גייסטליכער פון לע ארטאַד; אויך א גוטער ברודער. צום טייפעל, אַלטער זשאַנבערנאַט, וואס איז מיט אייך וואס איהר זייט אזוי אין כעס? מיר זיינען דאָך אבער ניט געקומען אייך אויפצועסען!"

דער פלעשער האט זיך אביסעל בערוהיגט.

„איך וויל דא קיינעם ניט פון דער פינסטערער באנדע,“ האט ער געזאגט מיט זיין רוהיגער שטימע. „עס איז גענוג ווען זייא האבען אנדערע פלעצער. מערקט זיך גוט, דאקטאר, איך וויל ניט האבען קיין גלחים פאר מיין טויט אדער נאך מיין טויט. געשטארבען, בעגראבען און א סוף! נאר אזוי גיך ער איז אייער געפע, מעג ער אריינקומען.“

מורעט איז געוועזן איבערראשט. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון דעם פלאמץ.

ווען דר. פאסקאל האט געוואלט שפירען זשאנבערנאם'ס דופק, האט דעם אלטען'ס צארן ווידער ערוואכט:

„לאזט מיך צורוה, איך בעט אייך, מיט אייערע רפואות. איהר ווייסט דאך, איך גלויב אזוי אין דאקטוירים גיוא איך גלויב אין גלחים. איך האב דאך אייך געזאגט, איך האב מיר געלאזען בלוט מיט מיין מעסער'ל, און אלעס איז פאר־איבער. ווער איז דאס געוועזן דער שווייגישער בויער וואס האט אייך געשטערט? האסטו געהערט א רעש! דער דאקטאר איז דא, דער גלח אויך, און ווער איז דער טייפעל? צום בעדויערן, מען קען זיך אנדערש ניט העלפען, דיא מענשען מוזען זיין דומקעפ. אבער, נאך אלעמען, זאל דאס אלעס אונז ניט שטערען עפעס צו טרינקען.“

ער האט ארויס געבראכט א פלעשעל מיט 3 גלעזלעך, אנגעגאסען, יעדען דערלאנגט. זיין גאנצער כעס האט אויסגעזעהען מיט איינמאל פערשוואונדען.

„טרינקט, טרינקט, מיין ליעבער גלח,“ האט ער געזאגט, „דאס איז ניט קיין סם. א גלאז גוטער וויין איז ניט קיין זינד. בייא מיין ווארט, עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב אנגעשטויסען מיין גלאז מיט דעם גלאז פון א גלח. אייער פארגענגער, נייסטליכער קאפען, האט ניט געוואלט טרינקען, האטש גיב איהם א קריינק. שטעלט זיך נאר פאר, ער האט מיך געוואלט איבערציינען, אז עס איז דא א גאט. אבער ער האט שוין ניט געקענט קויז ווערען פון מיר. ווען איך האב איהם בעגעגענט, האב איך איהם אויפגעפאדערט ער זאל דאס מיר בער־ווייזען. אבער דער דומקאפ, האט אימער געמאכט א ויברח.“

„וואס!“ האט מורעט אויסגעשריען ערשראקען און געגרויסט. וואס רעדט איהר? איז עס נאר בייא אייך א פראגע אויב גאט עקזיסטירט?“

דער אלטער האט הערציך געלאכט.

„אדרבא," האט זשאנבערנאט געזאגט שפּאַטיש, „איך בין בערייט צו ווערען א חייליגער, ווען איהר וועט דאס מיר בעווייזען. אָבער מערקט זיך גוט, בייא מיר איז נישטאָ קיין פוילע שטיק. אייערע פּסוקים זיינען בייא מיר גאר ניט ווערטה. פאקטען, לעבעדיגע פאקטען וויל איך זעהן. עס זיינען פערהאנדען עטליכע טויזענד ביכער אין איינעם פון מיינע צימערן דאָ בייא מיר. דאָרט קענט איהר געפינען דיא ווערקע פון אלע פילאָזאָפען אין 18־טען יאהרהונדערט, און דערצו אויך א גאנצען הויפען ביכער איבער רעליגיאָן. אין דיעזע צוואנציג יאָהר זייט איך בין דאָ, האב איך א מאסע געלעזען. איהר זאָלט דערפאר ניט מיינען, אז איך קען ניט אלע אייערע ראיות און איהר וועט מיך דאָ קענען פערדרייען מיט אייערע גלח'ישע נאַרישקייטען."

מורעט איז געוועזען פערווירדט און ניט געקענט רעדען א וואָרט. זשאנבערנאט האט געגעבען א מאך מיט דער האנד און פאָרטגעזעטצט:

„אלעס איז נאר ניט. דער מענש איז ניט מעהר יחסן וויא דער שוואלב דאָרט אונטער דעם דאך. ווען דיא זונן וועט זיך אויסלעשען, וועט אלעס זיין טויט וויא א קלאָטץ."

דר. פּאסקאל האט געשמייכעלט און בעמערקט:

„אזוי גאר, איהר זייט א מאטעריאליסט?"

„איך בין בלויז איין ארמער מענש," האט זשאנבערנאט געענטפערט. „ווען דער גראף דע קאָרביער, מיין שטיף־ברודער, איז געשטאָרבען, האבען מיך זיינע קינדער אהער געשיקט אום פון מיר פּטור צו ווערען. דאמאלס בין איך אלט געוועזען 60 יאָהר, און עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין שוין נוטה למות. אָבער, וויא עס שיינט, האט דער מלאך המות אן מיר גאר פערגעסען. זעהט איהר, ווען א מענש לעבט גאנץ אליין, האט ער א געלעגענהייט בעסער צו בעטראַכטען דיא וועלט און וויסען איהר בעדייטונג, וויא צור צייט ווען מען לעבט אין רויש און טומעל. אלסדינג איז גאר ניט; עס איז עפּעס א מין נארישער שפּיעל. מיין ברודער, דער גראף, האט מיר אמאל געזאגט: „זעה, זשאנבערנאט, איך ערוואַרטע דיך צו זעהען אין גיהנום." מיר האבען ביידע געלאכט דערבייא, און זיך געמאכט דערפון וועניגער ציטעס וויא איהר פון אייער גן־עדן. אָבער דומהייטען, גיהנום, גן־עדן, דאס איז אלעס א פּוסטע פאנטאזיע. ווען מען דעקט איינעם צו מיט עטליכע לאָפּעטעס ערד, האט געגומען א סוף פון אלעסען."

פאסקאל האט ווידער געלאכט און געצווינגען דעם ערשטווינטען יונגען גלח ביים ארבעל.

„אָבער דומהיימען !" האט דער אלטער אויסגעשריען געבענדיג א שטארקען קלאפ אין טיש מיט זיין פויסט. „קומט, לאָמיר טרינקען נאך צו גלעזלעך. האט קיין מורא ניט, גייסטליבער, אויף'ן דנאָ פון גלאָז איז קיין טייפעל נישטאָ !"

פאסקאל און דער אלטער האבען געטרונקען, נאָר מורעט האט אויפגעצווינגען מיט דיא אקסלען, צונוואָרפען זשאַנבערנאַמ'ן א טרויעריגען בליק, און זיך גע־טראכט :

„נעביך, דער אלטער מאַן ; זיין נשמה איז פערלוירען. אונמעגליך זיא צו רעטען פון גיהנום."

„און וויא געהט עס מיט אייער קליינער ?" האט פאסקאל פלוצלינג גע־פרעגט.

„גאנץ גוט," האט זשאַנבערנאַט געענטפערט. „זיא איז קיינמאל ניט אין הויז. דעם גאנצען טאָג זעה איך זיא ניט. איבריגענס, פיעללייכט איז זיא אין דיא אויבערשטע צימערן."

ער האט זיך אומגעווענדעט און אויסגעשריען :

„אלבין ! אלבין !"

קיין ענטפער.

„וואהרשיינליך נישטאָ," האט ער ווייטער בעמערקט. „אלזאָ, מיין חערר גייסטליבער, פאר מיר, זעהט עס אויס, קענט איהר ניט פרעדיגען. איך ווייס, איהר טראכט זיך, אז איך בין דער אלטער טייפעל זעלבסט. גוט, ווען איהר וועט האבען אמאל חשק צו זעהען דעם אלטען טייפעל, קומט אריעבער."

מורעט האט קיין חשק ניט געהאט אָנצונעהמען דיא איינלאדונג. גראדע דאמאלס האט זיך געעפענט א טהיר און אלבין איז ערשיענען.

„אָט איז זיא, דיא מציאה !" האט זשאַנבערנאַט אויסגעשריען. „שוין ווידער געווען אין גארטען !"

אלבין איז געשטאַנען לאַבענדיג. זיא איז געווען א מיידעל פון א יאָהר 17 ; פריש וויא א רויז און אזוי שעהן וויא א בליהענדע בלום. זיא האט געטראָגען אין אראנזשען קאָלירטעס קלייד, מיט א רויטער פאטשיילע צוגעבונדען ארום גארטעל. איהר קאָפּ און האלז, זיינען געווען בעדעקט מיט בלומען, און זיא האט אזוי מונטער געלאכט, אז אין איהר טאָן האט מען געקענט הערען דעם אָבקלאַנג פון גליק, יוגענד און אונענדליכע צופריעדענהייט.

„גאר אין גארטען ליעגט זיא איבער," האט ושאנבערנאט ווייטער גע־זאגט.

אלבין איז צוגעקומען צו דיא מענער, אימער לאבענדיג, און אזוי וויא דר. פאסקאל איז געווען איהר בעסטער פריינד, האט זיא איהם אומארמט און גע־קושט.

„אזוי, אזוי," האט פאסקאל געזאגט, „דוא האסט גאר קיין מורא ניט פאר דער איינזאמקייט פון לע פאראדו?"

„מורא? ווארום?" האט זיא געפרעגט עפענענדיג איהרע אויגען מיט ערשטוינען, „דיא ווענט אין גארטען זיינען אזוי הויך, אז קיינער קען ניט אריבער קריכען. איך בין דארט איינע אליין. איך בין דער איינציגער בעל־הבית'טע; דער גארטען איז מיינער. ער איז אזוי גרויס, אז איך האב נאך אין איהם קיין ענדע ניט געפונען."

„און דיא חיות?" האט דער דאקטאר געפרעגט.

„אָה, דיא חיות? זייא ווערען מיר גאר ניט מחזק. „זייא קענען מיך אלע."

„אָבער עס איז זעהר פינסטער אונטער דיא בוימער."

„געוויס, עס איז דאָ א שאטען. ווען עס זאָל קיין שאטען ניט זיין, וואָלט אָבגעברענט געוואָרען מיין פנים פון דער זונן. אָבער דערפאר איז עס זעהר אנגע־נעהם צווישען דיא בלעטער און בלומען."

זיא האט דאן אָנגעפאנגען ארום צו שפאנען מיט דער גרעסטער מונטער־קייט, געשמייכעלט אונשולדיג צום גייסטליכען, און זיך פלוצלינג ווענדענדיג צו פאסקאל'ן, האט זיא געזאגט:

„הערט, איך האב א געסט מיט קליינע שווארצע פיינעלעך. ווילט איהר זייא האבען?"

„ניין, איך דאנקע," האט ער געענטפערט. „גיב זייא דעם גייסטליכען'ס שוועסטער. זיא האט דאס ליעב. אלזאָ אלטער ושאנבערנאט, אדיע!"

אלבין האט זיך דערווייל געווענדעט צו מורעט'ן און געפרעגט:

„איהר זייט דער גייסטליכער פון לע ארטאָד? איהר האט א שוועסטער? איך וועל זיא געהען זעהן. אָבער ווען איך וועל צו אייך קומען, זאָלט איהר צו מיר ניט רעדען איבער גאָט. מיין אָנקעל קען דאס ניט ליידען."

„הער אויף צו פלוידערן!" האט ושאנבערנאט אויסגעשריען. „מאך דיר דיין וועג!"

אלבין האט זיך ווידער צולאכט, און וויא א ציגעלע, אזוי איז זיא אוועק געשפרונגען או, איז אריין אין גארטען.

„זיא איז אזוי פערליעבט אין דיא בלומען,“ האט דער אלטער געזאגט גלייכ־גילטיג, „אז זיא וועט נאך אמאל שטארבען מיט זייא דארט אין ווילדען גארטען.“

ווען ער האט זיינע בעזוכער בעגלייטעט ארויס, האט ער בעמערקט:

„הערט מיך אויס, דאקטאר. ווען איהר וועט מיך דא אמאל געפינען טויט, זאלט איהר מיר טהון א טובה און מיך אריינווארפען דארט אהין אין טהאל צווישען דיא ווילדע גראזען. אדיע!“

ווען מורעט איז צוריק געפאהרען מיט זיין אנקעל, האט דער לעטצטער בעמערקט:

„א מערקווירדיגער אלטער און נאך א מערקווירדיגעס מעדכען. זיא איז אלט געוועזען 9 יאהר ווען זיא איז צו איהם געקומען. זיינער א ברודער איז געשטארבען און דאס קינד איז צוריק געבליעבען אין גרעסטען עלענד. עס איז אויף איהם אלזא געפאלען דער גורל ער זאל זיא נעהמען. זיא איז א גאנצע דאמע אין איהר אייגענעם קרייז. זיא איז אויך א זעלטענע ווירטהין. און דאס האט זיא קיינעם נים געבען זיך זיא צו לערנען.“

„איך פערשטעה נים,“ האט זיך ענדליך מורעט אנגערופען. „וואס קען ווערען פון איהר?“

„איך האב אמאל גערעדט מיט דעם אלטען דאריעבער, און ער האט מיר געזאגט, אז וואס ווענינגער מען ערציהט קינדער, אלץ בעסער איז עס פאר זייא. זיין מיינונג איז, דאס א בוים און א קינד דארף מען לאזען וואקסען וויא זייא ווילען.“

זייא זיינען צו יענער צייט אנגעקומען צום ענדע פון דעם גארטען־פארקען.

„אט איז אלבין!“ האט פאסקאל אויסגעשריען.

„אריבער, אויף'ן פארקען, איז געשטאנען אלבין, זיך געשמייכעלט און גע־מאכט מיט דער האנד צו דיא פארבייא פאהרער און ליעבליך געקוקט צו מורעטן. ווען פאסקאל וואלט זיך דאמאלס אומגעקוקט, וואלט ער בעמערקט, אז זיין נעפע'ס געזיכט איז שטארק רויט געווארען.

מורעט האט איהם דעם גאנצען וועג געענטפערט איין ווארט פון צייט

דאן האט ער גענרייכט צו דעם פלאטץ וואו ער האט איינגעשטיגען, און האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט זיין אנקעל זאל איהם ווייטער פיהרען.

אבער וואס איז מיט איהם געשעהען? ווארום איז דער יונגער גייסטליכער צוריק געגאנגען אזוי פערטראכט?

אנקומענדיג אהיים? איז איהם לא טעס ענטקעגען געגאנגען און זיך שטער־לענדיג פארבאקום, האט זיא איהם אנגעקוקט מיט א ווילדער מיענע.

„איך וויים, איך וויים," האט ער ארוים געשטאמעלט, „יא, מיין גוטע לא טעס, איך בין ווירקליך געקומען אביסעל שפעטלעך."

לא טעס האט איהם אנפאנגס בעטראכטעט מיט א פערראכטענדען בליק, און נאכהער האט זיא געזאגט:

„איך בין שוין זאט פון דיא ענטשולדיגונגען, פון אייך, פון אייער שוועסטער, פון לע ארמאד און פון דער גאנצער געשיכטע. בעצאהלט מיר פאר מיין מיה און איך געה."

מורעט האט זיא אנגעקוקט פערוואונדערט, וועהרענד לא טעס האט אויס־געטהאן איהר פארטוך.

„אבער, מיין גוטע לא טעס," האט ער געזאגט בעטענדיג, „עס איז דאך נאך דא צייט. טהוט אייך נאר צוריק אן דאס פארטוך און מיר וועלען נאך רעדען דאריבער."

„ניין, ניין, אלעס איז פאראיבער!" האט זיא געשריען. „איך האב געמיינט, אז אין אייער זכות, אלס עהרליכער און גוטער קריסט, וועל איך קענען לייטערן מיין נשמה. אבער אזוי... איבריגענס, וואו זייט איהר געווען?"

מורעט האט איהר אלעס דערצעהלט.

„געווים!" האט זיא אויסגעשריען, „א שעהנער קריסט זייט איהר! וועלכער עהרליכער קריסט נעהמט דאס צו יענעם אפיקורוס? ווער קען ניט זשאנבער־גאט'ן?... בעצאהלט מיר און איך געה!"

נאך שווערער מיה איז איהם קוים געלונגען צו בערוהיגען דיא אלטע, און זיא פערזיכערן, אז זיין פרומקייט איז גראדע אזוי וויא געווען, און זיא האט ניט וואס מורא צו האבען, אז ער וועט זיך חלילה לאזען אראב פיהרען פון דרך הישר.

5.

אבענד איז ברודער ארשאנזשיאז ערשיענען צום עסען. דעזירעע האט אָבער ניט געקענט זיטצען רוהיג ביים טיש, און איז געלאָפען אריין און ארויס אכטונג צו געבען אויף איהרע חיות.

ארשאנזשיאז האט געהאט זעהר א גוטען אפעטיט, און ער איז איטער צימשטאנדע געווען אויפצועסען א ברויט, איידער מען האט אויפגעגעבען דאס געקאָכטע עסען. לאַ טעם האט איהם דערצעהלט איבער מורעט'ס בעזוך צו ושאנבערנאט'ן, און צווישען זיינע גרויסע ביסען, האט ער דערווייל דעם גייסטליכען געמוסר'ט, און איהם ערקלערט, אז צו האפנונגסלאזען זינדער, דארף מען מעהר ניט געהען.

דערווייל האט זיך דערהערט א קלינגענדער געלעכטער פון דעם הויף. עס זיינען געווען יונגע און גליקליכע שטימען.

מורעט איז אויפגעציטערט געוואָרען. ער האט עפּעס געשפירט, וואס האט געטריעבען א פערגניגענדע קיהלקייט אין זיין גאנצען לייב.

„וואס איז דאָרט?" האט ער געפרעגט.

דאַן האט ער געהערט דעזירעע'ס שטימע:

„האסטו געהערט א געשיכטע? זיא וויל אום קיינעם פרייז ניט אריינקומען. איך האב זיא אָנגעכאפּט ביים קלייד, אָבער זיא איז אונגעהייער שטאַרק, זיך ארויסגעריסען און איז ענטלאָפען."

„פון וועמען רעדסטו דאָרט?" האט לאַ טעם געפרעגט אריינקומענדיג מיט זיין טעלער קארטאָפעל און איין טעלער פלייש.

„איך האב זיא!" האט דעזירעע ווייטער געשריען און דאַן איז זיא ערשיענען און זיך אומגעקוקט. „ווייטער ענטלאָפען!"

דעזירעע האט געהאלטען אין איהרע הענד א נעסט פון שווארצע פייגעלעך, וועלכע זיא האט ארויס געלייגט אויף א טעלער, און דרייא קליינינקע פייגעלעך, ערבליקענדיג דאס ליכט, האבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזעלעך. דעזירעע האט געפּאטשט מיט איהרע הענד פאר גרויסעם פערגניגען.

„ווער איז דאָרט געווען?" האט מורעט געפרעגט, טראָטץ דעם וואס ער האט געוואוסט.

„עס איז געווען דאס מיידעל פון פאראדו. א פשוט'ע ווילדע. ווה נאר, אם איז זיא דארט געבליעבען שטעהען אויף אונז צו קוקען.“

אָבער מורעט איז צוגעגאנגען צום פענסטער. עס האט זיך איהם נעדאכט, אז ער האט בעמערקט אלבין'ס אראנזשען־קאלירטעס קלייד. ער האט איהר גע־וואָלט נאכלויפען, מיט איהר רעדען, אָבער ער האט דערהערט ברודער ארשאנזשיאס שטימע און דאס האט איהם צוריק געהאלטען.

„דער טייפעל זאָל זיא נעהמען, דעם רויבער'ס טאָכטער!“ האט ער געשריען. „ווען איך וועל זיא אמאל כאפּען, וועל איך איהר אויסרייסען דיא צעפּ, דערפאר וואס זיא קומט אהער מיט איהר כישוף.“

אלבין האט איהם וואהרשיינליך געהערט, דען איהר פרישע שטימע האט דאמאלס אויסגעקלונגען אין א מונטערעס און שפּאָטישעס געלעכטער.

„זשאנבערנאט זאָל קראַפּירען וויא א הונד!“ האט דער ברודער געשריען. און זעהענדיג וויא מורעט איז אונצופריעדען מיט דיעזער ארט שפּראַכע, האט ער צוגעלייגט: „ניין, ניין, פאר אזא זינדער איז קיין גאָט נישטאָ, קיין חרטה און קיין רחמנות.“

„אזוי, אזוי,“ האט זיך לאַ מעס אריינגעמישט, „דער היילינער סערזש מורעט האט זיך געמאכט א וועג צום טייפעל'ס דיענער און איז בעקאנט געוואָרען מיט דער מכשפה. שאַ! איך וויל פון נאר ניט הערען! איהר זייט דאָרט געווען און דאס איז שוין גענוג! וואס ווילט איהר מיר דערצעהלען? אלעס איז פוסטע זאכען! איהר האט פריהער בעדארפט פרעגען עהרליכע מענשען, איידער איהר זייט אהין געגאנגען. זאגט מיר, אייער היילינקייט, פון וואנען ווייסט איהר ניט, אז דער שטן האט זיך פערשטעלט אין דער געשטאלט פון דער קליינער מכשפה און זוכט אייך צו פערפיהרען? הע, הע, מיך נארט מען ניט; איך דערקען גאנץ גוט, אז איהר ווייסט שוין ניט אויף וואס פאר א וועלט איהר זייט.“

ברודער ארשאנזשיאס האט זיך דערווייל גענומען גאנץ געשמאק בעפריעדיגען זיין אפעטיט, נאָר צייטענווייז האט ער אריינגעוואָרפען א פּאאר ווערטער בע־שטעטיגענדיג אלעס וואס לאַ מעס זאגט.

אָבער וואס איז געשעהען מיט מורעט'ן? וואס האט פּאסירט מיט דעם יונגען און שעהנעם גייסטליכען? ער האט קיינע ווערטער געהאט און זיך ניט געקענט פערטהיידיגען. ער האט זיך געשפּירט וויא שולדיג.

איידער ברודער ארשאנזשיאס איז אוועק, האט ער געזאגט צו מורעט'ן:

„הערט מיך אוים, מיין פריינד! טרייסט קען מען געפינען אין גאט און אין דער רעליגיאָן. ווען עס שמערצט אייך, דאן זאָלט איהר אויסגיסען אייער הארץ פאר דער היילינער מוטער מאריא.“

6.

ווים מענשען האבען פערוואָרפען זייער נאטירליכעס לעבען און אָנגעפאנגען צו פיהרען א לעבען גענגען זייער נאטור און גענגען זייער גייסט, איז ענטשטאנדען א פירכטערליכער קאמפף אין דער מענשליכער זעעלע.

וואס האט ארויס גערופען א שאנדע־געפיהל צו דיא געשלעכטס־אָרגאנען? דער איינציגער ענטפער דארויף איז: דיא קליידער.

אין ווילדען אפריקא, וואו מענשען לעבען מעהר מיט דער נאטור אלס מיט אונזער זאָגענאנטער ציוויליזאציאָן, טראָגען דיא מענשען זעהר ווענינ קליידער. און דיא פרויען מיט דיא מענער בעדעקען ניט דיא פלעטצער וואס מיר רופען שאנדע־ערטער.

אונגעאכטעט דארויף וואס דער מענש איז דאָרט היטציגער און אויפגע־רעגטער, ווערט דער מאן אָדער דיא פרוי אין יענער געגענד, פיעל וועניגער אויפ־גערעגט, ווען מען ערבליקט דיא נאקעטע געשלעכטס־אָרגאנען.

ווען דער מענש, וועלכער איז ענטשטאנדען אין ווארעמען קלימאט און האט נאכהער געמוזט איבערגעהען אין קיהלערען קלימאט, האט אָנגעפאנגען אָנצוציהען קליידער, האט ער אויך אָנגעהויבען זיך צו בעדעקען מיט דיעזע קליידער, אפילו ווען עס איז ניט נעטהיג, און האט געמאכט פון דיא קליידער א לוקסוס. עס האט אזוי ווייט געגרייכט, אז ער טראָגט קליידער, ווען דיא נאטור פאָדערט עס ניט, און ווען דיעזע קליידער פעהלען, דאן זעהט ער אין דעם שאנדע און שפירט אויפ־רעגונג.

יעדער בעדעקטער מענשליכער טהייל, איז געוואָרען א פערבאָרגענע פרוכט צו וועלכער מען האט מעהר לוסט צו דערגרייכען.

אָבער דארויף גיבט עס וועניגסטענס איין ענטשולדיגונג. דיא געזונדהייט איז געוואָרען א צווייטע נאטור, ווייל קליידער טראָגט מען א היבשען טהייל פון דיא יאהרעס־צייטען אויס נויטהווענדיגקייט. דערפאר אָבער, האט דער מענש זיך איינגעבילדעט אנדערע רוטהייטען, וועלכע האבען לחלוטין ניט וואס צו טהון מיט

זיין נאטור און זיינען א נענצליכער ווידערשפרוך צו דער בעשאפענהייט פון זיין קערפער.

זא, צום ביישפיעל, האט ער זיך אנגעהויבען פארצושטעלען, אז דיזע ברואים וואס ער פערהעררליכט, האבען נים געקענט קומען אויף דער וועלט כדרך־הטבע, זייא האבען נים געקענט געבוירען ווערען וויא ער אליין. ער האט זיך אלזא ער־קלערט, אז דערבייא ליענט געטטליכקייט און נים קיין מענשליכעס.

דיא געבורט פון דיזער פערזאן, וואס ער רעכענט פאר א גאט, האט גע־מוזט געבוירען ווערען נים דורך געשלעכטליכען פערקעהר, דען דער געשלעכטליכער פערקעהר איז, כוים נאך זיין מיינונג, א שאנדע־מיטעל וויא אזוי פראסטע מענשען זיינפאבע בשר־ודם׳ניקעס, ווערען געבוירען.

דער מענשליכער צוזאמענקונפט, איז געווארען א שאנדע, און אוננעאכטעט דארויף וואס ער האט געשפירט דערצו אנציהונג, האט מען איהם געלערענט פון קינדווייז אויף דארויף צו קוקען מיט פעראכטונג.

זיין צווייטער שרים איז געוועזן, דאס ווען מען וויל זיין גוט, ריין און פרום, דאן מוז מען פערציכטען אויף געשלעכטליכען פערקעהר, דאס אויפגעבען, און לעבען אין בתור׳שאפט אדער בתולה׳שאפט.

דער מענש האט געדריקט דיא נאטור, זיא פערפאלגט און געלערענט צו פעראכטען איהר ווילען. דיא נאטור האט געקעמפפט דאגעגען, און דער זיעג איז געוועזן אבוועקסלענד, אמאל האט דיא נאטור טריאומפירט און אמאל האט דער מענש געהאט ערפאלג.

דער קאמפף האט אונטערדעסען געהאט זיינע אפפער. דיא נאטור לאזט זיך זעלטען בעטריגען, און דיזע וואס טרעטען איבער איהרע געזעטצע, ווערען מייסטענטהיילס הארט בעשטראפט.

דער נארישער מענש! ער האט פערגעסען צו שטודירען נאטור׳ס פאר־דערונגען און איהרע אבזיכטען. דער בלינדער מענש האט נים געזעהען, אז בייא דער בילדונג פון דעם מענשליכען קערפער אין דער מוטער׳ס לייב, האט דיא נא־טור גלייך בעווארענט דיא מענשליכע ארגאנען, גראדע וויא זיא שאפט א טייל, א נאז, אויערן א. ז. וו.

און ווער איז שטארקער? דיא נאטור אדער דיא דומע מענשליכע אייג־בילדונג?

אמת, דיא דומע מענשליכע איינבילדונג האט א קראפט וואס מען קען נים פעראכטען, אבער דיא נאטור איז אויך נים אזעלכע מיט וועלכער עס לאזט זיך שפיעלען און שפאסען. דיא נאטור האט איהרע אייגענע איינפעלע, און זיא וואו אב נעדולדיג איהר פאסענדע געלעגענהייט.

7.

גייסטליכער מורעט איז געווען א דיענער פון דער קאטאלישער קירכע. זיין רעליגיאן האט איהם פערבאטען צו פערקעהרען מיט א פרויענצימער, און דיא דומע מענשליכע איינבילדונג איז געווען מעכטיג גענוג, אום אויסצורווירקען, ער זאל ביא זיך פעסט ענטשליסען אזוי צו לעבען און אזוי אבפיהרען זיין וועלט.

האט דיא נאטור געהאט דיעזעלבע אבזיכט? ניין! דיא נאטור האט אין מורעט'ן אויסגעבילדעט א געזונדען, שטארקען און שעהנעם מאן, מיט אלע אייגענשאפטען צו ליעבען און געליעבט צו ווערען פון א פרויענצימער.

אבער מורעט איז געווען פרום, אמת'דיג פרום און גאטס־פארכטיג און ער האט געהאט אין זיין קאריערע אויסגעארבייטעט דעם פראגראם פון זיין לעבען, וויא קיין פרויענצימער האט איהם בעדארפט שטערען.

ווען דיא נאטור האט איהם געגעבען א קלאפ אין פלייצע און גע־זאגט:

„יונגערמאן! טהון דיין פליכט אלס מאן, דאס איז מיין וואונש."

דאמאלס האט מורעט געאיילט צו א הייליגעם בילד, ניעדערגעקניעט און אויפגעהויבען זיינע הענד, מורמלענדיג: „הייליגע מוטער מאריע, בעט פאר מיר!"

דיא מענשליכע נאטור איז א מערקווירדיגע. זיא ליענט פיעלע מאל איינגע־שלאפען אין א היהנער־פלעט און ערוואכט ערשט ווען מען ערווארטעט דאס נים. מורעט האט שוין אבגעלעבט איבער 26 יאהר, דורכגעמאכט דיא שולע, אויסגע־שטודירט אלע הייליגע ביכער און אלע הייליגע פליכטען, געקריעגען א פאסטען, געשטיעגען אין זיין פרומקייט, בעגעגענט אונצעהליגע שעהנע פרויענצימער, און ער האט נים געשפירט וואס דיא נאטור פאָדערט פון איהם.

נאר פלוצלינג! וואס איז געשעהען?"

ער האט בעגעגענט דיא ווילדע אלבין. אמת, זיא איז געווען זעהר שעהן, אבער דאך, קען מען נים זאגען, אז זיא איז גראדע געווען דיא שעהנסטע אונטער

אלע מיידלעך. אונטערדעסען האט איהר שלאנקע פינגער פאר איהם אימער גע־טאנצט, איהר מונטערער שמייכעל האט פאר איהם געשוועבט און איהר ליעבליכעס קינדישעס געזיכט האט איהם נים פערלאזען.

נייך, ער האט געשטרעבט דאגעגען זיא נים צו זעהען, אבער דער יצר־הרע איז מעכטיג, זיין קראפט איז שווער צום בעזיעגען. עס האט איהם געצויגען וויא א מאגנעט זיא צו געהען בעזוכען; נים גראדע זיא, זאנדערן נעהען גלאט איבער דיא פעלדער, פיעללייכט וועט ער זיא בעגעגנען. און ער האט זיא אויך בעגעגנט.

האט אלבין אויך אויפגעפאסט איהם צו בעגעגנען? פיעללייכט יא. האט עס זיא אויך געצויגען צו זיין יוגענדליכעס און שעהנעס געזיכט? פיעל־לייכט יא.

יא, ער האט מיט איהר אויך עטליכע מאל גערעדט. אין איהר געגענווארט איז ער געווען מאכטלאז, בערוישט, פערווירט און בעזויפען מיט ליעבעס־געפיהלע; נאר ווען ער איז אוועק פון איהר, האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט דער גיהנום מיט אלע זיינע שוידערהאפטע שרעקען און זיין הארץ האט אויפגעציטערט.

מורעט האט געליטען — פיעל געליטען! ער איז פון טאג צו טאג מאגערער געווארען און שוואכער. ער האט זעלטען איבערגעשלאפען א נאכט רוהיג. עס זיינען געווען שרעקליכע מארטערניסע, פון וועלכע ער האט נים געקענט לו־ווערען.

אזוי זיינען פאראיבער וואכען, ביז ער האט זיך געשפירט, וויא ער האט דאס אנגערופען, „אין דיא הענד פון דעם שטן.“

אין א פארטאג איז ער אויפגעשטאנען, ארויס געגאנגען אין הויף, וואו א קיהלער ווינט האט אויסאנאנדער געבלאזען דיא פארפומען פון דיא בלומען. מורעט האט געשפירט א היטץ בעטעכטיגען זיך איבער זיין קערפער. זיין שטערן איז געווען הייס וויא פייער.

ער איז אריין אין דער קירכע און צוגעגאנגען צו דעם מוטער־גאטעס בילד, ראס אומארמט און בענעטצט מיט זיינע הייסע און זודיגע טרערען.

מורעט האט געזעהען וויא מיט פייערדיגע בוכשטאבען פאר זיך שוועבען דיא ווערטער פון דער שבועה, וואס ער האט געשווארען צו בלייבען ריין, אונשולדיג און אפפערן זיין גאנצעס לעבען צו גאט אליין.

דאן האט ער ניעדער־געקניעט און מיט א הערצרייסענדע שטימע האט ער געבעטען:

„הייליגע מוטער! דוא ריינסטע, זויבערע און אייבינע בתולה! דוא ביסט מיין שוטץ, מיין שטיטצע און מיין לעבען. העלף דוא מיר, מוטער פון אלע ליידען! העלף מיר איך זאָל בעזיעגען דעם יצר־הרע, בעקעמפפען דעם שטן און האלטען מיין שבועה. ווען עס איז בעשטימט געוואָרען איך זאָל פאלען, דאַן זאָל איך בעסער דאָ שטאַרבען און קיינמאל ניט דערלעבען... העלף מיר, דוא געבענטע מוטער, גיב מיר קראַפט, דען איך בין שוואך, מיין הארץ איז זינדיג, מיינע אויגען זיינען פערבלענדעט און מיין נשמה איז פערשמירט. וויז מיר דאַן א וועג וויא אזוי איך זאָל ארויס פון דיעזען טיעפען זומפף, פון וואנען מען קעהרט שוין מעהר ניט צוריק...“

ער האט זיך אונטערבראָכען, אויפגעהויבען זיין קאָפּ און מיט זיינע פער־וויינטע אויגען האט ער שטודירט דאס בילד, פאר וועלכען ער האט גע־בעטען.

דאס בילד פון דער הייליגער מוטער מאריע האט פאָרגעשטעלט א וואונדער־באַרעס שעהנעס פרויענצימער, מיט רעגעלמעסיגע געזיכטס־ציגע און אונטער דעם טרויער, איז עפּעס געלעגען וואס האט איינעם געקענט בעגייסטערן צום לעבען און גענוס.

דער מאלער וואס האט דאס בילד געמאכט, האט וואהרשיינליך געהאט אזא מאָדעל פאר זיינע אויגען און נאך דעם האט ער געאַרבייט.

האט דאס מורעט ביז דאמאלס ניט בעטראכטעט? ניין! ער האט דיא פרויען־נאטור צום ערשטען מאל ערבליקט אין דעם הייליגען בילד.

א פראָסט־קעלט איז געלאָפען איבער זיין לייב, א ציטער איז א צאָהן האט געקלאפּט, אויף'ן שטערן איז ארויס א קאלטער שוויס, און מיט א קראך איז ער אומגעפאלען צו דער ערד אָהנמעכטיג.

8.

שבין איז געוועסען נעבען דיא פאָרהעננגע און אכטונג געגעבען עס זאָל ניט אריין שיינען דיא מאָרגען־שטראַהלען. דאַן האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז רוהיג צוגעגאנגען צום בעט, וואו סערוש איז געלעגען און רוהיג געאטהעמט. זיין געזיכט איז געווען זעהר בלאַס און זיינע האאר האבען שטארק ארויסגעוואקסען וועהרענד דער קראנקהייט.

דיא, אלבין, איז געווען אנגעקליידעט אין א קלאר־ווייסעס קלייד און איהרע לאנגע האאר זיינען געווען צוזאמען געליינט אויף איהר קאפ און פערבונדען.

דאן האט ער געעפענט זיינע אויגען און געשמייכעלט.

„ניין, ניין, איך שלאף ניט,“ האט ער געמורמעלט מיט א גאנץ שוואכער שטימע.

„אך!“ האט זיא ארויס געשטאמעלט דערפרייט.

„איך האב דיך געהערט דיא גאנצע צייט, מיין טהייערע“, האט ער פארט־געזעטצט, „דוא ביסט ארום געגאנגען אויף דיא שפיטץ פינגער.“

זיא האט זיך דערנעהנטערט און געפרעגט:

„און וויא געהט עס דיר, מיין ליעבער?“

אין דעםווארט „מיין ליעבער“ איז געלעגען א גאנצע וועלט מיט אויפ־ריכטיגער צערטליכקייט.

„זעהסטו,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „ענדליך געהט דיר שוין בעסער. אך, ווען דוא וואלסט געוואוסט וויפיעל איך האב געליטען כל־זמן דוא ביסט גע־לעגען דארט נעבען קלויסטער. אין יענער אומעטיגער שטוב! יעדעס מאל וואס איך בין געקומען ערפאהרען וואס דוא טהוסט, האט מען מיר געזאגט, אז דוא רעדסט פון היטץ און ביסט געפעהרליך קראנק. ענדליך האב איך מיך בעגעגענט מיט דיין אנקעל, און ער האט מיך געפרעגט אויב איך וויל זיין דיין קראנקען־וועכטערין, דא, וואו עס איז שטיל, רוהיג און לופטיג. איך האב איהם געהאלזט און געקושט דערפאר און דיך געגומען אהער.“

זיא האט איהם צוגעדריקט מיט מוטערליכער צערטליכקייט.

„ניין, ניין,“ האט זיא פארטגעזעטצט, „דוא דארפסט שוין מעהר ניט קיין מעדיצינען. דיין אנקעל בעהויפטעט אויף דאסזעלבע. אלעס וואס דוא בענעטהיגסט איז, ליעבע! הא, וויא זאגסטו?“

ער האט אויסגעזעהען זיא ניט צו הערען און זיא האט ווייטער גע־פלוידערט:

„דאס איז מיין צימער. איך האב עס דיר געגעבען. איז דאס ניט ריין און שעהן? איך האב אהער אריינגעבראכט דיא שעהנסטע מעבעל. זעהסטו דוא שלעכטער סערוש, דורך דיר וועל איך דא מעהר ניט קענען שלאפען. איך וועל מוזען שלאפען אויפ'ן צווייטען שטאק. דארט זיינען דא צוויא אדער דרייא לעדיגע צימערן.“

ער האט אויך אימער אויסגעזעהען זעהר בעטריעבט.

„דוא ביסט אליין, מיין טהייערע?“ האט ער ענדליך געפרעגט.

„יא, ווארום פרעגסטו?“

נאך א פויזע האט ער געמורמעלט:

„איך האב געטרוימט א לאנגע צייט. איך טרוים אימער. איך הער גלאָקען קלינגען, און דאס ערמיעדעט מיך.“

נאך א פויזע האט ער בעמערקט:

„געה און פערמאך דיא טהיר; פערשליעס, פעררינגעל; איך וויל דוא זאָלסט זיין אליין, גאנץ אליין.“

ווען זיא איז צוריק געקומען, האט זיא מיטגעבראכט א שטוהל און זיך גע־זעטצט. דאן האט ער געזאגט מיט קינדישער פרייד:

„יעטצט קען קיינער ניט אריינקומען. איך וועל מעהר ניט הערען יענע גלאָקען. ווען דוא רעדסט צו מיר, דאן בין איך רוהיג.“

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד און געגלעט זיין באק. ער האט אָנ־געכאפט איהר האנד און געזאגט לאכענדיג:

„אך, וויא גלאט דאס איז! אזוי וויא זייד. איך בעט דיך, נעהם ניט אוועק דיין שעהנע האנד, זיא גיט מיר לעבען.... אך, אלבין! דוא ווייסט גאר ניט וויא טיעף און וויא הייליג איך ליעב דיך! מיין אָנקעל האט פערשטאנען מיין קראנק־הייט... גוט האט ער געטהאָן וואס ער האט מיך אהער געבראכט... דוא, דוא זיסע אלבין, ביסט לעבען און געגוס...“

„טהייערער און גוטער סערזש,“ האט זיא געזאגט צערטליך, „וויפיעל דוא האסט געמוזט ליידען!“

„ליידען? יא, יא, איך האב געליטען. אָבער עס איז שוין א לאנגע צייט זייט דאמאלס. איך האב ניט געקענט שלאָפען און איך האב געהאט שרעקליכע חלומות. ווען איך זאָל קענען, וואָלט איך דיר אלעס דערצעהלט.“

ער האט פערמאכט זיינע אויגען אויף א קורצער צייט, דאן האט ער זיך וויא דערמאָהנט:

„אָה יא, איך געדענק, איך געדענק,“ האט ער געשטאמעלט. „עס איז געווען א גאנץ לאנגע צייט צוריק. מיר האט זיך דאמאלס געדאכט, אז איך בין פלוצלינג אריינגעפאלען אין א העהל, און דאָרט איז געווען שטארק פינסטער. איך בין געקראָכען, צוגעקומען צו א שמאלען פלאטץ, וואו איך האב מיך קוים דורכ־געשטופט. איך האב געגלויבט, אז דאָרט וועל איך ארויס אין דער פרייהייט, און

סוף איז נאך דאָרט געווען ענגער און צוריק קריכען האב איך שוין ניט געקענט. אך, וויא דאס האט מיך געשטיקט און געוואָרגען, און דאן — דאן ווייס איך מעהר ניט וואס עס האט פאסירט. נאכט, אייבינע, פינסטערע און שווארצע נאכט האט מיך ארום געריינגעלט פון אלע זייטען, ביז אלע געפיהלע האבען אויפגעהערט, און איך בין געבליעבען ליעגען טויט...״

אלבין האט איהם בעטראכט מיט א שוועסטערליכען מיטליידענדען בליק.

„שטיל, שטיל, סערוש,״ האט זיא געזאגט, „איך זעה דאס רעדען שטרענגט דיך אן.״

„ניין, דאס שטרענגט מיך ניט אָן,״ האט ער געענטפערט. „מיר דאכט דיך בלויז, אז איך דענק און דוא הערסט אויס מיינע געדאנקען.״

ביידע זיינען געבליעבען שטיל, דאן האט ער וויעדער אָנגעפאנגען גלעטענדיג איהר ווייסע האנד:

„אך, דוא זיסע טויב! נאָר דיך האב איך געזעהען! דוא ביסט געווען דיא גאנצע וועלט פאר מיר. אָבער איך האב ניט געטאָרט, ניט בעדאַרפט האָבען, וויל... אי, אי, אי, דוא ווייסט ניט, ניין, דוא אונשולדיגע בלום, דוא ווייסט ניט דערפון...״

9.

מיר רופען יעטצט דעם גייסטליכען טורעט, בייא זיין ערשטען נאמען סערוש. עס איז דער נאמען וואס אלבין האט אזוי שטארק ליעב אויסצושפרעכען.

נאכדעם וויא ער איז געפאלען אָהנמעכטיג אין דער קירכע און לא טעם האט איהם דאָרט געפונען, האט מען איהם אריינגעבראכט אין דער וואָהנונג. ערשט ווען דר. פאסקאל איז געקומען, איז געלונגען איהם וויעדער צו ברענגען צום לעבען, אָבער זיין בעוואוסטזיין איז פערלוירען געגאנגען און א היטציגעס נערווען און געהירן פיעבער וואס האט איהם ערגריפען.

אזוי איז פאָראיבער דער זומער און דאן איז געקומען דער ווינטער. דר. פאסקאל האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם יונגען גייסטליכען, וועלכען ער האט זעהר געליעבט. ער האט אָנגעווענדעט זיין גאנצע קונסט אום איהם געזונד צו מאַכען.

אָבער עס איז ניט לייכט אריין צו ברענגען ווידער לעבען אין א קערפּער וואו עס האט געברענט א העללישעס פייער. סערזש איז נאך אימער געווען שטארק קראנק, אָבוואָהל דאס פיעבער האט נאכגעלאָזען. ביז דאמאלס האט איהם לא טעס און דעזירעע געפּפלעגט, נאָר דר. פאסקאל האט איינגעזעהען, אז דיעזע צווייא פרויענצימער צוזאמען, בעזיטצען ניט גענוג פעהיגקייט אום דעם יונגען מענשען צו פערהעלפען צו זיין געזונדהייט.

סערזש האט בענעטהיגט רוהע, קיין שטערונג און א צערטליכע בעהאנדלונג. פאסקאל האט אין איין צייט געדעכענט איהם צו נעהמען אין שטאָדט אריין, אין א האָספּיטאל, אָבער אזא לאנגען וועג, איז געווען א געפעהרליכע אונטערנעהמונג.

האט ער זיך צוגעהערט צו סערזש'עס פלוידערייען אין זיין היטציגען צו־שטאנד? עס שיינט אז יא. נאך מעהר, וואס ער האט געהערט, האט ער פער־שטאנען, נאָר לא טעס מיט דעזירעע'ן צוזאמען, זיינען געווען צו דום דאפיר.

דאן האט ער שטודירט דיא דערשראָקענע מינע אויף אלבין'ס געזיכט, ווען זיא איז געקומען ערפאהרען וויא עס געהט דעם יונגען גייסטליכען.

אין א טאָג האט ער דיא גאנצע געשיכטע איבערלייגט. ער האט זיך פאָר־געשטעלט לע פּאראדו אלס דעם בעסטען און פּאסענדסטען פּלאטץ פיר זיין נעפע. דארט האט ער געוואוסט, אז עס הערשט גענוג רוה, און דאס נאטור־קינד, אלבין, דאס שעהנע מעדכען וואס האט אין זיך בעזעסען נאטירליכע גרויס־הערציגקייט און ליעבע, וועט זיין דיא בעסטע פּפלעגערין.

דר. פאסקאל האט אוועק גענומען אלבינען אויף א זייט און איהר פער־טרויעט זיין פּלאן.

זיא האט געוויינט פאר פרייד.

ווען דער אלטער זשאנבערנאט האט דערפון געהערט, האט ער גע־זאָגט:

„מיך קימערט עס ניט; ווען זיא איז איינפערשטאנען, בין איך אויך צו־פריעדען. איך האב אפילו פיינד דיא שווארצע דיענער פון דער קירכע. אָבער איך האב רחמנות אויף דעם יונגען מענשען.“

דר. פאסקאל האט ניט געוואָלט מען זאָל וויסען וואו זיין נעפע געפינט זיך, דאמיט מען זאָל איהם ניט שטערען.

עס איז געווען אין א נאָבען פריה, ווען א טרייסער שבעע איז אויסגעפּאלען.

דר. פאסקאל איז צונעפאָהרען מיט א פערמאכטען שליטען און געזאָגט, אז ער מוז איבערפיהרען דעם נייסטליכען אין האָספיטאל.

דאן האט ער איהם געבראכט נאָך לע פּאראד.

קיין מוטער, קיין שוועסטער און קיין קראנקען־וועכטערין האט געקענט אזוי פּפלעגען דעם קראנקען וויא אלבין. זיא האט געוואכט נעבען איהם טאָג און נאכט, און ווען ער האט צום ערשטען מאל געעפענט זיינע אויגען וויא א פערנינפטיגער מענש, האט זיך איהר געדאכט, אז זיא אליין איז גערעטעט געוואָרען פון דעם טויט.

סערוש איז געווען ערשטוינט. אָבער אלבין'ס געגענווארט, האט איהם צו־ זעגעבען נאָך מעהר קראפט. אנפאנגס האט זיך איהם געדאכט, אז דאס איז א זיסער טרוים, און עס האט איהם גענומען א היבשע צייט ביז ער האט זיך איבער־ צייגט, אז דאס איז א ווירקליכקייט.

דאן האט איהם אלבין'ס אנוועזענהייט אלעס דערצעהלט.

„און איך בין ווירקליך דאָ מיט דיר אליין?" האט ער געפרעגט אונ־ גלויבליך.

„יא, מיין סערוש."

„און קיינער שטערט אונז ניט?"

„ניין."

„און איך קען האלטען דיין האנד אין מיינער?"

„יא."

„און דוא ביסט מיין שוועסטער?"

„יא, דיין שוועסטער, דיין מוטער און דיין פריינדין!" האט זיא געענטפערט אין א זיסער, ליעבענסווירדיגער שמייכעלע האט בעלייכטעט איהר גאנצעס שעהנעס געזיכט.

10.

אזוי זיינען פאָראיבער וואָכען, און אויסער וואס ער האט צוריק געוואונען זיין בעוואוסטזיין, האט ער זיך ניט געקענט ריהרען פון דעם פּלאטץ.

דער ווינטער האט שוין אָנגעהויבען נאכלאָזען, און ער האט אימער געבעטען אלבינען, זיא זאָל ניט עפענען דיא פאָרהענגע.

„אָבער וואָרום, סערוש?"

„ווייל עס איז נאך ווינטער."

„ווינטער? און וואס מאכט עס אויס?"

„ווינטער איז דער טויט פון דער נאטור. איך וויל ניט דעם טויט. איך וויל דאס לעבען, דעם זומער. זאלאנג וויא עס וועט אנהאלטען ווינטער אין דרויסען, וועסטו זיין מיין זומער דא."

זיא האט געלאכט און איהם געגלעט.

„אבער ווען וועל איך מעגען עפענען דיא פארהענגע?" האט זיא גע פרעגט.

„ווען דער פריהלינג וועט זיך בעווייזען. ווען דיא ערשטע זומער־שטראהלען וועלען קומען; ווען דיא ערד וועט זיין בעדעקט מיט גרינעם גראז, ווען דיא לופט וועט אטהמען מיט לעבען און דיא גאנצע נאטור וועט בלאזען מיט געגוס."

„וויא שעהן דוא רעדסט, מיין גוטער סערוש!" האט זיא אויסגעשריען.

„איך קען ניט אזוי רעדען; איך ווייס ניט וואו מען נעהמט אזעלכע ווערטער."

אזוי זיינען פאראיבער נאך וואכען, ביז סערוש האט זיך שוין געקענט אויפ־זעטצען.

אלבין איז געווען אויסערארדענטליך דערפרייט איבער זיין ערהאלונג. דאן האט זיא פראבירט צו זעהען אויב ער קען זיך אויפהייבען. דאס איז איהם געווען שווער. אבער זיא איז געווען געדולדיג און געווארט, ביז ער איז שטארקער געווארען און וויא מען לערענט א קינד געהען, אזוי האט זיא איהם געלערענט.

אבענד איז זיא פערבליעבען אזוי לאנג נעבען איהם, ביז ער איז איינגע־שלאפען, ענטוועדער אויף איהר האלז אדער אין איהר שויס. דאן האט זיא איהם צערטליך אוועק געלייגט אויפ'ן בעט, געווארט נאך עטליכע מינוטען, און ווען זיא האט פערשטאנען, אז ער שלאפט שוין, האט זיא לייכט בעריהרט מיט איהרע ליפען זיין שטערען און איז געגאנגען שלאפען אין דעם נייעם צימער וואס זיא האט פאר זיך אויסגעוועהלט.

ענדליך איז געקומען דער פריהלינג. אלבין איז אבער געווען געדולדיג. זיא האט געדענקט, וואס סערוש האט איהר אנגעזאגט. ער האט געוואלט זעהען וויא דיא נאטור לעבט.

אין א גאנץ פריה, ווען זיא איז צו איהם ארונטער געקומען און ער האט נאר וואס געעפענט זיינע אויגען, האט זיא אויסגעשריען מיט קינדישער פרייד:

„אך, סערדש, וויינט איז אלעס גרין און לעבעדיג! איך מוז אויפהייבען דעם פארהאנג!“

ער האט געשמייכעלט, אנגענומען איהרע הענד, צוגעפיהרט צו זיין מויל און זיי געקושט.

„עפענען דעם פארהאנג?“ האט ער געפרעגט.

„יא! יא!“

„דאן עפען!“

זיא האט אויפגעהויבען דעם פארהאנג און א שטראם ליכט איז אריין פער־פריילעכענדיג דאס צימער מיט שטראהלען.

„איך וויל אויך עפענען דאס פענסטער!“ האט זיא אויסגעשריען צום צווייטען מאל.

ער האט געשמייכעלט מיט פערגניגען.

זיא האט געעפענט דאס פענסטער און א לייכטער ווינטעלע האט אריין גע־בראכט א פארפום געריך פון רויזען און גרינעם גראז.

„עס איז דאס לעבען, אלבין!“ האט ער געמורמעלט זעהר געריהרט, „עס איז דאס לעבען וואס אטהעמט און בלאזט אין מיר אריין נייע קרעפטען. אך, גע־ליעבטע! העלף מיר ארונטער צו געהען פון דעם בעט.“

זיא האט איהם געהאלפען זיך אנציהען זיינע קליידער. פון איהר זייט איז דאס געווען מוטערליכע ליעבע און צערטליכקייט.

ווען ער איז געווען אנגעצויגען, האט ער זיך אנגענומען בייא איהר ארעם.

„דוא ביסט אזוי שטארק,“ האט ער געזאגט.

„געוויס בין איך שטארק.“

„און איך בין שוואך, א קינד געגען דיר.“

„שווייג, דוא שלעכטער,“ האט זיא געזאגט שפאסענד, „האב קיין מורא נים, דוא וועסט אויך ווערען שטארק, נאך שטארקער פון מיר. דוא ווייסט גאר נים וויא שוואך דוא ביסט אמאל געווען. קום נאר מיט מיר; האלט זיך פעסט. זעהר פעסט. איך בין אזוי שטארק, אז איך וואלט דיך געקענט טראגען אויף מיינע הענד...“

ער האט צוגעדריקט איהר ארעם און געשמייכעלט.

זיא האט איהם געפיהרט און זייא זיינען שוין אין גארטען.

לע פאראדו מים זיין גאנצער חעררליכקיים. איז ערשיענען פאר דיינע אויגען!

יא, דאס איז געוועזען דאס לעבען — דאס לעבען אין זיין פאלשטענדיגער חעררליכקייט!

אלעס גרין, און פון צווישען דיא גרינע צווייגען האבען ארויס געקוקט פערשיעדענע קאלירטע בלומען. פון וויטען האט געמורמורמעלט א טייכעל און דיא פיינעלעך האבען געפלאפעלט און זיך געפרייט.

סערזש האט זיך געשפירט, אז ער איז נייא געבוירען געווארען.

דיא קרעפטען זיינען צו איהם געקומען פון סעקונדע צו סעקונדע.

„אלבין!" האט ער אויסגעשריען ערפרייט, „דאס איז דער גן־עדן! נישטא קיין אנדערער! און דוא ביסט גאט — מיין גאט!"

דאס אונשולדיגע נאטור־קינד האט אזעלכע ווערטער נים פערשטאנען, נאר זיא האט בעגריפען, אז ער איז גליקליך און דאס איז געוועזען גאנץ גענוג פאר איהר.

11.

סערזש האט געוואלט איינשלינגען דיא שעהנע נאטור, און ער האט יעדעס מאל געעפענט זיין מויל און אנגעפיללט זיינע לונגען מיט פרישער און געזונטער לופט.

זיא איז געגאנגען מיט איהם ווייטער און ווייטער, טיעף אין ווילדען גארטען, צווישען דיא בלומען, דיא טיעפע גראזען און אונגעהייער הויכע בוימער.

„ניין, ער איז נים מעהר געוועזען שוואך אדער מיעד. אין געגענטהייל, ער איז געווארען שטארק און דאס גליק האט געדרונגען ווייט, טיעף אין זיין גאנצען קערפער.

זייא זיינען צוגעקומען צו א פלאטץ וואס האט ארויסגעזעהען וואונדער שעהן:

„דא וועלען מיר זיך זעטצען אביסעל," האט אלבין געזאגט זיך אב שטעלענדיג.

ער האט זיא אנגעקוקט ערשטוינט און פערוואונדערט. דאן האט ער זיך געזעטצט אהנע צו רעדען א ווארט.

פלוצלינג האט ער איהר געקוקט שארף אין געזיכט און אויסגעשריען:

„ווער ביסטו? פון וואנען קומסטו? וואס טהוסטו דא נעבען מיר?"

זיא האט זיס געשמייכעלט.

פערזוש האט זיא אומארמט און געשטאמעלט בעזויפען מיט גליק:

„יא, יא, איך וויים, איך וויים ווער דוא ביסט. דוא ביסט מיין ליעבע, מיין בלוט און פלייש, דוא ווארטסט מיך צו נעהמען אין דיינע ארמען, אום מיר זאלען ווערען איינס. איך האב אזוי פיעל געחלום׳ט פון דיר! עס האט זיך מיר געדאכט, אז דוא ביסט אריין אין מיין ברוסט. איך האב ניט געפיהלט קיין שמערצען; אין געגענטהייל, עס איז מיר געווען גוט. דאן האסטו גענומען א העלפט פון מיין הארץ און דיעזע צוטהיילונג האט מיך אונגעהייער געפרייט. איך האב מיך ארום געקוקט צו זעהען אויב איך האב עפעס בעסערעס נאך פאר דיר. אך, ווען דוא וואלסט מיך אפילו אין גאנצען צוגענומען, וואלט איך דיר געדאנקט. ווען איך האב ער־וואכט, ביסטו ארויס פון מיר. דוא ביסט ארויס דורך מיינע אויגען און דורך מיין מויל; יא, יא, איך האב דאס געפיהלט. דוא ביסט אין גאנצען געווען ווארעם און געשמעקט אזוי שעהן וויא דיא רויזען. דוא ביסט געווען זיסער וויא האניג און מיין גאנצער קערפער האט געציטערט פאר פרייד."

אלבין האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער מיט פערגניגען. זיא האט זיא ניט אין גאנצען פערשטאנען, נאר זיא האט געשפירט, אז דאס מאכט איהר פרייד.

„וויא אזוי האב איך נאר געקענט לעבען אהן דיר?" האט ער ווייטער גע־מורמעלט. „ניין, דאמאלס האב איך ניט געלעבט. אהן דיר איז אימער געווען ווינטער, דער טויט. איך בין געווען וויא א חיה וואס שלאפט דעם גאנצען ווינטער. און יעטצט ביסטו מיינע! ניין, דוא ביסט א י ך אליין. הער מיך אויס, דוא דארפסט מיך קיינמאל ניט פערלאזען; וויל דוא ביסט מיין גייסט, מיין אטהעם, מיין נשמה, און ווען דוא ביסט נישטא, לעב איך ניט מעהר. מיר וועלען אויף אייביג זיין איינס. דוא וועסט זיין מיין בלוט און פלייש און איך וועל זיין דיינעס. אין דעם טאג ווען איך וועל דיך אמאל פערלאזען, זאל איך זיין פערפליכט, און מיין קערפער זאל פערוויאנעט ווערען וויא א בלאט אין קאלטען הערבסט...."

ער האט זיא פעסטער צוגעדריקט צו זיך און אויסגעשריען:

„וויא שעהן און וויא ליעבליך דוא ביסט!"

זיא האט געלאכט מיט קינדישער פרייד און זיך צוגעלאזט אלץ מעהר צו

„אַך, און וויא איך ליעב דיך!“ האט ער ווייטער געמורמעלט.

דאַן האט ער זיא פּלוצלינג אַבגעלאָזט.

„ענטשולדיגט מיר, האט ער געשטאַמעלט, „איך דריק דיך אזוי שטארק, אַז איך וועל דיך צודריקען וויא א בלום... דוא ביסט דאָך א שעהנע און צאַרטע בלום — שעהנער פון אלע בלומען...“

אלבין האט געלאַכט.

„ניין, ניין“, האט זיא געזאגט, „דוא קענסט מיך ניט צודריקען. דוא ביסט שוין געזונד און איך בין גליקליך...“

איהר געלעכטער איז געווען זיסער וויא דאס געזאנג פון דיא פייגעלעך און וויא דאס שטיפען פון דיא וועלכען אין טייכעל.

„אַך!“ האט ער אויסגעשריען בעגייסטערט, „איז דאס דיין שטימע? דיא איז זיסער פון אירגענד עפּעס וואס איך האב נאָך ביז יעטצט געהערט. דוא ביסט ווירקליך מעהר וויא מיין נשמה!“

זיא האט ווייטער געלאַכט, נאָך העכער וויא פריהער, זאָ דאס איהר שטימע האט אָבגעקלונגען איבער דעם גאנצען גארטען.

„דוא ביסט אזא נאַר!“ האט זיא געפלוידערט, „און דערצו ביסטו אזוי שעהן און אזוי ליעבליך...“

איהרע צוזאמענגעלייגטע האאר פון קאָפּ, האבען זיך אויפגעפלאָכטען און זיינען אריבער געפאלען איבער איהרע האלב־נאַקעטע שולטערן. א לייכטער ווינטעלע האט זייא געבלאָזען און עס האט אויסגעזעהען, אז זייא ווערען וויא קליינע כוואליעס.

„אַך, און וויא קראנק דוא ביסט געווען,“ האט זיא געזאגט פּלוצלינג ווער רענדיג טרויעריג בייא דער עראינערונג.

„איך וויל ניט וויסען,“ האט ער געזאגט אונגעדולדיג, „איך וויל פון קיין זאַך הערען, איך האב אַלעס פערגעסען. איך ווייס בלויז, אַז איך האב ערוואכט צום לעבען... אַך, זעה נאָר וואס פאר א שעהנע האאר דוא האסט, איך מוז זייא קושען...“

ער האט צונעבויגען זיינע ליפּען און זייא געקושט.

„אזוי פיין וויא זייד, נאָך פיינער,“ האט ער געמורמעלט. „יא, עס איז מעגליך, אַז איך האב אמאל געלעבט. אָבער דאס איז שוין זעהר לאַנג. איך האב דיך דאַמאַלס געליעבט אין א שמערצהאַפטען חלום... און דוא ביסט דאַמאלס נאָך געווען א קינד; יעטצט, זעה וויא גרויס און וויא שעהן דוא ביסט!

ביידע האבען זיך אומארמט, צוגעפרעסט דיא ליפען איינע צו אנאנדער און זיך פערלוירען אין גליק דער ליעבע.

12.

יעדען טאג האבען זיא פערבראכט היבשע עטליכע שטונדען אין גארטען.

דיא מאכט פון ליעבע האט פערשיעדענע אייגענטהימליכקייטען אין זיך. ווען סערזשעס הארץ האט צום ערשטען מאל דערשפירט דיא ליעבעס־פייל וואס איז אבגעשאסען געווארען פון אלבין׳ס שעהנהייט, האט זיין בלוט אויפגעקאכט ביז צו דעם העכסטען זודינגען גראד. דאמאלס האט ער זיא פרלאנגט, זיא געוואלט בעזיטצען און זיך פעראייניגען מיט איהר, לויט נאטור׳ס פארדערונגען צווישען מאן און וויב. דאס בלוט האט אזוי לאנג געקאכט און געזאטען אהנע עס זאל בעפריעדיגט ווערען, ביז א העללישעס פייער האט איינגעטרעטען. דאן האט געפאקט דיא געפעהרליכע קראנקהייט.

ווען סערזש איז שוין געווען גערעטעט, און ווען ער האט אויף איינמאל ערבליקט נעבען זיך דעם געגענשטאנד, וועלכען ער האט קיינמאל ניט גערעכענט צו ערדייכען, האט איהם א געפיהל פון אונבעגרענצטעס גליק איבערמעכטיג און ער האט דעם פריהערינען וואונש פערלוירען. ער האט מעהר ניט געוואלט האבען אלבינען אלס זיין פרוי, זאנדערן בלויז נעבען זיך און מיט איהר צחאמען זאל ער בילדען איין קערפער, איין גייסט און דיעזעלבע פערלאנגען. מיט דעם אליין איז ער געווען גליקליך און צופריעדען.

און זיא? אה, דיעזעס נאטור־קינד, דיעזע פרישע בלום וואס האט זיך אימער געבאדען אין טהוי פון דעם טרוימערישען הימעל, האט געליעבט! איהר הארץ האט קיין פלאטץ געהאט פיר עפעס אנדערש וויא ליעבע. זיא האט געזעהען אין סערזשען דיא שעהנהייט, ליעבליכקייט, גוטסקייט און טרייהייט. זיא האט אין איהם געזעהען זיך זעלבסט!

ווענען געשלעכטליכען פערקעהר? דערפון האט זיא ניט געוואוסט. עס איז איהר אויך קיינמאל ניט איינגעפאלען, אז דאס איז א טהייל פון ליעבע. אלבין האט בלויז געוואוסט, אז זיא דארף פאר סערזש׳ען אלעס טהון ווען עס מאכט איהם פערגניגען. און פון דעם וואס ער האט הנאה, דארף זיא אויך הנאה האבען.

אָבער ער האט מעהר ניט פערלאַנגט וויא איהרע הענד, איהרע ליפּען און איהרע באַקען. וואס ער האט געוואָלט, האט זיא איהם נאָכגעגעבען.

דיא אויסגעוועלט איז פאר איהר געווען א דונקלעס געהיימניס, נאך וועלכען זיא האט ניט געביינקט. פאר איהר האט געלעבט דיא פרייע נאַטור, איהר שטיל־קייט, מורמלען פון טייבעל, געזאנג פון דיא פייגעל און דאס סוד׳ע זיך פון דיא בלעטער. זיא האט געפונען מעהר הערליכקייט אין פליהען פון א זומער פייגעלע, וויא דיא ציוויליזירטע דאמע אין א טהעאטער־פאַרשטעללונג.

אין לע פּאראדו האט זיא געזעהען איהר גליק און צווישען דיא בלומען האט זיא געפונען א זעעלען־געניס. זיא האט ניט געוואוסט פון קיין געטער, מלאכים, גן־עדן, גיהנום, פערדיענסט און שטראפע. זיא האט געהאט דעם גן־עדן פאר זיך, און האט הנאה געהאט פון דער וועלט מיט אזוי פיעל אונשולד, וויא דיא שוועלבעלעך וואס זיינען ערשיענען יעדען פריהלינג און ניט אויפגעהערט צו שפּיעלען ביז אין וויטען הערבסט.

פאלשקייט? בעטרוג? שווינדעל? דאס האט פאר איהר ניט עקזיסטירט. וואס זיא האט געזאגט, האט זיא געמיינט, און וואס זיא האט געפיהלט, האט זיא אויסגעדריקט אין ווערטער.

פרייהייט איז געווען איהר פאטערלאנד און עהרליכקייט איהר וואהרער געניס. גוט זיין איז געווען איהר אונטערהאלט, און צערטליכקייט איהר לעבען.

און סערזש? ער האט געשווידערט איבער דער פערגאנגענהייט. דיא פער־גאנגענהייט האט פאר איהם ענטהאלטען שרעק, ציטערן, שקלאפעריא און ליידען. ער האט זיא ניט געוואָלט קענען. דיא געגענווארט איז פאר איהם געווען דאס וואהרע לעבען און ער האט זיך געוואָלט רעכענען פאר נייא געבוירען.

ער האט זיך איינגעליעבט אין אלבינען, אין איהר ארט לעבען און דענקען, און איז ווירקליך געוואָרען א טהייל פון איהר. ער האט זיא בעטראַכטעט פאר א הייליגטהום, וואס איז גאנץ געגוג, ווען ער קען אויף איהר לייגען זיין האנד און זיא בעטראַכטען פאר זיין גאָט.

13.

אין א פארנאכט, ווען זייא זיינען אריין אין צימער נאך א לאנגען שפאציר־גאנג אין גארטען, האט זיא צו איהם געזאגט:

„היינטיגע נאכט וועלען מיר זיך גוט אויסרוהען, און מארגען וועל איך דיך אוועק פיהרען ערגיץ ווייט, וואו מיר זאלען זיך זעהר גוט אונטערהאלטען.

„ווען דענקסטו צו געהען?“

„ארום 10 א זייגער.“

„אזוי שפעט?“

„יא.“

„און וואס וועלען מיר מהון ביז דאמאלס?“

„עסען.“

„און דערנאך?“

„וועל איך דיר דערצעהלען שעהנע געשיכטען.“

גאנץ פריה איז זיא ארונטער געקומען, געבראכט עסען און ביידע האבען זיך אמוזירט.

נאדין עסען האט ער בעמערקט:

„מיר זיינען דא אזוי איינזאם; מיר הערען אפילו קיין שארך. דאס צימער מיט דעם מעבעל, שמעקען מיט אונגעהיירער אלטקייט. אונטערדעסען איז עס דא זעהר בעקוועם, אזוי ווי אין א נעסט. מיר דארפען דא זיין זעהר גליקליך.“

דאס מעדכען האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ און איז געווארען ערנסט. דאן האט זיא געמורמעלט:

„ווען איך וואלט געווען א שרעקעדיגע, האב איך בעדארפט מורא האבען אין דער ערשטער צייט. דאס איז איינע פון דיא געשיכטען וואס איך האב דיר געוואלט דערצעהלען. דיא איינוואהנער פון דער נאכבארשאפט האבען דאס מיר דערצעהלט. עס איז פיעללייכט ניט וואהר. ווייל זייא האבען ליעב צו פלוידערן, אבער דאס וועט דיך געוויס אמוזירען.“

זיא האט זיך אוועק געזעטצט נעבען איהם און אנגעפאנגען:

„עס זיינען שוין פאראיבער א סך יאהרען זייט דאס האט פאסירט. לא פארדו האט בעלאנגט צו זעהר א רייכען מאן, וועלכער איז אהער געקומען און זיך איינגעשלאסען מיט א שעהנער דאמע. דיא טויערן פון פאלאסט זיינען געווען

אזוי שטארק פערמאכט, דאס קיין מענשען איז עס נעלונגען אמאל צו זעהען דיעזע דאמע.״

„אָה, איך ווייס,״ האט סערוש אונטערבראָכען, „און דיעזע דאמע האט מען שוין קיינמאל מעהר ניט געזעהען.״

זיא האט זיך ניט בעקימערט און פאָרטגעזעטצט:

„ווען דער רייכער הערר איז אוועק, זיינען זיינע האאר געוועזען ווייס וויא שנעע. ער האט געלאָזען פערשלאָסען אלע טויערן, זאָ דאס ניעמאנד זאָל אהער מעהר ניט קומען אום צו שטערען דיא דאמע — אָט אין דיעזען צימער איז דיא דאמע געשטאָרבען.״

„אין דיעזען צימער?״ האט סערוש געפרעגט מיט א לייכטען שוידער. „דוא האסט מיר קיינמאל ניט געזאגט — דאס הייסט, ביסטו זיכער, אז זיא איז אין דיעזען צימער געשטאָרבען?״

אלבין איז ערנסטער געוואָרען און דערצעהלט:

„דער רייכער הערר האט ספּעציעל געבויעט דעם גאנצען פּאלאסט פיר דיעזער דאמע. אָבער זיא איז געוועזען אונבעקאנט, קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען זיא איז געקומען. דיא דיענער פלעגען נאכהער דערצעהלען, אז ער האט נאך איהר טויט דאָ צוגעבראכט טעג מיט נעכט. ווען זיא האט נאך געלעבט, איז ער מיט איהר אָפט ארויס געגאנגען שפּאצירען אין גארטען. אָבער קיינער האט ניט געוואגט זייא נאכצושפּיאָנירען. זייא האבען ליעב געהאט צו פערברענגען זייער צייט אין דיא געדיכטעסטע טהיילען פון דעם גארטען.״

„און זיא איז דאס געשטאָרבען, זאגסטו?״ האט סערוש געפרעגט אביסעל געריהרט. „און דוא האסט דיר גענומען איהר צימער; דוא האסט דיך בעדיענט מיט איהר מעבעל און געשלאָפען אין איהר בעט...״

אלבין׳ס גליקליכער שמייכעל האט צוריק געקעהרט.

„אך! דוא ווייסט דאך,״ האט זיא געזאגט. „איך האב קיין מורא ניט. איבריגענס, איז עס שוין אזוי לאנג זייט עס האט פּאסירט.״

„האסט רעכט,״ האט ער שוין געזאגט, „מען האט דאָ ניט פאר וואס מורא צו האבען; אלעס איז אזוי שעהן, רוהיג און פריעדליך.״

אלבין האט זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהם און ווייטער דערצעהלט:

„אָבער דאס איז נאך ניט אלעס. פון דער הויפּטזאך ווייסען נאָר וועניגע מענשען. דער גארטען איז אזוי גרויס, אז אפילו איך האב נאך ניט געפונען קיין

ענדע. אלזאָ, אין ריעזען גרויסען גאָרטען פון לע פּאַראַדו, האָבען זיא געפונען אַ פּלאַטץ פון פּאָלקאָמענעס גליק; דאס הייסט, ווען מענשען קומען אַהין, קענען זיא זיין פּאָלקאָמען גליקליך. דאָרט האָבען זייא צוגעבראַכט דעם גרעסטען טהייל פון זייער צייט. מען האט מיר דערצעהלט, אז דאס איז א קיהלער שאָטע־פּלאַטץ, בעהאַלטען צווישען געביש און פּערפּלאָנטערטע בוימער, און דאָרט איז אַלעס אַזוי שעהן, דאס ווען מען קומט אַהין, פּערגעסט מען אָן אַלעמע אין דער וועלט. איך גלויב, אז דיא אָרעמע דאַמע איז דאָרט בעגראָבען געוואָרען.״

„אָבער אין וועלכער געגענד ליעגט דער פּלאַטץ?״ האט סערזש גע־פרעגט.

„אַך! איך וויס ניט, איך וויס ניט!״ האט דאס מעדכען אויסגערופען פערצווייפעלט, „איך וויס גאר ניט דאַריבער. איך האב איבעראַל געזוכט, אָבער עס איז מיר אונמעגליך געווען עפּעס צו ענטדעקען — עס איז ניט צווישען דיא ראָזען, ליליען אָדער וויאָלעטען.״

„פיעללייכט ליעגט דאס ערגיץ צווישען דיא טרויער־בליקענדע בלומען? דוא האסט מיר שוין אמאל געוויעזען יענע געגענד״.

„ניין, ניין, ניט דאָרט.״

אלבין האט געגעבען א זיפץ און ווייטער געזאגט בעזאָרגט:

אַלעס מעגליכע האב איך שוין אָנגעווענדעט, און מיין ארבייט איז געווען אומזיסט.״

סערזש האט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און בעמערקט:

„וואס טויג דאס אונז? וואס דאַרפען מיר זיך גאר זאָרגען? זיינען מיר דען ניט גענוג גליקליך וויא עס איז? וויא דענקסטו, אלבין, איז עס ניט בעסער מיר זאָלען זיך צופריעדען שטעלען מיט דיא בלומען וואס רינגלען אונז ארום, וויא מיר זאָלען זיך זאָרגען איבער זאכען וואס מיר קענען פיעללייכט ניט ער־רייכען?״

„דאָרט ליעגט זיא, דיא שעהנע פרוי בעהאַלטען,״ האט אלבין געזאגט מיט א טאָן וויא איינע וואס רעדט פון שלאָף. „איך גלויב, אז עס איז געווען דיא פרייד און דאס גליק וואס זיא האט דאָרט געפונען, וועלכעס האט זיא געטויטעט. אַך! עס ליעגט א זיסער צויבער אין שאָטען פון בוים וואס טויטעט — אָבער איך — יא, איך וואָלט וועלען דאָרט אַזוי שטאַרבען. און מיט דיר, סערזש, מיט דיר צוזאַמען... מיר וואָלטען זיך אומאַרמט, אזוי פעסט, צוזאַמענגעדריקט ברוסט

צו ברוסט, און צחאסטען געשטאָרבען. קיינער וואָלט אפילו נים געוואוסט וואו מיר געפינען זיך."

„ניין, ניין, רעד נים אזוי!" האט זיך סערוש אריינגעמישט. „דוא מאכסט מיך שפירען אונגליקליך. איך וויל בעסער מיר זאָלען אימער לעבען אין זונענשיין און צווישען בלומען, ווייט אוועק פון יענעם שאטען־פלאטץ. מען וואָלט בעדאַרפט פערביטען גאר אהין צו צוקומען."

„פערביטען?" האט אלבין געפרעגט וויא ערוואכענדיג, „יא, געווים, עס איז טאקי פערבאָטען. יעדער האט מיר געזאגט, אז עס איז פערבאָטען..."

14.

זונענשיין, בלומען און דער פארפומירטער תויך פון דיא רויזען, ווירקט וויא א צויבער אויפצומונטערן און ערפרייען.

ווען סערוש און אלבין זיינען ארוים אין גארטען, האבען זייא אויסגעזעהען צו פערגעסען אן אלעמען, און וויא צווייא אונשולדיגע און זאָרגענלאָזע קינדער, האבען זייא געלאכט און געשטיפט.

„לאָמיך זעהען," האט אלבין אויסגערופען, „ביסטו שטארק גענוג מיך צו כאפען? איך וועל לויפען פאָראוים און דוא יאָג מיר נאך!"

אזוי זאגענדיג, האט זיא וויא א האָז אָנגעפאנגען צו שוועבען אויף'ן דיקען גראָז, און סערוש האט איהר נאכגעפאָלגט. זיא איז מעהרערע מאל געבליעבען שטעהען, און ווען סערוש איז שוין געוועזען גאנץ נאָהענט, האט זיא זיך אָבגעווענדעט מיט א מונטערן לאך און איז ווייטער געלאָפען, זיא איז אריין צווישען דיא בוימער, אריבער געשפרונגען בלומען־בייטען און סערוש וואָלט זיא ניעמאלט געכאפט, ווען זיא וואָלט נים פערטשעפעט איהר פוס און געפאלען איבער א הויפען בלומען.

זיא איז געבליעבען ליעגען לאכענדיג און א היבשער טהייל פון איהר אונטער קלייד האט זיך פערקאטשעט און ארוים געצייגט איהר נאקעטעם לייב, אזוי ווייס וויא אלבאסטער.

סערוש איז באלד געוועזען נעבען איהר, איז ער צוגעפאלען און געקושט איהר נאקעטעם לייב מיט א ווילדער בעגייסטערונג.

„וואס מהוסט, נארישער סערוזש?" האט זיא געפרעגט מיט א מתמערן טאָן, „ווארום קושטו נאר מיינע נאקעטע פיס? זעה, דאָ, מיינע באקען און מיינע ליפּען, קענסט קושען וויפיעל דוא ווילסט."

אלבין האט געמיינט, אז קושען איהר נאקעטעס לייב אויף דיא פיס, איז ווייניגער אנגענעהם וויא צו קושען איהרע באקען און ליפּען.

אָבער סערוזש האט זיך באלד דערמאָהנט וואו ער איז אין דער וועלט, און גלייך וויא ער וואָלט פּערזאָנהייליגט א הייליגקייט, האט ער באלד צוגעדעקט איהר לייב און איז געבליעבען זיטצען פערשעהמט.

„זעהסט," האט אלבין געזאגט זיך אויפזעטצענדיג, „איך האב געוואוסט, אז דוא וועסט מיך ניט קענען באַפּען. איך קען בעסער לויפען פון דיר... וואס זיטצטו אזוי פערטראכט? אָה, דוא נארישער סערוזש, קום נאָר אהער..."

איהרע ווייסע ארעם האבען זיך אויסגעצויגען און זיא האט איהם ארום גע־נומען, צודריקענדיג פעסט צו איהר ברוסט, און דאַן צופרעסענדיג איהרע בלוט־רויטע ליפּען צו זיין מויל.

„נא, זעהסטו!" האט זיא געשריען, „איך קען גראדע אזוי קושען וויא דוא, און ניט אויפ'ן לייב, נאָר אויף דיא ליפּען..."

זיא איז בייא דיעזע ווערטער שנעל אויפגעשטאנען און אויסגעשריען:

„קום, שטעה אויף, עס ווערט שפּעט."

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז געבליעבען שטעהן פרענענדיג:

„וואוהין ווילסטו מיך נעהמען?"

„קום, דוא וועסט שוין זעהען."

ער האט זיא אָנגעכאפּט בייא דיא הענד, און איהר בליקענדיג ערנסט אין געזיכט, האט ער בעמערקט:

„זייא ניט קיין נאר, אלבין. איך וויל ניט ארום געהען זוכען דעם שאטען אָדער דיא בוימער, וואו מען לייגט זיך אוועק און מען שטארבט. דוא דארפסט עס ניט טהון. דוא אליין האסט דאָך געזאגט, אז עס איז פערבאָטען."

איהר געזיכט איז עטוואס רויט געוואָרען און זיא האט געענטפערט:

„אָבער ווען מיר זאָלען אהין קומען דורך א צופאל, און מיר זאָלען דאס יא זעהען, וועסטו אויף מיר ברוגז זיין? אָך, סערוזש, ווען דיא זאָלסט אויף מיר ברוגז זיין, וועל איך זעהען, אז דוא האסט מיך ניט אזוי ליעב וויא דוא בער הויפּטעסט."

ער האט שוין ניט גערעדט. זיא איז געגאנגען פאראוים און ער האט איהר נאכגעפאָלגט. איבער א שטונדע זיינען זייא געגאנגען אלץ טיעפער און טיעפער, צווישען פערווירדטע וועגען, און זייא האבען גאנץ ווענינ געשפראָכען.

דיא ביימער זיינען געוואָרען געדיכטער, דער שאטען פון דיא צווייגען גרעסער און דיא נאטור אלץ וויא בערוהיגטער.

ער איז געבליעבען שטעהען צעגערענד און געזאָגט:

„וואוהין פיהרסטו מיך?"

אלבין האט ווידער געלאכט און איהם געוואונקען מיט דער האנד ער זאָל איהר נאכגעהען.

פלוצלינג זיינען זייא ערשיענען פאר א געהענדעם וואסער, וואס איז געלעגען שטארק בעהאלטען צווישען לאנג־צווייגיגע בוימער.

„איך האב מורא," האט זיא געזאגט, „אז מיר וועלען גאר ניט קענען אריבער געהען. דיא רעגענס האבען טיעפער געמאכט דאס וואסער. איך האב דאָ געקענט וויא געוועהנליך אריבער געהען, ווען איך האב מיר אויסגעצויגען דיא שיך, און אביסעל אויפגעהויבען מיין קליידעל. אבער היינט, זעהסטו, ועט דאס וואסער גרייכען ביז צו מיינע ברוסטען און אפשר נאך אריבער."

„און דוא ווילסט אונבעדינגט אריבער געהען?"

„יא."

„ווען?"

„טאקי יעטצט."

„ווערסטו הנאה האבען דערפון?"

„יא, זעהר."

„דאן קריך ארויף אויף מיינע פלייצעס."

„ניין, איך וועל עס ניט טהון, ווען דוא זאָלסט זיך אויסגליטשען, וועלען מיר ביידע אריינפאלען אין וואסער. דוא ווייסט גאר ניט וואס פאר א שטיינער דאָ איז אינוועניג."

„נו, הער שוין אויף," האט סערוש ווידערהאָלט. „נעהם און קריך ארויף אויף מיינע פלייצעס און מאך א סוף."

זיא האט געלאכט.

דאן איז זיא צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם, געלייגט ביידע הענד אויף זיינע אקסלען, און מיט דער לייכטיגקייט פון א אינגעל, איז זיא ארויף געשפרונגען און זיך געזעטצט ריטענדיג אויף זיין האלז.

ער האט זיך אביסעל געשאָקעלט.

„אוי וועה, סערזש!" האט זיא אויסגעשריען, „דוא קענסט מיך ניט טראָגען!"

זיא האט געוואָלט ארונטער געהען.

„זיטץ!" האט ער געשריען.

„אָבער וואס איז מיט דיר?"

„מיך קוועטשט עפּעס אין האלז."

„אָה, איך פערשטעה," האט זיא געזאגט, „עס איז מיינע קליידער. הערט, אָבער איך בין דיר ניט צו שווער."

„ניין."

„דאַן וועל איך ארויס שלעפּען מיין קלייד, איך וויס, דאס קוועטשט דיך."

זיא האט אָנגעפאנגען ארויס צו שלעפען דאס קלייד.

„ווען דוא וועסט פארטיג ווערען, זאָלסטו מיר אנצייגען," האט ער איר זאָגט.

„יא, זעהסט, איצט קוועטשט דיך שוין ניט. אָך, ווי גלאט דיין האלז איז!"

און זיא האט געלאכט.

„ביסטו שוין פארטיג?" האט ער געפרעגט.

„יא."

„דאַן האלט דיך פעסט!"

ער איז אריין אין וואסער און מיט עטליכע שפּאַן איז ער געווען פון דער אנדערער זייט, זיך בלויז אביסעל איינגעטצענדיג זיינע שיך און הויזען.

אבער ער האט זיא נאך ניט ארונטער געלאָזען. ער איז געגאנגען ווייטער.

„דוא בראַווער סערזש!" האט זיא געזאגט, „וויא מיך פרייט וואס דוא ביזט שוין אזוי געזונד!"

ער האט אויסגעזעהען ניט צו שפירען דיא לאסט. דאַן האט זיא געמאכט צו דער צונג וויא צו א פערד, איהם לייכט געצויגען ביי'א איין אויער, וואוהין ער זאָל געהען, און ער איז כמעט געלאָפען פאָרווערטס.

„אָט דאָ איז עס!" האט זיא ענדליך געזאגט איהם אָנקלאפענדיג אויף דיא באקען ער זאָל בלייבען שטעהען.

אַלבין איז מים איין שפרונג געווען אויף דער ערד. סערזש ווידער, דער חיטצט און סאַפּענדיג, האט זיך אָנגעשפאַרט אן א בוים אום צו כאַפּען דעם אטהעם

דאַן האט איהם אַלבין בעליידיגט און געזידעלט, איהם אבשרעקענדיג, דאס אין פאל ער וועט נאך אמאל קראַנק ווערען, וועט זיא שוין מעהר ניט וואכען נעבען איהם.

„דומהייטען!“ האט ער אויסגעשריען, אין גענענטהייל, דאס האט מיר זעהר גוט געטהאָן. ווען איך וועל ווערען נאך שטאַרקער, וועל איך דיך ארום טראָגען א גאַנצען טאָג. וואוהין פיהרסטו מיך?“

„דאָ!“ האט זיא געענטפערט זיך אוועק זעטצענדיג אונטער א מעכטיגען בירנען־בוים

15.

עס איז געווען דער פרוכט־גאַרטען געפלאַנצט אין מיטען פון דעם מעכטיגען גאַרטען אין לע פּאַראַדו.

אַלבין האט דאַן איינגעלאַדען סערזש'ן ער זאָל זיך אויך זעטצען און זיך אויס־רוהען. וויא ער האט זיך געזעטצט, האט זיא געזאגט:

„ווייסטו צו וואס איך האב דיך אהער געבראַכט?“

„ניין, איך וייס ניט.“

„דאַן וועסטו באַלד וויסען.“

דיא האט געלאַכט, און אויפשפּרינגענדיג, האט זיא אויסגעשריען:

„היינט וועלען מיר עסען דאָ מיטאג!“

זיא האט בעשטיגען דעם בוים און אָנגעפאַנגען ארונטער צו רייסען בירנען, וועלכע זיא האט געוואָרפען אויף'ן גראָז.

דיא פריכטע זיינען געווען זיס און זאַפטיג, און סערזש האט זייא געגעסען מיט א גרויסען אַפּעטיט.

דאַן איז אַלבין ארונטער געקראָכען, און אויך געגעסען.

„ווארט, ווארט,“ האט זיא געזאגט, „דאס איז נאך ניט אלעס. זעהסטו דאָרט יענע קליינע בוימלעך? דאס איז מאַלינעס יעדע מאַלינע איז אזוי גרויס וויא א נוס און אזוי זיס וויא האָניג און דאָרט, זעהסטו יענע בוימער? עס

איז עפעל. ווייטער גאָהן, זעהסטו יענע ברייטע גרינע צווייגען? דאָרט וואַקסען אַפּריקאָזען, פערשקעס און פלוימען. מיר וועלען אַלעס היינט עסען.“

זייא האָבען ביידע געטאַנצט פאַר פרייד.

זיא איז געלאָפען פאָראויס. סערוש איז שוין מעהר ניט געווען מיעד און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

ווען ער איז צוגעקומען דאָרט וואו זיא איז געשטאַנען, האָט זיא אויסגע־שריען:

„קום אהער, שטעל זיך!“

„צו וואָס?“

„איך וועל אַרויף קריכען אויף דיינע אַקסלען און דאַן וועל איך לייכטער קענען דערלאַנגען צו דיא בוימער.“

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער, און זיא האָט אַרויף געקלעטערט אויף זיינע אַקסלען. דאָרט איז זיא געבליעבען שטעהן און אָנגעפאַנגען צו רייסען פרוכטען און אַרונטער וואַרפען.

דאַן האָט געפאָלגט א סעודה.

„וויסטו,“ האָט זיא געזאָגט ווען זיא האָט זיך שוין גוט אָנגעגעסען, „איך ליעב מעהר דיזע פרוכטען וויא דיא בראַטענס און ברויט. זייא געבען מיר מעהר קראַפט, מעהר מונטערקייט און מעהר פערגניגען. מענסט עסען וויפיעל דוא ווילסט. דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען. אַלע זיינען פערטיג.“

דיעזעס נאַטור־קינד האָט געפונען א בעסערן געשמאַק אין דיא נאַטירליכע פּראָדוקטען וויא אין דיא געקינסטעלטע שפּייזען וואָס מענשען האָבען איינגעפיהרט. אונגעאַכטעט דאַרויף וואָס זיא האָט סערוש'ן אַזוי געליעבט, האָט זיא איהם אויך געהייסען עסען וויפיעל ער וויל, אָהנע זיא זאָל מורא האָבען, אַז עס וועט איהם שאַטען. זיא האָט געוואוסט, אַז דיא פרייע און רויע נאַטור, איז דיא איינציגע גוטע און געטרייע מוטער פיר איהרע קינדער דיא ברואים.

„יעטצט קום מיט מיר,“ האָט זיא ווייטער געזאָגט. „איך בין דאָרשטיג. זעהסטו יענעם בלויען שטיין דאָרטען? פון איהם פליעסט א קוואַל מיט קריסטאַל־קלאָרעס וואַסער. איך האָב אימער געטרונקען דאָרט וואַסער נאָך דעם וויא איך האָב געגעסען דיא פרוכטען. דאָס וואַסער איז ריין, זיבער און צוגעהט זיך אין יעדען אבר. עס וועט דיר בעסער טהון וויא וויין. פע וויין! דאָס איז ניט גוט, עס פער־שלאָגט דעם קאָפּ און פערווירט דיא געדאַנקען. קוואַל־וואַסער גיבט לעבען און ליטערט אויס דעם מח צו דענקען איבער גליק און צופריעדענהייט.“

סערזש האט בעמראכט מיט ערשטוינען דיזעס שעהנע נאטור־קינד וויא זיא האט געשפּראָכען. איהרע ווערטער האבען פון איהם פערטריעבען יעדע שרעק פון טרינקען וואסער נאך פריכטע עסען. ער האט שוין קיין מורא ניט געהאט, אז ער וועט קראנק ווערען, דען אלבין׳ס ארגומענטען האבען איהם איבערצייגט, אז עס איז אזוי וויא זיא זאָגט.

זיא איז אימער געווען פאראויס, און צולייענדיג איהרע רויטע און פרישע ליפּען צום שטראם וואס האט געפלאָסען פון דעם שטיין־שפּאלט, האט זיא גע־שמאק געטרונקען, און דאן, ארויס נעהמענדיג א טאשען־טוך, האט זיא זיך אָב־געווישט איהר מויל.

„נו, דוא אלטער סערזש!" האט זיא געשריען, וועהרענד איהרע בלויע אויגען האבען געגלאנצט מיט מונטערקייט, „געה און טרינק!"

ער האט אויך געטרונקען וויא זיא.

נאכדעם האט אלבין ערקלערט, אז זייא וועלען אומקעהרען אהיים דורך איין אנדערן וועג, ניט מיט דעם וואס זייא זיינען געקומען.

ער איז איהר נאכגעגאנגען.

זייא האבען געמוזט פאראיבער געהען עטליכע קליינע טייכלעך, אבער עס איז שוין מעהר ניט נעטהיג געווען ער זאָל זיא טראָגען.

דאן זיינען זייא אריין צווישען זעהר געדיכטע בוימער און דער גערוך פון דיא בלומען האט זיך זעהר שטארק געשפּירט.

סערזש האט בעמערקט, אז אלבין נעהט פאָראויס און בליקט פאָרשענדיג פון אלע זייטען.

„וואס זוכסטו?" האט ער געפרעגט.

קיין ענטפער.

„אלבין!" האט ער געשריען, „וואס זוכסטו?"

„ווארט, ווארט," האט זיא געענטפערט, „דוא וועסט שוין זעהען."

זייא זיינען גראדע דאמאלס צוגעקומען אויף א שטיק פרייעס פעלד, וואס האט אויסגעזעהען וויא א פערוואקסענער וועג ארום עטליכע זעהר הויכע בוימער מיט צווייגען וואס האבען געגרייכט ביז צו דער ערד. ארום און ארום דיזע בוימער, האבען געוואקסען בלומען פון אלע קאָלירען אין רעגענבויגען.

אלבין איז געבליבען שטעהען און געבליקט אויפמערקזאם.

סערזש איז צוגעגאנגען נעהנטער און אָנגעפאנגען אויפמערקזאם צו בעטראכטען דיזען גרינעם בוימער־צירקעל.

פערקווירדיג, דיא בוימער זיינען ערשטענס געווען זעהר געדיכט געזעצט און צווישען זייא, האט נאך אויך געוואקסען קליינע בוימלעך וואס האבע געבילדעט וויא א געדיכטען און פעסטען פארקען. עס איז אונמעגליך געווען אהין אריין צו קומען זאָגאר.

„וואס קען דאָ זיין ?“ האט סערוש געפרעגט.

קיין ענטפער.

„ביסטו שוין דאָ אמאל געווען ?“ האט ער ווייטער געפרעגט.

„איך ווייס ניט“.

„וואס הייסט, זיינען דיר ניט בעקאנט דיא וועגען אין גארטען ?“

„ניין.“

„ווארום ?“

„וויל דער גארטען איז אזוי גרויס.“

סערוש איז געבליעבען שטעהן נאכדענקענד. דאן האט ער זיך אָנגעהויבען און עפעס צו דערמאָהנען.

„אלבין !“ האט ער אויסגעשריען.

„וואס ווילסטו ?“

„קום אוועק פון דאנען !“

„ווארום ?“

„וויל מיר דאכט, אז דאס איז דער פלאַטץ.“

„וועלכער פלאַטץ ?“

„פון דעם גליק און טויט וואס דוא האסט געשפּראָכען.“

סערוש האט בייא זיינע איינע ווערטער געשפירט א שוידער.

„דאן לאָמיר זוכען איין איינגאנג,“ האט זיא געזאגט.

„ניין, ניין !“

„ווארום ?“

„וויל איך בין צופריעדען מיט מיין יעטצטיגעם גליק.“

זיא איז נאך אימער געשטאנען.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד און זיא אָנגענומען.

„קום, איך בעט דיך,“ האט ער געזאגט, „עס איז פערבאָטען, אלבין, מען טאָר אהער ניט קומען. קום אוועק פון דאנען.“

„יא, יא, איך גערה," האט דיא גנעזאנט ציטערענד, און ביידע זיינען שנעל אוועק פון דעם פלאטץ.

צעהן טעג זיינען פאראיבער און זייא זיינען מעהר אהין ניט געקומען.

16.

דיא גאנצע צייט האבען זייא פערבראכט טהיילוויז אין ציטער און טהיילוויז אין גארטען זעהר נאהענט פון דעם אלטען פאלאסט.

ווארום זיינען זייא ניט ווייטער געגאנגען?

אויב זייא האבען זיך אליין געשטעלט דיעזע פראגע, דאן איז עס נאר געוועזען איז געדאנק, אבער אויסגעשפראכען האבען זייא דאס ניט.

ביידע זיינען געוועזען אבערגלויביש, אבער עס איז אויך געוועזען א גרויסער אונטערשיעד אין זייערע געפיהלע. סערוזש'עס אבערגלויבען איז געוועזען דער רע יגיעזער, דער פאנאטישער וואס ווערט אזוי אפט געפרעדיגט אין דיא רעליגיאנען. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז דער פלאטץ, בעצייכענט פון אלבינען, מוז ענטהאלטען שדים, רוחות, און ווען אפילו מלאכים, דארף מען אויך מורא האבען פאר זייא.

מי יודע? פיעללייכט איז עס נאר דער גן־עדן און דארט שטעהט דער מלאך מיט א צווייא־שארפיגעס שווערט און — וויא שרעקליך און שוידערהאפט דאס דארף זיין!

אלבין וויעדער, אלס נאטור־קינד, האט וויא אלע ווילדע, מורא געהאט פאר דאס אונבעוואוסטע און אונבעקאנטע. זיא האט זיך פארגעשטעלט עפעס העסליכעס־שרעקליכעס אין דעם אונבעקאנטען פלאטץ, וואו מען קען געניעסען דאס וואהרע און פאלקאמענע גליק.

אבער טראטץ דעם אלעמען, האט עפעס איין אונבעקאנטע קראפט גע־ארבייטעט אין איהר און זיא געצווינגען אהין — דארט וואו מען קען אזוי וויט גליק־ליך זיין, ביז עס זאל אויסגעהען דיא נשמה פאר גליק.

אך! ארמעס נאטור־קינד! זיא האט זיך געטראכט, אז דער טויט איזווירקליך שרעקליך, און שעהנער וויא דאס לעבען איז, קען ניט זיין. אבער דאס לעבען? דיא צוקונפט? וואס ליעגט דארט בעהאלטען? ווער ווייס?

איז עס דען ניט בעסער צו געניעסען אויף איינמאל דאס גאנצע און פאל־קאמענע גליק, און דאן, אין דיעזען גליק איינשלאפען דעם שלאף וואס מען טרוימט ניט?

פון יענער זייט קבר? אָה, איהר אָנקעל זשאַנבערנאַט האָט איהר עטליכע מאָל געזאָגט, אַז דאָרט איז אייביגע פינסטערניס, וואו מען פיהלט ניט אפילו ווען די ווערים פרעסען. דאָרט, פון יענער זייט קבר, איז תוהו־ובוהו, גאָר ניט, אבסאָ־לוט גאָר ניט!

אָט דיזע וועלט איז אַלעס, און וויפיעל שטיקעס גליק מען קען געניעסען, זאָל מען געניעסען, און דאַן, ווען דער סוף פון דעם מענשען קומט, זאָל מען זיך אַוועק לייגען און איינשלאָפען אויף אימער און אייביג.

און וואָס האָט זיך דיזעס אונשולדיגע נאַטור־קינד געקענט פאָרשטעלען אונטער פאָלקאָמענעם גליק?

זי האָט געליעבט סערזש'ן — געליעבט מיט איהר גאַנצע אונשולדיגע ברוסט. ווען ער וואָלט געזאָגט, אַז פיר זיין בעקוועמליכקייט איז נויטהווענדיג איהר הערצענס־בלוט, וואָלט זי עס געווים געגעבען. אָבער איין אונהיימליכע מורא האָט זי אימער בעהערשט, אַז עס קען פּאַסירען וואָס יעמאַנד זאָל קומען און איהם ענטרייסען פון איהרע אָרעמס, און דאַן — יאָ, דאַן וועט זי זיין די אונגליקליכסטע אין דער וועלט, און די זונן, איהרע שטראַהלען, דער בלויער הימעל, די מרויערישע לבנה, דער גאַנצער הערליכער גאָרטען, די בלומען, רויזען און גראָזען — אַלעס וועט זיין טויט און אָבגעשטאָרבען פאַר איהר.

ווארום אַלזאָ זאָל זי וואַרטען? ווארום זאָל זי ניט אויפזוכען דעם פּלאַטץ פון פאָלגענדעס גליק, און דאַן דאָרט שטאַרבען און שליעסען איהרע אויגען אין אייביגער צופריעדענהייט?

דאָס גליק? וויא זעהט אויס פאָלקאָמענעס גליק? דאָס האָט זי זיך ניט געקענט ערקלערען. זי האָט בעגריפען, אַז דאָס מוז זיין עטוואָס אונענדליך גוטעס, עטוואָס אונענדליך שעהנעס און ערהאַבענעס.

זי האָט לאַנג געדענקט, און דער וואונש צו עררייכען איהר ציעל, האָט ענדליך בעזיעגט די מורא פאַר דעם אונבעקאַנטען און אונבעוואוסטען.

17.

עס איז געווען אין א גאַנץ פריה, ווען זי האָט ערוואַכט מיט דעם בעשלוס צו געהען זוכען יענעם געהיימניספאָלען פּלאַטץ, ווען דאָס זאָל אפילו קאָסטען איהר לעבען.

דיא זונ: איז נאך נים געווען אויפגעגאנגען און דיא פייגעלעך האבען נאָר וואס ערוואכט.

אלבין איז ארויס פון איהר צימער און האט בעאבזיכטיגט אויפצרוועקען סערזש'ן.

ווארום זיא האט געוואָלט גראדע מיט איהם צוזאמען אויסגעפינען דעם פּלאטץ פון פאָלקאָמענעם גליק, האט זיא זיך נים געקענט ערקלערען. אָבער זיא האט געוואוסט, אז איהר גליק קען זיא נאָר מיט איהם צוזאמען טהיילען.

אָבער סערזש איז שוין מעהר נים געשלאָפען. ער איז געשטאנען ביים פענסטער און ארויס געקוקט.

„אך, אלבין!" האט ער אויסגעשריען.

„גוט מאָרגען דיר, סערזש!" האט זיא געענטפערט דערפרייט.

„אזוי פריה אויפגעשטאנען?"

„יא. און דוא?"

„איך בין אויך אויפגעשטאנען פריה, וויל יעטצט איז קיהל און אנגענעהם, דיא לופט איז פארפומירט."

„יא, עס שמעקט טאקי זעהר שעהן."

„ווילסטו ארייז קומען?" האט סערזש געפרעגט.

„ניין, קום דוא ארונטער."

„באלד, אלבין, איך געה באלד."

אין א פּאאר סעקונדען איז ער געווען נעבען איהר, און מיט עהרפורכט און צערטליכקייט, האט ער געקושט איהר האנד.

„קום," האט זיא געזאגט, „לאָמיר געהען שפּאצירען."

ער איז נאכגעגאנגען אָהנע צו פרעגען וואוהין.

זיא האט גענומען א נייע ריכטונג, נים דיא געוועהנליכע וואוהין זיא איז מיט איהם געגאנגען אין דער לעטצטער צייט.

אלס זייא זיינען אוועק א היבשע שטרעקע פּלוידערענדיג איבער זייער ליעבע און צערטליכקייט, האט אָנגעפאנגען דיא זונן אויפצוגעהען.

„ווייסטו, וואס, אלבין," האט ער געזאגט, „מיר וועלען זיך אומקעהרען אהיים, וויל מיך הונגערט שוין אביסעל."

„שוין הונגריג?" האט זיא געפרעגט לאכענדיג.

„יא, וואס דען מיינסטו?" יעטצט בין איך שוין פאָקקאָמען געזונד און איך וויל עסען."

ויא האט ווידער געלאכט.

„היינט וועלען מיר עסען,“ האט זיא געזאגט, „פרוכטען.“

„פרוכטען? וויא האסטו דא פרוכטען?“

דיא בוימער ארום, זייא זיינען געווען מיט לאנגע צווייגען, אהנע אירגענד וועלכע פרוכטען.

„ווארט נאר“, האט זיא געענטפערט, „באלד וועסטו זעהען. מיר וועלען היינט עסען דעם בעסטען פריהשטיק.“

זייא זיינען ווייטער געגאנגען. עס איז פאראיבער נאך א האלבע שטונדע, און זייא האבען קיין פרוכטען נאך אלץ ניט געזעהען.

„לאמיר זיך זעטצען אביסעל,“ האט ער פארגעשלאגען. „ווירעליך, איך בין שוין מיעד געהענדיג נאך דיא פרוכטען.“

„ניין, ניין,“ האט זיא אנגעווענדעט, „קום נאך אביסעל, וועסטו זעהען וואס פאר א שעהנע פרוכטען מיר וועלען געפינען.“

ער האט איהר נאכגעפאלגט.

סערזש איז נאך ווירקליך אין יענעם טהייל גארטען ניט געווען, און דיא הערליכקייט פון דער ערשיינונג האט איהם בעגייסטערט.

ענדליך האבען זייא געגרייכט א פלאטץ נעבען א קליין וואסער׳ל וואס האט געהאט א היבשען זאמדיגען ברעג, און אין דער גאנצער לייגג, זיינען געשטאנען דורכאויס פרוכט־בוימער.

עפעל, בירנען, פערעשקעס און אפריקאזען, האבען געבילדעט דיא פרוכטען, וועלכע האבען אריבער געהאנגען אין גרויסע מאסען פון דיא צווייגען. סערזש און אלבין האבען זיך צוגעכאפט דערצו און געגעסען שטעהענדיג וויפיעל זייא האבען געקענט.

ווען זייא זיינען פערטיג געווארען מיט דעם פריהשטיק, האבען זייא זיך גער זעטצט.

אלבין איז געווען פערטראכט.

„וואס טראכסטו, אלבין?“ האט ער געפרעגט.

זיא האט זיך פלוצלינג אומגעקוקט, גלייך וויא זיא וואלט ערוואכט פון שלאף.

„גאר ניט,“ האט זיא געענטפערט אין איין אונטערדריקטען טאן.

„דוא ביסט טרויעריג,“ האט ער ווייטער געזאגט.

„פרויערינ! איך! ווארום?"

„דאס ווייס איך ניט."

„ניין, מיין פריינד," האט זיא געמורמעלט איהם אומארמענדינ, „איך בין גליקליך."

ער האט זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט און געקושט איהר שטערן.

18.

נאך א שטונדע רוהען, האבען זייא זיך אויפגעהויבען.

„וואוהין געהען מיר עטצט?" האט ער געפרעגט.

„אין גארטען."

„נים אהיים?"

„וואס איילסטו זיך? דוא ביסט דאך נים מעהר הוננריג."

זייא זיינען אריבער דאס שמאלע וואסער'ל און דאן ווידער אריין צווישען געדיכטע בוימער.

אלבין איז געווען אונגעהייער רעדעוודיג און זיא האט אזוי פיעל געשפראָכען, דאס ער האט בוכשטעבליך פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט.

ווען זייא זיינען צוגעקומען צו איין אונגעהייער געדיכטע אבחהיילונג, איז סערוזש פלוצלינג געבליעבען שטעהען. ערשט דאמאלס איז איהם איינגעפאלען, אז אלבין האט איהם פערנארט.

„וואו זיינען מיר?" האט ער געפרעגט.

„אין לע פאראדו."

„דאס ווייס איך, אָבער..."

זיא האט געשוויגען און איז צוגעגאנגען צו דיא בוימער וואס זיינען גע־שטאנען אזוי געדיכט איינער נעבען אנאנדער.

זיא האט אויסגעזעהען צו זוכען איין אָרט וואו אריין צו געהען.

„וואס ווילסטו טהון, אלבין?" האט ער געפרעגט מיט א שוידער.

קיין ענטפער.

„אלבין!" האט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט.

זיא איז געבליעבען שטעהען און זיך אומגעקוקט

„אלבין," האט ער ווייטער געזאגט.

„וואס ווילסטו?"

„מיר דאכט, אז דאס איז דער פלאטץ."

„וואס פאר א פלאטץ?"

„וואס דוא האסט מיר גענזאגט."

„איך האב דיר געזאגט פון א סך פלעטצער, וועלכען מיינסטו?"

„דעם פון—פאל־קא—מע—נעם גליק..."

א שוואכער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף אלבין'ס געזיכט.

„נו, אלזא," האט זיא געזאגט, „ווען דאס איז דער פלאטץ, וואס ווערט דערפון? דארפען מיר זיך שרעקען פאר פאלקאמענעם גליק?"

זיא איז צו איהם צוגעגאנגען, געליינט דיא האנד אויף זיין שולטער, און געמורמעלט:

„קום, מיין זיסער געליעבטער; קום, לאמיר צוזאמען זוכען דעם פלאטץ פון פאלקאמענעם גליק."

איהרע בלויע אויגען האבען געבליקט מיט אזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט, דאס ער איז אין יענעם אויגענבליק אימשטאנדע געווען זאגאר אין א לייבען־גרוב אריין צו קריכען, ווען זיא וואלט איהם הייסען.

„מיין בראווער סערזש," האט זיא פארטגעזעטצט, „פעהלט דיר דער מוטה?"

ער האט זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט און געמורמעלט:

„ניין, אלבין, ווען דוא ביסט נעבען מיר, פעהלט מיר קיין מוטה. בעפעהל און איך בין בערייט צו טהון דיין וואונש."

זיא האט זיך פון איהם לאנגזאם בעפרייעט און מיט א וואונק, האט זיא איהם גערופען, ער זאל איהר נאכפאלגען.

זייא זיינען ביידע צוגעגאנגען צו דער געדיכטער געביש־וואנט און אלבין האט אנגעפאנגען אוועק צו ביינען דיא צווייגען. זיא האט דאס זעהר לייכט געטהאן און אין א מינוט שפעטער האט זיא געמאכט א לאף און איז אריין געקראכען.

סערזש איז איהר באלד נאכגעגאנגען. ער האט געטראפען אלבינען שטעהען אין בעוואונדערונג. דיא סצענע האט בייא איהם ארויס גערופען ערשטוינען.

19.

דיא בוימער וויא עס האט זיך שפעטער ארויס געוויזען, זיינען געווען אבזיכטליך געפלאנצט אזוי געדיכט, אום קיינע אויסוויערטיגע צושויער צו געבען דיא געלעגענהייט אריין צו קוקען. אינוועניג האבען דיא בוימער געבילדעט א גרויסען קרייז און איינגעהיעלט איינע פון דיא שעהנסטע נאטור־סצענען וואס מענשען האבען נאך אמאל געזעהען.

דער פלאטץ איז געווען בעזעטצט מיט בוימער, איינער פון דעם אנדערען גאנץ דערווייטערט. צווישען דיא בוימער זיינען געווען סאמע בלומען־בייטע, פאר־שטעלענדיג אלע מעגליכע קאָלירען.

גאנץ וויים, אין מיטען, איז געווען וויא א גרויסער שטיינערנער קעסעל מיט וואסער וואס האט געפלאָסען פון מעהרערע קוואלען. דער קעסעל זעלבסט איז גע־ווען בעדעקט מיט קליינע בוימלעך און צווייגען. פון ביידע זייטען האבען זיך אויפ־געהויבען צוויא שווארץ־מארמאָרענע זיילען איבער דעם קעסעל, און אויבען איז געשטאנען א וויים־מארמאָרענע פיגור פון א פרויענצימער.

עס האט זיך געקענט דערקענען, אז דיא נאטור מיט ווינט, רעגען, שנעע און שטורם, האט ערטערוויז פערדאָרבען דיא אָריגינאלע שעהנהייט. פון דער אנדערער זייט אָבער, האט דיא נאטור זעלבסט, וועלכע איז ניט געשטערט גע־וואָרען, אויסגעארביימעט איהר איינענע הערליכקייט.

איבעראל האט געהערשט א צויבער־שטילקייט, און עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא דער פלאטץ זעלבסט האט געפאָדערט דיא הייליגסטע רוה.

איינגע שטיינערנע ביינק, זיינען שוין געווען שטארק בעוואקסען, זאָ דאס מען האט זייא ניט געקענט מעהר ארויס זעהען פון דעם גרינעם גראָז.

פלוצלינג האבען זייא דערהערט א פליוסק. ביידע האבען זיך דערשראָקען. דאן האבען זייא דערזעהען א פאאר קאטשקעס זיך מונטער שפיעלענדיג אין דעם שטיינערנעם קעסעל.

זייא זיינען אזוי געשטאנען א היבשע צייט אָהנע צו רעדען א וואָרט, דאן האט אלבין ערבליקט עפעס זיך בעוועגענדיג פון ווייטען צווישען דיא בוימער.

זיא האט זיך מעהר ניט דערשראָקען. עס איז געווען א יונגער הירש, און דיא האט שוין געזעהען מעהרערע הירשען אין לע פאראדו.

סערזש האט זיך אָבער יא דערשראָקען, ווייל ער האט דאס גערעכענט פאר א „שלעכטע זאך."

אלבין האט איהם אין א ניעדריגען טאָן ערקלערט, אז אין לע פּאראדו זיינען נאך דאָ הירשען, זייט דער צייט וואס דער רייכער איינענטהימער האט דאָרט פערוויילט מיט יענער שעהנער און געהיימניספאָלער דאמע.

דער הירש איז געגאנגען לאנגזאם, אָבער ערבליקענדיג די מענשען, איז ער באלד פערשוואונדען געוואָרען.

סערזש און אלבין האבען זיך אָנגעהויבען לאנגזאם צו צוגעוועהנען צו דעם פּלאטץ, און זייא האבען אויך אָנגעפאנגען אלעס נעהנטער צו בעטראכטען.

זייא זיינען געגאנגען פּאָרווערטס און געבליקט אויף די ביימער, וועלכע זיינען געווען שעהנער וויא זייא האבען נאך געזעהען אין גאנץ לע פּאראדו.

„קום, לאָמיר זיטצען," האט אלבין געזאגט, זייענדיג די ערשטע וואס האט געוואגט צו רעדען.

זייא האבען זיך ביידע געזעטצט אין קיהלען שאטען פון א בוים, אויף א גראָז אזוי וויך וויא זייד.

„איז עס נים הערליך?" האט זיא געפרעגט.

„יא."

„פיהלסטו נים גליקליך?"

„אך! יא!"

א פויזע האט איינגעטרעטען, און אין סערזש'ס אויגען האבען זיך בעוויזען טרערען.

„דוא וויינסט, סערזש?" האט זיא געפרעגט.

„יא, איך וויין, ווייל מיין הארץ איז איבערפילט מיט גליק."

„מיר אויך," האט זיא געזאגט שמייכלענדיג, וועהרענד איהרע אויגען זיינען נאס געוואָרען.

זייא האבען געשוויגען און זיך געקוקט שמייכלענדיג אין די גע־זיכטער.

סערזש האט אויסגעשטרעקט זיינע צווייא גרויסע ארעמס און ארום גענומען אלבינען. ער האט זיא פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זיא האט נים גע־שטרעבט דאגעגען.

„אך!" האט ער געמורמעלט, „אלבין! מיין אלבין! קענסטו מיך אימער ליעבען?"

איהרע שעהנע אויגען האבען געפּיתקעלט מיט פערגניגען; איהרע ליפּען האבען זיך געעפענט אין א זיסען שמייכעל און פון צווישען איהרע ווייסע צייהן האט זיא געמורמעלט:

„אימער, אימער, סערוש!“

„ביז וויא לאנג?“

„ביז וויא לאנג דוא וועסט וועלען.“

„ביז אין טויט?“

„יא, ביז אין טויט!“

ער האט זיא אָנגענומען און ארויף געצויגען צו זיך אויף זיין שויס. ער האט אויסגעזעהען זיא צו וועלען אריין דריקען אין זיין הארץ און אין זיין ברוסט.

אלבין האט געשמייכעלט.

„ליעבסטו מיך ווירקליך אזוי שטארק, סערוש?“ האט זיא געפרעגט.

„מיין ליעבע, אלבין, איז שטארקער פון דעם טויט און מעכטינער וויא גראַנאַט־שטיין. איך ליעב דיך, וויא קיין מאן האט נאך אמאל געליעבט א פּריינצעסין.“

„און דוא וועסט זיין מיינער?“

„יא.“

„אויף דאס גאנצע לעבען?“

„יא.“

„מיין ליעבער סערוש, וואלט עס ניט גוט געוועזען מיר זאלען יעטצט ביידע דאָ שטארבען אין פאלקאָמענעם גליק?“

„ניין, ניין, אלבין! ועד ניט דערפון,“ האט ער אויסגערופען ציטערענדיג, „מיר מוזען לעבען און געניעסען פון דעם לעבען. אך, אלבין! וויא שעהן דאס לעבען איז און וויא גליקליך בין איך וואס דוא ליעבסט מיך! אך, אלבין, וואס קען איך טהון פאר דיר דיך גליקליך צו מאכען?“

„בלויז איין זאך.“

„און דאס איז?“

„מיך צו ליעבען!“

ער האט זיא געקושט מיט זיינע ברענענדע און פערטריקענטע ליפּען אויף איהר האלז און געזיכט. זיא האט איהם געגלעט אויף זיין באַק.

ביידע האבען שוין געשוויגען.

פלוצלינג האט אלבין גענעבען א לייכטען ציטער.

עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זיא האט עמפפונדען אזא געפיהל. איהר יאקע האט זיך געעפענט און איהר פולע יונגענדליכע און פעסטע ברוסט האט זיך ארויס געוויזען. פערזש האט געלייגט זיין האנד דארויף.

ווען ער האט בעמערקט איהר ציטער, האט ער געפרעגט:

„האב איך דיר וואס געטהאן?"

„ניין, ניין," האט זיא ארויס געשטאמעלט, בעהאלטענדיג איהר געזיכט אויף זיין ברוסט.

ער האט ווידער צוגעלייגט זיין האנד אויף איהר נאקעטעס לייב און זיא האט שווער געאטהעמט.

„אך!" האט זיא געמורמעלט מיט דעם געזיכט צו זיין ברוסט, „איך בין אזוי גליקליך, אזוי גליקליך!"

ער האט ניט געענטפערט.

„און דאן?" האט זיא געפרעגט.

„מיין גליק בעדויבט פון מיר דיא שפראכע."

20.

פערזש האט געקענט אלבינען פאר א רוהיגע און צערטליכע געליעבטע. ער האט זיא קיינמאל ניט געזעהען ווילד און אויפגערעגט. זיא איז אימער געווען דיא שעהנע צערטליכקייט.

פלוצלינג אָבער האט זיא איהם ארום געכאפט מיט ביידע ארעמס און אזוי שטארק צוגעדריקט צו זיך, אז ער האט זיך געוואונדערט איבער איהר אונער-ווארטעטע קראפט.

איהרע ברענענדע ליפען און ווארעמער הויך האט געוואונדערט נעבען זיי-טיל, און נאר צייטענווייז האט זיא געמורמעלט:

„פערזש, פערזש! לאָמיר שטארבען, דאָ, ביידע צוזאמען, ווייל אונזער גליק איז דאס פאָלקאָמענסטע."

דאן האט דיא נאטור גענומען איהר אייגענעם וועג.

אנפאנגס איז אלבין געווען בערוישט, דאן איבעררעשט און צום שלוס האט זיא אָבגעווענדעט איהר געזיכט פון איהם.

„אָך, מיין גוטע אַלבין!“ האָט ער געמורמעלט, „ביסטו בייז אויף מיר?“

קיין ענטפער.

„ביסטו אונגליקליך?“

ביי דיזער פראַגע האָט זיא זיך אומגעווענדעט צו איהם און געענטפערט מיט טרערען אין איהרע אויגען:

„אונגליקליך! אָה ניין, איך בין גליקליך — אַזוי גליקליך, אַז איך וויל שטאַרבען...“

ער האָט זיא ווידער גענומען אויף זיין שויס און זיא געהאַלזט און גע־קושט.

זיא האָט ניט געשטרעבט, ניט געקעמפפט, זאָנדערן זיך נאָכגעגעבען צו זיין ווילען אין ליעבע, טרייהייט און פערטרויען.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען זייא זיינען אַרויס פון דעם בע־צויבערטען פּלאַטץ.

„און וואו געהען מיר יעטצט?“ האָט ער געפרעגט.

„איך ווייס ניט,“ האָט זיא געזאָגט לאַכענדיג.

„ניט אהיים.“

„אויב מיר וועלען טרעפען.

„ווייסטו נאָר ניט דעם וועג אהיים?“

„פיעללייכט ניט.“

„דאַן, וואָס וועלען מיר טהון?“

„דאָ בלייבען.“

זיא האָט געלאַכט און ווייטער בעמערקט:

„ביסטו ניט צופריעדען דאָ צו בלייבען מיט מיר? דאָ, אויף אימער און אייביג?“

ער האָט זיא אַרום געכאַפּט, געקושט און געענטפערט.

„יא, יא, אַלבין, איך בין צופריעדען דאָ צו בלייבען מיט דיר אויף אימער און אייביג!“

„אויב אַזוי,“ האָט זיא געזאָגט לאַכענדיג, „דאַן געהען מיר אהיים, איך ווייס דעם וועג.“

וואָס מעהר זייא האָבען זיך דערווייטערט פון יענעם אָרט, אַלץ שטיל־

שווייגענדער זיינען זייא נעוואָרען, ביז זייא זיינען געגאַנגען איינער :עבען אַנאַנדער, אָהנע צו רעדען א וואָרט.

ווען זייא האבען גענרייכט דעם פּלאַטץ פון דיא פּרוכטען, האבען זייא זיך ד׳ערמאָהנט, אַז זייא זיינען ווידער הונגריג, און זייא האבען געגעסען.

נאכדעם האבען זייא פאָרטגעזעטצט זייער שפּאציר, און בייא זונען־אונטער־גאנג, האבען זייא גענרייכט צום אַלטען פּאַלאַסט.

„וואוהין געהסטו יעטצט?“ האט סערזש געפרעגט אונטערברעכענדיג דיא שטילקייט.

„אין מיין צימער.“

„שוין?“

„וואס דען זאָל איך וואַרטען?“

„ביסטו מיעד?“

„יא.“

„דאַן געה רוהען,“ האט ער געזאגט.

דיא האבען זיךביידע אומארמט און אָבגעפּרעסט א לאַנגען ליעבענדען קוש אויף זייערע ליפּען.

21.

אויף׳ן אנדערן מאָרגען איז סערזש ווידער געשטאַנען ביים פענסטער און ערוואַרטעט אַלבינען. זיא איז שוין אָבער ניט געקומען אַזוי פריה.

ער איז געוואָרען אונגעדולדיג און איז אריין אין איהר צימער. זיא איז דאָרט ניט געוועזן.

דאס האט איהם זעהר בעזאָרגט. זיינע געדאַנקען זיינען אָבער אונטערבראָכען געוואָרען, ווען ער האט פּלוצלינג דערהערט איהר מונטערן און גליקליכען געלעכטער.

ער האט זיך אומגעווענדעט און ערבליקט אַלבינען מיט צווייא בינטלעך אין דיא הענד.

„וואס האסטו דאָרט?“ האט ער געפרעגט.

„עסען.“

„ווירקליך?“

„וואס דען מיינסטו. מען קען עפּעס יעדען טאָג נאָר עסען פרוכטען?“

ער האט זיא ווידער געקושט.

אלבין האט אוועק געשטעלט דיא בינטלעך. זיא איז געווארען ערנסט און געפרעגט:

„ליעבסטו מיך נאך אימער, סערזש ?“

„יא, מיין אלבין.“

„איך ליעב דיך אויך,“ האט זיא געמורמעלט גאנץ אומשולדיג.

וויא שעהן און וויא הערליך דיעזעס נאטור־קינד איז געווען אין דעם מאנטעל פון זונען־שטראהלען! אויף איהר געזיכט האט געשוועבט מונטערקייט און גליק און אויף איהרע ליפען האט זיך אבגעשפיעגעלט אזוי פיעל ליעבע, דאס סערזש האט געשפירט דאס בלוט לויפענדיג אין זיין געזיכט.

„לאמיר געהען!“ האט זיא געזאגט ווידער אויפהייבענדיג דיא בינטלעך, „דא האב איך געטריקענטעס הירשען־פלייש, בראטען פון האזען־פלייש, געקאכטע זויער עפעל און צוויא פלאשען וויין. מיין אנקעל האט מיך אנגעזידעלט און געזאגט, אז פון אזוי פיעל עסען וועלען מיר ביידע פלאטצען....“

זיא האט ווידער געלאכט.

סערזש האט זיא ניט געוואלט לאזען טראגען דיא בינטלעך און ער האט איבערגענומען דיא ארבייט.

זיא איז געלאפען פאראויס און געטאנצט וויא א יונג ציגעלע, דאן האט זיא אנגעפאנגען צו זינגען.

וויא שעהן מעלאדיש איהר שטימע האט געקלונגען!

סערזש האט געהערט פאלגענדע ווערטער:

„שטיל ליעבט דיא טויב
„איהר גאלד־האלזיגען מאן;
„זיא מורמעלט ליעבע און גענוס,
„צו איהר גאלד־האלזיגען מאן.
„דיא בלומען אטהמען פארפום,
„דיא פייגעלעך זינגען שעהן;
„דיא וואכטעל רופט דעם געליעבטען
„און דיא נאכטיגאל איהר מאן.
„פון וואלד און טייבעל צוזאמען,
„קלינגט דיא שטימע פון ליעבע;

„אלעס לעבט און לאכט,
„ליעבע, ליעבע, נאַר ליעבע!
„און פון צווייגעלע דאָרט,
„ווײנט דער גאָלדענער פויגעל;
„ער ווײנט און קלאָגט יעמערליך,
„ווייל זיין געליעבטע האט איהם פערלאָרן.
„נאָר די טויב בלייבט טרייא,
„צו איהר גאָלד־האָלזיגען מאַן;
„די ברומט און מורמעלט אימער,
„ליעבע, ליעבע, נאַר ליעבע!
„אָהן ליעבע איז אלעס פינסטער,
„אָהן ליעבע איז אלעס טרויעריג.
„די וועלט אָהן ליעבע איז א קבר,
„דאס הארץ אָהן ליעבע איז טויט."

איהר שטימע האט זיך צוגאָסען זיסער און טיעפער ווי די קלענגע פון א שוואלב וואס האט אָבגעגעבען קאָנצערט אויף א גרינער צווייג. און איהר שטימע א געלענען אזוי פיעל געפיהל און לעבען, אז סערזש'עס אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען.

זיך אומקוקענדיג האט זי איהם געזעהען ווײנען.

„וואס איז דאס, סערזש?" האט זי געפרעגט.

„אך, אלבין!" האט ער געענטפערט, „איך וויין פאר פרייד און גליק."

זי האט ליעבליך געשמייכעלט.

אלבין האט מעהר נים געזונגען און זייא זיינען געגאַנגען ווייטער.

ווען זייא האבען געגרייכט דעם פלאַטץ פון די פרוכטען, האבען זייא בלויז אָבגעריסען עטליכע, אָבער זייא האבען נים געגעסען. זייא האבען בלויז מיטגענומען די פרוכטען.

אָנקומענדיג צו דעם אומרינגעלטען פלאַטץ פון די געדיכטע בוימער, האבען זייא ענטדעקט דיעזעלבע עפנונג וואס זייא האבען געמאַכט מיט א טאָג צוריק און זייא זיינען ביידע אריין געקראָכען.

דערזעלבער ערנסט האט זי בעפאַלען ווי צום ערשטען מאל, און בליקענדיג אויף דער הייליגער שטילקייט, האבען זייא ביידע אָנגעהויבען צו וויינען.

זיא זיינען געזעסען שטילשווייגענד היבשע עטליכע מינוט, און אלבין האט זיך אויפגעהויבען און ערקלערט, אז זיא איז הונגריג.

„דאן וועלען מיר עסען,“ האט סערוש געענטפערט עפענענדיג דיא ביכטלעך.

ביידע האבען געגעסען און אויסגעטרונקען דעם גאנצען וויין.

דאס עסען, דער וויין און דיא שטיקייט, האט געווירקט ווי א זיסער טרוים אויף סערוש'ן און ליעגענדיג אויסגעשטרעקט אויף'ן גראז, איז ער איינגעשלאפען.

22.

אלבין האט געבליקט אויף זיין געזיכט מיט דיא גרעסטע ליעבעס־געפיהלע, און ווען זיא האט פערשטאנען, אז ער שלאפט שוין, האט זיא אבגעפרעסט א קוש אויף זיין שטערן, זיך אויפגעהויבען און איז אוועק בעטראכטען דיא געגענד.

מעהר פון אלעם האט צוגעצויגען איהר אויפמערקזאמקייט דיא מארמארענע פיגור. עס איז געווען דיא אבבילדונג פון א וואונדער־שעהנער פרוי.

דאן האט זיא ערבליקט דיא שעהנסטע בלומען וואס זיא האט נאך געזעהען אין איהר לעבען. זיא האט אנגעפאנגען אויסצורייסען דיא שעהנסטע פון זייא און אויסגעפלאכטען מעהרערע קראנצען. זיא האט זיך געציערט דעם קאפ, דעם האלז, דיא ברוסט און דיא הענד. דאן איז זיא אויפגעשטאנען און איז צוגעגאנגען צום וואסער, וואו זיא האט זיך אנגעשפיעגעלט.

איהר שעהנעס געזיכט האט זיך ארויס געזעהען פון צווישען דיא אלערלייא קאלירטע בלומען און זיא האט געשמייכעלט צו זיך אליין.

זיא האט דאן צוזאמענגענומען מעהרערע אנדערע בלומען אין איהר שירצע און איז צוגעגאנגען צו סערוש'ן. ער איז נאך אימער געשלאפען. זיא האט זיך געמערקט וויא ער שמייכעלט פון שלאף. זיא איז דאן צוגעגאנגען נעהנטער און ארויפגעווארפען אלע בלומען פון דער שירצע אויף זיין געזיכט.

ער האט ערוואכט.

זיך אומקוקענדיג, האט ער בעמערקט אלבינען.

איהר ערשיינען האט אויסגעזעהען, האט ביי איהם ארויס גערופען וויא דיא ערווידקליכונג פון א זיסען טרוים.

„אך! מיין שעהנע אלבין!“ האט ער אויסגערופען זיא אנכאפענדיג בייא ביידע פיס און ארויף ווארפענדיג אויף זיין קערפער.

„דוא שעהנער און פוילער סערזש!“ האט זיא געשריען איהם קושענדיג. „דוא קומסט נאר אהער שלאפען? דא, וואו דאס גליק איז אין דער פאלקא־מענהיים!“

זיא האט געציטערט פאר צערטליכקייט אין זיינער אומארמונג.

אויב דיא מעשה אין דער ביבעל, פון אדם מיט חוה׳ן, איז וואהר, דאן האבען דיעזע צוויא ערשטע מענשען־קינדער, אין יענעם שעהנעם גן־עדן, ניט געקענט געניעסען מעהר גליק און זענגען פון זייער ליעבע, וויא סערזש און אלבין.

זיא האט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע, זיך צוגעטולעט צו איהם וויא א שוטצלאזעס קינד צו דער ברוסט פון זיין שטארקען פאטער.

זיא האט איהם ניט ווידערשפראכען, ווייל זיין פערגניגען און זיין גליק, איז אויך געוועזען איהרעס.

וויא פון א גוטען און געזונדען וויין, וואס מען טרינקט צום פאלשטענדיגען גענוס, אזוי זיינען זייא אויך געבליעבען ליעגען אין א זיסער פערמאטערונג, און ארעם אין ארעם, ברוסט צו ברוסט, און ליפען צו ליפען, זיינען זייא איינגע־שלאפען.

ווען זייא האבען ערוואכט, איז שוין געוועזען פינסטער.

„שלאפסט נאך, סערזש?“ האט זיא געמורמעלט.

„ניין.“

„ווילסטו געהען אהיים?“

„איך וויים ניט.“

„ווילסטו דא בלייבען?“

„יא, דא, וואו מיר זיינען דערוויטערט פון דער שטירמישער וועלט און פער־ברענגען אין שטילען גליק.“

זייא האבען זיך וויטער געליעבט.

ענדליך, ווען דיא לבנה איז אויפגעגאנגען און צוגאסען איהרע זילבערנע שטראהלען איבער דער שטילער געגענד, זיינען זייא אויפגעשטאנען און ארויס קריכענדיג פון צווישען דיא בוימער, זיינען זייא געגאנגען ארעם־אין־ארעם, וויטער, און גראדע וויא זייא וואלטען מורא געהאט זיך אבצוטהיילען פון אנאנדער, האבען זייא שפאצירט אין א זיסעם שטילשווייגען.

ווען זייא זיינען אַבגעגאַנגען א היבשע שטרעקע, האָבען זייא פּלוצלינג ביידע אויפגעציטערט.

קיינער פון זייא האָט געוואָלט צו פרעגען וואָס דאָס בעדייטעט. ביידע האָבען אָבער געוואוסט, אַז יעמאַנד אָדער עפּעס האָט זיך בעוועגט ניט ווייט פון זייא.

זייא האָבען אויפגעהויבען דיא אויגען און געקוקט.

דער פּאַרקען, וועלכער האָט אַרום געריננעלט דעם גאַרטען, איז געווען טהייל־ווייז איינגעבראָכען.

„יעמאַנד האָט זיך אריינגעגנב'עט אַהער,“ האָט זיא געזאָגט.

ער האָט געציטערט.

„יעמאַנד וואָס וויל שטערען אונזער שטילעס גליק,“ האָט זיא פאָרטגעזעטצט זיך צושטידענדיג פעסטער צו זיין קערפּער.

דאַן האָבען זיך געהערט דיא גלאָקען פון א קירכע קלינגען. סערזש האָט ביי יעדען קלאַנג שטאַרקער אויפגעציטערט.

„אַך, געליעבטער,“ האָט זיא געמורמעלט, „דוא ציטערסט, יאָ, דוא ציטערסט!“

ער האָט ניט געענטפערט.

פּלוצלינג איז דיא שטילע לופט איבערגעריסען געוואָרען פון א דיקער און אונפריינדליכער שטימע:

„פּאַטער מורעט! נאָמ'ס אויג איז איבעראַל! ער קוקט און זעהט אומעטום! אפילו אונטער דער ערד געפינט ער דעם זינדער! אפילו אין תהום פון דעם ים ענטדעקט ער דעם וואָס האָט געשוואוירען פאַלש!“

עס איז געווען ברודער ארשאַנזשיאַס'עס שטימע.

א קאַלטער שווייס איז אַרויס אויף סערזש'עס קערפּער און ער האָט זיך אַביסעל אונהעפליך בעפרייעט פון אַלבין'ס אומאַרמונג.

„ביסטו בייז, סערזש?“ האָט זיא געפרעגט שטאַמלענדיג.

„ניין, ניין,“ האָט ער שנעל געענטפערט, און זיך אָבווענדענדיג איז ער אַוועק פאָראויס.

אַלבין איז איהם נאָכגעגאַנגען. צוקומענדיג צום אַלטען פּאַלאַסט, האָט ער געוואונשען אַלבינען א שנעלע „גוטע נאַכט“, און איז אריין אין זיין צימער.

23.

עס זיינען פערהאנדען מענשען וואס זיינען געבוירען רעליגיעז. מיר וועלען זיך בעסער אויסדריקען אום מען זאָל אונז פערשטעהען. יעדער מענש האט א געוויסע אנציהונג צו עפּעס; דיא אנציהונג דריקט זיך אָפּט אויס צו דיא אומגעבונגען מיט וועלכע ער איז געוואָהנט. איינער בעהויפּטעט, אז ער האט ליעב דיעזע אָדער יענע זאך אָדער מנהג, ווייל דאס מאַכט איהם פערגניגען.

פיעלע מענשען, זאָגאר גרויסע און ריינע דענקער, וועלען אייך זאָגען: „איך ליעב דיא רעליגיאָן אין וועלכער איך בין ערצויגען געוואָרען; איך ליעב איהרע מנהגים, צערעמאָניען און איינפיהרונגען, ניט דערפאר ווייל דאס איז א נוטצע און נימצליכע זאך, זאָנדערן, ווייל דאס מאַכט מיר פערגניגען."

דיעזע זיינען דענקענדע מענשען מיט רעליגיעזע נייגונגען. אנדערע ווידער זיינען אזוי בעגייסטערט מיט זייער רעליגיאָן, אזוי איבערגעגעבען צו אלעס אין דעם גלויבען, דאס זייא בעטראַכטען יעדע איינצעלהייט פאר א וואהרהייט, פיר וועלכע מען מוז און מען דארף זיך אָפּפערן. דיעזע זיינען רעליגיעזע מענשען אָהן דענקענדע אנזיכטען.

אונטער דיעזעלבע מענשען וועט איהר טרעפען פיעלע, וואס ערלויבען זיך צו בעגעהען דיא גרעסטע פערברעכענס געגען זייער רעליגיאָן, בלויז דערפאר ווייל זייא זיינען ניט שטארק געגוג גובר צו זיין זייער נאטור. אָבער ווען איז דיעזען ניט-דענקענדען רעליגיעזען, ווען ער ערוואכט פלוצלינג צום בעוואוסטזיין פון זיינע פליכטען. ער ווערט דאמאלס וויטהענד אויף זיך זעלבסט און איז אימשטאנדע זיך צו בעשטראפען מיט דיא גרעסטע ענוים קשים פאר זיין זאָגענאנטעס פערברעכען. מוטער, פאטער, שוועסטער, ברודער, פרוי און קינד — אלעס, אלעס פערשווינדעט פון זיין הארצען און ער לעבט נאָר אין קוואל און שמערץ פון זיין פער-ברעכען.

דאסזעלבע איז געוועזען מיט דעם גייסטליכען מורעט.

ווען ער האט זיך צוריק געצויגען אין זיין צימער, האט זיך איהם געדאַכט, אז ער הערט דיא גלאָקען קלינגען. דיא גלאָקען פון דער קירכע וואס וועקען אויף דאס קריסטליכע הארץ צו דענקען איבער דיא פליכטען צו גאָט און צו דער קירכע.

דאן האבען זיך דייטליך ווידערהאָלט אין זיין קאָפּ ברודער ארשאנזשיש וועךטער.

מורעט איז צוריק נעזונקען אין זיין שטוהל ענטקרעפטעט.

ער האט פאר זיך ערבליקט דיא גאנצע פערגאנגענהייט אויפשטייגען מיט א שרעקליכער דייטליכקייט. ער האט זיך געזעהען יונג, אונשולדיג און פרום, וויא אזוי זיין מוטער אָפּפערט איהם צו גאָט, און שיקט איהם אוועק שטודירען דיא רעליגיאָן, אום ער זאָל קענען פערבלייבען אין נעט·יבען דיענסט זיין גאנצעס לעבען.

דאן האט ער זיך עראינערט אן דיא ביאָגראפיען פון מעהרערע חייליגע, וויא אזוי דער שטן האט זייא געשטעלט אויף דער פראָבע, און וויא, סוף־כל־סוף, האבען זייא דיא פראָבע איבערגעשטאנען און בעזיעגט זייערע זינדיגע תאוות.

א לאנגע צייט האט ער איבער אלעמען נאכגעדענקט און איבערגעטראכט, און עס האט איהם אויסגעזעהען, וויא איין ערוואכונג פון א זיסען טרוים צו א טרויעריגער ווירקליכקייט.

אָבער דער טרוים, דער זיסער טרוים, איז ער געווען זיכער, איז געווען פול זינד און פערברעכען, און זיין הארץ האט איהם שווער געקלאפּט.

„אך !“ האט ער אויסגעשריען וויא א שטערבענדער, „איך האב קיין כח נים געהאט צו ווידערשטעהען דעם שטן — ער האט מיך בעזיעגט און גער פאנגען....“

יעדעס נאטירליכע מענשליכע געפיהל האט אָנגעפאנגען צו פערשווינדען, און אנשטאט דעם האט דיא רעליגיאָן, מיט איהר קאלטע אונבארמהערציגקייט, אויס־געשפרייט איהרע שווארצע פליגלען און איהם צוגעדריקט אלס פעסטער צו איהר אייזיגע ברוסט.

מורעט האט געשפירט גראדע וויא ער האט אמאל געפיהלט, דאָרט אין דער קירכע, אז ער ווערט שיער דערשטיקט. פערצווייפלונג און פינסטערע געדאנקען האבען איהם ארום געריננעלט פון אלע זייטען, און ער האט זיך פאָרגעשטעלט וויא א שד מיט א לאנגען עק, צוויא גרויסע הערנער אויף'ן קאָפּ, מיט איין אייזערנע גרעבלע, קומט און פּאקט זיין אָרימע נשמה. דיא נשמה ווערט געטראָגען וועיט, וועיט, און פון איבעראל הערט זיך דאס שפּאָטישע געלעכטער פון דיא שדים.

דאן בלייבט שטעהען דער שד פאר דעם שטוהל פון זיין סאטייגישער מאַר־טעטט. דער שטן, איינגעהיעלט אין א רויטען מאנטעל, שטייבעלט פערגניגען

צו זיין פאַרימער נשמה, גראַדע וויא איין אפריקאַנישער מענשען־פרעסער׳שער קעניג, שמייכעלט ווען ער זעהט פאַר זיך א מענשען, וואס מען האט געבראַכט איהם צו קוילען אויף א סעודה.

דער שטן האט געגעבען א מאַך מיט דער האַנד און א גאַנצע באַנדע שדים זיינען ארויס און איהם געפּאַקט.

פון וויימען האט זיך דערזעהן א שרעקליכעס פייער און פון אלע זייטען, האט זיך איהם געדאַכט, אז ער זעהט טאַנצען אלבין׳ס געזיכט. דאַן האט מען איהם אריינגעשליידערט אין פייער, און...

מורעט האט א העלפט פון זיין בעזינונג פערלוירען. ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער געפיהלט וויא ער שווימט אין א קאַלטען שוויים. אָבער ער האט אתמערדעסען לייכטער אויפגעאַטהעמט.

ניין, ניין, אין גאַנצען פערלוירען איז ער ניט; דיא רעליגיאָן איז א באַלזאַם און גאָט איז באַרמהערציג. דער זינדער, כל־זמן ער לעבט, קען ער פעררעכטען זיינע פעהלער, בעסערן זיינע וועגען, און... דער זינדער וואס איז איין אמת׳ער בעל־תשובה, איז נאַך חשוב׳ער בייא גאָט וויא דער פרומער וואס האט קיינמאל ניט געזינדיגט.

יא, ער האט געבראָכען דיא שבועה! ער האט געשוואוירען צו אָפּפערן זיין בחור׳שאַפט צו גאָט, און ער האט קיין וואָרט געהאַלטען. פאַר אזא פערברעכען קען מען אמאל פערפאַלען ווערען אין גיהנום.

אָבער גאָט איז גוט און באַרמהערציג. דיא טויערן פון תשובה, שטעהן אימער אָפען, און מען דאַרף זיך נאַר אהין ווענדען, און יעדען׳ס בקשה ווערט דער־הערט.

שוין לאַנג זייט מורעט האט ניט דערמאָהנט גאָט׳ס נאָמען.

ער האט ניעדערגעקניעט, אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל, און גע־מורמעלט:

„גאָט, אין נאָמען פון דיין זוהן יעזוס קריסטוס, וועלכער האט געליטען אויף׳ן קרייץ פאַר אלע זינדיגע מענשען, בעט איך אום פערצייהונג. און דוא, מאַריא, מוטער פון שמערצען, מוטער פון אלע ליידען; דוא הייליגסטע, ריינסטע, פרומסטע און געטליכע — זייא דוא מיין מליץ יושר און בעט פאַר מיר... איך בין בערייט, פון היינט אָן און ווייטער, ארויס צו רייסען מיין הארץ פון מיין ברוסט, מקריב זיין מיין בלוט צו גאָט, און אויסווירקען מיין פערצייהונג...“

24.

ווען אלבין איז ארונטער גאנץ פריה אין סערזש'עס צימער, האט זיא איהר געליעבטען מעהר דאָרט ניט געפונען, זיין בעט איז געוועזען אונבעריהרט.

איינינע אויגענבליקען איז זיא געשטאנען אין טיעפען נאכדענקען, אָבער ענדליך האט זיא זיך אליין אויסגעלאכט פון איהר נאַרישער מורא, און זיא איז ארויס אין גארטען.

„ער מוז ערגיץ־וואו זיין דאָ צווישען דיא בוימער. דיא נאכט איז געוועזען שטיקענד, און ער האט געוויס געשלאָפען אויף'ן קיהלען גראָז,“ האט זיא גע־טראכט.

דאַן האט זיא געזוכט און געשריען:

„סערזש! סערזש! וואו ביסטו?“

דיא שטימע האט איבערהילכט אין גרויסען גארטען און פון ווייטען האט צוריק געקלינגען א ווידער־קול, אָבער סערזש האט ניט געענטפערט. דאַן האט אלבין געזוכט, איבעראל, וואו זיא האט נאָר געקענט דענקען, אז סערזש קען זיין, אָבער זיא האט איהם אויף קיין פלאטץ ענטדעקט.

מיט צוויי שטונדען פריהער, איידער אלבין איז ארויס זוכען איהר גע־ליעבטען, איז דער גייסטליכער מורעט אויפגעשטאנען פון דער ערד. זיינע קניען האבען איהם זעהר געשמערצט דערפון וואס ער האט לאנג געקניעט, דאַן האט ער ארויס געבליקט אין דרויסען, אָבער אלעס איז געוועזען דונקעל און שטיל.

דאָך, ווארום האט ער פריהער געהערט א שטימע? האט דאס איהם גע־נארט זיין איינבילדונג, זיין פאנטאזיע, אָדער האט איהם גערופען גאָט'ס שליח וואס האט פערלאנגט פון איהם רעבענשאפט?

יעדענפאלס האט ער, געציטערט.

דאַן האט ער אָנגעשטרענגט זיינע אויערן אום בעסער צו הערען. עס זיינען פאָראיבער עטליכע מינוטען, און ענדליך האט ער דייטליך געהערט רופען זיין נאמען.

א פויזע האט נאך אמאל איינגעטרעטען. שפעטער האט ער געהערט:

„פאטער מורעט! פאטער מורעט! איך רוף אייך!“

וועמעס איז געוועזען דיא שטימע? אָבער יא, ער האט זיא געגוי דער־קענט.

עס איז געווען ברודער ארשאנזשיאס שטימע.

„פאטער מורעט!“ האט דיא שטימע ווידערהאָלט, „אויב איהר הערט מיך, ענטפערט מיר!“

„יא, יא,“ האט ער ארויס געשטאמעלט מיט א הייזעריגער שטימע, „איך הער און איך גנעה!“

וויא א בעזויפענער, אזוי האט ער אָנגעטאפּט זיין וועג אין דער פינסטער, ביז ער האט געגרייכט דיא טהיר. דאן האט ער געעפענט און אָנגעפאנגען ארונטער צו שטייגען דיא טרעפּען.

„זיים איהר דאס פאטער מורעט?“ האט ארשאנזשיאס געפרעגט.

„יא, יא,“ האט מורעט געברומט.

„דאנקען גאָט! דאנקען גאָט!“ האט דער אלטער פאנאטיקער אויסגערופען.

ווען מורעט איז ארונטער געקומען, איז ער געפאלען ארשאנזשיאס'ן אויף'ן האלז און ביטער געוויינט.

„אך, מיין ברודער,“ האט ער געיאמערט, „איך האב מעהר ניט ווערטה איהר זאלט מיך האלטען נעבען זיך. איך בין זינדיג, זינדיג...“

ארשאנזשיאס האט איהם געגלעט אויף דער פלייצע בערוהיגענד און געמורמעלט:

„שא, שא, מיין ליעבער פאטער מורעט! איך פערשטעה אלעס — איך פערשטעה. דיא מכשפה דאָרט האט אייך פערצויבערט און איהר... וועה איז מיר... אָבער נאָר רוהיג, גאָט איז בארמהערציג, גנעדיג, גוט, פערצייהענד און ער וועט אייך מוחל זיין אויף אייערע זינד... נו, הערט שוין אויף צו וויינען... אָדער, ווען איהר ווילט יא וויינען, דאן קומט אוועק פון דאנען; דאָ איז סדום ועמורה, — קומט אהין, אין דער הייליגער קירכע, פאר דיא הייליגע בילדער, דאָרט איז אייער פּלאטץ, נים דאָ אין זינד...“

מיט דיעזע רייד האט ער איהם אָנגעפאנגען צו פיהרען און מורעט איז נאָכגעגאנגען, אָהנע ער זאָל וויסען וואוהין ער געהט.

„זעהט איהר, פאטער מורעט,“ האט ער געמורמעלט אלס ערקלערונג, „וואָבענלאנג האב איך אייך שוין געזוכט, ביז גאָט האט מיר געוויעזען א וועג דורך א פערוואקסענעם לאָך אין פּארקען. דרייא טעג האב איך דערבייא געארבייט, און ענדליך האב איך דורכגעבראָכען א וועג. קלאָגט ניט, גאָט איז גוט און בארמהערציג, ער האט געפונען אין מיר אייער מלאך־מושיע, און יעטצט איז אייער

זינדיגע נשמה געראטעוועט. מיט אייערע תפילות און תענתים, וועט איהר אָב־וואשען דיא שרעקליכע עבירות, און... זעהט איהר, א גאנצע נאכט האב איך דאָ געוואכט, און גאָט האט מיר געגעבען כח דורכצופיהרען דיא הייליגע שליחות..."

זייא האבען דערווייל געגרייכט ביז צו דער עפנונג אין פארקען, און מורעט איז געבליעבען שטעהען.

עפעס האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט אלבין'ס מעלאָדישע שטימע רופען: סערוזש! סערוזש!" דיא געדאנקען האבען זיך געוועקסעלט און ער האט זיך געוואָלט אויסרייסען.

אָבער ברודער ארשאנזשיאס איז געווען א שטארקער מענש און ער האט איהם פעסט געהאלטען.

„עס איז דיא קליפה," האט דער ברודער געברומט, „דיא קליפה וואס שלעפט דיך צוריק. אָבער דוא ביסט שוין ארויס פון דער טומאה, יעטצט מוז קומען דיא קדושה."

א קיהלער מאָרגען־ווינטעלע האט געבלאָזען און מיט זיך געטראגען דעם פארפום פון דיא רויזען. נאָר פאטער מורעט האט שוין מעהר ניט געפיהלט און געהערט.

25.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, איז ער אריין אין הויף פון דער קירכע. לאָ טעט און דערזירעע זיינען איהם ענטקעגען געלאָפען און געקושט.

ער האט בלויז געזיפצט. דאַן האט ער געזאגט:

„יעטצט, מיינע ליעבע, לאָזט מיך פריהער ארייננעהען אין קירכע און נאָך בעטען און דאנקען פאר זיינע חסדים וואס ער האט מיט מיר געטהאָן."

מיט עטליכע סעקונדען שפעטער, איז ער געלעגען פאר דעם בילד פון דער הייליגער מוטער מאריא, גראדע אויף דעמזעלבען פלאטץ וואו מיט עטליכע מאָנאט פריהער, און געבעטען גאָט זאָל איהם פערצייהען פאר דעם פערברעכען וואס ער האט בעגאנגען.

זיינע אויגען האבען גענאָסען מיט טרערען, זיינע ליפען האבען זיך בעוואויגט, זיין האַרץ האט שווער געקלאפט, ביז ער איז ענדליך אומגעפאלען אויף דיא קאַלטע ברעטער ענטקרעפטעט.

ווען לא טעס און דעזירעע זיינען איהם געקומען ארויס נעהמען, האבען זייא געמיינט, אז ער האט ווידער דיזעלבע קראנקהייט וויא אמאל און זייא האבען זיך זעהר דערשראָקען.

אָבער פאטער מורעט האט געשמייכעלט און געמורמעלט:

„מיר איז גאר נים, מיינע ליעבע, העלפט מיר נאָר אריינגעהען אין מיין צימער, וואו איך זאָל קענען אביסעל רוהען.“

זייא האבען איהם אריינגעבראכט אין צימער, און לא טעס האט זיך אוועק געשטעלט נעבען איהם, שאָקלענדיג מיט איהר קאָפּ, און מורמלענדיג:

„אזוי איז עס ווען נאָך וויל חוזק מאכען פון א מענשען. גאָט איז גוט און בארמהערציג, אָבער נאָר צו זיינע אמת'ע דיענער. וועה צו דיעזע, וואס טרעטען אריבער זיינע הייליגע געבאָטע!“

„טהוט דיר עפּעס וועה, סערזש?“ האט דעזירעע געפרעגט צערטליך.

„וועה, מיר? אָה ניין!“

„יא, יא, סערזש,“ האט דעזירעע געדרונגען, „איך וועל לאָזען רופען דעם אָנקל פּאסקאל, און ער וועט דיר העלפען.“

„ניין, מיין קינד. אָנקעל פּאסקאל איז נים קיין מומחה צו מיין קראנקהייט. דערצו איז גאָט אליין דער רופא און דער שליח צוזאמען. מיינע אייגענע טרערען, מיין ביטערע חרטה און מיינע זעעלען־שמערצען, וועלען זיין דער באלזאם צו מיין קראנקער נשמה...“

מורעט האט ביטער געוויינט און געבעטען לא טעס'ן, זייא זאָלען איהם לאָזען אליין.

וועהרענד מורעט איז געלעגען אויף זיין בעט און נים אויפגעהערט צו בעטען גאָט זאָל איהם פערצייהען אויף זיינע זינד, האט ברודער ארשאנזשיאס געפיהרט פאלגענדעס געשפּרעך מיט לא טעס'ן.

„אזוי, אזוי,“ איהר האט איהם ענדליך געפונען?“ האט זיא געפרעגט.

„געפונען! און נאך וויא געפונען!“

„טאקי אין לע פּאראדו?“

„אקוראט דאָרט!“

„און וויא קומט ער אהין?“

„דאס וייס גאָט,“ האט דער אלטער געזאגט ווערענדיג ערנסט. „ועהט איהר לא טעס, איך וועל אייך דערצעהלען מיין עהרליכע מיינונג.“

„אדרבא, לאָמיך הערען.“

„זשאנבערנאַט איז ניט קיין מענש!“

„ניט קיין מענש? וואס דען?“

„ער איז דער שטן אליין, וועלכער האלט א באַנדע טייפלען דאָרט אין לע פאַראדו. ער האט געזעהען אונזער פאטער מורעט, און וויא אויף איובן, אזוי האט ער געווים געמאכט מיט גאָט א וועטע, און...“

„און וואס?“ האט לא טעס געפרעגט נייגיעריג.

„וואס זאָל זיין? פאטער מורעט איז נאָך געוועזען יונג, און דאס האט דעם שטן געהאָלפען. שרעקט זיך ניט אזוי לא טעס, עס איז גאָט'ס ווילען — יא, יא, ער איז געפאַלען.“

„געפאלען? גאָט איז מיט אייך ברודער! וואס הייסט געפאלען? מיט וועמען? וויא אזוי?“

„מיט דער טייפעליכע אלבין,“ האט ארשאַנזשיאַס געענטפערט גאנץ גער לאסען. „איהר וועט דאָך מודה זיין, אז אזא שעהנעם מיידעל, האבען מיר נאר ניט אין אונזער גאַנצער געגענד; זיא איז דעם שטן'ס פרינצעסין, און איז, גלויב איך, ספעציעל געשאַפען געוואָרען, אום פאטער מורעט צו פערפיהרען. אָבער, דאנקען גאָט, איך האב איהם געראַטעוועט!“

לא טעס האט געוויינט, עס איז אָבער אונטעגליך געוועזען צו ענטשיידען אויב פאַר פרייד אָדער פאַר לייד.

„און זאגט מיר נאָר, היילינער ברודער,“ האט זיא קוים ארויס געשטאַמעלט, „וויא האט איהר דאס ניט מורא געהאט זיך איינצושטעלען און געהען צווישען אזעלכע געפעהרליכע רוחות און שדים?“

ארשאַנזשיאַס האט אויסגעצויגען זיין קערפער שטאָלץ און מוטהיג, און גער ענטפערט:

„ווען מען געהט אין מלחמה און מען בעוואפענט זיך גוט, האט מען ניט וואס מורא צו האבען. אזוי וויא איך האב פערדעכטיגט, אז אונזער פאטער מורעט געפינט זיך דאָרט און איז געווים אין איהרע לאפעס, האב איך אָנגעהויבען צו מאַכען פאָרבערייטונגען אהין איינצודרינגען. ווען איך האב געוואוסט, אז דער וועג איז שוין פאַר מיר פרייא, האב איך צום ערשטען מאל געזאגט עטליכע קאַפּיטלעך תהילים; מיר אָנגעטהאָן דיא קאַפּאָטע פון דעם היילינען סעבאסטיאַן, וועלכע איז בייא מיר בירושה פון מיין עלטער־אָנקעל; געזאגט דיא תפילות פון דעם

חיילינען אנטאָניוס, און דאן, דאס וויכטיגסטע, האב איך מיר אָנגעטהאָן 12 קרייצען, כוים דעם צאָהל פון דיא היילינע אפאָסטאָלען, מיך גוט אויסגערויכערט מיט ווייהרויך, און בין אוועק אין דער מלחמה נעגען דעם שטן מיט אלע זיינע שדים. אך, לאַ מעס! דיא שמירה איז געוועזען נאך מעהר וויא איך האב ער־וואַרטעט; זייא זיינען זיך פון מיר צולאָפען, וויא פּאַלאָווע פאר'ן ווינט, און אפילו זיא אליין, דיא קליפה, וואס האט איהם פערפיהרט, איז אויך פערשוואונדען גע־וואָרען...."

לאַ מעס האט נעבליקט מיט עהרפורכט צו ברודער ארשאַנזשיאַס, און זיא האט איהם אין יענעם אויגענבליק בעטראכט וויא דעם גרעסטען העלד, וואס האט איינגענומען דיא גאנצע וועלט.

26.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע וואָכען, און דיא פרוטקיים פון פאַטער מורעט איז אזוי ווייט געשטיגען, דאס יעדער פון דער אומגעגענד, האט איהם אָנגע־פאנגען צו בעטראכטען פאר א היילינען, זיינע תעניתים און תפילות, האבען מאקי נאָר געפאסט פאר א היילינען מארטירער.

אונטערדעסען האט עס איינינע מאל פאסירט, בייא נאכט, ווען ער האט זיך ארויס געגנב'עט פון הויז און איז אוועק איבער דיא פעלדער, לויפענדיג דירעקט נאך לע פּאראדו. אָבער ברודער ארשאנזשיאס האט אויף איהם גוט אויפגעפאסט און ער האט איהם אימער אומגעקעהרט. איינמאל איז ער שוין זאָגאר געוועזען נעבען זשאנבערנאט'ן, און ארשאנזשיאס האט איהם געפאקט און געראטעוועט פון דער קליפה.

דאן איז דיא פרומקייט נאך מעהר געשטיגען, ביז פאטער מורעט האט פער־זיכערט ברודער ארשאנזשיאס, אז ער איז שוין שטארק גענוג צו בעזיעגען דעם יצר־הרע, און ער דארף איהם מעהר ניט היטען.

וועהרענד דיעזער צייט, האט זיך געהערט, אז אלבין, דיא שעהנע רויז פון לע פּאראדו איז שטארק קראנק געוואָרען און דר. פאסקאל איז צו איהר געקומען יעדען טאָג. אין א פארנאכט האט דר. פאסקאל אָבגעשטאטעט מורעט'ן א בעזוך און מיט איהם געהאט א העפטיגע פריוואט־אונטעררעדונג.

דיעזע וואס האבען זיך אונטערגעהערט, האבען צו לעמצט געהערט פאָל־גענדעס געשפרעך:

„ניין, סערזש, האט דר. פאסקאל געשריען, „זיא איז געווען דיא אונשולד זעלבסט, און דוא האסט קיין רעכט געהאט מיט איהר אזוי וויט צו טרייבען.“

מורעט האט געשוויעגען.

„און יעטצט“, האט דר. פאסקאל פארטגעזעטצט, „וועהרענד זיא ליענט אויף'ן שטערבע־בעט, אלץ דורך דיר, ווינשט זיא בלויז דיך צו זעהען. דוא קענסט עס איהר ניט ענטזאגען, דוא טארסט עס ניט ענטזאגען. דוא וועסט פערלייכטערן איהר לעטצטע שטונדע אין לעבען.“

פאטער מורעט'ס שטימע אאט געציטערט ענטפערענדיג:

„איך קען צו איהר ניט געהען, ניין, איך קען נים. איהר לעטצטע שטונדע וועט פערלייכטערט ווערען אין געבעט און חרטה.“

„צום קוקוק מיט דיין געבעט און חרטה!“ האט דער אלטער ארצט גע־וויטהעט, „זיא ווייס ניט פון דיינע רעליגיעזע פאנטאזיען! זיא איז א נאטור־קינד, און איהר הארץ קען דיא ריינע ליעבע. געה צו איהר, זאג איך דיר!“

פאטער מורעט האט געגעבען א שווערען און לאנגען זיפץ, און פערלאזען דאס צימער אָהנע מעהר צו ענטפערן.

מיט א פאאר וואכען שפעטער, איז פאטער מורעט, נאכמיטאג געשטאנען נעבען דעם קריסטוס־בילד און געהאלטען זיין האנד אויף דעם געקרייציגטען, בע־טענדיג, אז אין דעם פערנאָסענעם בלוט פון גאט'ס זוהן, זאלען אויך אריין גע־רעכענט ווערען זיינע זינד.

דיא טהיר פון דער קירכע איז געשטאנען אָפען און אלבין איז אריינגעקומען. איהר געזיכט איז געווען אין גאנצען געענדערט; זיא האט אויסגעזעהען צו טראגען א בלייכע מאסקע.

פאטער מורעט האט געהערט שריט און ער האט גערעכענט, אז דאס איז לא טעס אריינגעקומען מאכען אָרדנונג.

אלבין איז אנפאנגס געבליעבען שטעהען, געגעבען א צימער מיט איהר שוואכען קערפער, דאן איז זיא צוגעקומען, געלייגט איהר האנד אויף זיין שולטער, און געמורמעלט ערפרייט:

„ענדליך! ענדליך! איך האב דיך געפינען!“

מיט א שוידער האט זיך מורעט אומגעקוקט, אָבער ער איז געבליעבען שטעהען אויף זיינע קניען, פארטזעטצענדיג זיין געבעט.

„איך האב אויף דיר אזוי לאנג געווארט,“ האט אלבין געזאגט, „לאנג, זעהר

לאַנג. פריהמאָרגען און אבענד, ביז איך בין שוין מיעד געוואָרען צוזאַמען... דאָן... ראָן... אך, אוי, ווען איך האב געזעהען, אז דו קומסט ניט, האב איך בער שלאָסען צו קומען צו דיר. גיב מיר דיין האנד און לאָמיר געהען...“

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר בלאַסע און אויסגעמאָגערטע האנד, אָבער ער האט ווייטער געבעטען, און ראָן, נאך א פויזע, האט ער געזאגט שטאַמלענדיג:

„עס איז ניט רעכט פון דיין זייט דאָ צו זיין, געה דיר דיין וועג. דו רעגסט דיך נאך מעהר אויף.“

„מיך אויפרעגען?“ האט זיא געזאגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, „איך קען מיך ניט אויפרעגען, ווייל איך לייד מעהר ניט; איך בין פאָלקאָמען געזונד. ווען איך זעה דיך, פעהלט מיר קיין זאך. יא, יא, סערזש, קום שנעל...“

ער האט איהר ניט געענטפערט.

זיא איז געוואָרען גאַנץ מונטער, און פאָרטגעזעטצט:

„אך, סערזש! ווען דו זאָלסט נאָר זעהען וויא שעהן עס איז יעטצט אין לע פּאַראַדו! נאך שעהנער וויא עס איז געווען!“

זיא האט געשפּראָכען, געפּלוידערט און געשילדערט, נאָר ער איז געבליעבען שטעהען פעסטער צודריקענדיג דאס קריסטוס־בילד, מיט דער אבזיכט, דאס זאָל איהם בעשיטצען.

„וואס איז מיט דיר?“ האט זיא אויסגערופען ערשטוינט. „דו קענסט דאָך מיר ניט ענטזאגען מיטצוגעהען? ניט וואהר, דו וועסט עס ניט טהון? עס איז דאָך אונמעגליך! מיר זיינען דאָך פעראייניגט, איין קערפּער, און קיינער קען אונז ניט שאַדען. דו ביסט דאָך אין גאַנצען מיינער! הא, אָט דאָ זעה איך א טרויער־קנייטש אויף דיין שטערן. וואַרט, וואַרט, איך וועל איהם אויסגלייכען מיט א קוש... אַלעס בעלאַנגט דאָך צו מיר, דיינע הענד, דיין געזיכט, דיין האַלז, וועלכעס איך האב געהאַלטען אַזוי לאַנג אומאַרמט. דיינע ליפּען, דיינע אויגען, דיין שטערען, אַלעס איז מיינס! און איך האב דיר אוועק געגעבען מיין גאַנצע ליעבע, מיין הארץ, אָדער וויא דו רופסט עס, מיין נשמה... הערסטו סערזש וויא איך רייד צו דיר?“

זיא איז געבליעבען שטעהען אויסגעשטרעקט געגען איהם, שטאָלץ וויא א געטטין פון ראַבע און ליעבע.

„הערסטו מיך סערזש?“ האט זיא ווידערהאָלט.

דאַן האָט ער זיך אומגעווענדעט און געמורמעלט:

„ניין, ניין, אלבין, עס איז ניט וואהר, איך בין ניט דיינער, זאָנדערן איך בעלאַנג צו גאָט.“

זיא האט איהם בעטראַכט עטליכע אויגענבליקען, און דאַן, מיט א חייזעריגע שטימע האט זיא געמורמעלט:

„סערזש, מיין סערזש! איך קען דיך ניט הערען דאָ. דיעזעס הויז איז אבשייליך, קום ארויס פון דאַנען...“

ער האט א ציטער געטהאָן און געענטפערט:

„דוא ווייסט ניט וואס דוא רעדסט, אלבין, מיין פליכט האלט מיך דאָ...“

„דיין פליכט?“ האט זיא געפרעגט ערשטוינט און שפּאָטיש. „פליכט? וואס איז דאס? איך ווייס ניט וואס דאס הייסט פליכט! ווען דאס איז א זאַך וואס האט דיך פון מיר אוועק גענומען, דאַן וויל איך עס ניט קענען. עס מוז זיין א שלעכטע זאַך. סערזש, ווייל דאס מאכט דיר און מיר שמערצען, וועהרענד איך האב דיר קיינמאל קיין לייד געטהאָן. מיין אָנקעל זשאַנבערנאַט איז א קלוגער מאַן, ווען ער האט געזאגט, אז דיין פליכט איז איין אויסגעטראַכטע פון דומקעפּ און שווינדלער אום אונגליקליך צו מאכען מענשען. זעה, סערזש, מיר דאכט, אז דוא זאָגסט א ליגען; דוא ליעבסט מיך מעהר ניט, און דערפאר רעדסטו פון פליכט.“

„אלבין, אלבין!“ האט ער געזאגט שטרענג, „דוא לעסטערסט אין גאָטעס הויז!“

„אין גאָטעס הויז? וואס איז דאס פאר א מין? ווער איז גאָט?“

„גאָט איז דער וואס האט אונז ביידע און אלעס געשאפען, און ער ווייס וואס ער טהוט.“

„אויב דאס איז אמת וואס דוא זאָגסט, דאַן איז דיין גאָט א באַנדיט, א רויבער און א שלעכטע בריאה. וואס וויל ער האבען פון אונז? וואס פאר א שלעכטעס האבען מיר איהם געטהאָן ווען מיר האבען זיך געליעבט? האט ער הנאה דערפון צו זעהען אונז ביידע אין שמערצען? ווען עס איז דאָ אזא גאָט, דאַן האס איך איהם!“

מורעט איז געווען אויסער זיך פאר צאָרן, נאָר אויפהייבענדיג זיינע אויגען צו אלבין'ס ליידענדעס געזיכט, האט איהם פערקלעמט בייא זיין הארצען, און ער האט אויסגעשריען:

„איך קען נים ! איך קען נים ! מיין גאָט, איך קען נים !"

זיינע אוינען האבען זיך אָנגעפּילט מיט טרערען.

„דוא וויינסט ?" האט זיא געפרעגט מיטליידיג, „יא, יא, אויך דוא ליידעסט, אָבער וואס וועט ווערען פון מיר ?"

א בליק אויף דעם קריסטוס־בילד האט איהם געשטארקט.

„דיינע ליידען", האט ער געזאגט גאנץ רוהיג, „זאָלען פאלען אויף מיין קאָפּ ! איך זאָל אייביג פערדאמט זיין ! דאס וועט זיין א גערעכטע שטראפע, ווייל איך האב דאס מיר פערדיענט. וויא זינדיג איך בין, וואג איך נאך אימער אויך פאר דיר, בעטראָגענע, צו בעטען יעדע נאכט."

זיא האט אויפגעצווינגען מיט דיא אקסלען און געענטפערט :

„דוא ביסט משוגע, סערזש. איך בין דיר מוחל דיינע געבעטע. דיך וויל איך און נים קיין געבעטע. דיין גאָט האט דיך פאר מיר געטויטעט. ער מוז זיין א טיראנישער גאָט."

„ניין, ניין," האט ער זיא אונטערבראָכען, „דוא האסט אונרעכט, אונזער גאָט, יעזוס, האט געליטען שרעקליכע שמערצען פאר אונז. מען האט איהם גע־שמיסען געפּייניגט, אָנגעטהאָן דערנער אויף'ן קאָפּ און געקרייציגט... זעה נאר דאָ, זיינע שולטערן זיינען נאקעט ; זיין פלייש צעריסען, זיין בלוט פליעסט ארויס אין א שווארצען שטראָם.... בלוטיגע טראָפּען שוויס רינען איבער זיין געטליכעס געזיכט — זעה וויא ער בלוטעט... יעזוס איז בעליידיגט געוואָרען פון דיא רוימישע סאָלדאטען.... זיינע מערדער האבען איהם ארום געהיעלט אין שפּאָט, מיט א פּורפּור ליילעך ; זייא שפּייען אין זיין געזיכט, שלאָגען איהם און דריקען ארויף דיא דאָרנען קרוין אויף זיין קאָפּ..."

אלבין האט בעטראַכט דאס קריסטוס־ביכד און זיא האט געשווידערט.

„צו וואס איז דאס ?" האט זיא פּלוצלינג געפרעגט, „וויא איך פערשטעה, האט דיעזער גאָט דאָרט, געקענט אויספיהרען צו לעבען און דאָך האט ער געוואָלט ליידען און שטארבען. דאס איז לעבערליך. שטארבען אין פּאָלקאָמענעם גליק, האט א זינן. אָך, סערזש ! ווארום זאָלען מיר ליידען ווען מיר קענען זיין גליקליך ? געדענקסטו סערזש, ווען מיר האבען געטרונקען דעם זאפט פון אונזער ליעבע, וויא מיר האבען זיך פון איהם אָנגעשיכור'ט און איינגעשלאָפען אין אונזער אומארמונג .. וויא דס, וויא הערליך און וויא שעהן אונזער ליעבע איז געוועזן ... זעה, סערזש, דיא נים קיין נאר ! ווארף ארונטער דעם שווארצען קאפטען פון דיר — ער איז

אבשייליך! פערלאָז דיעזע טרויעריגע געביידע, און קום מיט מיר אהין, דאָרט וואו דיא נאַטור אטהעמעט מיט לעבען און גענוס... קום, סערוש, איך בעט דיך..."

ער האט זיך בעפרייעט פון איהר אומאַרמונג.

„אך! יעזוס!" האט ער אויסגעשריען, „דוא, וועלכער ביסט פאַר אונז געשטאָרבען, איבערצייג זיא וויא נאַריש און פוסט אונזער גאנצעס לעבען איז... וויז איהר א וועג צו עררייכען יענע וועלט..."

„שוויינ, דוא דומקאָפּ!" האט זיא אויסגעשריען ערביטערט, „איך וויל מעהר ניט הערען דיינע נאַרישקייטען! איך האס דיין גאָט, דיין יעזוס, וועלכער איז א טיראַן און לאָזט אונז ניט גליקליך זיין! פוי, דוא שלעכטער מענש! דיין גלויבען, דיין גאָט, דיין קירכע, אלעס, אלעס, איז אייסגעטראַכט, שווינדעל, ליגן און בעטרוג!"

מעהר האט ער שוין ניט געקענט ערטראַגען, און זיא אבשטויסענדיג העפטיג, האט ער אויסגעשריען:

„געה פון דאַנען! אין דיר רוהט דער טייפעל!"

אלבין איז געבליעבען שטעהען בייא דער טהיר, זיך אויסגעווישט דיא אויגען, און געמורמעלט:

„עס איז אלזאָ אלעס פאַראיבער? דוא טרייבסט מיך אוועק, טראָטץ דעם וואס איך בין דיין ווייב. דיין גאָט הייסט דיר דאס טהון. גוט, איך געה, אָבער געדענק, יעדען אבענד וועל איך אויף דיר ווארטען דאָרט אין לע פאַראַדו, וואו דער פאַרקען איז איינגעבראָכען. און אויב א גאָט קען ווערען בארמהערציג, וויל איך האָפען, אז דוא וועסט צו מיר צוריק קומען."

דאַן איז זיא פערשוואונדען געוואָרען.

27.

אלבין'ס וועהמיטהיגע שטימע האט געקלונגען א היבשע צייט אין מורעט'ס אויערן: ער האט איהר אין איין צייט געוואָלט נאַכלויפען, נאָר א בליק אויף דעם קריסטוס־בילד, האט איהם צוריק געהאַלטען. דאַן האט אָנגעפאַנגען צו קומען דיא רעליגיעזע רוה און צופריעדענהייט, און דערמיט אויך א דאַנקבאַרקייט צו גאָט פאַר דעם נסיון וואס ער איז איבערגעשטאַנען.

ער האט נאַכגעדענקט און געמורמעלט:

„מײן גאָט, איך דאַנק דיר פֿאַר דעם חסד וואָס דו האָסט מיט מיר גע־טאָן. עס איז געווען דײַן גנאָד וואָס האָט אָנגענורט מײַנע לענדען; עס איז געווען דײַן גנאָד וואָס איז געוואָרען מײַן פּאַנציר, מײַן מוטה, דער שוץ פֿון מײַן נשמה, כּדי איך זאָל מיך ניט אויסגליטשען און צוריק פֿאַלען אין דער טיפֿער בלאָטע, פֿון וואַנען איך בין קוים אויפֿגעשטאַנען. אָך, מײַן גאָט! עס איז געווען דײַן כּח וואָס האָט מיך ניט איבערגעגעבען צו דער שוואַכקייט פֿון דעם קערפּער. איך בין אַמאָל אימשטאַנדע געווען אַרויס צו רײַסען מײַן האַרץ פֿאַר איהר, נאָר יעטצט, זעה, גאָטוניו, וויא מײַן האַרץ בלוטעט פֿאַר דיר מיט חרטה. איך האָב עס אַרויס גע־ריסען פֿון דײַנעטוועגען, אַ קרבן צו דיר, מײַן גערעכטער בעשיטצער...“

נאָך דיזע ווערטער האָט ער צוזאַמענגעבראָכען און איז געבליעבען ליגען האַלב אָהנמעכטיג. זײַן געהירן איז געווען וויא אין אַ העלישעם פֿײַער און גערוישט מיט געדאַנקען.

„מײַן גאָט!“ האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען, „איך ליעב זיא! איך ליעב זיא!“

ער האָט געשטרעבט אויפֿצושטעהען און ווײַטער געמורמעלט:

„אָך, יעזוס! האָט מיטלייד מיט מיר, און גיב זיא מיר צוריק!“

אָבער זײַן גאָט האָט קײנע אויערן געהאַט פֿיר אַזאַ געבעט, און אַנשטאַט האָפֿנונג, האָט ער זיך געשפּירט אונגליקליך און פֿערצווייפֿעלט.

אַלבין'ס געזיכט איז ערשיענען אין זײַן פֿאַנטאַזיע. פֿריהער האָט ער זיא געזעהען יונג, שעהן, אונשולדיג און בליהענדיג וויא אַ רויז, דאַן האָט ער זיא געזעהען מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען, בלאַסעם געזיכט, ציטערענדע ליפּען און שטורמיש־קלאַפּענדע ברוסט.

אַ הערצרײַסענדעס מיטלייד האָט זיך בײַא איהם ערוועקט, און ער האָט גע־ציטערט.

„איז דאָס אמת?“ האָט ער זיך געפֿרעגט, „אַז גאָט וויל זײַנע ברואים זאָלען אַזוי לײַדען? איז דאָס אמת, אַז גאָט האָט הנאה ווען צוויא ליעבענדע הערצער ווערען צעררײַסען? קען עס מעגליך זײַן, אַז גאָט האָט פֿערגניגען, ווען ער זעהט אַלבינען אַזוי פֿערצווייפֿעלט און מיך אַזוי אונגליקליך?“

דיזע פֿראַגען האָבען איהם בעשעפֿטיגט אַ היבשע צײַט, און ער האָט זיך אָנגעפֿאַנגען צו דערמאָהנען אַן זשאַנבערנאַט'ן, וועלכער לײַקענט אָב די עקזיסטענץ פֿון אַזאַ גאָט.

ער האָט זיך צעראיינערט, וויא זשאנבערנאָט האָט געזאָגט, אַז דיא גאַנצע רעליגיאָן איז אויסגעטראַכט געוואָרען פון שווינדלערס, היפּאָקריטען און גלאַט דומקעפּ, און דער גאַנצער גלויבען איז נאָר אַ מיטעל אויסצוהאַלטען פינסטערע גלחים, אונטערשטיטצען ניערערטרעכטיגקייט און בעשיטצען אַ לעדיג־געהערישע לומפּען־באַנדע.

„פיעללייכט האָט ער רעכט?“ האָט ער זיך ווייטער געפרעגט. „פיעללייכט גיבט עס טאַקי קיין גאָט אויף דער וועלט, און איך לעב אין טעות גלייך מיט פיעלע אַנדערע. ווען דאָס איז אמת, דאַן מאַרטער איך זיא און מיך גאַנץ אומזיסט; ווען דאָס איז אמת, דאַן שטעהט מיר קיין הינדערניס אין וועג אום...“

מורעט האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און אַ בליק געגעבען אויף דעם גע־קרייציגטען און בלוטענדען קריסטוס.

ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיינע איינענע געדאַנקען און אַ שוידער איז געלאָפען איבער זיין לייב.

„מיין גאָט! מיין גאָט!“ האָט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט. „איך בין נים שולדיג, איך בין נים שולדיג! דוא ווייסט, אַז דיעזע געדאַנקען זיינען נים מיינע; אַז איך דענק נים אַזוי, נאָר דער שטן דרינגט זיך אין מיר און וויל מיך אַרונטער פיהרען פון דעם דרך־הישר. האָב מיטלייד אויף מיין זינדיגער נשמה; זייא דוא מיין בעשיטצער, מיין הילף און מיין אָב־הרחמן...“

ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ העפטיגעס געוויין, און אַרום כאַפּענדיג דאָס קריסטוס־בילד, האָט ער געזאָגט:

„דוא ליידענדער גאָט, דוא העלפער פון אַלע אונגליקליכע, אויב דוא ביסט געפרופט געוואָרען פון דעם שטן. אָבער איך בין נים מעהר וויא אַ שוואַכער מענש און איך האָב זיינע נסיונות נים געקענט ווידערשטעהען. העלף מיר צו קעמפּפען געגען דעם שטן'ס מאַכט; גיב מיר כח איהם צו בעזיעגען, און איך וועל זינגען דיין לויב טאָג און נאַכט...“

מיט אַ וועהמוטהיגען אויסגעשרייא איז ער אומגעפאַלען אָהנמעכטיג.

ווען ברודער אַרשאַנזשיאַס איז אַריינגעקומען אין קירכע, האָט ער איהם גע־טראָפען ערוואַכענדיג פון זיין אָהנמאַכט.

ער האָט איהם געהאָלפען אויפשטעהען און איהם איינגעראָטען טרייסט־ווערטער.

„זייט מוטהיג, פאַטער,“ האָט אַרשאַנזשיאַס געזאָגט, „דער שטן האָט מיזענדער אויסוועגען. אָבער וואָס מעהר הינדערניס איהר וועט בעזיעגען, אַלץ

חשוב'ער װעט איהר זיין בייא נאַכט. שטאַרקט זיך, װייל איהר מוזט זאַמלען אַלע אייערע כוחות אום צו בעקעמפּפען דעם פּרינץ פון פינסטערניס..."

28.

עס זיינען פאַראיבער 6 טעג פון דער לעטצטער עראייגניס, און אין א נאַכט איז מורעט ארויס געגאַנגען אין דרויסען אום צו שעפּען אביסעל פרישע לופט.

דער אנבליק פון דעם טרוימערישען הימעל מיט דיא גלענצענדע שטערן, האט איהם שטאַרק אויפגערעגט. א בייגקעניש איז אריין אין זיין הארצען, און אָהנע צו װיסען װאס ער טהוט, האט ער אָנגעפאַנגען צו לויפען װייטער, אװעק, אין דער ריכטונג פון לע פּאַראַדו.

װיא פיעל דאס האט געדויערט, האט ער זיך ניט געקענט עראינערן, נאָר ער האט געדענקט, אז ער איז אָנגעקומען אקוראט אהין װאו דער פּאַרקען איז גע־װען איינגעבראָכען.

אַלבין איז געזעסען אויף א װאָרצעל פון א בוים.

װען זיא האט איהם ערבליקט, איז זיא אויפגעשפּרונגען.

„אך!" האט זיא אויסגעשריען מיט א שװאַכער און געבראָכענער שטימע. „ענדליך ביסטו געקומען!"

זיא האט געציטערט פאַר אויפרעגונג.

„יא," האט ער געענטפערט, „איך בין געקומען."

זיא האט ארויף געװאָרפען איהרע הענד אויף זיין האלז, אָבער זיא האט איהם ניט געקושט. זיא האט געבליקט אין זיין געזיכט מיט איין אונרוהיגער מיענע.

„װאס איז מיט דיר?" האט זיא פּלוצלינג געפרעגט. „װאָרום קושטו ניט מיינע באַקען, װיא דוא פלעגסט אמאל טהון? גוט, גוט, װען דוא ביסט קראַנק, װעל איך דיך װיעדער געזונד מאַכען. אבי דוא ביסט דאָ, װעט שוין אונזער גליק צוריק קעהרען. ניין, ניין, מעהר װעט שוין ניט זיין טרויער און שמערץ — זעה! איך שמייכעל, איך לאַך, איך בין גליקליך! אך, מיין סערזשַ, דוא מוזט אויך לאַכען און שמייכלען!"

זיין געזיכט איז געבליעבען ערנסט און טרויעריג.

„איך האב אויך געליטען, וויא דוא,“ האט אלבין פארטגעזעטצט. „זעהסטו, איך בין נאך בלאס. אך, ווען דוא זאלסט וויסען וויא לאנג איך האב דא אויף דיר געווארט! גאנצע נעכט, סערזש, האב איך דיך ערווארטעט, אט דא, אויף דעם־זעלבען פלאטץ. אבער אלעס וועט פאראיבער, אלעס, אלעס, און דאן וועל איי־ ווידער בליהען, זיין שעהן וויא פריהער... יא, יא, איך וואלט דא געווארט יאהרע־ לאנג.“

ער האט געזיפצט.

„ליעבסטו מיך נאך אימער?“ האט זיא געפרעגט.

„יא.“

„אזוי וויא אמאל?“

„יא.“

„און דוא וועסט אלעס טהון פאר מיר?“

ער האט ניט געענטפערט.

אלבין האט געשפירט וויא זיין גאנצער קערפער האט געציטערט.

„דיר איז קאלט?“ האט זיא געפרעגט.

„קאלט?“

„יא, יא, מיר איז אויך קאלט. קום, לאמיר דא מעהר ניט שטעהען.“

ער איז געשטאנען אונענטשלאסען.

„קום, געליעבטער, לאמיר צוריק געהען אין אונזער גליקליכער הייםאמת. גיב מיר דיין האנד.“

זיא האט איהם אנגענומען און אריינגעפיהרט צווישען דיא בוימער. סערזש האט ווידער געציטערט.

„אך!“ האט ער געזאגט מיט א שוידער, „וויא קאלט דא איז!“

„יא, דיר איז קאלט,“ האט זיא געענטפערט. „מיין האנד ווארעמט זיך שוין מעהר ניט אן אין דיינער. זאל איך דיך ארום היעלען מיט מיין אויבער־ קלייד?“

זיא האט איהם געמאכט ער זאל זיך זעטצען, און מיט איהרע ארעם, מיט איהר קלאפענדע ברוסט און מיט איהר גאנצען קערפער, האט זיא איהם ארום גע־ נומען און געזוכט איהם צו דערווארעמען.

אבער מורעט איז ניט געווען צופריעדען. ער איז געווען אונגליקליך. איין אונהיימליכע שרעק האט געוויטהעט אין זיין ברוסט, און ער האט אויסגעמיידען אלבין'ס בליק.

„סערזש ו״ האט זיא אויסגעשריען מיט א פערצווייפעלטער שטימע, „דו האסט געזאגט א ליגען! דוא ליעבסט מיך מעהר ניט!״

דאן האט זיא אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

אלבין איז שוין מעהר ניט געוועזען אין בעט, זאנדערן זיא האט זיך געשפירט מאכטלאָז איהם צוריק צו געווינען. זיא האט געוויינט איבער איהר טויטע ליעבע.

פערזש איז געלעגען אויף׳ן גראָז פערווירט און מאכטלאָז.

זיינע אויגען האבען בלויז געוואנדערט איבער דעם גארטען וואו דער הערבסט האט שוין אָנגעהויבען צו פאַרדערן זיינע אָפּפער צווישען דיא בלעטער.

„דער גארטען איז טויט,״ האט ער געקלאָגט, „און מיר איז אזוי קאלט, גלייך וויא דער אייזיגער טויט קריכט אין מיינע גליעדער.״

זיא האט אָנגענומען זיינע הענד און געזאָגט:

„רעד ניט אזוי! דער גארטען איז ניט טויט! עס איז דיין ליעבע צו מיר וואס איז טויט.״

זיא איז צו איהם צוגעפאלען, און גלייך וויא מען קושט א טויטען פריינד, אזוי האט זיא בעדעקט זיין געזיכט מיט איהרע ברענענדע ליפען.

„איך ליעב דיך; יא, איך ליעב דיך,״ האט סערזש געמורמעלט אָהן אויפ־רעגונג. „ווען איך זאָל דיך ניט ליעבען, וואָלט איך יעטצט דאָ ניט געווען. אָבער איך בין מיעד, פערמאַטערט און אונגליקליך. איך ווייס ניט ווארום, נאָר מיר איז קאלט... ענטשולדיג מיר, עס איז ניט מיין פעהלער, איך טהו אלעס מעגליכע דיר צו געפעלען.״

„אָבער דוא ליעבסט מיך מעהר ניט!״ האט אלבין געשריען.

ער האט ארויס געשטויסען א שמערצהאפטען זיפץ.

„אָבער וואס איז מיט דיר?״ האט זיא געפרעגט מיטליידיג. „ווארום פיהלסטו אזוי שלעכט?״

„איך ווייס ניט; ניין, איך ווייס ניט. איך האב שוין עטליכע מאל אזוי גע־ליטען. עס דאכט זיך מיר איינמאל, אז מיין גאנצער קערפער וויטהעט אין פייער צוליעב דיר, און דאן ווער איך פלוצלינג וויא א קאַלטער שטיין.״

זיא האט איהם אונטערבראָכען מיט א שוואכען געלעכטער.

„זעהסטו,״ האט זיא געזאגט, „ווען דוא זאָלסט מיך נאָר פאָלגען, וואָלט שוין אלעס געווען גוט: ווארף אוועק דיין דומען און נארישען גאָט! שטיים

איהם אוועק, ער איז באַרבאַריש און ווילד; איך וועל זיין דיין גאָט, און איך וועל צו דיר אימער זיין מילד און גוט...."

„שאַ! שאַ!" האט ער אויסגעשריען ווילד אויפשפּרינגענדיג פון דער ערד. „שטן! שווייג!"

זיא האט צוריק געטרעטען אַ פּאָאר שריט און איהם בעטראַכט מיט ער־שטוינען. זיינע אויגען האבען וויא געשאָסען מיט פייער פאַר צאָרן.

„וואס האסטו געזאָגט?" האט זיא געפרעגט ציטערענד.

„גאָר ניט, גאָר ניט," האט ער געענטפערט, „איך מוז געהען."

ער האט זיך אומגעווענדט צו געהען, אָבער זיא איז צו איהם צוגעלאָפען, איהם אומאַרמט, געקושט, געוויינט און געבעטען:

„בלייב דאָ, סערזש," האט זיא געמורמעלט, „געבען מיר, געבען דיין אַלבין! געדענקסטו ניט וויא מיר האבען זיך געליעבט? עס איז אונמעגליך, סערזש!... ווארט, ווארט, וועסט זעהען, איך וועל דיר פערשאַפען איהר פערגניגענס.. אַך, איך ווייס, דוא ביסט ברוגז אויף מיר, ווייל איך האב בעליידיגט דיין גאָט. איך שווער דיר, אַז איך וועל עס מעהר ניט טהון. בלייב דאָ מיט מיר, און דוא וועסט מיך לערנען איהם צו עהרען, און איך וועל עס טהון צוליעב דיר... אַלעס, אַלעס וועל איך טהון..."

ער האט זיך פון איהר בעפרייט און געמורמעלט:

„ניין, איך קען ניט."

דאַן האט ער אויך געוויינט.

אַלבין איז פּלוצלינג געבליעבען שטעהען גראַד און ענטשלאָסען. זיא האט שוין מעהר ניט געוויינט.

זיא האט געבליקט אויף מורעט'ן מיט שטאָלץ און פעראַכטונג.

„דוא ווילסט געהען?" האט זיא געפרעגט.

„יאָ."

„וואָרום?"

„ווייל איך מוז."

„און דיא ליעבע וואס דוא האסט מיר געשוואוירען?"

„גאָט ווייס דעם אמת..."

„הם, הם," האט זיא געברומט מיט פעראַכטונג. „וויעדער דיין גאָט! געה דיר צו איהם, געה!"

ספרדש האט זיך אומגעווענדעט און אָנגעפאנגען צו גייען.

„שנעל! שנעל!" האט זיא געשריען, „אוועק פון דאנען!"

זיא האט איהם געטריעבען פון בוים צו בוים, ביז ער איז צוגעקומען צו דער עפנונג פון דעם פארקען.

„געה!" האט זיא צום לעטצטען מאל אויסגעשריען, זיך אָבגעווענדעט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

גראדע בייא דער עפנונג פון דעם פארקען, האט מורעט בעמערקט ברודער ארשאנזשיאס; ער איז איהם געפאלען אויף'ן האלז און געמורמעלט:

„גערעטעט! גערעטעט!"

„דאנקען גאָט!" האט ברודער ארשאנזשיאס געענטפערט.

29.

אויף אנדערן מאָרגען, נאך אידער דיא זונן איז אויפגעגאנגען, איז אלבין ארויס אין גארטען. זיא האט אויסגעזעהען ענטשלאָסען צו א געוויסען פלאן.

נעהענדיג, האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין:

„א בארבארישער גאָט! א מערדערישער גאָט!"

דאן איז זיא צוגעגאנגען צו דיא בלומען־בייטען, און מיט איהרע געשיקטע פינגער, האט זיא אָנגעפאנגען צוזאמען צו קלייבען פערשיעדענע בלומען.

זיא האט מעהרערע מאל געמורמעלט צו זיך אליין און געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ.

ווען דיא זונן איז אויפגעגאנגען, האבען דיא שטראהלען בעלייכטעט דאס טרויעריגסטע שעהנע געזיכט פון דער ארמער אלבין. זיא האט אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען און געבליקט צו דער זונן, וועלכע זיא האט זעהר געליעבט.

„אך! דוא שעהנע פריינדין!" האט זיא אויסגעשריען בעגייסטערט, „עס איז דאס לעטצטע מאל וואס דוא בעגריסט מיך. איך האב מיר קיינמאל ניט פאָרגעשטעלט, אז דוא קענסט אויך ווארעמען און שמייכלען אזוי פיעל שלעכטקייט..."

דאן האט זיא פאָרטגעזעטצט צו פליקען דיא בלומען.

דיא עדעלע און צערטליכע אלבין, האט היינט אויסגעזעהען בארבאריש אין איהר בענעהמונג געגענאיבער דיא בלומען. זיא האט געריסען, געבראָכען, צערשטערט און צונויף געווארפען וואס עס האט איהר ניט געפאסט

איהר נערוואָזיטעט האט אויסגעזעהען אזוי גרויס, ראס מיט איהר פעסטען ענטשלוס, איז זיא נים אימשטאַנדע געווען צוריק צו האַלטען דעם פליסענדען שטראָם טרעהרען פון איהרע אויגען.

זיא האט וועהרענד דעם געהאט אָנגעפליקט א גאַנצען הויפען וויאָלעטען, דאַן איז זיא איבערגעגאַנגען צו דיא רויזען און דאַן צו אונצעהליגע אַנדערע בלומען, וועלכע האבען פון זיך ארויס געשטויסען א שטאַרקען פּארפום גערוך, גראדע וויא דאס וואָלט געווען א פּראָטעסט געגען אַלבינען, ווארום זיא האט זייא אָבגע־ריסען פון לעבען.

דיא בלומען האט זיא צוזאַמענגעלייגט אויף איין פּלאַטץ און איז אריבער דאס וואַסער, וואו זיא האט אָנגעפאַנגען צו זאַמלען ווייסע ליליען אין גרויסע מאַסען. דיעזע ליליען זיינען געווען אזוי ווייס וויא געפאַלענער שנעע און האבען אזוי שעהן געשמעקט, דאס א קיהלער מאָרגען־ווינט האט אויסאַנאַנדער געטראָגען זייער גערוך איבער א היבשען טהייל פון דעם גארטען.

ווען זיא איז פערטיג געוואָרען מיט דיעזער ארבייט, איז זיא אריינגעקראָכען אהין, וואו זיא האט אמאל גענאָסען דאס פּאַלקאָמענע גליק.

יעדער ווינקעל, יעדער פּלאַטץ, איז איהר געווען בעקאַנט. זיא איז געבליעבען שטעהען און זיך אויסגעקוקט איבעראַל, און איהרע אויגען האבען זיך ווידער אָנ־געפיללט מיט טרערען.

דאַן האט זיא אָנגעפאַנגען ארונטער צו רייסען בלעטער פון פערשיעדענע בוימער, וועלכע האבען אויך ארויס געגעבען א שטאַרקען גערוך. זיא האט דיא בלעטער צוזאַמען גענומען, זיך נאָך אמאל אויסגעקוקט איבעראַל, און [illegible]־מורמעלט:

„אדיע! אדיע דוא זיסער און שטילער פּלאַטץ, וואו איך האב אמאל גע־נאָסען פיעל גליק! אדיע איהר פריינדע! אַלבין וויס א בעסערן פּלאַטץ וואו צו געניעסען דאס פּאַלקאָמענסטע גליק!“

זיא איז ארויס מיט דיא בלעטער, און געהענדיג האט זיא אויפגעהויבען דיא הויפענס בלומען וואס זיא האט פריהער אויסגעריסען.

דיא מאַסע בלומען איז געווען אזוי גרויס, אז זיא האט זייא קוים געקענט טראָגען; נאָר זיא האט זיך אָנגעשטרענגט, און ענדליך מיט זייא געבראַכט דאס צימער, וואו מורעט איז אמאל געלעגען קראַנק, און דאַן דאָרט געזונד גע־וואָרען.

זיא האט דעם הויפען בלומען אוועק געלייגט אין מיטען צימער, און דאן האט זיא נוט פערמאכט יעדעס פענסטער, און וואו זיא האט ערבליקט א שפאַרינג, האט זיא דאס פערשטעקט מיט א בלום.

אלבין איז געבליעבען שטעהען, זיך אויסגעקוקט אין צימער און געבליקט אויף דיא בלומען. זיא האט אויסגעזעהען ניט צופריעדען.

זיא איז ארויס און פערמאכט דיא טהיר.

אלבין איז אוועק ווייטער קלייבען בלומען.

אין א שטונדע ארום, איז זיא צוריק געקומען מיט איין עהנליכען הויפען וויא פריהער.

ווען זיא האט געעפענט דיא טהיר, האט דער שטארקער פארפום־גערוך פון דיא בלומען, איהר געגעבען אזוי וויא א קלאפּ אין פנים.

זיא האט אונטערדעסען באלד ווידער פערמאכט דיא טהיר און איז גע־בליעבען שטעהען. אויף איהר געזיכט האט זיך בעוויעזען א צופריעדענער שמייכעל.

„עס וועט זיין גוט," האט זיא געמורמעלט.

דאן האט זיא אָנגעפאנגען צו פערשפרייטען דיא בלומען איבער דעם צימער, אין אלע זייטען און אין אלע ווינקלען.

ווען איבעראל איז שוין געווען בעדעקט מיט בלומען, איז נאך אימער גע־בליעבען א היבשער הויפען אויף דער ערד.

אלבין האט אויפגעהויבען דיא ווייסע דעק פון דעם בעט און אָנגעפאנגען דאָרט אויף אָנצו־וואַרפען בלומען.

זייענדיג אין צימער פערשלאָסען, האט זיא זיך דערווייל צוגעוואָהנט צו דעם שטארקען פארפום גערוך, און עס האט זיך איהר געדאכט, אז זיא פיהלט דאס נים מעהר.

„איז דאס מעגליך?" האט זיא זיך געפרעגט, „אז דער גערוך איז נים שטארק גענוג?"

איהר מיעדקייט אין קערפער און אָהנמעכטיגקייט אין געהירן, האט זיא אָבער באלד איבערצייגט, אז דיא בלומען מאכען יא זייער ווירקונג.

דאן האט זיא זיך אריינגעלייגט אין בעט, און איהרע געדאנקען האבען אָנ־געפאנגען שנעל צו ארבייטען.

אך! וויא גליקליך זיא איז דאָ, אין דיעזען צימער, אמאל געווען!

דיא האט ביטער געשמייכעלט.

אלבין האט ארויף געליינט ביידע הענד אויף איהר ברוסט און גע־ ווּפצט.

פלוצלינג האט זיך איהר געדאכט, אז זיא הערט א מוזיק שפּיעלען, פון גאנץ ווייט, אָבער דאָך זיינען דיא טענער געוועזען זעהר דייטליך.

דיא בלומען האבען וואס ווייטער, אלץ מעהר ארויס געשטויסען פון זיך ווייערע פארפומע און אלץ שטארקער אָנגעפּילכט דאס צימער.

„הא! וואס איז דאס? אלע בלומען האבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען און זינגען, אזוי שעהן, אזוי הערליך, אזוי זיס! דיא שטימען האבען זיך געדרעהט, געקייקעלט, און זיך געפלאָכטען וויא דיעזע פון דער נאכטיגאל...

איהר אטהמען איז געוואָרען יעדעס מאל שוואכער, איהרע אויגען האבען זיך געשלאָסען, אָבער דיא מעלאָדיען האבען זיך נאך שטארקער און מעכטיגער גע־ הערט און געקלונגען, און אזוי איז אלבין געבליעבען ליעגען אָהנמעכטיג פון גליק און זעגע.

וויא אין א טיעפען טרוים האט זיך איהר געדאכט, אז זיא האלט צוגעדריקט סערזש'ן צו איהר ברוסט, און זיא האט געוואָלט עפענען דיא ליפען איהם א קוש צו געבען.

דיא מוזיק האט אָנגעפאנגען שטילער צו ווערען, גלייך וויא זיא האט געוואָלט איינשלעפערן אלבינען, דאן איז געוואָרען שטילער, ביז אלעס איז אויף איינמאל אבגעשטאָרבען.

און צווישען דעם שטראָם פון פארפום, איז אלבין געבליעבען ליעגען טויט.

80.

אויף'ן אנדערן טאָג, שפּעט נאכמיטאג, איז דר. פאסקאל אָנגעקומען מיט זיין דראָשקע אין א ווילדער שנעלליגקייט צו דער קירכע.

ער איז ארונטער געשפּרונגען און אויסגעשריען:

„וואו איז סערזש?“

לא טעם איז איהם ענטקעגען געלאָפען, אָבער זיא האט זיך דערשראָקען פאר זיין צאָרן.

„איהר זוכט פאטער מורעט?“ האט זיא געפרעגט.

„יא, איך זוך דעם שוטה!“ האט ער געשריען.

„גאָט איז מיט איך, דאָקטאָר,״ האָט זיא געזאָגט. „וואס רעדט איהר אזעלכע ווערטער? ווען איהר ווילט איהם זעהען, וועל איך איהם ארויס רופען פון דער קירכע, וואו ער קניעט יעצט אין געבעט.״

„אזוי, ער בעט, דער שופט! גוט, זאָל ער דאָרט זיין! רוף איהם ניט ארויס, ווייל איך וועל איהם דערווערגען! איך האב איהם נאָר געוואָלט זאָגען, אז אלבין איז טויט. טויט! דוא הערסט? זאָג איהם אין מיין נאמען, אז זיא איז טויט!״

ער איז באלד נאכדעם אוועק געפאָהרען.

לאַ טעס האט איהם נאכגעקוקט מיט א שמייכעל, און געמורמעלט:

„קיין גרעסערעס אונגליק זאָל ניט זיין. קיין אינגערע זאָלען ניט שטארבען.״

דר. פאסקאל האט ערפאהרען איבער אלבין'ס טויט, דורך א בויער וואס איז געקומען פערקויפען גרינצייג אין שטאָדט.

ווען דר. פאסקאל האט געגרייכט ביז לע פאראדו, האט ער צוגעבונדען זיין פערד און אָבגעשטיגען.

„זשאנבערנאט!״ האט ער אויסגעשריען אריינקוקענדיג אין דער אָפענער טהיר.

דער אלטער איז דאָרט ניט געווען.

דר. פאסקאל איז אריינגעגאנגען ווייטער, דורך דעם פארקען.

„אך! איהר זייט דאס, דאָקטאָר?״ האט זיך דערהערט זשאנבערנאט'ס שטימע.

דער אלטער איז געשטאנען און געגראָבען א קבר ביים פוס פון א גרויסען און דיקען בוים. ער האט זיך אומגעווענדעט ווען ער האט געהערט יעמאנדען קומען. נאָכדעם וויא ער האט בעגריסט דעם דאָקטאָר, האט ער פאָרטגעזעטצט זיין ארביים.

„וואס מאכט איהר דאָרט?״ האט פאסקאל געפרעגט.

זשאנבערנאט האט זיך ווידער אומגעווענדעט, אָבגעווישט דעם שוויס פון זיין געזיכט מיט זיין ארבעל.

„איך גראָב א קבר,״ האט ער געענטפערט גאנץ רוהיג. „זיא האט אימער ליעב געהאט דעם גארטען, און לעבענדיג וואָלט זיא פארגעציינען דאָ צו רוהען איין איבינען שלאָף.״

דער דאָקטאָר האט געשפירט וויא די טרערען קומען איהם אין די אויגען.

איינינע אויגענבליקען איז ער געשטאַנען נעבען קבר, אָהנע צו קענען רעדען א וואָרט. ער האט נאָר צוגעקוקט וויא זשאַנבערנאַט גראָבט.

ענדליך האט ער געפרעגט:

„און וואו איז זיא?"

„אלבינען מיינט איהר?"

„יא."

„זיא איז דאָרט, אין איהר צימער איך האב זיא געלאָזט ליעגענדיג אויפ'ן בעט. אויב איהר ווילט, קענט איהר זיך געהען צוהערען צו איהר הארץ, איידער איך לייג זיא אריין דאָ אין קבר. איך האב עס שוין געטהאָן און גאר ניט גע־הערט."

דער דאָקטאָר איז ארויף אויבען.

דאס צימער איז געווען אין דערזעלבער אָרדנונג, וויא אלבין האט דאס גע־לאָזט, מיט דער אויסנאַהמע וואס זשאַנבערנאַט האט געעפענט דאס פענסטער. דיא בלומען זיינען שוין געווען פערוויאַנעט און מען קען זאגען, דערשטיקט פון זייער איינענעם פארפום.

אלבין, מיט א געזיכט שנעע וויים און מיט ביידע הענד אויף איהר הארצען, איז געלעגען אויפ'ן בעט, און אויף איהרע טויטע ליפען האט מען נאך גאנץ דייטליך דערקענט א שמייכעל.

זיא האט אויסגעזעהען גאנץ גליקליך, וואהרשיינליך פון דעם געדאַנק אליין, אז זיא שטארבט.

שטעהענדיג אזוי ביים בעט, האט דר. פאסקאל זיך פערטראַכט און אָנגע־פאנגען צו וויינען.

ער האט זיא ניט געשטערט, ניט געריהרט פון דעם פלאַטץ, אפילו ניט ארונטער גענומען איהרע הענד. צו וועלכען צוועק? זיא איז געווען טויט.

ער האט געבליקט א היבשע צייט אויף איהר קערפער, און דאן געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, מורמלענדיג:

„יא, איהר אונגליקליכע ליעבע האט שוין אויף פריכטע געטראָגען."

ער האט זיך צוגעבויגען און אָבגעפרעסט א קוש אויף איהר קאַלטען שטערען.

אונטען אין גארטען, האט זשאַנבערנאַט פלייסיג געארבייט ביים קבר גראָבען.

מיט א פערטעל שטונדע שפעטער, איז דער אלטער ארויף געקומען אין צימער. ער איז שוין פערטיג געווען מיט זיין ארבייט.

ער האט געטראפען דעם ארצט זיטצענדיג נעבען בעט, פערטיעפט אין גע־דאנקען, און פון זיינע אלטע אויגען האבען געפלאסען דיא טרערען.

„נו, אלזא דאקטאר? ווער האט רעכט? דיא גאנצע וועלט איז א נאר נים מיט נאר נים. קוקט אויף איהר און נעהמט אייך ארונטער דעם בעסטען ביישפיעל."

דער אלטער האט זיך אנגעבויגען און אנגעפאנגען אויפצוקלייבען אייניגע בלומען פון דער ערד.

„זעהט איהר, דאקטאר," האט זשאנבערנאט פארטגעזעטצט, „דיא בלומען לעבען נאר איין טאג, און איך, אזא אלטער און אוננוטצליכער בוים, לעב און לעב און עס נעהמט גאר קיין סוף נים. זיא, אלבין, א בלום, א רויז, איז טויט. איהר קענט זיך דאס פארשטעלען, דאקטאר? טויט! דערצו נאך, האבען זיא דיא בלומען געטויטעט. איך האב זיא געפונען דערשטיקט דא פון דעם פארפום גערוך. יעטצט, גוטע נאכט! איך וועל געהען. וואס נאך האב איך דא צו טהון? זיא איז געווען מיין לעטצטער זונענשיין."

דער פעסטער אלטער מאן, האט זיך שוין מעהר נים געקענט איינהאלטען. זיין שטימע האט געציטערט.

ער האט זיך אניעדער געזעטצט אויף א שטוהל און געזאגט:

„זעהט איהר, דאקטאר, זיא האט מיך מעהר געליעבט וויא אירגענד א זאך אין דער וועלט, וויל איך האב זיא ערצויגען וויא מענשען דארפען זיין: אונשולדיג, גערעכט, עדעל, גוט און נים געוואוסט פון דער פערפוילטקייט און דומהייט פון רעליגיאן. זיא איז געווען א הערךליכע בלום, אבער.... איך האב געוואלט זאגען, אז איהר זייט שולדיג, וואס איהר האט מיר אהער געבראכט א גלח, א פינסטערלינג. נים איהר זייט שולדיג, ער איז אויך נים שולדיג, עס איז דיא פינסטערנים."

ביידע מענער האבען געשוויגען א היבשע צייט. דאן האט זשאנבערנאט געזאגט:

„ווען איהר ווילט, דאקטאר, וועט איהר מיר העלפען זיא ארונטער טראגען, און דאן וועל איך זיא בעערדיגען מיט אלע איהרע בלומען."

פאסקאל האט געשווידערט.

דאַן האָט ער דערצעהלט דעם אַלטען, אַז עס איז ניט ערלויבט אַזוי צו בעגראָבען.

„ניט ערלויבט?“ האָט זשאַנבערנאַט געפרעגט. „וואָס הייסט ניט ערלויבט! דאַן וועל איך עס מיר אַליין ערלויבען. בעלאַנגט זיא ניט צו מיר? איז זיא ניט מיינע? דענקט איהר, אַז איך וועל צולאָזען דיא פינסטערע גלחים צו האָבען צו טהון מיט איהר? איבעריגענס, זאָלען זייא פּרובירען קומען אהער, און זייא וועלען דאַן אויסגעפינען וויא גוט מיין ביקס קען שיסען.“

ער איז אויפגעשפּרונגען און אָנגעפאַנגען צו וויטהען און פליכען.

פּאַסקאַל האָט איהם אָנגעכאַפּט און געבעטען עס זאָל זיין שטיל.

„הערט, מענש!“ האָט דר. פּאַסקאַל געזאָגט צום שלוס. „עס ניטצט ניט זיך ענטקעגנען צו שטעלען אירגענד יעמאַנדען, איבערהויפּט יעטצט. זיא איז ניט מעהר אייערע, און איהר מוזט זיא אויפגעבען.“

זשאַנבערנאַט האָט זיך ענדליך בערוהיגט און געענטפערט:

„איהר האָט רעכט. כל־זמן דאָס פייער פון שכל האָט אין איהר געברענט, איז זיא געוועזען מיינע, איין עפּעס. יעטצט איז זיא גאָר ניט. זאָלען דיא גלחים בעגראָבען דיא קעפּ זיא געהמענדיג... און איך האָב שוין דאָ מעהר ניט וואָס צו טהון. מאָרגען געה איך. אַדיע, דאָקטאָר. דער קבר וועט פאַר מיר אויך פּאַסען.“

זשאַנבערנאַט איז אַרויס אין גאָרטען, וואו ער האָט זיך ערלויבט צו פערגיסען אַ פּאָאַר טרערען.

81.

אַלעס האָט שוין געטהאָן דר. פּאַסקאַל. ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט ניט ערלויבען זשאַנבערנאַט'ן צו בעערדיגען אַלבינען אין זיין גאָרטען, און ער האָט דערפאַר מיטגעטהיילט אין דער געמיינדע, אַז אַלבין איז טויט און מען מוז איהר געבען אַ פּלאַטץ אויף דעם פריעדהויף.

ברודער אַרשאַנזיאַס האָט זיך הויפּטזעכליך בעשעפטיגט מיט דיעזער אַרבייט. ער האָט פאַר איהר אויסגעקליעבען אַ פּלאַטץ וואו זיא זאָל ליעגען.

דיעזער פּלאַטץ איז בעשטימט געוואָרען גאַנץ ווייט, נעבען טויער פון ד[illegible] פריעדהויף.

„דעם שמן'ס אייניקעל מעג דאַרט ליגען און פוילען,“ האט ארשאַנזשיאַס בעמערקט מיט א טריאומפירענדען שמייכעלע.

„געוויס, געוויס,“ האט לאַ טעם צוגעשטימט, „דאס איז פאר איהר נאך צופיעל. ווען עס זאָל זיין אויף מיין דעה, וואָלט איך זיא געלאָזען ווארפען פאר דיא הינט.“

„א גרויסער יושר כלעבען, אָבער מען האט עס ניט געקענט טהאן.“

„וואָרום?“

„ווייל פאסקאל האט זיך אריינגעמישט.“

„ווער הערט דאס איהם?“

„דאן האט דער אלטער שמן המשחית, זשאַנבערנאַט, געגעבען 300 פראַנקס.“

„איך פערשטעה.“

„און פאר אזא מטבע מעג מען זיך שוין ערלויבען.“

לאַ טעם האט געשמייכעלט.

ארשאַנזשיאַס איז אריין אין קירכהויף און איז צוגעגאנגען צו דיא גרעבער פון דעם קבר.

„גראָבט טיעפער,“ האט ער געזאָגט, „ווייל עס איז געוועזען דעם טייפעל'ס אייניקעל. מען דארף זיא וואס טיעפער בעגראָבען.“

איין ארבייטער האט פראָטעסטירט נעגען דיעזע ווערטער, און געענט־פערט:

„שימפפט ניט איבער דיא טויטע!“

אָבער ארשאַנזשיאַס האט ווייטער געלאַכט און איז אוועק געגאנגען.

פון ווייטען האט זיך שוין געזעהען דער לייכענצוג.

איינינע בעקאנטע בויערן פון זשאַנבערנאַט'ן, האבען זיך אליין אָנגעבאָטען צו טראָגען אלבינען. פרויען און קינדער זיינען נאכגעגאנגען.

ווען מען איז צוגעקומען צום קירכהויף, איז דיא לייכען־פּראָצעסיאָן געבליבען שטעהען.

„דעזירע! דעזירע!“ האט לאַ טעם געשריען. „לויף אריין און רוף ארויס דיין ברודער. דיא לייכע איז שוין דאָ.“

דעזירע איז פערשוואונדען געוואָרען אין הויז, און מיט עטליכע מינוטען שפּעטער, איז ערשיענען דער גייסטליכער טורעט. ער איז געוועזען געקליידעט אין א נייעם שווארצען קאפּטען מיט א ווייסען קראַגען.

ער האט זיך דערנעהנטערט עהרווירדיג צום טויער, און דיא טרעגער האבען אויפגעהויבען דיא לייכע.

„קומט אריין אין אייביגען רוה־פּלאטץ,“ האט מורעט אויסגעזונגען מיט א האלב־ציטערענדע שטימע, „און ניבט אָב עהרע נאָט, וועלכער איז ליעבענסווירדיג און גערעכט.“

דיא פּראָצעסיאָן איז ווייטער געגאנגען.

דר. פּאסקאל און זשאנבערנאט זיינען נאכגעגאנגען פון הינטען.

„איך קען נים ארייננעהן,“ האט זשאנבערנאט געזאָגט צום דאָקטאָר בלייבענדיג שטעהען.

„וואָרום?“

„ווייל איך קען נים הערען דיא שטימע פון פינסטערניש.“

פּאסקאל איז געגאנגען פאָרווערטס און זשאנבערנאט איז געבליבען שטעהען פון דרויסען.

ברודער ארשאנזשיאס איז צוגעגאנגען צו פאטער מורעט, און ביידע האבען געפיהרט דעם לייכענצוג.

„צום אייביגען ליכט וואס שיינט אָהן אויפהער,“ האבען ביידע געזונגען אין לאטייניש.

„צו דער רוהע אין גאָט'ס שוים,“ האט ברודער ארשאנזשיאס אליין פאָרט־געזעטצט.

זינגענדיג און בעטענדיג, האבען זייא זיך דערנעהנטערט צום קבר, וואו מען האט אוועק געשטעלט דיא טרוגע.

א האלבע דעק איז געווען אָפען, און פון צווישען א הויפען בלומען, האט זיך ארוים געזעהן דאס ווייסע געזיכט פון אלבינען. דער שמייכעל איז נאך אימער געווען אויף איהרע טויטע ליפּען.

דיא גרעבער האבען זיך פאָרבערייטעט ארונטער צו לאָזען דיא טרוגע.

פאטער מורעט האט נאָך וואס בעענדיגט זיין געבעט, ווען ער איז צוגע־קומען נאָענט נאָהענט.

ער האט דערזעהן אלבין'ס טויטע מאסקע. אָבער ער איז געבליעבען שטעהן גראד און פעסט, און אויף זיין געזיכט האט זיך אָבגעשפּיגעלט א רוהיגע און צופריעדענע מיענע.

עס איז געווען זיין זיעג איבער דעם שטן!

דאן האט ער זיך אָנגעבויגען, אויפגעהויבען א הויפען ערד מיט זיין האנד און דערמיט געמאכט א קרייץ אויף דער טרונע.

„און דער גייסט,“ האט ער אויסגעזונגען, „קעהרט צוריק צו גאָט, און דער קערפער צו דער מוטער ערד, פון וואנען ער איז געקומען.“

„אָמן!“ האט ברודער ארשאנזשיאס צוגעשטימט.

דאן האט ברודער ארשאנזשיאס דערלאנגט מורעט'ן דעם שפריטצער, און וועהרענד פאטער מורעט האט בעשפרינקעלט דעם קערפער, האט ער געמורמעלט:

„רוהע און פריעדען!“

„אָמן!“ האבען מעהרערע געענטפערט.

דיא טרונע איז ארונטער געלאָזען געוואָרען און מען האט אָנגעפאנגען ארויף צו ווארפען דיא פרישע ערד.

זשאנבערנאט איז ערשיענען. יעדער האט זיך אומגעקוקט ער איז צוגעקומען נעהנטער און זיך אוועק געשטעלט נעבען ברודער ארשאנזשיאס, בליקענדיג אויפמערקזאם אויף זיין האלזנאקען.

דאן האט זשאנבערנאט ארויס געצויגען זיין מעסער, דאס געעפענט און אָבגעשניטען ברודער ארשאנזשיאס רעכטען אויער.

אלעס איז אָבגעארבייט געוואָרען אזוי שנעל, דאס ניעמאנד האט צייט געהאט זיך אריין צו מישען.

זשאנבערנאט האט געהאלטען דאס אָבגעשניטענע גליעד אין זיין האנד און געמורמעלט:

„ביי א צווייטער געלעגענהייט, וועל איך אָבשניידען דעם צווייטען אויער.“

ברודער ארשאנזשיאס האט שרעקליך געשריען און געליארמט.

זשאנבערנאט'ס בליק האט בעגעגענט פאטער מורעט'ס בליק. מורעט האט אויפגעציטערט. ער האט געלעזען אין אלטען'ס אויגען, אז ער וויים אלעס. עס איז איהם אונמעגליך געווען ער זאָל דאָרט נאך פערבלייבען, און געשיטצט אויף דעזירעע'ס ארעם, איז ער אריין אין הויז.

ע נ ד ע.